STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04179

IBER SHTEYN UN SHTOK

M. Tsanin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



די גענשע גאס

די געוועזענע מיליטערישע תפיסה אויף דזשיקע, ווו ס'האָט זיך
געפונען די „מלוכה" פון יודנראַט

(אויפגענומען דורכן מחבר)



דאָס הויז אויף דזשיקע גאַס, דורך וועלכן עס איז אַדורך דאָס
וואַרשעווער יידנטום אויף זיין לעצטן וועג קיין טרעבלינקע



דער חורבן
פון
טלאָמאַצקע 13

(אויפגענומען
דורכן מחבר)

מ. צאנין

איבער שטיין און שטאק

א רייזע איבער הונדערט חרוב־געווארענע קהילות
אין פוילן

זצח

פארלאג „לעצטע נייעס", תל־אביב 1952

איבער שטיין און שטאק

מסע על פני מאה קהילות נחרבות בפולין

כל הזכויות שמורות
Copyright by M. TSANIN
Tel-Aviv, 1952

נדפס בישראל
דפוס „הכרמל", תל־אביב
Printed in Israel
"HACARMEL" TEL-AVIV

דאָרען

פאר איר דערמוטיקונג אין
די שווערע מינוטן בעת
דער רייזע איבער די חרו־
בע שטעט און שטעטלעך

איבער שטיין און שטאק

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן אין די טעג, ווען פאָרשטייער פון דער ישראל־רעגי־רונג, פון דער יידישער אגענטור און אַנ־דערע יידישע קערפּערשאַפטן האָבן זיך געזעצט צום טיש מיט פאָרשטייער פון דער דייטשער רעגירונג וועגן אנטשעדי־קונגען פאַר אונזערע אומגעבראַכטע זעקס מיליאָן טאַטעס און מאַמעס, שוועסטער און ברידער, פאַר דער פארטיליקונג פון אונזערע עופעלעך און אונזערע זקנים — פאַר דעם אַש פונעם יסוד פון אונזער פאָלק.

איבער שטיין און שטאָק

איך בין געפאָרן איבער שטיין און שטאָק פון הונדערט חרוב־געוואָרענע יידישע קהילות אין פוילן. איך בין געווען דער ערשטער און דער איינציקער יידישער שרייבער, וואָס האָט אזא רייזע געמאכט, אָבער געפאָרן בין איך נישט, ווי א ייד. מיין „בריטיש פאספאָרט״, וואָס איך האָב דעמאָלט געהאט אין טאש, האָט מיר דערלויבט צו מאסקירן זיך אלס ענגלישער זשורנאליסט.

אין די באַדינגונגען פון נאָך־מלחמהדיקן פוילן, ווען די רעגירונג איז אַ קאָמוניסטישע און דאָס פאָלק איז נאָך פארשיכורט מיט יידן־האס און מיטן רויב פון יידיש האָב און גוטס — האָט דאָס מאסקירן זיך אלס ענגלישער זשורנאליסט געעפנט פאַר מיר די הערצער פון הונדערטער פּאָליאקן פון אַלע שיכטן — פּויערים, בירגער, אינטעליגענץ, קינסטלער. ווי נאָר איך האָב געוווּנען זייער צוטרוי — און אין דער הינזיכט האָט מיר דאָס מזל צוגעשפּילט — האָבן זיי פאַר מיר געעפנט זייערע הערצער, ווי מענטשן, וואָס ווילן זיך באפרייען פון זינד. און איך האָב די יידישע טראַגעדיע דערזעען אויך פון דער זייט, ווי זי שפּיגלט זיך אָפּ אין געוויסן פון די, וואָס האָבן זייער חלק אין דעם חורבן פון פּוילישן יידנטום.

עס שיינט מיר, אז איך האָב דעם וויסטן תהום דערגרייכט ביזן גרונט. איך האָב געזעען הונדערט וואַריאַציעס פון חורבן, הונדערט יידישע קהילות, וואָס זענען ווי אנדערע, ענלעכע צו זיי, געווען דער יסוד פון יידישן פאָלקס־לעבן. טויזנט יאָר האָבן זיי אויף דער פּוילישער ערד געשפּינט א לעגענדע פון שיינע מידות און מצוות, פון גאולה און גייסטיקייט און אין דער וויסטער נאַכט, וואָס דער היטלעריזם האָט געבראַכט אויפן פּוילישן יידנטום, איז די לעגענדע אוועק מיטן זעלבן רויך פון די קרעמאַטאָריעס, מיטן וועלכן עס איז אוועק דער הייליקער גוף פון פּוילישן יידנטום.

מיר האָבן קיינמאָל נישט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט, וואָס דאָס פּוילישע יידנטום האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט. דער וויסטער געראַנגל פאַרן קיום, די טאָג־טעגלעכע מי און מאַטערניש פאַרן גוף און פאַר דער נשמה, האָבן פאַרשטעלט די גרויסקייט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן יעדן טאָג, יעדע שעה אין דער קלענסטער יידישער קהילה אפילו.

איצט, גייענדיק איבער שטיין און שטאָק פון די חרובע קהילות אין מדינת פּוילן, האָבן אפילו פון צווישן ציגל־ברוך און שטויב פון די קהילות ארויסגעגלאנצט שטיקער פון דער פאַרשווונדענער הערלעכקייט.

אַ שטיק פון דעם ארון קודש פון דעם מרש״א׳ס צעשטערטער שול אין לובלין האָט געעפנט די פּליינען פון תורה, גאונות און לומדות, וואָס איז אין מדינת

פוילן געשטיגן פון דור צו דור און איבערגעגאַנגען אין גלגולים פון וועלטלעכן וויסן, פון נייע וועלט־איבערבויערישע אידייען.

קאָצק האָט אין די הימלען איבער פוילן געוואָלט ענדערן דעם שטייגער פון התנהגות און יידישע סאָציאַליסטן האָבן מיטן התלהבות פון קאָצק געוואָלט ענדערן דעם שטייגער אויף דער ערד פון פוילן.

דורך די שמות פון פרצס א בוך אין א גוישער שטוב אין מעזריטש, האָט גערופן א נייע וועלט פון יידישן אויפשטייג, א גערואנגל פון א פאָלק פאר נייע קינסטלערישע ווערטן, פאר א נייער באַנעמונג פון יידישקייט.

דורך די בילדער פון יידישע קינסטלער צעהאַנגען אין גוישע הייזער אין קוזמיר ביי דער ווייסל, האָב איך געזעען די נאַטור־שיינקייטן און בענקשאַפטן פון דער יידישער קונסט, און איך האָב די דאָזיקע שיינקייטן געזעען אין זייער גאַנצן טראַגיזם אין דעם נאַשעלסקער גאַראַזש, וואָס איז אַמאָל געווען איינע פון די וווּנדערלעכסטע האַלץ־שולן אין פוילן.

אין די רויטע פאַרבליבענע אותיות אויף דער שול אין קעניגלעכן זאַמאָשטש, וואָס האָבן אַמאָל, אַמאָל גערופן צו קהילה־וואַלן — איז געלעגן א שטיק פאַרגליווערטע נשמה פון קאָכעדיקן געזעלשאַפטלעכן לעבן פון פוילישן יידנטום, פונקט ווי אין די פאַרבליבענע אותיות פון אַרבעטער־לאָזונגען אויף די ווענט אין מעזריטש — איז פאַרקלעמט געוואָרן דאָס געזאַנג פון די מעזריטשער בערשטער און גאַרבער.

ווו מיין פוס האָט געשטעלט און צו וועלכן באַרג פון חורבות איך האָב זיך נישט צוגערירט — האָב איך זיי געזען, די צעטרעטענע פערל פונעם יידישן לעבן, וואָס איז אוועק מיטן רויך. און עס האָט זיך מיר אָפטמאָל געדאַכט, אַז איך הער זייער טויטלעכן פליסטער און זיי זענען מתפלל נאָך א תיקון.

זיי האָבן גערופן אין א פוסטער וועלט פון האַס און צעשטערונגס־פרייד, אין א וועלט, ווו די פעלדער זענען פרוכפּערדיק געוואָרן מיט יידישן לייב און אַש, אין א וועלט, וואָס האָט זיך רואיק צוגעקוקט, ווי עס שטאַרבן העלדן און קדושים פון א פאָלק, וואָס האָט געטראָגן אויף זיינע פּענער די גאולה פאַר זיך און פאַר דער וועלט.

רבונו של עולם, גיב מיר דעם כוח מיט מיינע אָרעמע ווערטער אויפצושרייבן, וואָס מיינע אויגן האָבן געזעען און וואָס מיין האַרץ האָט געפילט אין יענער וואַנדערונג איבער שטיין און שטאָק פון א לעבן, וואָס איז מער נישטאָ, און אויפצודעקן כאָטש א בריג פון יענעם גרויסן עפּאָס, וואָס האָט געהייסן — יידיש לעבן איז מדינת פוילן.

וואַרשע

איך בין געקומען אויף די חורבות פון יידישן וואַרשע און מער נישט געקאָנט אוועקגיין, ווי מען קאָן נישט אוועקגיין פון אַ קבר, וווּ מ'האָט באַגראָבן דאָס נאָענטסטע.

דאָס האַרץ פון פוילישן יידנטום איז פאַרוואַנדלט אין אַ וויסטן מדבר פון ציגל־ברוך. פוסט און שטיל איז דאָ. אַפילו קיין פויגל פליט נישט איבערן הימל פון צעשטערטן געטאָ. גאָרנישט איז צו זעען מער איבער דעם ריזיקן חורבן פון אַ גאַנצער וועלט. אָבער אוועקגיין פון דאַנען קאָן מען נישט. עס דאַכט זיך דיר, אַז יעדער ציגל, אַז יעדעס שטיקל בלעך, וואָס שטעקט־אַרויס פון צווישן שטויב, רופט און מאָנט.

האָב איך פיר לאַנגע זומערדיקע טעג פאַרבראַכט דאָ. איך האָב געקלעטערט איבער די בערג, אין די שמאָלע דורכגענג, וואָס זענען געכטן יידישע גאַסן געווען און געוואָלט געפינען אַ סימן כאָטש פון דעם, וואָס איז אַוועק מיטן רויך.

איך האָב דאָך אַזוי גוט געקענט די גאַסן און דורכגענג פון וואַרשע, יעדעס ווינקעלע אינם יידישן שטח. אָבער איצט איז מיר שווער צו דערקענען אין וועלכן אָרט עס האָט זיך געפונען די דזשיקע און דזשעלנע, די נאַלעווקעס. איך הייב־אויף די אויגן צו דער זון, ווי איך וואָלט זיך געפינען אויפן ים און וויל לויט דער זון דערקענען די ריכטונג און דאָס אָרט, וווּ איך געפין זיך. און איך דערזע אויפן שטח פון געטאָ־מדבר דריי קירכעס מיט אומבאַרירטע טורעמס. איך דערקען זיי, די טורעמס. איך קען זיי פון יענע צייטן, ווען זיי זענען געשטאַנען אינם סאַמע האַרץ פון יידישן וואַרשע: אָט דאָס איז די עוואַנגעלישע קירך אויף לעשנאָ 14, און אין אַ גראַדער ליניע צו איר שטייט די קאַטוילישע קירך — עק קאַרמעליצקע און לעשנאָ, ווייטער אויף צפון־מערב שטייט די קאַטוילישע קירך צווישן דזשעלנע און נאָוואָליפקי נעבן סמאָטשע.

זיי זענען די דריי איינציקע בנינים, וועלכע זענען געבליבן אומבאַרירט אינם פולשטענדיקן חורבן פון יידישן וואַרשע. זעען זיי איצט אויס, די קירכעס, ווי דריי אַסקעטישע אינקוויזיטאָרן וואָלטן געשטאַנען איבערן טויטן גוף פון אַ קדוש און ציטערן פאַר זיין תחית המתים...

לויט די קירכעס קלייב איך זיך פונאַנדער, אַז איך שטיי אויף די חורבות פון דזשעלנע־גאַס. אַ צוואַנציק מעטער ווייטער זע איך אַרויסשטאַרצנדיקע קראַטן פון צווישן ציגל־ברוך. אויף אַ שטיקל מויער הענגט אַ שילדל: „פּאַוויאַק". דער פּאַוויאַק איז צעריסן אויף שטיקער. ער האָט געטיילט דעם גורל פון די, וועלכע האָבן אויסגעפולט זיינע קאַזאַמאַטן פאַרן באַגערן פרייהייט. עס זענען נישטאָ מער

די, וועלכע זענען פאַרן דורשט נאָך פרייהייט געזעסן אין אָט דער תפיסה.

און עס דערמאָנען זיך מיר די צעפלאַמטע אויגן פון יענע יידישע בחורים און מיידלעך, וועלכע פלעגן אויף די יידישע גאַסן: דזשעלנע, קאַרמעליצקע און דזשיקע אויפהענגען אויף די טראַמוויי־דראָטן טראַנספּאַרענטן, וואָס האָבן געמאָנט פרייהייט, און אָפטמאָל פלעגט אָט די יוגנט פאַלן אונטער די קלעפּ פון שפּיאָנען און פּאָליציי, בלויז פאַרן באַגערן פרייהייט.

אין פיל הונדערטער פלעגן אָט די בחורים אויספילן די קאַמערן פון פּאַוויאַק. יונגע יידישע מיידלעך זענען געזעסן אין שכנותדיקן בנין — אין דער אַזוי גערופענער „סערביע".

אָפטמאָל פלעגט געשען: די געפאַנגענע יוגנט פלעגט דערקלערן אַ הונגער־שטרייק — דעמאָלט פלעגן די שכנותדיקע גאַסן, פּאַוויע און סמאָטשע, פאַרקלונגען ווערן מיט פרייהייטס־לידער. זי האָט נישט געאָנט, די יידישע יוגנט, אַז זי זינגט נישט פאַר זיך, אַז זי זינגט־אויס בלויז בענקשאַפט און אַז ווען די פרייהייט וועט קומען, וועט נישט זי, נאָר אַנדערע, פון איר געניסן. היינט איז „געשטורעמט די באַסטיליע" פון יידישן וואַרשע, אָבער די טרוימער מאַכן פעט מיט זייער אַש די פעלדער אַרום טרעבלינקע און מיידאַנעק.

נישט פאַר זיך האָט די יידישע יוגנט געזונגען דאָס ליד.

דערנעבן, אויף קאַרמעליצקע גאַס, האָבן אַמאָל די שויפענצטער פון די קאָנפעקציע־געשעפטן קאָקעטירט די אָרעמע עלעגאַנץ פון סמאָטשע און סטאַווקי. די זיידענע קראַוואַטן און די שטייף־קראָכמאַלעטע ווייסע העמדער אין די פענצטער פלעגן דעם פאַרהאָרעוועטן יידישן מענטש געבן די אילוזיע פון דער גרויסער וועלט...

איבער דער קאַרמעליצקע פאַלט אַריבער די באַלעבאַטישע און דאָקטאָריש־אַדוואָקאַטישע נאַוואָליפּקי. אָט די גאַס האָט אַביסל געבלאָזן פון זיך. עס איז איר אפשר אָנגעשטאַנען אַ בעסערער יחוס ווי זיך אָנהייבן ביי די נאַלעווקעס און אַרויפ־פאַלן אויף דער סמאָטשע. אָבער נאַוואָליפּקי האָט „ווירדיק" געטראָגן איר גורל און געהאַלטן דעם שטאַט. דאָ, אויף דער גאַס פלעגט דער פרומער דאָקטאָר פּאָפּקאָ אויפנעמען יידן פון גאַנץ פוילן, פון דער „גאַנצער וועלט". צעפּייניקטע יידן פלעגן קומען אָהער צום דאָקטאָר אויפן דריטן שטאָק און געלאָזט באַטראַכטן זייערע קראַנקע הערצער דורך די גרויסע טלית־קטנ'ס. אויף נאַוואָליפּקי פלעגן יידן גיין לאַנגזאַמער. דאָ פלעגט דאָקטאָר לייפּונער אויפנעמען די „גוטמאָרגנס" פון פּאַציענטן, וואָס פלעגן זיך לאָזן היילן ביי אַנדערע דאָקטוירים, אָבער פלעגן גערן גיין אויף לייפּונערס פאָרלעזונגען אין ליטעראַטן־פאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13.

און אויף טלאָמאַצקע, ווו עס לויפן זיך צוזאַמען עטלעכע גאַסן: די לעשן, פּשעיאַזד און רימאַרסקע, איז תמיד טומלדיק געווען, דורך דאַנען לויפן יידישע סוחרים צום גזשיבאָוו, צו די פּריוועסעס, זיי איילן זיך צום אייזערנעם טויער און צוריק צו די נאַלעווקעס און פראַנצישקאַנער. אין דעם גרויסן טומל און רעש גייט

געלאָסן עפּשטיינס זייגער איינגעמויערט אין דער וואַנט פון עק לעש און פשעיאַזד. ער גייט געלאָסן, ווי ער וואָלט אויסגעקלאַפּט אַ מאַי־קאַ־משמע־לן וואָס יידן איילן זיך אַזוי, צו וואָס פאַר אַ ציל לויפן זיי?

און פונקט ווי עפּשטיינס זייגער פרעגט אַ קשאַי, אַזוי שטייען אויפן באַלקאָן פון ליטעראַטן־פאַריין יידישע דיכטער. זיי קוקן־אַראָפּ צום טומלדיקן פשעיאַזד און פרעגן דער וועלט אַ קשאַי, וווהין לויפן די יידן? וווהין פירט דער גרויסער אימפּעט פון אַ פאָלק?

לויפן יידן צו די נאַלעווקעס, פראַנציסקאַנער און גענשאַ־גאַס. די גרויסע הויפן אויף די נאַלעווקעס זענען פול מיט קראָמען און פאַבריקלעך, צוזאַמענגעקוועטשט, צונויפגעדרענגט אין שמאָלע דורכגענג, שטופּן זיך יידן צו די קראָמען און פאַבריקלעך מיט אַזאַ אימפּעט, ווי די וועלט וואָלט געברענט און זיי לויפן ראַטעווען, וואָס עס לאָזט זיך. און יידן האָבן געשלעפּט פּעק, אַרויסגעיאָגט פון זיך דאָס חיות, „אַרויסגעריסן" אַ פּעקל סוועטערס, אַ קאַסטן קאַלאָשן, אַ ראַמש העמדער, זאָקן, טיכלעך, און געלאָזט זיך צו די פראַנציסקאַנער לעדער־געשעפטן.

אַ לאַנד מיט פּויערים וואַרטן אויף שטיוול און לאַפּטשעס — האָבן יידן נישט קיין צייט. זיי רייסן די פּעקלעך לעדער פון די פאַכן; די גאַנצע וועלט איז דאָ פאַרשטעלט מיט יוכטן, דער לעדער־גערוך פאַרשיכורט און מישט זיך אויס מיטן שווייס פון פאַרהאָרעוועטע יידן. יידן מיט פאַרדאגהטע פּנימער, וואָס ווייסן אפילו נישט, צי נאָך דער גאַנצער פּראַצע וועלן די וועקסלעך, וואָס זיי שטעלן־אויס, קענען געצאָלט ווערן.

אויף דער אַנטקעגנאיבערדיקער גענשע שלעפּן־אַרויס יידן פון די געשעפטן פּעק מיט מאַנופאַקטור. די איילעניש איז דאָ פונקט אַזאַ הייסע ווי אויף דער פראַנציסקאַנער און נאַלעווקעס, אָבער די פּעק זענען דאָ גרעסערע. די וואַרשעווער געזונטע טרעגער ווערן פאַרפאַלן אונטער די פּעק פון ווייסן מאַדעפּאַלאַן און פאַרביקע געוואַנדער, די גאַנצע וועלט איז דאָ פאַרדעקט מיט קאַרט און שעוויאָט. אַ קלייניקייט אָנטון אַ וועלט! באַזאָרגן אַ וועלט מיט פּויערים — מיט הויזן און סערמינגעס, מיט וואַטענע שפּענצערס!

פון די הויפן הערט מען נישט אויף אַרויסצופירן וועגענער מיט סחורה, סחורה אויף פּלייצעס און אויף אָרעמס. עס דאַכט זיך, אַז דאָ, אויף דעם קליינעם שטח פון דער גענשע גאַס, געפינען זיך אומאויסשעפּלעכע קוואַלן פון סחורות.

אָבער אַביסל ווייטער, אויף דער דזשיקע (זאַמענהאָף) ברעכן זיך פּלוצים איין די רייכטימער און עס שרומפּט זיך איין די שפע. דאָ הייבט זיך אָן די וועלט פון „חסדלעך", פון הענדלער אויף וועגעלעך, וואָס לעבן אין חסד פון דעם, וואָס דער גוי, דער פּאָליציאַנט, טרייבט זיי אַמאָל נישט אַראָפּ פון גאַס. אָבער בדרך־כלל ווערן זיי געיאָגט און געטריבן און אין געיעג האַנדלט מען מיט ראַמשן פון ספרים, מיט קעמלעך און זייף, מיט גרינסן און פרוכטן, מיט אַלץ, מיט אַלץ, וואָס לאָזט זיך פאַרייזן, מיט אַלעמען פון וואָס מען קאָן אויסשלאָגן פּרנסה.

דזשיקע גאַס איז די גרענעץ פון שטאַנדן און קלאַסן אין וואַרשע. דזשיקע פאַרבינדט דאָס רייכע יידישע וואַרשע מיט די אָרעמע געסלעך פון סטאַווקי און וואָלינסקע. סטאַווקי און מילע האָבן געהאַפט, אַז די רעוואָלוציע, ווען זי וועט אויסברעכן, וועט זיך אָנהויבן דאָ, אויף דזשיקע גאַס. פון דאַנען וועט מען גיין שטורעמען די אַלטע אָרדענונג. פאַר יענע אָרעמע געסלעך פון לווינאַרבעטער און הענדלער איז די דזשיקע־גאַס געווען דער פּרוזדור צו העכערע אַספּיראַציעס. אַלע יידישע דעמאָנסטראַציעס פלעגן מוזן אַדורכגיין דורך דזשיקע. אין די שבתים און יום־טובים פלעגט דאָס אָרעמקייט פון וואָלינסקע און סטאַווקי קומען אַהער און פון דאַנען־אויס גיין אויף דער אַריסטאָקראַטישער און „אַסימילאַטאָרישער" ביעלאַנסקע.

פון דזשיקע גייט אַראָפּ די פאַוויע־גאַס; די גאַס פון „כאַלופּניקעס" און פון יידן, וועלכע מען האָט קיינמאָל נישט געקענט צושרייבן צו וועלכן עס איז קלאַס... אַן אומעטיקע גאַס געווען, מיט בוידעמלעך און פאַציאַטקעס, מיט ראָמאַנטישע מיידלעך און וועלטבאַנייערישע יידישע בחורים. עס האָט זיך תמיד געדאַכט, אַז בלויז די פאַוויע גאַס נעמט ביכער אין די ביבליאָטעקן און שרייבט־צו פילאָזאָפישע באַמערקונגען אויף די ווייסע ראַנדן פון די ביכער...

די גרענעץ פון יידישן וואַרשע איז די סמאָטשע. דאָס איז די גאַס, וואָס „לעבט אויף דער גאַס". די פריידן און ליידן פון די הייזער ווערן דאָ אַרויסגעטראָגן פאַר די טויערן און ווערן אַרויסגעשטעלט פאַר דער וועלט, כדי זי, די וועלט הייסט עס, זאָל משפטן צי ס'איז גוט, צי ס'איז שלעכט. און אויף סמאָטשע אין די קעלערס איז געמשפט געוואָרן די וועלט מיט אירע אומרעכטן און עוולות.

אָבער קיין גלויבן האָט אויף סמאָטשע נישט אויסגעפעלט. ביי דער גאַנצער אומרעכט לגבי איר האָט זיך סמאָטשע געקענט פרייען ווי קיין שום אַנדער גאַס נישט. אין די אָוונטן איז דאָ דאָס יידישע טעאַטער געווען באַלאַגערט, ווי מען וואָלט דאָרט געטיילט פרייהייט און פרייד...

אין דער געדיכטעניש פון יידישן וואַרשע, פון דער לעשנאָ ביז מוראַנאָוו, פון דער סמאָטשע ביז נאָוויניארסקע און פרעטע, זענען געווען צעוואָרפן צענדליקער פאַראיינען און ביבליאָטעקן, אומצאָליקע חסידים־שטיבלעך און בתי־מדרשים, שולן און תלמוד־תורה'ס, טעאַטערס און קינאָס, לייען־זאַלן און רעדאַקציעס — אַ וועלט פון יידישן גייסט, אַ וועלט אַ דורשטיקע נאָך וויסן און נאָך פרייהייט, אַ באַגער וואָס האָט נישט געקענט קיין גרענעצן.

אָט די וועלט איז איצט מער נישטאָ. אָט די וועלט איז אונטערגעשניטן געוואָרן ביז צו די סאַמע וואָרצלען. איינגעקלעמערט אין געטאָ־מויערן האָט זיך דאָס יידישע געטאָ געראַנגלט אַליין, פאַרלאָזן פון די, פאַר וועלכע די נאַלעווקעס האָבן געאַרבעט וועש און מלבושים, פאַר וועלכע גענשע האָט סחורות אויף הויזן און סערמיגעס געליפערט, און פון די, פאַר וועמענס פרייהייט יידישע בחורים און מיידלעך האָבן אויסגעפילט די קאַזאַמאַטן פון „פאַוויאַק" און „סערביע".

אין דעם גרויסן אומגליק זענען די יידן געבליבן אַליין, אַליין מיט זייער

גרענעצלאָזער פּיין, אַפילו ווען דאָס וואַרשעווער געטאָ האָט געקעמפּט, ווען דער איבערבלייב פון זיבן הונדערט טויזנט יידן, וועלכע זענען אַדורך און אויסגעליפערט געוואָרן פון געטאָ — האָבן מיט געוועור אין די הענט אויסגעפּאַכטן אַ פאַרצווייפלטן און אומגלייכן קאַמף — אפילו דעמאָלט האָט זיך אין פוילישן וואַרשע נישט געפונען קיינער, וואָס זאָל קומען צו הילף.

זיי, די־פּאַליאַקן, זענען געשטאַנען אויף די דעכער פון זייערע גאָרנישט זיכערע הייזער, אויף די הייזער, וועלכע וועלן מאָרגן אין דעם גרויסן יום־הדין, וואָס הייסט „דער אויפשטאַנד פון וואַרשע 1944", פאַלן פון דייטשע מינעס, און פון אָט די דעכער האָבן זיך די פּאַליאַקן צוגעקוקט צום חורבן פון געטאָ. אַ צירק איז פאַר זיי געווען דאָס ברענענדיקע געטאָ, אַ רוימישער געצנדינערישער צירק, וו די מאַסן קוקן זיך צו מיט שפּאַנונג, ווי ווילדע חזירים צערייסן די לייבער פון העלדן און קדושים.

אויף קראַשינסקעס פּלאַץ, האַרט הינטער די געטאָ־מויערן, צווישן די פּאַלאַצן פון פוילישער גערעכטיקייט, איז געווען אויסגעשטעלט אַ צירק. קאַרוזעלעס און שווינדלטרעפּ האָבן פאַרווילט די פוילישע יוגנט גראָד אין די טעג ווען צען מעטער ווייטער האָט זיך דער איבערבלייב פון אַ פאָלק מיט ציין און נעגל געראַנגלט מיט אַ מעכטיקער מערדערישער אַרמיי. די פוילישע יוגנט האָט זיך אויף די פרייליכע הוידלקעס געהוידעט העכער און העכער, כדי צו קאָנען זען ווי יידן גייען־אויס אין קאַנוולסיעס און זייערע הייזער ברענען — אויף יענער־זייט געטאָ־מויער. און אויף קראַשינסקעס פּלאַץ, צווישן די קאַרוזעלעס און שווינדלטרעפּ האָט געיובלט דאָס פאָלק: „עס ברענען די וואַנצן!".

און שווארצע רויך־וואָלקנס האָבן איינגעהילט דאָס געטאָ. דאָס פאַלן פון יידישע הייזער האָט פאַרטומלט די לעצטע קאַמף־געשרייען פון פאַראייניזאַמטע יידישע קעמפער.

*

אנדערש האָבן יידן געהאַנדלט ווען די פרייהייט און דאָס לעבן פון פּאַליאַקן איז געשטאַנען אין געפאַר. נישטאָ קיין קאַמף, וואָס די פּאַליאַקן זאָלן האָבן געפירט במשך פון די לעצטע הונדערט און פופציק יאָר, אַז די יידן זאָלן נישט האָבן ביי־געשטייערט זייער בלוט.

עס קלינגען נאָך פריש די ווערטער פון בער'עק יאָסעלעוויטשעס אויפרוף צו דער יידישער יוגנט בעתן קאָשטשושקאָ־אויפשטאַנד: „הערט, איר קינדער פון שבט ישראל!" — הייבט זיך אָן דער אויפרוף אין אַלט־העברעאישן סטיל און ענדיקט זיך מיט אַ ביבלישן אויסרוף: „שטייט־אויף צום קאַמף ווי לייבן און לעמפּערטן!". דעם 14 סעפּטעמבער 1794, ווען סוואָראָוו מיט זיינע קאָזאַקן האָבן געשטורעמט פּראַגע, איז כמעט דער גאַנצער יידישער לעגיאָן געפאַלן אויף די באַריקאַדן און מיט זייער בלוט האָט די יידישע יוגנט רויט געמאַכט די וואַסערן פון דער ווייסל.

בעת דעם פּױלישן אױפשטאַנד, אין 1864 האָט דװקא דער װאַרשעװער רבֿ מײזעלס גערופן די ייִדן צו העלפן אין קאַמף. און זײ האָבן געהאָלפן!

אין 1939, װען די היטלער־חײלות זענען באַפאַלן פּױלן, האָבן זיך הונדערט און פופציק טױזנט ייִדן געשטעלט אונטערן געװער, און װען פּױלישע אָפיצירן זענען אַנטלאָפן פון די פראָנטן — האָבן ייִדן װײטער געקעמפט, און נישט פאַר זיך געקעמפט.

מיט אַ יאָר שפּעטער, נאָכן אױפשטאַנד אין װאַרשעװער געטאָ, װען דאָס פּױלישע װאַרשע איז אַרױס אין קאַמף — האָבן זיך צװאַנציק טױזנט ייִדן פון די בונקערס באַטײליקט אין אױפשטאַנד. די ייִדן האָבן נישט געװאָלט געדענקען די הוידלקעס און די קאַרוזעלעס אױף קראַשינסקעס פּלאַץ, די ייִדן האָבן נישט געװאָלט געדענקען דעם ציניש ענטפער פון דער פּױלישער אונטערערדישער באַװעגונג צו די געטאָ־קעמפער, אַז אױף געװער האָבן זײ גענוג בעלבים, די ייִדן האָבן זיך געמאַכט פאַרגעסן די יובל־געשרײען: „עס ברענען די װאַנצן!". זײ האָבן געקעמפט מיט די לעצטע כוחות, נישט פאַר זײער פרײהײט און נישט פאַר זײער װאַרשע, װאָרום װען די רעשטלעך ייִדן האָבן זיך נאָכן פאַרשפּילטן אױפשטאַנד צוריקגעצױגן צוזאַמען מיט די פּאָליאַקן אין די װעלדער — זענען זײ אױסגעשאָכטן געװאָרן פון זײערע פּױלישע קאַמף־חברים.

*

לאָמיר איצט גײן שנעל צװישן די חורבות־בערג פון ייִדישן געטאָ. אפשר װעלן מיר נאָך געפינען אַ צײכן פון דעם, װאָס איז געװען. עס אַרבעטן דאָ אין געטאָ גראָב־מאַשינען און אַרבעט־באַטאַליאָנען, װאָס פאַרנעמען זיך מיט אָפּרײניקן דעם שטח, מיט אױפקלײבן די גאַנצע ציגל אױפצובױען דאָס פּױלישע װאַרשע.

אין צענטראַלן אַמט, װאָס פאַרנעמט זיך מיט אױפבױען װאַרשע, ליגן שױן גרײטע פּלענער דעם שטח פון װאַרשעװער געטאָ צו פאַרװאַנדלען אין גאָרטנס און אין די גאָרטנס אױפצובױען שטילע װילעס פאַר די גליקלעכע פון דער װעלט. דאָ װעט זיך מער קײן ייִדיש לעבן נישט אױפבױען. אױפן אָרט פון טלאָמאַצקע 13 — גײט אַדורך אַ גאַס, װעלכע שנײדט זיך אַרײן אין האַרץ פון געװעזענעם ייִדישן װאַרשע...

טאָ לאָמיר גײן שנעלער און זיך געזעגענען מיט די חורבות, מיט די מצבֿות אױפן קבֿר פון ייִדישן װאַרשע:

אױף די חורבות פון דער טלאָמאַצקער סינאַגאָגע ליגן די צװײ ריזיקע מנורות, װעלכע פלעגן זיך פונאַנדערפלאַקערן אין יום־טובֿים. אױף די נאַלעװקעס ליגן די רעשטלעך פון סימאָנס־פּאַסאַזש. די רעשטלעך דעקן צו אַ שטיק װאָלקאַניש ייִדיש לעבן. דאָ איז אַמאָל געװען דער „קלעצקין־פאַרלאַג", די „קולטור־ליגע", די תרבות־שולן, ציוניסטישע אינסטיטוציעס און אַ ים פון ייִדישע האַנדלס־אונטערנעמונגען. די שטיקער בעטאָן, װאָס הענגען אַראָפּ פון אײַזערנע שטאַנגען זענען אױס װי שטיקער שפּינװעבס, אױף װעלכע עס האָט זיך אָנגעקליבן דער שטױב פון יאָר־

טויזנטער. לינקס, אַנטקעגן דעם קראַשינסקי־גאָרטן דערקענסטו דאָס אָרט פון די „נאַלעווקער קראָמען", ווו ס'איז אַמאָל געווען דער גיטלין־פּאַרלאַג. און ווייטער זענען שוין אפילו קיין חורבות נישטאָ.

אויף שווענטאָיערסקע, פראַנציסקאַנער, גענשע — לויערט אַן אימהדיקע טויטקייט. דאָ איז אַזוי שטיל ווי אַלע וועלטן וואָלטן אונטערגעגאַנגען. אויף די נאַלעווקעס און גענשע זענען די גאַסן אָפּגערוימט, אָבער קיין הייזער זעסטו נישט. באַקומט מען דעם איינדרוק ווי מען וואָלט זיך געפינען אויף אַ בית־עולם, פון וועלכן מ'האָט אַראָפּגענומען די מצבות.

און אָט זע: אויף די בערג ציגל, וואָס אַנומלט איז דאָ עק קאַרמעליצקע און דזשעלנע געווען, ליגט אַ צעקנייטשט קינדערש בעטל און אַ זאַלץ־ברעטל צו כשרן פלייש... ווייטער אַביסל, אויף דעם אָרט, ווו ס'איז דזשעלנע נומער 7 געווען, ליגט אַ שטיק מויער ווי א מייל־שטיין און אויף דער גרויער פלאַך וועט איר אויסגעפינען אַ רעליעפן יידישן „מ". דאָ איז פאַרן מבול געווען די שול „מוריה" און דער שטיק מויער איז אַן איבערבלייב פון אונזער פּאַמפּיי.

אויפן אָרט, ווו עס שניידן זיך אַדורך די גאַסן דזשיקע און גענשע ליגט אַ רונדער שטיין מיט אַן אויפשריפט אין דריי שפּראַכן — העבּרעאיש, פּויליש און יידיש — וואָס דערציילט וועגן אויפשטאַנד אין געטאָ. דער שטיין ליגט אין שאָטן פון אַ שוואַרצן מויער־סקעלעט, ווו ס'איז אַמאָל אַ מיליטערישע תפיסה געווען און שפּעטער דער יודנראַט און זיינע אינסטיטוציעס. פון דעם בנין ציט זיך לענגאויס דער גענשע גאַס אַ לאַנגע מויער, וואָס גרייכט ביז אָקאָפּאָווע גאַס. לינקס פון דער גענשע ליגט די מדבר פון געטאָ. איז נאָך דעם ווי מען גייט אַוועק פון אָט דעם מדבר און מען קומט־אַרויף אויפן גענשער יידישן בית־עולם — אָטעמט מען אָפּ, מען באַפרייט די לונגען פון אַ שווערער משא, וואָס ווי שווער זי איז געווען — דערפילט מען ערשט דעמאָלט, ווען מען דערזעט די ערשטע יידישע מצבה...

די וועלט פון לעבן

נאָך דער ווילדער טויטקייט אין געטאָ דערפילסטו זיך אויפן גענשער בית־עולם, ווי אין אַ לעבעדיקער וועלט. ווער זאָל זיך דאָס ריכטן, אַז קברים זאָלן האָבן אַזאַ שטאַרק לעבן אין זיך. שוין אין דער ערשטער צענטראַלער אַלייע באַגעגנסטו די אַלט־וואַרשעווער גבירים, די „איינגעפונדעוועטע" יידן, וואָס ליגן אונטער שווערע מאַרמאָרענע מצבות. און וואָס ווייטער אַלץ „היימישער", אַלץ נעענטער ווערט די וועלט. דאָ לעבט נאָך טלאָמאַצקע 13 אין איר פולן גלאַנץ. דאָ שניידט נאָך נישט אַדורך קיין גאַס מיט טראַמוואַי־שינעס, ווי דאָרט אין „שטאָט", דאָ לעבט דאָס ליטעראַרישע וואַרשע.

לאָמיר צוגיין נעענטער און בויגן די קעפּ פאַרן „אהל־פּרץ". דער מינדסטער שפּור פון שטורעם ליגט נישט אויפן מאָנומענט. דאָ הערשט אַזאַ הייליקע ערנסט־קייט, ווי ס'האָט געהערשט אַרום די, וועלכע רוען אונטער דעם מאָנומענט — י. ל. פּרץ, ש. אַנ־סקי און יעקב דינעזאָן. די אותיות אויף די טאָוולען רעדן צו דיר אין אַ לשון, וואָס דו הערסט נישט מער אויף די גאַסן פון לעבעדיקן וואַרשע. און זיי, אונזערע קלאַסיקער, האָבן דאָ אויפן בית־עולם איבער די יאָרן פון מבול אָפּ־געהיט זייער לשון. צי איז עס נישט קיין נס?

און אָט איז דער קבר פון י. מ. ווייסנבערג. זעסט, ער איז אַ גאַנץ לעבן געווען בעוולה'ט און אַ בעוולה'טער איז ער אויך איצט. זיין קבר איז געבליבן ביז צום סוף אָן אַ מצבה. ס'איז נישטאָ היינט אין פּוילן קיין יידישע אינסטיטוציע, וואָס זאָל ווייסנבערגן שטעלן אַ מצבה. אָט די עוולה איז דער בעסטער סימן, אַז דאָ, אויפן גענשער בית־עולם, האָט זיך די וועלט נישט געענדערט...

ח. ד. נאָמבערג'ס מצבה, אַ טונקעלע און פאַרשפּיצטע הייבט זיך אויף העכער פון אַלע. עס דאַכט זיך מיר, אַז איך זע אים אַ לעבעדיקן, ח. ד. נאָמבערגן, איך זע אים אין שאָטן פון דער מצבה מיט זיין שאַרפן בליק און ער וווּנדערט זיך וואָס דאָ גייט פאַרביי אַ ייד פון דער לעבעדיקער וועלט... נישט ווייט פון אים איז דער איידעלער און שטילער בועז קאַרלינסקי, און אונטער דער נידעריקער מצבה פאַר זיי — דער פּיקחותדיקער גרשון לעווין. אַ גאַנצע וועלט שטייט־אויף פאַר דיינע אויגן: יוסף כמורנער־לעשטשינסקי, בייניש מיכאַלעוויטש און אַ טריט ווייטער — די מצבה פון דוד קאַסעל.

אָ, ווי פיינלעך: איבער דעם לעבעדיקן וואַרשע גייט מען אַרום לאַנגע טעג און מען באַגעגנט נישט קיינעם, וועמען מען זאָל זאָגן „גוטמאָרגן" און דאָ, אויפן בית־עולם, ווערט מען אויסטערליש „געטרייסט" פאַר דער אוממענטשלעכער פיין אין דעם פאַרפּוילישטן וואַרשע. אפילו דאָס פאַרטיליקטע לעבן אין געטאָ האָט דאָ

זיין אויסדרוק: אָט איז דער מאָנומענט פאַר די געפאַלענע געטאָ־קעמפער פון די לינקע פועלי־ציון און אַ ריזיקער מאָנומענט פאַר די אויפשטענדלער־בונדיסטן: אין דער לינקער האַנט אַ ביקס און די רעכטע — אויפגעהויבן אין דער הויך אין אַ געביילטער פויסט. בונט און צאָרן אין פנים, ווי ער וואָלט אין אַ קאַמפס־מיטינג דערציילט פאַר די פרידלעך געשטאָרבענע וועגן דער גבורה פון די לעצטע מאָהי־קאַנער פון דער פאַרגאַנגענער וועלט.

די מצבה פון אסתר רחל קאַמינסקי איז פונקט אַזאַ באַשיידענע, ווי ס׳איז געווען באַשיידן די, וואָס רוט אין איר אייביקייט. און עס דאַכט זיך מיר, אַז איך זע זי אַ לעבעדיקע — אסתר רחל קאַמינסקי, איך זע זי אויף דער סצענע אין קאַמינסקיס טעאַטער אויף אָבאָזשנע. איך הער איר צאַרטע מוטערלעכע שטים. מירעלע אפרת זאָגט „גאָט פון אברהם״ אין דעם האַלב טונקעלן צימער. דער שבת קודש גייט אַוועק, אַ הייליקע שטילקייט שוועבט איבער דער סצענע, איבערן זאַל, ווו עס זיצן לעבעדיקע יידן פאַרכישופטע פון די ווייכע, פרומע קלאַנגען פון זייער אַלעמענס מאַמע — פון אסתר רחל קאַמינסקי.

און אָט איז די מצבה פון אַלעקסאַנדער בערקנהיים — דעם פאָטער פון דער יידישער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג אין פוילן. נישט געווען אין דעם לאַנד קיין איין יידישע קהילה, ווו זיין נאָמען זאָל נישט קלינגען ווי אַ רעטונג. די קליינע פאָלקסבענק אין די שטעטלעך, די אינסטיטוציעס, וואָס האָבן אין די שווערע יאָרן פון פוילישן אַנטיסעמיטיזם געדינט ווי אַ שוץ־וואַנט קעגן מאַטעריעלן חורבן — פלעגן דערמאַנען דעם נאָמען „אַלעקסאַנדער בערקנהיים״, ווי מען דערמאַנט דעם נאָמען פון אַ לייבלעכן טאַטן.

און אָט איז קלמן קאַמאַשנמאַכער — דער וווּנדערלעכסטער צונויפמיש פון יידישער פאָלקסטימלעכקייט און גייסטיקייט. דער שטיין אויף זיין קבר, אַ פאָרמ־לאָזער און אַ קינסטלעריש־צעשויבערטער, איז ווי דער אָפּדרוק פון קלמנס נשמה...

דאָרט אין דעם מדבר׳דיקן געטאָ האָט דער חורבן פאַרווישט די אונטערשיידן פון סמאָטשע און לעשנאָ, דער ציגלברוך איז אומעטום דער זעלבער. דאָ, אויפן בית־עולם, איז די וועלט נאָך פול מיט טראַדיציע און אַלטע מנהגים. די קברים פון דער פאַרפוילישט־אַסימילאַטאָרישער וועלט זענען אָפּגערוקט פון „טלאָמאַצקע 13״ און ייִדיש־וועלטלעכקייט.

פּראָפעסאָר שמעון אשכנזי — זיין מצבה איז אָפּגערוקט פונעם יידישן קאָכעדיקן לעבן. אונטער דער גרויסער אַריסטאָקראַטישער מאַרמאָרענער מצבה ליגט אַ גייסטיקער ריז. דער גרעסטער פוילישער פּאָליטיקער און היסטאָריקער פאַר די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר. איידער ער איז געקומען אַהער האָט ער ווינציק שייכות געהאַט צו די ראַנגלענישן פון יידישן לעבן; ווען ער וואָלט געלעבט נאָך אַ צענדליק יאָר וואָלט ער זיכער אומגעקומען אויף די רושטן פון טרעבלינקע צוזאַמען מיט אלע וואַרשעווער יידן. דער פאַרשטייער פון פוילן אין דער פעלקער־ליגע איז אויך דאָ אַ ייד און ער איז אַ טייל פונעם יידישן לעבן אויפן גענשער בית־

עולם. אין שכנות פון אים באַגעגנט איר דעם מעצענאַט און אינטעלעקטואַליסט גוסטאַוו בערגסאָן — דאָס געוויסן פון פּוילן, דעם אייביקן קעמפער פאַר גערעכטי־קייט, די קרוין פון די פּוילישע אַדוואָקאַטן. ווייטער אַביסל ליגט דער פאַרטיידיקער פון יידן — סאַלאָמאָן עטינגער. אין שכנות פון זיי געפינט זיך דער „וואַרעמער, היימישער שניאור זלמן ביכאָווסקי.

דער פילם פון דעם געוועזענעם יידישן רייכן לעבן וויקלט זיך פונאַנדער אין אַלע זיינע וווּנדערבאַרע פאַרבן.

לודוויק זאַמענהאָף. דער טרוימער פון אַ בשותּפותדיקער שפּראַך, אויף וועלכע אַלע פעלקער זאָלן זיך קענען פאַרשטענדיקן, עספּעראַנטאָ — די שפּראַך פון האָפענונג. איך שטיי דאָ ביי זיין קבר און וויל אים זאָגן, אַז זיין גרויסער משיחישער חלום איז נישט מקוים געוואָרן. אַז דערוויל פאַרשטייען זיך פעלקער וואָס אַמאָל ערגער, אַז דערוויל איז די וועלט באַהערשט געוואָרן נישט פון עספּעראַנטאָ, נאָר פון דעספּעראַנטאָ — פון האָפענונגסלאָזיקייט, פון פאַרצווייפלונג. אפשר וועט אַמאָל קענען קומען אַ ייד צום דאָזיקן קבר און זאָגן דעם אַלטן גוטן דאָקטאָר, אַז די אידיי, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין דעם טונקעלען קאַבינעט פון דזשיקע 9 אין וואַרשעווער יידנשטאָט, האָט באַהערשט די וועלט...

ווייטער קומען מיר אריין אין דער וועלט פון יחוס, אין דער וועלט פון די וואַרשעווער יידישע נגידות׳טעס. אין דער מיט פון ניינצעטן יאָרהונדערט איז געווען אין דער מאָדע צו שטעלן ריזיקע מצבות פון אייזנגוס. יעדע מצבה איז אַ גבירישע פעסטונג. זייער סטיל איז אַ שווערער באַראָק, איבערגעלאָדן מיט טורעמס און טורעמלעך, אַזוי ווי אַלטע בשמים־ביקסן. אָט די מצבות פאַרנעמען דעם אויבנאָן.

אָט דערציילט אַזאַ מצבה אין אַ דייטשמערישן יידיש, אַז:

„היער רוהט פרויה הענריעטע עפּשטיין גאַטטין דעס יאַקאָב עפּשטיין ווייל‏אַנד, פּרעזעס דעס איזראַעליטישן האָספּיטאַלס, געשטאָרבן דעם 9־טן מערץ 5609, היילִיק איהרע רוהע".

און באַלד נאָך דעם דאָזיקן אַדרעס קומט אַ געריימטער עפּיטאַף:

„דער פרויען און דער מוטטער ציער
רוהט אונטער דיזעס שטיינע היער.
דורך זעלטענע ליעבע דען קינדערן פּעראייננט
ווירד זי אויך קינדליך דורך איהנען בעוויינט."

אין דער וועלט פון די רייכע וואַרשעווער יידישע ווייבער פון גרויסן יחוס געפינט זיך דער איינזאַמער קבר פון דעם יידישן געלערנטן פּראָפעסאָר מאיר באַלאַבאַן. אייגנטלעך איז נישט צו באַמערקן קיין קבר. דאָס אָרט, וווּ עס רוט דער יידישער היסטאָריקער, דער רבי פון אַ גאַנצן דור יידישע היסטאָריקער, איז אויס־געגלייכט מיט דער ערד. דו זעסט בלויז אַ ריזיקן גאָטישן מאָנומענט פון אייזנגוס מיט אַן אויפשריפט: „פ״נ חיה בערנסאָן, וואָס איז געשטאָרבן אין 1855". צופיסנס



דער איבערבלייב פון פאוויאק



די חרובע גאס נאָוואָליפקי
(אויפגענומען דורכן מחבר)



ביים „אהל פרץ"



דער קבר פון ה. ד. נאָמבערג



דער קבר פון דער מאמען פון יידישן טעאטער—אסתר רחל קאמינסקי



די קברים פון יוסף כמורנער־לעשטשינסקי און ביינוש מיכאלעוויטש
(אויפגענומען דורכן מחבר)

דער גערער הויף. רעכטס—דאָס וווין־הויז; לינקס — דעם רבינס שול
(אויפגענומען דורכן מחבר)

פון אַט דער גבירטע ליגט אַ קליינטשיק שטיקל שטיין אונטערגעשפּאַרט מיט אַ שטיקל אייזן פון דער גרויסער מצבה און אויפן שטיין אַ קליינער אויפשריפט: „ד״ר מאיר באַלאַבאַן.״ דאָס איז אַלץ.

לינקס פון דער ווייבערשער וועלט — קומט מען אַריין אין דער אַטמאָספער פון חסידות און רבנות. אַ געפיל פון פרומקייט און יראת הכבוד נעמט אַדורך. אויבנאָן ליגט דער וואַרשעווער רב פערלמוטער, אַ ייד אַ פיקח, אַ תלמוד חכם, אַ הדרת פנים, ער איז געווען דעפּוטאַט אין פוילישן פּאַרלאַמענט און אַ קרוב למלכות. אַ צווייטע מצבה דערציילט, אַז אונטער איר רוט דער וואַרשעווער רב חיים פּאָזנער — דער עקספּערט אויף יידישקייט אין די פוילישע געריכטן. און אַט איז דער קבר פון איינעם פון די באַדייטנדיקסטע אינטעלעקטואַליסטן און שריפט־שטעלער, אַ באַרימטער אָריענטאַליסט, דער פּרעדיקער פון דער וואַרשעווער סינאַגאָגע — הרב ד״ר שמואל אברהם פּאָזנאַנסקי. נעבן אים ליגט דער גרויסער דענקער, דער וואַרשעווער רב שעכטער, און דער מומחה אין די אַממערסטן קאָמ־פּליצירטע דין־תורהס צווישן די וואַרשעווער יידישע סוחרים און פאַבריקאַנטן — דער גאון חיים לייב יודקאָווסקי.

ארום דעם גרויסן רבנישן יחוס פון אנומלט און פון אַלטע צייטן ליגן די וואַרשעווער גרויסע גבירים. דאָ ליגט מרדכי סאַרנאָקער, נתנאל הייטלער. פון נאָך פריערדיקע צייטן ליגט דאָ אונטער אַ שווערער איינשטאָקיקער מצבה פון אייזנגוס — דער גרויסער גביר און נדבן, ר׳ יעקב עפּשטיין, וואָס האָט דרייסיק יאָר נאָכאַנאַנד פאַרנומען די שטול פון פּרעזעס פון יידישן שפּיטאָל אין וואַרשע. אין שכנות פון אים געפינט זיך דער קבר פון איינעם פון די ערשטע יידישע פּאַר־לעגער און בוכהענדלער אין וואַרשע — יאַן גליקסבערג, וואָס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער ערשטער העלפט פון נײַנצנטן יאָרהונדערט.

וואָס טיפער מען דרינגט אַריין אין אַט דער וועלט, אַלץ מער געפינען מיר זיך צווישן תורה און חכמה. דורות גאונים און רבנים. אָבער דאָ, אין די אהלים, וווּ עס ליגן צדיקים און בעלי מופתים, שטויסט מען זיך אָן אויף חורבן. די אהלים זענען צעשטערט. די רויבער, וואָס האָבן געזוכט יידיש גאָלד, האָבן געגלויבט אַז דאָ אין די ווענט וועלן זיי געפינען „אוצרות״. האָבן זיי פון די ווענט אַראָפּגעריסן די מצבה־טאָוולען און שפּעטער די ווענט גופאָ צעבראָכן. צווישן די ציגל און שטיינער וואַלגערן זיך דורכגעפוילטע שמות. דאָס זענען די איבערבלייבעכצן פון די „קוויטלעך״, וואָס פרומע יידן און ווייבער פלעגן אַרויפלייגן אויף די קברים פון צדיקים.

ווייטער פון די רבנישע קברים איז אַן אמתער דזשונגל. ווילדגעוויקסן און פלאַנטער־גראָזן האָבן דורך די מלחמה־יאָרן פאַרוועבט די מצבות און קברים. עס איז אוממעגלעך דורכצורייסן זיך דורך די פאַרוואַקסענע שטעגלעך און אַלייען. דאָ האָט שוין יאָרן קיין מענטשלעכער טריט נישט געטראָטן. די מצבות זענען דאָ אַזוי געדיכט אָנגעשטעלט, ווי עס וואָלטן געלייגט געוואָרן באַריקאַדן, כדי צו

באַשווערן דאָס צוקומען צו די געהיימע וועלטן פון דעם בית־עולם. דאָ, אין די רעגיאָנען, ליגן די מאַסן, וועמענס המשך ס'האָט נישט זוכה געווען צו קומען צו קבר ישראל. זיי זענען אין פוילן געווען דער לעצטער דור יידן, וואָס איז ביז 1942 געשטאָרבן מיט נאָרמאַלע טויטן און נאָך זוכה געווען צו קברים און מצבות. זייערע קינדער און קינדס־קינדער פילן אויס מיט זייערע גופים די פוילישע ערד אויף פעלדער און אין וועלדער, אין די פיל־הונדערטער אַרבעטס־לאַגערן און פאַרניכטונגס־פאַבריקן אין אַלע עקן פון לאַנד.

אויף די ליידיק געבליבענע פעלדער פון גענשער בית־עולם געפינט מען איצט אַ נייעם מין קבר און אַ נייעם מין מצבות. די קברים זענען בלויז סימבאָלישע. אויף די מצבות געפינען זיך אָפט די נעמען פון גאַנצע משפחות. אין דער מערהייט פאַלן די נעמען פון ייִנגע מוטערס און זייערע קינדער, פון פאָטערס מיט זייערע קינדער. אויסטערלישע קליינע פאַמיליען־קברים, אָבער פוסטע קברים, דער אייגנטלעכער קבר איז בלויז די מצבה, וואָס איז כולל די נעמען, און בלויז דאָס איז דאָס געדעכעניש פון קבר. אָט איז אַ מצבה:

„עטל פייערבערג, 27 יאָר אַלט געווען,
חיים 6 יאָר אַלט געווען
נחמה 3 יאָר אַלט געווען
יוסף 1 יאָר אַלט געווען
מיינע עלטערן: דוד פייערבערג 72 יאָר אַלט געווען
נעכע פייערבערג 65 יאָר אַלט געווען —
אומגעקומען אין די אויוונס פון טרעבלינקע אין יאָר 1942.
דער איינזאַם פאַרבליבענער מאַן, פאָטער און זון."

און אַזעלכע מצבות שטייען אויפן גענשער בית־עולם הונדערטער. די לעבנגעבליבענע יידן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון די בונקערס, צוריקגעקומענע פון די לאַגערן, באַפרייטע פון רוסלאַנד, זענען געקומען אַהער און פאַראייביקט אין שטיינער דאָס ליבסטע, וואָס זיי האָבן פאַרלוירן.

יידן, וואָס האָבן זיך נישט געקענט דערלויבן שטעלן אַליין אַ מצבה, זוכן אויף אַ קבר פון זייערן אַ קרוב און אויף דער מצבה פון קרוב שרייבן זיי אויף די נעמען פון די אומגעקומענע. דער קליינער אָפטמאָל איינגעפאַלענער קבר ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ פאַמיליען־קבר.

אַנדערע האָבן אויסגעקריצט די נעמען פון זייערע אומגעקומענע משפחות אין די גרויסע מאַרמאָרענע זיילן פון די וואַרשעווער גבירים. די מאַרמאָרענע רייכע מצבות האָבן אַ סך פוסטן שטח און שטייען אויף אַנזעעוודיקע פלעצער. ווילן די פאַראומגליקטע יידן די נעמען פון זייערע אומגעקומענע משפחות זאָלן זיין אָנזעעוודיק, טאָמער וועט אַ פאַרבייגייענדיקער ייד אַמאָל אַ זיפץ־טאָן, ווען ער וועט איבערלייענען די מגילה פון אַזוי פיל נעמען, וואָס זענען אויסגעמעקט געוואָרן אין די גאַז־קאַמערן אויף נישט צו קומען צו קבר ישראל.

כל נדרי אין ווארשע

וואָס פאַר אַן אָרט יידן האָבן פאַרנומען אין ווארשע פון פאַר דעם חורבן האָט געזעען נאָר דער, וואָס האָט בייגעוווינט כל־נדרי אין וואַרשע.

אויף אָפּציילן דריי הונדערט און פופציק טויזנט יידן אין וואַרשע האָט מען געדאַרפט אַ ציילונג. אויף אויסחשבונען דעם יידישן האַנדל האָט מען געדאַרפט בילאַנסן. אויף צו באַקענען דאָס פילפאַרביקע יידישע לעבן אין וואַרשע האָט מען געדאַרפט פאַרשן. אָבער כדי צו זעען וואָס יידן האָבן באַדייט אין וואַרשע — איז גענוג געווען ביי־צו־זיין איין כל־נדרי־נאַכט אין וואַרשע.

אין טאָג פון ערב יום־כפור זענען דער הימל און די ערד געווען יידישע. דער טעמפּ פון וואַרשע איז געווען אַ צוגעאיילטער. ס'איז פאַר כל־נדרי ביי יידן, און פאַר „יענע" גאַסן, פאַר די גויים, קומט־אָן דער „סאַנדני דזשען", ווען אויף פראַנצישקאַנער און די נאַלעווקעס האַלט־איין דאָס לעבן דעם אָטעם.

גזשיבאָוו און דזשיקע האָבן באַקומען אַ געענדערט אויסזעען: די ערנסטע יידישע פנימער זענען נאָך ערנסטער געוואָרן. די איילן‌קע יידישע פיס האָבן באַקומען נאָך גרעסערן אימפּעט. פון די גוישע גאַסן האָבן פולע טראַמווייען געבראַכט יידן פון די פוילישע גאַסן, וואָס האָבן אין דעם טאָג זיך דערמאָנט זייער יידישקייט און געפאָרן צו זייערע קרובים און פריינט ווינטשן אַ גמר־חתימה־טובה.

ערב יום כפור האָט דער הימל איבער וואַרשע געשמעקט מיט האָניק און דער זון־פאַרגאַנג האָט דערמאָנט אָן די טערקישע טיכער פון פרומע יידישע באָבעס. אין דער לופט האָט געהויערט אַ קלאַנג פון אייביקייט.

איצט, ווען איך בין ערב יום כפור געשטאַנען אויף די חורבות פון וואַרשע, איז דער הימל געווען רוי און רויט ווי בלוט און די חורבות האָבן אונטערן מוראַדיקן הימל אויסגעזען ווי מתים, וואָס זענען נישט געקומען צו קבורה, נאָר זיי ווערן צעלייגט און צעפרעסן אונטער דער זון און רעגן.

דריי הונדערט און פופציק טויזנט יידן זענען געווען אין וואַרשע. געבליבן זענען צען טויזנט. און פון די צען טויזנט — זענען טויזנטער פאַרשטעלט, טעאַטער־גראַמירט, זיי באַהאַלטן זיך אויס אין מיליטערישע קליידער, מיט צלמים אויף די העלדזער, מיט געמאַכטער האַפערדיקייט פון פאָליאַקן, מיט בראַוורישקייט פון זיגער. אָבער אונטערן גרים, אונטער די צלמים און מיליטערישע מונדירן טראָגן זיי פאַרוואונדעטע נשמות, הערצער, וואָס זענען אויף שאַרבנס צעבראָכן. זיי ווייסן אַלע, אַז היינט איז ערב יום כפור, וואָרום דער טעלעפאָן אין יידישן צענטראַל־קאָמיטעט רוט נישט אַ גאַנצן טאָג. קיינער זאָגט נישט ווער עס רעדט, אָבער וויל וויסן, ווו

מען וועט דאַוונען כל נדרי. זיי זענען אַלע אבלים און זיי ווילן מאָרגן מזכיר נשמות זיין דריי הונדערט און פערציק טויזנט ווארשעווער יידן.

פון די הונדערטער שולן, בתי־מדרשים, מנינים, שטיבלעך און חברות איז אין גאַנץ ווארשע על־פי־נס ניצול געוואָרן איין איינציקע שול: נאָזשיקס שול אויף טוואַרדע 6. זי שטייט צווישן חורבות, אַ באַהאַלטענע, אַן איינגעטוליעטע, ווי די רוצחים וואָלטן אין איר פאַרגעסן אין זייער וויסטן פאַרניכטונגס־שגעון.

אין די ארומיקע חורבות, וואָס זענען אַמאָל יידישע הייזער און יידישע געשעפטן געווען — זענען היינט פוילישע קראָמען. אין יעדער קראָם האַנדלט מען מיט דעם זעלבן, וואָס אַמאָל, מיט אייזנס, פאַרצעליי, מיט מעבל און קאָסעס. אפילו דער „פּאַטשעיאַוו" איז געבליבן צווישן די חורבות, נאָר צווישן די אַלטע זאַכן זענען די סוחרים פּאָליאַקן און די קרעמער פּאָליאַקן. און אַפילו אין דעם חרובן הויף, וואָס איז אַמאָל־אַמאָל דער הויף פון שאַיע פּריוועס געווען — קליינגען אויך היינט די שטאַבעס אייזן. נאָר די היינטיקע קרעמער ווייסן נישט וואָס פאַר אַ טאָג עס איז, אַז דער זון־אונטערגאַנג איז מבשר צו גיין צו כל נדרי...

ערשט נישט ווייט פאַר נאָזשיקס שול דערזעסטו פלוצים: עס לויפן איינ־צעלנע יידן יום־טובדיק אָנגעטון, זיי לויפן, ווי זיי וואָלטן פון ערגעץ־ווו אַנטלאָפן. זיי פאַרשווינדן שנעל אין טויער פון טוואַרדע נומער זעקס. זיי לויפן איינציקווייז, זיי זענען דאָך אַלע קיילעכדיקע יתומים! אַמאָל פלעגן זיי גיין צו כל נדרי גאַנצע משפחות; היינט זענען אַלע איינזאַם. מען כאַפּט זיך אַרויס אומבאַמערקט פון די פוילישע משפחות און מען לויפט ווי מאַראַנען צו כל נדרי.

פאַרן טויער פאַרן־צו שוואַרצע לימוזינעס, עס שטייגן־אויס הויכע מיליטער־לייט, הויכע מלוכה־באַאַמטע, דעפּאַרטאַמענט־דירעקטאָרן, זיי פאַרשווינדן אין טויער פון דער שול און די אויטאָס אַנטלויפן. צענדליקער אויטאָס קומען־אָן און פאַרשווינדן. עס מערן זיך די, וועלכע קומען־אָן צופוס. עס שטראָמט אַן אייליקער און כסדרדיקער שטראָם פון יידן.

מיט אַ שעה צוויי צוריק, וואָלסטו די אַלע נישט דערקענט אַז זיי זענען יידן, אַז זיי האָבן אַ שייכות מיט יום־כיפּור און כל־נדרי, און איצט איילן זיי זיך, חלילה נישט צו פאַרשפּעטיקן, נישט צו זיין פון די לעצטע...

דער גרויסער הויף פאַר דער שול איז שוין פול. מענטשן דערקענען זיך, אַ סך זעען זיך צום ערשטן מאָל נאָך דער מלחמה. מ׳קושט זיך, מען דריקט זיך די הענט: אַ גמר חתימה טובה! אָט דאָס איז דאָס יידישע ווארשע. דאָ טרעפסטו אַלע: די, וועלכע האָבן איבערגעלעבט אין בונקערס, אויף אַרישע פּאַפּירן, צוריק־געקומענע פון רוסלאַנד, און איך זע דאָ אַ צענדליק יידן, וואָס איך קען זיי פון תל־אביב. איצט זענען זיי געקומען צוריק קיין פוילן פון ארץ־ישראל דאָ אָנהויבן אַ פריש לעבן אַלס פּאָליאַקן פון משה׳ס גלויבן, אָדער אפשר גאָרנישט אַלס יידן. איך זע דאָ אפילו עטלעכע פרויען, וואָס אין תל־אביב האָבן זיי געטראָגן גאָלדענע

צלמים אויף די ווייסע דעקאַלטן, און איצט, ווען זיי האָבן צוריקגעקערט קיין פוילן — קומען זיי צו כל־נדרי...

ווער קען פאַרשטיין די קאָמפּליקאַציעס פון יידישע נשמות אין אַזעלכע צעשטורעמטע צייטן: אין תל־אביב פלעגן זיי פאַרברענגען אין דער פוילישער געזעלשאַפט און געטראָגן צלמים, און דאָ, ווו זיי ווערן זיכער ווערן בלייבן ווייט פון יידישקייט, קומען זיי צו כל־נדרי...

די פוילישע שכנים פון די אַרומיקע הייזער קוקן פון די באַלקאָנען און דעכער ווי אויף אַ גרויס וואונדער: זע נאַר! וואָס עפּעס פאַרזאַמלען זיך דאָ אַזוי־פיל יידן? עס פינקלען די קנעפּ פון די מונדירן פון די מיליטער־לייט. עטלעכע באַוואָפנטע מיליציאַנטן שטייען אין אַ זייט גרייט אָפּצוהיטן פאַר יעדן פּרייז די זיכערקייט און די אַטמאָספער פון פייערלעכקייט, ווארום אין פוילן זענען נאָך פאַראַן געוויסע אַזעלכע פּאַליאַקן, וואָס זענען פעיק אָפּילו דאָ אין וואַרשע צו מאַכן איבערפאַלן. און פּלוצים הערסטו: פון אַ ראַדיאָ־הילכער צעקלינגען זיך די טענער פון כל־נדרי. דאָס גיט־אָן דער פוילישער ראַדיאָ כל־נדרי פאַר גאַנץ פוילן. די טענער צעקלינגען זיך מיט זייער גאַנצן אינערלעכן אומעט איבער די הימלען און חורבות פון וואַרשע, אויף די ארומיקע דעכער און באַלקאָנען קומען־אַרויס מאַסן פּאַליאַקן און קוקן אין פאַרבליפונג. אַ פולער הויף מיט יידן שטייען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, זיי שטייען אין טויטער שטילקייט, ווי די טענער וואָלטן זיי פאַראַליזירט, ווי די אומעטיקע מעלאָדישע קלאַנגען וואָלטן זיי געמאַכט געליימט. און די טענער קלינגען הויך און ווייט:

„כל נדרי, ואסרי, ושבועי, וחרמי, וקונמי, וקונסי, וכוניי"...

די ווערטער שניידן די לופט, זיי שניידן דעם צעגליטן בין־השמשות, וואָס ברענט אויף די שפּיצן פון די חורבות. אפילו דאָס אָטעמען פון מענטשן איז איינ־געהאַלטן. אפילו די פּאַליאַקן אויף די דעכער און באלקאָנען שטייען געליימטע...

„ונסלח לכל עדת בני ישראל, ולגר הגר בתוכם, כי לכל העם בשגגה..."

אויף פיל פּנימער זעסטו טרערן. איצט פילן זיי, זיי זענען אַ פאָלק, עס פאַרבינדט זיי איין גורל, איין טראַגישע מעלאָדיע ציט זיך אין דער געשיכטע מיט אַ ביטערער אַקטואַליטעט. אַ תפילה, וואָס איז כמעט יעדעס יאָר אַ תפילה פון דער ווירקלעכקייט.

ווען עס ענדיקט זיך דורכן ראַדיאָ די תפילה און עס צעעפענען זיך די טירן פון דער שול, גייט־אַריין דער עולם אין שול אין דער זעלבער שטילקייט ווי זיי זענען געשטאַנען ביז איצט. אויף קיין רגע ווערט די געליימטקייט פון עולם נישט שוואַכער. אין דער העל־באַלויכטענער שול ברענען אין אַ ווינקל פיל הונדערטער ליכט. הויכע אָפּיצירן און שטאַטסלייט בויגן זיך צו דער ערד און צינדן־אָן ליכט, וואָס זיי האָבן געבראַכט מיט זיך — פאַר די נשמות פון זייערע טאַטעס און מאַמעס, פאַר די נשמות פון זייערע ווייבער און קינדער, וואָס זענען אומגעקומען מיט אַזאַ שרעקלעכן טויט. דו באַמערקסט אפילו נישט ווי פון אונטער די מונדירן און יום־

טובדיקע מלבושים ציען זיי אַרויס סידורימלעך — זיי זענען געקומען זיך שטעלן פאַר גאָט!

און ווען דער חזן רופט אויס:

„על דעת המקום ועל דעת הקהל...״ — הערשט אין שול אַזאַ שטילקייט, אַז מען הערט דאָס קלאַפּן פון די פלעמלעך פון די ליכט, דו הערסט דאָס אָטעמען פון מענטשן, וואָס ווילן באַהערשן זייער אייגן געמיט. אָבער נישט אַלע קענען זיך באַהערשן: אָט האָט אַ ייִד אַריבערגעוואָרפן דעם טלית איבער זיין קאָפּ און ער קלאַמערט זיך מיט ביידע הענט אין אַ זייל פון דער שול. אַ צווייטער האָט אַרי־בערגעצויגן דעם טלית איבערן קאָפּ און מיטן פּנים זיך צוגעקלעמט צו דער וואַנט; ער וועט אַזוי בלייבן שטיין אומבאַוועגלעך די גאַנצע צייט פון די תפילות. אַ הויכער שטאַבס־אָפיציר, וואָס שטייט האַרט נעבן מיר, פאַרשטעלט מיטן סידורל דאָס פּנים און די אַקסלען צוקן אים ווי ביי אַ קליין קינד, וואָס האָט לאַנג געוויינט. ווייטער אַביסל האָט אַ הויכער מיניסטעריום־באַאַמטער פאַרגראָבן דעם קאָפּ אין אַ גרויסן מחזור, מען זאָל נישט זעען זיינע אויגן. אַ דריטער, ווידער, האָט דעם קאָפּ פאַרריסן אין דער הויך, מען זאָל נישט זעען זיין פּנים, אָבער איך באַמערק פון אונטער זיינע פענסנעע צוויי טרערן, וואָס ער פאַרהאַלט מיט כוח דורך האַלטן דעם קאָפּ פאַרריסן. אָבער ווען דער חזן חזרט־איבער דאָס צווייטע מאָל כל־נדרי, באַמיט זיך שוין קיינער נישט צו זיין באַהערשט. צענדליקער, וואָס שטייען ארום מיר, פאַרגיסן שטילע טרערן, שטילע מענלעכע טרערן. מען נעמט שוין אַרויס טיכלעך פון די טאַשן און מ׳ווישט כלומרשט די ברילן. און וואָס הילכיקער עס קלינגען די טענער, אַלץ מער, פילסטו, ווערן מענטשלעכע געמיטער געלייטערט, אַלץ מער ווערן דאָ אַלע אין שול פאַרקניפּט מיט זיך, מיטן זעלבן גורל, וואָס שמידט זיי צוזאַמען אין איין ליידנדיקער מחנה, און אין איין גורלדיקער קייט.

ווען די תפילות האָבן זיך געענדיקט, זענען איינזאַמע מענטשן פאַרשוואונדן אין די שאָטנס פון לבנהדיקן אָוונט. זיי זענען אַוועק אין זייערע פאַרפרעמדטע היימען. איך האָב באַמערקט ווי איינע אַ פרוי, וואָס די טרערן זענען איר נאָך פריש געלעגן אויפן פּנים, האָט זיך איבערגעצלמט ווען זי איז אַריבערגעטראָטן די שוועל פון דער שול. ווייזט אויס, עס איז איר נאָך איבערגעבליבן די געוווינהייט פון די צייטן פון דער אָקופּאַציע, ווען זי איז געגאַנגען אין דער קריסטלעכער קירך אַריין, כדי צו פאַרמאַסקירן איר יידישקייט...

איך בין אַוועק אין וואַרשעווער געטאָ, אַהין, וווּ מיט נישט לאַנגע יאָרן צוריק האָט יום־כיפור ביינאַכט געהערשט אַ באַזונדערע שטימונג. איצט בין איך געגאַנגען בלויז צווישן פינצטערע חורבות. די לבנה, וואָס האָט געשיינט הינטער די חורבות, האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט די טויטקייט פון דער יידנשטאָט. שווער איצט אין געטאָ צו דערקענען גאַסן, הגם פיל גאַסן אין געטאָ זענען שוין אָפּ־גערוימט. דורכן צעשטערטן האַרץ פון יידישן וואַרשע האָט מען איצט דורכ־געשניטן פרישע גאַסן. אויפן אָרט ווו ס׳איז אַמאָל געשטאַנען די באַרימטע טלאָ־

מאַצקיע 13, גייען איצט דורך טראַמוויי־ליניעס, וואָס פאַראייניקן צוויי פוילישע שטאָט־פערטלען פון דרום און צפון: מאָקאָטאָוו און זשאָליבאָזש. די טראַמוואַי־שינעס רייסן זיך אַריין אין דעם בלאָק הייזער, וואָס איז געלעגן צווישן די נאַלעווקעס און דזשיקע גאַס, גראַד אויף אָט דער טראַסע פון דער נייער גאַס האָט זיך אַמאָל געפונען די מערהייט יידישע בתי־מדרשים און שטיבלעך.

די שינעס לויפן פאַרביי די חורבות פון דער טלאָמאַצקער סינאַגאָגע. פאַר דער סינאַגאָגע אויף טלאָמאַצקע פלעגן אַמאָל, צו כל־נדרי, ברענען צוויי גרויסע מנורות. אין דעם ליכט פון די מנורות פלעגן די גבאים און דער עיקר דער באַרימ־טער שמש גאָנשאָר אויפנעמען די חשובע פוילישע געסט, וועלכע פלעגן קומען הערן כל נדרי פון חזן סיראָטאַ. פון דער סינאַגאָגע האָט זיך אַרויסגעגאָסן אַ ים מיט ליכט. אפילו די פּאָליציי אויף פערד און אין ווייסע הענטשקעס, וועלכע פלעגן טרייבן פון גאַס די, וואָס האָבן זיך געוואָלט „אַריינגנבענען" צו כל־נדרי, אפילו זיי פלעגן צוגעבן צו דער פייערלעכקייט.

גיי איך איצט צווישן די חורבות און זוך אין דער פינצטער די שאָטנס פון אַ געוועזענער וועלט און עס דאַכט זיך מיר, אַז איך הער די טענער פון כל־נדרי, זיי שוועבן פון טלאָמאַצקע, פון די נאַלעווקעס, פראַנציסקאַנער און גענשע, פון די חסידישע שטיבלעך און בתי־מדרשים. אָט דאָ איז געווען דאָס אַלעקסאַנדער־שטיבל, אָט־דאָ ערגעץ־ווו האָט זיך געפונען דאָס גערער שטיבל, און דאָ, ווידער, אויף די חורבות פון דזשעלנע גאַס האָט זיך געפונען די שול „מוריה" און אין שכנות — די שול פון פּיאַסעטשנער רבין. פון אומעטום פלעגן אין אָט דער שעה אַרויסקלינגען די טענער פון כל־נדרי, אומעטום פלעגן זיך וועלדער פון וואַקסענע ליכט שמעלצן מיט געלבלעכע טרערן. געבענטשטע שטילקייט פלעגט דעמאָלט הערשן אויף אָט־די גאַסן. פון צייט צו צייט פלעגן בלויז אינגאַנצן ליידיקע טראַמ־ווייען פאַרבייפאָרן מיט אַ גרילץ און איבערלאָזן די גאַסן אין אַזאַ אומעטיקער יום־טובדיקייט. ווייטער אויף דער זעלבער דזשעלנע גאַס, אין שכנות פון דער שטיינגעבליבענער קאַטוילישער קירך, האָט זיך אַמאָל געפינען דאָס שטיבל פון די „טויטע חסידים", פון די, וואָס האָבן נאָכן טויט פון זייער רבין — נחמן בראַ־סלאַווער — נישט געוואָלט אנערקענען קיין אַנדער רבין. דאָס זענען די חסידים, וואָס פלעגן זייערע תפילות צו גאָט אויסגיסן אין יידישן לשון. אין זייער כל־נדרי פלעגט זיך אָפט אריינרייסן א יידישער געשריי צום רבונו־של־עולם: „טאַטע, פאָטער, שטראָף מיט רחמים, פאָטער אין הימל, ווען וועט עס נעמען אַן עק?"

כל־נדרי ביי די „טויטע חסידים" איז געווען די העכסטע דערהויבונג, ביים דריטן מאָל איבערחזרן כל־נדרי פלעגן זיי שוין האָבן דערגרייכט די הימלען, זיי זענען געשטאַנען מיט די טליתים איבער די קעפּ און מיט די הענט אויסגעצויגן אין דער הויך און געפילט האָבן זיי דעם ציטער פון דערגרייכן די העכסטע הויכ־קייטן און דעמאָלט פלעגן זיי אָנהויבן שרייען צו גאָט ווי זיי וואָלטן אָט־אָט געשטאַנען פאַרן כסא־הכבוד.

איך בלאָנדזשע איבער די גאַסן פּאַוויע און גענשע. אין ליכט פון דער לבנה באַמערק איך קוים די קאָנטורן פון די חורבות. ערגעץ־ווו, דאָ נישט ווייט, האָט זיך געפונען אַ שולעכל פון בעלי־מלאכות. זיי פלעגן נישט דינגען אויף ימים נוראים קיין באַרימטע בעלי־תפילות. ביי זיי פלעגט אין די ימים־נוראים דאַווענען יאָסל טריקאָטאַזשניק, אַ ייד וואָס פלעגט ביי דער טריקאָטאַזש־מאַשין שאַרפן די „כלי״ צו כל־נדרי. דעריבער פלעגט זיין כל־נדרי האָבן צוויי טאַקטן, פונקט ווי די טאַקטן פון דער טריקאָטאַזש־מאַשין, פון וועלכער ער האָט אַרויסגעוועבט פרנסה פאַר זיינע קינדער. אָבער נישקשה, יאָסל טריקאָטאַזשניק פלעגט האָבן צוהעלפער צו כל־נדרי. ער איז נישט געווען אַליין, הינטער אים זענען געשטאַנען אַנדערע טריקאָטאזשניקעס און שניידער און שטעפּער, וועלכע פלעגן אים צוהעלפן און איינרייסן הימלען אויף צוויי טאַקטן... היינט זענען חורבות געבליבן. חורבות פון אַ וועלט אַ גאַנצער, און איך גיי אין דער נאַכט פון כל־נדרי איבער די גאַסן פון אַזאַ רייך יידיש לעבן און הער בלויז די אומעטיקע תפילה אין דער פוסטקייט פון וואַרשעווער געטאָ, די תפילה וואָס יאָסל טריקאָטאַזשניק פלעגט זאָגן מיט אַ ים פון גלויבן:

„סלח נא אשמות ופשעי לאומך לעון בניך בל יחרה זעמך.״

און פינצטער און חורבן איז איבערן וואַרשעווער געטאָ אין דער נאַכט פון כל־נדרי!

ג ע ר

במשך פון דריי דורות איז גער געווען א שם דבר איבער דער יידישער וועלט, במשך פון דריי דורות האָבן מיטן גריצער שאָסיי געצויגן מחנות יידן, געצויגן אַהער ווי צו אַ ווונדערלעך ליכט, וואָס האָט זיך באַוויזן אין דער פינצ־טערניש פון די פאַרוואָרפענע יידישע ישובים אין פוילן.

ווען דער גרויסער פייערזאַל פון קאָצק איז פאַרלאָשן געוואָרן, האָט דאָס ליכט אויפגעלויכטן אין גער און געוואַרעמט די הערצער פון יידן ביז צו די טעג, ווען דער גרויסער מבול האָט אַראָפגעשווענקט דאָס יידישע לעבן אין פוילן.

גערער נוסח, גערער דרכים, גערער מנהגים — איר האָט דאָס געפילט אין די יידישע שטעטלעך ארום דער ווייסל, ארום בוג און אין די ישובים אויף די ברעגעס פון נאַרעוו. פאר גער האָט מען געקעמפט, פאַר גער זענען שטעטלעך געשטאַנען אין אַ ביטערער עקשנותדיקער מלחמה. און ווען אַנדערע חסידישע שיטות זענען פאַרבלייכט געוואָרן אין די מוטנע וואַסערן פון דער נייער צייט — האָט נאָך גער באַצויבערט און געלויכטן.

ווען איך בין איצט געקומען צו דער גריצער „קאָלייקע״*) אין וואַרשע און געזען וואָס פאַר אַן „עולם״ עס קויפט־אויס בילעטן קיין גער — האָב איך דער־פילט דאָס גרויסע אומגליק, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער די פוילישע יידן.

פויערטעס מיט מילך־קאַנען, פויערים מיט זעק — אָט דאָס איז דער „עולם״, וואָס פאָרט איצט קיין גער. און אין זכרון זענען אויפגעקומען יענע טעג, ווען די גריצער „קאָלייקע״ איז באַהאָנגען געווען מיט יידן, מיט ישיבה־בחורים און ווייבער, וואָס זענען געפאָרן זוכן אַ טרייסט אין גער.

און טאָמער האָט אויף דער גריצער „קאָלייקע״ עמעצער באַליידיקט אַ ייד און גער האָט געהייסן נישט פאָרן — האָט די „קאָלייקע״ געפּוסטעוועט, געגאַנגען מיט ליידיקע וואַגאָנען. יידן זענען געפאָרן מיט אָקס און אויטאָס, געשיפט זיך מיט דער ווייסל. ביז די גויים פון דער „קאָלייקע״ האָבן אויסגעפועלט אין „הויף״ און צוגעזאָגט נישט צו באַליידיקן יידן, דעמאָלט האָט ווידער אַ פלייץ געטון מיט יידיש געלט אין די קאַסעס און דאָס „סאַמאָוואַרל״, דער קליינער לאָקאָמאָטיוו פון דער „קאָלייקע״, האָט ווידער פריילעך געפייפט אויפן גריצער שאָסיי און געפירט פולע וואַגאָנען מיט יידן קיין גער.

היינט איז גער פוסט, ס׳איז פאַרלאָשן דאָס ליכט.

היינט איז גער צוריקגעגאַנגען צו די אַלטע, אַמאָליקע צייטן, ווען די שטאָט

---

*) אייזנבאַן אויף שמאָלע שינעס.

איז געבויט געוואָרן דורכן פויזנער ביסקופ וויעזשבאָווסקי אין 14־טן יאָרהונדערט. דער גלח האָט געבויט די שטאָט ווי א צלם — ליגט היינט א צלם איבער גער, ווי אויף אַ ריזיקן קבר. פּוסט די גאַסן און געסלעך, ליידיק די קראָמען. ווען איך בין אָנגעקומען קיין גער האָט מיט דער הויפּט־גאַס — פּיארסקע — שפּאַצירט אַן אויסגעשפּאַנט פערד, וואָס האָט גֶעשנאַרקעט אין די ראָוועס און געצופּט דאָס ביסל גראָז, וואָס וואַקסט אַרויס פון צווישן די שטיינער...

און אַמאָל האָט דאָ געשטראָמט אַ טומלדיק לעבן:

אין די גאַסן און געסלעך האָט געהערשט אַ יאַריד. דער געפּילדער פון די געקומענע יידן און ווייבער האָבן זיך אויסגעמישט מיט דעם רעש פון די בעלי־אכסניא׳ס, וואָס האָבן געשלעפּט די פּעק פון די געקומענע. פון די צעעפנטע פענצטער האָבן אַרויסגעפּאַרעט די ריחות פון די גערער מאכלים, וואָס האָבן תמיד געשמעקט מיט ערב שבת, וואָרום אַן אייביקער ערב שבת האָט געהערשט אין גער, אַ שטענדיק גרייטן זיך צו עפּעס דויערנדיקס, און דויערנדיק איז געווען דאָס לעבן אין „הויף״. ניין, דאָס גאַנצע שטעטל איז געווען איין גרויסער רבנישער הויף, וואָס האָט געלעבט און געאָטעמט מיט „אים זאָל לעבן״.

פיר טויזנט יידן האָבן געלעבט אין גער: בעלי־אכסניא׳ס, וואָס מ׳האָט זיי גערופן „קראַדניקעס״, ווייל זיי האָבן „געמאַלקן״ די אָרעמע חסידים און ישיבה־בחורים; קרעמער און בעלי־מלאכה׳ס. און די פיר טויזנט יידן האָבן באַדינט די געקומענע, וואָס פלעגן אין די יום־טובים דערגרייכן אין די פיל טויזנטער.

די גאַסן און געסלעך זענען געווען באַהאַנגען און צונויפגעקוועטשט מיט מויערלעך און הילצערנע הייזלעך — טומלדיקע בינשטאָקן פון אויפגעהייטערטע חסידים, וואָס האָבן דערגרייכט די נאָענטקייט פון רבין. און אינעם רבינס הויף האָבן יידן געוואַרט אין פרומער אומגעדולד אויף „אים״, אויף זיין „שלום־עליכם״ און אויף זיין וואָרט, וואָס איז געווען דאָס וואָרט פון גלויבן און טרייסט.

פונעם רבינס בית־מדרש האָבן ארויסגעשאַלט די המשך־קלאַנגען פון צע׳דבקות׳טע ישיבה־בחורים, וואָס האָבן אין די גרויסע צעעפנטע גמרות געזוכט אַן ענטפער אויף זייערע בענקשאַפטן. און פאַר די אויערן פון די ווייבער, וואָס האָבן אויפן הויף געוואַרט מיט „קוויטלעך״ זענען די גמרא־ניגונים געווען, ווי זאַלב אויף צעבראָכענע ווונדן.

היינט איז נישטאָ מער — גער.

היינט הערסטו אויפן רבינס הויף דאָס פאָרסקען פון פערד און דעם געשריי פון פויערים, וואָס האָבן דאָ געמאַכט די סקלאַדעס פאַר זייער תבואה... היינט הייסט ער נישט, דער הויף, דעם „רבינס הויף״, נאָר: „דער קאָאָפּעראַטיוו פאַר פויערישער זעלבסטהילף״. פונעם רבינס בית מדרש איז אַראָפּגעריסן געוואָרן אַלדאָס הייליקע: דער ארון־קודש, די הענגלייכטער, געבליבן זענען בלויז די אייזערנע זיילן, וואָס שפּאַרן־אונטער דעם באַלקן. און אויף דער מזרח־וואַנט, דאָרט ווו ס׳איז געווען דער ארון קודש, זענען אויסגעשיט בערג מיט קאַרטאָפל, און דאָרט, ווו עס זענען

געשטאַנען די אַלמערס מיט ספרים — ליגן זעק מיט תבואות — דאָס איז דער הויפּט־סקלאַד פון די גערער פּויערים. אין רבינס חדר מיוחד העגנגען פערד־שלייעס און כאָמאָנטן און עס ליגן זעק מיט „אבראָק" פאַר די פערד...

אָט דאָס איז אַלץ, וואָס האָט צוגעדושעט דאָס גרויסע פייער פון גער.

דער, וואָס איז דאָ נישט געווען אין די גרויסע גלאַנץ־טעג, וועט מער נישט דערקענען, אַז פונדאַנען האָט זיך געטראָגן דאָס ליכט איבער די יידישע ישובים פון פוילן. אָבער דער סעקרעטאַר פון גערער מאַגיסטראַט, וואָס פירט מיך אַרום — ער געדענקט נאָך אַלץ. ער איז געבליבן דער זעלבער, ווי פאַר דער מלחמה. זעכצן יאָר זיצט ער דאָ און זעכצן לאַנגע יאָר האָט אָט דער פּאָליאַק מיטגעלעבט מיטן יידישן גער. ער ווייזט מיר, וווּ ס'איז דעם רבינס סוכה געווען, און וווּ זיין דירה. אָט דאָ, אין רבינס דירה איז היינט די פּוילישע גימנאַזיע, און אָט דאָ, אין דער מויער, וווּ ס'האָט געוווינט דעם רבינס ברודער, יצחק, זענען קאָאָפּעראַטיווע געוועלבער און ביוראָען. אין דער שטאָטישער שול, אויף פּיאַרסקע, האָט מען קראָמען אויסגעבויט.

דער גזר־דין אויף דער גערער קהילה איז אויסגעפאַלן אין חודש מערץ 1941. אין איינעם אַ טאָג האָבן די גערמאַנישע עמלקים אַרויסגעטריבן די יידן פון די הייזער. פיר טויזנט יידן מיט קינדער און זקנים אַרויסגעטריבן צום פּלאַץ, וואָס פאַר דער קירך און זיי האָבן אָנגעהויבן אַ בלוטיקן שטורעם. פיל קינדער און שוואַנגערע פרויען האָבן זיי דערשאָסן אויפן אָרט. יידן, וואָס האָבן זיך נישט שנעל געאיילט מיט די קליינע פּעקעלעך צום זאַמל־פּונקט האָט מען דערשאָסן אין די שטובן. יידישע מתים האָבן זיך געוואַלגערט אין די גאַסן און געסלעך. יידיש בלוט האָט רויט־געמאַכט די שטיינער פון ברוק. דער סעקרעטאַר פון מאַגיסטראַט, אַליין אַ פּאָליאַק, דערציילט מיר, אַז פּוילישע קאָנפידענטן, וואָס האָבן געדינט די דייטשן, האָבן יידישע קינדער מיט די פיס צעטרעטן צום טויט. ווען אַ יידישע מאַמע האָט געוויינט צו די הימלען, ווען זי האָט געזען, ווי מען צעטרעט אירע קינדער — האָט מען אויך זי דערשטאָכן. און ערשט, ווען מ'האָט די צעריסענע גערער קהילה אוועקגעטריבן צופוס קיין וואַרשע, ווען די יידישע מתים זענען נאָך געלעגן אויף די גאַסן, האָבן זיך די שטאָטישע פּאָליאַקן גענומען צו זייער „אַרבעט": זיי האָבן זיך געלאָזט איבער יידישע הייזער נאָך רויב, וואָרום דאָס גאַנצע יידישע האָב און גוטס איז געבליבן אין די הייזער. דער רויב־שגעון איז געווען פון אַזאַ פאַרנעם, אַז במשך פון עטלעכע שעה זענען אפילו די ווענט און די דעכער פון יידישע הייזער צעריסן געוואָרן. די פּראַצע און שווייס פון דריי דורות יידן איז אַריין אין די רויב־זעק פון אַ צעווילדעוועטער מאַסע. די קליינע דייטשע מערדער־באַנדע, וואָס איז געבליבן אין שטאָט, כדי צו בעמען דעם רויב נאָך די יידן, האָבן זיך דערפילט פאַרלוירן אין דעם אָנבליק פון אַזאַ רויב־שגעון, וואָס איז אויסגעבראָכן צווישן די פּאָליאַקן, און זיי האָבן אָנגעהויבן שיסן אין דער רויבער־מאַסע. און ערשט דעמאָלט איז רואיק געוואָרן, די רויבער זענען

אנטלאָפן, אָבער די יידישע הייזער זענען שוין געווען פוסטע חורבות, אָן דילן און אָן פענצטער אפילו, אָן דעם מינדנסטן סימן, אז דאָ האָבן אמאָל געלעבט און געארבעט מענטשן.

זענען איצט דאָ גרויסע, פוסטע שטחים אין גער. הינטער דער שול, דאָרט וווּ עס זענען געווען די געדיכטע יידישע געסלעך, איז איצט א גרויסער פוסטער פלאַץ — גער האָט צוריקגעקערט צו די אלטע, אמאָליקע צייטן...

א צוויי קילאָמעטער הינטער דער שטאָט זעסטו א ריזיק פוסט פעלד. דאָ איז אמאָל דער גרויסער גערער בית־עולם געווען. נישטאָ דאָ קיין סימן פון קברים, קיין צייכן פון מצבות. אינמיטן פון פעלד שטייט אַ בעטאָנענער בונקער, און עס דאַכט זיך, אַז דאָ אויף דעם אָרט זענען שווערע מלחמה־קאַמפן פאָרגעקומען און פון די קאַמפן איז פאַרבליבן אַ בעטאָנענער בונקער. אָבער ווען דו קומסט צו נענטער געפינסטו אויף דעם בונקער צוויי קליינע אויפשריפטן:

אדוננו מורנו ורבנו	אדוננו מורנו ורבנו
ר׳ יצחק מאיר זצ״ל	יהודא ארי זצ״ל
ב׳ה׳ד׳ר׳ ישראל זצ״ל	בר׳ אברהם מרדכי זצ״ל
בע׳ המ׳ חידושי רי״ם	בע״ם השפת אמת

דאָ, אין אָט דעם בעטאָנענעם בונקער, ליגט דאָס גרויסע ליכט, וואָס האָט אויפגעלויכטן איבער די יידן אין פוילן, דאָ ליגט דער שעפער פון דער גערער דינאסטיע — ר׳ איטשע מאיר.

יידן, וואָס האָבן נאָך דער מלחמה אויפגעזוכט דאָס אָרט פון אָט די צוויי קברים, האָבן געהאַלטן, אַז אַ אהל איז צו שוואַך פאַר די רויבער־כוחות פון די גערער פויערים, האָבן זיי די צוויי צדיקים פאַרפאַנצערט אין א בעטאָנענעם בונקער.

די מצבות פונעם גערער בית־עולם געפינען זיך הארט הינטער גער. דאָרט האָבן די דייטשע רוצחים אויסגעבויט א לאגער פאַר רוסישע געפאַנגענע און דעם לאגער מיט יידישע מצבות אויסגעפלאַסטערט.

אזוי האָט פאַרענדיקט א יידיש שטעטל, וואָס האָט במשך פון דריי דורות געקיניגט איבער די יידישע ישובים פון פוילן, פונוואַנען עס האָט געלויכטן דאָס גרויסע ליכט פאַר דער וועלט פון יידישקייט און אמונה.

לובלין

זעקס הונדערט יאָר האָט לובלין זיך איינגעשריבן אין די פנקסים ווי די עיר ואם בישראל, צופוסנס פון דעם שלאָס פון קאַזימיעזש דעם גרויסן, צווישן די ענגע געסלעך פון געטאָ איז אויפגעגאַנגען אַ קערנדיק יידישקייט פאַר די דורות, וואָס זענען שפּעטער געקומען. לובלין איז אויסגעוואַקסן צו דער רעזידענץ פון דעם „ועד ארבע ארצות" און פון די ענגע לובלינער ישיבות זענען אַרויסגעקומען די גרויסע תלמודישע גייסטער מהרש"ל, מהר"ם און מהרש"א, וואָס זייערע נעמען האָבן געקלונגען איבער אַלע עקן פון דער וועלט, וווּ נאָר ס'האָט אַ יידיש האַרץ געקלאַפּט.

אין די לובלינער ישיבות האָט נישט נאָר געוואַקסן תלמודישע לומדות און גאונות, נאָר דאָ זענען אויך געלייגט געוואָרן די יסודות פאַר יידישער וועלטלעכ־קייט, וואָס איז זיך שפּעטער אַזוי וווּנדערבאַר צעוואַקסן און אַרויסגעפירט דאָס יידישע פאָלק אויף די דרכים פון דער ברייטער וועלט.

לובלין איז געווען אַ קוואַל פון יידישן לעבן, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון געטאָ, אַריבערגעשווענקט די „ברום" און זיך פאַנאַנדערגעגאָסן ווי אַ ים.

צענדליקער יידישע און העברעישע שולן, ביבליאָטעקן, פאַראיינען, פאָלקס־אוניווערסיטעטן, תלמוד־תורה'ס און ישיבות — האָבן טעג ווי נעכט געפּורעמט די יידישע נשמה, געגרייט זיך צו עפּעס, וואָס דאַרף זיכער קומען און איז נישט געקומען.

דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן אין לובלין האָט געגליט פון אַן אייגענעם פייער. אָפטמאָל האָט זיך לובלין געשטעלט העכער פון וואַרשע, פון ירושלים דליטא, און פון ביאַליסטאָק שוין אָפּגעשמועסט, ווייל לובלין האָט געהאַט הינטער זיך דעם גייסטיקן באַגאַזש פון פאַרגאַנגענע דורות און דעם רייכן אָנוווּקס פון יידישקייט. אַפילו דער „בונד", וואָס מען פלעגט אים פאָרוואַרפן, אַז ער איז אַ „כופר בעיקר" האָט דאָ אין לובלין זיך געגרויסט מיט זיין ר' יעקב פאָליאַק, מיט זיין רבי ר' שלום שכנא און „אייזערנעם קאָפּ" און געהאַלטן, אַז ער, דער „בונד" איז דער יורש פון חסידות, ווייל זיי, די בונדיסטן, און סיי וועלטלעכע ציוניסטן אין לובלין, זענען אַרויסגעוואַקסן פון צווישן די געסלעך פון געטאָ, פון צווישן די ישיבות, און די גרענעץ איז געווען אַזאַ דינע, אַזאַ צאַרטע.

און אין קיין שום שטאָט אין פּוילן, דאַכט זיך, זענען די פּאַרטייאישע קאַמפן נישט געווען אַזעלכע פאַרביסענע און הייסע ווי דאָ אין לובלין, ווייל אין תוך פון יעדער פּאַרטיי האָט געברענט דאָס פייער פון חסידות, די פאַרביסנקייט פון דער גרויסער אמונה און שטאָלץ פון דער אַלטער קהילה קדושה לובלין.

ווען מען גייט היינט אדורך די „ברום" און מען דערזעט דאָס פוסטע פעלד, ווו ערשט אנומלט איז א וועלט, א ברויזיקע וועלט דאָ געשטאנען, מיט געסלעך, מיט בתי מדרשים און שולן, דאַכט זיך ס'איז בלויז אַ חלום געווען. אַ חלום מהרש"א, אַ חלום מהר"ם, אַ חלום פון זעקס הונדערט יאָר. ווו איז דער ים מיט יידן אַוועק? ווו זענען די יידן מיט די צעפּלויגענע בערד, מיט די צעפּלויגענע פאָלעס פון די לאַנגע כאַלאַטן, וואָס אין אימפּעט פון זייער לעבן האָט זיך געדאַכט, אַז זיי שוועבן?

א פוסט און טויט פעלד איז דאָס יידישע לובלין, אפילו נישט קיין בית־עולם, אפילו קיין שטיין נישט געבליבן, ווו אָנצולענען דעם אבל־קאָפּ און אויסוויינען א יתגדל ויתקדש נאָך אזא גרויסן חלום.

ווען פון אלע טייכן זאָל ווערן טינט, ווען פון אלע וועלדער זאָלן ווערן פּענעס, וואָלט מען נישט געקענט אָנשרייבן די מגילה פון די גיהנום־יסורים, וואָס די לובלינער קהילה האָט אויסגעליטן ביז זי האָט אויסגעהויכט איר הייליקע נשמה.

דאָ, אויפן זאַמאָשטשער שאָסיי, סך הכל צוויי קילאָמעטער פון לובלין האָבן זיך אויסגעשפּרייט די רויכן פון די קרעמאַטאָריע־קוימענס פון מיידאנעק. האָט מען נאָך פארזיכערט די לובלינער יידן, אז דאָס מיינט מען נישט זיי, אז לובלין איז א רעזערוואַט פאר יידן און אז זיי וועלן בלייבן לעבן. אָבער די לובלינער יידן האָבן געוווסט זייער גורל. כאָטש פארשפּאַרט אין א געטאָ האָבן זיי געוווּסט, אז פון צענדליקער קהילות ברענגט מען אהער יידן קיין מיידאנעק צו פארברענען. אָבער שוצלאָז זענען געווען די יידן פון לובלין, אָן א גואל און אָן א פריינט, מיט שכנים, וואָס האָבן בלויז געוואַרט אויפן סוף פון די יידן. און דער ביטערער סוף איז געקומען.

אן אלטער פּאָליאַק, א לובלינער תושב, אן אנטיקן־קלייבער מיט א גרייז־גרויען קאָפּ האָט מיר געזאָגט וועגן דעם שווארצן טאָג:

— איך שטיי ביים ראַנד פון קבר און איך האָב שוין אלע מיינע גלויבנס פארלוירן. איך וועל קומען אויף יענער וועלט ווי א פוסטע שאָל, אָן יעדן ניצוץ פון גלויבן. צום ערשטן האָב איך זיך געשעמט צו זיין א מענטש, ווייל איך האָב געזען, וואָס די דייטשע „מענטשן" קאָנען מאכן, נאָך דעם האָב איך זיך געשעמט צו זיין א פּאָליאַק, ווייל איך האָב געזען ווי אזוי פּאָליאַקן קאָנען זיך פארהאַלטן אין אָנבליק פון אזא שרעקלעכער פּיין, וואָס איז געקומען אויף זייערע יידישע שכנים. און נאָך דעם האָב איך זיך געשעמט צו זיין א קריסט, ווייל איך האָב געזען, וואָס פאַרא פּנים די וועלט האָט נאָך צוויי טויזנט יאָר הערשאַפט פון קריסטנטום אין אייראָפּע. טייכן בלוט זענען געפלאָסן איבער די גאַסן פון געטאָ, ווו יידן זענען געווען איינגעשפּאַרט. נאָך דעם האָט זיך לאַנגע טעג געקנוילט א שווארצער רויך פון די קרעמאַטאָריע־קוימענס. אָבער מיידאנעק איז געווען איבערלאַסטעט און נישט געקאָנט אזוי פיל מענטשלעכע לעבנס פארשלינגען, האָט מען פיל טויזנטער יידן פון לובלין אוועקגעשיקט אין די וועלדער פון סאָביבאָר,

און דאָך האָט מען מיט איין מאָל נישט געקאָנט פאַרניכטן העכער הונדערט און פופציק טויזנט יידן, וואָס האָבן זיך דעמאָלט געפונען אין לובלין. זענען געלעכע שחיטות פאָרגעקומען, און נאָך יעדער שחיטה האָבן די רוצחים פאַרזיכערט, אַז מיט דעם איז געענדיקט, אַז מער וועט מען יידן נישט שעכטן. אָבער דאָס איז געווען נישט מער ווי א טראָפּן בוימל ארויפגעגאָסן אויף דער ברענענדיקער ווונד פון די פאַראומגליקלעכטע יידן. פאַרלאָזן פון דער גאַנצער וועלט, האָבן יידן דאָך געהאָפט, אַז גאָט וועט זיין צאָרן נישט אויסגיסן ביז צום סוף, אַז ער וועט נישט דערלאָזן פאַרטיליקן זיין עדה ביז צום לעצטן ייד. אָבער די האָפענונג האָט פאַר־פירט, דער גאָט פון ישראל האָט זיך צוגעקוקט ווי מען פירט ארויס דעם לעצטן יידן פון זיין אלטער קהילה.

און אזוי האָט זיך געענדיקט דאָס לעצטע זייטל פונעם נישט פאַרשריבענעם פנקס פון דער קהילה לובלין.

נאָכן אויסמאָרדן די יידן זענען די דייטשע רוצחים געגאַנגען פון הויז צו הויז, פון שול צו שול און אויסגערויבט די יידישע פראַצע און שוויס און אלדאָס אומבאַוועגלעכע אויפגעריסן מיט דינאַמיט. עס איז אָפּגעווישט געוואָרן פון דער ערד די שטאָט, אין וועלכער עס זענען במשך פון דריי הונדערט יאָר פאָרגעקומען די צוזאַמענפאָרן פון די ועדן פון די ארבע ארצות און די גרויסע יידישע ירידים, די אלטע שולן פון מהרש״ל און מהר״ם און די הונדערטער הייזלעך, וואָס זענען געווען צונויפגעקוועטשט אין די שמאָלע געסלעך פון אלטן געטאָ.

די ארבעט פון פאַרניכטונג האָבן נישט דורכגעפירט די דייטשן אליין. זיי צו הילף זענען געקומען אוקראַאינישע באַטאַליאָנען אין מונדירן פון ס. ס. און געוויזן, אַז אויף מאָרדן יידן האָבן זיי אַן אלטע חזקה, וואָס איצט, אינעם יאָר תש״ח פייערן זיי דעם בלוטיקן יובל פון דריי הונדערט יאָר.

קומט מיט מיר ארויף אויפן באַרג, ווו עס געפינט זיך דאָס אלטע בית־הקברות און איך וועל אייך וויזן צוויי פאַרבליבענע קברים פון די קרבנות פון דעם באַרימטן „קאַמפּער פאַר פרייהייט" העטמאַן באָכדאַן כמיעלניצקי, וואָס האָט זיך אויפגעהיט אינעם זכרון פון אונזערע זיידעס ווי כאַמעלוק ימח שמו. די דאָזיקע צוויי קברים זענען די איינציקע עדות, ווי אזוי דאָס אוקראַאינישע פאָלק האָט צוויי מאָל במשך פון דריי הונדערט יאָר פאַרגאָסן דאָס בלוט פון עם ישראל.

דאָס אלטע בית־הקברות אין לובלין איז אונזער נאַציאָנאַלער פאַנטעאָן. זעט וואָס פון דעם פאַנטעאָן איז געוואָרן, וואָס וואַנדאַלן האָבן געמאַכט פון די קברים פון דורות גאונים און גייסטיקע פירשטן: לענג־אויס זענען די קברים צעגראָבן אין טיפע ראָוועס און פון די גלייכע ווענט שטעקן ארויס די ביינער פון הונדערטער קברים. אין די טיפע צעראָיעטע גריבער וואַלגערן זיך ארום ווייסע שאַרבנס פון מתים און הויפנס ריפּן. ווייניק מצבות זענען דאָ פאַרבליבן. די מצבות זענען צערויבט געוואָרן פון דער ארומיקער באַפעלקערונג און יידישע דענקמעלער זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אָסל־שטיינער צו שאַרפן העק און מעסערס. און

די מצבות פון גראניט ווערן איבערגעמאכט אויף צלמים אויף קריסטלעכע קברים. זעט: דער פארקאן איז צעריסן און אויף די קברים פאשען זיך חזרים און בהמות. דאָס קליינע פאסטוך־יינגעלע, וואָס זיצט נישט ווייט פון מיר אויף א קבר — שניצט אויס פון יידישע ריפן „שווערדעלעך" און „פינישע מעסערס" — קינדערשע שפילצייג...

אלס קינדער פלעגן מיר וועגן אזעלכע אימהדיקע זאכן לייענען אין די ביכער איבער די מזרח־אפריקאנער דזשונגל. היינט זע איך דאָס מיט מיינע אייגענע אויגן אינעם לאנד פון מיצקעוויטש און סלאָוואצקי.

צווישן די פארבליבענע מצבות האָב איך אנטדעקט אמתע קונסט־ווערק, שטיינער אין וועלכע יידישע פאָלקס־קינסטלער האָבן אריינגעלייגט נשמה און מייסטערשאפט. ביי קולטור־פעלקער וואָלטן אזעלכע מאָנומענטן פארנומען דעם אויבנאָן אין נאציאָנאלע מוזייען, און קונסט־מאָנאָגראפיעס וואָלטן איבער זיי געשריבן געוואָרן. דאָ ליגן זיי הפקר און ווארטן אויף זייער ביטערן גורל צו געפינען זיך אין א פונדאמענט פון א חזיר־שטאל אָדער פארוואנדלט צו ווערן אין אָסל־שטיינער.

נישטאָ היינט קיינער אין פוילן, נישט מצד יידן און נישט מצד פאָליאקן, וואָס זאָלן האָבן א חוש און באַדערפעניש אויפצוהיטן אזעלכע קונסט־ווערק, וועלכע האָבן נישט די מינדסטע פאָליטישע באדייטונג.

אָבער פאר א געוויסן מין פאָליאקן האָבן יידישע קונסט־ווערק געהאט באדייטונג, דעמאָלט ווען די דייטשן האָבן אויפגעריסן דאָס יידישע געטאָ און די אַלטע שולן פון מהר"ם און מהרש"ל, דעמאָלט זענען מחנות פוילישע כוליגאַנעס געלאָפן איבער די חורבות און גערויבט. די ווענט פון די אלטע שולן, וועלכע זענען נאָכן אויפרייסן געבליבן טיילווייז שטיין זענען דורך די כוליגאנעס צעריסן געוואָרן ביז די פונדאמענטן. זיי האָבן געזוכט דאָס זילבערווארג און די חפצים פון די שולן. ביי איינעם א ייד אין לאָדזש האָב איך געזעען א פראגמענט פונעם ארון־קודש פון מהר"ם'ס שול, וואָס ער האָט אָפגעקויפט ביי א פאָליאק אין לובלין. דער שוין דערמאָנטער גרייז־גרויער אנטיקן־זאמלער האָט מיר דערציילט, ווי אזוי דאָס רויבן איז צוגעגאנגען: דאָס האָט אויסגעזעען, ווי א סטאדע הונגעריקע וועלף וואָלטן זיך געוואָרפן אויף געבונדענע שאָף. מיט קילאָפן און לאָפאטעס זענען די כוליגאנעס געלאָפן צו די חורבות, און די ציניש גערמאנישע רוצחים האָבן זיך צוגעקוקט ווי אזוי שכנים פון זעקס הונדערט יאָר צעטראָגן די רעשטלעך פון יידישע ציגל.

איינאייציקער עפנטלעכער יידישער בנין איז גאנץ געבליבן, ווייל דאָרט האָבן די דייטשן געהאט זייער שפיטאָל — דאָס איז דער ריזיקער בנין פון דער ישיבת חכמי לובלין, וואָס איז פארענדיקט געוואָרן עטלעכע יאָר סך הכל פאר דער צווייטער וועלט־מלחמה. היינט געפינט זיך דאָ דער אוניווערסיטעט אויפן נאָמען פון מאריע קירי סקלאָדאָווסקא. מ'האָט געפאָדערט פון מיר א ספעציעלע



דער בנין פון ישיבת חכמי־לובלין. דעם האלב־רונד איבער דער פאסאדע מיטן
אויפשריפט „לכו בנים שמעו לי יראת ד׳ אלמדכם״ האבן די דייטשן אראפגעריסן

איינע פון די איינציקע מצבות, וואס זענען פארבליבן אויפן לובלינער בית־עולם
(אויפגענומען דורכן מחבר)



די שול אין קוזמיר, ווי זי האָט אויסגעזעען פאַר דער מלחמה
(אַלטע אויפנאַמע)



די שול אין חורבות
(אויפגענומען דורכן מחבר)

דערלויבעניש אריינצוקומען אהער, אין דעם היכל פון לומדות און יידישער פרומקייט. אין דער אַאולע, אין דעם זאַל פון דער ישיבה, איז אויף דער הויפּט־וואַנט געהאָנגען אַ צלם, ווי אַ סימן פון פּוילישקייט. און מען מוז נישט זיין קיין פרומער ייד, כדי דאָס בלוט זאָל פאַרגליווערט ווערן אין די אָדערן, ווי אַזוי יעדער ניצוץ פון יידישן איבערבלייב ווערט אויסגעוואָרצלט און פאַרווישט, פּונקט ווי מיר וואָלטן חס וחלילה געדאַרפט אָפּגעווישט ווערן פון דער ערד.

ווען איר וועט אַרויפקומען איצט אויפן נייעם יידישן בית־עולם, וועט איר דאָרט זען אַ גרויסע מצבה — דאָס איז דער איינציקער זכר, וואָס די לובלינער שארית־הפּליטה האָט דאָ אוועקגעלייגט נאָך זעקס הונדערט יאָר יידיש שעפעריש לעבן, וואָס איז אין געציילטע טעג אָפּגעווישט געוואָרן פון דער ערד.

ווען די רויטע אַרמיי האָט באַפרייט לובלין און אין שטאָט זענען אַריין די ערשטע פּוילישע זעלנער פון דער קאָשטשושקאָ־דיוויזיע, זענען פון באַהעלטענישן פון אונטער דער ערד אַרויס עטלעכע יידן: ווילד־באַוואַקסענע, אויסגעמאַטערטע און האַלב־בלינדע פון יאָרנלאַנג ליגן אין דער פינצטערניש, זענען זיי ענלעך געווען צו אויסטערלישע וואַלד־מענטשן. זיי האָבן זיך קוים געקאָנט באַוועגן. די פיס האָבן זיך אָפּגעוווינט פון גיין, די אויגן — פון זען, זענען זיי געקראָכן, מיט פּנימער אויסגעשטעלט צו דער ליכטיקייט פון טאָג, וואָס די אויגן האָבן נישט געקאָנט זען.

זענען די דאָזיקע יידן באַפאַלן געוואָרן פון אַ מחנה פּאַליאַקן. פונוואַנען קומען ווידער יידן קיין פּוילן? זענען זיי אויפגעשטאַנען תחית־המתים? זענען זיי צוריק אויפגעשטאַנען פון די אַש פון מיידאַנעק און סאָביבאָר? איבער די קעפּ פון די אויסגעפּייניקטע יידן האָבן זיך אַ שיט געטאָן קלעפּ, עס האָט געהאַקט ווער מיט דער פויסט און ווער מיט אַ שטעקן, ביז די יידן זענען געבליבן ליגן אין בלוט. איצט האָט די מחנה פאַרטראַכט אַ ספּעקטאַקל: מען וועט די יידן אוועק־שלעפּן צום פּוילישן מיליטער און דאָרט וועט מען זיי זיכער צעשיסן, ווי די האָזן צעשיסן, וואָרום וועלכער זעלנער אויף דער וועלט וועט עס לאָזן לעבן יידן? די כוליגאַנעס האָבן זיך נישט אָריענטירט, זיי האָבן געוווּסט, אַז ביז איצט פלעגן פּוילישע זעלנער פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ" צעשיסן יידן אין די וועלדער. און איצט זענען אין שטאָט ווידער דאָ פּוילישע זעלנער — וועט מען באַלד זען, ווי אַזוי מען צעשיסט יידן אויף דער גאַס אין לובלין, אַזוי ווי עס פלעגן עס ביז איצט טון די דייטשע זשאַנדאַרמעריע און די אוקראַינישע ס. ס.

און די מחנה האָט געשלעפּט די האַלב־טויטע יידן, געשלעפּט איבער דער הויפּט־גאַס און געיובלט פון מאָרד־פרייד. אַנטקעגן קומט־אָן אַ פּוילישער מיליטער־פּאַטראָל און די מחנה שרייט:

— הײַ, חברה, מיר האָבן געכאַפּט יידן... אָט דאָ זענען זיי, מען דאַרף זיי דערליידיקן, לייגט זיי קאַלט, חברה!

איין זעלנער שיסט אויס אין דער לופט, דער צווייטער דרייט איבער די

ביקס און הייבט אָן האקן איבער די קעפּ פון די כוליגאנעס, די רעשט צעלויפט זיך אין בהלה. די זעלנער יאָגן זיך נאָך דער מחנה. די יידן בלייבן ליגן אויף דער ערד, איינער פון די זעלנער בויגט זיך אראָפּ צו די ליגנדיקע און זאָגט זיי:

— האָט נישט מער מורא, איך בין א ייד.

יידישע הענט הייבן זיך אויף, קלאמערן זיך ארום די פיס פונעם יידישן זעלנער. א נס, א נס איז געשעען! א ייד אין א מונדיר באשיצט זיי! זעסט: א ייד קען נאָך ראטעווען א ייד. אָבער נישט אלע פון די יידן קאָנען זיך קלאמערן ארום די פיס פון יידישן זעלנער. איינער איז פון די קלעפּ געבליבן ליגן א קאלטער, א גלייכגילטיקער. אים איז שוין אלץ אייגס. ער האָט שוין דאָס ליכט פונעם טאָג מיט זיינע אייגענע אויגן מער נישט געזעען.

אויפצומאָרגנס זענען דריי יידן געגאנגען מיט דער לויה פון דעם ייד, וואָס האָט אָנגעהויבן אויפסניי א יידיש לעבן אין לובלין...

היינט לעבט אין לובלין א הייפל יידן. נישט אלע זענען לובלינער, וואָרום פון דער גאנצער יידישער קהילה פון פאר דער מלחמה זענען אין דער לובלינער לאנדסמאנשאפט פארשריבן זעקס הונדערט, און די זעקס הונדערט לובלינער זענען צעוואָרפן איבער די גרויסע שטעט פון פוילן, אין לאָדזש, אין ווארשע, אין נידער־שלעזיע. די יידן אין לובלין זענען פון די ארומיקע שטעטלעך, ווו א יידישער פוס טאָר נישט אריינטרעטן.

— דאָס פאָלק קאָן זיך נישט צוגעווינען צו א יידיש פנים — זאָגט מיר א ייד. דער ייד איז איינער פון די פירער פון דער אָרטיקער רעוואָלוציאָנערער פארטיי.

ווען איך זיץ ביי אים אין שטוב, לייגט דער ייד ארויס דעם רעוואָלווער אויפן טיש און זאָגט:

— מיר גופא איז דאָס לעבן נישט ניחא. אלדאָס טייערסטע אין מיין לעבן, מיין פרוי, מיינע קינדער, מיין מאמען און מיין טייערן יידישן טאטן האָב איך פארלוירן. איך בין אדורכגעגאנגען אלע גיהנומס פון לאגערן און וואָגלעניש. צענדליקער מאָל האָב איך געזעען דעם טויט פאר די אויגן און אויב איך האָב איבערגעלעבט איז בלויז צוליב עקשנות, מיר זאָלן נישט פארטיליקט ווערן ביזן שורש. און כאָטש איך בין א קאָמוניסט און מען פאָדערט פון מיר אינטערנאציאָ־נאַליזם, זאָג איך: מיט אָט דעם כלי־זיין, וואָס אויפן טיש, מוזן מיר קודם־כל פארזיכערן אונזער קיום און ערשט דעמאָלט, ווען מיר וועלן זיין גלייכע מיט גלייכע, וועל איך ביי זיך איינפירן דעם פרינציפּ פון אינטערנאציאָנאליזם.

און דער ייד האָט מיר דערציילט, וואָס אלץ יידן שטייען היינט אויס אין לובלין פון פאָליאַקן, וואָס קאָנען זיך נישט צוגעווינען צו דער נייער ווירקלעכקייט אין פוילן און באַטראַכטן נאָך יידן, ווי מינדערווערטיקע באַשעפענישן.

משה מערענשטיין, א ייד פון שטעטל גאָזשקאָוו, האָט אנטיילגענומען אינעם אויפשטאַנד אין סאָביבאָרער גיהנום. ער איז איינער פון די פערציק יידן, וואָס

זענען געבליבן ווי עדות פון דעם, וואָס אין סאָביבאָר איז פאָרגעקומען. אויך אים איז דאָס לעבן נישט ניחא. ער האָט געזעען אזוי פיל ליידן, אזויפיל הונדערטער טויזנטער משונהדיקע טויטן, אז ער איז געוואָרן גלייכגילטיק צום לעבן. בלויז עקשנות האלט אים. ווען ער גייט אין לובלין אין גאס און באגעגנט זיך מיט די שנאהדיקע בליקן פון פוילישע אויסוורפן, ווערט זיין עקשנות נאָך מער געשטארקט. דאָס איז דאָך — זאָגט ער — די איינציקע פאָרם פון נקמה, אז נישט אומקומען זאָלן מיר, נאָר לעבן!

און נאָך עקשנים האָב איך געזעען אין לובלין: יידישע קינדערלעך האָבן געזונגען יידישע און העברעישע לידער און געזונגען מיט אזא עקשנות און מיט אזוי פיל יידישער הארציקייט, אז בעת־מעשה האָב איך פארגעסן, אז אָט די קינדערלעך זינגען די לידער אין א פוסטער וועלט. ס׳האָט זיך מיר אין דער מינוט געדאכט, אז איך זיץ אויף א קינדער־אָוונט אין פארמלחמהדיקן לובלין. אָבער דאָס דאָזיקע געפיל ווערט תיכף צעשווימען: נעבן מיר זיצט א פרוי און קאָן בשום אופן נישט איינהאלטן די טרערן. זי קוקט אויף דער סצענע און וויינט. פאר דער מלחמה האָבן אירע צוויי זונעלעך אנטיילגענומען אין אלע פייערונגען פון דער יידישער שול. זיי זענען געווען אָנגעטאָן פונקט אזוי ווי די קינדער איצט: בלויע בלוזעס מיט רויטע קראוואטן. די זאָלן פלעגן זיין אויסגעפילט מיט צעפילדערטע יידישע קינדער און פון דער סצענע האָט אראָפּגעשאלט א יום־טובדיקע קינדערשע פרייד. אירע צוויי זונעלעך האָבן געטיילט דעם גורל פון אלע לובלינער קינדער און די איצטיקע צען־צוועלף קינדערלעך אויף דער סצענע — דאָס איז דער גאנצער פארמעג פון דער יידישער שול, דאָס איז די גאנצע טרייסט פון יידישן לעבן.

שטייען אויף דער סצענע צען־צוועלף צעשטורעמטע נשמהלעך, מיט צעפלאַמטע אייגעלעך און זינגען־אריין אין זאל:

מיר בויען ווידער, מיר בויען ווידער
א לעבן, א נייס גייט אויף!

און קליינע קינדערשע פויסטלעך הויבן זיך אויף און זאָגן־אָן דער וועלט: „מיר זענען ווידער דאָ!".

אויפן לובלינער מארק, צווישן פיל צענדליקער סטראגאנעס האָב איך אָפּגעפונען צוויי יידישע סוחרים: איינער האנדלט מיט שניט־סחורה און דער צווייטער מיט פארטיקע מלבושים. אמאָל זענען אלע סטראגאנעס געווען יידישע און אלע קראָמען ארום — יידישע. פרעג איך איינעם: וואָס טוט איר דאָ אין א ים פון פרעמדע, פון שנאהדיקע מענטשן? ענטפערט מיר דער ייד: אונזערע עלטער־עלטער זיידעס, וועלכע זענען די ערשטע געקומען אהער קיין לובלין, האָבן זיך מסתמא געפילט נישט בעסער פון אונז. וועלן מיר פרווון נאָך אמאָל. מיר זענען דאָך דער ערשטער דור יידן אין לובלין, וועט אפשר אונזער התחלה זיין א מער מזלדיקע...

קוזמיר

צווישן גרינע וואלדיקע בערג און דער שטילער ווייסל איז אין א טאָל ווי אין א ווייך אויסגעבעט וויגעלע געלעגן א שטעטל קוזמיר. נאָך איידער קוזמיר איז געוואָרן א שטאָט איז שוין דאָ געווען א יידישע קהילה, א קליינע קהילה, וואָס האָט זיך אנטוויקלט אין שכנות פון די קיניגלעכע תבואה־סקלאדעס, וואָס זענען געלעגן אויפן וועג פון ווארשע קיין פלאָצק און דאנציק.

וואונדערלעכע צייטן פון עליה האָט קוזמיר איבערגעלעבט. איבערן שטעטל אויף א גרינעם בארג, האָט זיך אויפגעהויבן דער שלאָס פון קיניג קאזימיעזש דעם גרויסן, וואָס האָט געהאט פאר א ווייב א יידישע טאָכטער — אסתרקע האָט זי געהייסן. האָט זיך אין דעם מאָלערישן קוזמיר איבערגעחזרט דער עפּאָס פון אסתר־המלכה פון שושן־הבירה — דאָס מאָל אין דעם קליינעם דערפל באָכאָטניצע ביי דער ווייסל. און דעם מלך'ס ליבע צו דער יידישער טאָכטער האָט אראָפּגעשיינט אויך אויף דעם יידישן קוזמיר. האָבן יידן געארבעט און געמסחרט פון פולאווו ביז דאנציק, געשיפּערט ווייץ און קאָרן פון די פּוילישע פעלדער, האָלץ געלאָזט אין טראטוועס איבערן טייך, און פרומע דורות דערצויגן.

א שול האָבן קוזמירער יידן געהאט — אן אוצר און רום איבער די לענדער פון פוילן. געשטאַנען איז די שול צווישן שמאָלינקע געסלעך, אַרומגעשטעלט מיט הייזער און געשיצט ווי א בת יחידה. פלעגט קומען א גאסט קיין קוזמיר פלעגן אים יידן ווייזן די שול און דאָס יאָר ווען זי איז געבויט, נאָך אין די צייטן פון עלפטן יאָרהונדערט — אין 1099. און פונקט ווי די יידן אין טאָל, אזוי האָט אויך אסתרקע המלכה ליב געהאט די שול מיט דער ליבע פון א יידישער טאָכטער. האָט זי פון קיניגלעכן פאלאץ אראָפּגעשיקט א מתנה — א פּרוכת, וואָס זי האָט אליין אויסגע־שטריקט מיט גאָלד־פעדעם. האָט די גאָלדענע שלאנג, וואָס האָט אָנגערעדט חוהן צו שלעכטס, זיך געראנגלט אין אויסטערלישע קראַמפּן און הונדערטער יאָרן האָט אראָפּגעשעמערירט פון פּרוכת אין דער קוזמירער שול די ערשטע מענטשלעכע עבירה — די זינד פון וויסן. און צוויי זילבערנע תורה־קרוינען האָט אסתרקע אראָפּגעשיקט, צוויי וואונדערלעכע קרוינען, וואָס האָבן ביז די לעצטע טעג פון קוזמיר באשיינט די זקנים־קעפּ פון די קוזמירער ספרי־תורות.

האָבן די קוזמירער יידן געלאָזט כתיבה'ן אַ סדור אויף פּאַרמעט מיט אַ „מי שברך" פאַרן קעניג קאַזימיעזש און אויפגעצייכנט אַ בילד, ווי דער מלך נעמט־אויף א יידישע דעלעגאציע, וואָס איז אים געקומען דאנקען פאר דעם גענאַד, וואָס ער האָט געטאָן צו דער קהילה קדושה.

דער מלך איז געשטאָרבן, די מלכה איז געשטאָרבן, אָבער די קוזמירער

קהילה האָט געבליט און געבויט א יאָרהונדערט נאָך א יאָרהונדערט — גוטע שטאָלצע יידן. אויף אַלץ זענען שטאָלץ געווען קוזמירער יידן: אויף דער שטאָט, אויף דער שול, און אויף דעם ברונעם, וואָס שטייט אין מיטן מאַרק, אויף דער ווייסל, וואָס פליסט פאַרביי די שטאָט, אויף זייער אסתרקען, וואָס האָט נושא־חן געווען אין די אויגן פונעם גוטן מלך און ועל כולם זענען זיי שטאָלץ געווען אויף זיך אליין, ווארום ארבעטזאַמע און אָרנטלעכע יידן זענען זיי געווען.

ווער עס האָט נישט געזען מיט וואָס פאַר א יראת הכבוד דער קוזמירער גבאי ר׳ שיע קאַפּלאַן פלעגט ארויסציען פאַר געסט די זילבערנע קרוינען פון די זילבער־קאַסטנס, ווי מען נעמט ארויס טייערע אתרוגים, דער האָט קיין צאַרטע באציאונג צו הייליקייטן נישט געזען. ער האָט זיי נישט געלאָזט מיט קיין פינגער באַרירן, טאָמער וועלן די גלעקלעך פאַרלירן פון זייער קלאַנג, טאָמער וועלן די דינע צייכענונגען חס וחלילה פאַרשווינדן פונעם אלטן זילבער...

די שיינקייטן פון קוזמיר האָבן צוגעצויגן יידישע מאָלער, וועלכע האָבן דאָ געפונען דעם קוואל פון צויבער און א פאַרבן־געזאַנג פון וואַסער און וואַלד; און א מאָדנע געבענטשטע ליכטיקייט האָבן דאָ געהאַט די פּנימער פון יידישע אלטע זקנות און זקנים, א ליכטיקייט, וואָס פלעגט זיך אזוי וווּנדערלעך איבערגיסן אויף די לייוונטן פון די בילדער און זיך פאַרוואַנדלען אין צעגליטן קופּער.

און וועלכער יידישער קונסט־מאָלער איז נישט געקומען שעפּן פון דעם קוזמירער קוואַל? נתן קאַזשען האָט געפונען דאָ די סודותדיקייט פאַר זיינע לאַנדשאַפטן, וויצעק ברוינער האָט דאָ אנטדעקט די פרומע שטילקייט פון יידישע אויגן, יאשא שליווניאַק האָט אין מעש־בלעכן אויסגעשמידט דעם קוזמירער ייד, נתן שפּיגעל האָט די שטילקייט פון די יידישע געסלעך פאַראייביקט, פעליקס פרידמאַן האָט אין די שאָטנס פון די קוזמירער בערג־דורכגענג געפונען די געצוימטקייט פון זיינע פאַרבן. און אויפן ברעג פון דער ווייסל האָט טיקאָטשינסקי געשעפּט דאָס גאָלד פון דער קוזמירער געבענטשטער ליכטיקייט.

אין די זומערס האָט דאָ געפּלייצט מיט יונג יידיש לעבן. פון די גרויסע אָנגעגליטע שטעט זענען קיין קוזמיר געקומען טויזנטער פון יידישער יוגנט. אויף די וואַלדיקע בערג־רוקנס האָבן יידישע קינדער צעלייגט זייערע זומער־לאַגערן. אויף דעם גאָלדענעם זאַמד פון די ווייסל־ברעגעס האָבן יידישע קינדער אריינגעעטעמט די פרישקייט פון דער זון און לופט, וואָס זיי האָבן אזוי ווייניק געהאַט אין זייער וואָכעדיק לעבן. האָבן די שמאָלע בערג־שטעגלעך — די „וואָנוואָזן" — טעג און נעכט געשאַלט מיט יידיש געזאַנג און פרייד. דאָ האָבן זיך זייערע בענקשאַפטן באַפרייט פון דער גרויס־שטאָטישער צוים און זיך פונאַנדערגעפלאַסן אין אזא גליקלעכן הפקר. אויף דער ווייסל האָבן יידן מיט גראָז בערד געשיפט די שיפלעך פאַר דער יידישער יוגנט און שוין צום טויזנטסטן מאָל איבערדערציילט די ווונדערלעכע מעשיות פון אסתרקען דער מלכה, וואָס די חורבות פון איר פּאַלאַץ שטייען נאָך ביז היינט אויפן באַרג־רוקן פון שכנותדיקן

באַכאַטניצע. און די צעפּלאַמטע בענקשאַפטן פלעגן שפּעטער אוועקפירן די יוגנט צו די קיניגלעכע חורבות, ווו ס'האָט זיך געדאַכט, אַז יעדער ציגל שעפּטשעט מיט ליבע, מיט צאַרטקייט — די ראָמאַנטישקייט פון פאַרגאַנגענע צייטן.

און אין די נעכט פלעגן אויף די באַרג־רוקנס אויפגיין די פלאַקערן פון די לאַגערן, די פלאַקערן אַרום וועלכע די יידישע יוגנט פלעגט ביז שפּעט אין דער נאַכט אויסזינגען אירע לידער און אויסטאַנצן אירע טענץ.

פון די יוסטע פענסיאָנאַטן פלעגן זיך די עלטערע איינהערן אין דעם געזאַנג, וואָס פלעגט אַהערקומען פון די באַרג און פון די „וואָנוואָזן" און מיט דעם צאַפּל פון זייערע הערצער מיטגעלעבט מיט דעם גליקלעכן קוזמיר.

אין די פרייטיק־צו־נאַכטסן פלעגט דער קוזמירער מאַרק זיך צעזינגען מיט זיין אייגן געזאַנג. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די זון אַליין, ווען זי גייט אוועק פון שטעטל, צינד זי אָן מיט איר לעצט פייער די שבת־ליכט. און דער שבת קודש האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער קוזמיר: איבערן מאַרק, איבערן ברונעם אויפן מאַרק און איבער די דעכער פון די יידישע הייזלעך. פון אַלע פענצטער האָבן אַרויסגע־לייכט די שבת־ליכט און די קוזמירער פאַרהאָרעוועטע יידן פלעגן דעמאָלט אַליין געניסן פון דער שיינקייט פון זייער שטאָט. דעמאָלט פלעגן די געזאַנגען אין די „וואָנוואָזן" און אויף די בערג שטילער ווערן, ווי דער שבת וואָלט נישט פאַרטראָגן קיין צו הויכע טענער. און עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַפילו די וויסל פליסט איצט שטילער, פאַמעלעכער, זי קוקט זיך צו צום שטילן צויבער פון קוזמירער שבת און פליסט אוועק צום ים אַ פרומע, אַ שבתדיקע...

ווען איך בין איצט געקומען קיין קוזמיר און דערזעען פאַר זיך דאָס חרובע שטעטל, דעם חרובן מאַרק און די חרובע געסלעך, האָב איך געמוזט זוכן סימנים צי איך האָב נישט פאַרבלאָנדזשעט ערגעץ־ווו אין אַן אַנדער מקום.

איך פאַרהאַלט אַ פאַרבייגייער און שטעל זיך פאַר אים פאַר:

— איך בין אַן ענגלענדער, אַן ענגלישער זשורנאַליסט, איך האָב געהערט, אַז אייער שטעטל איז אַ היסטאָרישס, צי קענט איר מיר נישט אָנווייזן עמעצן, וואָס זאָל מיר אינפאָרמירן, וואָס דאָ איז אַמאָל געווען?...

— יאָ, זאָגט ער, דאָרט אויבן, נעבן די חורבות פון קעניגלעכן שלאָס, וווינט אַ מאַלער, מיכאַליאַק הייסט ער, ער קאָן גוט דאָס שטעטל. און אויך דאָ, אין דער אַפּטייק — ווייזט ער מיר אָן — וועט מען דיר קענען זאָגן. איך בין דאָ אַ פרישער, ווויִן נישט לאַנג אין קוזמיר, קאָן איך דיר גאָרנישט זאָגן.

אין דער אַפּטייק נעמט מיך אויף אַן אַלטינקע פרוי, דאָס פּנים צעאַקערט פון יאָרן און אויגן — אומעטיקע. זי איז נישט לאַנג, זאָגט זי, אין קוזמיר. ס'הייסט: זי איז דאָ אַ געבוירענע, זי איז אַפילו געווען אַ סך יאָרן אַ מיטגליד אין היגן שטאָט־ראָט, אָבער דער מלחמה־שטורעם האָט זי פאַרטריבן פון קוזמיר און ערשט צוויי וואָכן ווי זי וווינט ווידער אין קוזמיר. די פרוי קוקט מיר גלייך אין די אויגן, זי זוכט עפּעס אין מיין פּנים און קוקט אויף מיין נאָז פּונקט ווי איך קוק אויף איר

אַדלער־נאָז. איך פיל, אַז זי וויל עפּעס פרעגן און צום סוף פרעגט זי:

— איר זענט נישט פון פוילן? אייער פוילישע אויסשפּראַך איז אַן אויס־לענדישע.

— יאָ, זאָג איך, איך בין אַן ענגלענדער. עס אינטערעסירט מיך די שטאָט פון קעניג קאַזשימיעזש דעם גרויסן. ער איז אַ גרויסער מענטשנפריינט געווען — זאָג איך.

— יאָ, ער איז געווען דער פאָטער פון אונזער שטאָט... — שטרייכט זי אונטער דאָס וואָרט „אונזער" — און פאַרוואָס אינטערעסירט אייך דוקא קוזמיר? איז אונזער שטאָט אַזוי פּאָפּולער אין אויסלאַנד?

— אין אונזער אויסלאַנד — זאָג איך איר — זענען אַ סך פוילישע שטעט און שטעטלעך פּאָפּולער. און מיך אינטערעסירן אַלע חרוב געוואָרענע קוזמירס אין פוילן...

די פרוי כאַפּט־אָן מיין האַנט און זאָגט מיר שטיל:

— ס'איז אַ גרויסע איבערלעבונג פאַר מיר, וואָס איר זענט אַהערגעקומען... איך וויל אייך עפּעס זאָגן... איך וויל אייך אַלץ דערציילן, אָבער איך מוז זיך אַביסל באַרואיקן... אַזוי ווייניק אויסלענדער קומען צו אונז...

איך בין אוועק צו דעם מאָלער מיכאַליאַק. ער איז נישט געווען אין שטוב. זיין פרוי האָט מיך אַריינגעבעטן אין אַטעליע. אַנגעלענט אָן דער הויפּט־וואַנט איז געשטאַנען אַ ריזיק נישט פאַרענדיקט בילד: דער פאַרוווּנדעטער ישו הנוצרי אויף די הענט פון זיין מוטער מאַריאַ און אונטן — אַ סצענע פון אַ פּוילישער פרוי איבער אַ פאַרוווּנדעטן פּוילישן זעלנער.

— די אַרבעט האָט דער פּולאַווער קאָשציאָל באַשטעלט ביי מיין מאַן — זאָגט מיר די פרוי — אָבער מיין מאַן האָט איצט ווייניק צייט אויף אַרבעטן. מיר בויען אין שטאָט אַ גרויסן פּענסיאָן און דאָס פאַרשלינגט לײדער די גאַנצע צייט...

— דאַכט זיך — רייס איך איר איבער די רייד — קוזמיר איז געווען אַמאָל אַ צענטער פון מאָלער.

— יאָ, ענטפערט זי — אַמאָל האָבן דאָ געלעבט אַ סך יידן און אַ סך יידישע מאָלער האָבן דאָ געאַרבעט.

— איז עפּעס פאַרבליבן פון די אַלטע בילדער?

— מסתמא נישט. בכלל איז ווייניק פאַרבליבן יידישע זאַכן. דאָס פאָלק האָט אַלץ צעכאַפּט און די אינטערעסאַנטערע זאַכן זענען פאַרברענט געוואָרן.

אַ קליין יינגעלע, דעם מאָלערס קינד, וואָס איז אַגוועזנד אין אַטעליע, שרייט אויס:

— מאמע, אין קאַסטן אין קעמערל ליגט אַ לייכטער!

די פרוי האָט זיך נישט פאַרלוירן:

— בעת דאָס „פאָלק" האָט גערויבט האָבן מיר אָויפן וועג פאַר אונזער טיר

געפונען אַ לייכטער, אָדער עפּעס ענלעכס מיט אַכט רערלעך, אַן אומוּוערטיקע זאַך פון מעש...

— איך וואָלט דאָס געוואָלט זעען — לייג איך פאָר.

— מאַמע, איך וועל עס ברענגען! — שרייט ווידער אויס דאָס ייִנגעלע.

— ניין, מען דאַרף נישט — ענטפערט די מוטער געלאַסן — ס'איז עפּעס אַן אומוּוערטיקער „טשוואָק"...

— ווען עס זאָל נישט זיין שווער וואָלט איך דיר געבעטן מיר דאָס ווייזן. ביי אונז אין ענגלאַנד האָבן מיר אַ שטאַרקן אינטערעס פאַר אַלטע ייִדישע זאַכן אַפילו ווען זיי זענען אומוּוערטיקע „טשוועקעס" — זאָג איך איר פּלעגמאַטיש.

— עס איז מיר באמת שווער איצט גיין עס אויסזוכן צווישן דעם אַלטוואַרג און שמאַטעס.

דאָס ייִנגעלע האָט נאָך אַמאָל אויסגעשריגן, אַז ער ווייסט, ווו „דאָס" ליגט און ער איז גרייט „עס" צו ברענגען. די מוטער האָט אַלס שטראָף אַרויסגעשיקט דאָס קינד פון צימער און איך בין אַוועק זיך זעען מיט איר מאַן, דעם קונסט־מאַלער, וואָס בויט אַ פּענסיאָן אין קוזמיר...

איך האָב אים געטראָפן ביי דער אַרבעט, דעם בעל דבר. ער איז גרייט מיר אַלץ צו ווייזן, ווייזט ער מיר קודם כל דאָס ראַטהויז, אַ היסטאָרישער בנין, וואָס ווערט איצט רעסטאַווירט. עטלעכע אַנדערע אַנטיקע בנינים, וואָס מען פאַריכט און דעם קאָשציאָל, וואָס מען האָט שוין דערפירט צום צושטאַנד פון פאַר דער מלחמה. דאָס איז אַלץ, וואָס ער האָט מיר צו ווייזן אין קוזמיר.

זאָג איך אים: אין אַ קונסט־קאַטאַלאָג האָב איך געהאַט געזעען אַן אַנטיקע ייִדישע שול פון קוזמיר.

— אַך, — זאָגט ער מיר — אייך אינטערעסירן אויך אַזעלכע זאַכן?

— זייער. ביי אונז אין ענגלאַנד אינטערעסירט מען זיך מיט אַלץ, וואָס איז איבערגעבליבן פון ייִדן — זאָג איך אים.

— כמעט גאָרנישט איבערגעבליבן — ענטפערט ער קורץ און מיר גייען צו דער שול.

און איך האָב געזעען:

דאָס גאַנצע שול־געסל איז חרוב. פון דער שול זענען איבערגעבליבן בלויז די דיקע שטיינערנע ווענט. אַלע ייִדישע הייזער אויפן מאַרק (און כמעט אַלע זענען ייִדישע געווען) שטייען אין חורבות. און דער פירער מיינער דערציילט מיר, אַז צוויי מאָל האָט קוזמיר געליטן: אין אָנהייב מלחמה, ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען די שטאָט, און שפּעטער, בעת די דייטשע און רוסישע קאַמפן איבער דער ווייסל. ביידע מאָל איז די שול ניצול געוואָרן, זי איז אָבער צעריסן געוואָרן דורך דער באַפעלקערונג, ווייל אַלץ וואָס איז געווען שיין אין דער שול איז געווען פון האָלץ: דער סטילאַרטיקער דאַך, דער ארון קודש, דער בעלעמער, דער באַלקן און דער דיל. האָבן פּויערים געדאַרפט האָלץ אויף צו הייצן — זענען זיי פאַרפאַרן

מיט וועגענער צו דער שול און אויסגעהאַקט האָלץ ווי אין אַ וואַלד. אַפילו די דייטשן האָבן געשוינט די שול — אַזוי דערציילט מיר דער מאָלער — ווייל ער, מיין אינפאָרמאַטאָר, זאָל זיי האָבן אויפגעקלערט, אַז דער בנין איז אַן אַנטיקער. אָבער די פויערים האָט מען נישט געקאָנט אויפקלערן, ווייל קאַלט איז געווען און צו דער שול און צום בית מדרש — נענטער ווי צום וואַלד... אויף דעם זעלבן אופן האָבן די אויסוווּרפן צעריסן פיל יידישע הייזער.

דאָס גיהנום האָט זיך אָנגעהויבן נאָך פיל פריער: בעת די גרויסע פרעסט אין יאַנואַר 1940 האָט מען די יידן אַרויסגעיאָגט פון די הייזער און צוזאַמען מיט די פולאַווער יידן געטריבן צופוס קיין אָפּאָלע. אויפן וועג האָבן די דייטשן און אוקראַינער געשאָסן טויזנטער יידן, וועלכע זענען געבליבן ליגן אויפן שאָסיי.

די לעבעדיק געבליבענע זענען פאַרטריבן געוואָרן אין אַ לאַגער און אין 1941 זענען זיי אַלע אומגעקומען אין בעלזשעץ.

נאָכן אַרויסטרייבן די יידן האָט זיך די פוילישע באַפעלקערונג אַ לאָז געטאָן נאָך רויב. די צווייטע כוואַליע רויבער זענען געקומען אַפילו פון די ווייטסטע דערפער אַרום. און דער מאָלער איז זיך מתוודה פאַר מיר:

— גראַד יענעם טאָג ווען מען האָט די יידן פאַרטריבן פון שטאָט בין איך נישט געווען אינדערהיים. ווען איך בין אויפצומאָרגנס געקומען איז שוין אַלץ געווען צעכאַפּט... קיין ברעקל זילבער איז שוין אין שול נישט געווען. און פון די באַהעלטענישן האָט מען שוין געהאַט אויסגערויבט די זילבערנע קרוינען, די לייכטער, אַלץ. בלויז איין מעשענעם לאָמפּ מיט אַכט רערלעך האָב איך אויסגעפונען, דאָס איז געווען אַלץ, וואָס איז געבליבן פון דער שולס אוצרות.

דער אָרעמער מאָלער, וואָס בויט איצט אַן אייגענעם פענסיאָן, האָט נעבעך נישט געוווּסט, אַז וועגן דעם זעלבן „לייכטער מיט אַכט רערלעך" האָט מיר זיין פרוי דערציילט אַן אַנדערע מעשה.

— און מער פון די יידישע זאַכן האָט זיך ביי דיר נישט אויפגעהאַלטן? — פרעג איך דעם מאָלער.

— יאָ, זאָגט ער, כ'האָב געהאַט נאָך אַ ספר־תורה. כ'האָב זי געקויפט ביי אַ פויער, וואָס האָט גערויבט אין דער שול. כ'האָב באַצאָלט פאַר איר אַ האַלבן קוב צוקער און דערצו נאָך געמאָלן אַ פּאָרטרעט פאַר דעם פויערס פרוי. אָבער די ספר־תורה האָב איך שוין פאַרקויפט. צען טויזנט זלאָטעס האָב איך באַקומען פאַר איר.

— און יידישע בילדער האָבן זיך ביי אייך נישט אויפגעהאַלטן?

— האָ, — טוט ער אַ מאַך מיט דער האַנט — יידישע בילדער זענען געווען אין די הונדערטער. אָבער אַלץ איז צעכאַפּט געוואָרן. אין די קאַלטע טעג האָט מען מיט זיי געהייצט די אויוונס. און ווען די רויטע ארמיי האָט דאָ איינקוואַרטירט זעלנער און אין די פענצטער זענען קיין שויבן נישט געווען — האָבן די זעלנער די ליידיקע פענצטער־ראַמען אויסגעפילט מיט בילדער אַנשטאָט שויבן. מיט דער

רעשט בילדער האָבן זיי געהייצט די אויוונס. אַביסל בלויז איז דאָך פאַרבליבן ביי דעם קוזמירער סוחר טאַדעאוש אולאַנאָווסקי. ביי אַ צווייטן מאַלער, וועלכער וווינט ביי דער ווייסל, זענען פאַראַן סאַמעטענע „איבערציען" צו ספר־תורה׳ס און קליינע זאַכן פון זילבער.

נאָך דעם ווי איך האָב זיך געזעגנט מיטן מאַלער, בין איך אַוועק צום סוחר, וואָס האָט יידישע בילדער. אַנשטאָט דעם סוחר האָב איך געטראָפן זיין פרוי. פון אָנהויב האָט זי מורא געהאַט צו רעדן, אָבער ווען איך האָב איר געוויזן מיין בריטישן פּאַס און געזאָגט, אַז איך בין אַ זשורנאַליסט האָט זי זיך מודה געווען, אַז זי האָט בילדער פון נתן קאָזשען און נתן שפיגעל. נאָר זי ווייסט נישט ווו איר מאַן האָט די בילדער באַהאַלטן:

— מעגלעך אויפן בוידעם און מעגלעך ערגעץ אַנדערש.

האָב איך צופעליק אַריינגעקוקט אין צווייטן צימער און געזעען די ווענט באַהאָנגען מיט פּייזאַזשן. אַז איך האָב געוואָלט אַריבערטרעטן די שוועל פון צימער האָט זי פאַרמאַכט די טיר און זיך אויפגערעגט:

— מיין טאַכטער שלאָפט דאָרט!

אַלץ איז געווען פאַר מיר קלאָר.

ווען איך בין צוריקגעגאַנגען צום מאַרק, האָט שוין די שטאָט געוווסט, אַז עס געפינט זיך דאָ אַן ענגלישער זשורנאַליסט און אַז ער פרעגט זיך אויף יידן. פון די איינציקע געוועלבערביים קאַשציאָל, פון רעסטאָראַן, האָבן אַרויסגעקוקט מענטשן און נאָכגעקוקט מיינע טריט.

איך בין אַריין אין דער אַפּטייק. די אַלטע פרוי האָט זיך דערפרייט מיט מיר און אַריינגעבעטן מיך אין אַ זייטיק צימער.

— דו האָסט דערקענט, אַז איך בין אַ יידישע פרוי? — פרעגט זי — מיין נאָמען איז ניסנזאָן. איך בין די ערשטע יידישע פרוי אין קוזמיר נאָך דער מלחמה. אַ יידישער פוס טאָר די דאָזיקע ערד נישט באַטרעטן. פאַר אַריינלאָזן מיך אין שטאָט האָב איך געגעבן צוואַנציק טויזנט זלאָטעס אויף אַ זייגער פאַרן קאָשציאָל און דער גלח האָט זונטיק געהאַלטן אַ רעדע פון בעלעמער, מען זאָל מיך לאָזן וווינען אין קוזמיר, ווייל איך האָב צוריקבאַקומען די אַפּטייק און איך וועל פאַר־קויפן ביליק רפואות. פויערטעס קומען איצט צו מיר און קושן מיר חניפהדיק די האַנט, איך זאָל זיי געבן אַזעלכע גוטע רפואות ווי פאַר דער מלחמה. אָבער מיין מאַן האָט מורא צו קומען אהער. זיי וועלן אים שעכטן. זיי האָבן צופיל אויף זייער געוויסן. זיי האָבן מורא צו קוקן אַ ייד אין די אויגן אַריין. וווינט מיין מאַן אין לאָדזש און איך — דאָ.

— נו, און אויך איך בין אַ ייד — זאָג איך איר.

— איך האָב פאַרשטאַנען — זאָגט זי מיט פרייד — וואָרום וועלכער גוי וועט זיך אינטערעסירן מיט יידן היינט? אָבער זיי פאַרזיכטיק. מיכאַליאַק, דער מאַלער איז שוין געווען ביי מיר און דערציילט, אַז דער ענגלישער זשורנאַליסט

וויל וויסן בלויז וועגן יידן. און ער בויט אַ פּענסיאָן. פאַר דער מלחמה איז ער געווען אַן אָרעמער פויערישער זון און היינט איז ער דער רייכסטער בירגער אין קוזמיר. איך האָב ביי אים געקויפט אַ ספר־תורה פאַר צען טויזנט זלאָטעס, אָבער ער וויל איך זאָל אים געבן נאָך געלט. ער האָט אוצרות פון יידישע זאַכן. און נישט נאָר ער. אַלע אין שטאָט האָבן געירשנט די יידן. וואָס זיי האָבן נישט באַוויזן צוצורייבן האָבן זיי די רעשט אָפּגעקויפט ביי די דייטשן. היינט לעבן זיי פון דעם, וואָס זיי פאַרקויפן די יידישע זאַכן, וואָרום, ווי דו זעסט איז קוזמיר היינט אַ חורבן. קיינער קומט נישט מער אַהער. פאַר דער מלחמה האָבן דאָ געלעבט העכער דריי טויזנט יידן און אין די זומער־חדשים זענען געקומען פיל טויזנטער געסט. היינט גייט דאָ אַרום דער טויט. נישטאָ גאָרנישט. האָסט געזען דעם מאַרק? האָסט געזען די חרובע הייזער?

כ'האָב זיך געזעגנט מיט דער פרוי און אַרויס אויפן מאַרק. אויף די ווענט פון די חרובע יידישע הייזער האָב איך נאָך אָפּגעפונען יידישע אויפשריפטן, וואָס האָבן גערופן די קוזמירער יידן זיי זאָלן שטימען פאַר דער ליסטע נומער זיבן צו די קהילה־וואַלן...

איך האָב זיך געזעגנט מיט די לעצטע יידישע אותיות אויפן קוזמירער מאַרק און אַוועק צו דער ווייסל זיך אַריבערשיפן אויף דעם אַנטקעגנאיבערדיקן ברעג, וווּ עס ליגט דאָס פּיצינקע שטעטעלע יונאָוועצ.

י ר נ א ו ו צ ע

ווען איך בין אַרויף אויפֿן שיפֿל און אָפּגעשלאָגן פֿון ברעג, האָב איך געהאַט דאָס געפֿיל, אַז איך שיף זיך איבער טרערן און נישט איבער דער ווייסל. אַזוי אומעטיק האָבן געוואָשן די כוואַליעס דעם מדבר־זאַמד פֿון דער פּוסטער פּליאַזשע.

איך האָב דאָך געקענט קוזמיר פֿון איר שבת־יומטובדיקייט, ווען די ברעגעס פֿון דער ווייסל זענען פֿול געווען מיט יידישער צעפֿילדעטער יוגנט, ווען פֿון די כוואַליעס פֿון טייך האָבן אַרויסגעגלאַנצט די קופּער־ברוינע גופֿים, אָפּגעברענטע פֿון זון און לופֿט, און איצט איז דאָ פּוסט. אַזוי שווידערלעך פּוסט. אין קוזמיר איז דאָך אפֿילו דער בית־עולם צעטרעטן און פֿאַרוואַנדלט אין אַן איבונגס־פּלאַץ פֿאַר פּויליש־מיליטער. פֿון דעם גאַנצן רוישיקן לעבן איז דאָך אפֿילו קיין מצבה נישט געבליבן.

ווען איך בין געגאַנגען צום קוזמירער סוחר טאַדעאוש אולאַנאָווסקי זען, צי ער האָט יידישע בילדער — האָב איך אָפּגעטרעטן אין שכנותדיקן מאַנאַסטיר. אומזיסט וועט איר דאָ זוכן אַ סימן פֿון צעשטערונג, הגם דער מאַנאַסטיר געפֿינט זיך אויף אַ באַרג און איז געווען אויסגעשטעלט אויף האַרמאַטן־קוילן און באָמ־באַרדירונגען בעת די דייטש־רוסישע קאַמפֿן איבער דער ווייסל. אָבער וויזט אויס, אַז רויבערישע הענט זענען מסוגל גרינגלעכער צו צעשטערן, ווי האַרמאַטן־קוילן. דער מאַנאַסטיר איז נישט באַווינט. די דייטשן האָבן פֿאַרטריבן די נזרים און דאָ געמאַכט זייער היים און פֿייניקונגס־קאַמערן פֿאַר טשעכאָסלאָוואַקישע יידן, וואָס זענען דאָ געבראַכט געוואָרן אויף צוואַנגס־אַרבעט ביים פֿאַרפֿעסטיקן די ווייסל. פֿון דעמאָלט אָן געפֿינט זיך דאָ נישט קיינער. און קיינעם איז נישט איינ־געפֿאַלן אַ ציגל צו רירן פֿון דאַנען, אָדער אַ שטיקל האָלץ. רואיק און ציכטיק איז דאָ, לענגאויס דעם לאַנגן הויף זענען אויסגעלייגט יידישע מצבות, וואָס האָבן געדאַרפֿט בלייבן לזכר אויף די קברים פֿון יידישע דורות...

דער פּאַליאַק, וואָס רודערט מיין שיפֿל איז אַנגעכמורעט, דאָס לעבן אין פּוילן איז אים שווער — זאָגט ער. אפֿילו צו רודערן דאָס שיפֿל איז היינט שווערער ווי אַמאָל. אַלץ איז אין פּוילן שווערער געוואָרן.

— דו זינדיקסט — באַמערק איך — דו דאַרפֿסט ליב האָבן פּוילן ווי מיר האָבן ליב אונזער ענגלאַנד... האָסט אַ פֿריי פֿאָטערלאַנד, וואָס בויט זיך שנעל אויף, צו עסן האָסטו אַ סך און בכלל...

— אונזער פֿאָטערלאַנד איז נישט פֿריי — זאָגט ער — פֿרעמדע הערשן איבער אונז...

— נישט אמת — רייס איך אים איבער —ס'איז דיין קוזמיר, דיין ווייסל, דיין שיפל און דיינע קינדער גייען זיכער אין אַ פּוילישער שול.

— יאָ, אָבער די רעגירונג איז דאָך אַ... יידישע און אַ באָלשעוויסטישע.

— ביסט נישט גערעכט — שלאָג איך אים איבער — יידן זענען כמעט ווי נישטאָ אין פּוילן און די, וועלכע זיצן היינט אין דער רעגירונג אַרבעטן דאָך פאַר דיינעטוועגן און פאַר דיינע קינדער.

דער גוי האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט פאַרדאַכט. עפּעס איז אים מיין ענגלישקייט נישט געפעלן. ער האָט געשוויגן. כ'האָב מורא באַקומען ער זאָל מיך נישט חושד זיין, אַז איך בין אַ ייד און איך האָב סתם אַ זאָג געטאָן:

— איר האָט א פּרעכטיקן טשערטש...

— וואָס איז דאָס?

ווייז איך אים אויפן האַריזאָנט די קירך און לייג איבער צוויי פינגער אין אַ צלם.

— אַ קאָשציאָל, מייבסטו?

— ביי אונז אין ענגלאַנד הייסט עס „טשערטש"...

— „ציאַטש, ציאַטש" — חזרט איבער דער גוי און שמייכלט — גוט צו פאַרגעדענקען אַן ענגליש וואָרט „ציאַטש", און שיינע ציאַטשס זענען ביי אייך אין ענגלאַנד?

— יאָ, פּלענטי אָוו שיינע טשערטשס — פאַרזיכער איך אים און פיל, אַז איך האָב שוין צוריק געוונען זיין צוטרוי.

מיר האָבן צוגעשלאָגן צום ברעג און ער איז דער ערשטער אַרויס פון שיפל. ער איז געלאָפן פאָראויס און די אָנגעטראָפענע יונאָווצער פּויערים מבשר געווען, זיי זאָלן מאַכן אַ וואָרע, ער פירט אַן אמתן ענגלענדער, וואָס וויל זעען דעם „ציאַטש" אין יונאָווצע.

די פּויערים האָבן געקוקט אויף מיר, אויף מיין הולך און אַראָפּגענומען די היטלען און איך האָב געענטפערט דווקא אויף ענגליש, ווילעריש — „העלאָו", אָבער פון דערווייטנס האָב איך שוין געזעען דאָס אומגליק, וואָס קומט מיר אַנט־קעגן אין יונאָווצע.

כ'האָב יונאָווצע געקענט פון פאַר דער מלחמה, אין די זומערס פלעג איך אהער קומען אויף אויספלוגן, ווארום יונאָווצע האָט פאַרמאָגט איינע פון די סאַמע אינטערעסאַנטסטע שולן אין פּוילן און זי איז געווען איין עלטער מיט דער שול אין קוזמיר, אָבער ליכטיקער, גרוימיקער, ווי איר קוזמירער שוועסטער.

מיט עטלעכע הונדערט יאָר צוריק איז יונאָווצע געווען אַ גרויסע יידישע קהילה, אָבער זי איז במשך פון דורות שטאַרק פאַראָרעמט געוואָרן און זיך איינ־געשרומפן ביז עטלעכע צענדליק פאַמיליעס. קיין גרויסע גבירים זענען די יונאָווצער יידן קיינמאָל נישט געווען. וואָס מ'שטיינסגעזאָגט פאַר אַ רייכטימער קענען האָבן יידן, וואָס דינגען סעדער ביי פּויערים אויף זומער, וואָס לייגן לאַטעס

אויף פויערישע שטיוואַלעס, אָדער קויפן און פאַרקויפן אַ קעלבל. האָבן זיי צוויי צילן געהאַט אין זייער לעבן: אויסגעבן די קינדער און נחת און אָפּהיטן די שול, זייער בת־יחידה.

צופוסנס פון אַ גרויסן ריטערלעכן שלאָס, אין טאָל וואָס איז אַמאָל געווען דאָס געלעגער פון דער ווייסל, ליגט די שול. ערשט אַ יאָר פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה האָבן די אָרעמע יונאָוועצער יידן אויפגעפרישט זייער שטאָלץ. פון די ליכטיקע זויבערע ווענט האָבן אַראָפּגעקוקט אײדעלע יידישע אָרנאַמענטן דורכגעפלאָכטן מיט לויבגעזאַנגען פאַרן רבונו של עולם. אַלע פאַרבן פון רעגנבויגן האָבן אַראָפּגעשפּילט פון די ווענט אין צאַרטע פידלען, אין צימבלען און טראָמפייטן. אויפן יונאָוועצער ארון־קודש האָבן לייבן און לעמפּערטן געגעסן וויינטרויבן און אַראָפּגעקוקט צו די מתפּללים מיט אַזעלכע מילדע בליקן, ווי זיי וואָלטן מיטגעפילט מיט די יונאָוועצער יידן, וואָס ווען זיי אַליין עסן פולע הענגלס מיט וויינטרויבן, מוזן די יידן שווער האָרעווען אויף פּרנסה...

די יונאָוועצער יידן האָבן זיך בשום אופן נישט געוואָלט רעכענען מיט געשיכטע, זיי האָבן געהאַלטן, אַז זייער שול איז די עלטסטע אין פּוילן און זי הייבט זיך אַרויס העכער איבער די הייזער, וואָרום קוזמירער שול איז געשטאַנען נידעריקער, כּדי מען זאָל זי נישט אַרויסזעען פון צווישן די געסלעך און פּשוטע הייזער, בעת דאָ אין יונאָוועצע האָט זי זיך אויפגעהויבן מיט אַ שטאָק העכער פון אַלע דעכער. די יונאָוועצער יידן האָבן געהאַלטן, אַז זיי האָבן די ערשטע אין פּוילן אַרונטערגעפירט דעם רבונו של עולם אונטער אַ דאַך. איז פאַרוואָס איז זיך גאָט ברוך הוא אַזוי ביטער באַגאַנגען מיט זיינע יונאָוועצער שאָף?

פאַרוואָס?! פאַר וועלכע זינד?!

ווען די פּויערים האָבן געפירט „זייער ענגלענדער" ווייזן די יונאָוועצער אַלטערטימלעכקייטן, האָבן זיי פאַרקערעוועט צום ריטערלעכן שלאָס, אָבער דער „ענגלענדער" האָט פונדערווייטנס דערזעען די חורבות פון דער שול און איז געגאַנגען אַהין. די פּויערים האָבן זיך איבערגעקוקט: עפּעס אַן אויסטערלישער ענגלענדער, האָבן זיי מסתמא געטראַכט, ער גייט נישט ווו מען פירט אים, נאָר ער גייט אַליין, ווי ער וואָלט געקענט יונאָוועצע.

בלייב איך שטיין ביי דער חרובער שול און פרעג:

— ווהאט איז דהיס?

פאַרשטייען נישט די פּויערים און איך פרעג אויף אַ צעבראָכענעם פּויליש:

— וואָס איז דאָס?

— דאָס איז גאָרנישט — טוט איין פּויער אַ מאַך מיט דער האַנט — דאָס איז אַמאָל געווען אַ יידישע „בוזשניצע".

— פאַרברענט געוואָרן? — פרעג איך.

— ביין, נישט פאַרברענט — זאָגט אַ פּויער — יידן זענען אַוועק האָט מען די שול אַזוי צו ביסלעך...

— צענומען — העלף איך אונטער.

— יאָ, אַזוי זיך, ווער אַ שטיק בלעך, ווער אַ שטיקל האָלץ, אַזוי זיך... סיי־ווי דאַרף מען זי נישט, שטייט אין וועג.

— אַ שאָד די שטיינער — מישט זיך אַריין אַן אַנדער פויער — נעמט יעדער וואָס ער דאַרף, איז געבליבן בלויז דאָס־אָ.

— אַ שיינע געווען?

— שיין, נישט־שיין, אַזוי ווי זייער אַ „בוזשניצע” מיט „ציצעלעך” מיט זילבערנע מכשירים — שאָקלט זיך מיין אינפאָרמאַטאָר, ווי דאָס שאָקלען זיך וואָלט געדאַרפט דערקלערן דעם „ענגלענדער” וואָס ער מיינט מיט „ציצעלעך” און מיט זילבערנע מכשירים.

— און וווּ זענען די אַלע זאַכן?

— ווער ווייסט? — טוט דער פויער אַ קוועטש מיט די פלייצעס — מ׳האָט צעכאַפּט. סיי־ווי איז קיין סך נישט געווען, האָט מען עס צעכאַפּט.

די אַרומיקע שטייען און לאַכן דיסקרעט.

— און וווּ זענען די יידן?

— אָ, מיט זיי איז געווען נאָך ערגער, מען האָט זיי אויסגעשאָסן, ווי מען שיסט קראָען — זאָגט דער זעלבער פויער — די דייטשן זענען געקומען, ארויס־געפירט און צעשאָסן, אַרום אויפן פעלד ליגן אַ סך באַגראָבן.

— און די דייטשן האָבן צוגענומען זייערע זאַכן? — פרעג איך.

— יאָ, אַביסל זיי און אַביסל האָט מען צעכאַפּט, ווי געוויינטלעך: דער באַלעבאָס איז נישטאָ, דאָס לעבן אים צוגענומען, האָט מען צעכאַפּט, ווי געוויינטלעך.

ווי געוויינטלעך האָב איך זיך געמוזט האַלטן, צונויפקנאָמפּן זיך, נישט אַרויסווייזן דעם מינדסטן סימן, אַז פאַר זיי שטייט אַ ייד, וואָס האָט מורא צו זאָגן דעם אמת, אַז ער איז איינער פון די, וואָס די דייטשן האָבן צעשאָסן איבער די יונאָוואָצער פעלדער און וואָס די שכנים האָבן צערויבט זייער אָרעמקייט און זייערע פאַראַטן. איך האָב זיך נאָך שטאַרקער באַהאַלטן אונטער מיין ענגלישער מאַסקע און געפרעגט:

— ס׳איז געווען דאָ „פריילעך”, וואָס?

— נו, אַזוי פריילעך איז נישט געווען — זאָגט איינער — די דייטשן זענען געקומען זוכן די יידישע זאַכן, זיי האָבן זיי געוואָלט, ווי אין קוזמיר, צונעמען און זיי שפּעטער אונדז פאַרקויפן, אָבער די באַנדיטן האָבן גאָרנישט געפונען... ביי קיינעם נישט...

— נו, זאָג איך צום גוי פונעם שיפל — קום, מיר פאָרן צוריק.

— און דעם „ציאַטש” וועסטו נישט זען? און אָט דעם שלאָס? אַ ריטער־לעכער שלאָס!

— ניין, איך וועל מער גאָרנישט זען.

מיר זענען געגאַנגען צוריק, די פּויערים זענען אונז נאָכגעגאַנגען און ווידער מסתמא געטראַכט וועגן דעם אויסטערלישן ענגלענדער, וואָס קומט קיין יונאָווצע און וויל מער נישט זען ווי די חורבות פון דער יידישער „בוזשניצע".

די זון האָט זיך אָנגעהויבן זעצן, ווען איך האָב זיך געפונען אויפן טייך. אַ שווערער, ביטערער אומעט האָט מיך געקלעמט, דעם אָטעם פאַרשפּאַרט. ווען אַ ברעקעלע זאַמד פאַלט אַריין אין אויג — עקט זיך די וועלט, ענדיקן זיך אַלע פאַראינטערעסירונגען. און דאָ בין איך אַן עדות פון אַזאַ ריזיקן אומגליק. צוויי יידישע חורבע שטעט ליגן אויףביידע ברעגן ווייסל, צוויי אַלטע פאַרשניטענע יידישע קהילות און צוויי אַלטע שולן, רעשטלעך פון נאַציאָנאַלע מאָנומענטן, וואָס האָבן באגלייט א טויזנט־יעריקע געשיכטע אינעם טראגישן לעבן פון אונזער פאָלק.

און עס בלייבט מיר נאָך כח צו דערשלאָגן זיך צום ברעג...

פולאַוו

ווען איך בין אָנגעקומען אויף דער באַן־סטאַציע פולאַוו בין איך געווען דער איינציקער פּאַסאַזשיר, וואָס איז אויסגעשטיגן פון צוג, דער איינציקער מענטש, וואָס איז בכלל געווען אויף דער סטאַציע אויסער די באַן־דינערשאַפט. און ווען די באַן איז אַוועק, איז דאָ געוואָרן אַזוי האָפנונגסלאָז פוסט, ווי די סטאַציע וואָלט געפירט צו מדבריות. כ׳האָב אפילו נישט געפונען קיין וואָגן צו פאָרן אין שטאָט־אַריין און דעם לאַנגן וועג דורכגעמאַכט צופוס.

עס איז מיר איינגעפאַלן, אַז דאָ אין פולאַוו וועל איך זיך איבערצייגן, אַז ס׳איז אמת די געשיכטע, וואָס מען פאַרשפרייט אויף דער וועלט, אַז צוזאַמען מיט די יידן האָט מען אויך אויסגעשאָכטן פּאָליאַקן און אַנדערע סלאַווישע פעלקער... זיכער האָט מען דאָ אין פולאַוו פאַרניכטעט די יידן צוזאַמען מיט די פּאָליאַקן. וואָרום ווען נישט, פאַרוואָס איז דער וועג אַזוי פוסט? פאַרוואָס טרעף איך נישט דאָ, אויף דעם לאַנגן וועג, קיין מענטש, קיין לעבעדיקן נפש.

אַמאָל איז פולאַוו אַ רוישיקע יידישע שטאָט געווען, מיט אַרבעטסזאַמע יידן, מיט בעלי־מלאכות און תבואה־סוחרים, מיט פאַרהאָרעוועטע שפּילעטערן, וואָס ס׳האָט זיך זיי געדאַכט אַז אָן דעם אימפּעט זייערן וועלן די פּויערים נישט האָבן קיין זאַלץ און קיין נאַפט, און קיין דאַנציק וועלן נישט גיין די האָלץ־טראַטעוועס און די בערלינקעס מיט תבואה, זיי וועלן חס וחלילה בלייבן שטיין אויף דער ווייסל.

צו דער באַן פלעגן לויפן בריטשקעס אויפנעמען פּאַסאַזשירן. וואָס הייסט עפּעס מען וועט לאָזן אַ וועלט צעהפקר׳ט? לאָזן פּאַסאַזשירן גיין צופוס אַ פיר־פינף קילאָמעטער? און אַז אַ פרעמדער ייד איז געקומען אין שטאָט־אַריין פלעגן אים יידן אַנטקעגנקומען, אַ „טאַפּ טון״, וואָס דאַרף אַ ייד אין פולאַוו? אפשר מסחר׳ן? טאָ דאַרף מען מעקלער און סוחרים, און מען דאַרף טרעגערס צו טראָגן די סחורה, און וועגן צו פירן די סחורה און טאָמער סתם אַ גאַסט, וויל פאָרן קיין קוזמיר — איז אדרבה — שטייען גרייט וועגענער און אויטאָס: זעצט זיך, ר׳ ייד, און פאָרט געזונטערהייט!

ווען איך קום אָבער אין דער פאָרשטאָט פון פולאַוו, דאָרט ווו פאַר דער מלחמה האָבן געוווינט פּאָליאַקן — געפין איך אַ נאָרמאַל, שטיל לעבן. די מויערלעך זענען באַוואָקסן ביי די אַריינגאַנג מיט ווילדן ווייַן. אויף די צעעפנטע פענצטער שטייען בלומען־טעפּ און עס הילכן אַרויס ראַדיאָ־טענער מיט זיסער מוזיק. ביי די קאַזאַרמעס שטייען מיידלעך און פלירטעווען מיט זעלנער — אַזוי ווי עס איז געווען אַנומלט, ווען דאָ האָט געזידט אַ יידיש לעבן.

אָבער ווען איך קום אַריין אין שטאָט, דאָרט ווו ס'האָבן זיך געפונען די יידישע געסלעך, די יידישע הייזער און קראָמען, געפין איך גרויסע פּלעצער באַוואַקסן מיט גראָז און פון צווישן גראָז קוקן־אַרויס די ציגל־פונדאַמענטן פון געוועזענע הייזער, דאַכט זיך מיר, אַז דער רויטער ציגל־שטויב איז פאַרגליווערט בלוט. לענג־אויס די גראָז־פּלעצער ליגן נאָך סימנים פון טראָטוארן, גאַסן און הייזער, מיט אומנויטיקע הידראַנטן, וואָס שטעקן אַרויס פון אונטער דער ערד. עלעקטרישע סלופּעס אָן דראָטן. און אומעטום צווישן גראָז וואַקסן אַרויס ווילדע נאַרציזן. אָט די ווילדע נאַרציזן, מיט געלע טויטע אויגעלעך, קוקן אַראָפּ פון אַלע פּלעצער, פון אַלע גאַסן, ווו ס'האָבן אַמאָל געלעבט יידן. צי איז דאָס די בלום פון יידישן אומקום?

און ווו זענען די יידן פון פּולאַוו? ווו איז דער טומל פון די געזונטע פּולאַווער טרעגער און באַלעגאָלעס?

אונטן ביי דער ווייסל, דאָרט ווו אַמאָל פלעגט זיך טומלען אַ יידיש לעבן, איז שטיל ווי ביי אַ דאָרפישן טייך. עטלעכע פּויערים זיצןביים ברעג און וואַרטן געדולדיק אַ פיש זאָל זיך פאַרטשעפּען אין דעם הענגל, וואָס זיי האָבן פאַרוואָרפן אויפן וואַסער. דער פּאָרט איז צעשטערט און אומנויטיק. עס גייען נישט קיין דאַמפּערס, עס שווימען נישט קיין טראַטוועס און בערלינקעס.

אין דעם וואונדערלעכן קעניגלעכן פּאַרק ביי דער אַקאַדעמיע פאַר לאַנד־ווירטשאַפט האָב איך געטראָפן שטילע פּאָרלעך אין די פאַרשאָטענטע אַלייען; האָב איך געזוכט יידישע אויגן, די שטילע אויגן פון יידישע טעכטער און זין, און איך האָב זיי נישט געפונען.

בין איך אַוועק צום יידישן בית־עולם אין פּולאַוו. אפשר וועל איך דאָ געפינען עמעצן, וואָס זאָל מיר זאָגן, צי לעבט נאָך אַ ייד אין פּולאַוו? צי איז נאָך אַ זכר געבליבן פון יידישן געביין, פון יידישער מי און פראַצע — האָב איך קיין בית־עולם נישט געפונען. אפילו קיין בערגל פון קיין קבר נישט געפונען.

חרוב ונחרב איז דאָס יידישע פּולאַוו — אַ קהילה, וואָס האָט געבויט און געשאַפן במשך פון לאַנגע דורות.

מיד פון זוכן און נישט געפינען קיין זכר פון יידן, בין איך אַוועק אין דער פאָרשטאָט אין אַ רעסטאָראַן. און באַלד ביים אַריינקומען האָב איך זיך אָנגעטראָפן אויף אַ זכר פון יידן. אויפן באַלקן האָב איך דערזען אַ מעשענעם הענגלייכטער, אַזעלכן וואָס פלעגט הענגען אין בתי־מדרשים, אַ גרויסן דעמבענעם קרעדענס, שווערע טישן פון יידישע עסצימערן. איך וואָלט געשווירן, אַז אפילו די ווייסע סערוועטענע טישטעכער זענען פון יידישע היימען. די גאָפּל און די לעפל זילבערנע און מיט געבלימלטע מאָנאָגראַמען — אַלץ, אַלץ איז דאָ געווען יידיש, בלויז דער באַלעבאָס איז געווען אַ פּאָליאַק.

דער באַלעבאָס זעט אַ פרעמד פּנים, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט: אַן „אויסלענדיש פּנים", זעצט ער זיך צו צו מיין טיש און דערלאַנגט מיר אַ צייטונג.

זאָג איך אים אַ ליגנט, אַז איך רעד בלויז עטלעכע ווערטער פויליש, אָבער לייענען קאָן איך נישט, ס'איז פאַר מיר אַ פרעמדע שפראַך. און עס חזרט זיך איבער די זעלבע קאָמעדיע מיטן „ענגלענדער", ווי אין יונאַוועצ. ווייל ער וויסן, וואָס עס טוט אין האַלב־טויטן פולאַוו אַן ענגלענדער. זאָג איך אים: איך בין נייגעריק צו זעען דעם חורבן, וואָס די דייטשן האָבן געמאַכט אין פוילן, וואָס זיי האָבן צע־שטערט. ווערט ער באַרעדעוודיק און דערציילט מיר דעם חורבן:

— ביי אונז אין שטאָט האָבן די דייטשן צעשאָסן אפשר צען פאָליאַקן, מיר זענען אַלע געווען שרעקלעך צעשראָקן.

— צען מענטשן צעשאָסן? — וווּנדער איך זיך.

— יאָ, יאָ, אַרויסגעפירט און צעשאָסן אונטער דער שטאָט.

— ס'איז טאַקע אַ גרויס אומגליק — גיב איך צו — און ווען איז די שטאָט צעשטערט געוואָרן?

— אַביסל בעת די דייטשן זענען דאָ אַריין. שפּעטער, ווען מען האָט די יידן אומגעבראַכט, און צום סוף — ווען די רוסן זענען אַריין.

— וואָס? ביי אייך אין פולאַוו זענען געווען יידן? — פרעג איך אים מיט גוזמאַדיקער נאַיוויטעט.

— אָ, די זענען געווען אומעטום אין פוילן. אין אַלע שטעט. אין פולאַוו זענען זיי געווען שוין צופיל. זיי האָבן די גאַנצע שטאָט פאַרנומען.

— איז ווּ זענען אַהינגעקומען די יידן? — פרעג איך ווייטער.

— אָ, זיי האָט מען באַלד פאַרטיק געמאַכט, מען האָט זיי געטריבן קיין קאַזשימיעזש און מער ווי אַ העלפט האָט מען אויפן וועג דערליידיקט.

— ווען איז דאָס געווען? — בין איך נייגעריק.

טראַכט ער אַ ווײַלע און ענטפערט אין האַלבער פאַרלעגנהייט:

— כ'געדענק נישט גענוי... באַלד... מאַריש... — שרייט ער אַריין אין דער קיך — מאַריש! ווען האָט מען אויסגעענדיקט די יידן?

און איך הער אַן ענטפער:

— צי דאַרף איך נאָך דאָס געדענקען?

דער גוי האָט „נעבעך" אַליין געמוזט מאַטערן זיין מוח און פעסטגעשטעלט:

— אין די גרויסע פרעסט אין 1940 אָדער 1941. מען האָט זיי אַלע צונויפ־גענומען אויפן מאַרק און זיי געטריבן קיין קאַזשימיעזש. מען האָט דערציילט, אַז קיין סך זענען אַהין נישט דערגאַנגען. דער גאַנצער שאָסיי איז געווען פול מיט טויטע. די פויערים, וואָס זענען געקומען קיין פולאַוו, האָבן דערציילט, אַז זיי האָבן נישט געקענט אַדורכפאָרן מיט די וועגן, אַזוי פיל טויטע זענען געלעגן אויפן שאָסיי.

— וויפל יידן זענען דאָ געווען פאַר דער מלחמה? — פרעג איך.

— אָ, דאָס איז שווער צו וויסן, אפשר זעקס און אפשר טאַקע אכט טויזנט. אָבער זיכער מער, ווייל זיי האָבן קיינמאָל נישט געוואָלט אויסזאָגן זייער צאָל.

זייער כיטרע מענטשן געווען... און נישט אָרנטלעכע מענטשן. זיי האָבן נאָר געוואָלט אָפּנאַרן.

— אַזוי? נישט אָרנטלעכע מענטשן געווען? — איך באַקוק דעם מאָנאָגראַם אויפן הענטל פון מעסער און ווייז אים אַן מיטן מעסער אויפן יידישן מעשענעם העגנגלייכטער: דו ווייסט, מיר געפעלט זייער דער לאָמפּ, אַ שיינער לאָמפּ. צי קאָן מען קויפן אַזעלכע אין פולאַוו?

דער גוי קוקט מיט צעטראָגענע אויגן אויף מיין אויסגעשטרעקטע האַנט און זוכט אַן ענטפער:

— דאָס איז... א „נאָך־דייטשער לאָמפּ"... כ'ווייס, אפשר האָט נאָך עמעצער אזא לאָמפּ אין פולאוו?.

— וואָס הייסט דאָס „נאָך־דייטשער"? — פרעג איך.

— די דייטשן האָבן פאַרקויפט אויפן מאַרק ביליקע זאַכן.

— הא — כאַפּ איך זיך, אַז איך האָב פאַרשטאַנען — די דייטשן פלעגן ברענגען קיין פוילן וואַגאַנען לאָמפּן און זיי פאַרקויפן? איך פאַרשטיי שוין.

— ניין, ניין. דאָס האָבן זיי פאַרקויפט די זאַכן נאָך די יידן — קלערט ער מיר אויף — זיי האָבן אַלץ פאַרקויפט...

— פאַרשטיי איך שוין זענען די אלע זאכן דאָ ביי אייך די „נאָך־דייטשע" — ווייז איך אים אויפן קרעדענס און אויף די טישן.

— זיי פלעגן ביי מיר שיכורן, האָבן זיי געצאָלט מיט זאַכן, די גערמאַנעס.

— האָט די גאַנצע באַפעלקערונג געקויפט „נאָך־דייטשע" זאַכן?

ווערט דער גוי פריינטלעך־פאַרטרווילעך און דערציילט:

— די פאָליאַקן האָבן דאָ געהאַט אַן אונטערערדישע באַוועגונג. דער „בלוטיקער טאָג", ווען מען האָט צעשאָסן די צען פוילישע, איז טאַקע געווען, כדי צו באַשטראָפן די אונטערערדישע באַוועגונג, ווייל מ י ר פלעגן פירן סאַבאָ־טאַזש־אַרבעט. ווען מ'האָט די יידן אַרויסגעפירט האָט מען אונז געזאָגט מען זאָל צעשלעפן די יידישע זאַכן, כדי די דייטשן זאָלן נישט האָבן וואָס אַרויסצופירן. האָבן די ייִנגלעך זיך אַ לאָז געטאָן איבער יידישע הייזער און איידער וואָס־ווען זענען אַ סך הייזער געווען ליידיק...

איך האָב אים באַדאַנקט פאַר די ווערטפולע אינפאָרמאַציעס און זיך געזעגנט מיטן יידישן העגנגלייכטער, מיטן יידישן מעבל און בין אַוועק.

עס איז געווען אַ ליכטיקער זומערדיקער טאָג. איך בין געגאַנגען מיטן וועג, וווּ יידישע יוגנט פלעגט אַמאָל שפּאַצירן אין ראָמאַנטישע אָוונטן. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אז אין דער לופט הענגען נאָך שטיקלעך און איבערבלייבעכטס פון זייערע שאַרפע דיסקוסיעס איבער וועלט־באַנייאונג און וועלט־באַפרייאונג. איז מיר שווער געווען צו טרעטן איצט איבער דער דאָזיקער באַנייטער און באַ־פרייטער ערד, וואָס איז אַזוי דורכגעזאַפּט מיט מאָרד, מיט רויב, מיט שפלות און מענטשלעכער געפאַלנקייט.

זאַמאָשטש

די אַלטע פעסטונג־שטאָט זאַמאָשטש איז באַרימט געוואָרן איבער דער וועלט צוזאַמען מיט דעם נאָמען פון יצחק לייבוש פּרץ. נישט די פעאָדאַלע מחלוקות פון די זאַמאָשטשער ריטער, נישט דער גלאַנציקער נאָמען פון די פירשטן זאַמאָיסקעס, וועלכע האָבן דאָ געהאַט זייער רעזידענץ, נאָר דווקא אַ יידישער מייסטער האָט די שטאָט מפורסם געמאַכט איבער דער וועלט.

זאַמאָשטש איז געווען איינע פון די עלטסטע יידישע קהילות אין פוילן. יידן האָבן שוין דאָ געוווינט נאָך איידער זאַמאָשטש איז געוואָרן אַ שטאָט. זענען יידן געווען די נשמה און דער גוף פון זאַמאָשטש. די אָרטיקע שול האָט געהערט צו די עלטסטע יידישע אַרכיטעקטור־ מאָנומענטן אין פוילן, דער אַלטער זאַמאָשטשער בית־עולם האָט אין זיינע קברים געהאַלטן דאָס שטערבלעכע פון דורות גאונים, רבנים און פּיאָנערן און קעמפער פאַר מאָדערנע אידייען ביי יידן.

פאַר דעם מבול, וואָס איז געקומען אויפן פוילישן יידנטום, האָבן דאָ געלעבט זעכצן טויזנט יידן, בעלי־מלאכות און סוחרים, אַרבעטער און קרעמער און אַ גרויסע יידישע אינטעליגענץ. אין דער פעסטונג־שטאָט זענען געווען נאָך צוויי פעסטונגען, וואָס האָבן אויפן לעבן פון די יידן געהאַט אַ גרעסערע השפּעה, ווי די חומרדיקע מויערן און פאָסן, וואָס האָבן ארוימגעצוימט זאַמאָשטש: חסידות און השכלה.

איז דאָ געווען אַ רייך יידיש לעבן, מיט שולן און ביבליאָטעקן, מיט אַן אייגענער פּרעסע, מיט פאַרטייען און פאַרטייעלעך, און אַ פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער־באַוועגונג, חסידים־שטיבלעך און בתי־מדרשים און פיל צענדליקער חברות. וואָרום פונקט ווי אין אַלע שטעט האָבן אויך יידן אין זאַמאָשטש געחלומט וועגן אַ בעסערע וועלט, וועגן גאולה. און די יוגנט האָט מקריב געווען איר לעבן פאַר דער בעסערער וועלט. וואָס איז פאַר איר נישט געקומען.

זאַמאָשטש האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע סאָציאַליסטישע באַוועגונג: די קאַמפן צווישן בונד, פועלי־ציון און קאָמוניסטן זענען דאָ געווען אַזעלכע הייסע, אַזעלכע פאַרביסענע, פונקט ווי אויף זיי וואָלט אויסגעפאַלן דער גורל צו בויען די „נייע" וועלט, ווי זיי וואָלטן געווען דער יסוד פון סאָציאַליזם... און אפשר זענען זיי טאַקע געווען דער יסוד? אפשר זענען זיי געדערכט געווען? וואָרום איך האָב איצט געזען דעם סאָציאַליזם אין זאַמאָשטש, די „נייע וועלט", וואָס הענגט אין דער לופט, וואָס האַלט זיך אויף דעם שוואַכן לייוונט פון רויטע פענער און פּאַפּירענע פּלאַקאַטן און אויף דעם סאָוויעטישן שכן, וואָס געפינט זיך ביי דער נישט ווייטער

גרענעץ. דער יסוד איז אין בעלזשעץ, אויף די פעלדער ארום געוועזענעם פאר־ניכטונגס־לאגער, אדער אויף די פעלדער ארום איזשביץ.

דאס שיינע זאמאשטש מאכט איצט דעם איינדרוק פון א טעאטער, ווו מען האט אויף דער סצענע אויסגעשטעלט די דעקאראציעס פון אן אלטערטימלעכער שטאט, מיטן אלטן מארק און מאלערישע הייזער, אבער דאס פובליקום איז נישט געקומען און די אקטיארן האבן נישט פאר וועמען זיך צו ווייזן...

האלב אויסגעליידיקט איז זאמאשטש. אין דער נייער שטאט, וואס יידן האבן אויסגעבויט פאר דער מלחמה א קילאמעטער ווייטער פון צענטער, וווינען הייַנט צוויי יידישע משפחות אן קינדער, צוויי פארפעלקער. דאס איז אלץ וואס איז געבליבן פון דער רייכער יידישער קהילה.

ווען איך בין געשטאנען נעבן דער שול אויף דער פרץ־גאס (דער נאמען איז פארבליבן אפילו איבער די צייטן פון דער דייטשער אקופאציע) איז צו מיר צוגעקומען א פאליאק אין מיליטערישער קליידונג און געפרעגט בזה הלשון:

— וואס זוכט איר דא, הער פראפעסאר?

— איך קוק אויף אט דעם בנין און איך ווייס נישט וואס דאס איז — ענטפער איך אים.

— דער הער פראפעסאר פארנעמט זיך זיכער מיט פארשן אלטע בנינים? — פרעגט ער נייגעריק און איך באשליס נישט ארויספירן אים פון טעות.

— יא — זאג איך — איך פארש אלטערטימלעכקייטן און איך בין נייגעריק צו וויסן וואס פאר א בנין דאס איז.

— דאס איז — זאגט ער — די אלטע שול. דא האבן די יידן געהאט באהאלטן אלע זייערע זילבערנע מכשירים און כלים פון אלע שולן אין זאמאשטש. קומט אריין אט דא — ווייזט ער מיר אן — וועט איר זען עפעס.

און איך זע א טיפן גרוב מיט אן ארומבויאונג פון א טונעל. אונטן איז דער טונעל א גרוימער און אין דער פינצטער זעט מען נישט זיין סוף. מיין אינפאר־מאטאר קלערט מיר אויף, אז אט דער טונעל איז געבויט פאר די צייטן ווען דא האבן געקיניגט די זאמאיסקעס און ער ציט זיך אויף א מרחק פון א סך קילא־מעטערס ביז דער שטאט קראסנאסטאוו. די יידן האבן אויסגענוצט וואס די שול איז געווען געבויט איבערן טונעל, האבן זיי זיך דערגראבן צו אים און דארט באהאלטן די ספר־תורות און דאס זילבערווארג פון די זאמאשטשער בתי־כנסת. די דייטשן האבן פון דער שול געמאכט א שפייכלער אויף תבואה. אבער דאס פאלק אין זאמאשטש האט געוווסט וועגן דעם, אז דארט זענען באהאלטן אוצרות. ערשט ווען די דייטשן זענען אוועק פון שטאט און די רוסישע ארמיי האט נאך די שטאט נישט געהאט פארנומען, האט זיך דאס פאלק א לאז־געטון צו דער שול און מיט קילאפן און לאפאטעס דערגראבן זיך צו די קאסטנס. פון פריען אוונט ביז אויפ־צומארגנס באגינען האט מען געגראבן. די לעגענדע וועגן די באגראבענע אוצרות, וואס האט יארן לאנג נישט געלאזט רוען די זאמאשטשער „אביוואטעלעס״, איז

איצט געוואָרן אַן אמת און איבער די קאַסטנס איז אויסגעבראָכן אַ פאַרמעלע מלחמה: מיט די לאַפּאַטעס, מיט וועלכע מען האָט געגראָבן, האָט מען זיך געהאַקט איבער די קעפּ. די געשרייען פון די קעמפנדיקע פרויען האָבן געהילכט איבער דער שטאָט. ערשט ווען מען האָט געעפנט די קאַסטנס זענען די רויבער שיער נישט דערשטיקט געוואָרן. איינער האָט זיך געוואָרפן אויפן צווייטן כדי אַרייג־צוקומען מיט די הענט אין די קאַסטנס און יעדער האָט געכאַפּט וואָס עס האָט זיך געלאָזט, וואָס עס איז געקומען אונטער דער האַנט. דער גוי, וואָס דערציילט מיר וועגן דעם אין אַן אומגעלומפּערט, כאַאָטיש לשון, באַצייכנט אַלע זאַכן, וואָס זענען געווען אין דער הייל, מיט איין וואָרט: „ציצעלע", אָבער פון זיינע אויפ־קלערונגען האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָ זענען געווען באַהאַלטן די זאַמאָשטשער ספר־תורות, די תורה־קרוינען, לייכטער, חנוכה־לאָמפּן, הענגלייכטער און אַנדערע כלי קודש. ער קען — זאָגט ער מיר — די אַלע זאַכן, ווייל ער איז געבוירן געוואָרן אין איין טאָג מיטן זאַמאָשטשער רב׳ס זון און אין דער קיך פון רב איז ער געווען אַ שטענדיקער איינגייער...

ווען די רויטע אַרמיי איז אַריינגעקומען, האָט זי זיך דערוווּסט וועגן דעם גרויסן רויב־קאַמף. האָבן רוסישע זעלנער אָנגעהויבן גראָבן טיפער אין טונעל, זיי האָבן מיט האַמערס אויסגעקלאַפּט די מויערן, צי עס זענען נישט פאַראַן אין דער שול דאָפּלטע ווענט — אָבער גאָרנישט איז מער געבליבן. אַלץ איז שוין געווען אויסגערויבט.

און נאָך עפּעס זאָגט מיר מיין אינפאָרמאַטאָר: דאָס פאַרבליבענע פאַרמעגן אין די שולן פון זאַמאָשטש האָט מען אויסגערויבט אין דעם טאָג ווען מען האָט די יידן אַריינגעטריבן אין געטאָ — אין דער נייער שטאָט אויסער די פעסטונג־ווענט, דאָרט ווו יידן האָבן פאַר דער מלחמה אַ גאַנץ שטאָט־פערטל אויסגעבויט. מען האָט די שולן אַזוי באַרויבט, אַז קיין נאָגל אין דער וואַנט איז נישט געבליבן.

אין דער אַלטער שול ליגט נאָך דער סקעלעט פון אַ ריזיקן מעטאַל־זשיראַנדאָל, וואָס די רויבער האָבן נישט געקאָנט אַרויסטראָגן. אויפן בוידעם פון דער שול ליגן בערג מיט ספרים, וואָס די רויבער האָבן אַראָפּגעריסן פון זיי די לעדערנע איינבונדן. דעם אינהאַלט פון די ספרים דאַרפן זיי נישט, פון דעם קען מען אין אַזעלכע פינצטערע צייטן קיין געלט נישט מאַכן. נישט מער, ווען די באַלעבאָסטעס פון די אַרומיקע הייזער דאַרפן אַביסל פּאַפּיר צו באַקוועמלעכקייט־צוועקן, שיקן זיי ארויף א קינד אויפן בוידעם נאָך א ספר...

— קום נאָר אַהער — רופט מיין אינפאָרמאַטאָר אַ קליין יינגעלע — דער הער פּראָפעסאָר וועט דיר געבן צען גילדן און דו ברענג־אַראָפּ פון בוידעם אַ בוך.

דאָס יינגעלע איז געלאָפן פרעגן זיין מאַמען, צי זאָל ער גיין אויפן בוידעם. מיט אַ מינוט שפּעטער עפנט זיך אַ שכנותדיקע טיר, אַ פרוי שטעקט־אַרויס דעם קאָפּ און באַטראַכט מיך פון אויבן ביז אַראָפּ. נאָכדעם קומט אַרויס דאָס יינגעלע

און קלאָגט זיך, אַז דאָס מאָל לאָזט אים נישט די מוטער קריכן אויפן בוידעם פון דער שול.

איצט וועט שוין קיינער נישט פרעגן: הלמאַי זענען די זאַמאָשטשער יידן געבליבן אַליין בעת זייער גרויס אומגליק? הלמאַי האָט זיך אין זאַמאָשטש נישט געפונען קיינער וואָס זאָל אויסשטרעקן אַ האַנט צו אַ ייד און אים שענקען אַ טרייסט־וואָרט?

די צוויי יידישע פאַרפעלקער וואָס וווינען איצט אין זאַמאָשטש, געפינען זיך נישט אין דער אייגנטלעכער שטאָט, נאָר אין דעם נייעם שטאָט־פערטל אויסער די ציטאַדעל־מויערן.

זאַמאָשטש איז פולקאָם יידן־ריין. אָבער אַ סימן, אַז דאָ האָט זיך אָפּ־געשפּילט אַ קאָכעדיק יידיש לעבן וועט איר דאָך געפינען אויף די אויסערלעכע ווענט פון דער שול. איר וועט דאָ געפינען אַ גרויסן אויפגעמאָלענעם אויפרוף מיט יידישע אותיות:

„האַנטווערקער, סוחרים און בעלי־מלאכות! שטימט פאַר דער ליסטע נומער 8!" —

דאָס איז געווען דער לעצטער אויפרוף און די לעצטע וואַלן פון אַ דורות־לאַנג יידיש לעבן.

דאָס יידישע לעבן איז אַוועק פון זאַמאָשטש אויף אייביק. אין דער פאַר־ניכטונג פון דער זאַמאָשטשער קהילה האָבן אָנטיילגענומען דריי פעלקער: די דייטשן האָבן אָרגאַניזירט דעם מאָרד, אוקראַינער האָבן געמאָרדעט און פּאָליאַקן האָבן גערויבט. זאָל די געשיכטע אויסרעכענען די פּראָצענטער אין וויפל יעדעס פאָלק האָט זיך באַטייליקט.

די זאַמאָשטשער יידן האָט מען אָנגעהויבן אויסשעכטן דעם עלפטן אַפּריל 1942, ווען דער ס. ס.־מערדער קאַלב האָט געפאָדערט ביי גאַרפינקלען, דעם פרעזעס פון יודנראַט, ער זאָל אים געבן דריי טויזנט יידן. ער האָט געגעבן. פון דעמאָלט־אָן זענען פאָרגעקומען יעדן חודש „אויסזידלונגען" און דעם 16־טן אָקטאָבער 1942 האָט די זאַמאָשטשער קהילה אויפגעהערט עקזיסטירן.

אָבער אין 1947 איז נאָך די יידישע טראַגעדיע אין זאַמאָשטש נישט געווען פאַרענדיקט.

אין יאָר 1947 האָב איך אויף אַ זאַמאָשטשער גאַס איבערגעלייענט די מצבות, וואָס דינען אַנשטאָט טראָטואַרן: זאַמאָשטשער בירגער טרעטן איבער די מצבות פון שרה טאַרבינער, זיסערמאַן, לאַקסענבערג און צענדליקער אַנדערע יידן, וואָס זייערע נעמען איז שוין איצט שווער צו לייענען. די מצבות געפינען זיך אויף דעם טראָטואַר, וווּ עס שטייט דאָס הויז פון דעם דערמאָנטן יודנראַטלער גאַרפינקעל. מיט מצבות איז אויך אויסגעפּלאַסטערט די גאַס ביים בנין פון קרייז־געריכט, דאָרט וווּ עס ווערט איצט געמאָסטן די מאָס פון גערעכטיקייט. דער שאָסיי אויף „פּאַניענסקע"־גאַס איז אויף צוויי קילאָמעטער אויסברוקירט מיט יידישע מצבות.

און זאַמאָשטש איז נישט קיין שטאָט פון פאַרנאַכלעסיקונג. אָ, ניין. זאַמאָשטש איז אַ שטאָט פון קולטור און פוילישער אינטעליגענץ! זאַמאָשטש האָט אַן אייגענעם מוזיי, אַ קעניגלעכע ביבליאָטעק און אַ קאָנסערוואַטאָרישע קאָמיסיע, וואָס היט־אָפּ, אַז אויף די זאַמאָשטשער אַלטערטימלעכע הייזער זאָל קיין שטויב נישט פאַלן. ווען די רעוואָלוציע האָט געזיגט אין זאַמאָשטש, האָט די שטול פונעם זאַמאָשטשער בירגערמייסטער פאַרנומען אַ קאָמוניסט. ער האָט געדאַרפט זיין דער ערשטער שטאָט־פאָטער אין זאַמאָיסקעס רעזידענץ, וואָס זאָל אַוועקפירן די וועלט אויף נייע דרכים. האָט דער רעוואָלוציאָנער באַטראַכט פאַר זיין ערשטער אויפגאַבע צו באַזאָרגן די זאַמאָשטשער קינדער מיט אַ גאָרטן און אויף דעם צוועק באַשטימט, אַז דער ערשטער רעוואָלוציאָנערער קינדערגאָרטן זאָל געשאַפן ווערן אויף דער ערד פונעם אַלטן יידישן בית־עולם, דאָרט ווו עס געפינען זיך די קברים פון די ערשטע יידן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין זאַמאָשטש און דורות שפּעטערדיקע יידן. אָבער דער נייער וועלט־סדר האָט ליב גרינטלעכקייט און דער בירגערמייסטער האָט פאַראָרדנט אויפצוגראָבן אַלע קברים און אַרויסנעמען די ביינער. און אַזוי איז געשען.

אויפן אַלטן יידישן בית־עולם האָט מען צונויפגעזאַמלט די ביינער פון פיל הונדערטער קברים און זיי עפנטלעך פאַרברענט. די יידישע זיידעס האָבן נישט אויסגעמיטן דעם גורל פון זייערע אייניקלעך און אור־אייניקלעך, וועלכע זענען פאַרברענט געוואָרן אין בעלזשעץ און אין מיידאַנעק — אויך זייערע ביינער האָט מען געברענט אויף אַ שייטערהויפן.

די צענטראַלע פוילישע מאַכט, וואָס האָט זיך דערוווסט וועגן דעם מערדערישן ספּעקטאַקל אין זאַמאָשטש האָט דעם רעוואָלוציאָנערן קינדער־פריינט באַזייטיקט פון זיין אַמט. אָבער דעם פאַקט גופא האָט מען נישט געקענט באַזייטיקן: די זאַמאָשטשער באַפעלקערונג האָט געהאַט אַ געלעגנהייט זיך צוצוקוקן ווי מען ברענט עפנטלעך יידישע ביינער אין דער תקופה פון דער רעוואָלוציע...

און דאָך האָט געזיגט דער פּראָגרעס: דער קינדער־גאָרטן אויפן אַלטן בית־עולם איז פאַרפלאַנצט געוואָרן.

נישט בעסער איז אויסגעפאַלן דער גורל פונעם נייעם בית־עולם. די מערהייט קברים איז צעראָיעט און מען ווייסט נישט מער, צי דאָס זענען קברים אָדער סתם לעכער אין דער ערד. מער ווי אַ פערטל פונעם בית־עולם־שטח האָט מען פאַראַקערט און פאַרזעצט מיט קאַרטאָפל. גראָד ווען איך בין געווען האָבן פויערטעס אָנגעהויבן אויסקאָפּען די ערשטע קאַרטאָפל פון די קברים פון דער יידישער קהילה אין זאַמאָשטש.

אויך מיט די פאַרבליבענע יידישע שולן האָבן די שטאָט־באַלעבאַטים באַשלאָסן צו פאַרוואַלטן אין זין פון „פּראָגרעסיווער קולטור”:

די אַלטע שול ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ שטאָטישן מוזיי. פאַרשטייט זיך: פאַר יידישע מערקווירדיקייטן וועט אין דעם מוזיי קיין אָרט נישט זיין. יידישע

קונסט, יידישע הייליקייטן און יידישע ספרים האָבן געפונען אַנדערע פּלעצער — פּלעצער פון הפקר און שאַנד. אין דער נייער שול איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ פאָלקס־הויז, ווו די זאַמאָשטשער בירגער זאָלן באַקומען אַ רעוואָלוציאָנערע דערציאונג.

די פּרץ־ביבליאָטעק דינט איצט אויף ביוראָען און דאָס בית־מדרש, ווו פּרץ האָט געלערנט — איז אַ פּשוטע וווין־דירה פאַר אַ פויער, וואָס האָט באַשלאָסן צו ווערן אַ קולטורעלער שטאָט־מענטש.

דאָס איז דער סך הכל פון דער דורות־אַלטער קהילה — זאַמאָשטש.

כעלעם

צווישן זאַמאָשטש און לובלין, אַביסל אָפּגערוקט אין אַ זייט, ליגט אַ שטאָט, וואָס פלעגט אַמאָל פריילעך מאַכן דאָס יידישע פאָלק.

ווער ביי יידן האָט נישט געהערט וועגן כעלם? ווער ביי יידן האָט נישט געלאַכט ביז טרערן איבער די כעלעמער גבירים, איבערן כעלעמער רב און איבער אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו אָט דער אויסגעוויילטער שטאָט פאַר יידישער גוטמוטיקייט?

דווקא דאָס פאָלקסטימלעכע געלעכטער איבערן כעלעמער מאַרק, איבער דער לבנה אויפן כעלעמער הימל און איבערן לעגענדאַרן באַרג אין כעלם — איז געווען דער בעסטער עדות ווי טיף דאָ האָט געוואָרצלט דאָס יידישע לעבן. אינעם האַרציקן געלעכטער איז דאָ געווען איין רייך שטיק יידישקייט. דאָס יידישע געמיט האָט קיין ברעקל פון אַ פּאַליאַק נישט געזעען אין כעלם. העכסטנס פלעגט מען דערמאָנען דעם שבת־גוי, וואָס איז שוין געווען אַ האַלבער ייד, אין ווענס לעבן דער יידישער שבת האָט געשפּילט אַזאַ באַדייטנדיקע ראָל.

אָבער אין דער הלצה איז כעלם געווען ווי אַ מייסטער, וואָס לאָזט דעם צוהערער „פּלאַצן פאַר געלעכטער" און ער בלייבט אַליין ערנסט, ווי ער וואָלט נישט געוווסט די סיבה פון געלעכטער.

איז כעלם געווען אַן ערנסטע יידישע שטאָט, מיט אַ גרויסע אינטעליגענץ, מיט אַ צעבענקטער יוגנט, אַ גאָט־זוכערישער און בונטאַרישער. כעלעמער יידישע יוגנט פלעגט זיך רייסן צו דער ברייטער וועלט און לאַנדן אין אַלע גלותן אויף דער ערד. און ווען איך בין איצט געשטאַנען אויף דעם פּוסטן כעלעמער מאַרק האָב איך זיך דערמאָנט, וואָס עס האָט מיר אַמאָל דערציילט אַ כעלעמער יונגער־מאַן:

„ווען ער איז אַלט געוואָרן פופצן יאָר האָט ער איינגעפּאַקט עטלעכע ביכער אין אַ קערבל, אַ פּאָר וועש און געזאָגט, אַז ער פאָרט אַוועק אין דער ברייטער וועלט. האָט אים צוגערופן זיין זיידע, אַ ייד אַ גביר, און געזאָגט: צי האָסטו געהערט מען זאָל לאַכן פון ניו־יאָרק, פון לאָנדאָן? אַ וועלט וואָס שאַפט נישט געלעכטער איז אַ שווערע וועלט. און אַז דו וועסט זיין אין דער גרויסער וועלט, וועסטו זען, אַז זיי דאַרט לעבן מיט אונז, זיי וואַרעמען זיך ביי אונזער פייער, אַן כעלם איז זיי ביטער קאַלט, וועסט בענקען אַהער..."

און געערעכט איז געווען דער כעלעמער זיידע:

ערשט ווען מיר האָבן פאַרלוירן דאָס האַרציקע געלעכטער האָבן מיר דערזעען די אכזריות פון דער וועלט און די גרויסקייט פון כעלם.

אין דעם פאַרהאַרעוועטן און אין דעם פאַרשמאַיעטן לעבן פון די כעלעמער יידישע בעלי־מלאכות און קרעמער איז געלעגן גרויסקייט. און ווען די טאַטעס זענען געזעסן אין בית־מדרש און פון אַלטע ספרים ארויסגעזוכט די בענקשאַפט נאָך גאולה, האָט די יוגנט אין די פאַראיינען און אין די קלובן אין זייערע הייסע דיסקוסיעס געשמידט וועלט־באַפרייאונג, סאָציאַליזם.

בין איך איצט אָנגעקומען אין אַ צעשטערטער אומעטיקער שטאָט. די גאַסן זענען האַלב־טויט, עלף אַזייגער בייטאָג זענען די קראָמען געשלאָסן און אַנדערע זענען אָפן בלויז מיט האַלבע טירן, ווי די האָפענונג אויף אַ קונה וואָלט געהאַלטן ביים אויסשטאַרבן. און ווען איך האָב דערזעען די מצבות אויף די גאַסן — האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך שטיי אויף אַ בית־עולם, וווּ די גאַנצע שטאָט איז באַגראָבן געוואָרן, די יידישע שטאָט מיט אַלע און מיט אַלץ, איבער וועלכע אונזער פאָלק האָט געלאַכט — די כעלעמער גבירים, דער כעלעמער רב — די כעלעמער יידישע קהילה.

אָבער ניין, דאָ אויף די גאַסן ליגן נאָר געשענדעטע מצבות. די קברים פון דער כעלעמער קהילה ליגן צעוואָרפן איבער אַלע כעלעמער פעלדער. יעדער שפּאַן ערד איז דאָ אַ יידישער קבר. בעת פּוילן איז אין יאָר 1939 צעטיילט געוואָרן צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד איז די רוסישע גרענעץ פאַרבייגעלאָפן עטלעכע קילאָמעטער הינטער כעלם. דעמאָלט האָבן די היטלער־מערדער אַרויסגעטריבן פון שטאָט צוויי טויזנט יונגע יידן, געטריבן זיי צו „זייערע ברידער די באָלשע־וויקעס" און האַרט ביי דער גרענעץ זיי צעשאָסן. היינט געפינט זיך דאָ בלויז אַ שוואַכער סימן פון אַ ברידער־קבר. אָבער דאָס, וואָס איז שפּעטער געקומען אויף די כעלעמער יידן לאָזט זיך נישט פאַרגלייכן מיטן וואָרט טויט, ווייל ווען אַ כעלעמער ייד פלעגט שטאַרבן אויף טיפוס — האָבן יידן געבעטן דעם רבונו של עולם, ער זאָל זיי מזכה זיין מיט דעם זכות פון אַזאַ געבענטשטן טויט, ער זאָל נישט אָנשיקן אויף זיי די בייזע נעכט מיט אוקראַינער און דייטשן, וואָס זענען אַכזריותדיקער פון אַלע טויטן.

עס זענען נישטאָ קיין ווערטער אין דער מענטשלעכער שפּראַך; עס האָט נאָך ביז איצט קיין שום דיכטער נישט געשאַפן דאָס וואָרט, וואָס זאָל קאָנען אויסדריקן די אכזריות, מיט וועלכע די דייטשן און די אוקראַינער האָבן זיך אָנגעגורט קעגן די עלנדע און אומבאַוואָפנטע כעלעמער יידן.

אַ פּאָליאַק, וואָס איז געפאָרן מיט מיר צוזאַמען אינעם אויטאָ פון לובלין קיין כעלם, האָט מיר דערציילט, אַז די אוקראַינישע מערדער פלעגן „אויסבאָרגן" עטלעכע יידן אויף זונטיק. זיי פלעגן קריגן אויף זונטיק אַ דערלויבעניש פון די דייטשן צו נעמען עטלעכע יידן, כדי זיך „שפּילן" מיט זיי בעת זייערע הולאַנקעס. אָבער שוין זונטיק אין אָוונט פלעגן די אוקראַינישע רוצחים די יידן באַגראָבן האַלב־לעבעדיקע אין אַ צושטאַנד, וואָס מען פלעגט מער נישט דערקענען, צי דאָס זענען געווען אַמאָל לעבעדיקע באַשעפענישן, אָדער קנוילן פון צעהאַקט פלייש.

אין שיכרות פון מאָרד־שגעון און בראַנפן פלעגן נאָך פונדעסטוועגן די אוקראַינער געדענקען, אַז מען דאַרף ביי די צעפּערטלטע יידן אַרויסרייסן די גאָלדענע ציין.

אין 1942, ווען מען האָט די יידן פון לובלינער קרייז אַוועקגעשיקט קיין בעלזשעץ צו פאַרברענען, האָבן שוין די כעלעמער יידן נישט געהאַט מער קיין כוח צו קעמפן פאַר זייער לעבן. די יידן האָבן שוין דעמאָלט געוווסט, אַז די מעשה מיטן לובלינער „יידן־רעזערוואַט" איז אויסגעטראַכט פון די דייטשן, כדי ביז צו דער לעצטער מינוט נישט צוצונעמען ביי זיי די האָפענונג און אַזוי אַרום ביי זיי אָפּטויטן יעדן געדאַנק פון ווידערשטאַנד. אָבער סיווי האָבן שוין דעמאָלט די כעלעמער יידן נישט געהאַט קיין כוח זיך אַנטקעגנצושטעלן דער ריזיקער מאָרד־אָרגאַניזאַציע פון די דייטשן און אוקראַינער — און זיי זענען געגאַנגען קיין בעלזשעץ, כדי אין דעם דאָרטיקן גיהנום אויסגעלייזט צו ווערן פון אַזוי פיל פּיין, פון אַזוי פיל טויט־אַנגסטן.

אויך דאָ איז אָפּגעמעקט געוואָרן יעדער צייכן פון יידישן זיין.

די אַלטע כעלעמער שיינע שול איז צעשטערט, דער בית־עולם איז פאַגראַמירט און געשענדעט, די קברים — ווי חזירים וואָלטן דאָ גערייעט. יעדן איבער־בלייב — צעשלעפּט. אין בית־מדרש האָט די שטאָט איינגעאָרדנט אַ מאַגאַזין — פאַרווישט יעדן שפור פון דער אַלטער יידישער קהילה, וואָס האָט דורות־לאַנג פּריילעך געמאַכט די יידישע וועלט.

איינצלנע יידישע פאַמיליעס וווינען דאָ אין שטאָט. זייער לעבן איז דאָס אומעטיקסטע לעבן אויף דער וועלט. צווישן זיי און דער פּוילישער באַפעלקערונג שטייט אַ דיקע וואַנט, וואָס קיין שום טאַט און ווערטער קענען זי נישט דורכברעכן. פון איין זייט דאָס שולד־געפיל און פון דער צווייטער — אַ צענדליק יידישע פאַמיליעס, צעשראָקענע, דערשלאָגענע און אַזעלכע, וואָס ווייסן נישט וואָס מען טוט מיט זיך...

א י ז ש ב י ץ

לאָמיר זיך איצט איבערטראָגן אויף עטלעכע שעה קיין איזשביץ, ווו אַ יידישער פוס איז נאָך נישט אַריינגעטרעטן זייט דער פאַרניכטונג פון דער איזשביצער קהילה. איצט נאָך וועט קיין שום ייד נישט וואַגן קומען אַהער, ווייל די אָרטיקע יורשים פונעם יידישן פאַרמעגן פאַרטראָגן נישט דאָס פּנים פון אַ ייד, וואָס דערמאַנט זיי, אַז זיי וווינען נישט אין זייערע דירות, אַז זיי האַנדלען אין נישט זייערע קראָמען און אַז אפילו די וועש זייערע איז פון אויסגעמאָרדעטע יידן. ווען איך בין צוריקגעקומען קיין לובלין און דערציילט, אַז איך בין געווען אין איזשביץ — האָבן די אָרטיקע יידן געהייסן מיר בענטשן גומל, ווייל דאָס איז פונקט ווי איך וואָלט געווען אין אַ שטייג פון ווילדקייטן און נישט צעריסן געוואָרן פון די חיות.

אויך דאָ איז מיר צונויף־געקומען מיין „גוישקייט".

און אַנומלט איז דאָך איזשביץ געווען אַ שטאָט, ווו ס'האָט נישט געוווינט קיין גוי, פון די איינציקע שטעט אין פוילן, ווו די באַפעלקערונג איז געווען הונדערט פּראָצענטיק יידיש.

און איזשביץ איז די איינציקע שטאָט אין פוילן, ווו די שול שטייט אינמיטן מאַרק, אַן אָרט ווו אפילו אַ קירך ווערט נישט געבויט, וואָרום איזשביץ איז געווען אַ פרומע יידישע שטאָט אויסגעווייקט אין לומדות און אין חסידות, ווו דאָס רעליגיעזע לעבן איז געווען דער תמצית, דער אינהאַלט און דאָס איבעריקע — בטלנות, ביטול זמן.

איזשביץ האָט געשמ'ט ווייט איבער די גרענעצן פון פוילן און אַהער זענען געוועזן געוואַנדערט די בליקן פון תלמידי חכמים, וואָרום געווען איז עס די שטאָט פון דעם גרויסן צדיק, רבי מרדכי יוסף, דעם בעל „מי השילוח".

די פויערים פון די אַרומיקע דערפער פלעגן רופן איזשביץ „די יידישע הויפּט־שטאָט", ווייל אירע איינוווינער זענען בלויז פון יידן באַשטאַנען, אָבער צום צווייטן מאָל האָבן זי די גויים אַ נאָמען געגעבן „די יידישע הויפּט־שטאָט", ווייל דאָ האָבן די דייטשע עמלקים קאָנצענטרירט יידן, כדי פון דאַנען צו שיקן זיי אין די פאַרניכטונגס־לאַגערן אין בעלזשעץ און סאָביבאָר, אין די גאַז־קאַמערן. דאָ איז געווען דער לעצטער עטאַפּ און פון דאַנען זענען געגאַנגען די לעצטע רופן צו די טויבע הימלען פון די זאַמאָשטשער, טישעוויצער, זשולקעווער, דראַבינער יידן און פון יידן, וועלכע מ'האָט געפירט פון דייטשלאַנד קיין סאָביבאָר אומצוברענגען, און דערווייל זיי דאָ פאַרהאַלטן.

פאַר דער מלחמה האָבן אין איזשביץ געלעבט דריי טויזנט פינף הונדערט

יידן, אָבער אין 1942, בעת מען האָט די יידן געמאָרדעט, זענען געווען וואָכן ווען אין דעם קליינעם שטעטל האָבן זיך געפינען צען טויזנט יידן.

דעם 16־טן אָקטאָבער 1942 האָט מען אַהערגעטריבן צופוס די לעצטע יידן פון זאַמאָשטש. אין דעם טאָג האָבן די דייטשן געהאַט דאָ צונויפגעזאַמלט אַזוי פיל יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך און פון דייטשלאַנד, אַז ס׳איז אין דעם קליינעם איזשביץ קיין ליידיק שטיקל פעלד נישט געבליבן, וואָס זאָל נישט זיין באַפּעלקערט מיט יידן־קרבנות גרייטע קיין סאָביבאָר.

אויף דער באַן גופא זענען געשטאַנען צענדליקער וואַגאָנען מיט יידן. אין די איזשביצער זומפּן האָבן די אוקראַינישע באַנדיטן געהייסן זיך אַריינלייגן אַכט טויזנט יידן און דאָ אין די זומפּן זענען זיי געלעגן אונטער אַ שלאַקס־רעגן דריי טעג ביז ס׳איז געקומען זייער ריי אַוועקצוגיין אין די גאַז־קאַמערן פון סאָביבאָר.

דאָ האָבן זיך אָפּגעשפּילט די מוראדיקע רויב־סצענעס, וועגן וועלכע די וועלט האָט נישט די מינדסטע אַנונג:

ביי די גרענעצן פון שטעטל זענען געשטאַנען פּאַליאַקן מיט קאַנען „בימבער״*) און פאַרקויפט צו די אוקראַינישע זעלנער פאַר יידיש גאָלד. די הונדערטער אוקראַינער באַנדיטן, וואָס האָבן געהיט די באַזונדערע גרופּן יידן, האָבן געמאָרדעט, געשענדעט און גערויבט און פאַר אַ טייל פון דעם רויב אָפּ־געקויפט דעם „בימבער״ ביי די פּוילישע פּויערים און געשיכורט. פאַר דער־לויבן אַרויסהייבן זיך פון די זומפּן האָבן יידן געצאָלט מיט דעם לעצטן איבערבלייב פון זייער פאַרמעגן. פאַר אַ זופּ וואַסער האָבן יידן געצאָלט מיט די לעצטע חופּה־רינגלעך, מיט דעם לעצטן ירושה־בריליאַנט. ווען יידן האָבן שוין גאָרנישט פאַר־מאָגט האָבן זיי פאַר אַ גלאָז וואַסער אַוועקגעגעבן די שיך פון די פיס, די מלבושים פון קערפּער. און אַלץ איז אַוועק צו די פּויערים, אַלץ איז געלאָדן געוואָרן אויף די וועגענער.

די איזשביצער יידן גופא האָט מען אָנגעהויבן אויסמאָרדן נאָך אין חודש מערץ 1942. און יעדעס מאָל, ווען פאַרביי דער שטאָט איז אַדורכגעפירט געוואָרן אַ פּאַרטיע יידן קיין סאָביבאָר, האָט מען אויך מיטגענומען אַ טייל פון די איזשבי־צער. די לעצטע „אויסזידלונג״ פון איזשביץ איז פאָרגעקומען אין חודש נאָוועמ־בער, ווען אַ סך יידן זענען אַנטלאָפן אין די וועלדער.

אַרום די וועלדער האָבן געלויערט דריי מוראדיקע כוחות: אוקראַינישע באַנדעס, פּוילישע פּאַרטיזאַנער און מוראדיקע פרעסט. פאַר אויסגעפּייניקטע יידן זענען די דריי כוחות געווען צו פיל, זיי זאָלן זיך לאַנג קענען האַלטן אין די וועלדער. ווען אין די אַרומיקע שטעטלעך זענען שוין מער קיין יידן נישט געווען, האָבן די דייטשן געלאָזט וויסן די יידן אין די וועלדער, אַז די „שווייַנעריי״, דאָס הייסט דאָס מאָרדן יידן אין סאָביבאָר, וועט מער נישט פאָרקומען און אַז פאַר די

*) „בימבער״ — בראָנפן פון היימישער אויסאַרבעטונג.

איבערגעבליבענע יידן ווערט געשאַפן אַ „רעזערוואַט", וואָס וועט באַשטיין פון דריי פונקטן: איזשביץ, וולאָדאַווע און פּיאַסקי. אין יעדן פונקט וועלן מעגן וווינען צו פיר הונדערט יידן. געיאָגט פון די וועלדער דורך די מערדער־באַנדעס, האָבן זיך יידן אָנגעהויבן דערנענטערן צו די שטעטלעך. און ווירקלעך האָט מען זיי דערלויבט אַריינקומען אין זייערע אויסגערויבטע דירות. געקומען זענען זיי, די יידן, בעת גרויסע פרעסט האָבן זיך געלייגט איבער די וועלדער אין חודש פעברואַר 1943. דעם 4־טן אַפּריל, באַגינען, זענען אָנגעקומען קיין איזשביץ עטלעכע אויטאָס פון סאָביבאָר. אוקראַינער האָבן אַרומגערינגלט די שטאָט און געשאָסן אויף די יידישע הייזער. די לעבנגעבליבענע האָבן זיי אַרויפגעטריבן אויף די לאַסט־אויטאָס און אָוועקגעפירט קיין סאָביבאָר צו די גאַז־קאַמערן.

אין יענעם טאָג איז אונטערגעגאַנגען אויף אייביק די אַלטע פרומע קהילה איזשביץ. פון יענעם טאָג אָן האָט נאָך קיין איין יידישער פוס נישט באַטרעטן די ערד.

פויערים פון די שכנותדיקע דערפער זענען געקומען מיט זייער אָנגערויבט פאַרמעגן קיין איזשביץ און פאַרנומען די יידישע הייזער. דעם בית־עולם האָבן זיי צעשטערט. די מצבות האָבן זיי אַראָפּגענומען אויף צו בויען שטעלער, פון דער אַלטער שול האָבן זיי אַראָפּגעריסן אַלץ, וואָס עס האָט זיך געלאָזט — דעם ארון־קודש, דעם בעלעמער, די שטענדערס אָוועקגעטראָגן צו זיך אַ היים. אָבער די ווענט און דעם דאַך האָבן די איזשביצער יורשים נישט געקענט צענעמען, ווי אין אַנדערע שטעט. פון יענער צייט איז די איזשביצער שול — דאָס אָרט פון וועלכן דורות יידן האָבן אויפגעהויבן זייערע תפילות צום רבונו של עולם — שוין צוויי גילגולים אַדורך: פון אָנהייב האָט מען פון איר געמאַכט אַ שאַנדהויז פאַר דעם נייעם קלאַס בירגער און איצט איז זי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּשוטן קלאָזעט פאַר די פויערים, וואָס פאָרן זיך צונויף אין די מאַרק־טעג...

שטעלט איצט פאַר איזשביץ אָן עלנט בילד, וואָס עס קען ווערן פון אַ יידישער שטאָט. געוועזענע פויערים און היינטיקע קרעמער־רויבער דרייען זיך אַרום איבערן מאַרק, אַרום דער שול, וואָס שטייט אַ פאַראומגליקלעכטע און געשענדעטע. די קליינע פענצטערלעך פון דער שול מאַכן דעם איינדרוק ווי זי, די שול, וואָלט צוגעמאַכט די אויגן, כדי נישט צוצוקוקן זיך צו אַזאַ אומברחמנות־דיקער וועלט...

הרוביעשאָוו — לעוואַרטאָוו
טישעוויץ — קראַסנאָסטאַוו

אַן אויסטערלישער נייגער האָט מיך געצויגן איך זאָל פאָרן אין דעם שטעטעלע בעלז. איך ווייס פון פאַרויס, אַז אויף דרום פון זאַמאָשטש ליגט אַ גרויסער יידישער קבר, אַז דאָרט וועל איך קיין יידיש פנים נישט באַגעגענען און גאָרנישט וואָס דערמאָנט יידן. אָבער ס׳האָט מיך געצויגן אַהין, וווהין ס׳זענען געוועז געווענדט די אויגן פון די גאַליצישע יידן — צום בעלזער הויף, צו די בעלזער געסלעך און קליינינקע הייזעלעך, וואָס ווען חסידים פלעגן זיך צוזאַמענקומען אויף די יום־טובים, האָט מען נישט געוווסט וואָס פאַרא ניסים עס געשען, אַז אַזעלכע קליינע הייזעלעך נעמען אריין אַזוי פיל יידן מיט טשעמאָדאַנען און קערבלעך, מיט זעקלעך און מיט פעקלעך... און געוואָלט האָב איך זען דאָס גיהנום פונעם גאַליצישן יידנטום — דעם פאַרניכטונגס־לאַגער אין בעלזשעץ, וואָס האָט אַזוי פיל יידישע לעבנס פאַרשלונגען.

עס איז געווען שניטצייט. אויף די פעלדער האָבן די קאָסעס געשניטן מיט געזאַנג. טרוקענע תבואה־גאַרבן זענען אין לאַנגע רייען געשטאַנען אויף די צעגילדעטע פליינען, רואיקע קי־סטאַדעס האָבן געבאָדן די קעפּ אינעם שמעקעדיקן היי אויף די לאָנקעס. אַזאַ שילמותדיקייט איז געלעגן אונטער דער צעגליטער זון — קאָן זיכער קיין שום בייז נישט געשען אין אַזאַ טאָג.

דער צוג וואָס איז געלאָפן קיין ראַוואַ־רוסקא צו דער איצטיקער סאָוויעטישער גרענעץ, איז געווען גאַנץ ליידיקלעך. דער קאָנדוקטאָר, וואָס קומט אַריין קאָנטראָלירן מיין בילעט, לייענט איבער אויפן קול די סטאַציע, וווהין איך פאָר, און קוקט אויף מיר מיט פאַרדאַכט.

— איר פאָרט אין „יענע״ געגנטן? — פרעגט ער ווי דער בילעט וואָלט אים גאָרנישט־געזאָגט.

— יאָ — ענטפער איך אָפיציעל.

— אַמטלעך?

— ניין, פריוואַט.

— טאָ זייט פאָרזיכטיק — עצה׳ט ער — קודם דאַרפט איר נישט זיצן אַליין אין קופּע. מיר פאָרן איצט אַריין אין אַן אומרואיקער סטרעפע און איך וואָלט אייך געעצה׳ט זיך איבערזעצן אין דעם ערשטן וואַגאָן לעבן לאָקאָמאָטיוו, דאָרט פאָרט מיליטער. דאָס איז פיל זיכערער.

האָב איך אָן מיין פזמון: אַ זשורנאַליסט, אַן ענגלענדער. און איך זאָג דאָס שוין מיט אַזאַ געוווינהייט און זיכערקייט, אַז איך אַליין האָב שוין אָן גלויבן אין

דעם, אַז איך בין אַן ענגלענדער פון אבות אבותינו. ווערט דער קאָנדוקטאָר נתפּעל און זעצט זיך צו צו מיר מיט אַ גאַסטפריינטלעכער עצה, אַז טאַקע דערפאַר ווייל איך בין דאָס וואָס איך בין, דאַרף איך זיין נאָך מער פאָרזיכטיק. אָנהייבנדיק פון הרוביעשאָוו זענען טעטיק די אוקראַינישע באַנדעס. די באַנדעס באַשטייען פון די אוקראַינער, וואָס האָבן מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן און זיי זענען געבליבן אין די וועלדער נאָך דעם ווי רוסלאַנד האָט די גאַנצע באַפעלקערונג פון זייערע דערפער פאַרשיקט אויף סיביר. דאָס זענען רויבער־באַנדעס, וואָס געפינען זיך איצט צווישן צוויי פייערן: פון יענער זייט גרענעץ ווערן זיי באַקעמפט דורך דער רויטער אַרמיי און פון דער זייט — דורך דעם פוילישן מיליטער. די זעלנער, וועלכע פאָרן אין ערשטן וואַגאָן פאָרן אויף אַן עקספּעדיציע אין די וועלדער. אָפּטמאָל שטעלן־אָפּ די באַנדעס דעם צוג, וואָס גייט צו דער גרענעץ, זיי באַרויבן פּאַסאַזשירן און זוכן אַזעלכע, וואָס זענען אַנגאַזשירט אין דעם איצטיקן מלוכה־אַפּאַראַט אין פּוילן, אָדער וואָס געהערן צו אַ לינקער פּאַרטיי. אַזעלכע „דערליידיקן" זיי אויפן אָרט. אויסער דעם עצה'ט מיר דער קאָנדוקטאָר בכּלל צו זיין פאָרזיכטיק אין די גרענעץ־רעגיאָנען, ווו ס'איז נישט שווער צו ווערן אַ קרבן פון פּראָוואָקאַציעס און סתם אוואַנטורעס.

אויף דער נאָענטסטער סטאַציע האָב איך זיך איבערגעקליבן אין ערשטן וואַגאָן, ווו ס'איז געפאָרן אַן עקספּעדיציע־פּלוטאָן. די זעלנער זענען געווען פריילעך, אויפגעלייגט, ווי יעגער וואָס פאָרן אויף יאַגד. די צוויי יונגע, עטלעכ־צוואַנציקיעריקע אָפיצירן, די פּלוטאָן־פירער, זענען זייער גאַסטפריינטלעך און באַרעדעוודיק. זיי האָבן שוין דורכגעמאַכט עטלעכע עקספּעדיציעס און געהאַט אויף זייער חשבון עטלעכע טויזנט טויטע און עטלעכע געפאַנגענע אוקראַינער.

— צי זענען דאָס פּאָליטישע גרופּן, אָדער סתם באַנדעס? — פרעג איך.

— אַנטשטאַנען זענען זיי ווי פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס, אָבער איצט זענען זיי שוין פולשטענדיק דעגענערירט. דאָס זענען איצט פּשוטע רויבער און מערדער. אָבער רייך זענען זיי אַלע. זיי האָבן מיט זיך גאָלד און בריליאַנטן און ביי יעדן איינעם געפינט מען צו עטלעכע גאָלדענע זייגערלעך. דאָס האָבן זיי דער עיקר אָנגערויבט ביי יידן בעתן ליקווידירן די יידן אין די אוקראַינישע און גאַליציש שטעטלעך. זיי האָבן נישט געוואַרט די דייטשן זאָלן קומען אויסמאָרדן די יידן און צונעמען דאָס יידישע פאַרמעגן, זיי פלעגן אַליין אַדורכפירן אויף אייגענער האַנט. אויסער דעם זענען זיי רייך געוואָרן פון בעלזשעץ. יידן האָבן געוווסט צוליב וואָס מען פירט זיי אַהער, קיין בעלזשעץ, פלעגן זיי דורך די וואַגאָן־פענצטערלעך אַרויסוואַרפן זייער לעצט פאַרמעגן, כדי עס זאָל נישט אָנקומען צו די דייטשן אין די הענט אַריין. איז דאָס אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די אוק־ראַינער אויף די וועגן לענגאויס די באַן־ליניעס.

— איך פאָר טאַקע זעען דעם פאַרניכטונגס־לאַגער אין בעלזשעץ און דאָס שטעטעלע בעלז — זאָג איך.

— זיכער קענסטו אַהין פאָרן, אָבער ס'איז אַ ספק צי די אָרטיקע מיליץ וועט דיר קענען העלפן אין דעם. אַרום בעלזשעץ אין די וועלדער באַהאַלטן זיך אויס אַ סך אוקראַינער און עס קומען־פאָר אויף זיי אָבלאַוועס פון ביידע זייטן גרענעץ. אָן אַ מיליטערישער שוץ קענסטו האָבן דריי עווענטועלע אומאַנגענעמ־לעכקייטן: אַן איבערפאַל פון אוקראַינער, אַ גרענעץ־פּראָוואָקאַציע, אָדער... שפּיאָנאַזש־פּראָוואָקאַציע. עס זענען דאָך נישט קיין נאָרמאַלע צייטן — שמייכלט אַ יינגער אָפיציר — בפרט אַן ענגלענדער, וואָס פאָרט האַרט ביי דער סאָוועטי־שער גרענעץ...

מיין זיכערקייט־געפיל צוזאַמען מיט מיין „ענגלישקייט" זענען אין דעם מאָמענט שטאַרק דערשיטערט געוואָרן: אַ ייד, אַן ענגלענדער, אוקראַינישע באַנדעס, סאָוויעטישע גרענעץ און ברענענדיקע ערד — דאָס אַלץ צוזאַמען איז אַן אויפרייס־שטאָף פון אַזאַ קראַפט, אַז איך האָב זיך דערפילט שוואַך און אויס־געשטיגן פון צוג און געפאָרן קיין — הרוביעשאָוו.

אין הרוביעשאָוו איז גראַד געווען אַ מאַרק־טאָג. עטלעכע און צוואַנציק וועגענער זענען געשטאַנען אינמיטן מאַרק מיט אויפגעהויבענע האָלעבלעס אין דער לופטן. אויף איין האָלעבלע איז געהאָנגען אַ זופּ, אויף אַ צווייטן וואָגן האָט געשריגן אַ חזיר און די פּויערים זענען געשטאַנען ביי די וועגענער און געביסן שטרוי צווישן די ציין. ס'האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן געוואַרט אויף אַ סיגנאַל אָנצוהייבן דעם יאַריד. אין די אָפענע טירן פון די קראָמען זענען געשטאַנען פּויערים און איך האָב נישט געוווסט, צי דאָס זענען די סוחרים, אָדער קונים, וואָס זענען בעתן דינגען זיך איבערן פרייז שטיין געבליבן אויף די שוועלן. און אפשר וואַרטן זיי אויך אויף עפּעס אַ סיגנאַל אָנצוהייבן האַנדלען?...

אין הרוביעשאָוו האָבן פאַרן מבול געלעבט זיבן טויזנט יידן. איצט האָב איך קיין איין יידיש פּנים נישט געזעען. אַז איר וועט זיך גוט צוקוקן צו די שילדן איבער די קראָמען וועט איר באַמערקן, אַז כאָטש די אויפשריפטן זענען פּוילישע — זענען זיי דאָך יידיש. בלויז דאָס אָרט, וווּ ס'איז געווען דער נאָמען פון יידישן באַלעבאָס איז איבערגעמאָלן און אויפגעשריבן אַ פּוילישער נאָמען.

אין די זייטיקע געסלעך, דאָרט וווּ ס'האָט געלעבט די יידישע געדיכטקייט, שפּילן זיך קינדער — נישט קיין יידישע קינדער, אָבער דו פילסט, אַז יעדעס הייזעלע דאָ רעדט צו דיר יידיש. און איצט שטייען זיי פאַריתומט, פאַרנעבעכט מיט אויסגעקרומטע ווענט. צי וואַרטן זיי פונקט ווי די פּויערים אויפן מאַרק, ווי די נייע סוחרים אין די קראָמען אויפן מאַרק?

און אפשר איז דער טאָג אויסגעפאַלן אין אַ יידישן יום־טוב און יידן זענען איצט אין די שולן און אין בתי־מדרשים און הייַנט נעמען זיי נישט אָנטייל אין יאַריד?

אין נישטאָ קיין יידישע שול אין הרוביעשאָוו, זי איז ערגעץ־ווו „פאַר־שווונדן". און אין די אַמאָליקע „שטיבלעך" און אין בית־מדרש שטייען בלומען־

טעפּ אויף די פענצטער. זוך איך דעם בית־עולם — איז קיין בית־עולם נישטאָ. קיין סימן, קיין צייכן פון אַ בית־הקברות. אפשר איז דער איינציקער סימן, אַז דאָ זענען יידישע קברים געווען, וואָס ציגן גייען ארום איבער די פּלאַכע בערגלעך און גריבער און צופּן דאָס גראָז?

ווען איך קום צוריק אויפן מאַרק — וואַרטן נאָך די פּויערים אויף עפּעס, וואָס זאָל אַ יאַג־טאָן מיט לעבן, וואָס זאָל זיי אַרויסרייסן די שטרויען פון צווישן די ציין און אַנהויבן אַ פּילדערנדיקן, רווישיקן יאַריד. אין אַ ווינקל פון מאַרק שטייען עטלעכע פּויערים אַרום אַ קאַלב, זיי שטייען שטיל און אַפּוואַרטנדיק, ווי אין דעם קאַלב וואָלט דער כוח פון הרוביעשאָווער יאַריד געווען פאַרכישופט און זיי וואַרטן דאָס קאַלב זאָל אַ מעקע טון מיט לעבן. ביים סטראַגאַן מיט ערדענע טעפּ שטייען צוויי פּויערטעס און קלאַפּן מיט ביינערדיקע פינגער אין די טעפּ, זיי קלאַפּן־אויס אַלע טעפּ און עס דאַכט זיך מיר, אַז קיין איינער גיט נישט אַרויס קיין קלאַנג. אפילו די ערדענע טעפּ זענען טויב און שטום, ווי שטום עס איז דאָס קאַלב, ווי עס זענען שטום די פּויערים ביי די וועגענער און די סוחרים אין די אָפענע טירן פון די קראָמען.

נישטאָ די זיבן טויזנט הרוביעשאָווער יידן — איז טויט דער הרוביעשאָווער יאַריד. דו זעסט נאָר דאָס זיפּל אויף דער אויפגעשטעלטער האַלעבלע, ווי אַ סימן, אַז דו האָסט נישט מער דאָ וואָס צו זוכן. און ווען איך זעץ זיך אויף אויפן אויטאָ־בוס הער איך בלויז פונדערווייטנס דאָס געשריי פונעם געבונדענעם חזיר אויפן וואָגן.

דער אָרעמער געבונדענער חזיר אויפן וואָגן האָט נישט געהאַט קיין אַנונג ווי וווּנדערבאַר ער האָט כאַראַקטעריזירט מיט זיין געשריי נישט נאָר דאָס הרוביע־שאָוו, נאָר אַלע הרוביעשאָווס אין פּוילן, אין אוקראַינע, אין ליטע, וווּ־נאָר ס׳האָט געטרעטן דער מערדערישער שטיוול פונעם גערמאַנישן מין. אין אונזער תקופה פון פאַראַכטונג קעגן מענטש און ציניזם הערן מיר דאָך דאָס דאָזיקע רעווען פון די טאָטאַליטאַרע, פאַשיסטישע חזירים. עס האָט מיר דערמאַנט די אַנומלטיקע רעדעס פון די דייטשע בלוט־הינט, וואָס ווען מען האָט געעפנט דעם ראַדיאָ האָט דאָס חזיר־געשריי געהילכט, ווו פון אַ גרויסן מאַרד־יאַריד...

אויפצומאַרגנס אינדערפרי, ווען איך בין געשטאַנען אויפן יידישן בית־עולם אין לעוואַרטאָוו, האָב איך אויך דאָ געזען סימנים פון חזירים, וואָס האָבן אומברחמנותדיק צעראָיעט די קברים און צעהאַקט די מצבות. און לויט דעם ווי דאָ זענען די קברים געשענדעט, וואָלט איך געשווירן, אַז די זעלבע מענטשן האָבן דאָ „געאַרבעט״ ווי אין הרוביעשאָוו. דער זעלבער סיסטעם, דאָס זעלבע טריפהנע בלוט און חיהשע פאַראַכטונג ווי דאָרט. וואָס האָבן זיי געוואָלט פון די טויטע? וואָס האָבן זיי געזוכט צווישן די ביינער פון די לעוואַרטאָווער יידישע מתים? און קיין איין בית־עולם, וואָס איך האָב ביז איצט געזען, איז נישט צעשטערט געוואָרן דורך דייטשע געצנדינער, נאָר דורך פרומע קריסטן, וואָס

זייער גאַנצער גלויבן איז באַזירט אויף דער פאַרהייליקונג פון אַ קבר, פון וועלכן דער נצרתער ייד ישו איז אויפגעשטאַנען תחית המתים ווי אַ גאָט. און אין די הייזער פון אָט די פרומע קאַטאָליקן וועט איר געפינען די וואַנט באַהאַנגען מיט בילדער פון דער יידישער פרוי מרים און איר זון, וואָס ווען זיי זאָלן האָבן געשטאָרבן אין לעוואַרטאָוו, וואָלטן די דאָרטיקע מעשטשאַנעס אויפגעגראָבן זייערע קברים, כדי פון זיי אַרויסצורייסן די גאָלדענע ציין און פון זייערע מצבות צו מאַכן אָסל־שטיינער אויף צו שאַרפן העק און מעסערס.

פינף טויזנט יידן האָבן דאָ געלעבט פאַר דער מלחמה. פינף טויזנט פאַר־האָרעוועטע לעוואַרטאָווער יידן, וואָס פלעגן פון באַגינען ביז אין די שפּעטע אָוונטן זיין אַריינגעטון אין מלאכה און אין מסחר, אין שאַפן און אין בויען. די קליינע לעוואַרטאָווער יידישע ביבליאָטעק האָט דערצויגן אַ יוגנט, וואָס האָט דעם הימל געוואָלט צוציען צו דער ערד און אַוועקגעגעבן אירע בעסטע יאָרן פאַר דער אילוזיע, אַז זיי זענען די ציגל צו אַ בעסערער וועלט. אויך דאָ ווי אין הרוביעשאָוו וועט איר נישט געפינען קיין ניצוץ פון דעם, אַז לאַנגע דורות האָבן דאָ יידן געלעבט און געשאַפן. אין די צייטן פון גזירת־כמיעלניצקי איז די לעוואַרטאָווער יידישע קהילה אויסגעשאָכטן געוואָרן. אָבער ס׳איז דעמאָלט געבליבן די שול און דער בית־עולם און יידישע עקשנים זענען ווידער אַהערגעקומען, כדי אָנצוהויבן אויפסניי. און זיי האָבן געבויט און געגלויבט, אַז איצט איז שוין די וועלט אַ בעסערע, אַז כמיעלניצקיס קאָזאַקן זענען געווען נישט מער ווי אַ ווילדער פאַרביי־גייענדיקער שטורעם. אָבער די דייטשע „זאָנדערקאָמאַנדאָ" פון לובלין צוזאַמען מיט די אוראייניקלעך פון באָכדאַן כמיעלניצקי, האָבן געוויזן, אַז די וועלט איז די זעלבע. נייַן, אַז נאָך אַלע רעוואָלוציעס און פרייהייטס־קאַמפן איז דער מענטשן־האַס און פאַראַכטונג נאָך מער געשטיגן. און פוילישע אַביוואַטעלעס האָבן געוויזן אין לעוואַרטאָוו, ווי אַזוי מען מאַכט אין מיטן זומער פון 1942 עס זאָל פאַלן אַ „שניי" פון די פעדערן פון יידישע פערענעס און קישנס. און ווען דייטשן און אוקראַינער האָבן די לעוואַרטאָווער יידן געטריבן קיין סאָביבאָר, האָבן פוילישע אויסוואורפן דעמאָלירט די יידישע שול, צעריסן דעם בית־עולם און פון יידישע מצבות אַ ווילדן מסחר געמאַכט.

עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז נאָך דעם ווי כ׳האָב געזען דעם חורבן אין דעם ערשטן יידישן שטעטל, וועל איך שוין מער נישט צעבראָכן ווערן. וואָרום וויפל מאָל קען פאַרגליווערט ווערן דאָס בלוט אין מענטשלעכע אָדערן? אָבער יעדעס מאָל ווען איך האָב זיך אָנגעטראָפן אין אַ שטעטל מיט דער פוסטקייט און הפקר, האָב איך איבערגעלעבט דאָס זעלבע געפיל, אַז עס ענדיקט זיך די וועלט, אַז מער וועל איך נישט זיין בכוח צו זען אַזאַ שוידערלעכע, אַזאַ גרענעצלאָזע פוסטקייט נאָך אַ געוועזענער יידישער וועלט.

אָבער אַ מוראדיקער נייגער באַהערשט נאָך יעדער פוסטקייט. אפשר איז בלויז דאָ אַזוי, אין הרוביעשאָוו און לעוואַרטאָוו? אפשר איז דער חורבן אין

אַנדערע שטעט נישט אַזאַ פולשטענדיקער. צי איז עס דען מעגלעך, אַז קהילה נאָך קהילה זאָלן אויסגעשאָכטן און פאַרטיליקט ווערן מיט אַזאַ גענויקייט, אַז גאָרנישט זאָל בלייבן?

אפשר האָט זיך עמעצער אָפּגעראַטעוועט? אפשר איז עמעצער דאָ געבליבן פון די זעקס טויזנט יידן?

יאָ, אין טישעוויץ זענען געבליבן איבער די פעלדער און אויף די וועגן אומצייליקע יידישע קברים. און נאָך מער קברים זענען שוין לאַנג פאַראַקערט געוואָרן. בעת די „זאָנדערקאָמאַנדאַ" מיט אירע אוקראַאינישע צוהעלפער זענען געקומען אַוועקנעמען די טישעוויצער קהילה — זענען זיך אַ סך יידן צעלאָפן איבער די וועגן און פעלדער. די וועלכע זענען נישט געפאַלן פון אוקראַאינישע קוילן און פון די דייטשע רעוואָלווער־שאָסן — זענען שפּעטער אומגעקומען אין די וועלדער דורך רויבער־באַנדעס פון שטאָטישע אויסוואורפן, וועלכע האָבן צו־געזאָגט די יידן זיי אויסצובאַהאַלטן און שפּעטער — נאָכן באַרויבן — זיי אויס־געמאָרדעט. די טישעוויצער טאַבאַק־פעלדער האָבן צוגעדעקט די קברים פון הונדערטער יידן. איר וועט נישט דאַרפן זוכן, כדי צו געפינען יידישע זאַכן און באַלעבאַטישקייט אין די דערפער אַרום טישעוויץ. כמעט אין יעדער דירה וועט איר טרעפן סימנים אַז דאָ האָט זיך „געראַטעוועט" די ירושה נאָך יידן — „גע־ראַטעוועט" הייסט עס פון דייטשע הענט...

ווען איך פרעג אַ צופעליקן פאַרבייגייער ווו ס'איז דער בית־עולם, ווייזט ער מיר ווו איך זאָל גיין. ווייל איך אָבער נישט זאָגן, אַז איך בין אַ ייד און אַז איך מיין דווקא דעם יידישן בית־עולם, פרעג איך אים אויף אַזאַ אופן:

— וויפל בית־עולמ'ס זענען דאָ אין שטאָט?

קוקט ער מיך אָן ווי איך וואָלט חס וחלילה אַראָפּ פון זינען און ענטפערט:

— נו, פאַרשטייט זיך, איין בית־עולם.

— קיין רוסישע איז דאָ נישטאָ? כ'מיין פון די אַמאָליקע צייטן, ווי צום ביישפּיל אַ יידישער פון אַמאָליקע צייטן?

— אָך — טוט ער אַ מאַך מיט דער האַנט — אַ יידישער איז געווען.

— ער איז שוין מער נישטאָ? — פרעג איך אָן נייגער.

— אַז ס'איז נישטאָ קיין יידן איז נישטאָ מער קיין בית־עולם — ענטפערט ער מיט אַזאַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, ווי דאָס וואָלט געווען אַ געזעץ.

און אַזוי פאָר איך פון שטאָט צו שטעטל און זוך אַ יידיש פּנים, אַ געביין פון יידן און פוסט איז די וועלט. ניין — צווישן די שטעטלעך, אין די דערפער, אויף די פעלדער האָט זיך דאָס לעבן נישט געענדערט. דו זעסט מענטשן, וואָס לעבן אַ נאָרמאַל לעבן, זיי האָבן נאָר־וואָס אַראָפּגענומען דאָס גרעטעניש פון די פעלדער און אָט גייען זיי שוין ווידער מיט סאָכעס און מיט אָקעראייזנס און וואַרפן איבער די ערד פאַר פרישן פאַרזיי. אויף די הייזער און אויף די שפּייכלערס אין דער געגנט זענען די ווענט באַהאַנגען מיט קרענץ פון טאַבאַק־בלעטער, וואָס

גילדן זיך אין דער זון און פילן־אָן די דערפער און שטעטלעך מיט יום־טובדיקייט.

אין דער אַלטער קהילה קראַסנאָסטאַוו, ווו ס'האָבן געלעבט דריי טויזנט יידן איז פונקט אַזוי יידנריין ווי אין דראָבין, ווו פאַרן מבול זענען געווען פינף טויזנט יידן. במשך פון דעם זעלבן טאָג בין איך געווען אין דריי שטעטלעך: אין דראָבין, זשולקעווקע און נאָך מיטאָג אָנגעקומען קיין קראַסנאָסטוו.

ס'איז געווען דעמאָלט אַ הייסער טאָג, איך האָב זיך געפילט, ווי איך וואָלט געהאַט פיבער. ביז דעמאָלט האָב איך געוווסט, אַז פולע רוישיקע שטעט מאַכן מיד אַ מענטש, אָבער איך וואָלט זיך קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט, אַז פוסטע שטעטלעך זאָלן קענען אַזוי שרעקלעך מיד מאַכן און דערשלאָגן. ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אין איינעם און דעם זעלבן טאָג האָב איך באַגלייט צו זייער אייביקייט דריי יידישע קהילות. באַגלייט צו דער אייביקייט און — די ערד אויסגעגלייכט. די הענט און פיס זענען מיר געווען געפרוירן. בין איך אין קראַסנאָסטאַוו אַריין אין אַ שמוציקן „רעסטאָראַן", ווו אויפן טיש איז אויף טעלער געלעגן אַ שטיק ווורשט פון גריטשענע קאַשע מיט בלוט. איך באַשטעל אַ גלעזל בראָנפן און איך הייס דעם באַלעבאָס ער זאָל טרינקען מיט מיר אויף מיין חשבון. ער זעט, אַז איך בין נישט פון דער געגנט. טרינקט ער מיט מיר און ווערט בייגעריק, וואָס דאָס איז פאַר אַ פאַרשוין פלוצים אין קראַסנאָסטאַוו, וואָס שטעלט בראָנפן און רעדט אַ הילצערנעם פויליש.

אָבער איידער עס פאַרגייט אים די רויטקייט פון פנים פונעם בראָנפן, פרעג איך אים, וואָס איז געשען, וואָס אין שטאָט איז אַזוי פוסט.

— ס'איז היינט שניט־צייט — ענטפערט ער — דער עולם איז אין פעלד.

— איז די גאַנצע שטאָט אַוועק אין פעלד אַריין? — פרעג איך — וואָס איז געשען? קראַסנאָסטאַוו איז אַ שטאָט, אָדער אַ דאָרף פון פויערים, וואָס גייען אין פעלד אַריין שניידן תבואה?

— האָ, ס'איז נישט אַמאָליקע צייטן — קלערט ער מיר אויף — אַמאָל איז אַ פויער געווען אַ פויער, היינט זענען אַ סך פויערים געקומען אין שטאָט־אַריין און זענען געוואָרן האַלבע סוחרים און האַלבע פויערים.

— שוין לאַנג אַזוי?

— נו, שוין אַ סך יאָרן, זינט דער אָקופּאַציע.

— און פריער? — ווער איך צודרינגלעך.

— פריער... פריער... — צייגערט ער זיך — פריער זענען דאָ... איר פאַר־שטייט? די שטאָט האָט געהאַט אַ סך „סטאַראָזאַקאָנעס"*) האָבן זיי געהאַנדלט און די פויערים האָבן באַאַרבעט די פעלדער און בעלי־מלאכות האָבן געטון זייער אַרבעט און היינט איז אַלץ געוואָרן צוזאַמען „קאַשע מיט באָרשטש".

— און ווו זענען די „סטאַראָזאַקאָנעס"? — פרעג איך.

---

*) „סטאַראָזאַקאָנעס" — פון אַלטן גלויבן — יידן.

— אָ, אויף זיי איז געקומען אַ ביטערער סוף: מען האָט זיי „צעפּערטלט״.
— ווער? — פרעג איך.
— פאַרשיידן — ענטפערט ער נאַיוו.
— ווער פאַרשיידן? — שטיי איך צו.
— די „פּרוסאַקעס״**).
— און בלויז די פּרוסאַקעס?
— דאָ זענען געקומען אויך אוקראַאינער און דער טייוול ווייסט זיי ווער נאָך.
— האָט זיך דאָ קיין איין ייד נישט געראַטעוועט?
— אַ סך זענען אַנטלאָפן אין די דערפער זיך אויסצובאַהאַלטן, האָבן די דייטשן געמאַכט אַבלאַוועס אין די דערפער. פאַר אויסבאַהאַלטן אַ ייד פלעגט מען שיסן, האָבן פויערים זיי פאַרטריבן פון די דערפער און זיי זענען אויסגעשטאַרבן, אָדער סתם אַזוי אומגעקומען.
— קומען אַמאָל יידן אַהער?
— יאָ. עס קומט אַמאָל אַ ייד, וואָס וויל פאַרקויפן אַ הויז, אָבער ווינען וווינט דאָ קיינער נישט פון זיי. נישט קיין גוטע מענטשן איצט אין שטאָט. אַן אַנדער וועלט געוואָרן. מען זאָגט, אַז אַלע געבליבענע יידן האָבן זיך פאַרזאַמלט אין וואַרשע און זיי פירן די רעגירונג. אַן אַנדער וועלט געוואָרן — טוט דער קרעטשמער אַ מאַך מיט דער האַנט און גיסט אַריין אַ גלעזעלע בראָנפן אין האַלדז אַריין.

אַ צופעליקער אויטאָבוס שטעלט זיך אָפּ אויפן פוסטן מאַרק. איך גיי אַרויס און פרעג דעם שאָפער, ווהין ער פאָרט. „קיין לובלין״ — ענטפערט ער. אין דעם אומעטיקן, טויטן אָוונט בין איך צוריקגעפאָרן קיין לובלין.

**) „פּרוסאַקעס״ — די פּרייסן.

לאָדזש

ווען איך בין געקומען איצט קיין פוילן האָב איך מורא געהאַט אַריינצוקומען אין צוויי שטעט: וואַרשע און לאָדזש. עס איז גאָר נישטאָ אַזאַ שרעקלעכער חלום, ווי שרעקלעך עס קאָן זיין די ווירקלעכקייט. און פאַר די ווירקלעכקייט פון וואַרשע און לאָדזש האָב איך מורא געהאַט. אין דעם מאָמענט, ווען איך האָב זיך געדאַרפט שטעלן פנים־אל־פנים מיט וואַרשע און לאָדזש האָב איך געהאַט דאָס געפיל, ווי איך וואָלט איינגעשטעלט דאָס לעבן און נאָך עפּעס מער ווי דאָס לעבן...

איך האָב באַגעגנט צענדליקער יידן אין וואַרשע, וואָס זענען נאָך נישט געווען אויף די חורבות פון געטאָ. זיי האָבן מורא זיך צו טרעפן מיט דעם בילד. זיי ציטערן אימת מות, אַז נאָך דעם ווי זיי וועלן זעען דעם חורבן וועלן זיי נישט קענען צוריקקערן אַהיים, זיי וועלן מוזן אַנטלויפן פון פוילן.

דאָס ערשטע מאָל אין וואַרשע האָב איך זיך אריינגעזעצט אין אן אויטאָ און געהייסן דעם שאָפער ער זאָל שנעל פאַרבייפאָרן די נאַלעווקעס און מוראַנאָוו, די סמאָטשע און די לעש און מיך אַוועקפירן צוריק אין „יענע” גאַסן, ווו דאָס לעבן איז לעבן. נאָך דער ערשטער אויפטרייסלונג האָט מיך שוין געצויגן צום געטאָ, איך האָב שוין נישט געקענט אַוועק פון די חורבות און דאָ פאַרבראַכט גאַנצע טעג.

צו לאָדזש האָב איך זיך נישט געקאָנט צוגעווינען. ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל פאַרבייגעפאָרן די פּיעטריקאָווער־גאַס האָב איך כמעט נישט געזעען קיין ענדערונגען, אָבער וואָס לענגער איך האָב פאַרבראַכט אין לאָדזש, אַלץ שווערער און אומדערטרעגלעכער זענען געוואָרן מיינע טעג און ביז היינט קען איך נישט באַגרייפן וואָס פאַר אַ כוח האַלט דאָ יידן. וויפל האָבן די פוילישע יידן געמוזט אדורכגיין, כדי זיי זאָלן קאָנען אָנגיין מיט אַ לעבן אין אָט דער שטאָט.

דאָס אימה׳דיקע בילד פון נישט־צעשטערטן לאָדזש איז גרויזאַמער ווי די חורבות אין וואַרשע. אויסער דער אַלט־שטאָט איז לאָדזש — אומבאַרירט. עס שטייען די הייזער, די פאַבריקן, די זעלבע גאַסן, אָבער די פּנימער זענען פרעמדע. דעראָבערער האָבן פאַרטיליקט די יידן און פאַרנומען זייערע הייזער און גאַסן.

וואָרום צוויי הונדערט און פינף און צוואַנציק טויזנט יידן האָבן פאַר דער מלחמה געלעבט אין לאָדזש — אַ לעבעדיקער ווולקאַן פון קרוב אַ פערטל מיליאָן צעצונדענע און פאַרהאָרעוועטע יידן האָבן פאַר דער מלחמה אויסגעפילט די פּיעטריקאָווער און דעם באַלוט, די זאַכאָדניע און די נאַרוטאָוויטש־גאַס, די צעגעל־ניאַנע און בזשעזשינער. גאַנץ לאָדזש איז געווען איין גרויסע פאַבריק, ווו די יידן זענען געווען לויפנדיקע און שוועבנדיקע מאַשינען. די גאַסן און הויפן זענען איבערפולט געווען מיט רעש און געפילדער. פון די פענצטער האָבן געקלאַפּט און

געגרעגערט מאַשינען און וועב־שטולן, די לאַנגע און שמאָלע הויפן אויף פּיעטרי־קאָווער גאַס זענען געווען צו קליין פאַר אַזאַ אימפּעט. האָט זיך געדאַכט, אַז די שוועבנדיקע יידן וועלן צעזעצן די הויפן מיט די הייזער, צעשפּאַרן די שטאָט און די גאַנצע וועלט וועט פאַרגאַסן ווערן פונעם לאָדזשער ווולקאַן. און יידן וועלן, ווי אַ צעשוימטער ים, פונאַנדערשפּרייטן און פונאַנדערטראָגן זייער אימפּעט. אפילו די שמוציקע גאַסן און דער פאַררויכערטער לאָדזשער הימל האָבן נישט געהאַט קיין רו. וואָרום ווער האָט צייט צו בויען אין לאָדזש קאַנאַליזאַציע און וואַסער־לייטונג, אַז די שטאָט איז פאַרנומען מיט לייוונט און באַרכאַן, מיט זאָקן און וואָל? אַז דער טאָג איז צו קליין און די נאַכט איז קיין נאַכט נישט? טאָ ווען וועט מען קערן די גאַסן און ווער וועט קערן, אַז די קעטעס לויפן און די סוחרים און קרעמער וואָרטן און רייסן די פּעקלעך פון די פּאַכן, ווי אַ שריפה וואָלט זיך געטראָגן איבער לאָדזש?

מיט דעם זעלבן אימפּעט וואָס יידן האָבן געבויט און געוועבט אומענדלעכע פּאַסן פאַרביקע און געבלומטע געוועבדער, האָבן יידן דאָ געשאַפן אַ רוחניותדיק לעבן אַזאַ רייַכס און פון אַזעלכע זעלטענע טיפּענישן, וואָס ס'האָט זיך קוים געגלויבט, אַז עס איז מעגלעך דאָ, אין דעם ווירוואַר, אַזאַ פאַרענדיקטקייט, אַזאַ שלימותדיקייט. און פּונקט ווי די געוועבדער און זאָקן האָבן פאַרוואָרפן אַ וועלט, אַזוי האָט אויך די לאָדזשער רוחניות געשטראַלט אויף אויסן און געוואָרפן מיט אַזאַ שפּעדיקע רייכקייט נישט נאָר פאַר זיך, נאָר אויך פאַר דער וועלט.

אין זייער גאַנצער פאַרשמייעטקייט און מסחרדיקער צעטראָגנקייט זענען דאָך די לאָדזשער יידן געווען בעלי חלומות און טרוימער. אויף די קעטעס פון זייערע וועבשטולן האָבן זיי דאָך געהאָפטן יידישע בענקשאַפטן צו העכערע און בעסערע וועלטן.

ווען אין באַלוט האָבן געקלאַפּט די אָרעמע וועבשטולן — האָט דוד פרישמאַן געשאַפן יסודות פאַר דער יידישער עסטעטיק. ווען אין די שכנותדיקע גאַסן האָבן געראַשט מאַשינען — האָט יצחק קאַצענעלסאָן אויסגעזונגען אַזויפיל בענקשאַפט און זיך געריסן צו די הימלען אין אַזעלכע דינע און מייסטערהאַפטע פאַרמען. משה בראָדערזאָן האָט דאָ, אויף דער לאָדזשער גאַס, אינעם ווירוואַר פון „פּעקלעך" און וועקסלען געפינען די צעשפּילטקייט פון יידישן לשון און די לייכטקייט פון יידישן ריטם. י. י. טרונק האָט צווישן די גרויע פאַררויכערטע ווענט פון די פּיעט־ריקאָווער „הויזן" דערזען די וועלט אין איר טראַגישער שפּיל פון איראָניע און הבל הבלימדיקייט. און י. מ. ניימאַן האָט זיין שטילקייט און עסטעטיזם איינגעזאַפּט אינעם טומל פון די לאָדזשער אָפּגעלאָזענע הויפן. מען האָט געמיינט, אַז טרוקן אין לאָדזש, נישטאָ דאָ קיין אָרט פאַר עפּאָס. אָבער ישראל ראַבאָן, דאָס קינד פון באַלוט, האָט דאָ אוצרות פון יידישער עפּיק געפונען. און אפילו דער האַלב־בדחן און האַלב־דיכטער, גראַף־קאַלי, האָט דאָ ווייטיקלעך אויסגעגראַמט אַ צעבענקטע נשמה. און צי האָט דען דער גרעסטער פוילישער דיכטער פון די נייע צייטן, דער

לאָדזשער ייד יוליאַן טוווים נישט געפונען דאָ, אין די יידישע גאסן, זיין ראָמאַנ־טישקייט און פּאַטאָס?

פּאַרמלאָז איז די פאַבריק־שטאָט לאָדזש, אָבער ווער נאָך אַזוי ווי דער סקולפּטאָר הענריק גליצענשטיין האָט דאָ געפונען זיין פולקאָמע פאָרם און זי ארויסגעטראָגן אין דער ברייטער וועלט. פון די נאָוואָטאָרן ביי די וועב־שטולן, דאָרט ווו עס ווערן געבוירן די נייע מוסטערן פון שעוויאָט און קאמגארן, האָט יאַנקל אַדלער געשאַנקען דער וועלט נייע פאָרמען אין דער מאָלעריי. און ס'איז נישט קיין צופאַל וואָס דאָ אין לאָדזש, אין דער וועלט פון פאַרביקע געוועבדער האָט הענריק שיק געפונען די פאַרביקייט פאַר זיינע מיניאטורן, דעם צינאָבער־רויט פון טייערן טוך און דעם הימל־בלוי פון איידעלע וואָלן. יצחק ברוינער, דער סאַמע כאַראַקטעריסטישסטער פון די לאָדזשער מאָלער האָט פאַרקערפּערט מיט זיך דעם לאָדזשער ייד — די פאַרבינדונג פון פאַנטאַזיע און צעפלויגענער ווירק־לעכקייט. רייך איז געווען די משפחה פון יידישע מאָלער אין לאָדזש — הירשנבערג, הירשפּאַנג, באַרטשינסקי, מאַרעק שוואַרץ, שפּיגעל. עס איז נישט געהערט געוואָרן אין דער געשיכטע פון דער וועלט, אַז אַ גרויס־אינדוסטריעלע שטאָט זאָל אַרויס־געבן אזוי פיל קינסטלער און שריפטשטעלער, ווי ס'האָט אַרויסגעגעבן די פאַבריק־שטאָט לאָדזש. און אפילו דער גרויסער פאבריקאנט אָשר קאָהן, דער וואָס ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז פאַרוועבט מיט ליילעכער און האַנטוכער, אַז זיינע טעג און נעכט זענען פאַרשפּינט מיט חשבונות און קאַלקולאַציעס, אַפילו ער האָט געשריבן ספרים און געטרוימט וועגן העכערע וועלטן, וועגן מדרגות און רוחניות...

לאָדזש איז געווען די לייכטסטע און קינסטלערישסטע שטאָט אינעם יידישן פוילן. זי האָט אַרויסגעגעבן מער קינסטלער, שריפטשטעלער, מוזיקער און אַקטיאָרן ווי וואַרשע. אָבער וואַרשע איז געווען די פירערין. ווייל וואַרשע איז געווען אַן ערנסטע שטאָט, א געזעצטע און באַלעבאַטישע. אין לאָדזש זענען אפילו די פאַבריקאַנטן געווען בעלי חלומות, וואָס ווען זיי האָבן זיך אליין נישט געפונען אין דער קונסט, זענען זייערע טייסטערס געשטאַנען אָפן פאַר יידישע קינסטלער און יידיש טעאַטער, פאַר יידישע דיכטער און מוזיקער. זייער גאַנץ לעבן האָט געהאָט אין זיך עפּעס פון ציגיינערישן הפקר. איבער נאַכט זענען רייכע פאַבריקאַנטן געוואָרן אָרעמעלייט און אָרעמעלייט זענען פלוצים אויפגעקומען ווי גבירים.

און פונקט ווי אין דער קונסט, איז לאָדזש געווען געבענטשט מיט די שענסטע יידישע טעכטער אין פוילן. יידישער חן און וועלטלעכע עלעגאַנץ, דאַמענהאַפטיקייט און שפּילעוודיקייט. עס איז קוים געווען צו באַגרייפן ווי אַזוי עס וואַקסן אַזעלכע שיינקייטן צווישן גראָע ווענט, אין שמאָלע פינצטערע הויפן און אונטער אַ פאַר־רויכערטן אייביק גראָען דושנעם הימל.

די פרומע לאָדזשער יידן האָבן מיט זיך גופא רייך געמאַכט די וועלט, מיט זייערע זילבערנע בערד, מיט זייער גבירישער הדרת־פנימדיקייט און די לאַנגע קאַפּאָטעס. לאָדזשער פרומקייט, לאָדזשער חסידות האָבן געטראָגן מיט זיך אַזאַ

וווּנדערלעכע שײנקײט און אַזאַ פֿאַרוואָרצלטקײט, אַז ס׳האָט זיך אָפּטמאָל געדאַכט, אַז נישט פֿינף הונדערט יאָר איז אַלט די שטאָט, נאָר זי שטײט דאָ פֿון ששת ימי בראשית, אַז דער רבונו של עולם אַלײן האָט לאָדזש פֿאַר אַ יידישע שטאָט געמאַכט.

ווען אין די שבתים פֿלעגט דער לאָדזשער ווולקאַן שטיל בלײבן—האָט זיך גע־דאַכט, אַז די טײַכן האָבן אויפֿגעהערט צו פֿליסן, און די וועלדער האָבן אויפֿגעהערט וואַקסן. אַזאַ געבענטשטע הײליקײט פֿלעגט זיך אויסשפּרײטן איבער דער שטאָט. עס האָבן גערוט די וועבשטולן, די מאַשינען, דער הימל האָט זיך אויסגעלײטערט און באַקומען די בלויקײט פֿון תכלת. די שווערע טליתים־זעק אונטער די אָרעמס פֿלעגן פֿאַרלאַנגזאַמערן די טריט פֿון יידן, וואָס האָבן זיך אין די וואָכעדיקע טעג אָפּגעוווינט פֿון געלאַסענעם טריט.

און די לאָדזשער צענדליקער טויזנטער יידישע אַרבעטער פֿון לײַוונט־בלײכער און טליתים־וועבער, די שפּינער און די פֿאַרבער! וויפֿל שטאָלץ און שעפֿערישקײט עס איז געלעגן אין זײער אָפּטמאָל שווער און מיאוס לעבן ווײסט נאָר דער, וועלכער האָט זײ געזען בײַ דער אַרבעט, בעת זײערע יום־טובים אָדער שטרײַקן, אין די פֿאַראײנען און בעת דעמאָנסטראַציעס. עס האָט זיך זײ געדאַכט, אַז מיט די פֿאַרביקע פֿעדעם פֿון זײערע וועבשטולן וועלן זײ אויסוועבן אַ בעסערע וועלט, אַ וועלט פֿון באַפֿרײַטער אַרבעט און באַפֿרײַטן מענטש.

און אין די גרויסע הויפֿן, צווישן די געוועלבלעך און קראָמען, צווישן די פֿאַבריקלעך און וועבערײַען זענען געווען אַרײַנגעקוועטשט בתי־מדרשים און חסידים־שטיבלעך, שולן און תלמוד־תורות, פֿאַראײנען און ביבליאָטעקן, מיט קונסט אויסשטעלונגען, מיט פּאָליטישע פּאַרטײען און קלובן. לאָדזש האָט גע־שטורעמט מיט אַזאַ רוישיק, פֿאַרביק לעבן, מיט אַ גרויסשטאָטישער פּרעסע — אַ ווולקאַן פֿון קרוב אַ פֿערטל מיליאָן לעבעדיקע אימפּעטיקע יידן האָט געברויזט, געהויבן זיך העכער און העכער, זיך געצויגן צו די הימלען, דערגרײכט די העכסטע הויכקײט און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז נאָך אַ יאָר, נאָך אַ טאָג און דער גרויסער חלום וועט ווערן וואָר, אַלע בענקענישן וועלן מקוים ווערן, אַלע באַגערן — געשטילט, אַלע קונסטפֿאָרמען וועלן דערגײן צו שלימות, די וועלט וועט זײַן זאַט מיט שעוויאָט און לײַוונט — לאָדזש וועט האָבן דערגרײכט דעם הימל.

און אין אײנעם אַ טאָג האָט זיך געשפּאָלטן די ערד און פֿאַרשלונגען דעם יידישן ווולקאַן — לאָדזש מיט אַלע חלומות.

איז איצט שווער צו גײן איבער די הײמיש־פֿרעמדע פֿאַריתומטע גאַסן פֿון לאָדזש. עס טוט אַזוי טיף ווײ, ווען מען גײט מיט דער פּיעטריקאָווער, מיט דער צעגעלניאַנע און נאַרוטאָוויטש־גאַס. דו ווײסט, אַז אָט די אַלע הונדערטער געשעפֿטן האָבן יידן געבויט און אין זײ אַרײַנגעלײגט זײערע כוחות און זײער לעבן. און איצט זעסטו פֿרעמדע סוחרים, אַ פֿרעמדע בלוטלאָזע וועלט, וואָס וויל גאָרנישט, וואָס מײנט גאָרנישט, וואָס צילט בלויז צו פֿאַרוואַנדלען אין גאָלד — דעם רויב פֿון יידישן אײגנטום.

דערפֿאַר איז זיך שווער צוצוגעוווינען צו לאָדזש, דערפֿאַר גייען דאָ די ייִדן ארום עלנטע און פֿאַרצערטע.

לאָדזש איז איצט אין פּוילן דער גרעסטער ייִדישער צענטער. ווירקלעך לאָדזשער ייִדן איז דאָ בלויז אַ קליינע צאָל. די לאָדזשער ייִדן גרופּירן זיך דאָ אין אַ לאַנדסמאַנשאַפֿט, נישט ווי זיי וואָלטן געווען אין זייער שטאָט, נאָר ווי ערגעץ אויף אַ פּראָווינציעלער ביטערער עמיגראַציע, ווו עטלעכע הונדערט לאָדזשער ייִדן האָבן זיך צונויפֿגעקליבן און געשאַפֿן זייערס אַ געמיינשאַפֿט. זעען אויס די לאָדזשער ייִדן ווי פֿאַראומגליקלעכטע אבלים, וואָס דרייען זיך אַרום אין אַ וועלט, פֿון וועלכער מען האָט אַוועקגענומען אַלץ, וואָס איז זיי טייער געווען.

צען מאָל האָב איך זיך צוריקגעקערט קיין לאָדזש בעת מײַן זײַן איצט אין פּוילן און יעדעס מאָל איז מיר די שטאָט אויסגעקומען נאָך מרה־שחורהדיקער און אומדערטרעגלעכער.

איך האָב דאָ געפֿינען ייִדישע אינסטיטוציעס — זייערע נעמען זענען לעבעדיקע, אָבער אָרעם זענען זיי, אויסזיכטלאָז. און אויסזיכטלאָז דערפֿאַר, ווייל ס'איז נישטאָ וועמען זיי זאָלן באַדינען, ווער עס זאָל זיי אָנפֿילן מיט אינהאַלט.

אין קלוב פֿון ייִדישע שרייבער און זשורנאַליסטן דרייען זיך אַרום אַ פּאָר מענטשן אָנגעזאַפּטע מיט שווערע איבערלעבונגען און אַ ים פֿון ליידן. פֿאָדערט מען פֿון זיי — זיי זאָלן פֿריילעך זײַן, זיי זאָלן באַזונגען די נייע וועלט, זיי זאָלן זינגען דאָס געזאַנג פֿון געזאַנגען, און ווי קאָנען דיכטער זינגען וועגן אַ באַפֿרייטער וועלט, ווען די באַפֿרייטע וועלט איז אַ קבר פֿאַר די, פֿאַר וועלכע זיי האָבן געלעבט און געשאַפֿן? ווי קאָן זינגען אַ ייִדישער דיכטער אין לאָדזש וועגן וועבשטולן און מאַשינען, ווען פֿון הונדערטער, פֿון טויזנטער ייִדישע וועבשטולן זענען אַוועק־געריסן געוואָרן די ייִדישע וועבער און שפּינער? איין־איינציק מאָל האָב איך עפּנטלעך געהערט דאָס ייִדישע לשון פֿון ייִדישע קינדער אויף אַ קינדער־פֿאָר־שטעלונג. דער זאַל איז געווען פֿול מיט דערוואַקסענע און קינדער. אויף אַ רגע האָט מען געזאָלט פֿאַרגעסן, אַז מען געפֿינט זיך אין אַ פֿרעמדער וועלט, אָבער אָט עפֿנט זיך דער פֿאָרהאַנג און דער קינדער־כאָר זינגט:

„זייט פֿריילעך ייִדן,
און זייט צופֿרידן,
פֿון אונזער אָוונט
פֿריילעך זייט,
„זייט פֿריילעך ייִדן,
מיר וועלן זינגען, שפּרינגען,
און איר וועט קלאַפּן,
אַז ס'וועט גיין אַ רויך.

און איך ווייס נישט פֿאַרוואָס עס ווערט נאָך מער טרויעריק פֿון דער קינדערישער טרייסט. זעסט, זיי, די ייִדישע קינדערלעך, וואָס האָבן אַזוי ווינציק

פרייד געהאט אין זייער לעבן טרייסטן מיך, זיי טרייסטן דערוואקסענע, זיי זאָלן אין לאָדזש פריילעך זיין, פריילעך זיין אין פּוילן.

און איך האָב געזעען יידישע קאָאָפּעראַטיוון, יידישע אַרבעטער ביי מאַשינען און וואַרשטאַטן, אָבער ס׳איז מער נישטאָ יענער שעפערישער אימפּעט, וואָס האָט וועלטן געבויט, כאָטש ביי די יידן אין לאָדזש האָב איך געפונען אַזאַ עקשנותדיקן דראַנג ווייטער צו לעבן, ווייטער צו שאַפן און נישט צו רעזיגנירן פון גאַרנישט. אָבער פּוסט איז דאָך די אַרומיקע וועלט, יעדער מויער דערמאָנט, יעדער ציגל אין לאָדזש וויינט אויף דעם חורבן פון אַזאַ גרויסער וועלט, וואָס איז אוועק מיטן רויך.

איך האָב אין לאָדזש אויף דער גאַס באַגעגנט אַ יידישן קאָמוניסט, אַ געבוירענעם און דערצויגענעם אויף דער פּיעטריקאָווער גאַס. ער איז נאָר־וואָס געקומען פון ארץ־ישראל — שטייט ער פאַר מיר מיט טרערן אין די אויגן, ווי אַ קינד, און קען קיין וואָרט נישט אַרויסברענגען. עס פאַרשטיקן אים די מענלעכע טרערן, ער ווייזט מיר נאָר בלויז מיט דער האַנט אויף דער גאַס. ווער נאָך קען אַזוי ווי ער פילן דעם חורבן פון אַזאַ וווּנדערלעכער וועלט. ער האָט געזען פּענער אויף די גאַסן. די נייע מאַכט האָט געפייערט דעם טאָג פון נצחון און באַפרייאונג. די גרויע מויערן פון דער פּיעטריקאָווער גאַס זענען געווען באַצירט מיט פאַרבן און פאָרטרעטן פון די באַפרייער. אָבער ער, דער יידישער קאָמוניסט, איז געשטאַנען פאַר מיר אַ צעבראָכענער, ווי ער וואָלט נאָר־וואָס באַגראָבן דאָס טייערסטע פון זיין לעבן. מיט דריי טעג שפּעטער איז ער שוין געזעסן אין באַן און אוועק פון פּוילן. ער האָט מער נישט געקאָנט זיין אין זיין היים־שטאָט, ער האָט מער פאַר זיך קיין ווינקל נישט געקאָנט געפינען אין פּוילן.

יידן פון רוסלאַנד זענען געקומען קיין לאָדזש און מיט זיי יידישע אַקטיאָרן — אַ יידיש טעאַטער אין לאָדזש. עס זענען געקומען אַלטע יידישע אַקטיאָרן, וואָס געדענקען נאָך די ברעטער פון קאַמינסקיס טעאַטער און פון „צענטראַל טעאַטער" אין וואַרשע. זיי האָבן געוואָלט פאַריכטן די רינגען פון דער איבערגעריסענער גאָלדענער קייט פון יידישן טעאַטער. איך האָב געזעען זייערע געוואַלטיקע איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען צו שאַפן א יידיש טעאַטער. מיט מי און מאַטערניש איז אָנגעקומען יעדעס שטיקל דעקאָראַציע אויף דער סצענע, אָבער דאָס טעאַטער איז צעפאַלן, די מערהייט אַקטיאָרן זענען אַוועק פון פּוילן, ווייל אין דעם רייכן לאָדזש, וווּ טויזנטער יידישע הייזער זענען געבליבן אָן זייערע באַלעבאַטים — איז נישטאָ קיין מקלט פאַר אַ יידיש טעאַטער, קיין זאַל און דער עיקר — קיין יידן אין לאָדזש, ס׳זענען נישטאָ די לאָדזשער יידן, פאַר וועלכע טעאַטער איז געווען אַ טייל פון זייער חלומותדיקער וועלט.

עק צעגעלניאַנע און פּיעטריקאָווער זעץ איך זיך אַריין אין אַ דראָזשקע און כ׳האָב נישט באַמערקט ווער עס איז דער באַלעגאָלע. אָבער פּלוצים זאָגט ער צו מיר אויף יידיש:

— שוין לאַנגע וואָכן האָב איך נישט געהאַט קיין יידישן פּאַסאַזשיר. אַ גוטער „פּאַטשאָנטעק" זאָל עס מיר זיין...

איך בין נשתומם געוואָרן צו זעען אין דעם פאַרווילדעטן לאַדזש אַ יידישן באַלעגאָלע און איך האָב זיך דערפרייט מיט דעם ייד אויף דער קעלניע; עס איז דאָך אינעם היינטיקן לאַדזש אַזאַ גרויסע זאַך: אַ ייד מיט אַן אייגן פערד און דראָזשקע און מסתמא האָט ער אויך אַ פערד־שטאַל, ס׳הייסט אַ גאַנצע באַלעבאַטישקייט, אַן איינגעפונדעוועטער ייד אין לאַדזש...

— עס איז גוט — זאָג איך — כאָטש נאָכאַמאָל צו פאָרן אויף דער פּיעטריקאָווער מיט אַ יידישער דראָזשקע.

— עס וואָלט נאָך בעסער געווען — שמייסט ער דאָס פערד — ווען די פּיעטריקאָווער וואָלט זיך געענדיקט אויף יענער זייט גרענעץ און איך זאָל מיר אַזוי צוזאַמען מיט מיין קאָבילע אַריבערפאָרן קיין ארץ־ישראל. צי וואָלט איך זיך געקאָנט אויסשלאָגן פּרנסה פאַר אונז ביידע, פאַר מיר מיט איר, מיט מיין קאָבילע, וואָס?

— זיכער יאָ, אָבער צי האָט איר דאָ נישט קיין פּרנסה? — פרעג איך.

— פּרנסה? און אַז מען האָט שוין פּרנסה, איז עס גענוג? צוואַנציק יאָר האָב איך אין לאַדזש געפירט יידן אויף דראָזשקעס, פון קינדווייז־אָן אַ שמייסער געווען. ס׳איז דאָך געווען אַ לעבן, אויף מיר אזא יאָר. איר זעט? בלויז כאַמוליעס און „שאַבראָווניקעס"*) שטייען אין די יידישע געשעפטן אויף דער פּיעטריקאָווער. די כאָלערע קען דאָך נעמען אַ מענטש! וואָכן גייען אַדורך איך זאָל נישט פירן קיין יידישן פּאַסאַזשיר. צי איז אַזאַ זאַך געהערט געוואָרן אויף דער וועלט? דאָס הייסט אַ לעבן?

— יידן פאָרן נישט מיט אייך? — וויל איך נישט אָפּלאָזן דעם שמועס.

— אַוודאי פאָרן זיי נישט. איינער פאָרט נישט ווייל ער וויל נישט אויפרייסן די אויגן; אַ צווייטער פאָרט נישט ווייל ער קלויבט אַ גראָשן צו קענען אָוועקפאָרן און אַ דריטער — ווייל ער איז נעבעך געבראָכן אויף דעם זלאָטע. ס׳איז זאָג איך אייך אַ לעבן ווי אַ צימעס.

ער האָט מיך צוגעפירט אויף זאַכאָדניע 66, דאָרט ווו עס געפינט זיך דאָס בית־מדרש. דאָ, זאָגט מיר דער באַלעגאָלע, וועט איר זיך דערוואַרעמען. דאָס איינציקע אָרט אין לאַדזש.

אינעם גרויסן הויף אויף זאַכאָדניע 66 איז אַ שטיקל יאַריד. דער הויף איז פול מיט יידן, יידן סודן זיך, שושקען זיך אין די אויערן. אינעם בית־מדרש זיצן עטלעכע יידן מיטן בערד און לערנען. ביים עמוד שטייט אַ יונגער בחור. מיט די הענט שפּאַרט ער אונטער דעם שטערן און איז פאַרזונקען אין אַ ספר. עטלעכע יאָרצייט ליכט שמעלצן זיך אין די לייכטער. דו הערסט פּלוצים דעם גמרא־ניגון,

*) רויבער.

וואָס גייט אויף, ווי פון פאַרגאַנגענע וועלטן. פון די אָפענע פענצטער טראָגט זיך אַ ריח פון יידישע פיש. דו הערסט יידן רעדן הויך אויפן קול יידיש. יידן זעען אַן אומבאַקאַנט פנים — שטעלט מען זיך אַרום: „שלום עליכם״ פונוואַנען קומט אַ ייד? — פון ארץ־ישראל. פון ארץ־ישראל? קומען צו נאָך יידן געבן שלום עליכם. די אויגן צעגלאַנצן זיך, אַ ייד פון ארץ ישראל, זיי ווילן הערן וואָס הערט זיך אין ארץ־ישראל. און איך זאָג: איך וויל הערן וואָס עס הערט זיך דאָ. ביי אייך. וואָס זאָל זיך הערן? איר האָט נאָך נישט געזעען לאָדזש? קוקט זיך צו צו לאָדזש וועט איר זען, וואָס עס הערט זיך. איר האָט געזעען די פיעטריקאָווער? איר זענט געווען אויפן באַלוט?

דאָ אויף זאַכאָדניע 66 איז צונויפגעזאַמלט דאָס גאַנצע לאָדזשער יידישקייט. די איינציקע יידישע בערד וואָס מען זעט. די איינציקע יידן, וואָס זיצן איבער גמרות. די איינציקע ישיבה וואָס געפינט זיך דאָ — דאָס איז אַלץ וואָס עס איז געבליבן פון די צענדליקער טויזנטער פרומע לאָדזשער יידן. דאָס איז דער זכר פון די פיל צענדליקער בתי־מדרשים און חסידים־שטיבלעך, וואָס זענען געווען אין לאָדזש. מער איז נישטאָ, אַלץ איז אַוועק, אַלץ איז אומגעקומען אין די גאַז־קאַמערן. געבליבן איז זאַכאָדניע 66 מיט זיין שפּלדיקן מסחר.

זאַכאָדניע 66 איז אַ טרייסט נאָך דעם ווען מען קומט פון יענע פוסטע גאַסן, ווו אין די געוועזענע יידישע געשעפטן שטייען „שאַבראָווניקעס״ און „כאַמוליעס״. אפשר איז נאָך אַלץ נישט פאַרלוירן. אפשר ווערט דאָ, אויף זאַכאָדניע 66, געלייגט אַ פרישער יסוד פאַר יידישקייט אין לאָדזש? אָבער שמועסט מיט יידן דאָ און איר וועט זעען, אַז זאַכאָדניע 66 איז אַ ווינטערדיקע זון; זי לייכט, זי דערפרייט אָבער זי וואַרעמט נישט. די יידן מיט די בערד ווילן אַוועקפאָרן, ווייל אין לאָדזש איז אַזוי שווער צו טראָגן אַ יידישע באָרד ווען מען דאַרף פאַרביי גיין די גאַס, ווייל די ישיבה־בחורים מיינען נישט דאָ צו בלייבן, ווייל אַלע יידן אויף זאַכאָדניע 66 וואַרטן די וועלט זאָל זיך עפענען פאַר זיי...

— און אַז איר אַלע וועט אַוועקפאָרן — זאָג איך צו אַ ייד, וואָס זיצט איבער אַ ספר — גייט דאָך אונטער דאָס יידישע לאָדזש אויף אייביק.

— אָבער ווי אַזוי לעבט מען אַזאַ באַהאַלטן לעבן? — פרעגט מיך דער ייד — אַז איך גיי אין אָוונט פון מנחה־מעריב פאַרבינד איך זיך די באָרד, ווי איך וואָלט געהאַט ציין־ווייטיק. און צו דער טיר פון מיין דירה האָב איך געמוזט צו־מאַכן אַ דאָפּלטע טיר, כדי צווישן ביידע טירן אויפן בײשטידל צו קענען אָנקלאַפּן אַ מזוזה. וויפל מאָל איך האָב פריער אויפגעהאָנגען אַ מזוזה האָבן די גוישע שכנים זי אַראָפּגעריסן.

— יאָ — וויל איך אים טרייסטן — איר ווייסט דאָך, אַז די נייע מאַכט קעמפט קעגן די אַלע ביטערקייטן, זי וויל דערציען אַן אַנדער דור פון פאָליאַקן. אפשר?

— משיח וועט דאָך פריער קומען אם ירצה השם פאַר יידן, טאָ פאַרוואָס הייסט איר מיך וואַרטן אויפן גוישן משיח?



שיעלע קוטנערס בית־מדרש פֿאַרוואַנדלט אין אַ שאָפּע פֿאַר פייערלעשער

דאָס איינציק פֿאַרבליבענע הייזל אין קוטנער יאַטקע־געסל.
(אויפגענומען דורכן מחבר)

דאָס בית־מדרש אין מעזריטש
(אויפגענומען דורכן מחבר)

קוטנע

איינע פון די סאמע בארימסטע שטעט אין יידישן פוילן איז געווען די שטאָט קוטנע. דאָס איז די שטאָט פון שלום אַש, די שטאָט, וואָס האָט אין דער יידישער ליטעראַטור פאַרנומען דאָס בכבודיקע אָרט פון אַ מוסטער פונעם יידישן שטעטל אין פוילן.

וועלכער לייענער פון דער יידישער ליטעראַטור איז עס נישט געווען בקי אין דער געאָגראַפיע פון קוטנע? אפילו יידן אין די ווייטסטע לענדער פון דער וועלט, וווּ נאָר עס איז דערגאַנגען אַ יידיש בוך, האָבן געוווּסט, אַז אין קוטנע איז דאָ אַן אַלטער מאַרק און אַ נייער מאַרק, עס איז דאָ אַ קיילער־געסל און אַ יאַטקע־געסל און אַז פון די דאָזיקע געסלעך איז אַרויס דער צאַרטער פאָלקס־טיפּ — מאָטקע גנב.

אָבער איידער עס איז מפורסם געוואָרן דאָס פאָלקסטימלעכע קוטנע פון שלום אַשן, האָבן שוין אַהערגעקוקט אויף קוטנע די פרומע אויגן פון הונדערטער טויזנטער יידן און די רביניש וועלט, וואָרום דאָ, אין קוטנע, האָט צענדליקער יאָרן געלויכטן דאָס ליכט פון לומדות און גאונות — דאָס ליכט פון שיעלע קוטנער.

אַ שטאָלצע קהילה געווען קוטנע. און אַן אַלטע קהילה, וואָס האָט איר יחוס געצויגן פון לאַנגע דורות און געלייגט איר חותם אויף יעדן ציגל און בנין פון דער שטאָט. ווען די קוטנער יידן האָבן אויפגעבויט זייער וווּנדערלעכע שול, האָבן זיי אירע ווענט אויפגעהויבן איבער אַלע דעכער. און ווען אַ ייד פלעגט פונדער־ווייטנס פאַרבייפאָרן קוטנע האָט ער אונטערן הימל געזען צוויי בנינים, וואָס האָבן געקיניגט איבער דער שטאָט — די שול און להבדיל די קאַטוילישע קירך. אַזאַ זעלטנקייט אינעם בילד פון אַ יידישער שטאָט אין פוילן, וווּ די שולן פלעגן באַשיידענע אַראָפּבייגן זייערע דעכער, זיי זאָלן זיך נישט צופיל וואָרפן אין די אויגן פון פרעמדע.

און אַ רייכע יידישע קהילה געווען — קוטנע, מיט וואַלד־סוחרים און תבואה־סוחרים, מיט אַרבעטזאַמע בעלי מלאכות און קרעפטיקע פאָלקס־מענטשן, וועלכע זענען מיט אַזאַ שטורעמדיקן פּאַטאָס אַריין אין דער ליטעראַטור.

היינט וועט נישט נאָר אַ לייענער נישט דערקענען קוטנע; היינט וועט אפילו שלום אַש גופא זיך דאָ אַרומדרייען ווי אַ פרעמדער און אומזיסט וועט ער זוכן דעם אַלטן מאַרק און דאָס קיילער־געסל. וואָרום פאַרשוווּנדן איז פון דער אויבערפלאַך פון קוטנע אַלץ, וואָס האָט דערמאָנט אין יידן, אַלץ וואָס האָט אַ יידישן צייכן געהאַט.

אַזוי פרי ווי פסח־צייט אין 1940 האָט זיך געעפנט דאָס גיהנום פאַר דער

יידישער קהילה קוטנע. אַכט טויזנט יידן מיט קינדער און פרויען, מיט זקנים און קראַנקע זענען אַריינגעשטופּט געוואָרן אין די חורבות פון אַ געוועזענער צוקער־פאַבריק „קאָנסטאַנציאַ", צוויי קילאָמעטער הינטער דער שטאָט. אויף צעלעכערטע בוידעמס, אין זומפּיקע קעלערן, אויף העגנ־טרעפּ און אין פשוטע נאַסע גריבער אונטער דער ערד האָט מען אַריינגעשטופּט טויזנטער פאַמיליעס. ווען איך בין אַדורכגעגאַנגען די דאָזיקע נאַרעס און בלאָטיקע לעכער איז געווען אוממעגלעך צו באַגרייפן, אַז דאָ האָבן מענטשן געקענט לעבן. פונוואַנען האָט זיך צו די קוטנער יידן גענומען אַזאַ איבערמענטשלעכער כח, אַזאַ גבורה צונויפצודרענגען זיך, איינשרומפּן זיך, כדי פאַר אַלע יידן זאָל זיין אַן אָרט צו זיצן אָדער שטיין? די פינצטערע, בלאָטיקע קעלערס דערמאָנען די שווידערלעכסטע שטראָף־קאַזאַמאַטן, וווּ ס'איז אוממעגלעך אַ מענטש זאָל לעבן מער ווי עטלעכע טעג. אין אָט די דאָזיקע קאַזאַמאַטן האָבן הונדערטער פאַמיליעס געלעבט. די צעעפנטע בוידעמער, נאַקעטע מויער־פּליטן אַן פענצטער און אָן טירן, אויסגעשטעלט אויף רעגן און פראָסט — זענען „פּריווילעגירטע" נאַרעס געווען.

דאָ זענען אַכט טויזנט נפשות פאַרמשפּט געוואָרן אויף אַ פאַמעלעכדיקער גסיסה. דער איינציקער ברונעם דאָ האָט נישט געגעבן גענוג וואַסער פאַר דער גאַנצער קהילה און יידן זענען אויסגעגאַנגען פון דורשט. טעג לאַנגע זענען מענטשן געשטאַנען אין דער ריי צום ברונעם און אָפטמאָל פלעגן זיי אויסגיין נישט דער־גרייכנדיק צו אַ טראָפּן מים־חיים. מאַמעס פלעגן אין די באַגינענס געפינען זייערע קינדער טויטע פון דורשט, פון הונגער אָדער קעלט. פון די נאַסע נאָרעס און לעכער האָט אָנגעהויבן אַרויסהייבן זיך דער טויט. טיפוס איז אויסגעבראָכן אין דעם פאַרלייזיקטן און אויסגעהונגערטן געדרעגעניש. טיפוס־פיבער האָט אַרויסגעפלאַמט פון די בוידעמער, פון די העגנ־טרעפּ. יידן האָבן נישט געהאַט קיין כוח אַרויס־צוטראָגן זייערע טויטע. אויסגעפייניקטע יידן האָבן זיך געוווּנטשן אויסצוברענען אין די פלאַמען פון טיפוס־פיבער, נאָר שנעלער, נאָר אייליקער, עס זאָל זיך שוין איינמאָל ענדיקן די פּיין פון צו זען די קליינע אומבאַהאָלפענע קינדער, וואָס ווערן פאַרלאָשן ווי ליכט אין ווינט.

יידן האָבן פון פיבער גערופן וואַסער, וואַסער, — די צעגליטע געדערעם האָבן געברענט פון דורשט. אין מאַליגנע, בעת די טיפוס־קריזיסן, זענען קראַנקע אַרומגעלאָפן ווי משוגעים, אָדער געלעגן אין די ווינקלען און געשריגן: וואַסער! די איינציקע יידישע דאָקטוירים און קראַנקען־שוועסטער האָבן זיך אָנגעשטעקט מיט טיפוס און אויסגעשטאָרבן ביז צום לעצטן.

די דייטשע רוצחים האָבן די געטאָ־חורבות אַרומגעצוימט מיט דראָטן און געלאָזט אויסגיין אַ קהילה אין די שרעקלעכסטע ליידן, אין די ביטערסטע יסורים. פון ערגעץ איז נישט געקומען קיין הילף, קיין שום פריינטלעכע האַנט האָט זיך פון ערגעץ נישט אויסגעצויגן. פון צייט צו צייט בלויז פלעגן איינציקע פאַליאַקן

אַריינקומען אין געטאָ דורך א קאַנאַל און פאַר גאָלד און ברילאַנטן געבערענגט א פענעצל ברויט, א פלעשל וואַסער.

שטאַרק איז געווען דער כוח פון לעבן פון דער קוטנער קהילה. אין אָט די מערדערישע באַדינגונגען, אין די זומפּן פון קעלערס, אין די נאָרעס און אויף די אָפענע בוידעמער האָט דער טויט אַרויסגעריסן טויזנטער, צעפּערטלט און צעפּיצלט די קהילה, אָבער צוויי יאָר האָבן נאָך טויזנטער יידן געלעבט ווי שאָטנס, אַרומגעבלאָנקעט איבער די חורבות און נאָרעס. און אַזוי ביז יוני 1942, ווען די געראַמאַנישע באַנדיטן האָבן צוגעפירט וואַגאָנעס אויף דער באַן־ליניע, וואָס לויפט פאַרביי אַנטקעגן די חורבות, און די לעבן־געבליבענע יידישע שאָטנס אַוועקגעפירט אין די גאַז־קאַמערן פון כעלמנאָ.

אַזוי איז פאַרניכטעט געוואָרן איינע פון די רייכסטע און יחוסדיקסטע יידישע קהילות אין פוילן, די קהילה פון שיעלע קוטנער.

אין דער צייט ווען אין „קאָנסטאַנציאַ" איז פאַרניכטעט געוואָרן דאָס יידישע לעבן, איז אין קוטנע אָנגעגאַנגען די פאַרניכטונג פון אַלדאָס יידישע אין שטאָט. עס איז אָפּגעווישט געוואָרן פון דער ערד די שול, די שטאָלצע קוטנער שול, וואָס האָט במשך פון הונדערטער יאָרן געפירט מלחמה מיט דער קירך אויפן קוטנער האַריזאָנט; עס זענען אָפּגעווישט געוואָרן די געסלעך אַרום אַלטן מאַרק און אַ גרויסער פרייער פלאַץ איז געבליבן נאָך אַ יידיש לעבן. ווי אַ זכר לחורבן קוטנע איז געבליבן אַ צעשטערט הילצערן הייזעלע נעבן אַלטן מאַרק, וווּ ס'איז אמאָל א חדר געווען, וווּ יידישע יאָסעלעך און שיעלעך האָבן דאָס ערשטע מאָל דערזען פאַר זייערע אויגעלעך די פירקאַנטיקע אותיות פון יידישן אלף־בית.

היינט איז שטיל אין קוטנע און אָן אומעטיקע ליידיקייט בלאָזט פון דער שול־גאַס. אינעם קליינעם בנין פון דער מקווה האָבן גוים אַ פלייש־קאָאָפּעראַטיוו געמאַכט. אויף דער ליידיקייט פון דער גאַס וועסטו געפינען אָן איינשטאָקיקן בנין, א לאַנגן בנין מיט פאַרונדיקטע רבנישע פענצטערלעך — דאָס איז דאָס בית־מדרש פון שיעלע קוטנער. פונדערווייטנס זעסטו צוויי גרויסע טויערן אין בנין און ביים אַריינגאַנג — אַ קליינער שילד. אַ, זיכער זענען די קוטנער שטאָט־טאַטעס קולטורעלע מענטשן: ווי עס פירט זיך אויף דער וועלט האָבן זיי זיכער אויף דעם בנין אויפגעהאָנגען אַ טאָוול, אַז דאָ האָט געלעבט און געווירקט אַ גרויסער ייד, אַ ייד אַ למדן און גאון — שיעלע קוטנער. איך גיי צו נעענטער איבערצולייענען דעם טעקסט פון שילד און געפין־אויס, אַז דאָ אין דעם הויז, וווּ ס'האָט געלעבט דער גרויסער ייד, איז אַ פשוטע שאָפּע פאַר די שטאָטישע פייערלעשער, אַזוי דערציילט בפירוש דער שילד:

די קאָמאַנדע און שאָפּע

פאַר די שטאָטישע פייערלעשער אין קוטנע

און די גרויסע טויערן, זענען די טויערן, דורך וועלכע מען פירט אַרויס די לעש־מאַשינען, די וואַסער־פעסער.

דאָ אין קוטנע איז אַזוי נאַקעט אַוועקגעשטעלט די ווירקלעכקייט פון דער איצטיקער תקופה פון פאַראַכטונג און געפאַלנקייט.

שיעלע קוטנער האָט מיט זיין גאונות און לומדות געזוכט צו לעשן די שריפה פון דער וועלט. ער האָט צו די הימלען דערגרייכט, ער האָט זיך פאַרמאָסטן אויף די שריפות פון מענטשלעכער ווילדקייט און רשעות. און איצט שטייען אין זיין בית־המדרש פשוטע וואַסער־פעסער און לעש־מאַשינען צו לעשן שריפות פון די צוגערויבטע יידישע הייזער.

דער אַלטער מאַרק זעט אויס ווי אַ שטילער בית־עולם. אויף די טראָטואַרן, דאָרט וווּ די יידישע יוגנט פלעגט אין די אָוונטן שפּאַצירן און פירן זייערע הייסע דיסקוסיעס — איז ליידיק. נישטאָ איצט קיין יוגנט אין קוטנע, וואָס זאָל דיסקוטירן איבער וועלט און מענטש. דער מענטש דאָ האָט פאַרלוירן יעדן ווערט.

אינמיטן מאַרק, צווישן בלומען־בייטן, געפינען זיך עטלעכע קברים פון געפאַלענע סאָוויעטישע זעלנער, שטילע קברים אויפן מיטן מאַרק.

דורכן מאַרק, אויף מערב, אין דער ריכטונג צו פּויזן, גייט איצט אַ נייער שאָסיי, דאָס איז „דער וועג פון יידישע לעבנס", דער וועג פירט פון וואַרשע קיין פּויזן און ער איז געבויט געוואָרן אין די יאָרן פון 1940 ביז 1943. דעם דאָזיקן שאָסיי האָבן געבויט בלויז יידישע שקלאַפן. צענדליקער טויזנטער יידישע מיידלעך און בחורים האָבן דאָ אַוועקגעגעבן זייערע לעבנס. דער גיהנום, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט לענג־אויס דעם וועג איז איינס פון די שרעקלעכסטע, פון די גרויסע לעכסטע קאַפּיטלען פון יידישן חורבן. יעדער מעטער אַספאַלט איז דורכגעווייקט מיט יידיש בלוט. יעדן אָוונט פלעגן די יידישע שקלאַפן־מחנות אַוועקגיין אָרעמער אין לעבנס, אָבער אין די באַגינענס פלעגט מען ברענגען נייע פּאַרטיעס שקלאַפן. די יידישע געטאָס האָבן געליפערט פריש בלוט פאַר דעם שאָסיי.

מיט דעם וועג זענען געגאַנגען די אויטאָ־קאַראַוואַנעס, וואָס האָבן די קויאַווער יידן געפירט צו די גאַז־קאַמערן אין כעלמנאָ.

דורך קוטנע זענען פאַרבייגעגאַנגען צו דער שחיטה אין כעלמנער טויטן־לאַגער צענדליקער יידישע קהילות. דער נייער מאַרק אין קוטנע האָט אויסגעהערט די געוויינען און רחמים־רופן פון הונדערטער טויזנטער יידן. איז איצט ווי אַ בית־עלמין דער נייער מאַרק, וווּ די איינציקע סימבאָלישע קברים זענען פון די רוסישע זעלנער...

קיין יידישע קברים ווערסטו שוין איצט אין קוטנע נישט געפינען. אויפן יידישן בית־עולם האָט די שטאָטישע באַפעלקערונג אַדורכגעפירט אַ פולשטענדיקן פאָגראָם. די מצבות זענען צערויבט געוואָרן. די קברים זענען צעגראָבן און צע־הפקרט און אויפן פעלד וואַלגערן זיך אַרום יידישע שאַרבנס, יידישע ריפּן און ענדגלידער, ווי ערגעץ־ווו אין אַן אַפריקאַנער דזשונגל צווישן מענטשנפרעסערישע ווילדע שבטים.

אָבער די פאַרווילדקייט פון די קוטנער „פּייערלעשער" האָט זיך נישט

בארואיקט אויך אין אונזערע טעג. ניין, דאָס איז נישט געווען קיין מלחמה־שגעון, קיין מלחמה־דעמאָראַליזאַציע, ווען דער מענטש קען אַראָפּגעזעצט ווערן צו דער מדרגה פון אַ ווילדער חיה. קוטנע איז קראַנק אויף יידן־שנאה.

פון די קוטנער אַכט טויזנט יידן זענען געבליבן בלויז צוויי הונדערט און דרייאונדרייסיק נפשות. פאַר מיין זיין אין פוילן זענען זיי צעוואָרפן געווען איבער די אָרעמע ישובים פון פוילן, אין וואַרשע, אין לאָדזש, אין נידערשלעזיע. האָבן די רעשטלעך פון אַ דורות־אַלטער יידישער קהילה אויפגעשטעלט אויף די צע־הפקרטע קברים פון קוטנער בית־עלמין אַ דענקמאָל לזכרון דער אומגעבראַכטער קוטנער קהילה. האָבן קוטנער פּאָליאַקן דעם דענקמאָל צעשטערט. עס טאָר אין דער שטאָט קיין צייכן פון יידן נישט בלייבן. האָבן די פאַרבליבענע יידן אַ צווייטן דענקמאָל געשטעלט — און אַ צווייט מאָל האָבן די קוטנער „פייערלעשער" דעם דענקמאָל אויפגעריסן.

אָבער יידן זענען עקשנים, זיי זענען פאַרהאַרטעוועט אין פייער און אין שטורעם, זיי ווילן מיד מאַכן די שנאה פון די קוטנער אויסוואָרפן און האָבן צו־געגרייט א דריטן דענקמאָל, א רייכערן און שענערן, ווי די ערשטע צוויי... דאָך אויך די קוטנער „פייערלעשער" זענען פאַרעקשנט אין זייער שגעון און זיי טראָגן אַראָפּ דעם באַרג, אויף וועלכן עס געפינט זיך דער בית־עולם... דעם זאַמד פון בית־עולם — זאָגן זיי — דאַרפן זיי האָבן צו בויען די שטאָט.

בעת איך האָב באַזוכט קוטנע, האָבן דאָרט געוווינט צען יידן. גאָט דער איינציקער ווייסט וואָס עס האַלט זיי דאָ אין שטאָט, אָבער גאָט דער איינציקער ווייסט, אַז לאַנג וועלן זיי זיך נישט קענען האַלטן. עס וועט זיי פאַרטרייבן דער אומעט און דער עלנט. און וואָס פאַר אַן אומעט און אויסזיכטלאָזיקייט עס הערשט דאָ, פילט אפילו אַ משומדת, וואָס איצט, ווען אין קוטנע זענען קיין יידן נישטאָ, איז זי מקרב די שארית הפליטה. און ווען עס קומט א ייד קיין קוטנע וויל זי נישט אַנדערש רעדן צו אים נאָר יידיש. ווען אין קוטנע איז אַ יידיש לעבן געווען — איז זי פון דעם אַנטלאָפן; איצט בענקט זי צו דעם לעבן און וויל זיך וואַרעמען ביי די קילע פלאַמען פון דער קוטנער לאַנדסמאַנשאַפט אין פוילן...

ווען איך בין אוועקגעפאָרן פון קוטנע און פונדערווייטנס אויפן האָריזאָנט געזעען די קאַטוילישע קירך, וואָס האָט דורך דורות געקעמפט מיטן הויכן דאַך פון דער שול, האָב איך דעם צלם אונטערן הימל דערפילט ווי דעם שפּיץ פון אַ מעסער, וואָס האָט זיך קאַלט אריינגעשניטן אינעם הארץ פון קוטנער יידישן לעבן.

זגערזש, סטריקאָוו, אָזאָרקאָוו

ארום דער מיוחסת לאָדזש זענען געווען ארומגעהאַנגען קליינינקע שטעטעלעך, אזעלכע ווי זגערזש, סטריקאָוו און אָזאָרקאָוו. אז מען פלעגט קומען אין די שטעטעלעך און מען האָט דורך די אָפענע פענצטער געהערט דעם געקלאַפּ פון די וועבער־שטולן, האָט זיך געדאכט, אז דאָס איז אן אָפּהילך פונעם גערויש פון גרויסן לאָדזש. און דאָך האָבן די שטעטעלעך געהאט אן אייגן לעבן מיט אן אייגענעם טעמפּ.

הונדערטער כאַלופּניקעס זענען פון די פריע באַגינענס ביז אין די שפּעטע אָוונטן געזעסן ביי די וועב־שטולן, געוועבט און געשפּונען, מיט שווייס און מאַטערניש געאַרבעט אויף חיונה און שטענדיק מיט זאָרג צו דערציען די וואָך צום שבת.

אָרעמע שטעטעלעך געווען — סטריקאָוו, אָזאָרקאָוו, זגערזש. זיי האָבן א וועלט אַ גאַנצע פאַרזאָרגט מיט מלבושים, מיט סוועטערס, מיט זאָקן, טליתים. אַרבעטזאַמע פּראָלעטאַריער און פּועלים מיט בערד און יאַרמולקעס. אין די פריע קאַיאָרן לויפן זיי מיט די טליתים אין די בתי־מדרשים „אָפּכאַפּן“ דאָס דאַווענען, כדי שפּעטער, אַ גאַנצן טאָג, ביז אין דער טיפער נאַכט אַריין צו קלאַפּן אויף די מאַשינען: בייען הויזן, מאַנטלען, סערמינגעס. אַ גאַנצן טאָג גרעגערן די טריקאָ־טאַזש־מאַשינען, עס קלאַפּן די וועב־שטולן. דאָ, אין די שטעטעלעך, זענען נישט געווען קיין ליידיקגייער, קיין פּוסט־און־פּאַסניקעס, קיין בעלי־יחסנים; עס ארבעטן פרויען אין פאַרוקן, מיידלעך און קינדער. אַלץ שטריקט און אַלץ נייט. וואָרום לאָדזש, דער כרך, יאָגט די כאַלופּניקעס, דורשט נאָך פּאַרטיקע סחורה און זגערזש, סטריקאָוו און אָזאָרקאָוו פאַרמעסטן זיך מיט די בלויזע הענט קעגן די לאָדזשער מאַשינען: זיי וועלן באַווייזן, זיי וועלן באַווייזן!

די פּראָלעטאַרישע שטעטעלעך זענען נישט אָפּגעשטאַנען פון לאָדזש. אויך זיי האָבן געהאַט פאַראייגען און ביבליאָטעקן, אויך זיי האָבן געהאַט פּאַרטייען און אַ יידישע זוכנדיקע יוגנט, וואָס פלעגט אין דעם ריטמישן קלאַפּן פון די מאַשינען הערן די טריט פון באַפרייאונג.

די געראַמאַנישע רוצחים, וואָס האָבן נאָכן אָקופּירן פּוילן פונאַנדערגעקלעבט איבער די יידישע שטעט מודעות, אַז זיי נעמען־אונטער אַ קאַמף קעגן דער „יידישער שפּעקולאַציע“, האָבן אויך די פּראָלעטאַרישע שטעטעלעך אַרום לאָדזש אָנגערופן נעסטן פון „אוסבויטלער“ און זיי פאַראויסגעזאָגט פאַרטיליקונג. מיט איין מאָל זענען די שטעטעלעך אַרויסגעהויבן געוואָרן פון זייערע פונדאַמענטן און די אָזאָרקאָווער, זגערזשער און סטריקאָווער יידן זענען ווי פאַרוואָרלאָזטע

שעפּסן געטריבן געוואָרן צום לאָדזשער געטאָ.

דאָ, אין דער שפלות פון חיים רומקאָווסקיס טראַגישער מלוכה, זענען צעשוומען די חלומות פון די ערלעכע חיטים און וועבער; פון דאנען האָבן זיי שפּעטער באַפעלקערט די ארבעטס־לאַגערן איבער פּוילן און אויסגעפּילט די גאַז־קאַמערן פון אָשוויענטשים און כעלמנאָ.

פינצטער זענען די שטעטלעך און טויט די וואַרשטאַטן. נישטאָ דאָ מער קיין כאַלופּניקעס, קיין וועבער, קיין שניידער. אַ נייער מין מענטש האָט פאַרנומען די יידישע היימען. און אז דו וועסט איצט אריינקומען אין די שטעטלעך וועסטו קוים גלויבן, אַז דאָ האָבן יידישע דורות געאַרבעט און געשאַפן. קיין ניי־מאַשין און קיין וועבשטול וועסטו נישט הערן דורך די פענצטער. דאָס געזאַנג פון ארבעט הילכט מער נישט אונטערן הימל פון זגערזש, אָזאָרקאָוו און סטריקאָוו.

ווען איך בין געקומען קיין אָזאָרקאָוו האָבן דאָרט געוווינט דרייסיק יידן, נאָר אויף דער גאַס האָט מען קיין איינעם נישט באַגעגנט. וואָס טוען איצט יידן אין אָזאָרקאָוו? ווו באַהאַלטן זיי זיך? ווען איך האָב זיך געפרעגט, ווו עס וווינען דאָ יידן און געגאַנגען צו זיי, האָב איך די טירן געפונען פאַרשלאָסן. עס לייגן זיך נישט די הענט צו דער אַרבעט. פאַרנעמט מען זיך מיט פאַרקויפן דעם איבערבלייב פון די אוועקגעקומענע טאַטעס. איז מען פאַרנומען מיט ירושה־פּראָצעסן, מיט פאָרן קיין לאָדזש און זיך ווארעמען אין דער סביבה פון דאָרטיקע יידן.

סטריקאָוו איז יידנריין. ווען איך בין אַראָפּ פון אויטאָבוס און דעם ערשטן פּאָליאַק געפרעגט, צי דאָ וווינען יידן אין שטעטל, האָט ער מיך אָנגעקוקט מיט שיכורע אויגן און געענטפערט מיט בראָנפן־אָטעם:

— יידן אין סטריקאָוו? יידן האָבן נישט קיין צייט צו וווינען אין סטריקאָוו. זיי זענען, פּאַניע, פאַרנומען מיט פירן די פּוילישע מלוכה. און די רעגירונג, ווי איר זעט, זיצט נישט אין סטריקאָוו, נאָר אין דער הויפּטשטאָט וואַרשע, פּאַניע.

— וואָס פאַראַ שייכות האָבן די סטריקאָווער יידן מיט דער רעגירונג? — פרעג איך.

שמייכלט דער שיכור און ווישט אָפּ די נאָז מיט דער גאַנצער האַנט.

— די סטריקאָווער יידן האָבן מער שייכות מיט דער רעגירונג, ווי די רעגירונג מיט פּוילן.

— דו פּלאַפּלסט נאַרישקייטן — זאָג איך אים.

ווערט דער שיכור אין כעס און שרייט אַ בראָנפן־געשריי:

— און מינץ איז נישט פון סטריקאָוו? און טראַצקי? און בערמאַן? אלע יידן זענען פון סטריקאָוו! אָט דאָ אויף דער גאַס האָבן זיי אלע געוווינט, אלע יידן! האָבן זיי פאַר אונז אָרעמע פּאָליאַקן איבערגעלאָזט זייערע צעלעכערטע הייזער און אליין אוועק קיין ווארשע אין בעלוועדער הערשן איבער פּוילן. און פאַר מיר האָבן זיי איבערגעלאָזט א צעלעכערטן דאַך... עס רעגנט אריין... א צעלעכערטן יידישן דאַך...

אין בין אוועק פון אים, און ער האָט מיר נאָכגעשריגן:

— אַ צעלעכערטן דאַך האָבן מיר די יידן איבערגעלאָזט! זאָג זיי וועגן דעם אין וואַרשע!...

און אין זגערזש האָבן אין דער צייט געוווינט זעכציק יידישע נפשות. ס'הייסט: אייגנטלעך האָבן זיי געוווינט אין לאָדזש און אין נידערשלעזיע, נאָר עפּעס ציט זיי צו דעם שטעטעלע זגערזש. אַרבעטן — אַרבעטן זיי נישט דאָ, ווייל קיינער אין פּוילן דאַרף נישט קיין כאַלופּניקעס, קיינער וואַרט נישט אויף זייערע „פּעקלעך". דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן אין לאָדזש איז איבערגעשטעלט אויף אַנדערע רעלסן און עס פּאָרט ערגעץ אַנדערש־ווו. און די זגערזשער יידן פּאָרן אויך, קיין לאָדזש, קיין נידערשלעזיע. עפּעס יאָגט זיי פון זייער אַלטער היים, עפּעס טרייבט זיי. און ווי שיפן אויף צעשטורעמטע וואַסערן קענען זיי קיין רואיק אָרט נישט געפינען, ווו צו פאַראַנקערן זייער לעבן.

אין אויטאָבוס פון זגערזש קיין לאָדזש דערציילט מיר אַ ייד:

כ'האָב געפירט אַ שניידער־קאָאָפּעראַטיוו. יידן און פּאָליאַקן צוזאַמען. נישט שלעכט פאַרדינט, אָבער די קינדער מיינע ווערן פאַרגוישט. גייען אין אַ פּוילישע שול, זעען נישט פאַר די אויגן קיין יידיש וואָרט. שטייען אויס באַליידיקונגען פון די פּוילישע שול־חברים. שניידט מיר דאָס האַרץ די געפאַלנקייט פון די קינדער. וואָלט די וועלט געווען אָפן — פאָרט מען ערגעץ צו אַ גרויסער יידישער סביבה. אָבער די וועלט איז פאַר אונדז געשלאָסן. נישטאָ קיין אָרט פאַר אונדז. לויף איך דעריבער קיין לאָדזש, קיין נידערשלעזיע און קען זיך קיין אָרט נישט געפינען. און אַמאָל האָט זיך מיר געדאַכט, אַז די גאַנצע וועלט דרייט זיך אַרום די שניידער־וואַרשטאַטן און וועבשטולן פון זגערזש. קיין אַנדער וועלט האָבן מיר גאָרנישט געדאַרפט. היינט, ווען איך קום אַהער, האָב איך דעם איינדרוק ווי איך וואָלט געקומען אויפן עק וועלט.

אַזעלכע זענען די שטעטלעך, וואָס האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אין לאָדזש, וואָס האָבן פון די פריערע קאַיאָרן ביז אין דער טיפער נאַכט געליפערט דער וועלט מלבושים, סוועטערס, זאָקן און טליתים. היינט זענען זיי פאַרוואָרלאָזט, איבעריק און ליידיק, ווי אַ כמאַרע פון היישעריקן וואָלט זיי צעפרעסן ביז די וואָרצלען.

קאַלומנע

אין די הייסע זומער־טעג, ווען די לאָדזשער מויערן פלעגן זיך אָנגליִען און די רווישיקע הויפן האָבן דערמאָנט אין הייסע צעפּאַרעטע קעסלען—פלעגן לאָדזשער יידן פאָרן אין די קילע וועלדער פון קאָלומנע. דאָ, צוואָנציק קילאָמעטער פון כרך, האָבן זיך אין די שאָטנדיקע נאָדלוועלדער געפונען די שטילע ווילעס פון לאָדזשער גבירים. און אהער פלעגט זיך איבערקלייבן דאָס לאָדזשער יידישע לעבן אויף דריי חדשים אין יאָר.

דאָס דאַטשע־אָרט קאָלומנע פלעגט דריי חדשים אין יאָר זיך פאַרוואַנדלען אין אַ יום־טוב, אָן טעגלעכע זאָרגן, אָן מסחר און אָן וועקסלען. דעמאָלט האָט מען נישט געהערט דאָס רוישן פון וואַלד, נאָר דעם פריילעכן געפּילדער פון יידישע קינדערלעך, וואָס זענען ארויס פון די שולן און געבאָדן די פּנימלעך אין דער מילדער לופט פון די נאָדל־וועלדער. די יידישע יוגנט האָט אהער אריבערגעבראַכט איר אימפּעטיק לעבן, זי האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם שווערן יאָך פון דער אַרבעט און זיך איבערגעגעבן דעם וואַלד און דער זון. יידן מיט בערד און יאַרמולקעס, מיט גרויסע טלית־קטן׳ס האָבן גערוט פאַר די וועראַנדעס און עוסק געווען אין תורה. אַלץ איז דאָ געווען יידיש: דער וואַלד, די ווילעס, דער הימל, די ערד און דאָס לעבן אין וואַלד.

ווען אין פרייטיקצונאַכטסן פלעגן זיך צעגליִען די פלעמלעך פון די שבת־ליכט דורך די פענצטער פון די ווילעס און אויף די וועראַנדעס האָבן זיך צעקלונגען די שבתדיקע זמירות — האָט זיך געדאַכט, אז משיח איז געקומען און די גאַנצע וועלט איז געוואָרן ארץ־ישראל...

ווען איך בין איצט געקומען קיין קאָלומנע איז געווען פולער זומער. אין אַט דער צייט, אַמאָל, פלעגן די וועלדער איבערפולט זיין מיט יידן, אָבער איצט האָב איך אַ ליידיקן וואַלד געפונען. אויף דעם ברייטן וועג פון דער באַן, וווּ עס פלעגט זיין אזוי רווישיק פון דער יידישער צעשפּילטער יוגנט, האָב איך אפילו קיין מענטש נישט געטראָפן, כדי צו פרעגן וווּ מען גייט. ביי די גרויסע ווילעס האָב איך געטראָפן געצעלטן פון פוילישע סקויטן, דאָ האָט די פוילישע יוגנט צעלייגט אירע לאַגערן. אויף די שפּיצן פון די געצעלטן פלאַטערן די פענדעלעך פון באַזונדערע סקויטן־פלוטאָנען: „וואָלף״, „טיגער״, „ווילדער חזיר״ — נעמען פון די פלוטאָנען. און איך דערמאָן זיך די אַמאָליקע יידישע סקויטן־לאַגערן פון יידישע יוגנט זומער־צייט אין די פוילישע וועלדער: לאַגערן פון יוגנט־בונד „צוקונפט״, פון „השומר־הצעיר״ און פון די לינקע פועלי־ציון. גאָר אַנדערע נעמען האָבן זיי געהאַט: „פרייהייט״ ביי דער „צוקונפט״, „חירות״ ביי דעם „השומר־הצעיר״, „באָראָכאָוו״ ביי די לינקע

פּועלי־ציון, נעמען, וואָס האָבן דערציילט, אַז אונטער די געצעלטן פון דער יוגנט קוואַלט אַ קעמפעריש און צעבעגעקט לעבן, א לעבן וואָס ציילט ערגעץ־ווו צו נייע וועגן, צו אַ ניי לעבן. און דאָ, אין קאַלומנע, גיי איך פאַרביי אַ „וואָלף", אַ „טיגער" און אַ „ווילדן חזיר". דער וואַלד זעט איצט אויס ווילד. איך דערפיל זיך אין יענעם מאָמענט ווי אין אַ דזשונגל און די פיס רייסן זיך צו גיין צוריק, אַנטלויפן פון דאַנעט, עוקר זיין פון דער ווילדעריניש, ווו אַנומלט האָט אַזוי פיל לעבן ממש געזשונגען פון די ווילעס, פונעם גאַנצן וואַלד.

אָבער איך ווייס, אַז אין די דאָזיקע ווילדער דאַרף איך נאָך עפּעס געפינען, כאָטש אַ שמץ פון דעם געוועזענעם לעבן. און איך בלאָנדזשע ווייטער. איך וויל ביי קיינעם נישט פרעגן דעם וועג, ווייל וואָס האָב איך צו פרעגן ביי מענטשן, וואָס זייער סימבאָל איז אַ „ווילדער חזיר".

טיפער אין וואַלד געפין איך עטלעכע באַוווינטע ווילעס, נאָר קיין מענטשן זע איך נישט. פון די אָפענע פענצטער דערגייען די קולות פון ראַדיאָ־הילכערס. פון אַלע פענצטער דאָס זעלבע קול, אַ מענלעכע קרעטשמענדע, ווי דער רעדנער וואָלט געברעכט פאַר אַ מאַסנפאַרזאַמלונג. לענג־אויס די ווילעס גייט מיר נאָך דאָס קול: „די רעוואָלוציע האָט אָפּגעהאַלטן איר גרויסן זיג"... ווען איך גיי פאַרביי דאָס פענצטער ווערט דאָס קול דערווייטערט, אָבער ביי דער נאָענטסטער ווילע קומט עס ווידער אָנטקעגן נאָך שטאַרקער: „די געשיכטע האָט באַקומען אַ ריזיקן שטויס פאָראויס"... איך גיי ווייטער לענג־אויס די ווילעס און ווידער יאָגט מיך אָן דאָס זעלבע קול: „פרייהייט, פרייד און ברויט האָבן מיר אויסגעקעמפט פאַרן פשוטן מענטש". און אינעם פוסטן וואַלד קלינגט־אָפּ אויסטערליש פרעמד און ווילד דער זיג פון פרייהייט, פרייד און ברויט.

טיפער אין וואַלד האָב איך סוף־כל־סוף אָפּגעפונען די דריי קאָלאָניעס פאַר יידישע קינדער פון לאָדזש. פאַרוואָס די יידישע קאָלאָניעס זענען פאַרשטעקט אַזוי טיף אין וואַלד, האָבן מיר שפּעטער דערקלערט די פירער פון די קאָלאָניעס. אַלע ווילעס, דאָס אייגנטום פון יידן, געפינען זיך אונטער דער פאַרוואַלטונג פון לאָדזשער מאַגיסטראַט. דער מאַגיסטראַט האָט דערקלערט דאָס דאַטשע־אָרט קאָלומנע פאַר אַן אָפּרו־רעסאָרט פאַר דער שול־יוגנט. ווען יידישע אינסטיטוציעס האָבן זיך געווענדעט וועגן דריי הייזער פאַר קינדער־קאָלאָניעס, האָט זיי דער פירער פון דער בילדונגס־אָפּטיילונג דערקלערט, אַז דערווייל האָט ער נאָך די פּוילישע קינדער נישט באַזאָרגט מיט קאָלאָניעס... די יידישע לערער האָבן אויפגעקלערט, אַז אַלע אומבאַוועגלעכע גיטער אין קאָלומנע געהערן די יידן און יידישע קינדער האָבן פונקט אַזאַ רעכט צו זיין יורשים פון יידישע ווילעס, ווי פּוילישע קינדער. דער ענין איז דערגאַנגען צו די „העכערע פענצטער" און דריי יידישע קינדער־קאָלאָניעס האָבן באַקומען אַ מעגלעכקייט זיך איינצואָרדענען אין קאָלומנע.

דריי יידישע קאָלאָניעס: פון „טאָז", פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט און פון „בונד", פון וועלכע עס איז קורץ נאָך דעם קיין זכר נישט געבליבן. אין די קאָלאָניעס

האָבן זיך געפונען צווי הונדערט און פופציק יידישע קינדערלעך. די גרעסטע קאַלאָניע איז געווען פון „טאָז” — הונדערט קינדער. קינדער? ניין, צעבראָכענע יידעלעך, וואָס פאַרגעסן זיך אַמאָל און לויפן־ארויס אין וואַלד זיך שפּילן מיט אַ באַל. נאָר זיי פאַרגעסן זיך קיינמאָל נישט ווען זיי זינגען. דאָס געזאַנג זייערס איז טרויעריק ווי זייערע זכרונות, יעדעס קינד טראָגט אין זיין זכרון אַזעלכע איבערלעבונגען, וואָס לאָזן אים מער נישט געניסן פון דעם גרויסן גליק צו זיין א קינד.

די פירערין פון דער קאַלאָניע, אסתר סטאָליצקי, זאָגט מיר, אַז די הויפּט־ארבעט פון א יידישן לערער איז איצט נישט צו דערציען קינדער, ווייל קודם כל מוז מען די קינדער צוריקגעבן זייער קינדישקייט, מאַכן פון זיי אויס אַלטע, דערשלאָגענע יידן. די יידישע קינדער האָבן אין די יאָרן פון גרויסן אומגליק פאַרלוירן זייער קינדישקייט און דעם צוטרוי צו מענטשן. אָך, ווי שווער עס איז אַ יידיש קינד אין פּוילן צו איבערצייגן, אַז נישט אַלע מענטשן זענען שלעכט. אָט ווייזט זי מיר אַ קינד, וואָס איז ערשט מיט אַ יאָר צוריק אָפּגענומען געוואָרן פון אַ קלויסטער. אינעם קלויסטער האָט מען במשך פון עטלעכע יאָר אריינגעהאַקט אין דעם קליינעם קינדישן קעפּל די אויסטערלישסטע זינלאָזיקייטן וועגן יידן. מען האָט דעם קינדס נשמה אזוי צעבראָכן, אַז נאָך ביזן היינטיקן טאָג איז עס פול מיט אומצוטרוי צו דער סביבה פון די יידישע קינדער און צו די לערער. הגם עס איז צו קלוג נישט צו פארשטיין, אז אויך ער, אלס יידיש קינד, האָט דאָך אייגנטלעך די זעלבע אייגנשאַפטן, וואָס זיינע חברים, און דאַרף דעריבער פאַרשטיין, אַז דאָס וואָס מ׳האָט אים געלערנט אין קלויסטער איז בלויז אומזין. דער קלויסטער־גיפט האָט זיינס געטון און די אויפגאַבע פון דער לערערין איז איצט דעם קינד צוריקגעבן זיין קינדישן און יידישן שטאָלץ.

קינדער שפּילן זיך אין וואַלד. זיי שפּילן זיך אין זאַמד, זיי בויען אַ בונקער...

קענן וועמען דאַרפן זיך שיצן די קינדער איבעם בונקער פון זאמד? וועלכע בייזע כוחות לויערן אויף זיי? עס לויערט אויף זיי דער זכרון. די בונקערס זענען א שטיק פון זייער לעבן. צי וועט דער בונקער פארפאָלגן זיי א גאנץ לעבן?

אויף דער וואַנט־צייטונג זוך איך ארבעטן פון קינדער און אויסער דער קינדערשער האַנטשריפט — זענען די טעקסטן פון דערוואַקסענע מענטשן.

די קליינינקע שרה, אַ קינד נאָך, קוים צוועלף יאָר אַלט, מיט קלוגע רייפע אויגן, קאָן זיך נישט שפּילן מער. זי לייענט א סך און שרייבט. אויף דער וואַנט־צייטונג געפינט זיך איר אַרבעט, א בריוו —

„צו דער טייערער מאַמען”.

„וויפל נעכט און זיסן שלאָף,
וויפל צרות און פיין,
ווי דו פלעגסט מיך שטענדיק האָלדזן און ליבן;
דו פלעגסט שטענדיק מיטן ביסן זיך טיילן.

איך געדענק נאָך דיין זאָרג וועגן מיר,
דו, וואָס פלעגסט טראַכטן איבער מיין צוקונפט,
דו האָסט געהאָפט און נישט דערלעבט,
און אומשולדיק איז דיין לעבן בארויבט געוואָרן.
און איך האָב אומזיסט געוואָרט אויף דעם טאָג
אויסצודריקן מיין דאַנקבארקייט פאר דיין מוטערלעכע גוטס און טרייסט.
טייערע מאַמע, איצט ביסטו טויב צו מיין יאָמער און געוויין.
דיין וועג איז פאַרשווונדן און פילסט נישט מיין בענקשאַפט,
וואָס ברענט און מאכט קרענקן מיין האַרץ.
נישט שווייגן וועל איך, מאמע,
מיין כעס איך וועל אין זיך נישט שטילן.
איך בין נישט טויב צו דיר.
צוויי ווערטער, וואָס איך הער פון דיין קבר:
דאָס ערשטע וואָרט איז „נקמה״,
דאָס צווייטע — ציון.
מיט שווערד און מיט ארבעט וועל איך היטן דעם טייערן
און איבערגעבליבענעם קערן,
וואָס דאַרף פאַראייביקן דיין נאָמען און דעם נאָמען פון מיליאָנען:
טאַטעס און מאַמעס, ברידער און שוועסטער,
פאראייביקן אונזער אומשולדיק פארגאָסן בלוט״.

זיכער וועלן עסטעטיקער און פסיכאָלאָגן נישט גלויבן, אַז אַט די עלעגיע און דעם קאַמף־בריוו האָט געשריבן א קינד, א יידיש קינד פון א בונקער, א יידיש קינד, וואָס איז ארויס פון וויגל און אריין אין זקנה.

ווי אַנדערש זענען די קינדער פון דער „טאָז״־קאָלאָניע פון יענע קינדער, וואָס לאַגערן אונטער די געצעלטן פון אַ „וואָלף״ און א „ווילדן חזיר״. וואָס פאַר א טיפער תהום? זאָל דאָס דינען ווי אַן עדות פאר אונזער געשיכטע, אַז דאָס געליטענע קינד אין פוילן בעת דער דייטשער אָקופּאַציע איז קודם כל דאָס יידישע קינד.

אין דער קינדער־קאָלאָניע פון „בונד״ האָבן זיך געשפילט פופציק עופעלעך, יינגינקע קינדערלעך, וואָס האָבן קיין וויגלען נישט געהאַט. נישט קיין וויגלען און נישט קיין וויג־לידער. זיי האָבן די וועלט דערזעען פון די פינצטערע ווענט פון די בונקערס, אָדער אויף דעם ווייטן קאַלטן סיביר. וונדערט זיך נישט וואָס זייערע אייגעלעך זענען אזעלכע אומעטיקע. צו דריי יאָר האָבן זיי שוין געוווּסט, אז מען טאָר נישט וויינען, אז מען טאָר נישט בעטן עסן, אז מען טאָר אפילו נישט הוסטן. אַלס פיצעלעך קינדער האָבן זיי שוין דערפילט די שרעקן פון דער וועלט. איצט גייען זיי אויף ווי בלומעלעך. די דערציערין, וואָס איז ביים אויסברוך פון דער

צווייטער וועלט־מלחמה נאָך אליין א קינד געווען, א שילערין פון די יידישע שולן, גיט זיי אוועק איר הארץ. זי אליין איז אלע גיהנומס אדורכגעגאנגען. צווישן די יידישע גבורים געווען. שוין נאָך דער מלחמה האָבן פינצטערע פּוילישע כוליגאַנעס איר מאַן דערשאָסן אין לאָדזש, אויף דער גאס. זי גופא ווייסט וויפל וואַרעמקייט אַ יידיש עופעלע אין פּוילן דאַרף האָבן, עס זאָל קענען אויסוואַקסן פאר א נאָרמאלן מענטש. שפּילט זי זיך מיט די קינדערלעך, ווי מיט בלומעלעך, וואָס בייזע טריט האָבן געפרוווט צעטרעטן. אַזאַ רירנדיקע באַציאונג פון אַ לערערין צו קינדער האָב איך געזען דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן.

די יידישע טאָכטער, וואָס האָט אין געטאָ געקעמפט פארן יידישן לעבן, קעמפט איצט פאַר די נשמה׳לעך פון יידישע קינדער אין די פאַראומערטע וועלדער פון קאָלומנע.

אין דער קאָלאָניע פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט האָב איך די קינדער געטראָפן ביים עסן. ביי די טישן אונטערן פרייען הימל האָט געהערשט א גרויסער פרייד־געפילדער. קינדער זענען געקומען פון אַ שפּאַציר אויסגעבאָדן אין לופט און אין זון, צעזונגענע, צעשפּילטע. די טישן זענען שפּעדיקע. מען דערלאַנגט צו די טישעלעך פיל מער ווי די קינדער וועלן אויפעסן, טישן כיד המלך. ווייל די קינדער, וואָס זענען אדורך יאָרן פון הונגער, האָבן געליטן אויך פון אַ הונגער־קאָמפּלעקס. די מערדערישע וועלט האָט דאָס יידישע קינד אויף אַלע אופנים געוואָלט דערשלאָגן. און אויך מיט הונגער. איצט ווייסן שוין די קינדער, אז ברויט מוז מען נישט באַהאַלטן אונטערן קישן, אַז מען מוז זיך נישט אָנעסן אויף איין מאָל, נאָר אז ברויט באַקומט מען בשפע און אז פארנאכט וועלן ווידער שטיין געגרייטע טישן. דער הונגער־קאָמפּלעקס ווערט געשטילט, דאָס קינד באַקומט צוטרוי צום מענטש, קוקט מיט וויינקער פארדאכט אויפן מענטש און אויף דער וועלט.

ווען נאָכן עסן בלייבן די טישן נאָך פול, גייען די קינדער אוועק זאַטע און רואיקע. אמאל פאלט נאך איין אַ קינד מיטנעמען מיט זיך א שטיקל ברויט, אָבער ווען עס זעט, אז אויפן טיש בלייבט נאָך — לייגט עס אוועק צוריק און שעמט זיך מסתמא פאר דער אייגענער שוואַכקייט...

יידישע קינדער־קאָלאָניעס אין קאָלומנע און נישט נאָר אין קאָלומנע, נאָר איבער גאַנץ פּוילן, זענען אייגנטלעך קינדער־סאַנאַטאָריעס און די לערער — נשמה־דאָקטוירים, וואָס דער גורל האָט זיי אָפּגעראַטעוועט פון די גאַז־קאַמערן, כדי זיי זאָלן אויפבלאָזן דעם פארבליבענעם פונק, דערפירן אים צוריק צו א פלאַם, וואָס זאָל ווידער קענען לייכטן אזוי ווי ער האָט געלויכטן פארן מבול.

אין חרובן, פאַרווילדעטן קאָלומנע, אין שכנות פון די לאַגערן מיט די לאָזונגען פון ווילדע חזירים, וועלף און טיגערס, קומען צו די כוחות אונזערע פילגעפּרוווטע משה׳לעך און שלמה׳לעך, אונזערע שווארץ־אויגיקע נעכע׳לעך און שרה׳לעך.

מ ע ז ר י ט ש
די שטאָט פון יידישע בערשטער און גארבער

צווישן די פּאָדליאַסיער יידישע שטעט איז געווען איינע, וואָס האָט זיך באַזונדער קונה־שם געווען אין דער יידישער וועלט און אפילו געטראָגן איר באַזונדער יידישן נאָמען.

געווען איז דאָס די אַלטע יידישע שטאָט — מעזריטש.

צענדליקער שטעט אין פּוילן האָבן געהאַט יידישע נעמען, נעמען וואָס זענען לחלוטין פרעמד געווען צו די פּאָליאַקן. צויזמיר, קוזמיר, טורנע, רעבישויוו, בריקל, טיקטין, אָשפּיצן, מעזריטש — ווי לעבעדיק זיי האָבן געקלונגען אין די אויערן פון יידן, אזוי פרעמד זענען זיי געווען פאַר די באַגריפן פון די פּאָליאַקן.

היינט זענען די שטעט נישט מער קיין יידישע און די נעמען זייערע זענען אונטערגעגאנגען צוזאַמען מיט די קהילות. די פונקטן זענען פאַרשוואונדן פון דער יידישער געאָגראַפיע און צויזמיר איז סאנדאָמיעזש; קוזמיר — קאַזימיעזש, רעבישויוו — הרוביעשאָוו; טורנע — טארנאָוו; בריקל — בזשעסקאָ; גער — גורא־קאלווארי; אָשפּיצן — אָשוויענטשים און מעזריטש איז מיענדזיזשעץ פּאָדלאַסקי געוואָרן...

מעזריטש האָט געהערט צו די שטעט, וועלכע זענען מיט טיפע טראַדיציעס געווען איינגעפלייסט אינעם יידישן לעבן אין פּוילן. ביים אויסברוך פון דער מלחמה האָבן דאָ געלעבט זיבעצן טויזנט שעפערישע יידן, שטאַם־יידן, וואָס האָבן ארויס־געגעבן אַ רייכע עמיגראציע פאר אלע לענדער פון יידישער קאָמפּאַקטקייט.

די גאַנצע שטאָט איז געווען ארייגעטון אין דער בערשטער־בראַנזשע. מעזריטש איז געווען די איינציקע יידישע שטאָט אויף פּאָדלאַסיע מיט אַ דיפערענ־צירטן פּראָלעטאַריאַט און רייכע יידישע סוחרים. די יידישע מעזריטשער סוחרים האָבן אָנגעשפּאַרט אויף די וועלט־מערק און די שטאָט מעזריטש באַרימט געמאַכט, ווי דעם צענטער פון חזיר־האָר אין פּוילן.

בעת די אַרומיקע פּאָדליאַסיער שטעטלעך האָבן געלעבט אין אָרעמקייט, האָט מעזריטש געפּעכלט פון רייכקייט, געפירט אַ לעבן פון אַ גרויסער שטאָט און אפילו אַן אייגענע צייטונג פאַרמאָגט. נישט געקוקט וואָס מעזריטש האָט אָנגעשפּאַרט אין דער גרויסער וועלט און געלעבט א גרויסשטעטיש לעבן, איז זי ביז צום לעצטן טאָג געבליבן אַ פעסטונג פון יידישקייט, מיט אַ געשמאַקן פּאָדליאַסיער יידיש, וואָס איז געווען די שפּראַך אפילו פון די פּאָליאַקן, וואָס האָבן געלעבט צווישן דער יידישער געדיכטעניש. דאָ איז דער מאַרק און די געסלעך יידיש געווען.

אפילו איצט ווען דו גייסט ארום אין דער האַלב טויטער שטאָט, ווען דער חורבן האָט די יידן ארויסגעריסן פון דאַנען מיט די וואָרצלען, באַמערקסטו נאָך סימנים, אַז דאָ איז אַ באַסטיאָן פון דער יידישער קולטור געווען:

עס שטייען די מויערן פון יידישן שפּיטאָל, פון יידישע ביבליאָטעקן, די בנינים פון דער יידישער און העברעישער שול, פון ארבעטער־פאַראייגען און פּאַרטיי־לאָקאַלן. אויף פיל ווענט זענען נאָך נישט פארווישט די אויפשריפטן, וואָס רופן די יידישע באַפעלקערונג צו קהילה־וואַלן, צו קויפן שקלים, צו פאַראיינס־וואַלן. עס דאַכט זיך דיר, אַז די יידישע אותיות ציטערן אויף די ווענט, זיי רופן איצט אין אַ פוסטער וועלט, אין אַ קאַלטער וועלט אָן יידישן לעבן און אָן יעדעס לעבן בכלל.

די, וועלכע קענען די געשיכטע פון דער יידישער ארבעטער־באַוועגונג אין פוילן, געדענקען די ראָל וואָס מעזריטשער גאַרבער און בערשטער האָבן געשפּילט אין באַגינען פון אָט דער באַוועגונג. ביזן סאמע אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה זענען די יידישע ארבעטער געווען די איינציקע ארבעטער אין שטאָט און די אָרטיקע פּראָפעסיאָנעלע פאַראייגען זענען אויסשליסלעך יידישע געווען. איצט, אין דער פוסטער, האַלב־טויטער שטאָט, ווערסטו זען שילדן אויף לאָקאַלן פון פּוילישע פאַראיינען, אָבער ס'איז גענוג אַ בליק צו טון אויף זיי, כדי צו וויסן, אַז פוסט און אומבויטיק זענען זיי אין אַ סביבה פון דער ביטערסטער אָפּגעשטאַנענקייט.

אויף דער פּאָדליאַסער ערד זענען די מעזריטשער יידן געווען די ערשטע, וועלכע האָבן געשאַפן נייע באגריפן — די ערשטע ארבעטער־שטרייקן, די ערשטע מאַי־פייערונגען האָבן יידישע ארבעטער דורכגעפירט אין מעזריטש מיט פופציק יאָר צוריק. מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט שפּעטער, אין אונזערע טעג, ווען אין פוילן ווערן פאַרווירקלעכט די אידייען פון די מעזריטשער „ברידער" און שטרייקער — זענען די יידישע טרוימער פאַרוואַנדלט אין אַש ארום די טויט־פאַבריקן פון מיידאַנעק און סאָביבאָר.

אויך דאָ האָבן די יידישע אַרבעטער נישט פאַר זיך געקעמפט.

א האַלב יאָרהונדערט האָט געדויערט די „גאָלדענע תקופה" פון מעזריטש. כאָטש פון תמיד־אָן איז מעזריטש געווען א בונדישע פעסטונג, האָבן פונדעסטוועגן אַלע געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע באַוועגונגען ביי יידן געהאַט דאָ זייער הערלעך אויסקומעניש. אין די פאַרביסענע קולטור־קאַמפן איז די יידישע קולטור געוואָרן נאָך רייכער, נאָך מער געבליט. האָט זיך אַ פאַראיין געשאַפן — איז אויפגעקומען אַ נייע ביבליאָטעק אין שטאָט. האָבן זיך פּאַרטייען צעקריגט — האָט מען פרישע שולן געשאַפן.

מעזריטשער יידן האָבן געוווסט, אַז אחדות איז בלויז אויפן בית־עולם, שטיל איז בלויז איבער קברים. גרויסע ווערטן ווערן געשאַפן אין גייסטיקן געפעכט, אין פאַרמעסט צווישן שאַפנדיקע כוחות. איז מעזריטש אויסגעוואַקסן צו א גרויסן קולטור־צענטער אויף פּאָדליאַסיע: יידישע און העברעישע שולן, ביבליאָטעקן, דראַמאַטישע קרייזן, קולטור־קרייזן, מיט א וואונדערלעכער יידישער יוגנט, וואָס

האָט ארויסגעגעבן א גרויסע שעפערישע אינטעליגענץ.

ביי דער גרויסער וועלטלעכער קולטור האָט די שטאָט געהאַט אן אייגענע ישיבה מיט קלויזן און חסידים־שטיבלעך, מיט אַן אלטער שול און בתי מדרשים און פיל טויזנטער אָרנטלעכע פרומע פּאַדליאסקער טאַטעס און זיידעס, וואָס האָבן ממשיך געווען אין די דרכים פון אמונה און אלטע טראַדיציעס.

איצט איז טויט־שטיל אין מעזריטש. די ענגע געסלעך ארום דעם פּלאַץ, ווו ס׳איז געשטאַנען די שול, זענען פארניכטעט. קיין הויז, קיין פונדאַמענט פון אַ הויז אפילו איז דאָ נישט געבליבן שטיין. זיי זענען אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער ערד צוזאַמען מיט דער שול. אין די דאָזיקע געסלעך האָט זיך געפונען דאָס געטאָ, און נאָך דער ליקווידאַציע פון די יידן האָבן די דייטשע רוצחים צוגערויבט דאָס יידישע פארמעגן און די הייזער צעשטערט.

מעזריטשער יידן געדענקען:

אויפן מיטן מאַרק איז געשטאַנען א גרויסע האַלע מיט יידישע קראָמען (און וועלכע קראָמען זענען אין מעזריטש נישט געווען יידישע?). די דאָזיקע האַלע איז געווען ווי אַ דאָרן אין אויג פון די אַנטיסעמיטן אין שטאָט, אָבער אפילו ביי דער האַלב־פאַשיסטישער פארמלחמה׳דיקער אָרדענונג אין פוילן האָט קיינער נישט געוואָגט די האַלע אַראָפּצונעמען. ווייל די מעזריטשער זעכצן טויזנט יידן אין שטאָט זענען געווען אַ לעבעדיקער מאַסיוו, א ריזיקער כח — אַ מאָראַלישער און עקאָנאָמישער. ערשט ווען די שטאָט איז אָקופּירט געוואָרן דורך די גערמאַנישע באַנדיטן, האָט אויך געשלאָגן די שעה פאַר די פוילישע שטאָט־טאַטעס. נאָך איידער די דייטשן האָבן פאַרטיליקט די יידישע קהילה און פראַצע, האָבן די פּאָליאַקן פאַרניכטעט די יידישע האַלע אין צענטער פון שטאָט.

דאָס איז געווען דער ערשטער פעטער ביסן פון די שונאי־ישראל, וואָס האָבן לאַנגע יאָרן געוואַרט אויף דער פארניכטונג פון דער יידישער שטאָט. אָבער מעזריטשער יידן האָבן געהאָפט, אז מיט דעם ענדיקט זיך דער גזר־דין. מען האָט די יידן איינגערעדט, אַז מעזריטש וועט בלייבן אַ „רעזערוואַט״, ווו זיי וועלן קענען אַרבעטן און לעבן.

און ווירקלעך, ווען אין א סך שטעטלעך אויף פּאַדליאַסיע האָט זיך געגאָסן יידיש בלוט ווי וואַסער, האָבן מעזריטשער יידן נאָך געלעבט און געאַרבעט און — געהאָפט, אַז גאָט וועט די דאָזיקע קהילה נישט פאַרלאָזן.

דאָך האָט די יידישע יוגנט זיך אָנגעהויבן גרייטן. עס איז געשאַפן געוואָרן אַן אונטערערדישע באַוועגונג. צוויי פשוטע בחורים פון „השומר הצעיר״ — עוזר פלאַסטערשטיין און חיים טכוזש — האָבן זיך געשטעלט בראש פון דער באַוועגונג. זיי האָבן אָרגאַניזירט צענדליקער פון דער יוגנט, געשטעלט פאַר זיך גרויסע אויפגאבן, אָבער מאכטלאָז זענען זיי געווען. זיי האָבן פארמאָגט א ברענענדיקן באַגער צו טאַט, צו נקמה, אָבער מיט ליידיקע הענט זענען זיי געשטאַנען. בלויז העק און לאָפּאַטעס האָבן זיי צוגעגרייט.



די אויסגערויבטע שול אין זאַמאָשטש.
(אויפגענומען דורכן מחבר)



דער בנין פון דער געוועזענער יידישער גימנאַזיע אין זאַמאָשטש

דער אויפשריפט, וואָס איז פאַרבליבן אויף דער וואַנט פון דער זאַמאָשטשער שול.

(אויפגענומען דורכן מחבר)

ארום זיי האָט געהערשט אַ וועלט פון שנאה. זיי האָבן געוווסט, אז פון די פוילישע פּאַרטיזאַנער אין די שכנותדיקע וועלדער וועלן זיי קיין שום הילף נישט באַקומען. פאַרקערט — טאָמער וועט זיי אויסקומען צו אַנטלויפן אין די וועלדער — וועלן זיי דאָרט אריינפאַלן אין אַ ווילדן דזשונגל, ווו אויסער פאַרניכטונג האָבן זיי נישט וואָס צו דערוואַרטן. די דאָזיקע יידישע בחורים האָבן אפילו נישט דערלעבט דעם טאָג פון קאַמף. האָרט פאַר דער „אויסזידלונג" האָט זיי אַ יידישער פּאָליציאַנט געמסר'ט און איבערגעגעבן אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ.

ס'איז געווען ערב דער גרויסער שחיטה. די געסטאַפּאָ האָט נישט געוואָלט ארויסרופן קיין פּאַניק צווישן די יידן און די צוויי אָנפירער פון דער אונטער־ערדישער באַוועגונג געפירט קיין ראַדזין. אויפן וועג זענען די צוויי יידישע בחורים באַפאַלן דעם קאָנוואָי פון די צוויי ס.ס.־מענער. געוואָרפן זיך אויף זיי מיט די ליידיקע הענט. די פויערים האָבן שפּעטער דערציילט, אַז די צוויי ס.ס.־מענער זענען געווען צעבלוטיקט פון געראַנגל. די אומבאַוואָפנטע הענט פון נקמה האָבן מער נישט געקענט ווי צעבלוטיקן די רוצחים. די ס.ס.־מענער האָבן לסוף דערשאָסן די צוויי יונגע גבורים און זייערע גופים אַראָפּגעוואָרפן פון לאַסט־אויטאָ.

דער איינזאַמער קבר פון עוזר פלאַסטערשטיין און חיים טכוזש ליגט איצט צעהפקרט אויפן וועג צווישן ראַדזין און מעזריטש.

האָרט פאַר דער שחיטה האָט מען געבראַכט קיין מעזריטש טויזנטער יידן פון באשעלסק, פון מלאַווע, פון קראָקע און מעלעץ, פון ריפּין און פון סלאַוויקאָוו. ס'האָט געהייסן, מען פירט זיי אין דעם „יודנרעזערוואַט" מעזריטש. די דייטשע פּרעסע אין וואַרשע און קראָקע האָבן גערימט דעם „רעזערוואַט", וואָס וועט לייזן די יידן־פראַגע אין פוילן.

דאָ, הייסט עס, אין מעזריטש וועט מען יידן פּראָדוקטיוויזירן. אין עטלעכע טעג שפּעטער — דעם 25 אויגוסט 1942, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט די שווערד איבער די יידן אין מעזריטש. די געמישטע רויבער־און־מאָרד־באַנדעס פון דייטשן און אוקראַינער האָבן געווילדעוועט צוויי מעסלעס. במשך פון די 48 שעה האָבן זיי דערטרונקען אין בלוט צוועלף טויזנט יידן. עס איז נישט נאָר געווען אַן „אויס־זידלונג" אין מאָרד־וואַגאָנען נאָר אַן אימה'דיקע שחיטה. רויט פון יידיש בלוט זענען געווען די גאַסן און געשלאָסן זענען געווען די הימלען פאַר די געשרייען פון הילפלאָזע קרבנות. אין דער טויט־בהלה האָבן מאַמעס זייערע קינדער נישט דערקענט, מענער — זייערע פרויען, קינדער — זייערע עלטערן. ווען מען האָט געטריבן מחנות צו די וואַגאָנען איז דער וועג צו דער באַן געווען איבערפולט מיט טויטע, איבער וועלכע לעבעדיקע זענען געפאַלן און זיך שוין מער נישט אויפגעשטעלט.

במשך פון די צוויי שחיטה־טעג האָט מען אין די קאַלך־וואַגאָנען אריינ־געשטופּט צען טויזנט לעבעדיקע יידן. צו די טרעבלינקער גאַז־קאַמערן זענען

אַנגעקומען דריי טויזנט אין צושטאַנד פון גסיסה; זיבן טויזנט האָט מען אַרויס־געגומען טויטע, דערשטיקטע.

עטלעכע טעג שפּעטער זענען קיין מעזריטש צוריקגעקומען דריי יידישע יינגעלייט, וועלכע זענען אַרויסגעשפּרונגען פון די וואַגאָנען. זיי האָבן דערציילט, אַז דער ציל פון „יידנרעזערוואַט" איז טרעבלינקע, אַז מעזריטשער יידן האָבן נישט מער וואָס צו וואַרטן. זאָל יעדער אַנטלויפן, זאָל כאָטש יעדער ייד נעמען אַ באַצאָלונג פאַר זיין לעבן. דעם זעלבן טאָג האָט די יידישע פּאָליציי געמסר'ט די דריי יינגעלייט און די דייטשן האָבן זיי דערשאָסן אינמיטן מאַרק פאַר גרוילפּראָפּאַגאַנדע.

די געסטאַפּאָ האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל די שטאָט זאָל איר אַרויסגעבן דעם רב. דער רב, פּסח ראַטשקע, האָט זיך בעת דער „אויסזידלונג" באַהאַלטן אין אַ בודע פון אַ הונט און די מערדער האָבן אים נישט געקענט געפינען. האָבן זיי אַרויסגעפירט פינף הונדערט יידן אויפן מאַרק צו דערשיסן. דעמאָלט איז דער רב אוועק צו געסטאַפּאָ אויסצולייזן די פינף הונדערט יידן און ער איז אומגעקומען מיטן טויט פון א קדוש.

נאָך דער ערשטער „אויסזידלונג" זענען די יידן אַריינגעשטופּט געוואָרן אין אַ געטאָ אין דעם שטאָט־טייל שמולעוויזנע — אויף די געסלעך יאַטקאָווע, פּיעקאַרסע און די שול־גאַס. פון צענדליקער שטעטלעך אין פּוילן האָט מען אַנגעהויבן ברענגען אַהער יידן — אינעם „רעזערוואַט". אינעם ענגן געטאָ האָבן זיך אָנגעזאַמלט אזוי פיל יידן, אז אין די הייזער איז נישט געווען קיין אָרט ווו צו זיצן.

מיט זעקס וואָכן שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן די צווייטע „אויסזידלונג", מיט נאָך מער אכזריות, מיט נאָך מער בלוט פאַרגיסונג אויפן אָרט. דריי וואָכן האָט געדויערט די שחיטה, דריי וואָכן זענען געפאָרן צוגן אַהער און צוריק קיין טרעבלינקע. די צוגן האָבן נישט באַוויזן אויפצונעמען אלע יידן. האָט מען די איבעריקע אַריינגעשטופּט אין דער גרויסער שול. דאָ האָבן די יידן באַשלאָסן נישט צו גיין אין די וואַגאָנען, זיי וועלן באַפאַלן די דייטשן און אוקראַאינער און נישט לאָזן זיך שעכטן ווי די שעפּסן. ווידער האָט די יידישע פּאָליציי געמסר'ט פאַר געסטאַפּאָ. עס איז געקומען צו דער שול אַן אָפּטיילונג אוקראַאינער און דערשאָסן פערציק יידן. די איבעריקע זענען אוועק קיין טרעבלינקע.

אין נאָוועמבער 1942 האָט די געסטאַפּאָ געמאָלדן, אַז מער וועט מען פון מעזריטש קיין יידן נישט אַרויספירן. פריש געבראַכטע מחנות יידן האָבן ווי־עס־איז אָנגעהויבן איינשטעלן אַ לעבן אין געטאָ. שוין צום ווייפלטן מאָל זענען באַשטעטיקט געוואָרן „יודנראַטן". האָט די געסטאַפּאָ אויך דאָס מאָל באַשטימט דעם לעצטן „יודנראַט", אַ „יודנראַט" אָן רעכט און אָן באַפעלן. צו דעם לעצטן „יודנראַט" האָט אויך געהערט דער ראַדזינער ייד שמעון קליינבוים.

די יידן אין מעזריטש האָט זיך געדאַכט, אז זיי זענען ניצול געוואָרן. נישט מער, אין דער נאַכט פון ניי־יאָר 1943 זענען דייטשן געקומען אין געטאָ אריין

און דערשאָסן פּופציק יידן, ווי אַ „מתנה פאַר היטלערן". שוין אויפצומאָרגנס האָט מען ארויסגעפירט אַלע בערשטער־אַרבעטער און זיי אַוועקגעשיקט קיין טראַווניק צוזאַמען מיט די מאַשינען, מיטן רוישטאָף און אפילו מיט די קינדער, ווו מען האָט זיי צוגעזאָגט, אַז דאָרט וועלן זיי איבערלעבן די מלחמה.

דעם 2־טן מאַי 1943 איז ליקווידירט געוואָרן דאָס געטאָ און די הייזער פון געטאָ זענען אויפגעריסן געוואָרן מיט דינאַמיט צוזאַמען מיט דער שול.

דער איינציקער ייד, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון „יודנראַט", איז געווען דער דערמאָנטער שמעון קליינבוים. ער האָט געזאָגט די דייטשן, אַז ער ווייסט ווו עס געפינט זיך באַגראָבן אַ יידישער אוצר. ער האָט די געסטאַפּאָ אַוועקגעפירט אין אַ דאָרף און דאָרט אויף אַ ווונדערלעכן אופן זיך ארויסגעגליטשט פון זייערע הענט. אַ געוויסע צייט האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן אין וואַלד, שפּעטער — ביי אַ פּויער, וועלכער האָט אים באַרויבט און דערמאָרדעט. זיין קבר געפינט זיך ביים ראַנד פון וועג אין אַ דאָרף נישט ווייט פון מעזריטש.

אין די וועלדער ארום מעזריטש האָבן זיך אויסבאַהאַלטן הונדערטער יידן. רעגן און קעלט האָט זיי געיאָגט פון די וועלדער. דער הונגער פלעגט זיי טרייבן צו די דערפער. אָבער די דערפער זענען געווען סכנותדיקע, דאָרט' האָבן געלויערט דייטשן, אוקראַינער און פּוילישע באַנדעס, וועלכע פלעגן די יידן אָנבאָטן באַהעלטעניש, כדי זיי שפּעטער באַרויבן און דערמאָרדן. בלויז איינצעלנע פאַלן זענען געווען, ווען ביי פּויערים האָט זיך אויפגעוועקט אַ מענטשלעך געפיל און זיי האָבן געגעבן צו יידן אַ באַהעלטעניש און אַ שטיקל ברויט.

דער גיהנום פון מעזריטש האָט נישט, דאַכט זיך, זיינס גלייכן אין דער מאַרטיראָלאָגיע פון די יידישע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן, כאָטש פאַר יעדער קהילה איז אויסגעפאַלן דער זעלבער גורל פון דערנידעריקונג, פאַרראַט, רויב און מאָרד. אָבער דורך מעזריטש קיין טרעבלינקע און מיידאַנעק זענען דורכגעגאַנגען פינף־זעקס מאָל אַזויפיל יידן, וויפל יידן אַט די קהילה האָט געציילט פאַר דער מלחמה.

עס שיינט, אז אין פּוילן איז נישט געווען קיין טויטן־לאַגער, קיין אַרבעטס־לאַגער, וווהין מען זאָל נישט האָבן געשיקט יידן פון מעזריטש. דאָ האָט זיך געפונען דער צענטראַלער טויט־עטאַפּ.

איז איצט שטיל אין מעזריטש ווי נאָך אַ שוואַרצער חתונה, שטיל ווי דאָ וואָלט קיינמאָל קיין יידישע שטאָט נישט געווען, קיין יידיש לעבן.

אַך, יאָ, עס זענען פאַראַן סימנים, אז דאָ האָט אַ גרויסע קהילה געלעבט, ווייל דער יידישער בית־עולם האָט געגעבן אַ ים פון מצבות. אַלע דערפער ארום זענען פול געווען מיט יידישע מצבות: אין שטעלער, אין שפּייכלערס, אויף די פּויערישע הויפן. זיי האָבן זיך ממש געוואַלגערט אונטער די פיס.

קום, מעזריטשער ייד, מיט מיר איבער דיינע חרובע געסלעך, איבער דער שטאָט וווּ דו האָסט אַלע, אַלע דיינע האָפנונגען אויסגעהאָפּט. איך וועל דיר ווייזן

די מצבות פון דיינע אבות. אויפן וואַרשעווער שאָסיי, ביי אָקסענהאַרענען אין הויף וועסטו געפינען די מצבות. זיי זענען אויסגעלייגט דאָ אונטער מענטשישע טריט, עס זאָל באַקוועמער זיין צו גיין איבער גאַטס וועלט. קום אין הויף, וווּ ס'האט אַמאָל דער ביאַלער רבי געוווינט, אפשר וועסטו דאָרט דערקענען די מצבה פון דיין מוטער, אָדער פאָטער, אפשר וועסטו גאָר די נעמען פון דיינע זיידעס דאָ איבערלייענען?

פיר עלנטע יידישע פאַמיליעס האָב איך געפונען אין מעזריטש. איך וואָלט זיך גאָר קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט, אַז מענטשן קענען זיין אזוי עלנט ווי די יידן דאָ. געווען איז דאָ פיל מער. אַ סך זענען נאָך דער באַפרייאונג פון פוילן געקומען אין דער אַלטער „היים", געקומען שטילן זייער פיינפולע בענקשאַפט נאָך א היים, נאָך א היים צו וועלכע זיי האָבן געבענקט אין די דייטשע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אין ווילדע וועלדער. אבער ווען זיי זענען „אהיימגעקומען" האָבן זיי זיך באַגעגנט מיט אַ מערדערישער שנאה מצד זייערע נעכטיקע און היינטיקע יורשים.

אַ טייל צוריקגעקומענע זענען אויסגעשאָכטן געוואָרן דורך פוילישע רוצחים און אַ טייל האָבן דערזעען זייער עלנטע „היים" און אַנטלאָפן מיט אַזאַ אימפעט, אַז זיי זענען אַריבער די גרענעצן פון פוילן און אריינגעפאַלן אין די לאַגערן פון דייטשלאַנד.

עטלעכע הונדערט לעבן־געבליבענע מעזריטשער יידן זענען אַדורכגעגאַנגען זייער „היים" און פיר האָבן זיך אויפגעהאַלטן ביזן שפעטן זומער 1947. פיר נזירים, אפשר פיר העלדן, אומעטיקע, מידע, אָך ווי מידע יידן!

צוויי יידן האָבן אפילו פיצלעך קינדער, קליינע, יידישע עופעלעך, וואָס וואַקסן אין אַ ליידיקער וועלט. ווען די עלטערן דאַרפן אויף אַ טאָג אוועקפאָרן קיין לובלין, צי קיין וואַרשע — מוזן זיי מיטנעמען די קינדער, ווייל זיי האָבן מורא ווען עס איז אַנצופאַרטרויען זייער גאַנצע האָפענונג און פרייד אין פרעמדע הענט. אלע פיר יידן (צווישן זיי זענען בלויז צוויי מעזריטשער) זענען אדורכ־געגאַנגען קאָנצענטראַציע־ און פאַרניכטונגס־לאַגערן. וועגן יעדן פון זיי וואָלט מען ספרים געקאָנט שרייבן. און צו באַגרענעצט זענען די שורות מיינע איך זאָל קענען אויפצייכענען בלויז אפילו די ראשי פרקים פון דעם וואָס זיי האָבן אדורכגעלעבט.

איינער פון די יידן הייסט מרדכי עקהויז. דאָס איז דער איינציקער ייד, וואָס איך האָב בכלל באַגעגנט, וואָס דערציילט וועגן זיינע גיהנום־איבערלעבונגען פון דער הומאָריסטישער זייט. אַנדערש קען ער נישט דערציילן. אַנדערש וואָלט ער נישט געקאָנט איבערלעבן דאָס, וואָס ער האָט איבערגעלעבט. ביי אים האָב איך זיך דערוווּסט, אז אין אַנבליק פון די שרעקלעכסטע איבערלעבונגען קאָנען זיך ביי געוויסע תנאים אויפוועקן אין מענטש קוואַלן פון הומאָר. עס איז דאָך אַזוי מאַקאַבריש ווען ער דערציילט, אַז נאָך צוויי חדשים הונגער אין סקאַרזשיסקער

לאַגער, האָט ער זיך איינמאָל אַריינבאַקומען אַלס שומר אינעם דייטשן קינאָ. די דייטשע אויפזעערין — דערציילט עקהויז — פרעגט אים איינמאָל:

— יודע, ווילסטו לאָקשן?

און ער ענטפערט:

— אַ קראַנקן פרעגט מען, אַ געזונטן גיט מען.

און ער דערציילט אויף זיין שטייגער:

„האָט זי מיר געגעבן אַ ברענג ארויס אַן עמער מיט לאָקשן און מייבער גיט אַ בייג־אַראָפּ דעם קאָפּ און איידער די נבלה קוקט זיך אום, לעק איך שוין די דנאָ פון דעם ליידיקן עמער. פרעגט זי מיך ווידער: „יודע, ווילסטו נאָך?" זאָג איך איר: „זאָל זי נאָר פרווון". און זי פוילט זיך נישט און ברענגט אַ צווייטן עמער לאָקשן און זאָגט: „יודע, אויב דו וועסט נישט אויפעסן — וועל איך דיך שיסן". לאַך איך און זאָג איר: לאָמיר בעסער זעען ווער עס וועט פריער מיד ווערן, צי דו פון ברענגען די עמערס מיט לאָקשן, צי איך פון עסן. און מייבער טוט זיך ווידער אַ לאָז־אַראָפּ צום עמער און לעקט אויס ביז צום לעצטן לאָקש. לאַכט זי פון מיר, די דייטשקע, אַז איך האָב זיך אָנגעפרעסן מיט ביטערע לאָקשן, וואָס די דייטשע אָפיצירן אין קאַסינאָ האָבן נישט געוואָלט עסן. זאָג איך איר, אַז ווען זיי וועלן זיין אין מיין מעמד וועלן די לאָקשן זיין זיס. פרעגט זי מיר: וואָס איז דאָס פאַר אַ שימף־וואָרט „מעמד". זאָג איך איר: מעמד איז שיינע הויזן. טוט זי מיר אַ פליק אין דער מאָרדע, אַז איך זע טאַטע־מאַמע פאַר די אויגן און זי זאָגט, אַז זי וועט שיסן: זאָג איך איר: פרוי אויפזעערין, אַז איר וועט מיך שיסן, וועט איך דאָך נישט האָבן וועמען צו געבן די ביטערע לאָקשן. זעט זי, אַז איך בין נישט קיין באָק, אַז איך האָב זי טויזנט מאָל אין דר'ערד און אַז פון מיינעטוועגן קען זי מיך שוין שיסן, וואָרום וואָס אַרט מיך איצט, ווען איך האָב שוין צוויי עמערס לאָקשן אין בויך? ברענגט זי מיר ארויס נאָך אַ האַלבן עמער לאָקשן און זאָגט, אַז טאָמער „לאָז איך אראָפּ" דעם האַלבן עמער לאָקשן שענקט זי מיר דאָס לעבן. מייבער פוילט זיך נישט און טוט איר צוליב. נאָר ווען מייבער בויגט זיך אַראָפּ, שטופט ער זיך אַן די לאָקשן אונטערן העמד, אויפן בלויזן לייב. זאָלן דאָרט מיינע יידן אין לאַגער שפּעטער אויך דערפילן דעם גן־עדן פון ביטערע לאָקשן. פון דעמאָלט אָן בין איך געוואָרן דער שטענדיקער שומר און צוהעלפער ביי דער קיך און פון אַלץ, מיט וואָס די יעקישע טריפניצע האָט מיך באַשטראָפט: מיט אַלטע קאָטלעטן, מיט רעשטלעך ברויט און אַנדערע „טויט־שיסונגען" — האָב איך געמאַכט אַ פאַרמעגן און מפרנס געווען אַ האַלבן באַראַק יידן".

„איינמאָל האָב איך געברענגט אין לאַגער אריין אַביסל מעל און אַ פלאַש ביר פאַר צוויי אָרעמע מעזריטשער מיידלעך, וואָס זענען געווען אין אַ שכנותדיקן באַראַק. דער דייטשער שומר האָט מיך געפּאַקט און זיך גענומען צו דער „עבודה". ער האָט מיך „געמאַלקן" מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ, איבער די פיס, ווו נאָר ער האָט געטראָפן. און איך טראַכט זיך: „מעלק" וויפל דו ווילסט, נאָר דאָס פלעשל

ביר זאָלסטו נישט צעהאַקן... און דער אידיאָט איז אזוי מיד געוואָרן פון שלאָגן, אַז ער האָט אַזש פאַרגעסן צוצונעמען דאָס ביסל מעל און די פלאַש ביר."

„איינמאָל האָט מען רעמאָנטירט דאָס קינאָ פאר די דייטשע אָפיצירן. האָט מען מיך באַשטימט איך זאָל היטן דעם עקראַן. איז מייגער נישט קיין שוטה און לייגט זיך שלאָפן. האָט מיך די אויפזעערין פון דער קאַסינאָ געכאַפּט, אז איך שלאָף. זי נעמט ארויס דעם רעוואָלווער און זאָגט, אז איין ייד האָט זי שוין היינט געשאָסן און איצט וועט זי מיך שיסן. זאָג איך איר: „גנעדיקע אויפזעערין, צוליב דעם האָט איר מיך געדאַרפט אויפוועקן? טוט זי מיר אַ פליק מיטן רעוואָלווער איבערן ראש, אַזש איך זע קראָקע פאר די אויגן. זאָג איך איר: גנעדיקע אויפזעערין, אז איר וועט מיר אויסהאַקן די אויגן מיט וואָס־זשע וועל איך היטן דאָס קינאָ? זאָגט זי מיר, אַז נאָך אַמאָל וועט זי מיך פאר שלאָפן דערשיסן. האָב איך גוט אונטערגעהייצט דעם אויוון און אויף רעכט זיך אַוועקגעלייגט שלאָפן. לאָמיר זיך כאָטש געשמאַק אויסשלאָפן פארן טויט..."

„איינמאָל האָט מען מיך מיטגעשיקט צו ברענגען ביר פון שטאָט. מען האָט געדאַרפט ברענגען עטלעכע פעסער ביר. זאָגט צו מיר דער פוילישער ביר־צושטעלער, אַז ער שיקט ווייניקער פעסער און איך זאָל זאָגן, אַז ער האָט געשיקט מער און דערפאַר וועט ער מיר געבן אַ פלאַש ביר. זאָג איך אים, אַז עס לוינט מיר נישט צו געבן דעם קאָפּ פאר אַ פלאַש ביר, זאָגט ער מיר: ייד פאַרד, מאָרגן וועסטו סיי־ווי נישט לעבן. זאָג איך אים: מילא, וועט מען זעען. האָט דער פאָליאַק געכאַפּט אַ פלאַש און מיר אַ „מעלק" געטון איבערן קאָפּ. ווען מען האָט געברענגט די פעסער אין מאַגאַזין־אריין, האָב איך איין פאַס געעפנט און דאָס ביר אַריינגעלאָזט אין קאַנאַל. ביים צאַפּן דאָס ביר אין פלעשער האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז איין פאַס איז ליידיק — האָט מען אויפצומאָרגנס געברענגט דעם גוי אין מאַגאַזין־אריין און אים אָנגעבראָכן די ביינער. ווען ער איז געלעגן אויף דער ערד, גיי איך צו צו אים און פרעג אים: פאַניע, האָסט אפשר מיטגעברענגט מיט זיך די פלאַש ביר? אויב יאָ, וועל איך טרונקען א לחיים פאר דיין געזונט און אויב נישט, זאָלסטו אויף יענער וועלט אָפּגעבן אַ גרוס האַבערבושן..."

אָט אויף דעם אופן דערציילט מיר מרדכי עקהויז זיינע איבערלעבונגען. די שרעקלעכסטע ליידן זענען ביי אים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין עפעס אַ מין גראָטעסק. אין די שווערסטע איבערלעבונגען און פיזישע יסורים האָט ער תמיד אויסגעפונען סאַרקאַזם און הומאָר־שפּיל.

וועגן אַ וואונדערלעכער סדר־נאַכט אין סקאַרזשיסקער לאַגער האָט מיר דער ייד דערציילט:

אויסגעפייניקטע, מאָראַליש־צעבראָכענע און פיזיש־חרובע יידן האָבן באַשלאָסן אין לאַגער איינצואָרדענען אין דער ערשטער פסח־נאַכט — א סדר.

דער סקאַרזשיסקער לאַגער איז געווען איינער פון די שרעקלעכסטע פייניקונגס־לאַגערן אין פוילן. טויזנטער יידן זענען דאָרט אומגעקומען אין אומ־

מענטשלעכע פייניקונגען. ס'האָט קיינער נישט געוווסט, צי ער וועט איבערלעבן דעם טאָג, צי אויפצומאָרגנס באַגינען וועט ער נישט ליגן אַ דערשאָסענער הינטערן באַראַק. אָבער אַ סדר מוזן זיי האָבן.

זיי האָבן דורך איבערגעקויפטע פוילישע אַרבעטער אַריינבאַקומען עטלעכע פלעשער וויין. יידן, וואָס האָבן געאַרבעט ביי די מאַגאַזינען האָבן געגנבעט מעל אויף מצות. יידן, וואָס מען האָט געפירט אין שטאָט אַריין אויף אַרבעט, האָבן אפילו אַריינגעבראַכט עטלעכע אַגדות. אין אַ פּרימיטיוו איינגעאָרדנטן אויוון האָט מען געבאַקן מצות. אָנשטאָט אָפּרוען זיך פון דער שווערער שקלאַפן־אַרבעט, האָבן יידן גאַנצע נעכט געבאַקן מצות. אויף כרפס האָט מען אַריינגעבראַכט אַ גאַנצע מאָסע הייפּטלעך קרויט. אין דער סדר־נאַכט האָט מען געזאָגט די אגדה, מען האָט געפרעגט קשיות און געטרונקען אַרבע כוסות און אַ גאַנצע נאַכט, אויף די נאַרעס, געגעסן דעם כרפס...

כדי אויסצוהערן די דערציילונגען פון דעם ייד און דעם וווּנדערלעכן אופן ווי ער דערציילט, בין איך געבליבן נעכטיקן אין מעזריטש. די יידן אין מעזריטש פאַרשליסן זיך אויף ביינאַכט אויף זיבן שלעסער, ווו זיי וואָלטן געווען באַלאַגערט אין אַ ציטאַדעל. פאַרמאַכט מען זיך אין די שטובער אויף אייזערנע שטאַבעס מיט דאָפּלטע טירן און מען פאַרשפּאַרט די טירן פון די הויז־איינגענג. און אָט אַזוי, פאַרשלאָסענע, האָב איך אַ גאַנצע נאַכט אויסגעהערט די קאָמישע דערציילונגען פון מרדכי עקהויז. אפילו ווען ער האָט מיר דערציילט וועגן דעם טויט פון זיין פרוי, וואָס איז מיט עטלעכע טעג פריער געשטאָרבן אין מעזריטש נאָך אַ לאַנגער קראַנקהייט, איז זיין טיפע טראַגעדיע אויך געווען אָנגעלאָדן מיט דעם זעלבן גראָטעסק, ווי די דערציילונגען פון זיינע לאַגער־איבערלעבונגען.

און הערט וואָס יידן זענען:

אין מעזריטש איז געבליבן שטיין דאָס בית־מדרש. אַ גרויסער גראָער בנין. פון אינעווייניק האָבן כוליגאַנעס אַרויסגעריסן אַלץ וואָס ס'האָט זיך געלאָזט אַרויסרייסן, דעם ארון קודש, די דילן, די שטענדערס, אפילו דעם סופיט אַראָפּ־געריסן. געבליבן איז בלויז אַ גוטער צינקענער דאַך. די פוילישע אויסוואָרפן וואָס האָבן פון יידישע מצבות פונדאַמענטן פאַר זייערע חזיר־שטעלער געמאַכט, דאַרפן איצט האָבן צו די שטעלער אַ דאַך. קומען זיי ביינאַכט אַראָפּרייסן דעם צינקענעם דאַך פון בית־מדרש.

שטייען־אויף ביינאַכט יידן, יעדע נאַכט אַן אַנדערער פון די פיר מאַנסלייט, און פאַרטרייבן די רויבער פונעם דאַך. אָבער אַרבעטסמענטשן זענען די יידן, זיי קענען נישט וואַך זיין גאַנצע נעכט, שטייען זיי ביז אַיינס־צוויי פאַרטאָג און ווען דער שומר גייט אַוועק שלאָפן, זענען די אויסוואָרפן ווידער אויפן דאַך און רייסן־אַראָפּ בלעכן.

זיי וועלן סוף כל סוף צערייסן דעם דאַך, ווי זיי האָבן אַלץ צעריסן אינעם בית־מדרש. ווייזט־אויס אויפן בית־מדרש־בוידעם ליגן נאָך פנקסים און ספרים

פון דער קהילה, ווארום ווען איך בין געווען באַקוקן דעם בנין האָב איך אויפן פלאַץ פאַרן בית־מדרש געפונען אַ בלעטל פון אַ געשריבענעם שאלות ותשובות. זעט אויס נאָכן אַראָפּרייסן אַ טייל בלעכן האָט דער ווינט אַראָפּגעיאָגט שמות פון בוידעם און שטיקלעך פון יידישן לעבן וואַלגערן זיך אין דער צעהפקרטער שטאָט — מעזריטש.

מעזריטש געהערט צו די איינציקע שטעט אין פוילן, ווו די געשענדעטע קברים און מצבות זענען ווי עס איז איינגעאָרדנט. אין מעזריטש זענען דריי יידן — דער דערמאָנטער מרדכי עקהויז, מאָטל באַרנע און יאַנקל ראָזענגאַרן — מיט מסירות נפש ארומגעפאָרן איבער די דערפער ארום דער שטאָט און צונויפ־געקליבן מצבות, שטיקלעך פון מצבות און זיי צוריקגעברענגט קיין מעזריטש אויפן בית הקברות.

אין דעם פריש־אויפגעשטעלטן פאַרקאַן ארום בית עולם זענען איינגעמויערט די גאַנצע מצבות און די ברעקלעך שאָפן דעם גרויסן דענקמאָל אויף די ברידער־קברים פון די העכער טויזנט קדושים, וועלכע זענען געפאַלן פון דייטשע און אוקראַינישע מערדער אין דעם טאָג פון דער ערשטער „אַקציע" — דעם 25־טן אויגוסט 1942.

דער בית עולם זעט איצט אויס ווי אַ פאַנטעאַן און ער איז דער לעצטער סימן, אז אין דער דאָזיקער שטאָט האָט במשך פון לאַנגע דורות אַ יידישע קהילה געהאַרעוועט און געבויט און צום סוף אוועק מיטן רויך.

די ברידער־קברים אַרום מעזריטש, די ברידער־קברים אין דעם דאָרף דזיעוווּלא וועלן זיך נאָך אפשר אַמאָל דערוואַרטן אויף אַ יידישע האַנט, וואָס וועט דאָס געביין פון די קדושים איבערפירן אויף אַ בית־עולם און זיי ברענגען צו קבר ישראל. אפשר...

שעדלעץ

שעדלעץ איז אַ באַקאַנטע שטאָט. אין די צאַרישע צייטן איז זי געווען אַ גובערנאַלע שטאָט און דער צענטער פאַר דער רוסיפיקאַטאָרישער עקספּאַנסיע אויף פּאָדליאַסיע. שעדלעץ האָט ביי אַלע רעזשימען אין פּוילן געהאַט פּאָגראָמען און אפשר פון דאַנען נעמט זיך איר רום... און פּונקט ווי איינוווינער אין אַ וואולקאַנישער געגנט בויען־אָפּ שנעל זייערע חורבות נאָך אַן ערדציטערניש, אַזוי פּלעגן זיך שעדלעצער יידן נאָך יעדן פּאָגראָם ווידער זיך שטעלן אויף די פיס און ממשיך זיין אַ געזונט, רייך יידיש לעבן.

זינט דעם טרויעריק־באַרימטן פּאָגראָם פון 1906, ווען דער צאַרישער רוצח טיראַנאָווסקי האָט אַרויסגעשיקט זיין דראַגאָנער־פּולק צו פאַרניכטן דאָס שעדלעצער יידנטום, ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן די שעדלעצער יידן אַנטוויקלט אַ פילפאַרביק קולטור־לעבן און אַ רייך געזעלשאַפטלעכן לעבן.

ס'איז נישט געווען אַזאַ קולטור־געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע אין יידישן פּוילן, אז שעדלעץ זאָל נישט האָבן איר אָפּטיילונג. די גרעסטע קולטור־אינסטיטוציע אין שעדלעץ איז געווען דער „הזמיר" מיט א רייכע ביבליאָטעק אין זעקס שפּראַכן, מיט באַזונדערע סעקציעס פאַר מוזיק און טעאַטער און אַ שאָך־קלוב. שעדלעץ האָט פאַרמאָגט אלע פּאָליטישע פּאַרטייען ביי יידן: „בונד", פּועלי־ציון — רעכטע און לינקע, אגודת ישראל, פּועלי מזרחי, קאָמוניסטן, פרומע שומר־הצעיר און וועלטלעכע שומר הצעיר, אַלגעמיינע ציוניסטן פון כל המינים שאַטירונגען, בורזשואַזיע מזרחיסטן, פאָלקיסטן. אויסער דעם איז דאָ געווען אַ ציוניסטישער „מרכז" און באַזונדער „החלוץ". באַזונדערע געזעלשאַפטלעכע אַמביציעס האָט געהאַט דער האַנטווערקער־פאַראיין און דער סוחרים־קלוב.

שעדלעצער יידן האָבן געהאַט שולן פאַר אַלע פּאָליטישע ריכטונגען: אַ גימנאַזיע, תלמוד־תורה, תרבות, יבנה, בית־יעקב, ישיבת בית יוסף, סתם שולן און מאָדערנע חדרים. בלויז אין איין תלמוד־תורה האָבן זיך געלערנט פינף הונדערט קינדער און ביי דער תלמוד־תורה איז געווען אַ מאָדערנע האַנטווערקער־שול.

צענדליקער בתי כנסת זענען געווען צעוואָרפן איבער די יידישע גאַסן. בלויז חסידים־שטיבלעך האָט שעדלעץ פאַרמאָגט נישט ווינציקער ווי פערציק. די גרויסע שול איז געשטאַנען דאָ אין שטאָט־צענטער הונדערט און זעכציק יאָר. אַרום דער שול זענען געווען די בעלי־מלאכהשע שולעכלעך, דאָס גרויסע בית מדרש און די קהילהשע הייזער.

דער שטאָלץ פון די שעדלעצער יידן איז געווען דער גרויסער מאָדערנער בנין פאַר אַ יתומים־היים און אַ מושב־זקנים. אין דעם בנין האָט זיך געפונען דער

גרעסטער זאַל אין שטאָט, פאַר קאָנצערטן און פאַרלעזונגען. שעדלעצער יידן האָבן פאַרמאָגט אַן אייגענעם גרויסן שפיטאָל און צענדליקער הילפס־אינסטיטוציעס.

אויסער די גמילת חסדים קאַסעס האָבן אין שעדלעץ געאַרבעט פאַר זעלבסט־הילף זעקס יידישע בענק: די פאַיען־באַנק, האַנטווערקער־באַנק, די באַנק פון דער אַגודת ישראל, קליינהענדלער־באַנק און אַ סוחרים־באַנק.

און אַז מען האָט געדאַרפט הילף אין הלכת יידישקייט איז דאָ על כסא רבנות געזעסן דער מאָגילניצער עלוי, דער גאון ר' חיים יהודא גינסבורג, צו וועלכן רבנים פון פוילן פלעגן זיך ווענדן מיט שאַלות.

אַכצן טויזנט נפשות האָט געציילט די שעדלעצער יידישע קהילה. אַכצן טויזנט שעפערישע יידן, מיט טויזנטער בעלי־מלאכות, מיט קליינהענדלער און סוחרים, מיט טרעגער און באַלעגאַלעס, וואָס האָבן ווי די מוראַזשקעס געאַרבעט און געשאַפן.

די שעדלעצער שוסטער פלעגן ליפערן שטיוול פאַר די גאַנצע קרעסן. שעדלעצער יידישע ציגל־פאַבריקן האָבן צוגעשטעלט ציגל פאַר דער גאַנצער געגנט. די גרעסטע מילן אין שטאָט זענען געווען יידישע. די שטאָט האָט אויס־געזען ווי אַן אייביקער יאַריד. די סוחרים און הענדלער תמיד פאַרהאָרעוועט און פאַרפראַצעוועט.

אין די אָוונטן, ווען די געשעפטן האָבן זיך געשלאָסן און בעלי־מלאָכות זענען אַוועק פון די וואַרשטאַטן, איז אין שטאָט אויפגעגאַנגען אַ רוישיק לעבן פון דער יוגנט. ווי אין אַלע גרעסערע יידישע שטעט האָט אויך די יוגנט אין שעדלעץ געגלויבט, אַז די וועלט־באַפרייערישע רעוואָלוציע וועט זיך אָנהייבן דווקא דאָ, אין שעדלעץ. און זי, די יוגנט, וועט גיין אין די ערשטע רייען פון די זיגער...

אין די לעצטע יאָרן פון אנטי־יידישע־באָיקאָטן און פאָגראָם־פראָפּאַגאַנדע אין פוילן, איז שעדלעץ פאַראָרעמט געוואָרן. אַרבעטס־וואַרשטאַטן האָבן זיך געשלאָסן, הונדערטער יידן זענען געוואָרן אַרבעטסלאָזע, אָבער קולטורעל איז שעד־לעץ קיינמאָל אַזוי הויך נישט געשטאַנען ווי דווקא פאַר דער לעצטער מלחמה.

דאָס יידישע שעדלעץ האָט באַקומען דעם ערשטן טויט־קלאַפּ מיטן מאָמענט ווען איבער דער שטאָט האָבן זיך געוויזן די דייטשע באָמבאַרדיר־אַעראָפּלאַנען ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

די באָמבאַרדיר־אַעראָפּלאַנען האָבן גאַנצע גאַסן חרוב געמאַכט. טויזנטער יידן זענען תיכף געבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. און דער דייטשער מאָרד־אַפּאַראַט האָט שוין אין די ערשטע טעג פון אָקופּאַציע געוויזן וואָס עס באַדייט היטלעריזם פאַר יידן.

ווען יידיש בלוט און פראַצע איז געלעגן אויף די גאַסן, האָט אַהער אַרייַנ־מאַרשירט די רויטע אַרמיי. יידן האָבן געגלויבט, אַז זיי זענען דאָך אָפּגעקומען מיטן ערשטן פּאָגראָם. ווי ביי יעדער ענדערונג פון רעזשימען זענען דאָך שעד־לעצער יידן געוווינט געווען אויסצושטיין אַ פּאָגראָם. האָבן זיי אויפגענומען די

רויטע אַרמיי מיט פרייד און האָפענונג, זיי האָבן אַזוי שטאַרק געוואָלט גלויבן, אַז פאַר זייער קרבנותפולער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט דורך אלע יאָרן פון דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, פאַר די אלע יאָרן זיצן אין תפיסה פון הונדערטער יידישע יונגעלייט פאַר זייער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט, איז די רויטע אַרמיי געקומען זיי שיצן קעגן דעם גערמאַנישן באַרבאַריזם און מאָרד.

זיי האָבן זיך ביטער אַנטוישט די שעדלעצער יידן. לויטן סטאַלין־היטלער־אָפּמאַך האָט שעדלעץ געהערט צו דער דייטשער מאָרד־ספערע. די רויטע אַרמיי האָט איבערגעגעבן שעדלעץ אין די הענט פון די דייטשן. אַ טייל פון דער יוגנט איז אַוועק מיט דער רויטער אַרמיי, אָבער די פאַמיליע־מענטשן, מיט קינדער, מיט ווייבער, מיט טאַטעס און מאַמעס האָבן ביטער באַצאָלט פאַר „אַלץ".

ווען די דייטשע מערדער־יינגען האָבן אויסגעקליבן די שענסטע יידישע פרויען פון שטאָט און זיי צעשאָסן, האָט עס געהייסן, אַז דאָס איז אַ שטראָף פאַר אויפנעמען די באָלשעוויקעס. ווען דייטשע יינגען האָבן אַלע יידישע מענער פון קינד ביז זקן אריינגעטריבן אין תפיסה־הויף, ווו יידן האָבן זיך געשטיקט פון ענגשאַפט, האָט עס געהייסן אַ שטראָף הלמאַי די יוגנט איז אַוועק מיט די באָלשעוויקעס. ווען אין די ווינאַכטן זענען די ווילדע ברואים ארויס מיט פאַקלען און אונטערגעצונדן די שול, איז עס געווען אַ שטראָף ווייל יידן זענען יידן.

די שעדלעצער יידן האָבן געצאָלט אַזוי פיל, אַז זיי האָבן שוין קיין כח נישט געהאַט צו געדענקען פאַר וואָס אַלץ זיי צאָלן. זיי זענען שוין מער צו די כוחות נישט געקומען, די שעדלעצער יידן. זיי האָבן געטיילט דעם גיהנום־גורל פון אַלע יידישע קהילות.

ווינציק שעדלעצער יידן האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט. גאָר ווייניק האָבן אויס־געמיטן טרעבלינקע. ווער ווייסט, צי ווען אַ טייל יידן זאָל דעמאָלט נישט האָבן אַוועק מיט דער רויטער־אַרמיי, צי עס וואָלטן נאָך דעם חורבן געבליבן הונדערט יידן פון דער אַכצן טויזנט־קעפּיקער יידישער קהילה.

ווי אין אַלע שטעט אין פוילן, האָבן אויך שעדלעצער יידן נישט געהאַט קיין הילף פון זייערע פוילישע שכנים, מיט וועלכע זיי האָבן דורות־לאַנג געלעבט צוזאַמען.

אמת, עס האָבן זיך געפונען איינצלנע פּאָליאַקן, וואָס האָבן אויסבאַהאַלטן יידן, בלויז איין־איינציקע פוילישע פרוי האָט אויסבאַהאַלטן יידן אָן געצאָלט און ווערט נאָך דערפאַר ביז היינט־צו־טאָג גערודפט פון אויסוואורפן פאַר אָט דעם „פאַרברעך". דאָס רוב פּאָליאַקן האָבן זיך גלייכגילטיק צוגעקוקט ווי דייטשן און ליטווינער זענען ארומגעגאַנגען איבער יידישע הייזער, גערויבט און געמאָרדעט יידן, ווי מען שעכט עופות. און נישט נאָר האָבן זיך די פּאָליאַקן גלייכגילטיק צוגעקוקט, נאָר געהאָלפן רויבן און געהאָלפן דערקענען יידן, אַז זיי זענען יידן. און יידן וואָס זענען אין שגעון פון פחד געלאָפן זיך אויסבאַהאַלטן ביי זייערע קריסטלעכע פריינד, זענען דורך די „פריינד" באַרויבט און דערמאָרדעט געוואָרן.

די פּאָגראָם־גלוסטן, וואָס האָבן במשך פון צענדליקער יאָרן געיערט און

זיך נישט אויסגעלאָדן בעת אַלע פריערדיקע פּאָגראָמען, האָבן זיך איצט באַפרייט און געזעטיקט.

שעדלעץ איז איצט אַ געשטאָרבענע שטאָט. אין אַנדערע שטעט, ווו עס זענען געבליבן די יידישע הייזער, זענען פויערים אַנגעקומען פון די דערפער און זיך באַזעצט אין די הייזער. אָבער אין שעדלעץ זענען כמעט נישט געבליבן קיין יידישע הייזער, טאָ ווו זאָלן זיך פויערים באַזעצן? דורך פיל גאַסן בין איך געגאַנגען און קוים צען מענטשן אָפּגעציילט. ווו די וואַרפסט אַ בליק באַגעגנסטו זיך מיט חורבות און עלנטקייט. שעדלעץ ווייסט איצט בכלל נישט פון קיין מערק און יאַרידים, ס'איז נישטאָ ווער עס זאָל אויסטראָגן דאָס לעבן פון אַזאַ גרויסע שטאָט.

אָבער ווייזט־אויס, אַז אַפילו חורבות דאַרפן האָבן גאַסן און גאַסן דאַרפן ברוקירט ווערן. זענען זיי ברוקירט מיט יידישע מצבות. וואָרום וואָס איז שעדלעץ חשובער פון אַנדערע שטעט אין פוילן, פון פינטשעוו, פון פשעמישל, פון זאַמאָשטש און כעלם, אַז מען זאָל דאָ גאַסן ברוקירן מיט פּשוטע שטיינער?

נאָך דער באַפרייאונג פון שעדלעץ האָבן יידן אָנגעהויבן קומען אהער. אפשר האָט זיך עמעצער געראַטעוועט? אפשר וועט מען אַ באַקענטן מענטש געפינען? וואָרום יתומים זענען דאָך אַלע. כפל כפלימדיקע יתומים קומען אַפילו אויפן בית עולם זיך וואַרעמען ביי די קברים. אָבער די שעדלעצער יתומים האָבן אַפילו קיין קברים נישט געפונען. אַלץ איז געוועזן צעשטערט און צעטרעטן. די בית־עולמ'ס צעשטערט, די מצבות צערויבט. ארום האָט געהערשט אַזאַ ווילדע שנאה, ווי די מאָרד־גלוסטן וואָלטן זיך נאָך נישט גענוג אָנגעזעטיקט מיט יידיש בלוט. איז ווי נאָר אין שעדלעץ זענען געפאַלן די ערשטע צוריקגעקומענע יידן, איז מען זיך צעלאָפן — ווער איבער דער גרענעץ און ווער אין די גרעסערע, מער זיכערע שטעט.

ס'איז שוין געווען אַ צייט נאָך דער מלחמה, ווען די נייע יידישע קהילה האָט געציילט העכער פינף הונדערט נפשות פון שעדלעצער יידן און פון יידן וואָס שטאַמען פון די ארומיקע שטעטלעך. יידן האָבן שוין געהאַט פּלענער צו שאַפן דאָ אַ גרויסן ישוב און לייגן פונדאַמענטן פאַר אַ ניי יידיש שעדלעץ. זיי האָבן שוין געהאַט צוריק אויפגעשטעלט פּאַרטיי־גרופּן און קולטור־קעמערלעך, אָבער די שווידערלעכע שנאה האָט אַלע חלומות צעשטערט. היינט דרייען זיך ארום אין אַ שעדלעצער געסל צוויי מנינים יידן און ווייסן נישט, וואָס מען טוט מיט זיך.

די גרויסע בענקשאַפט פון געציילטע יידן צו אַ פול יידיש לעבן דריקט זיך אויס אין אַ ריירנדיקער זאָרג פאַר אַלץ וואָס האָט צו טאָן מיט פרומער יידישקייט.

דריי בית עולמ'ס האָט שעדלעץ פאַרמאָגט: אויף דעם עלטסטן בית עולם, ווו עס ליגט דאָס געביין פון די עלטסטע יידישע דורות אין שעדלעץ — האָט מען אויסגעבויט בנינים פאַר אַ בוי־קאָאָפּעראַטיוו. דאָ דערקענט מען נישט קיין צייכן פון דעם וואָס איז געווען. נישט מער, דער בנין פון יידישן שפּיטאָל, וואָס איז געשטאַנען אין שכנות פון בית־עולם, גיט בלויז צו אָריענטאַציע, אַז אונטער

די קאָאָפּעראַטיוו־בנינים געפינען זיך קברים. אויף אַ צווייטן בית־עולם האָט די באַפעלקערונג געמאַכט אַן אַדורכגאַנגס־פּלאַץ, וואָס זאָל פאַרקורצן דעם וועג צווישן גאַסן. דעם דריטן בית עולם — דעם נייעם — האָבן יידן צוריקבאַקומען. זיי האָבן דאָס פעלד אַרומגעבויט מיט אַ נייעם פּאַרקאַן. די אָפּגעפונענע מצבות האָבן זיי איינגעמויערט אין פּאַרקאַן, וואָרום ווער קען געדענקען וועלכע מצבה איז אויף וועלכן קבר געשטאַנען?

פון איין גאַס האָבן יידן אויסגעגראָבן די מצבות און לויט דער פאַראָרדענונג פון מאַגיסטראַט האָבן זיי פאַר זייער אייגן געלט געמוזט לאָזן פאַרברוקירן די ערטער, פון וועלכע זיי האָבן עקסהומירט די מצבות. די שטאָט־טאַטעס פון שעדלעץ האָבן דערקלערט, אַז די שטאָט וויל נישט ליידן מאַטעריעל אויב די יידן ווילן דווקא, אַז מיט זייערע מצבות זאָלן נישט זיין אויסברוקירט די גאַסן.

אויף דעם נייעם בית עולם געפינען זיך ברידער־קברים פון טויזנטער יידן, וועלכע זענען אויסגעשאָכטן געוואָרן דורך דייטשן און ליטווינער בעת דער ערשטער אויסזידלונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן דעם 22 אויגוסט 1942 און האָט געדויערט עטלעכע טעג. במשך פון די דאָזיקע טעג זענען אומגעקומען צוועלף טויזנט יידן.

פיל הונדערטער יידן זענען יענע טעג אויסגעמאָרדעט געוואָרן אויף די פעלדער און אין די אַרומיקע דערפער, בעת זיי זענען אַנטלאָפן, אָדער זיך אויס־באַהאַלטן. דריי הונדערט און זעכציק פון די דאָזיקע קדושים האָט דער ייד, יאַנטל גאָלדמאַן, ביז איצט עקסהומירט און זייערע ביינער אריבערגעפירט אויפן יידישן בית־עולם. זיי ליגן אין פיר ברידער־קברים און איבער די קברים האָבן די שעדלעצער יידן געשטעלט אַ דענקמאָל לזכרון דער שעדלעצער קהילה.

דער הויף פון דער שטאָטישער גימנאַזיע אין שעדלעץ איז אויסגעפּלאַסטערט מיט יידישע מצבות. ווייזט מיר גאָלדמאַן אַ בריוו פון אַ פּוילישער שריפטשטעלערין און לערערין, אַנאַ סטאַניעווסקאַ, וווּ זי ווענדעט זיך צו די יידן זיי זאָלן פון איר הויף עקסהומירן די מצבות, ווייל אַ הויף, וואָס איז אויסברוקירט מיט יידישע מצבות האָט אַ שרעקלעכע אַנטימאָראַלישע השפעה אויף דער קריסטלעכער שול־יוגנט, וואָס לערנט זיך אין דער גימנאַזיע...

און לאָמיר דאָ פאַרצייכענען ווי אין אַ פּנקס פאַר דער יידישער געשיכטע:

אין דער ווייַנאַכט פונעם יאָר 1939 זענען דייטשע רוצחים ארויס אין גאַס מיט אָנגעצונדענע פאַקלען צו הייליקן קריסטוסעס נאָמען און זיי זענען אַוועק צום פּלאַץ, ווו ס׳האָט זיך געפונען די אַלטע שול, דאָס גרויסע בית מדרש און דער אַלטער בית־עולם. די רוצחים האָבן די בנינים באַגאָסן מיט נאַפט און זיי אונטער־געצונדן. דער גאַנצער הויף פון דער קהילה איז אַוועק מיטן פייער. אונטערן דיל פונעם גרויסן בית מדרש האָבן יידן געהאַט באַהאַלטן דאָס זילבערוואַרג און ווערטפולע זאַכן פון קהל. עס האָבן זיך געפונען דאָרט אַלע פּרוכתן, כתרי־תורה, וואָס ספּעציעל צוויי פון די קרוינען זענען געווען פון מוזעאַלן ווערט, פּערציק זילבערנע לייכטער, מנורות, ספר־תורות. דאָס אַלץ איז אַוועק מיטן פייער. ווען

פוילן איז באַפרייט געוואָרן פון דער דייטשער אָקופּאַציע און צווישן די שטאָט־פירער האָבן זיך געפונען פּוילישע סאָציאַליסטן פון פּ.פּ.ס., האָבן זיי זיך געווענדעט צו די יידן, אַז היות דער ליידיק־געבליבענער פלאַץ נאָך דער שול, בית־מדרש און קהלס־שטוב צוזאַמען מיטן אַלטן בית־עולם ליגן אין סאַמע צענטער פון שטאָט, זאָלן יידן אויף דעם פּלאַץ אויפשטעלן אַ דענקמאָל, וואָס זאָל אויף דורות דערציילן וועגן דער אַכזריות פונעם גערמאַנישן פאָלק, וועגן זייַן מאָרד און רויב. האָט זיך צווישן אַלע יידישע אינסטיטוציעס אין פּוילן נישט געפונען קיין איינע, וואָס זאָל זיך מיט אַזאַ דענקמאָל פאַרנעמען. עס האָט זיך נישט געפונען קיין איין געזעלשאַפטלעכער טוער אין פּוילן (וואָס כאָטש מיט געלט־מיטלען זענען אַלע יידישע אינסטיטוציעס אין פּוילן גוט באַזאָרגט), וואָס זאָל וועלן צולייגן אַ האַנט אַז אַזאַ דענקמאָל זאָל אויפגעשטעלט ווערן.

האָט די שטאָט אויף דעם אָרט אַן אַנדער דענקמאָל אויפגעשטעלט.

ווי אין אַלע שטעט אין פּוילן, האָט אויך דער שעדלעצער מאַגיסטראַט אויפגעשטעלט אַ דענקמאָל פאַר דער רויטער־אַרמיי. דער דענקמאָל איז אויפגעבויט געוואָרן אויף אַ פּלאַץ, נישט ווייט פון דעם אָרט, וווּ די שול איז געשטאַנען. אָבער די דאָרטיקע פּוילישע קאָמוניסטן האָבן געהאַלטן, אַז דער פּלאַץ פון דער שול איז מער רעפּרעזענטאַטיוו, מער אין צענטער. דער מאַגיסטראַט האָט אַ יאָר צייט געוואַרט עס זאָל זיך אָפּרופן א יידישע אינסטיטוציע, וואָס זאָל גרייט־מאַכן אַ יידישן דענקמאָל צו שטעלן. די שארית־הפליטה פון שעדלעץ איז געפאָרן פיל מאָל קיין וואַרשע וועגן דעם ענין. לסוף האָט דער מאַגיסטראַט דעם סאָוויעטישן דענקמאָל איבערגעפירט אויפן שול־פּלאַץ און דאָרט אים איינגעמויערט. און איצט ווילן יידן ארומצוימען דעם שטח פון אַלטן בית־עולם מיט אַ פּאַרקאַן. זיי זענען אָבער געקומען צו שפּעט. דער יידישער בית־עולם מוז אויף להבא בלייבן אַן אַדורכגאַנגס־וועג פאַר דער שטאָטישער באַפעלקערונג, ווייל אַ פּאַרקאַן אויף דעם אָרט וועט שעדיקן די עסטעטיק פונעם רוסישן דענקמאָל און וועט צונעמען ביי אים די פּערספּעקטיוו. אזוי האָט געמשפּט דער מאַגיסטראַט.

און טאַקע דאָ אין שעדלעץ האָב איך זיך דאָס ערשטע מאָל אויף מיין רייזע איבער פּוילן אָנגעטראָפן מיטן הורט־האַנדל מיט יידישע מצבות. וועגן איינצל־האַנדל האָב איך שוין פריער געהערט און זיך איבערצייגט, אָבער דאָ קיין שעדלעץ איז אָנגעקומען אַ גאַנצער טראַנספּאָרט.

ווי נידעריק איז געפאַלן אונזער תקופה און ווי גייסטיק־דעגענערירט איז דער דור וואָס האָט פאַרלוירן יעדן צייכן פון בושה. דאָ אין שעדלעץ האָב איך געזען דעם תהום פון דער געפאַלנקייט. אַ שעדלעצער שטיינהעקער און הענדלער האָט אין דער שטאָט אָלשטין געקויפט אַ וואַגאָן יידישע מצבות. די אויסטערלישע סחורה איז געקויפט געוואָרן אָפיציעל, ווי רווישטאָף. די מצבות זענען מיט אַן אָפיציעלן פּראַכט אָנגעקומען קיין שעדלעץ מיט דער באַן. צופעליק האָט דער שוין דערמאָנטער יאַנטל גאָלדמאַן באַמערקט ווי מען פירט מצבות אויף וועגענער איבער

די גאַסן פון שעדלעץ. עס איז געווען אַ סצענע פון פיין, ווען די פאַרבייגייער האָבן געזען ווי אַ ייד הענגט זיך אָן נאָכן וואָגן און לאָזט אים נישט ווייטער פאָרן. מעג מען אים דאָ אויף דער גאַס צעטרעטן — ער וועט נישט לאָזן ווייטער פאָרן. די מצבות געהערן אים, דעם איבערבלייב פון אַ פאָלק. נישט אויף דעם איז ער געבליבן לעבן ער זאָל דערלאָזן, אַז מצבות זאָלן געשענדעט ווערן, זיי זאָלן אויף אַסלשטיינער פאַראַרבעט ווערן, זיי זאָלן ווערן צו צלמים אויף קריסטלעכע בתי־קברות. דער סוחר האָט זיך געשלאָגן מיט דעם ייד. ס'איז זיין סחורה. ער האָט באַצאָלט פאַרן עקספּעדיטאָר, פאַרן וואָגאָן, פאַר די וועגן, ער וויל נישט וויסן פון סענטימענטן פון עפּעס אַ ייד. יאַנטל גאָלדמאַן האָט גערופן מיליץ, ער האָט געפאָדערט גערעכטיקייט, ער האָט זיך אָנגעהאַלטן אָנעם וואָגן און דערקלערט, אַז נאָר איבער זיין טויטן גוף וועט דער וואָגן אריבערפאָרן. ער וועט נישט דער־לויבן קיין מיידאַנעק פאַר יידישע מצבות. די מיליץ האָט דעם טראַנספּאָרט פאַר־האַלטן. עס האָבן נישט געהאָלפן די טענות פון סוחר, אַז ער וויל נישט און דאַרף נישט וויסן, וואָס פאַראַ באַדייט אָט די שטיינער האָבן פאַראַ חוצפּהדיקן ייד. ער האָט אָן אָפיציעלן חשבון אויף צען טויזנט טאָן שטיינער, ער האָט אָן אָפיציעלן פּראָכט פון דער באַן — ער איז אין אָרדענונג. די מצבות האָט מען אויסגעלאָדן אין שעדלעץ, ווייל די באַן־דירעקציע האָט דערקלערט, אַז זי האָט אירס געטון, זי האָט צוגעשטעלט דעם טראַנספּאָרט ווו מען האָט איר געהייסן. ליגן די מצבות אין שעדלעץ מיט א פאַרבאָט צו פאַרווענדן זיי ווי רוישטאָף...

אָבער דאָ הייבט זיך אָן די גרענעצלאָזע עלנטקייט פון די פאַרבליבענע יידן אין פּוילן: די שעדלעצער יידן האָבן וועגן דעם געשריבן צו די יידישע אינסטי־טוציעס קיין וואַרשע. די אינסטיטוציעס האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף דעם סקאַנדאַל „לאָקאַליזירן", נישט פונאַנדערבלאָזן. זיי האָבן דעריבער בלויז זיך געווענדעט קיין אָלשטין, די אַרטיקע מאַכט זאָל דעם טראַנספּאָרט צוריקציען. די אַרטיקע מאַכט האָט געענטפערט, אז אויב די יידן וועלן צוריקגעבן די הוצאות, וואָס ס'האָט געקאָסט דער טראַנספּאָרט, זענען די אָלשטינער מצבה־שענדער גרייט צוריקצוציען די „סחורה"...

ביאַלע

קיין ביאַלע, נעבן בריסק, בין איך אָנגעקומען צוועלף אַזייגער ביינאַכט. דאָך אין אָט דער שפּעטער שעה איז אויפן קליינעם וואָקזאַל געווען טומלדיק. ביאַלע איז אַן עטאַפּן־פּונקט פאַר די פּוילישע רעפּאַטריאַנטן פון רוסלאַנד. ס׳איז דער ערשטער פּונקט פון דער סאָוויעטישער גרענעץ, וואָס גייט איצט אַדורך אין בריסק. שטייען דאָ גרייט אויטאָבוסן אַראָפּצונעמען קראַנקע, אַ וואָגן מיט ברויט און מילך — עס דאַרף אָנקומען אַ צוג מיט רעפּאַטריאַנטן און מען גרייט זיך זיי אויפצונעמען. כאָטש די נאַכט איז שפּעט, זיצן דאָ אויפן וואָקזאַל אַ פּאָפּציק פּויערים. אויך זיי וואַרטן אויף דעם צוג. זיי ווילן זען די גערעטעוועטע ברידער־פּאָליאַקן פון באָלשעוויע.

ביאַלע ליגט אַ צוויי קילאָמעטער פון דער באַן־סטאַנציע, איך ווייס אפילו נישט צי אין שטאָט געפינט זיך היינט אַ האָטעל. בלייב איך דערווייל אויפן וואָקזאַל. איך זעץ זיך צו צו אַ טישל אין בופעט און הער זיך צו צו די דיסקוסיעס פון די פּויערים. דער שמועס גייט וועגן יידן און באָלשעוויקעס. זיי רעדן אָפן. די פּרימי־טיווע פּאָדליאַסיער פּויערים האָבן אויפגעבונדענע צונגען און רעדן וועגן דעם, אַז פּוילן האָט נישט קיין מזל. טאָמער איז מען פּטור געוואָרן פון די יידן איז געקומען די באָלשעוויסטישע אָנשיקעניש. איינער אַן אַלטער פּאָליאַק, מיט גרויסע פּריצישע וואָנסן, האַלט, אַז איידער די באָלשעוויקעס זענען שוין בעסער געווען די יידן. מיט זיי, מיט די יידן, איז דאָס לעבן געווען אַ לעבן און פאַר אַ קערץ ווייץ האָט מען נאָך געקענט עפּעס באַקומען. מיט די באָלשעוויקעס איז ערגער: זיי נעמען צו דעם ווייץ און באַקומען באַקומט מען אַ קרענק... אַ צווייטער, אַ יונגערער פּויער, דערווידערט אים. דער עיקר איז געווען פאַרטרייבן די יידן. קיינער האָט עס נישט געקענט טון ביז ס׳זענען געקומען די גערמאַנער. די יידן זענען געווען זייער שטאַרק. זיי האָבן געהאַט צדיקים — מכשפים, מיט וועלכע קיין שום כח אויף דער וועלט האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן. אויך די ביאַלער יידן האָבן געהאַט אַזאַ איינעם — דער ביאַלער צדיק־מכשף. אָט דער ביאַלער צדיק האָט אַלע יידן רייך געמאַכט און וואָס אַ ייד האָט געוואָלט האָט ער באַצאָלט דעם צדיק און דער צדיק האָט געמאַכט דער ייד זאָל האָבן וואָס ער האָט געוואָלט. דערפאַר איז מיט די יידן געווען ערגער. כאָטש די דייטשן זענען געווען שטאַרק האָבן מיר זיי פונדעסטוועגן פאַרטריבן. און די באָלשעוויקעס, ווייסט מען, זענען גאָרנישט אַזוי שטאַרק, וועט מען זיי זיכער פאַרטרייבן...

דער אַלטער פּאָליאַק מיט די פּריצישע וואָנסן שמעקט זיך אָן מיט טאַבאַק און מאַכט אַוועק מיט דער האַנט זיין מיטשמועסערס סברות:

— די דייטשן האָבן פאַרשפּילט, ווייל די יידן האָבן זיי נישט געהאָלפן. אָבער די באָלשעוויקעס נעמען צו הילף די יידן. די גאַנצע רעגירונג איצט אין פּוילן איז דאָך אַ יידישע. און אין שטאָט שמועסט מען, אַז ביאַלער יידן זיצן אין דער פּוילישער רעגירונג. דער „נאַטשעלניק" פון דער רעגירונג איז דאָך דער, ווי הייסט ער דאָרט, דער מינץ. ער איז דאָך, שמועסט מען אין שטאָט, אַ ביאַלער ייד.

— און איין ייד האָבן זיי דאָך אויך אין ביאַלע. ער איז אַ גאַנצער „פּאַן־בראַט" מיט דער „בעזפּיעקע"* און ער לערנט ווי אַזוי צו רעגירן — מישט זיך אַריין אַ צווייטער, וואָס איז ביז איצט געזעסן שטיל.

— דעם וואָס האָט פאַר אַ ווייב אַ קריסטלעכע טאָכטער, מיינסטו? — פרעגט אים דער יינגערער פּויער.

— נו, יאָ, דער וואָס פאָרט מיט דער „בעזפּיעקע" איבער די דערפער.

— אָ, נאָר מיט די יידן זענען זיי שטאַרק, די באָלשעוויקעס — זאָגט דער יינגערער פּויער — זיי נוצן־אויס דעם כוח פון די צדיקים־מכשפים און טוען וואָס זיי ווילן.

— זענען „אונזערע" נאַראָנים וואָס זיי קויפן נישט איבער די יידן — זאָגט דער אַלטער.

— מיטן טייוול זיך פאַרבינדן? — שרייט איינער אויס — קריסטן וועלן זיך מיטן טייוול פאַרבינדן?

— אָבער איידער אַ באָלשעוויסטישע אָקופּאַציע, די מאָסקאַלעס זאָלן איבער אונז הערשן — וויל איך שוין בעסער די יידן — האַלט זיך ביי זיינס דער אַלטער מיט די פּריצישע וואָנסן — מיט זיי איז דאָס לעבן געווען אַ לעבן און פאַר אַ קערץ ווייץ האָט מען נאָך געקענט עפּעס באַקומען...

דער שמועס וואָלט זיך נאָך זיכער געצויגן ווען עס זאָל נישט אָנקומען אַ ידיעה, אַז דער רעפּאַטריאַציע־צוג איז נאָך נישט קאָנטראָלירט געוואָרן איידער ער פאָרט אַריבער די פּוילישע גרענעץ און במילא וועט ער היינטיקע נאַכט נישט אָנקומען קיין ביאַלע.

איך האָב געבעטן דעם אָנפירער פון דעם רעפּאַטריאַציע־פּונקט ער זאָל מיר דערלויבן איבערנעכטיקן אין די באַראַקן פאַר רעפּאַטריאירטע.

— מיטן גרעסטן כבוד — זאָגט ער מיר העפלעך — באַקומסט אַ שלאָף־צימער מיט הונדערט ריינע און פרישע בעטן...

אינדערפרי בין איך אַוועק אין שטאָט אַריין זוכן דעם ייד, וואָס „לערנט די „בעזפּיעקע" אין ביאַלע ווי אַזוי צו רעגירן", וועגן וועלכן די פּויערים האָבן ביינאַכט געשמועסט. אויפן מאַרק האָב איך באַמערקט אַ יונגערמאַן, וואָס לויט זיין פאַרפּוילישטער קליידונג האָב איך דערקענט, אַז ער איז אַ ייד... ס'איז צופעליק געווען אַ ביאַלער יונגערמאַן, וועלכער איז געקומען אַהער דערליידיקן זיינע ירושה־

---

* פאַרקורצט פון „אוזשאָנד בעזפּיעטשענסטוואַ", זיכערהייטס־מאַכט.

ענינים און איינער פון די זעלטענע יידן אין פוילן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט פאַר־אייביקן דעם אָנדענק פון זייערע פאַרטיליקטע קהילות.

שייע ווייסמאַן איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין ביאַלע און דורכגעמאַכט אַלע שבע מדורי גיהנום פון די ביאַלער יידן. ער איז געווען אַן עדות פון ביאַלער עליה און ירידה. ער געדענקט ווען דער מאַרק, אויף וועלכן מיר שטייען איצט, איז געווען די בערזע פון דער ביאַלער וווּנדערלעכער יוגנט, און ער געדענקט ווי דער דאָזיקער פּלאַץ איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גיהנום. ווען דער עטלעך־און־צוואַנציקיעריקער יונגערמאַן האָט מיר אָנגעהויבן דערציילן וואָס ער האָט איבערגעלעבט און וואָס זיינע אויגן האָבן געזען — האָב איך פּשוט מורא געהאַט פאַר זיין זכרון. וויפל כוח דאַרף פאַרמאָגן אַ מענטש, כדי אַרומצוגיין אויף דער וועלט מיט אַזאַ שרעקלעכן באַגאַזש. זיין זכרון איז איין ריזיקער בית עולם מיט קברים פון עטלעכע יידישע קהילות, פון זיינע נאָענטסטע, פון זיינע ליבסטע. אַ יאָר צייט איז ער ארומגעגאַנגען מיט אַן אַדורכגעשאָסענעם בויך. ער האָט געזען די שחיטות פון ביאַלע, פון סוואַלק, פון סעראָצק און מעזריטש. ער איז געווען צען וואָכן אין טויטנלאַגער פון מאַידאַנעק, ניין חדשים אין סקאַרזשיסקער פּייני־קונגס־לאַגער, ער איז געווען אין טשענסטאָכאָווער שקלאַפן־לאַגער און אין בוכנ־וואַלדער קאָנצענטראַציע־לאַגער. אין אָט די עטלעכע שורות, וואָס שרייבן זיך אויף אַזוי לייכט, איז דאָך באַהאַלטן אַ ים פון אַכזריות און פון אוממענטשלעכע יסורים. און דאָ שטייט פאַר מיר דער יונגערמאַן, וואָס האָט די אַלע פּיינען אליין דורכגעמאַכט.

איך זאָג אים ער זאָל מיר ווייזן ביאַלע. ענטפערט ער מיר, אַז דאָס, וואָס איז געווען צו זען אין ביאַלע, איז פאַרניכטעט, נישטאָ וואָס צו זען מער. גאָרנישט איז דאָ וואָס צו זען אין ביאַלע.

און אַמאָל איז דאָך דאָ געווען אַ רייכע יידישע וועלט, מיט יידישע פאַבריקן, וואַרשטאַטן, יידישע סוחרים און בעלי מלאָכות, יידישע קליינהענדלער און אַ געבילדעטע יידישע אינטעליגענץ.

ביאַלע איז געווען באַרימט איבער פּאָדליאַסיע מיט אירע געזונטע יידן, פיזיש־שטאַרקע יידישע פאַלקסמענטשן, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געוווּסט, אַז זיי דאַרפן פאַר עמעצן מורא האָבן. ווען יידישע קינדער האָבן ל״ג בעומר געוואָלט גיין אין וואַלד אריין, האָט פאַראויסמאַרשירט יאַנקל קרעמפּלס מיט אַ גראָבן שטעקן אין דער האַנט און די קינדער האָבן געוווּסט, אַז איצט וועט שוין קיין שום כוליגאַן נישט וואַגן אָנצוגרייפן. ער וואָלט געפאַלן אונטערן שטעקן פון זייער באַשיצער.

וועגן איינעם אַזאַ פאָלקס־טיפּ דערציילן די ביאַלער, אַז ווען דער ביאַלער רבי איז קראַנק געוואָרן איז ער אַוועק צו אים און געזאָגט:

— רבי, וואָס טוט זיך מיט אייך? אַ כפּרה מיינע צוועלף שוואַלבן פאַר אייער געזונט...

דאָס איז געווען מאָטיע דער הויכער, אַ טרעגער, דער טאַטע פון צוועלף קינדער.

און אויך איצט, ווען פון יידישן ביאַלע איז קיין צייכן נישט געבליבן, האַלט זיך דאָ אויף איין איינציקער ייד, וועגן וועלכן די פויערים האָבן ביינאַכט געשמועסט. ער האָט די ביטערע צייטן פון „אויסזידלונגען" און שחיטות איבערגעלעבט אין די וועלדער און זיך אויסבאַהאַלטן ביי אַ קריסטלעכע פרוי, זיין איצטיק ווייב. פאַר אים האָבן די פויערים מורא אימת מות. ווען די מיליץ פון דער זיכערהייטס־מאַכט וויל באַרואיקן אַ כוליגאַניש דאָרף — איז ער דער ערשטער צו פאָרן אין דעם דאָרף...

— איך וועל — זאָגט ער צו מיר — פון די כוליגאַנעס רייסן לעבעדיקע פאַסן פאַר אַלץ וואָס זיי האָבן געטון מיט די ביאַלער יידן. זיי וועלן באַצאָלן פאַר יעדעס דערמאָרדעט יידיש קינד אין דאָרף, פאַר יעדן איינציקן ייד, וואָס איז דורך זיי באַרויבט געוואָרן און דערמאָרדעט.

דערפאַר, זאָגט ער, ווױנט ער דאָ אין ביאַלע, איינאיינציקער ייד. ווען נישט דער דורשט נאָך נקמה וואָלט ער געהאַט אין דר׳ערד די ביאַלער כאַמעס. אָבער ער קאָן קיין נאַכט רואיק נישט שלאָפן. די ביאַלער יידן רופן אים ביינאַכט, ער זאָל נעמען נקמה. דערפאַר פאָרט ער נישט אַוועק פון דאַנען.

ווען די ביאַלער שארית הפליטה איז געקומען אַהער, כדי צו עקסהומירן די גופים פון פיל הונדערטער יידן, וואָס זענען צעוואָרפן איבער פעלדער און וועלדער ארום ביאַלע — איז ער, דער יידישער פאָלקסמענטש, דער וואָס פאָרט־מיט איבער די דערפער און פירט אַדורך די עקסהומאַציעס.

אויך פון פרומקייט איז ביאַלע געווען באַקאַנט. פרומע, חסידישע יידן מיט בערד און קאַפאָטעס, מיט אַן אומבאַגרענעצטער אמונה. י. ל. פרץ האָט געשריבן וועגן אָט די יידן אין זיין דערציילונג וועגן ביאַלער רבין, דעם טערעס־פאָלער עלוי, און בריסקער רב.

אין דער וועלטלעכער קולטור איז ביאַלע נישט אָפּגעשטאַנען פון די צענטערן: מעזריטש און שעדלעץ. אויך זי האָט געהאַט ביבליאָטעקן, פאַראיינען און אַן אייגענע צייטונג — „פּאָדליאַסיער לעבן", אַ דראַמקרייז און קולטור־קרייזן, און שולן, און אָוונט־קורסן. דאָ האָבן געווירקט אַלע יידישע פּאָליטישע פּאַרטייען: ציוניסטן, בונדיסטן, קאָמוניסטן און אַפילו אַנאַרכיסטן — פּאָדלאַסיער אַנאַרכיסטן...

איצט איז פון דעם אַלעמען קיין צייכן נישטאָ. אפילו קיין בית עולם נישט. דער פּלאַץ פון בית עולם איז פולשטענדיק אויסגעגלייכט און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן איבונגס־פּלאַץ פאַר דער שטאָטישער יוגנט.

אין 1946 האָט די ביאַלער שארית הפליטה עקסהומירט די גופים פון פיר הונדערט יידן, וואָס די דייטשן האָבן דערמאָרדעט אין יידישן שפּיטאָל און זקנים. זיי האָבן די ביינער איבערגעטראָגן אויפן געוועזענעם בית עולם און זיי געברענגט צו קבר ישראל...

אויף דעם גרויסן ברידער־קבר האָבן זיי אויפגעשטעלט אַ ריזיקן דענקמאָל לזכרון די קדושים און גיבורים פון ביאַלע. די רעשטלעך פון דער ביאַלער קהילה, וואָס צוזאַמען מיט די רעפּאַטריאירטע פון רוסלאַנד ציילן זיי נישט מער ווי זעכציק,

זעכציק יתומים פון אַכט טויזנט פינף הונדערט יידן, — די רעשטלעך האָבן געהאַט דאָס געפיל, אַז מיטן דענקמאָל האָבן זיי אויפגעטון אַ גרויסע זאַך. און עס איז געווען אַ גרויסע זאַך. עקסהומירן פון גריבער און אַפילו פון קלאָזעטן פיר הונדערט גופים, זיי ברענגען צו קבר ישראל און שטעלן אַ דענקמאָל איז ביי די איצטיקע באַדינגונגען אין די קליינע שטעטלעך אין פוילן אַן איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונג.

דער דענקמאָל איז געשטאַנען נישט מער ווי אַכט טעג, ער האָט געשטערט די ביאַלער ספּאָרטלער זייערע ספּאָרט־פאַרמעסטונגען. ער איז געווען צו גרויס אין די אויגן פון די ביאַלער כוליגאַנעס, וואָס ווילן נישט עפּעס וואָס זאָל זיי דערמאָנען, אַז אין דער ליקווידאַציע פון די ביאַלער יידן האָבן זיי זייער מערדערישן טייל. זיי האָבן מיט דינאַמיט אויפגעריסן דעם דענקמאָל. צעשפּליטערט אים אויף שטויב. איך האָב געזען די צעבראָכענע טאָוולען, די צעשפּאָלטענע קעפּ פון די יידישע אותיות, דעם געשענדעטן קבר פון פיר הונדערט יידן, וואָס קענען קיין רואיק אָרט אויף דער וועלט נישט געפינען פאַר זייער אייביקייט.

און אין יאָר 1946 זענען דאָך שוין מער קיין דייטשע און אוקראַינער באַנדיטן נישט געווען אין ביאַלע. איצט איז שוין נישטאָ אויף וועמען אָנצוווייזן, אַז נישט מיר, דאָס נאָבעלע פוילישע פאָלק, נאָר די גערמאַנישע באַרבאַרן און אוקראַאינישע מענטשן־פרעסער האָבן געמאָרדעט און געשענדעט. דער שאַנדטאַט אין ביאַלע האָט נישט מער קיין שותפים...

די ביאַלער עקשנים האָבן אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז זיי וועלן ליקווידירן דעם איבונגס־פּלאַץ און דאָס ספּאָרט־פעלד, זיי וועלן דעם פּלאַץ ארומצוימען מיט אַ הויכן בעטאָנענעם פּאַרקאַן און אויפשטעלן אַ נאָך גרעסערן דענקמאָל. זיי וועלן די מלחמה פאַר דער רואיקייט פון אַלע ביאַלער יידישע דורות נישט אויפגעבן. זיי וועלן פאַרקויפן עטלעכע ירושות, דינגען אַ שטענדיקן שומר, וואָס זאָל וווינען ביים דענקמאָל און היטן די קברים — אַ שומר פון דער אייביקייט.

די שייע ווייסמאַנס, וואָס האָבן כוח געהאַט איבערצולעבן מאַידאַנעק, סקאַר־זשיסק, טשענסטאָכאָוו און בוכנוואַלד, זענען איצט געוואַלדיקע עקשנים און וויל זייער דראַנג ווייטער צו לעבן אַ יידיש לעבן איז גרענעצלאָז, זענען זיי אויך גרייט אונטערצונעמען דעם שווערן קאַמף צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון זייערע אָבות.

די גרויסע ביאַלער שול איז צעשטערט, אָפּגעווישט פון דער אויבערפלאַך צוזאַמען מיטן בית מדרש. אויפן פּלאַץ פון ליידיקן שול־הויף קומען איצט פאַר די ביאַלער מערק. עס ציט זיי אַהער, די פויערים. דאָ, אין צענטער פון ביאַלער יידישקייט זענען פאָרגעקומען גרויסע רויב־טעג. אַ פאַרמעלע מלחמה איז דאָ פאָרגעקומען צווישן די רויבער, וואָס האָבן נישט געוואָלט וואַרטן ביז די דייטשן וועלן פאַרקויפן די יידישע זאַכן אויף ליציטאַציע. זיי האָבן געוואָלט די יידישע זאַכן אומזיסט און זיך דעריבער געשאָכטן אייַנאַנדער אין די געדיכטע געסלעך פון ביאַלע.

די טראַגעדיע פון די ביאַלער יידן האָט זיך אָנגעהויבן גאָר פרי, ווארום שוין

דעם 10טן יוני 1942 איז פאַרגעקומען די ערשטע אויסזידלונג פון טויזנטער יידן. פון יענעם טאָג אָן האָט זיך איבער די ביאַלער גאַסן אָן איבערייס געגאָסן יידיש בלוט. די געשיכטע פון דער ביאַלער קהילה האָט זיך געענדיקט ערב סוכות דאָס זעלבע יאָר, ווען ס'איז פאָרגעקומען די פולשטענדיקע ליקווידאַציע.

שייע ווייסמאַן דערציילט:

נאָך דער ליקווידאַציע פון די ביאַלער יידן זענען מיר געבליבן דריי הונדערט שקלאַפן־אַרבעטער אין ביאַלער־לאַגער. באַגינען האָט מען אונז אַרויסגעפירט צו־פוס הינטער דער שטאָט. מיר האָבן געוווסט, אַז מען פירט אונז צום טויט, ווייל מיט דעם זעלבן וועג פלעגט מען ביז איצט פירן נאָר אַזעלכע, וואָס האָבן מער נישט געדאַרפט צוריקקומען. צוויי קילאָמעטער הינטער דער שטאָט, נישט ווייט פון אַ וואַלד, האָט זיך אויפגעהויבן אַ זאַמדיק בערגל. דאָ, ביי דעם בערגל זענען שוין געפאַלן הונדערטער יידן. מיר האָבן געזעען, אַז אונזער געסטאַפּאָ־קאָנוואָי טראָגט מיט זיך מאשין־געווער. עס איז נישטאָ קיין שום ספק, אַז מען פירט אונז צום דערשיסן. פונדערווייטנס זעען מיר שוין דאָס בערגל, סך הכל נישט מער ווי אַ הונ־דערט מעטער. יעדער שפּאַן דערנענטערט אונז צום טויט. איינער הייבט אָן קוקן אויפן צווייטן, ווי מען וואָלט זיך צום לעצטן מאָל געזעען, אָבער די בליקן זענען נישט קיין טויט־בליקן, ס'איז נישט קיין געזעגענען זיך. אין דער איינער מינוט האָבן אַלע געהאַט דאָס זעלבע געפיל, אַז עפּעס וואָס דאַרף מען טון, אַז די דריי הונדערט יידן, וואָס גייען דאָ, טאָרן נישט אוועקגעבן זייער לעבן אונטער דעם דאָזיקן זאַמד־בערגל, וואָס דערנענטערט זיך אזוי אכזריותדיק. און אין איין און דער זעלבער רגע, ווען מיר געפינען זיך אַ פופציק מעטער פון בערגל, רייסט זיך אַרויס פון דרייהונדערט העלדזער אַן אימהדיקער הוראַ, אַ ווילסטער געבריל, וואָס צערייסט די לופט און פילט אָן מיט פחד. מיט דעם הוראַ האָבן מיר זיך געלאָזט לויפן צום וואַלד, יעדער אין אַנדער ריכטונג. און ס'האָט געדויערט, דאַכט זיך, אַן אייביקייט ביז די געסטאַפּאָ איז פון דעם ווילדן געשריי געקומען צו זיך, וואָרום זיי האָבן אָנגעהויבן נאָכשיסן אונז ערשט דאַן ווען מיר זענען שוין געווען אָפּגעלאָפן אַ פופציק מעטער. די שיסעריי איז געווען אַזאַ געדיכטע, אַז ס'האָט זיך געדאַכט קיי־נער וועט נישט באַוויזן אַריינצושפרינגען אין וואַלד. שוין ביים ראַנד פון וואַלד האָב איך דערפילט אַ ציטער אין בלוט און נעבן מיר איז איין ייד געפאַלן אַ טויטער. איך האָב געמיינט, אַז דער ציטער איז געקומען פון שרעק. אָבער ניין, ניין, דעמאָלט איז קיין שרעק מער נישט געווען. איך האָב געהאַט אַן אַדורכגעשאָסענעם בויך און די קויל, וואָס איז אַדורך מיין בויך האָט דערהרגעט דעם צווייטן ייד, וואָס איז געלאָפן נעבן מיר.

טיפער אין וואַלד האָבן זיך אַלע צונויפגעזאַמלט. מער קיין קרבנות זענען נישט געווען, כאָטש פון די דריי הונדערט, וואָס זענען דעמאָלט אַנטלאָפן, איז שפּעטער קיין צענדליק נישט געבליבן. זיי זענען אומגעקומען אין פאַרשידענע לאַגערן.

אין וואַלד האָב איך געטראָפן אַ סאַניטאַר פון אַ גרופּע מעזריטשער יידן. איך האָב ביי אים געבעטן אַ באַנדאַזש, מיין בויך האָט געבלוטיקט, איך האָב נישט געהאַט מיט וואָס דאָס בלוט צו פאַרהאַלטן און געפילט, אַז פון שוואַכקייט וועל איך פאַלן. דער סאַניטאַר האָט מיר געגעבן אַ באַנדאַזש און דערביי געזאָגט:

— ס'איז בעסער דו זאָלסט דעם בויך נישט באַנדאַזשירן, וועסטו לייכטער און שנעלער שטאַרבן. מיט אַזאַ וווּנד אין בויך קען מען איבערהויפּט נישט לעבן...

— און אָט דאָ — ענדיקט ווייסמאַן זיין עפּאָפּעע — שטיי איך ווידער אויף דעם אָרט, דורך וועלכן מיר האָבן דעמאָלט אינעם באַגינען פאַרביימאַרשירט — דריי הונדערט צעבונטעוועטע שקלאַפן.

דאָ, אין ביאַלע האָב איך אין אַרכיוו פון דער היפּאָטעק געזוכט דאָס בילד פון דער ביאַלער קהילה. דער אַרכיוו איז געבליבן גאַנץ און דאָ האָב איך אַנטדעקט די פּלענער פון די דייטשע רויבער בנוגע דעם איבערבלייב פון די יידישע פאַרמעגנס:

נאָכן ארויספירן די יידן פון ביאַלע האָבן די דייטשן פאַראָרדנט די דאָרטיקע היפּאָטעק זאָל צונויפשטעלן אַ רשימה פון אַלע יידישע אומבאַוועגלעכע גיטער פונעם ביאַלער קרייז. די רשימה איז צונויפגעשטעלט אין דער דייטשער שפּראַך און נעמט ארום די שטעט און שטעטלך: ביאַלע, יאַנאָוו, קיידען, פּישטשאַץ, סלאַ־וועטיטשע, ווישניצע, קאָנסטאַנטינאָוו און טערעספּאָל. אין די אַלע ביין יידישע קהילות האָבן זיך געפונען, לויט דער רשימה, דריי טויזנט פינף הונדערט יידישע הייזער. דער סעקרעטאַר פון דער היפּאָטעק האָט מיר אויפגעקלערט, אַז די רשימות זענען געמאַכט געוואָרן אין דריי עקזעמפּלאַרן. די אַרבעט האָט געדויערט פיל חדשים און זי איז געפירט געוואָרן אונטער דער אָנפירונג פון אַ ספּעציעל דעלע־גירטן דייטשן אינזשינער. איינער פון די דריי עקזעמפּלאַרן איז אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין בערלין, די צווייטע האָט זיך געפונען אין ביאַלער קרייז־אַמט און דער דריטער איז געבליבן אין דער היפּאָטעק. דער קרייז־אַמט האָט געוואַרט אויף אינסטרוקציעס פון בערלין אויף וואָס פאַר אַן אופן צו פאַרקויפן דאָס איבער־געבליבענע פאַרמעגן. צוליב דעם וואָס די אינסטרוקציעס האָבן געדאַרפט זיין פון אַלגעמיינעם פּלאַן צו פארקויפן אַלע יידישע גיטער אין פּוילן — האָט זיך דער ענין פאַרצויגן און דער ריזיקער רויב־פּלאַן איז נישט אויסגעפירט געוואָרן.

לויט די אַקטן פון ציווילשטאַנד פאַרמאַכט זיך די קאַרטע פון די ביאַלער קהילה אין דער מיט פון יאָר 1941. די לעצטע, וואָס איז געשטאָרבן מיט אַ נאָרמאַלן טויט, געבערענגט געוואָרן צו קבר ישראל אויף אַ נאָרמאַלן אופן, הייסט — פריידל פּאַסקאָוויטש. וועגן איר טויט האָט מודיע געווען דער פאַרטרעטער פון רב, פנחס ריבאַקי. דאָס לעצטע יידישע קינד, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין דער קהילה קדושה — ביאַלע האָט געהייסן פּערל פרידמאַן, די טאָכטער פון לייב און רייזל פון דער היים קליגסבערג. דאָס קינד איז פאַרשריבן געוואָרן דעם צוואַנציקסטן יוני 1942.

מיט דעם האָט זיך אָפּגעשלאָסן דאָס לעבן פון דער אַלטער קהילה — ביאַלע.

לוקאָוו

כמעט אַכטהונדערט יאָר איז אַלט געווען די קהילה לוקאָוו בעת איר אומקום. אַ שטאָט מיט טיפע יידישע טראַדיציעס. היינט איז לוקאָוו יידנריין. דעם זכר פון דער קהילה וועט איר געפינען אויפן וועג צווישן לוקאָוו און ראַדזין, סך־הכל אַ זעקס קילאָמעטער פון לוקאָוו — טויזנטער צעפוילטע גלידער וועט איר זעען אויפן גרויסן זאַמד־שטח. דאָ, אויף דעם אָרט, האָט די אָרטיקע באַפעלקערונג באַרויבט די אומ־געקומענע פון אַלץ, וואָס קען צוגערויבט ווערן. איז ווען דו שטייסט איצט אויף דעם זאַמדיקן באָדן ווייסטו אז דו שטייסט איבער די רעשטלעך פון אַכט טויזנט יידן נישט נאָר פון לוקאָוו, נאָר אויך פון די אַרומיקע שטעטלעך, ווי סטאָצק, קאָצק, יאַדימאָוו, און פון ווייטערן סוואָלק און גאַשעלסק.

דאָ הינטער לוקאָוו האָבן די דייטשן פשוט איינגעאָרדנט אַ שעכט־הויז פאַר יידן. זייערע העלפער זענען געווען די שכנים, מיט וועלכע יידן האָבן צוזאַמען געלעבט אַכטהונדערט יאָר.

לוקאָוו איז געווען אַ שטעטל פון יידישע בעלי מלאָכות. צו וואָס פאַראָ פאַרטייען און חסידישע כתות לוקאָווער יידן זאָלן נישט האָבן געהערט — האָט זיי דאָך פאַרבונדן איין זאַך: אַרבעט. אכט טויזנט פאַרהאָרעוועטע, פאַרפּראַצעוועטע יידן האָבן דאָ געלעבט. אַמאָל איז דאָ געווען אַ צענטער פון גערייוולטע שוסטער. לוקאָוו האָט געליפערט שיך און לאַפּטשעס פאַר די פּאָדלאַסיער פּויערים. די לוקאָווער יידן האָבן פאַרשיט די מערק מיט סחורה. ווען די מאָדע אויף גערייוולטע שיך איז אויסגעגאַנגען און דאָס שטעטל האָט אָנגעהויבן צאַנקען, זענען יידן נישט אַריינגעפאַלן אין עצבות. זיי האָבן נישט געוווּסט ווי אַזוי ס'איז געשען, אַז די שטאָט האָט זיך איבערגעשטעלט פון גערייוולטע שוסטער אויף — סופרים.

לוקאָווער יידן זענען געוואָרן סופרים. קאָמוניסטן, בונדיסטן און ציוניסטן, רעוויזיאָניסטן און אגודת ישראל, מזרחי און די באַרימטע פייערדיקע קאָצקער חסידים — אַלע האָבן אין לוקאָוו געהאַלטן געגנדזענע פּענעס און געכתיבה'ט ספרי־תורות, מזוזות, תפילין. דער סופרים־פּראָלעטאַריאַט איז געוואַקסן פון יאָר צו יאָר. אין דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון די סופרים האָבן זיך אויסגעשפּילט די פּאָלי־טישע מחלוקותן צווישן „בונד" און קאָמוניסטן. לוקאָווער מזוזה־סופרים זענען געוואָרן אַ פאַקטאָר אין דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. אין די צייטן ווען ס'איז געווען אין דער מאָדע ביי די קאָמוניסטן אָנצורופן סאָציאַליסטן — „סאָציאַל־פאַשיסטן", האָבן קאָמוניסטן פאַרגעוואָרפן דעם „בונד", אַז ער פירט די לוקאָווער סופרים אין דעם בלינדן געסל פון לעאָן בלום און אָטאָ באַוער און אַז נאָר דער לענינישער

וועג איז דער ריכטיקער וועג, וואָס פירט די סופרים צו דער באַפרייאונג פונעם אַלטן קאַפּיטאַליסטיש־קלעריקאַלן סדר...

אָבער דער ריכטיקער וועג פאַרן לוקאָווער סופרים־פּראָלעטאַריאַט איז געווען די גאַנצע וועלט: די פאַראייניקטע שטאַטן, אַרגענטינע, שאַנכאַי, אינדיע. אין אַלע לענדער איז געגאַנגען דער לוקאָווער עקספּאָרט פון ספר־תורות, מזוזות און תפילין. לוקאָוו איז געווען דער באַראַמטער פון יידישער פרומקייט אויף דער וועלט. דאָ האָבן יידן געוווסט וויפל מזוזות עס דאַרף האָבן יאָהאַנעסבורג און וויפל תפילין — מעלבורן. די קאָצקער חסידים, פרומע סופרים, וואָס פלעגן יעדן אינדערפרי לויפן אין דער קאַלטער מקווה זיך טובלען פאַר דער אַרבעט זענען געווען אש להבה, וואָס צום פאַך האָבן זיך גענומען אפיקורסים. אין פאַראיין פלעגן זיי פאַרוואַרפן די קאָמוניסטן זייער צוויפּנימדיקע פּאָליטיק, וואָס פון איין זייט ברענגען זיי קעגן קלעריקאַליזם און פון דער צווייטער זייט — שרייבן זיי ספר תורות און תפילין. און וואָס־זשע וועט ווערן מיטן פאַך ווען די סאָציאַלע רעוואָלוציע וועט קומען? ווהין וועט די יעווסעקציע פירן די לוקאָווער סופרים?

אַ לעבעדיקע, אַרבעטזאַמע יידישע שטאָט געווען לוקאָוו. באַזייט פונעם פרומען פאַך און הייסע קאָצקער חסידים האָט זיך צעבליט דאָ אַ יידיש־וועלטלעכע קולטור. לוקאָוו האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע ביבליאָטעק, ציש״אָ־שול, פאָלקס־שולן, אַ ספּאָרט־פאַראיין און אַ קולטורעלע יוגנט, וואָס האָט זיך אין אירע טרוימען און בענקשאַפטן געריסן צו דער ברייטער וועלט. פונדאַנען זענען געפאָרן חלוצים בויען ארץ ישראל, חלוצים וואָס דאָס גאַנצע שטעטל פלעגט זיי גיין באַגלייטן צו דער באַן, פונקט ווי דווקא אויף זיי וואָלט אָוועקגעלייגט געוואָרן די אַחריות אויפצובויען ארץ ישראל. און אז דער פאַרמלחמהדיקער פּוילישער רעזשים האָט אָנגעהויבן זיין עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק קעגן די יידן, האָט אַ טייל פון דער יוגנט אָנגעהויבן לויפן צו דער מזרח־גרענעץ, ווו זיי האָבן געזעען די רעטונג פון דער וועלט. אָבער די וועלט איז געווען געשלאָסן פאַר דער וויטאַלער לוקאָווער יידישער יוגנט, ווי פאַר אַלע שטעטלעך אין פּוילן. ביי דעם גאַנצן שעפערישן לעבן האָט פאַר דער יוגנט פאַרפעלט לופט אין לוקאָוו, זייערע האָריזאָנטן זענען ברייטער געוואָרן, זייערע אַספּיראַציעס — גרעסער. האָבן זיי זיך געפילט ווי אָדלער אין אַ קליינער פינצטערער שטייג. נאָך דער צעטיילונג פון פּוילן אין 1939 איז אַ גרויסער טייל אַריבער דעם בוג. זיי האָבן געגלויבט, אַז דאָ, אין דעם נייעם סדר, וועלן זיי ווי פרייע יידן און מענטשן געפינען די אויסלייזונג פאַר זייער צעבענקטע נאַציאָנאַלע און מענטשלעכע אַספּיראַציעס.

איצט האָב איך באַגעגנט איינעם פון די לוקאָווער טרוימער. ער איז געווען פון די ערשטע, וואָס זענען אַריבער דעם בוג און פון די ערשטע, וואָס האָבן אויף ביאַליסטאָקער גאַסן געטראָגן די פאָן פון באַפרייאונג. ער האָט געזונגען די נייע לידער, ער האָט זיך איינגעשפּאַנט אין דעם נייען מאַרש. אָבער דאָס געפיל פון פרייהייט האָט געהאַט דאָס לעבן פון אַ שמעטערלינג: פאַרביק, שוועבנדיק, לייכט

און קורץ. ווייטיקלעך קורץ. סוף 1939 איז ער שוין דאָ צוריק אין לוקאָוו, כדי — ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט — צו שטאַרבן אויפן אייגענעם בעט מיט צערונענע אילוזיעס. אין יענער צייט איז שוין פינצטער געווען דאָס לעבן אין לוקאָוו. ארבעט? לעבן? אָטעמען? יידן האָבן שוין וועגן די אַלע זאַכן נישט געטראַכט.

נאַכט, וואָרגנדיקע נאַכט איז געלעגן איבערן שטעטל. דאָס לעבן איז ערגעץ־ווו אַנטלאָפן. דער צוריקגעקומענער האָט דערפילט, אַז אויך דער ווילן צו שטאַרבן אויפן אייגענעם בעט איז שוין נישט מער ווי א ביטערע אילוזיע. און ווידער איז ער אַריבער דעם בוג, אויף דער רוסישער זייט. אָבער איצט שוין בלויז מיט איין געפיל: לעבן! איבערלעבן, אויסהאַלטן און וואַרטן ביז דער געשיכטלעכער שטורעם וועט אַריבער.

אויף זיינע יונגע פּליצעס האָט ער אויסגעטראָגן די אימהדיקסטע משאות. ווען ער איז אַוועק פון לוקאָוו איז ער אַלט געווען סך־הכל 24 יאָר. איצט איז ער גראָ און מיד. אויפן ליידיקן וואָקזאַל אין לוקאָוו האָט ער פאַרשאַרצט די הויזן און געוויזן מיר זיינע פיס, וואָס זענען צעפּרעסן פון ציגגאַ. „און אזוי איז אויך מיין אינעווייניקייט" — זאָגט ער מיט ווייטיק — „ציגגאַ פרעסט נישט אויף בלויז דאָס לייב, ציגגאַ צעפּרעסט אויך די נשמה: איך בין אַ דיאַלעקטיקער, אַ מאַרקסיסט לויט מיין וועלט־אַנשויאונג, אויב איך האָב נאָך בכלל אַ אַנשויאונג. און מאַרקס האָט געלערנט, אַז דאָס זיין באַשטימט דאָס באַוווסטזיין און אָפּטמאָל שעם איך זיך אַליין פאַר מיין באַוווסטזיין... לויט דער פּאַרטיי־קאַרטע בין איך אַ פּ.פּ.ר־ראָוויעץ, ווייל דאָס פאַרלייכטערט דאָס לעבן. דערפאַר האָב איך א גוטן פּאָסטן און איך זע נאָך אויס ווי אַ מענטש."

— איר זענט אַ ציניקער — זאָג איך.

— אַ ציניקער? ווען איר וואָלט איבערגעלעבט דאָס וואָס איך, וואָלט אויך איר זיכער געווען, וואָס איך בין. אָבער נישט קיין ציניקער. אַ דיאַלעקטיקער בין איך, אַ מאָדערנער מענטש. כ'האָב תמיד געשטעלט אויף איין קאָרט, אויף דער קאָרט פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. צו זיבעצן יאָר האָב איך געכאַפּט קלעפּ פון דער פּוילישער פּאָליציי פאַר דעם וואָס איך בין געווען פ א ר דער רעוואָלוציע. איך בין געזעסן אין תפיסה, טעראָריזירט געוואָרן פון מיין פרומען טאַטן און איך האָב פאַרקורצט דאָס לעבן פון מיין מאַמען. איך האָב אַלץ מקריב געווען פאַר דעם נייעם סדר, פאַר פרייהייט, פאַר באַציונג צום מענטש, פאַר פּראָגרעס. און אזוי ווי איר קוקט מיך אָן בין איך ארויס פּונעם נייעם סדר...

דער יונגערמאַן איז מיר געגאַנגען וויזן זיין שטעטל לוקאָוו.

— איר זעט — וויזט ער מיר אויפן מאַרק — דאָס שטעטל איז זייער ענלעך צו מיר: עס לעבט אין אַ נייעם סדר און זעט וואָס פאַראַ פּנים עס האָט...

דער מאַרק איז געווען ליידיק, טויט. די געוועזענע יידישע געוועלבלעך און קראָמען האַלב־געשלאָסן, האַלב־אָפן, ווי די באַלעבאַטים זייערע וואָלטן אַנטלאָפן פון שטאָט און אַלץ איבערגעלאָזט אויף הפקר. אויסערלעך האָט זיך דאָס שטעטל

גאָרנישט געביטן, בלויז די אכט טויזנט יידן, די קאָצקער חסידים און דער סופרים־פּראָלעטאַריאַט, פעלט. אָט דאָ איז געווען די ביבליאָטעק — פון דאַנען האָט די יידישע יוגנט געשעפּט איר וויסן. יעדן אָוונט פלעגט די יידישע ביבליאָטעק זיין באַלאַגערט פון דער יוגנט, אפילו פרומע בחורים פלעגן זיך אַהער אַריינכאַפּן און אויסלייען פּרצ׳ן און שלום עליכמ׳ן. און אָט דאָ, אין אָט דער מויער איז געווען די ציש״אָ־שול און דאָ ווידער דער קלוב פון די ספּאָרטלער — „מאָרגנשטערן״.

אפילו די שול איז שטייגעבליבן. נאָר זי איז שוין מער קיין שול, זי איז דאָס וואָס מען רופט איצט אין פּוילן אַ „ליפּע״.

און דער יונגערמאַן דערציילט מיר ווי אַזוי פון דער שול איז געוואָרן אַ „ליפּע״. איבער די שטעט און שטעטלעך פאַרן ארום צעהפקרטע יידן, וואָס פאַרקויפן יידישע הייזער, וואָס האָבן נישט קיין יורשים, אָדער וואָס זייערע יורשים האָבן זיך נישט אָפּגערופן. מען שטעלט אונטער פאַלשע עדות, מען פירט אַדורך פאַלשע פּראָצעסן און מען פאַרקויפט די הייזער ווי אייגענע. דאָס הייסט אין פּוילן אַ „ליפּע״. אַ „ליפּע״־הויז אין דער ווערט פון אַ מיליאָן גילדן, פאַרקויפט מען פאַר דריי־פיר הונדערט טויזנט און מען אַנטלויפט.

די קהילהשע בנינים קאָנען איצט אין פּוילן נישט האָבן קיין יורשים, ווייל קיין שום יידישע אינסטיטוציע אין פּוילן האָט זיך נישט דערקלערט אַלס יורש פון די יידישע קהילות. זענען געקומען עטלעכע לוקאָווער יונגעלייט און פאַרקויפט די שול פאַר פינף און זיבעציק טויזנט גילדן. דאָס איז דער גענויער ווערט פון פינף פּאָר שיך... איינגעהאַנדלט די שול האָט דער מאַגיסטראַט און דאָרט וועט איצט זיין דער צענטראַלער שטאָטישער מאַגאַזין. די שול איז בלויז איינע פון די „ליפּעס״, ווייל די זעלבע גרופּע שווינדלער האָבן שוין אַ דריטל פון די לוקאָווער יידישע הייזער פאַרקויפט. צוויי פון דער גרופּע וווינען סטאַביל אין לוקאָוו ביז זיי וועלן פאַרקויפן וויפל עס לאָזט זיך. די צוויי יונגעלייט אין דעם שטעטל, פירן אַ צעהפקרט און צעשיכורט לעבן. דאָס איז דאָס טרויעריקסטע בילד, וואָס עס קאָן ווערן פון אַ לע־בעדיקער שטאָט. אויך דער יונגערמאַן, וואָס פירט מיך אַרום, זאָגט מיר, אַז ער איז געקומען פאַרקויפן זיינע עלטערנס הויז. צוויי הייזער פון זיינע נאָענטסטע קרובים האָבן שוין פרעמדע פאַרקויפט נאָך מיט אַ יאָר פריער, איידער ער איז געקומען פון רוסלאַנד.

דעם בית־עולם האָבן פּוילישע פויערים צעשטערט. די מצבות זענען בעלם געוואָרן. איר וועט זיי געפינען אין די שטעלער פון פויערים און אויף די פרישע קברים פון פּוילישן בית הקברות, ווו זיי ווערן איבערגעאַרבעט אויף צלמים. דער שטח פון בית־עולם ווערט פאַרקלענערט מיט יעדעס האַלבע יאָר. דער בית־עולם ליגט צווישן פויערישע פעלדער און ווען די פויערים אַקערן זייערע פעלדער פאַראַקערן זיי גלייכצייטיק שטיקער פון בית־עולם.

און אָט דאָס איז אַלץ, וואָס איך האָב געזען אין דער געוועזענער יידישער פרומער שטאָט — לוקאָוו.

מאָרד — די שטאָט פון „האָפענונג״

יידן פון שעדלעץ האָבן נישט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס איך פאָר קיין מאָרד. אויסער געפאַר איז דאָרט נישטאָ וואָס צו זוכן. אין מאָרד האָבן זיך אין אַ באַהעלטעניש אָפּגעראַטעוועט פון דייטשע הענט צוויי יידן. האָבן פּוילישע כוליגאַנעס איינעם פון זיי געהרגעט באַלד נאָך דער באַפרייאונג, דער צווייטער האָט זיך געראַטעוועט און אַנטלאָפן. איז צו וואָס זאָל אַ ייד איינשטעלן דאָס לעבן און פאָרן אַהין?

אָבער מאָרד איז אין דער געשיכטע פון יידישן חורבן אין פוילן געוואָרן אַ היסטאָרישע שטאָט. די שטאָט פון האָפענונג פאַר צענדליקער טויזנטער יידן. איך האָב צום לעצטן מאָל געוואָלט דורכמאַכן דעם וועג, מיט וועלכן עס האָבן עולה־רגל געווען יידן צום טייך פון האָפענונג — צום בוג.

אין 1939, נאָך דער צעטיילונג פון פוילן, איז דער טייך בוג געוואָרן די גרענעץ צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד. די שטאָט מאָרד איז דעמאָלט געוואָרן איינער פון די צענטראַלע פונקטן, דורך וועלכן מאַסן יידן פון וואַרשע און פון גאַנץ פּאָדלאַסיע זענען אריבערגעגאַנגען אויף דער רוסישער זייט. דער גורל האָט מיך אין יענע חדשים דריי מאָל געפירט קיין מאָרד. איך בין געווען אַן עדות פון דער וווּנדערלעכער קרבנות־גרייטקייט, מיט וועלכער מאָרדער יידן האָבן אויפגענומען די פּליטים, זיי אריינגעפירט אונטער היימישע יידישע דעכער און שפּעטער זיי געפירט צום טייך בוג.

די דאָרטיקע באַלעגאָלעס, טייערע וואַרעמע יידישע פאָלקסמענטשן, האָבן אָנגעפילט מיט האָפענונג די הערצער פון די געפּלאָגטע יידן, אַז דאָ, אין זייערע הייזער, דראָעט זיי נישט מער קיין געפאַר. און ווירקלעך האָבן זיי געפונען אַ מיטל צו „נייטראַליזירן״ די מאָרדער געסטאַפּאָ, אַז זי זאָל נישט באַרויבן די פאַרבייפאָרנדיקע מחנות יידן. זיי האָבן זיי פאַרגאָסן מיט בראַנפן. זיי האָבן די אָפּטיילונג פון מאָרדער געסטאַפּאָ געהאַלטן אין כסדרדיקער שיכרות. אַ ניכטערער דייטש איז אַ דיסציפּלי־נירטע מאַשין, אַ שיכורער דייטש איז אַ געפאַלענער חזיר. יאַנקל דער באַלעגאָלע האָט אַנטדעקט דאָס געזעץ און געליפערט קאָסטנס מיט בראַנפן.

דעמאָלט האָבן פולע וועגענער מיט יידן געאיילט צום בוג. גאַנצע קאַראַוואַנען פון וועגענער זענען געגאַנגען. איך געדענק אַפילו איין קאַראַוואַן פון זעקס וועגענער מיט בלויז איין באַלעגאָלע. די פערד האָבן זיך שוין געהאַט צוגעוווינט צום וועג און נישט געדאַרפט מער קיין שמייסער:

פאַר דער מלחמה איז מאָרד געווען אַן אָפּגעלעגן שטעטל פון צוויי ביז דריי טויזנט יידן, פון קרעמער און בעלי מלאָכות. אַ רואיק שטעטל, ווו דאָס לעבן האָט

תמיד געהאַט איין און דעם זעלבן געלאַסענעם טעמפּ. אָן עליות און אָן ירידות: געאַרבעט שווער אויף פּרנסה און מיט מי חתונה געמאַכט קינדער און אויפגעשטעלט אַ דור נאָך אַ דור. זיי האָבן געהאַט זייער שול, זייער ביבליאָטעק און אַ יוגנט, פאַר וועלכע שעדלעץ און מעזריטש זענען געווען די גרויסע קולטור־צענטערס.

ערשט בעת דער יידן־וואַנדערונג צום בוג האָט מאָרד דאָס ערשטע מאָל געזעען אזוי פיל מענטשן, אזוי פיל יידן, וואָס זענען געקומען אַהער אויף אויטאָס, אויף וועגענער, אָדער צופוס. אָבער כאָטש אין מאָרד איז געשטאַנען אַ דייטשער גאַרניזאָן, האָבן פונדעסטוועגן די דאָרטיקע יידן נישט פאַרשטאַנען דאָס בהלה־געיעג פון די צעשראָקענע יידן. זיי אַליין האָבן זיך געפילט עפּעס מאָדנע זיכער. די דייטשע פעסט מיינט וואַרשע, שעדלעץ, מינסק און קאַלושין, אָבער נישט זיי... זיי פירן בלויז אַנדערע יידן צום בוג; זיי אַליין וועט די דייטשע פויסט שוינען. אַזוי זיכער און אַזוי איינגעזעסן האָבן די יידן זיך דאָ געפילט.

נאָך זיכערער האָבן זיי זיך געפילט ווען ס'האָט שפּעטער־אַביסל אַ פּלייץ־געטאָן דער צוריקשטראָם. ווען די פּליטים אין ביאַליסטאָק האָבן זיך דערפילט אויסזיכטלאָז, עלנט, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, ווען זיי זענען מיד געוואָרן אַרומ־צודרייען זיך אויף די ביאַליסטאָקער גאַסן און שטיין שעהן־לאַנג אין דער ריי נאָך אַ טעלער זופּ — זענען צענדליקער טויזנטער צוריקגעלאָפן צום בוג, כדי ווידער אַנצוקומען אין די פאַרלאָזענע היימען און „דאָרט שטאַרבן אויפן אייגענעם בעט". אין מאָרד האָבן זיך געטראָפן ביידע שטראָמען: איינער, וואָס איז געקומען אַהער פול מיט האָפענונג אויף יענער־זייט בוג צו געפינען די פרייהייט, און דער צווייטער, וואָס האָט זיך אין דער האָפענונג אַנטוישט און אויסגעקליבן די טויט־געפאַר אויף דער דייטשער זייט.

אין די קאַשמאַרע דיסקוסיעס צווישן די צוויי פּליטים־שטראָמען האָבן די מאָרדער יידן געפונען זייער אילוזאָרישע רו. אויב יידן לויפן צוריק קיין וואַרשע אין גיהנום אריין — מעגן זיי, די מאָרדער יידן, זיצן רואיק. יעדנפאַלס וווינען זיי נישט ווייט פון בוג און טאָמער אָן עת־צרה, וועלן זיי געפינען פאַר זיך שיפלעך, די לעצטע שיפלעך אַריבערצושיפן זיך אויף יענער־זייט. דערוויילע האָבן זיך נאָך ביי יאַנקל דעם באַלעגאָלע נישט אויסגעלאָזט די שטאָפן בראָנפן און יידן פאָרן נאָך צוריק...

אָן אימה'דיקן טעות האָט געהאַט דער צוריקשטראָם. אין די אַלטע היימען האָט אַ ייד מער נישט געקענט רואיק שטאַרבן אויף זיין אייגן בעט. און אַ ביטערע אילוזיע האָבן געהאַט די מאָרדער יידן. זיי זענען געווען די נאָענטסטע צום בוג און דערפאַר זענען זיי געפאַלן די ערשטע קרבנות.

אויף דער גרענעץ צווישן דער רוסישער און דייטשער אָקופּאַציע האָט מען פון ביידע זייטן אָנגעהויבן בויען פאָרטיפיקאַציעס צום מאַרגנדיקן צוזאַמענשטויס. אַהער האָבן די דייטשן אָנגעהויבן פירן מחנות יידן צו שקלאַפן־אַרבעט ביים טרוקענען די זומפּן, ביים פלאַסטערן וועגן פאַר דער היטלערישער מלחמה־מאַשין,

וואָס האָט זיך געגרייט צום מאָרד־שפּרונג קעגן רוסלאַנד. די שטאָט מאָרד האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אַרבעטסלאַגער, ווו טויזנטער יידן האָבן געפונען דעם טויט פון הונגער, קעלט און דערשעפּונג. דאָס שטעטעלע מאָרד איז פאַרטריבן געוואָרן קיין שעדלעץ און ביים טרייבן זיי צופוס זענען הונדערטער קינדער, פרויען און זקנים דערשאָסן געוואָרן. אַ לאַנגער בית־עולם איז דער וועג צווישן מאָרד און שעדלעץ. ווען דו וועסט פאָרן מיט דעם וועג און זעען אויף די פלאַכע בערגלעך געדיכטע קעמפּעס פון ווילדע נאַרציזן — ווייס, ייד, אַז דאָס זענען עלנטע קברים פון דיינע מאָרדער שוועסטער און ברידער. די זאַפטן פון די נאַרציזן — דאָס איז יידיש בלוט; די געלע, מאַטע אויגן פון די בלומען קוקן אויף דיר ווי אויגן, וואָס זייער לעצטער בליק איז געווען די שרעק פון פּיין...

אין מאָרד בין איך געגאַנגען זעען דאָס הייזעלע פון יאַנקל באַלעגאָלע, וואָס איז דעמאָלט, סוף יאָר 1939, געווען דער מלאך הגואל פאַר די אַנטלויפנדיקע יידן. די קליינע דירה זיינע איז געוואָרן אַ וואַרעמע נעסט. די ווענט זענען געווען אויסטאַפּעטירט מיט די בלעטער פון אילוסטרירטע פילם־זשורנאַלן. האָליוודער צעשמייכלטע אַקטריסעס און פאַרליבטע פאָרלעך פון די פילם־סצענעס האָבן דערמאָנט, אַז ערגעץ אויף דער וועלט לעבן נאָך מענטשן אַ פריי לעבן, פריי פון שרעק און פּיין, פריי פון געסטאַפּאָ און דאַכלאָזיקייט.

און ווען איך בין איצט אריינגעקומען אין דעם הייזעלע האָב איך געפונען די זעלבע טאַפּעטן אויף די ווענט, נאָר אַ טייל פון די האַלבנאַקעטע האָליוודער פילם־אַקטריסעס זענען געווען פאַרהאַנגען מיט הייליקע קריסטלעכע בילדער... אויף דער שעדלעצער גאַס, ביים אַריינפאָר אין שטעטל, דאָרט ווו ס'האָט זיך געפונען דער דייטשער מיליטערישער שטאַב, איז איצט דאָס זיץ־אָרט פון דער אָרטיקער מיליץ. די געסלעך, דער מאַרק — גאָרנישט האָט זיך געביטן. בלויז קיין יידן זענען נישטאָ, קיין איינאיינציקער.

ווען איך פרעג אַ פּוילישע פרוי, ווען מען האָט די יידן ארויסגעטריבן פון שטאָט, קאָן זי מיר קיין ענטפער נישט געבן. וועגן טאָג און חודש איז שוין אָפּ־געערעדט, אָבער אפילו דאָס יאָר געדענקט זי נישט. אין איר זכרון האָט זיך נישט איינגעקריצט דער טאָג ווען ס'איז חרוב געוואָרן די מאָרדער יידישע קהילה... אַזוי נישט וויכטיק איז דאָס פאַר איר. וויכטיק איז דאָס, אַז זי וווינט איצט אין אַ יידיש הויז און זי האָט געירשנט די יידישע קראָם. און זיכער טראַכט זי איצט וועגן לעבעדיקע יידן מיט שרעק. טאָמער האָט זיך װער עס איז אָפּגעראַטעוועט און ער קען אַמאָל קומען אַהער און וועלן אָפּנעמען דאָס הייזל און די קראָם.

אָבער וועגן פרעמדע יידן געדענקען אַ סך פּויערים אין מאָרד. אַפילו קינדער געדענקען, אַז מען האָט געברענגט אַהער מחנות יידן „פון דער גאַנצער וועלט״, אַפילו פון וייטן פראַנקרייך. און די יידן זענען פון פאַרטאָג ביז אין אָוונט געשטאַנען אין די זומפּן. טויזנטער יידן האָבן דאָ געאַרבעט און ביי דער אַרבעט געפאַלן. פון

דער יידישער שקלאַפן־אַרבעט האָבן איצט די פויערים אויסגעטרוקנטע פעלדער און נייע וועגן.

אַהער, קיין מאַרד, האָבן די דייטשן פון אַ סך אַרומיקע שטעטלעך געברענגט מצבות און זיי אויסגענוצט צו די פאָרטיפיקאַציעס. אויך די מצבות פונעם מאַרדער בית־עולם זענען אוועקגעפירט געוואָרן צו די זומפן און דאָ באַגראָבן געוואָרן.

קיין איינציקער צייכן פון יידישן זיין איז דאָ נישט געבליבן, גאָרנישט מער אויסער די ווילדע נאַרציזן אויף די עלנטע קברים פון די מאַרדער קדושים אויפן וועג קיין שעדלעץ.

סאָקאָלאָוו

ווי עס איז שווער צו קומען דאָס ערשטע מאָל אויף קבר־אָבות, אזוי איז שווער צו קומען אין דיין אייגן חרוב שטעטל, דאָרט ווו דו האָסט דאָס ערשטע מאָל די שיינקייטן פון די פעלדער דערזעען, דאָרט ווו דיין טאַטע האָט דיך דאָס ערשטע מאָל אין אַ חדר אַוועקגעפירט, דאָרט ווו דו האָסט זיך דאָס ערשטע מאָל צונויפ־געטראָפן מיט דער וועלט. אין סאָקאָלאָוו האָב איך געקענט יעדן שטיין און יעדן בוים. איך וואָלט געקאָנט אויסרעכענען וועמען און דורך וועלכן פענצטער איך האָב געזעען אַרויסקוקן ווען איך בין אַלס קינד דאָס ערשטע מאָל געגאַנגען אַליין אין גאַס.

סאָקאָלאָוו מיין היים־שטאָט, סאָקאָלאָוו מיין האַרציק יידיש שטעטעלע, וואָס אַלס קינד האָב איך אויף דיר געקוקט ווי אויף דעם צענטער פון דער וועלט. אפשר זענען אויף דער וועלט נאָך פאַראַן אַ פּאָר שטעט, אָבער קיין איינע איז נישט אזוי גרויס און אַזוי שיין ווי דו... אין ערגעץ אויף דער וועלט איז נישטאָ אַזאַ טייך, ווי דו פאַרמאָגסט, כאָטש דער טייך האָט אַפילו קיין נאָמען נישט. אין ערגעץ זענען די לאָנקעס נישט אַזוי גרין, ווי דיינע לאָנקעס און קיין שום שטאָט אויף דער וועלט פאַרמאָגט נישט אַזש צוויי שפּאַציר־סעדער... וואָס פאַר אַ וווּנדערלעכע וועלט דאָס איז געווען: סאָקאָלאָוו האָט געהאַט אַ הויכע שול, וואָס צו די פאַרביקע שייבלעך איבערן ארון־קודש האָט מען געדאַרפט פאַררייסן דעם קאָפּ, כדי צו קאָנען זעען זייער פאַרבן־שפּיל. סאָקאָלאָוו האָט געהאַט אַ פּלומפּ אינמיטן מאַרק, וואָס האָט אין די קינדער־יאָרן געלאָקט ווי עפּעס אַ פאַרכישופטע מאַשין, וואָס ציט אַרויס וואַסער פון די סאַמע טיפענישן פון דער ערד... אַפילו די סאָקאָלאָווער אָפטע שריפות האָבן געהאַט אין זיך עפּעס אַזאַ טיפע ווילדע שיינקייט, וואָס פלעגט צעפלאַמען די קינדערשע פאַנטאַזיע און אַוועקפירן אין אַ וועלט פון גרויסע עמאָציעס.

אַפילו די מעשה־ביכלעך, וואָס מען פלעגט שפּעטער אויסלייען ביים בלינדן אַהרנען האָבן נישט דערציילט וועגן געהיימניספולערע וועלטן, ווי די, וועגן וועלכע יונה דער בלעכער פלעגט דערציילן...

ניין, סאָקאָלאָוו איז דער סאַמע צענטער פון דער וועלט און אַלדאָס שענסטע און אַלדאָס אינטערסאַנטסטע שפּילט זיך אָפּ אין דער דאָזיקער שטאָט...

איך בין געווען אין אַ סך שטעטלעך אויף פּאָדלאַסיע. צען מאָל האָב איך די שטאָט געקענט זען, און זי אויסגעמיטן. איך האָב מורא געהאַט אַרייננצופאָרן און צו דערזעען, אַז טאָמער איז ריכטיק דאָס אויך דאָ זענען מער קיין יידן נישטאָ...

איך בין אָנגעקומען קיין סאָקאָלאָוו אין אַ שפּעט־זומערדיקן באַגינען. דער מאַרק איז געווען ליידיק, די קראָמען — געשלאָסן, די מויערן, די סטראַגאַנעס אַרום

מאַרק, וואָס אַלס קינד האָט זיך מיך געדאַכט, אַז קיין גרעסערע זענען אויף דער וועלט נישט פאַראַנען, זענען איצט מאָדנע קליין און עלנט. אַ באַקאַנטע, אַ נאָענטע עלנטקייט. עס דאַכט זיך מיר, אַז אויך זיי, די הייזער קוקן אויף מיר מיט צעגליטע שויבן פון דער אויפגייענדיקער זון. זיי דערקענען מיך זיכער, און עס דערקענט מיך זיכער די פלומפּ אויפן מאַרק, וואָס אַלס קינד האָב איך קיינמאָל נישט געקענט אויפהייבן דעם שווערן אייזן צו פּאָמפּען.

איך זע נישט עמעצער זאָל גיין אין שול אריין צום דאַווענען. איך זע נישט וועלכע עס איז „פּיונע״ זאָל זיך עפענען אין דעם פריען מאָרגן און איך זע נישט די מאַרקשטייערינס זאָלן זיך איילן צום מאַרק מיט גרינסן פאַר די פלייסיקע סאָקאָלאָווער באַלעבאָסטעס.

איך גיי איבער די ליידיקע באַקאַנטע גאַסן און זע נישט קיין מענטש פאַר די אויגן. עפּעס עפנט זיך אַ טיר און צוויי הענט גיסן אויס אַ שיסל מיט וואַסער אויפן טראָטואַר און די טיר פאַרמאַכט זיך צוריק. קיין פּנים זע איך נישט. דעם סימן פון חורבן זע איך אינעם נייעם בית מדרש: די פענצטער אויסגעשלאָגן, די ווענט פאַררויכערט. איך גיי אַראָפּ מיט דער גאַס צום טייך, אַ סך פון די הילצערנע הייזלעך זענען אַראָפּגעטראָגן, נייע הייזער זענען אויפגעשטעלט געוואָרן. די וועלט פון דער קינדהייט איז צעריסן.

און צעריסן איז דער אַלטער בית־עולם, אַ גרויסע ווילדער פּלאַץ. ביי דער בריק הער איך ווי עס קלאַפּט די מיל, אַ יידישע מיל געווען. דערנעבן קלאַפּט אַ שמיד— אַמאָל אַ יידישער שמיד דאָ געווען. און איצט קוקט מיר נאָך דער גוישער שמיד, ער וווּנדערט זיך זיכער וואָס אַ פרעמדער זוכט דאָ אין דער געגנט אין אַזאַ פריער שעה. ווייטער אַרויף, צום מאַרק, געפין איך די שול אָפּגעמעקט, דאָס נייע בית מדרש עלנט און פאַרוואַרלאָזט. און ווען איך קום צוריק ארויף אויפן מאַרק זענען שוין עטלעכע קראָמען אָפן און אין די קראָמען — פרעמדע, אומבאַקאַנטע פּנימער.

נישטאָ מער קיין יידן אין דעם יידישן שטעטל סאָקאָלאָוו.

אינעם רבינס הויף גייען אריין באַאַמטע, מיליץ, פרעמדע מענטשן. דאָרט זענען היינט מלוכהשע־אַמטן, וואָס האָבן גאָרנישט צו טאָן מיט יידן.

און אַנומלט איז דאָך דאָ אַ גאַנצע מלוכה געווען. דעם רבינס הויף איז דאָך אַמאָל אַ וויכטיקער צענטער געווען פאַר גאַנץ פּאָדלאַסיע.

דער סאָקאָלאָווער רבי יצחק זעליג מאָרגנשטערן, אַן אייניקל פון קאָצק, האָט געקיניגט איבער פּאָדלאַסיע ווי אַ מאָנאַרך. פון די ווייטסטע שטעטלעך אַפילו פלעגן קומען אַהער ווייבער מיט קראַנקע, מיט קינדער — בעטן ביים רבין אַ רפואה שלמה. און דער רבי, ווי אַ דערפאַרענער דאָקטאָר, פלעגט אויספרעגן דעם קראַנקן און פאַרשרייבן רעצעפּטן אין אַ לשון־קודשדיקן לאַטיין, וואָס נאָר די סאָקאָלאָווער אַפּטייקער פלעגן אים פאַרשטיין...

א וווּנדערלעכער טיפּ געווען, דער סאָקאָלאָווער רבי. אַ מענטש מיט אַ פלאַמיקן

טעמפעראמענט און קינסטלעריש צעהפקרט, א באלעזענער ייד און א געוואלטיקער מענטשנקענער. ער האט זיך קיינמאל מיט זיינע קינדער נישט פארנומען, ער האט קיינמאל נישט געוווסט וויפל בחורים עס לערנען אין זיין ישיבה, וויפל יידן עס זענען פאראן אין שטאט, אבער ער האט אלץ און אלע גוט געקענט, וועגן אלע געהאט א טרעפלעכע מיינונג. ער האט ליב געהאט א פדיון, אבער צום געלט, וואס ער האט פארמאגט, האט ער קיין שום באציאונג נישט געהאט און דער אלטער שמש פלעגט אים נאכגיין און אויפקלייבן די קערבלעך, וואס ער האט ארויסגעווארפן פון די קעשענעס. ער האט געלאכט פון זיינע חסידים דאס זיבעטע געלעכטער און געחוזקט פון די ווייבער, וואס פלעגן צו אים קומען מיט „קוויטלעך" און הייליקן אנפארטרוי. ער האט די ווייבער געיאגט פון זיך מיט צווידייטיקע וויצן און געקענט שעלטן מיט ראפינירטע, אויסטערלישע קללות.

ווען ער איז פארבייגעגאנגען און א בחור איז אים געשטאנען אין וועג, האט ער אים געקאנט אראפלאזן א פאטש, אז דאס גאנצע בית מדרש זאל קלינגען און שפעטער זאל ער דעם זעלבן בחור ארומנעמען גוט־ברידעריש און גיין מיט אים שפאצירן הינטער דער שטאט, ווו עס שמעקן די אקאציע־ביימער און ווו יינגע פויערטעס מעלקן די קי.

דער סאקאלאווער רבי פלעגט חוזקן פון זיין קהילה. זיי זענען צו ווייניק ראפינירט, פויעריש זענען זיי די סאקאלאווער יידן — פלעגט ער זאגן. ווייל די סאקאלאווער יידן זענען געווען געזונטע, ארבעטזאמע יידן, באלעמלאכעס און קליינהענדלער, וואס פון זייער אייביקער שווערער פראצע פלעגט זיי תמיד אויספעלן א טאג אין דער וואך. אבער יידן מיט א געוואלטיקער אמונה זענען זיי געווען. ברויט אפשר נישט, אבער ארבעט און אמונה האבן זיי געהאט צו דער זעט.

דאך ביי דער גאנצער מאטעריעלער ארעמקייט האט סאקאלאוו ארויסגעגעבן א דור אינטעליגענץ, דיכטער, שריפטשטעלער, אינטעלעקטואליסטן און לערער, וואס זענען איצט צעווארפן און צעשפרייט איבער אלע יידישע ישובים אויף דער וועלט.

אין אט דער קליינער שטאט האבן זיך אפגעשפילט אלע געזעלשאפטלעכע און פאליטישע קאמפן ביי יידן. ווען די קאמפן צווישן די קאצקער, גערער און אלעקסאנדער חסידים האבן זיך געענדיקט, ווייל חסידות אין סאקאלאוו האט שוין מער נישט צובאקומען יונגע כוחות, האבן זיך די קאמפן אנגעהויבן צווישן וועלט־לעכע פארטייען: „בונד", ציוניזם און קאמוניזם. די קאמפן זענען געווען פונקט אזעלכע פארביסענע, ווי עס זענען געווען פארביסן די סאקאלאווער יידן. די שנאה צווישן פארטייען איז דא אפטמאל דערגאנגען ביז פערזענלעכער שנאה. דריי ריכ־טונגען ביי יידן זענען אין סאקאלאוו געווען, דריי מחנות, וואס האבן זיך קיינמאל קיין גוטמארגן נישט געזאגט. א בשותפותדיקער פראנט צווישן צוויי יידישע פארטייען איז געווען פונקט אזוי אוממעגלעך ווי אמאל א פארשטענדיקונג צווישן קאצק און גער...

אין די אוונטן, אין שפאציר־סאד און אין די פאראיינען, פלעגן די דיסקוסיעס

דערגיין עד לב השמים. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס זענען די געבורט־ווייען פון אַ נייעם סדר אויף דער וועלט.

אויף קיין נייעם וועלט־סדר האָט זיך די סאָקאָלאָווער יוגנט נישט דערוואַרט. ווען דער נייער וועלט־סדר איז אָנגעקומען אַהער איז ער, דער סדר, אַריינגעפאַלן אין אַ שלאַנגען־נעסט, וואָס האָט פריער פאַרסמט דאָס יידישע לעבן און שפּעטער, אונטער דער אַפּוטרופּסות פון די דייטשן, צוגעהאָלפן אויסוואָרצלען דעם יידישן געביין.

פון תמיד־אָן זענען די יידן דאָ אויסגעשטאַנען אַ ווילדן אַנטיסעמיטיזם. די שטאָטישע מיעשטשאַנעס, די סאָקאָלאָווער שוסטער און פייערלעשער פלעגן תמיד זוכן אַ געלעגנהייט „אַ שפּיל צו טון זיך" מיט יידן. דעם היסטאָרישן שאַנס האָבן זיי באַקומען אין דעם ערשטן טאָג ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען די שטאָט. שוין דעמאָלט, ווען די דייטשן זענען נאָך נישט צוגעטרעטן צו פאַרניכטן די יידן, האָבן שוין די סאָקאָלאָווער מיעשטשאַנעס אָנגעהויבן רויבן און מאָרדן.

איבער סאָקאָלאָוו איז אַדורך אַ פינצטערער שטורעם. ווען יידן זענען געלאָפן צום בוג זיך ראַטעווען, האָבן סאָקאָלאָווער פויערים זיי באַרויבט און דערמאָרדעט אויף די וועגן.

קומט מיט מיר אין האַלבן טאָג איבער די גאַסן פון סאָקאָלאָוו. די וויניק פאַרבייגייענדיקע פרויען זענען אָנגעטון אין מלבושים, וואָס דו ווייסט זיכער, אַז זיי זענען יידישע. די פאָרהאַנגען אין די פענצטער, די איינריכטונג אין די געשעפטן — אַלץ איז יידיש. וואָס מען האָט נישט צוגערויבט ביי יידן, האָט מען שפּעטער באַקומען ביי די דייטשן... און דער גאַנצער רויב הייסט „זאַכן נאָך די דייטשן", און די הייזער, אין וועלכע די פּאָליאַקן וווינען, הייסן נישט יידישע הייזער, נאָר „הייזער נאָך די דייטשן", ווייל די דייטשן האָבן געהאַט בדעה זיי צו פאַרקויפן...

נאָך דער באַפרייאונג האָט נאָך אַ יידישער פוס נישט באַטרעטן די ערד פון סאָקאָלאָוו. און ווער ווייסט וויפל צייט עס וועט פאַרביי ביז אַ ייד וועט קאָנען קומען אַהער.

איך בין זיך נוהג געווען, אַז אין יעדער שטאָט, ווו איך בין געקומען, האָב איך זיך נאָכגעפרעגט ביי אָרטיקע פאָטאָגראַפיסטן, צי ביי זיי האָבן זיך נישט אויפגעהאַלטן פאָטאָגראַפישע אויפנאַמען פון דער אָקופּאַציע־צייט. דאָ, אין סאָקאָלאָוו, האָב איך אַפילו נישט געוואַגט, איך האָב נישט געוואָלט דער מינדסטער פאַרדאַכט זאָל פאַלן אויף מיר, אַז איך האָב וועלכן עס איז שייכות מיט יידן, אָדער אז איך אינטערעסיר זיך בכלל מיט יידן...

און נישט נאָר יידן. אַהער וועט זעלטן קומען אַ העכערער־באַאַמטער פון וואַרשע, אָדער אַ קאָמוניסטישער פירער. און אויב זיי וועלן קומען וועלן זיי זיין געשיצט, ווי עס זענען געווען געשיצט די זעקס טויזנט יידן פון סאָקאָלאָוו.

האָב איך נישט געוואָלט צוגעבן נאָך אַן עלנטן קבר צו די יידישע קברים,

וואָס זענען צעזייט און צעשפּרייט איבער אַלע פעלדער און וועלדער אַרום. כ׳האָב נאָר געוואָלט אַ קוק טון ווי עס זעט אויס די שטאָט, וואָס איז געווען די וועלט פון מיין קינדהייט, וואָס איך האָב קוים געגלויבט, אַז עס איז דאָ נאָך אַזאַ צווייטע ווי זי. און איך האָב זי געזען אַזאַ עלנטע, אַזאַ שוידערלעך צעבראָכענע, אַז ווען ס׳איז אָנגעקומען דער אויטאָבוס קיין ווענגראָוו, האָט די ערד געבריט אונטער מיינע פיס און איך האָב פאַרלאָזט די שטאָט. אויף אייביק פאַרלאָזט.

וועגנגראָוו — דער אַפּהילך פון גיהנום

אויב אַ גיהנום האָט מדרגות, איז אויף די פּאַדלאַסיער יידישע קהילות אויסגעפאַלן דער ביטערסטער גורל. דאָס סאַמע טראַגישסטע אָרט אין דעם גיהנום האָבן פאַרנומען די דריי שטעטלעך: סאָקאָלאָוו, וועגנגראָוו און קאָסאָוו.

שוין אויפן צווייטן טאָג נאָכן פאַרנעמען וועגנגראָוו האָבן די דייטשן אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדנונג, אַז יידן טאָרן בכלל נישט האַנדלען און זיי האָבן קאָנפיסקירט אַלץ, וואָס איז געווען אין יידישע קראָמען. במשך פון צוויי טעג זענען אונטערגעשניטן געוואָרן די וואָרצלען פון דער יידישער קהילה.

פּאַדלאַסיע האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין פּוילישע אינטעליגענץ, דער עיקר אין קרייז סאָקאָלאָוו, וועגנגראָוו און קאָסאָוו איז די פּוילישע באַפעלקערונג באַשטאַנען פון פינצטערע, פּרימיטיווע פּויערים און אַ ווילדן שטאָטישן עלעמענט, וואָס האָט זיך נישט געקענט דערוואַרטן אויפן טאָג צו ירשענען דאָס יידישע פאַרמעגן. במשך פון אַ סך יאָרן איז דאָ געטריבן געוואָרן אַן עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק קעגן יידן און ביסלעכווייז האָבן די פּאָליאַקן ארויסגענומען פון די יידישע הענט די וויכטיקסטע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס. אָבער די פאַראָרעמונג פון די יידישע מאַסן איז פאַר זיי נישט געווען גענוג. זיי האָבן די יידן געוואָלט עקאָנאָמיש פולשטענדיק דערשטיקן, אויב זיי האָבן זיי נישט געקענט ביאָלאָגיש אומברענגען.

די פינצטערסטע, די סאַמע רעאַקציאָנערסטע געזעלשאַפטן אין פּוילן האָבן דאָ געפונען אַ דאַנקבאַרן באָדן פאַר זייער אַנטיסעמיטישן סם. בלויז די וווּנדערלעכע וויטאַליטעט און די צופּאַסונגס־פעאיקייטן פון די יידן האָט דערמעגלעכט זיי, די יידן, זאָלן דאָ ווייטער קענען לעבן און שאַפן.

אַפילו ביי די געשלאָסענע טויערן פון דער וועלט איז פון אָט די שטעטלעך געגאַנגען אַ גרויסע עמיגראַציע.

און געדענקען דאַרף מען, אַז וועגנגראָוו איז נישט געווען אַפּהענגיק פון אַרומיקן פּויער. פּונקט ווי לוקאָוו איז אויך וועגנגראָוו געווען אַ שטאָט פון סופרים, וואָס האָבן געליפערט ספר־תורות און מזוזות און תפילין פאַר פּוילן און פאַר אַלע יידישע ישובים אויף דער וועלט. אויך דאָ איז דאָס פאַך געלעגן אין די הענט נישט נאָר פון פרומע יידן. דער גרעסטער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט געלעבט אויסשליסלעך פון סופר׳עריי. זענען די יידן דאָ געווען עקאָנאָמיש סעפּאַרירט פון דער פּוילישער באַפעלקערונג. און דאָך האָט די יידן־שנאה געלאָזט דאָ טיפע וואָרצלען.

די היטלער־באַנדיטן האָבן גוט געוווּסט וועגן דעם און באַלד פונעם ערשטן טאָג פון דער אָקופּאַציע האָבן זיי דאָ אָנגעצונדן אַ פייער, אויפגעהעצט די מאָרד־

אינסטינקטן, און די פויערים געגעבן אַ היתר אויף אַלע ווילדקייטן.

באַלד אין די ערשטע טעג האָבן זיי די יידן דערנידעריקט אין די אויגן פון די פוילישע שכנים און זיי געטריבן ווי שקלאַפן דורך די שטעט פון פּאָדלאַסיע.

פון שעדלעץ האָבן זיי די גאַנצע מענלעכע יידישע באַפעלקערונג, אַפילו קינדער און זקנים, געטריבן צופוס דורך סאָקאָלאָוו און וועגנגראָוו. די מחנות געטריבענע שקלאַפן האָבן געמוזט מאַרשירן אָן די היטלען און אויפן וועג זענען זיי צו שאַנד און צו שפּאָט געוואָרן אין די אויגן פון דער פוילישער באַפעלקערונג, וואָס האָט זיך צוגעזען ווי מען צעשיסט די יידן, וועלכע שטייען־אָפּ אין וועג, האָבן מער נישט קיין כוח צו גיין דעם שקלאַפן־וועג.

הונדערטער יידן זענען בעת יענעם „מאַרש" געפאַלן אויפן וועג. פון צווישן די, וועלכע זענען דערגאַנגען קיין וועגנגראָוו, האָבן די דייטשן באַפרייט קינדער ביז פופצן יאָר און מענער עלטערע פון זעכציק. די האָט מען געהייסן צוריקגיין קיין שעדלעץ. און ווידער זענען פון זיי אַ סך געפאַלן. אויף צוריקוועגס זענען זיי פון פויערים באַפאַלן און דערמאָרדעט געוואָרן. פּאָליאַקן זענען געשטאַנען אויף די וועגן און געכאַפּט יידישע קינדער, כדי זיי צו פאַרמסרן פאַר דער דייטשער זשאַנדאַרמעריע. די יידן פון וועגנגראָוו האָט מען ווייטער געטריבן צופוס דורך אָסטראָוו קיין מזרח־פּרייסן אין די שקלאַפן־לאַגערן. און פאַרקערט: פון די וועגנגראָווער יידן האָט מען דריי טויזנט געטריבן דורך סאָקאָלאָוו און שעדלעץ קיין מאָרד, כדי צו טריקענען די זומפּן און בויען פאָרטיפיקאַציעס אין די וועלדער לענג־אויס דעם ברעג פון טייך בוג. און ווידער האָט זיך איבערגעחזרט אויפן וועג דער מאַסן־מאָרד אין די אויגן פון די פויערים. מיט די דאָזיקע וועגן האָט מען געטריבן די יידן פון קאָסאָוו און די יידן פון סטערדין. די קברים אויף די וועגן זענען געוואַקסן. די יידישע גופים האָבן זיך געוואַלגערט אויף די פעלדער. די פויערים האָבן אָפּגעלאָזט פון די קייטן די הינט אויף ביינאַכט און פּאָדלאַסיער הינט האָבן זיך געזעטיקט מיט דעם לייב פון געפאַלענע יידן.

די פּאָדלאַסיער פויערים, פינצטערע, פּרימיטיווע פאַנאַטיקער, פון לאַנגע יאָרן געהעצטע קעגן יידן, זענען איצט דורך די דייטשן במשך פון חדשים דערפירט געוואָרן צו דער מדרגה פון מענטשן־חיות. כאָטש אין זייערע כאַטעס וועט איר געפינען די ווענט געדיכט באַהאָנגען מיט הייליקע בילדער, מיט בילדער פון ליידנדיקע הייליקע — דאָך זענען זיי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין בלוט־דורשטיקע חיות, וואָס אפשר האָבן אַ סך פון זיי אליין נישט געמאָרדעט, אָבער באַפרידיקט זייערע אינסטינקטן דורך ימים פון יידיש בלוט.

דערפאַר זאָלט איך זיך נישט וווּנדערן, וואָס דוקא דאָ אויף דער גרענעץ צווישן וועגגראָוו און קאָסאָוו, האָבן די דייטשן אויפגעבויט איינעם פון זייערע זיבן גיהנום׳ס אין פוילן — די מאָרד־פאַבריק טרעבלינקע.

אין דער נאָענטער שכנות פון טרעבלינקע ליגט וועגנגראָוו. אַהער קומט אָפּט דער קאָמענדאַנט פון טרעבלינקע און פאָדערט ביי יידן געלט, פּרעסן און בראָנפן,

כדי ער זאָל „זיי נישט מאַכן פאַר קיין הייץ־מאַטעריאַל פאַר זיינע רושטן"...

די יידן ליפערן אַלץ, וואָס דער קאָמענדאַנט פאָדערט, און זיי האָפן: זיי וועלן איבערהאַלטן, זיי וועלן דעם מולך פאַרשטופן און זעטיקן מיט פרעסן און שנאַפּס. דער מולך איז תמיד געווען להוט און דורשטיק. ער האָט אויסגעצאַפּט פון די וועגנגראָוווער יידן די לעצטע זאַפטן. די יידן האָבן געצאַנקט, זיי האָבן שוין מער נישט געהאַט וואָס אַוועקצוגעבן, זיי האָבן שוין אַלץ פאַרביטן אויף געלט און גאָלד פאַר דעם נישט געזעטיקטן מולך. אָבער ער איז ווידער אַמאָל געקומען אין באַגלייטונג פון זיינע אוקראַינישע באַנדעס און געדראָעט מיט זיינע פאַר־לעצנדיקע רושטן און גאַז־קאַמערן פון טרעבלינקע:

— אייך וועל איך נישט פאַרניכטן, נאָר צאָלט דערפאַר יערן פרייז, וואָס איך פאָדער!

ווען פון שעדלעץ, סאָקאָלאָוו, מאָרד, סטערדין און קאָסאָוו זענען שוין גרויסע טיילן פון די קהילות געהאַט אומגעקומען אין די טרעבלינקער גאַז־קאַמערן, האָט נאָך וועגנגראָוו קיין קרבן נישט געגעבן. זענען אַהער אָנגעקומען טויזנטער יידן פון אַרומיקע שטעטלעך. דאָס קליינע וועגנגראָוו, וואָס האָט פאַר דער מלחמה געציילט פינף טויזנט יידן, איז דרייפאַך פאַרגרעסערט געוואָרן אין דער יידישער באַפעלקערונג. אין יולי 1942 זענען דאָ געווען זעכצן טויזנט יידן!

דער קאָמענדאַנט פון טרעבלינקע האָט ווידער געהאַט פון וועמען צו רויבן.

די געדיכטעניש אינעם וועגנגראָווער געטאָ איז געווען אַזאַ שרעקלעכע, אַז אין די הייזער האָט נישט געסטאַיעט קיין אָרט ווו צו שלאָפן, מענטשן זענען געלעגן אין דרויסן, אויף די בוידעמער און אין קעלערס. פיל יידן זענען צוליב דער געדיכטעניש אַוועק אין די דערפער זוכן זיכערע ערטער. אָבער דעמאָלט האָבן אין דער סביבה געלויערט צוויי מינים רויבער־באַנדעס: פּאָליאַקן און רוסישע געפאַנגענע, וואָס זענען אַנטלאָפן פון די דייטשע געפאַנגען־לאַגערס. אַלץ איז איצט געווען קאָנצענטרירט קעגן יידן: געסטאַפּאָ־אָפּטיילונגען, אוקראַאינישע באַנדיטן, פּוילישע רויבער און צעווילדעוועטע רוסישע זעלנער פון די געפאַנגען־לאַגערס.

יידן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די וועלדער, אין סטויגעס היי און אויף די פעלדער, אין זאַמד־גרובנס און אויף די פּוילישע בית־הקברות. שוצלאָז און אומבאַהאָלפן זענען געווען די יידן. קעגן זיך האָבן זיי געהאַט אַלע. אַפילו גאָט אַליין איז געווען קעגן זיי.

און הערט מיט וואָס פאַר אַ געוועט יידן האָבן זיך געשיצט אין די וועלדער: זיי האָבן איינגעהאַנדלט שיס־פּולווער. און ווען זיי פלעגן זען, אַז צום וואַלד דערנעענטערן זיך רוסישע אָדער פּוילישע באַנדעס פלעגן פיל יידן אין פאַרשידענע טיילן פון וואַלד צעקלאַפּן דעם פּולווער צווישן צוויי שטיינער. דער ווידערקול פונעם צעקלאַפּטן פּולווער האָט געמאַכט אַ רושם. די באַנדעס האָבן געמיינט, אַז די יידן זענען באַוואָפנט און שיסן פון וואַלד... אָבער די באַנדעס האָבן זיך שנעל

דערוווסט, אַז די יידן זענען אומבאַוואָפנט און דעמאָלט זענען זיי אריין אין די וועלדער אויף רויב און מאָרד.

די יידן פון די וועלדער זענען צוריק אַריין אין ווענגראָווער געטאָ. ביי דעם גאַנצן פיין און אומזיכערקייט האָט מען פונדעסטוועגן געקענט דאָ זיך אָפּרוען פון די פאַרפאָלגונגען פון די פוילישע און רוסישע באַנדעס. אָבער ווענגראָווער יידן האָבן געפילט: דער אַלגעמיינער אומגליק וועט זיי נישט מיידן. די זעכצן טויזנט יידן, וואָס האָבן זיך דעמאָלט געפונען אין געטאָ, האָבן געוווסט אַז זייער גורל איז אַ געחתמעטער. פון איין זייט טרעבלינקע מיט די דייטשע און אוקראַיִנישע מערדער און פון דער צווייטער זייט די פוילישע און רוסישע באַנדעס — זענען זיי פאַרמשפּט.

האָבן די יידן אין ווענגראָוו אָנגעהויבן בויען בונקערס: דאָפּלטע סופיטן, אונטערערדישע היילן, פאַרמאַסקירטע קעלערס.

גיטל גורא, אַן איינוווינערין אין דאָרף מאַקאָבאָדי, וואָס בעת דער אויס־זידלונג פון דעם דאָרף אין יאָר 1941 איז זי אַנטלאָפן קיין ווענגראָוו — דערציילט:

נאָך יעדן וויזיט פון דעם טרעבלינקער דייטשן קאָמענדאַנט מיט זיינע אוקראַיִנישע הינט אין ווענגראָוו, פלעגן זיך יידן באַרואיקן. זיי האָבן געוווסט, אַז אַ, וואָך, צוויי וועט זיין רואיק. דעמאָלט פלעגן יידן בויען בונקערס און די יוגנט האָט זיך געגרייט צו אַ קאַמף. אייגענטלעך האָבן זיי בלויז גערעדט וועגן קאַמף, ווייל קיין געווער האָבן זיי אין ערגעץ נישט געקענט באַקומען, אַפילו פאַר קיין געלט נישט. מען האָט שוין אפילו קיין שיס־פּולווער נישט געקענט באַקומען.

מוצאי יום כיפור, דעם 21־טן סעפּטעמבער 1942, אין פריען באַגינען, זענען קיין ווענגראָוו געקומען אוקראַינער און דייטשן פון טרעבלינקע. זיי האָבן געבערענגט אין שטאָט אריין הונדערט און זעכציק „פאָדוואָדעס״, פויערישע געשפאַנען, און „אויפגעפאָדערט״ די יידן זיי זאָלן זיך צונויפזאַמלען אויפן מאַרק. אויך דאָ, ווי אין אַלע אַנדערע שטעטלעך אין פוילן, איז די „אויפפאָדערונג״ געווען אַ מערדערישע, באַגלייט מיט צעשיסונגען, מיט מאָרד, מיט רויב. טייל יידן זענען אַנטלאָפן אין די וועלדער, הונדערטער יידן זענען געפאַלן טויט אין די הייזער. די פויערים, וועלכע זענען געקומען מיט די וועגענער, האָבן פאַרשפּרייט אַ ידיעה, אַז די יידן פירט מען נישט קיין טרעבלינקע, נאָר קיין מזרח־פּרייסן אויף ארבעט. די פויערים האָבן זיך געאיילט וואָס שנעלער אַהיימצוקומען, האָבן זיי געכאַפּט קינדער און זקנים און זיי געזעצט אויף די וועגענער כדי — צו פאָרן קיין מזרח־פּרייסן...

דאָס אומגליק איז געקומען אזוי אומגעריכט און די בהלה, וואָס איז אַנט־שטאַנען, איז געווען אַזאַ אומגעהויערע, אַז מענער און פרויען האָבן זיך פאַרלוירן, קינדער האָבן געזוכט די עלטערן און אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די אוקראַינער. פיל זענען דערשאָסן געוואָרן אין די בעטן. במשך פון צוויי שעה איז ווענגראָוו געוואָרן אויסגעליידיקט. הונדערט און זעכציק פויערישע וועגענער אָנגעלאָדן מיט

קינדער און זקנים זענען געפּאָרן פּאַראַויס. נאָך זיי זענען געגאַנגען צופוס טויזנטער ייִדן מיט זעק און טלומאַקעס אויף די פּלייצעס, און אַרום זיי — די „זאָנדער־קאָמאַנדאָ״ אויף ראָווערן און אוקראַיִנישע אָפּטיילונגען פון ס.ס.

ס׳האָט געהייסן, אַז מען טרייבט זיי קיין מזרח־פּרייסן אויף אַרבעט, אָבער שוין הינטער דער שטאָט האָבן די מערדער אָנגעהויבן שיסן אין די לעבעדיקע מחנות. דער שטויב פון שאָסיי איז אויסגעמישט געוואָרן מיט ייִדיש בלוט. אויס־זיכטלאָזע הילפרופן האָבן זיך געטראָגן צו די געשלאָסענע הימלען. ייִדן האָבן שוין איצט געוווּסט, אַז אָט דער שאָסיי, וואָס פירט קיין מאַלקין, וועט זיי נישט פירן קיין מזרח־פּרייסן. ער וועט זיך אָפּרייסן פינף קילאָמעטער פאַר מאַלקין, ביים וואַלד, פון וואַנען עס פירט דער שוואַרצער מיט קוילן־שטויב אויסגעשיטער וועג — קיין טרעבלינקע.

דעם זעלבן אָוונט, מוצאי יום־כפור, זענען די װענגראָווער ייִדן אומגעקומען אין די גאַז־קאַמערן פון טרעבלינקע.

נאָכן אַרויסטרייבן די ייִדן פון װענגראָװ איז די פּוילישע פּאָליציי אַרומ־געגאַנגען איבער די ייִדישע הייזער און געזוכט אויסבאַהאַלטענע ייִדן. אַ סך פון די װענגראָווער ייִדן זענען אַרונטער אונטער דער ערד. די שוין דערמאָנטע גיטל גורא דערציילט מיר, אַז זי האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ בונקער ביי איינעם אַ װענגראָווער קצב. זעכציק ייִדן זענען געווען אין דעם בונקער, וואָס האָט זיך געפונען אונטערן דיל פון זיין דירה. נאָך דעם ווי אַלע איינוווינער זענען אַוועק פון שטוב, האָט זיך דעם קצב׳ס הונט באַהאַלטן אונטערן בעט. זוכנדיק ייִדן האָט די פּוילישע פּאָליציי אַנטדעקט דעם הונט און אים דערשאָסן. די קויל וואָס האָט דערהרגעט דעם הונט איז דורכן דיל אַריין אין בונקער און דורכגעלעכערט דעם עמער וואַסער, וואָס די ייִדן האָבן אָנגעגרייט אויף לאַנגע טעג.

צווישן דאָפּלטע צוויי סופיטן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן פופציק ייִדן. אָן עסן און אָן וואַסער זענען זיי דאָרט געלעגן אַכט לאַנגע טעג. פון דורשט האָבן זיי געטרונקען זייער אייגענע אורין; פון דורשט האָט אייבער פון צווייטנס שטערן אַראָפּגעלעקט דעם שוויס.

אונטער אַ שטאַל האָבן זיך אויסבאַהאַלטן קרוב הונדערט ייִדן. צען טאָג זענען זיי דאָרט געלעגן. און במשך פון די צען טעג האָבן זיך די הונדערט ייִדן דערנערט מיט איינאיינציקן קילאָגראַם ברויט. איין ברויט פאַר הונדערט מענטשן!

במשך פון צוויי וואָכן האָבן זיך אַלע בונקערס אויסגעליידיקט. אַ טייל פון די ייִדן זענען אַנטלאָפן אין די וועלדער, די איבעריקע זענען דערשאָסן געוואָרן פון דער פּוילישער פּאָליציי.

פון דער װענגראָווער קהילה איז קיין שטיין אויף קיין שטיין נישט געבליבן. די װענגראָווער ייִדן זענען שוין געווען אַזוי אויסגעפּאַמפּעט פאַר דער אויסזידלונג, אַז נאָך זיי איז כמעט קיין רויב נישט געבליבן.

דאָך וועסטו נאָך איצט זעען ביי די פּאָליאַקן אין װענגראָװ ייִדישע זאַכן,

וואָס זיי האָבן אָנגערויבט ביי יידן אין די וועלדער, אין די דערפער, אָדער וואָס זיי האָבן צוגענומען פאַר אַ שלוק וואַסער אָדער אַ ביסן ברויט.

איז וועגגראָוו אויסגעליידיקט, פונקט ווי ס'זענען אויסגעליידיקט די האָפנונגען פון די וועגגראָווער גויים. זיי, די פּאָליאַקן, האָבן געהאָפט, אַז נאָכן אויסמאָרדן די יידן וועלן זיי האָבן פאַר זיך אַ רייכע שטאָט, וואָס די יידן האָבן געבויט, און זיי וועלן האָבן די „אוצרות" פון די יידן. האָבן זיי איצט אַ ליידיקע שטאָט, וואָס דערמאָנט אָן אַ נעגער־דאָרף ערגעץ־ווו אין פאַרוואָרפענעם צענטראַל־אַפריקע. און פון די „אוצרות" זענען געבליבן נישט מער ווי יידיש מעבל, יידישע פּערענעס און יידישע מלבושים.

ווארום וואָס מער האָט געקענט בלייבן פון אַ פאַראָרעמטער, אויסגעפייניקטער סופרים־שטאָט?

קאַסאָוו

אויך די קאַסאָווער פּוילישע אויסוואורפן האָבן זיך פאַרעכנט אין זייערע אַנטיסעמיטישע, רויבערישע חשבונות. אויך דאַ, ווי אין אַלע שטעט און שטעטלעך אויף פּאַדלאַסיע, האָבן די פּאַליאַקן געהאָפט, אַז היטלער וועט זיי באַפרייען פון די יידן און וועט זיי גליקלעך מאַכן. פון יידן האָט ער זיי באַפרייט. דער טייל פון זייערע האָפנונגען איז פולשטענדיק מקוים געוואָרן. די קאַסאָווער אויסוואורפן האָבן אַפילו אַן אַנזעעוודיקן אַנטייל־גענומען ביי פאַרניכטן די יידן. ווי איבעראַל האָבן זיי אויך דאַ באַרויבט און דערמאָרדעט זייערע יידישע פריינט, וואָס זענען געקומען צו זיי זיך אויסבאַהאַלטן.

קאַסאָוו איז אַ קליין שטעטעלע, וואָס ליגט צווישן סאָקאָלאָוו און מאַלקין. פאַר דער מלחמה האָבן דאַ געלעבט אַ דריטהאַלבן טויזנט יידן. און קאַסאָוו איז געווען דער איינציקער קולטור־פונקט אין דער סביבה: קאַסאָוו האָט געהאַט אַ ביבליאָטעק, פאַראיינען און אַ פאָלקס־שול, פּאָליטישע פאַראיינען און חסידישע כיתות. ווען די פּויערים אַרום האָבן זיך אַפילו בישט געקענט אונטערשרייבן, איז די קאַסאָווער קהילה געווען רייף צו אַ העכער און בעסער לעבן.

אָבער קאַסאָווער יידן זענען געווען שטאַרק פאַראָרעמט. זייער ביטער, געמאַטערט לעבן פלעגן בלויז באַלויכטן די שבתים און יום־טובים, וועלכע פלעגן זיך דאָך אין די קליינע יידישע שטעטלעך פאַרוואַנדלען אין וווּנדערלעכע מאַני־פעסטאַציעס פון אמונה און לעבנס־ווילן. ווען אין די יידישע פענצטער פלעגן אין די פרייטאָג־צונאַכטסן אויפגיין די פלעמעלעך פון די שבת־ליכט, האָט זיך אַ קוואַל פון עשירות צעלייגט איבערן קאַסאָווער מאַרק און איבער די דעכער. אין יענע מאָמענטן זענען דאָך יידן געווען באַפרייט פון דאַגות־פרנסה, איז ווער נאָך גלייך געווען צו זיי? ווער נאָך האָט זיך געקענט גלייכן צו די קאַסאָווער יידן, ווען זיי האָבן צוריקגעקערט פון דער שול אין די שבתדיקע היימען, כאָטש אַזוי זעלטן האָט אַ ייד אין קאַסאָוו געקענט קידוש מאַכן איבער ווייַן? און די יידישע יוגנט האָט אויפן שפּאַציר־וועג אויפן סאָקאָלאָווער שאָסיי צוגעגרייט די באַפרייאונג פון דער מענטשהייט. אין די הייסע דיסקוסיעס איבער שפּינאָזאַ, מאַרקסן און קאַנטן זענען אויסגעשמידט געוואָרן נייע העכערע וועלטן, וואָס וועלן זיכער קומען, און די קאַסאָווער יידישע יוגנט וועט זיכער אין די העכערע וועלטן געפינען איר פאַרדינטן אָרט...

די פּוילישע שכנים, וועלכע האָבן זיך צוגעקוקט צום לעבן פון די קאַסאָווער יידן האָבן ווינציק וואָס פאַרשטאַנען. ביי זיי האָט דאָס אַלץ געהייסן, אַז יידן מאַכן געשעפטן. אַז אַפילו די יידישע יוגנט אויפן שפּאַציר־וועג האַנדלט און קרעמערט,

וואָרום אַז נישט, טאָ פאַרוואָס פירן זיי אַזעלכע הייסע ויכוחים? פאַרוואָס קריגן זיי זיך אַזוי בעת זיי שפּאַצירן?

ביי די פּוילישע שכנים איז אויסגעקומען, אַז די קאָסאָווער יידן זענען רייך, אַז אונטער זייערע דילן זענען אוצרות באַהאַלטן, און זיי האָבן געהאַפּט, אַז „ווען היטלער וועט קומען" וועלן די אַלע אוצרות אַריינפאַלן צו זיי אין די הענט.

פון מאַלקין קיין קאָסאָוו גייט אַ באַן איין מאָל אין מעסלעס. איינס אַ זייגער ביינאַכט. אָנקומען איצט אין אַזאַ שטעטל אין מיטן דער נאַכט איז פון גרויס געפאַר. אַפילו קיין וואָגן קען מען נישט באַקומען אין דער געגנט, וואָרום די בריק איבער דעם בוג איז צעריסן. עס איז די סביבה פון טרעבלינקע. די פּויערים זענען צעווילדעוועט, הפקר־מענטשן געוואָרן. בין איך אַוועק צופוס צום בוג, אַריבערגעשיפט זיך דעם טייך און אין דאָרף פראָסטין געדונגען אַ וואָגן קיין קאָסאָוו.

דאָס שטעטעלע קאָסאָוו האָט מיר ספּעציעל אינטערעסירט, ווייל אַנומלט, ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל געווען אין טרעבלינקע, האָב איך געהערט וועגן אַ פאַרביטערטן קאַמף, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן קאָסאָווער פּויערים מיט פּויערים פון די דערפער אַרום טרעבלינקע.

דעם פּויער, ביי וועלכן איך האָב געדונגען דעם וואָגן, האָב איך דערציילט, אַז איך פאָר צום קאָסאָווער גלח וועגן אַ טויף־מעטריקע. און איך מוז גענייטיק היינט זיין אין קאָסאָוו. דאָ, אין אַן אויסגעלאָסן דאָרף, ווו אין יעדן צווייטן הויז טרייבט מען היימישן בראָנפן, וואָס זיי רופן „בימבער", האָב איך נישט געוואָלט אָנגיין פאַר אַן ענגלישן זשורנאַליסט. אין דער געגענט קען אַזאַ מעשה אַרויסרופן צופיל אויפרודערונג ביי די פּויערים. האָב איך אויסגעטראַכט די מעשה מיטן גלח. און עס איז מיר געלונגען. דער פּויער האָט מיך אָנגענומען פאַר אַ גרויס־שטעטישן פּאַליאַק און אַפילו מכבד געווען מיט אַ היפּש גלעזל „בימבער".

שוין ביים ערשטן גלעזל האָט זיך דעם פּויער פאַרדרייט דער קאָפּ און ער האָט זיך געכאַפּט קושן מיט מיר. איך געפעל אים. וואָרום טאָמער וואָלט איך אים נישט געפעלן, זאָגט ער מיר, וואָלט ער נישט געפאָרן מיט מיר. ער האָט אין דר'ערד דאָס גאַנצע געלט. ער דאַרף נישט קיין געלט, וואָס מען ציילט אין די הונדערטער און קויפן קען מען ווייניק פאַר דעם געלט. נאָר פאַר אַן אייגענעם מענטש איז ער גרייט אַלץ צו טאָן. ער האָט איינגעפּאַקט אין שטרוי פון וואָגן אַ פלאַש „בימבער", אַ לאַבן ברויט און אַ שטיק חזיר־פעטס און מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג אריין.

מיר זענען געפאָרן מיטן שאָסיי לענגאויס דער באַן־ליניע. דער בגלופנדיקער גוי איז אַריינגעפאַלן אין אַן אויסטערלישער פריילעכקייט און — אָנגעהויבן רעדן קעגן יידן.

— זעסט, — זאָגט ער — מיט דעם דאָזיקן שאָסיי האָט מען געטריבן טויזנטער יידן קיין טרעבלינקע. איי, איי, האָבן זיי געשריגן. מיר האָבן געבעטן די זשידעס, זיי זאָלן אַוועקוואַרפן דאָס געלט מיטן גאָלד, וואָס זיי האָבן באַהאַלטן, האָבן זיי נישט געוואָלט. זיי האָבן געמיינט מען פירט זיי אין אַ ווייַנגאָרטן. און

געפירט האָט מען זיי דאָ אין וואַלד־אַריין און זיי „פּאַרטיק געמאַכט". שפּעטער, ווען די זשידעס האָבן זיך צעבונטעוועט איז דאָס גאַנצע געלט פאַרפאַלן געוואָרן אונטער די חורבות און מיר האָבן עס געדאַרפט אויסזוכן אינעם זאַמד.

— כ׳האָב געהערט — זאָג איך אים — אַז די קאָסאָווער פּויערים זענען געקומען אהער זוכן גאָלד.

— אָ, נישט נאָר די קאָסאָווער. אפילו פון יענער זייט בוג זענען געקומען אהער „כלאָפּעס" זוכן גאָלד, אָבער אונזער גמינע האָט געזאָגט: גייט פון דאַנען! וואָס עס געפינט זיך דאָ איז אונזערס. אָבער די קאָסאָווער האָבן זיך איינגעעקשנט, אַז די ערד געהער אויך צו זייער קרייז און זיי האָבן אויך רעכט צו זוכן. גאַנצע מחנות זענען געקומען פון קאָסאָוו מיט ווידלעס און לאָפּאַטעס. האָבן מיר געטענה׳ט צו זיי: גייט אַוועק מיט גוטן, ביי אייך אין קאָסאָוו זענען געבליבן די הייזער פון יידן און די שטוב־זאַכן, און אַלץ וואָס די יידן האָבן פאַרמאָגט. אָבער מיר זענען אָפּגעברענט געוואָרן. די דייטשן און די רוסן האָבן דאָ זיך געשלאָגן ביים בוג און אונזערע הייזער פאַרברענט, זענען מיר בילכער צום גאָלד פון טרעבלינקע. זענען די קאָסאָווער „כלאָפּעס" זלידנע מענטשן און נישט געוואָלט אַוועק פון פעלד. האָבן מיר זיי אָנגעלערנט, זיי זאָלן זיך נישט מישן אין נישט זייערע עסקים.

— איר האָט זיי פאַרטריבן?

— זיי זענען קוים אַוועק לעבעדיקע פון פעלד, מיר זענען געווען מער. מיר זענען געווען פון פּראָסטין, פון טרעבלינקע, פון וווּלקע, פון אַלע נאָענטע דערפער. זענען מיר אַרויס מיט תבואה־דרעשער און זיי אָנגעבראָכן די ביינער, אַז זיי האָבן קוים דעם וועג קיין קאָסאָוו צוריקגעפונען...

— און זיי זענען מער נישט געקומען? — וויל איך נישט אָפּלאָזן דעם שמועס.

— געקומען. זיי פלעגן קומען ביינאַכט און גנבענען זעק מיט אַש. גאַנצע וועגענער מיט אַש האָבן זיי געפירט. אויסגעזוכט שטיקלעך גאָלד, אָדער פאַרברענטע ברילי׳אַנטן, האָבן זיי שפּעטער מיט דעם אַש געמיסטיקט די פעלדער.

— מיט אַש געמיסטיקט די פעלדער? — פרעג איך.

— מענטשלעכע אַש איז דאָס בעסטע מיסט, וואָס קען זיין אין דער וועלט! — ענטפערט מיר דער פּויער פאַכמעניש — אַפילו אַ זאַמדיקן באָדן, אַז מען מיסטיקט אים מיט מענטשלעכן אַש קען מען קאַרטאָפל פאַרזעצן. און יינגע קעלבער, אַז מען מישט אַריין אין דער פאַשע מענטשלעך אַש, וואַקסן זיי ווי די ביקעס. אָ, דאָס אַש פון טרעבלינקע איז פאַר די פעלדער אַ ברכה.

ווען מיר זענען פאַרבייגעפאָרן דאָס קליינע שומר־הייזעלע, נעבן וועלכן עס צווייגן זיך אָפּ די באַן־שינעס צו טרעבלינקער פאַרניכטונגס־לאַגער, זאָגט צו מיר דער פּויער:

— דאָ האָט מען אַריינגעפירט צוגן מיט זשידעס פון דער גאַנצער וועלט און פון זיי איז געוואָרן מיסט פאַר די פעלדער. פון דער בודקע אָן פלעגן שוין יידן צערייסן זייערע דאָלאַרן און אַנדערע געלטער און זיי אַרויסשמייסן דורך די

פענצטערלעך. אַז מען פלעגט גיין אַהער צום פעלד האָט מען געפונען די שטיקלעך פון באַנקנאָטן. זייער פאַרביסענע זענען זיי געווען, קיין איין גאַנצן דאָלאַר האָט מען קיינמאָל נישט געפונען און פון די שטיקלעך האָט מען קיינמאָל גאָרנישט געקענט מאַכן. און די אוקראַינער פון לאַגער זענען געקומען אין דאָרף אַריין, מען זאָל זיי פאַר די שטיקלעך געבן „בימבער". זיי האָבן געוואָלט אָפּנאַרן, די מנובלים. אָבער שפּעטער, אַז ס'זענען געקומען די יידן פון וואַרשע, האָבן זיי, די אוקראַינער, געצאָלט פאַר „בימבער" מיט גאָלד און אימפּעריאַלן. זיי האָבן תמיד געזויפט און דער עיקר אין די זונטיקס פלעגן זיי קומען אויף די „זאַבאַוועס" קיין פּראָסטין. איינמאָל איז אויסגעבראָכן אַ געשלעג צווישן אונזערע יונגען מיט די אוקראַינער, וואָס האָבן געוואָלט צונעמען די מיידלעך. און מיידלעך ווי מיידלעך, להוט נאָך אַ זייגערל, נאָך אַ רינגל, קריכן זיי מיט די אוקראַינער. האָבן אונזערע יונגען געכאַפּט זיך שלאָגן מיט מעסערס און די אוקראַינער האָבן געשאָסן. ביז ס'זענען געקומען די דייטשן פון טרעבלינקע און עטלעכע פון אונזערע אַוועקגעפירט אין דעם ערשטן לאַגער אויף דריי חדשים. זיי זענען קוים מיט לעבן צוריקגעקומען פון דאָרט.

און עס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש: ווען דער פּויער האָט מיר דערציילט וועגן דעם געשלעג און וועגן די עטלעכע יונגען, וואָס זענען אַוועקגענומען אין אין לאַגער אויף דריי חדשים אַרבעט, האָט ער וועגן דעם דערציילט מיט אַ טאָן פון גרויסע ליידן, פון אַ גרויס אומגליק, אָבער וועגן די צוגן מיט די יידן און וועגן זייער אַש האָט ער גערעדט אַזוי פריי און לייכט, ווי וועגן ווערטלאָזע זאַכן. דאָס איז דער טאָן פון דער מערהייט פּאָליאַקן. זייערע מענטשלעכע געפילן זענען געשלאָסן, ווען זיי הייבן־אָן רעדן וועגן יידן. און אָט אַזוי רעדן זיי וועגן אַ פאָלק, מיט וועלכן זיי האָבן מיטגעמאַכט אַ שטיק געשיכטע, פון וועלכע זיי האָבן פיל מנהגים אַפילו איבערגענומען.

מיר זענען אָנגעקומען קיין קאָסאָוו איינס אַזייגער בייטאָג. דאָס שטעטל איז געווען בוכשטעבלעך פּוסט. בלויז אויף צוויי קראָמען האָב איך באַמערקט שילדן: אויף אַ קראָם פון וורשט און גאַלאַנטעריע. אַלע איבעריקע האָבן קיין שילדן נישט געהאַט, אומנויטיק. זיי דאַרפן איצט גאָרנישט, די קאָסאָווער פּאָליאַקן. אויפן מאַרק האָבן זיך אַרומגעדרייט צוויי ציגן. איך בין אַראָפּ פון וואָגן און געגאַנגען אין דער ריכטונג צום קאָשציאָל, כדי נישט אַרויסצורופן קיין פאַרדאַכט ביי מיין באַלעגאָלע. פונעם קאָשציאָל ביך איך אַוועק מיט אַ הינטערגעסל אויף דער צווייטער זייט פון שטעטל, דאָרט ווו ס'זענען געווען די יידישע געסעלעך.

אין איין שטוב בין איך אריין און געבעטן אַ טרונק וואַסער, דאָס איז זיכער אַ יידישע שטוב געווען. אָבער קיין צייכן געפין איך נישט. אויף די ווענט — הייליקע בילדער. די פענצטער — פאַרשטעלט מיט בלומען־טעפּ. איך דאַנק פאַרן וואַסער און גיי ווייטער. די פּויערים קוקן מיר נאָך דורכן פענצטער. אויף אַ צווייט געסל חזר איך איבער דאָס זעלבע. איך בעט אַ טרינק וואַסער. אַ נידעריק הילצערן היזל,

מיט אויסגעקרומטע לאָדנס און אין די לאָדנס אויסשניטן ווי די אויסשניטן אויפן דעקל פון סידורים.ביים טרינקען קוק איך זיך אַרום און באַמערק בפירוש אַז איך בין אין אַ יידישער דירה. אויפ׳ן באַלקן איז אָנגעקלאַפּט אַ לאַטע. איך וואָלט געשווירן, אַז דאָס האָט אַמאָל אַ פרומער ייד אָנגעקלאַפּט די לאַטע ווי אַ זכר לחורבן בית המקדש, אַזוי ווי יידן פלעגן זיך אַמאָל נוהג זיין אין די קליינע שטעטלעך.

ווער וועט איצט אָנקלאַפּן אַ לאַטע אויף דעם חורבן וואָס מיינע אויגן זעען?

אויף דער וואַנט אַנטקעגן דער טיר הענגט אַן אַלטער זייגער מיט געוויכטער. אויך דער זייגער איז אַ יידישער, אַן אַלטער יידישער זייגער, וואָס פלעגט אין די לאַנגע נעכט באַגלייטן אַ פרומען ייד ביים לערנען אַ בלאַט גמרא; אַן אַלטער זייגער, וואָס פלעגט מיט זיין שטילן צווייטאָניקן טאַקט דערמאָנען, אַז די צייט איילט, אַז ביטול זמן איז אַן עבירה און אַז אַ ייד דאַרף זיך איילן, ער דאַרף זוכן אַ תיקון אין דער צייט...

דער זייגער שטייט. די קליינע געוויכטער אויף די קייטן הענגען אַראָפּ ווי טויטע הענט פאַרהאַנגען אין אַ פוסטקייט. און דער קליינער קורצער אומרו הענגט אַרויס פונעם זייגער ווי אַ צונג פון אַן אויפגעהאָנגענעם. די ווייזערס אויפן טויטן ציפער־בלעטל ווייזן דריי פערטל צוועלף. דאָס לעבן איז אויסגעגאַנגען דריי פערטל צוועלף. ווער ווייסט, אפשר איז דער זייגער שטיינגעבליבן גראַד דעמאָלט, ווען מען האָט זומערצייט 1942 ארויסגעפירט די יידן פון קאָסאָוו? אפשר האָט דעמאָלט געפּלאַצט דאָס האַרץ פונעם זייגער?

— דער זייגער שטייט? — פרעג איך דער באַלעבאָסטע, וואָס זעט ווי איך קוק זיך צו צום זייגער.

— אין קאָסאָוו קען מען אים נישט פאַריכטן — ענטפערט זי געלאַסן — דאָהי איז נישטאָ קיין זייגערמאַכער. אַפילו אין סאָקאָלאָוו איז נישטאָ קיין זייגער־מאַכער. הענגט ער אַזוי.

— ווי, אין שטאָט איז נישטאָ קיין זייגערמאַכער? ווי איז דאָס מעגלעך?

— זייגערמאַכערס זענען געווען בלויז יידן, און זיי, ווי דו ווייסט, זענען מער נישטאָ. זיי זענען אַלע אויסגעמאָרדעט געוואָרן אין טרעבלינקע, איז נישטאָ ביי וועמען צו פאַריכטן אַ זייגער.

— איז וווּ־זשע קען מען פאַריכטן אַ זייגער אַז מען דאַרף?

צעפירט זי די הענט, ווי איך וואָלט איר געפרעגט וועגן אויסזיכטלאָזע זאַכן, און זי ענטפערט:

— מסתמא מוז זיך געפינען אַ זייגערמאַכער אין שעדלעץ....

אָט דער איינציקער פאַל איז כולל אין זיך דאָס גאַנצע בילד פון קאָסאָוו. אָט דער אַלטער זייגער, וואָס האָט איבערגעלעבט דורות, וואָס האָט איבערגעלעבט די יוגנט אויפן שפּאַציר־וועג מיט אירע דיסקוסיעס וועגן קאַנטן און מאַרקסן, איז שטיינגעבליבן אין דער פאַרגאַנגענער צייט דריי פערטל צוועלף, ווען אין די

פוילישע שטעטלעך איז באַך פינצטער געווען, ווען דער פוילישער פויער האָט געלעבט אָן אַ זייגער און אָן אַ צייט בכלל.

ווען איך בין צוריקגעקומען צום וואָגן איז שוין מיין פויערשער באַלעגאָלע געווען שיכור. ער האָט אויסגעזויפט דעם גאַנצן „בימבער", אויפגעפרעסן דעם לאַבן ברויט מיטן חזיר־פעטס, און זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. זעסט, אויך ער איז צוריקגעגאַנגען צו יענער האַלב־ווילדער צייט. ער איז געווען אַזוי שיכור, אַז ער האָט בלויז צו מיר גערויש געשמייכלט און קיין וואָרט נישט געקענט אַרויס־ ברענגען פון מויל. ער האָט מיך געפירט צוריק מיטן זעלבן שאָסיי קיין פּראָסטין, קיין מאַלקין. דאָס פערד האָט מיד געפּלאָנטערט מיט די פיס. ער פירט מיך אין אַ צייטלאָזער צייט. איך קען זיך נישט באַפרייען פונעם זייגער מיט די טויטע געוויכטער און מיט דעם אומרו, וואָס הענגט אַרויס ווי די צונג פון אַ דערשטיקטן. איך פיר מיט זיך דעם פוסטן קאָסאָווער מאַרק, דעם ליידיקן שפּאַציר־וועג, דעם געשענדעטן קאָסאָווער בית־עולם, און אין מיטן דעם אַלעם הענגט דער זייגער און ווייזט דריי פערטל צוועלף. פאַרוואָס עפּעס דרייפערטל צוועלף? פאַרוואָס האָט דער דורות־אַלטער יידישער זייגער נישט פאַר־סך־הכל׳ט די צייט ביז צוועלף, און אָן עק זאָל נעמען צו אַזאַ פאַרשאָלטענער וועלט!

אויפ׳ן וועג קיין ביאַליסטאָק

פאָרן קיין ביאַליסטאָק איז נישט פון די לייכטע זאַכן. עס איז מער ווי אַ נסיעה, עס איז אַן עקספּעדיציע, צו וועלכע מען דאַרף זיך צוגרייטן, ווי מען וואָלט געפאָרן אויפן נאָרד־פּאָל און אפשר נאָך מער. צום נאָרד־פּאָל פאָרט מען היינט מיט אַעראָפּלאַנען, באַוואָפנט מיט ראַדיאָ, מיט געווער און מיט מאָדערנער אויסשטאַטונג. און קיין גרויסע געפאַרן זענען היינט נישטאָ. וואָרום וואָס פאַר אַ געפאַר שטעלט מיט זיך פאַר אַ ווילדער ווייסער בער פאַר אַ באַוואָפנטן מענטשן? אַן אומשולדיקער ווייסער בער, אָן קולטור, אָן אַ ליטעראַטור, וואָס האָט נעבעך נישט געהאַט קיין בערישן מיצקעוויטש, קיין סלאָוואַצקי, אָדער קאָכאַנאָווסקי. דער וועג קיין ביאַליסטאָק איז פיל געפערלעכער. אויף די סטאַציעס, פאַרביי וועלכע דער צוג פאָרט, לעבן ווילדע מענטשן, זיי האָבן געזען ווי אומבאַשטראָפט און נישט נאָר אומבאַשטראָפט, נאָר אַפילו באַלוינט ווערט מען נאָך ווען מען ברענגט צופירן אַ געפאַנגענעם ייד צו דער דייטשער זשאַנדאַרמעריע. און קיין געווער האָב איך נישט מיט זיך, איך בין אַן אויסלענדישער בירגער. הינטער מיר שטייט נישט קיין שום מאַכט, וואָס זאָל מיך שיצן. אויף דעם דאָזיקן וועג פילן זיך אַפילו נישט זיכער פאַרשטייער פון דער איצטיקער פוילישער מאַכט, אויב זיי האָבן נישט קיין געווער מיט זיך. ערשט וואָס זאָל איך זאָגן, איך אַ ייד, וואָס ווען איך זאָל דאָ האָבן געוווען מיט אַ פיר יאָר צוריק, וואָלטן זיכער מיינע גלידער זיך ארומגעוואָלגערט אויף די צעהפּקרטע פליינען פון טרעבלינקע.

פון ווינציקע יידן, וועלכע זענען געפאָרן מיט דעם וועג, זענען פיל געפאַלן. פון די, וועגן וועלכע מען ווייסט, זענען געפאַלן ווי קרבנות פון די ווילדע מענטשן — פיר: אברהם בודניצקי, קושעל און שטיינבערג. זייער ברידער־קבר האָב איך שפּעטער געזען אויפן ביאַליסטאָקער געטאָ־בית־עולם. דער פערטער ייד, לער, איז פון די וווּנדן געשטאָרבן אין אַ וואַרשעווער שפּיטאָל. געשען איז דאָס דעם אַכטן יולי 1946! פּוילישע באַנדיטן האָבן אָפּגעשטעלט די באַן ביי דער סטאַציע טשיזשעוו, אַרויסגעשלעפּט די פיר יידן און זיי דערשאָסן. פאַר וואָס? פאַר וועלכע פאַרברעכנס? בלויז ווייל זיי זענען יידן. יידישע פּנימער דערמאָנען זיי צופיל אין דעם פאַרברעך, אין וועלכן זיי האָבן זיך אַנומלט באַטייליקט צוזאַמען מיט די גערמאַנישע רוצחים און אוקראַינער בלוט־הינט. קענען זיי היינט נישט זעען קיין יידיש פּנים, פּונקט ווי קיין שום פאַרברעכער פאַרטראָגט נישט גאַרנישט, וואָס דערמאָנט אים אין זיין פאַרברעך. קיין שום ייד וועט איצט נישט וואַגן קומען אַהער אין די שטעטלעך.

אָבער איך האָב שוין געהאַט אַ שפּאָר ביסל דערפאַרונג, ווי אַזוי מען פאָרט

איבער שטעטלעך. מיין פנים איז נישט פון די „ערגסטע פנימער". איך האָב זיך שוין געהאַט אויסגעלערנט ווי אַזוי צו „האַלטן די אויגן", אז זיי זאָלן נישט זיין קיין יידישע אויגן, און דער עיקר: איך האָב וואָס צו וויַיזן, אַז איך בין אַן ענגלענדער, אַן אמתער בריט...

איך האָב זיך תיכף באַפריינדעט (פער דיסטאַנס) מיט די פּאַסאַזשירן. שוין אין ערשטן שמועס האָבן זיך אַלע דעקלאַרירט, אַז זיי האָבן פיינט יידן, באַלשעוויקעס און די איצטיקע אָרדנונג אין פוילן צוזאַמען מיט דער רעגירונג. די איינציקע האָפענונג בין איך, וואָס פאַר מיט זיי אין צוג, דאָס הייסט: דער ענגלענדער. זיי האָבן בלויז צו מיר א טענה, פאַרוואָס איך בין געגאַנגען אַזוי פאַמעלעך מיט מיין צווייטן פראָנט. פאַרוואָס איך האָב זיך מיט מיין טעכניק נישט צוגעאיילט צו קומען לכל הפחות ביז צו דער ווייסל, אויב נישט ביז צום סאַמע בוג...

איך האָב געזאָגט „יעס", אָבער דערביי האָב איך זיי אָנגעקוקט אין די פּרצופים און געטראַכט, אז ווען איך זאָל זיך האָבן צוגעאיילט מיטן צווייטן פראָנט ביז צו דער ווייסל און האָבן איבערגעגעבן די מאַכט אין די הענט פון אָט דער באַנדע, וואָלט איך זיכער איצט נישט געפאָרן אין דעם צוג און אין פוילן וואָלט אפילו קיין איין ייד נישט געבליבן.

די באַן פאָרט פאַרביי די סטאַציע אורלע. דורך די אָפענע פענצטער זעצט אריין דער רויך פון לאָקאָמאָטיוו. וויצלט זיך איינער א פאָליאַק, אז אויף דער סטאַציע פילט זיך נאָך מיט יידן. דעם ריח, זאָגט ער, דערפילט ער פונדערווייטנס. אַלע אין קופּע שמייכלען אויף דעם „וויץ". איך מאַך זיך נישט פאַרשטיין, פרעג וויפל יידן עס זענען פאַראַן אין אָט דעם אָרט, וואָס מיר פאָרן פאַרביי. צעלאַכט זיך מיין נאָענטסטער שכן. מען זעט, זאָגט ער, באַלד, אז איך בין אַן אויסלענדער און הייב נישט אָן צו וויסן, וואָס דאָ איז געווען. דאָס דאַטשע־אָרט אורלע, אינפאָרמירט מען מיר, איז געווען אַמאָל פול מיט יידן. אומעטום זענען זיי געווען. אָבער די היטלעריסטן האָבן זיי אַלע ליקווידירט. א שמוציקע ארבעט געווען.

— יעס — זאָג איך — היטלעריסטישע באַרבאַרן. זיי האָבן געוואָלט אַלע פעלקער אומברענגען און בלייבן אליין הערשן איבער דער וועלט.

די געזעלשאַפט איז געוואָרן ערנסט. און אַלע שאָקלען מיט די קעפּ זייער הסכם, ווי זיי וואָלטן מיר געטאָן א גאַסטפריינטלעכע טובה, וואָס זיי זענען מסכים מיט מיר.

— זיי וואָלטן — זאָג איך ווייטער — אויך פאָליאַקן ליקווידירט.

— אָ, אָ, — גיט־צו א צווייטער אַן קאָמענטאַרן.

— זיי וואָלטן — לאָז איך אַלץ נישט אָפּ דעם שמועס — אַלע פאָליאַקן אויסגעשאָכטן.

קיינער פון דער געזעלשאַפט האַלט נישט אונטער. קיינער באַמערקט גאָר־

נישט. עס פּאַסט זיי עפּעס נישט צו רעדן אויף דער טעמע. זיי פֿילן זיך בפּירוש אומבאַקוועם. דריי איך איבער דאָס גאַנצע עסק אויף יידן און זאָג:

— אָבער דערווייל האָבן זיי פֿון פּוילן אַלע יידן ליקווידירט, וויפֿל יידן זענען געווען אין פּוילן?

אין דעם זעלבן אויגנבליק, ווי איך האָב די פֿראַגע איבערגערוקט אויף יידן, האָט זיך די געזעלשאַפֿט צעוואַרעמט. אָ, יידן זענען געווען אַ סך אין פּוילן.

— אויב נישט צען מיליאָן — זאָגט איינער.

— דריי יאָר האָבן די דייטשן געבּרענט די יידן און נאָך נישט אַלע פֿאַר־ברענט — זאָגט אַ צווייטער.

— זיי האָבן פּאָליאַקן אויך געבּרענט — רופֿט זיך אָפּ איינער, וואָס איז ביז איצט געזעסן שטיל.

— אָבער פּאָליאַקן האָבן זיי ליקווידירט פּאָליטיש — דערווידערט עמעצער — אָבער יידן? זיי האָט מען אַלע פֿאַרבּרענט, פֿון דער וויג ביז צו אַ זקן, ווי די מייז, מיט זיי האָבן זיך די דייטשן נישט גערעכנט. און מיט אונז פּאָליאַקן האָבן זיי זיך געמוזט רעכענען.

די באַן האָט זיך געשטעלט און מער ווי אַ העלפֿט פֿון די פּאַסאַזשירן איז אויסגעשטיגן. דער שמועס איז געבליבן נישט פֿאַרענדיקט. אָבער די טעמע איז אויסגעברייטערט געוואָרן שפּעטער, ווען איך בין געפֿאָרן אין אַנדערע צוגן און זיך געטראָפֿן מיט נאָך פּאָליאַקן.

איך וויל אויפֿמערקזאַם מאַכן אויף איין כאַראַקטעריסטישן שטריך, פּאָליאַקן האָבן נישט ליב, ווען מען רעדט וועגן דער פֿאַרניכטונג פֿון יידן מיט פּאָליאַקן צוזאַמען. זיי האַלטן זיך בנוגע די דייטשע פֿאַרפֿאָלגונגען, ווי פּאָליטיש־גערודפֿטע, בעת וועגן יידן האַלטן זיי, אַז די דייטשן האָבן זיי פּשוט פֿאַרטיליקט אָן אַ־וועלכער עס איז פּאָליטישער אויסרעכענונג, ווי מען פֿאַרטיליקט מייז. עס זענען פֿאַראַן פֿאַלן, איך וועל שפּעטער וועגן זיי רעדן, ווען פּאָליאַקן דערלאָזן נישט מען זאָל יידישע קאַצעטניקעס אָננעמען, ווי מיטגלידער אין די פֿאַראייניגן פֿון פּאָליטישע געפֿאַנגענע, וועלכע זענען געווען אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן. דער מאָטיוו איז טאַקע דער, אַז פּאָליאַקן זענען געווען פּאָליטיש־גערודפֿטע, בעת יידן האָט מען פֿאַרניכטעט ביאָלאָגיש, ווי אַ נידעריקע ראַסע.

אָבער דערווייל זאָלן מיר פֿאָרן אין דער ריכטונג צו ביאַליסטאָק, יעדע סטאַציע, וואָס מיר פֿאָרן פֿאַרביי, איז פֿאַרבונדן מיט יידישער געשיכטע, מיט יידישן זיין. אין טייל שטעטלעך, וואָס מיר פֿאָרן פֿאַרביי, ווי מאַלקין און זאַרעמבי קאָשטשעלנע, וועלן מיר זיין אַן אַנדערש מאָל. אין די דאָזיקע צוויי פּונקטן האָט זיך אָפּגעשפּילט איינס פֿון די טראַגישסטע קאַפּיטלעך פֿון יידישן גוראַנגל. דערווייל פֿאַרט־צו די באַן צום שטעטעלע טשיזשעוו, צו דער נעסט פֿון מענטש־

שלאַנגען. דאָ האָט א באַנדע אנומלט אָפּגעשטעלט די באַן און דערמאָרדעט פיר ייִדן. איך מוז אריינבליקן אין דער דאָזיקער נעסט.

איך בין אראָפּ פון דער באַן און געפרעגט, ווו מען קאָן באַקומען ציגאַר־רעטן. כ׳האָב זיך בכיוון פארהאַלטן לענגער כ׳זאָל פארשפּעטיקן די באַן. ערשט, ווען דער צוג האָט געריקט בין איך געבליבן גאַנץ „פאַרצווייפלט״. דער אָנפירער פון דער סטאַציע האָט מיך העפלעך באַרואיקט איך זאָל נישט זיין פארצווייפלט, וואָרום אין צען שעה ארום איז דאָ א צווייטער צוג. איך בין נישט, זאָגט ער מיר, געבליבן אין א וואַלד, אין שטעטל וועל איך קאָנען איבערוואַרטן. יאָ, אָבער פאַר אַן ענגלישן זשורנאַליסט בלייבן אונטערוועגנס צען שעה און בכלל פארשפּעטיקן א צוג...

איך האָב זיך צום סוף געלאָזט באַרואיקן און געבעטן בלויז מען זאָל מיר אָנווייזן עמעצן, וואָס זאָל מיך אַוועקפירן ווייזן דאָס אומבאַקאַנטע שטעטל, כדי די צען שעה זאָלן וואָס שנעלער פאַרביי. עס האָבן זיך געמאָלדן צוויי ייִנגע קריסטן. זיי וועלן מיר אַלץ ווייזן, ס׳איז דאָך זייער שטעטל

שטאָלץ פון דעם, וואָס זיי גייען מיט אַן ענגלענדער, זענען זיי אויפן שטייגער פון פּראָווינציאַלן געלאָפן פאַראויס.

פאַר דער מלחמה האָבן דאָ געלעבט עטלעכע הונדערט ייִדישע פאַמיליעס. כאָטש בעלי־מלאכה׳ס און קרעמער, זענען די טשיזשעווער ייִדן געווען האַלבע פויערים. טשיזשעוו האָט געהאַט אַן אויפגעקלערטע יוגנט, וואָס האָט געשעפּט איר וויסן אין אָנהויב אין חדר און שפּעטער אין די ביכער אין דער אָרטיקער ביבליאָטעק און בעת די „קעסטל־אָוונטן״, ווען עס פלעגט קומען אַן „אינטעלי־גענטנער פרעלעגענט״ פון וואַרשע. די טשיזשעווער יונגעלייט האָבן געהאַלטן, אַז אויך ביי זיי וועט זיך אָנהייבן די סאָציאַלע רעוואָלוציע און בנוגע פּראָגרעס שטייען זיי פיל העכער פון דעם שטעטעלע זאַראָמב, אָדער לאָפּי. אָט די שטעטלעך האָבן אַנדערש געהאַלטן, אָבער אין איין פּרט איז זאַראָמב און לאָפּי מסכים געווען: נעמלעך, אַז טשיזשעוו איז פון גאָט געבענטשט געוואָרן מיט שיינע און געזונטע ייִדישע מיידלעך. טשיזשעווער ייִדישע מיידלעך האָבן געהאַט א שם אין דער גאַנצער געגנט. געזונט ווי פויערטעס און דער חן — א ייִדישער.

פון קדמונים אָן האָט זיך געפירט א מלחמה צווישן די שטעטלעך זאַראָמב און טשיזשעוו איבערן געריכט. זאַראָמב האָט געוואָלט, אַז ביי איר זאָל זיין דאָס געריכט און טשיזשעוו ווידער האָט זיך משתדל געווען, אַז אויב אין דעם קרייז דאַרף זיין א געריכט, מוז די מאַכט באַשליסן, אַז זי זאָל זיין נאָר אין טשיזשעוו. און זינט טשיזשעוו איז געוואָרן אַ שטעטל מיט א געריכט, זענען די היגע ייִדן שטאָלץ געוואָרן. דאָ פלעגן זיך שטעלן גרעסערע מערק, און פויערים פלעגן אָפטער קומען אין שטאָט אריין. דער דלות האָט שוין אַזוי נישט געפייפט אין טשיזשעוו.

מיינער א פעטער, א זאַראָמבער ייִד, וואָס האָט שטאַרק ליב געהאַט פויערי־שע פּראָצעסן, פלעגט מאָנטיק און דאָנערשטיק זיך אויפהויבן פאַרטאָג און אַוועק־

גיין צופוס פון זאַראַמב קיין טשיזשעוו. ער האָט געקענט אויסנווייניק אַלע פויערישע פּראָצעסן און ער פלעגט פּאַראויסזאָגן ווער עס וועט צו וועמען פאַרשפּילן. אָבער די זאַראַמבער לצים פלעגן זאָגן, אַז ער גייט קיין טשיזשעוו שעפּן נחת פון די שיינע טשיזשעווער טעכטער.

פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה פלעגן אין דער דאָזיקער געגנט שטיין גרויסע מיליטער־לאַגערן. די יידן האָבן דעמאָלט געלעבט א זאַט און רייך לעבן. שפּעטער, אין די צייטן פון דער פּוילישער ממשלה איז טשיזשעוו שטאַרק פאַראָרעמט געוואָרן, די יוגנט איז אַרומגעגאַנגען אַרבעטלאָז און שוין צום ווייפלסטן מאָל איבערגעלייענט אַלע ביכער אין דער ביבליאָטעק. וועלכער טשיזשעווער בחור האָט נישט געלייענט פּושקינען, טאָלסטאָיען, באַלזאַקן? און אין וועלכער פילאָזאָפישער שיטה האָט זיך דאָ די יוגנט נישט פונאַנדערגעקליבן? זיי האָבן „געהאַקט" אויסנווייניק שטיקער העגעל. זיי זענען געווען געוואַלטיקע דיאַלעקטיקער. איך האָב אַמאָל געהערט, ווי אין זאַראַמב האָט א טשיזשעווער בחור בעת א דיסקוסיע געוואָלט דערקלערן, וואָס מען מיינט מיט טעזע, אַנטיטעזע און סינטעזע, האָט ער עס דערקלערט אויף אַזא אופן: טעזע איז א בחור, אַנטיטעזע איז א מיידל און סינטעזע איז נדן. אָבער מוראַדיקע זוכער זענען געווען די טשיזשעווער. זיי האָבן געזוכט א באַפרייטע וועלט, זיי האָבן געזוכט א וועלט־סדר, ווו זייער ענערגיע זאָל נישט גיין לאיבוד, ווו זייערע זוכענישן זאָלן האָבן אין וואָס זיך אָנצוּלענען.

טשיזשעווער יידישע קאָמוניסטן פלעגן גיין ביינאַכט איבער די דערפער אויסצוקלעבן אויפרופן, אַז דער פויער זאָל זיך „אויפוועקן פון שקלאַפן־שלאָף", ער זאָל „אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם יאָך פון פעאָדאַליזם און קאַפּיטאַליזם"...

די צוויי באַגלייטער מיינע, וואָס האָבן מיך איצט געפירט קיין טשיזשעוו, האָבן זיך שוין געהאַט „אויפגעוועקט פון שקלאַפן־שלאָף" און „באַפרייט פונעם יאָך פון פעאָדאַליזם און קאַפּיטאַליזם". ווי אין גאַנץ פּוילן איז שוין אויך אין טשיזשעוו אַדורכגעפירט געוואָרן די ערד־רעפאָרם. די פריצישע גיטער זענען שוין צעטיילט. אין טשיזשעוו, נישט ווייט פונעם גערי֊כט געפינט זיך דער לאָקאַל פון די היינטיקע קאָמוניסטן. אָבער ווען עס זאָל איצט קומען אהער אויף דער גאַס איינער פון די, וואָס פלעגט די פויערים „וועקן" — וואָלט ער קיין לעבעדיקער נישט אַוועק פון שטעטל.

טשיזשעוו איז איצט א פּוסט שטעטעלע. מיינע באַגלייטער זענען געגאַנגען מיר ווייזן און איך האָב נישט געהאַט וואָס צו זען. איך האָב בלויז געזען די קירך, דאָס קריסטלעכע בית הקברות דערנעבן, און ווען איך האָב זיך געפרעגט צי דאָ איז פאַראַן אויך „א רוסישער אָדער א יידישער בית עולם", האָב איך באַקומען אַן ענטפער, אַז דאָ אין טשיזשעוו זענען קיינמאָל אַזעלכע בית־עולמס נישט געווען...

— און פון די דייטשן האָט איר שטאַרק געליטן? — פרעג איך.

— ווי געוויינטלעך. אָבער נישט צום ערגסטן, זיי האָבן נאָר געוואָלט קאָנ־טיגענטן פון תבואה זאָל מען זיי געבן.

— און אז מען האָט נישט געגעבן דעם קאָנטיגענט?

— אָ, איז געווען שלעכט. דעמאָלט פלעגן זיי צונעמען די קי, א חזיר.

— און עמעצער פון טשיזשעוו איז געווען פארשיקט אין קאָנצעטראציע־לאגער?

— ניין, דאָס נישט, אָבער שלאָגן פלעגן זיי, די גערמאנצעס.

— און טשיזשעוו האָט עפּעס געליטן פון דער מלחמה?

מיינע באגלייטער קוקן זיך איבער, זיי פארשטייען נישט, וואָס איך פרעג זיי. וואָס הייסט געליטן? ניין, ס'איז א קליין שטעטעלע און די דייטשן האָבן דאָ נישט געהאט, וואָס צו זוכן.

— און די פּארטיזאנער?

די פּארטיזאנער זענען געווען אין וואלד, אָבער אהין פלעגן די דייטשן נישט קומען. זיי האָבן בלויז געזוכט קאָמוניסטישע פּארטיזאנער און אזעלכע זענען אין אונזערע וועלדער נישט געווען.

מיינע באגלייטער האָבן מיך אריינגעפירט אין א קליין שמוציק רעסטאָראנדל וווּ ביי צוויי טישלעך זענען געזעסן עטלעכע פּויערים, וואָס האָבן זיך געקושט. איך האָב באשטעלט ביר און ביים ביר ווייטער געצויגן דעם שמועס. איך האָב זיך כסדר באמיט ארויפצופירן אויף דער טעמע פון די טשיזשעווער יידן, אָבער אומ־דירעקט, ווייל איך האָב נאָך אלץ מורא געהאט ארויסצורופן פארדאכט. אָבער מיינע מיטשמועסער זענען צו דעם נישט דערגאנגען, פּונקט, ווי אין טשיזשעוו וואָלטן קיינמאָל קיין יידן נישט געווען.

פלוצים קומט־צו צו מיר א שיכורער פּויער מיט צוויי פולע גלעזלעך בראָנפן און לייגט מיר פאָר, מיר זאָלן צוזאמען טרינקען פאַר א פריי פּוילן. איך ענטפער אים, אז איך מיש נישט ביר מיט בראָנפן. ער שטייט צו מיר צו: פאר א פריי פּוילן, זאָגט ער, מעג מען אפילו מישן מילך מיט בראָנפן. זאָג איך אים, אז פּוילן איז פריי, אז איצט געהער פּוילן ווידער צו די פּאָליאקן. ווערט דער שיכור אָנגעברוגזט, פארוואָס איך לאך פון אים. צעוויינט זיך דער שיכור, אז איך האָב אים שמערצלעך באליידיקט צוויי מאָל: איין מאָל, ווייל איך וויל נישט טרינקען מיט אים און דאָס צווייטע מאָל, פארוואָס איך האָב געזאָגט, אז פּוילן איז פריי. דער שיכור טוט א וואָרף א גלעזל אין דער ערד און שרייט אויס:

— יידן און קאָמוניסטן הערשן אין פּוילן! מיין אומגליקלעך פּוילן, צוויי אָקופּאציעס אין איין פּוילן.

און וואָס איז פאָרט געוואָרן מיט די טשיזשעווער יידן? ווו זענען זיי אהינ־געקומען? ווען זענען זיי אומגעקומען? אויסער שנאה איז אין טשיזשעוו קיין זכר נישט געבליבן. דער חורבן פון דער טשיזשעווער קהילה שוועבט אין דעם שטעטל אין דער ווייטער פארגאנגענהייט. און אין די הערצער פון די אויסוורפן, וועלכע

האָבן געווירשנט די יידישע הייזער, דאָס יידישע פאַרמעגן, נעסטעס אויסער שנאה אויך א פּחד טאָמער וועט אמאָל אהערקומען א ייד און פֿאָדערן זיינס. זעען טאַקע אויס די איינצלנע פאָליאַקן אויפֿן מאַרק, ווי לויערנדיקע שומרים, וואָס היטן עס זאָלן ניט אהערקומען די שאָטנס פֿון די טשיזשעווער יידן און פֿון דער טשיזשעווער יידישער יוגנט, וואָס איז געגאַנגען איבער די דערפֿער „אויפֿוועקן די פֿינצטערע פּויערים פֿון זייער שקלאַפֿן־שלאָף“...

ביאליסטאָק

ווער געדענקט נישט ביאַליסטאָק, די עיר ואם בישראל, די שוועסטער־שטאָט פון ירושלים דליטא — ווילנע? ווער געדענקט נישט יענע וווּנדערלעכע יידישע וועבער פון די פּיאַסקעס און כאַנייקעס, וועלכע האָבן תמיד מיט אַזאַ מסירת־נפשדיקייט געקאַנט פאַרטיידיקן זייער לעבן און כבוד?

ביאַליסטאָק איז געווען אַ כאַראַקטערפולע יידישע שטאָט, פאַרוואָרצלט אין טיפע פאָלקסטימלעכע טראַדיציעס. זיי זענען געווען, די ביאַליסטאָקער, ווי ווילנער יידן, מתנגדים, אָבער גלייכצייטיק פאַרמאָגט דעם ברען פון פּוילישע חסידים. די יידישע וועבער, די פאָלקס־מענטשן, ווי די אינטעליגענץ, האָבן נישט געוווּסט, וואָס איז אַזעלכעס אַסימילירן זיך, פאַר יידישקייט זענען זיי אייביק געווען גרייט אַלץ מקריב צו זיין. אַזוי אין די צייטן פון דער הערראַישער יידישער זעלבסטשוץ, אַזוי אין די צייטן פון פּוילישן קעמפערישן אַנטיסעמיטיזם און אַזעלכע זענען די ביאַליסטאָקער יידן געבליבן ביז צום סוף. די לעצטע ביאַליסטאָקער יידן זענען געפאַלן אין אַן אומגלייכן קאַמף, געפאַלן פון די הענט פון אַ שונא, וואָס האָט מלוכות גאַנצע צעטרייסלט אין געציילטע טעג.

דאָס לעצטע בלעטל פון דער געשיכטע פון דער ביאַליסטאָקער יידישער קהילה פאַרענדיקט זיך מיטן וואָרט: „קאַמף״.

אינעם זאַל פונעם יידישן קאָמיטעט אין ביאַליסטאָק שטייט אַ גרויסע מאַר־מאָרענע מצבה צום אָנדענק פון די אומגעקומענע יידן. די מצבה דערציילט, אַז דאָ אין שטאָט האָבן אין יאָר 1939 געלעבט זעכציק טויזנט יידן. די געציילטע שורות דערציילן וועגן אַזאַ מיסטעריעז שעפעריש לעבן, אַז ווען מען גייט איצט מיט די חרובע יידישע גאַסן, און כמעט אַלע גאַסן זענען געווען יידישע, גלויבט זיך קוים, אַז קוים מיט זיבן יאָר צוריק איז דאָ נאָך געווען אַ רעאַל יידיש לעבן. אַ יידישע וועלט. דאָ, אין ביאַליסטאָק, האָבן יידישע פּאַרטייען, יידישע שולן, דאָס גאַנצע יידישע קולטור־לעבן, דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן געהאַט אַ באַזונדער קלימאַט, אַ ספּעציפישע וואַרעמקייט און האַרציקייט.

כאָטש אַ כרך האָבן זיך יידן דאָ אויסגעלעבט אויסשליסלעך אין יידיש. ביאַליסטאָקער יידן האָבן נישט געוווּסט, וואָס עס הייסט אַזעלכעס סנאָבישע, אָדער וועלכע עס איז אַנדערע פאָרם פון אַסימילאַציע. ביי די ביאַליסטאָקער יידן האָט בכלל נישט עקזיסטירט קיין פּראָבלעם — שפּראַך. יידיש איז געווען דאָס לשון פונעם יידישן וועבער און פונעם יידישן אינטעליגענט. יידיש איז געווען די שפּראַך פון דער גאַס און פון סאַלאָן, פון דער קאַפע און שול. פאַר אַ ביאַליסטאָקער ייד האָט עס אויסגעזען ווילד, ווען ער האָט געהערט, ווי אין אַנדערע גרויסע שטעט

אין פוילן רעדן געוויסע יידישע קרייזן פויליש און שעמען זיך מיט יידיש. אין ביאַליסטאָק האָט אַפילו די זון געשיינט אויף יידיש...

ווען איך בין איצט געקומען קיין ביאַליסטאָק האָט דאָס ערשטע יידישע קינד, וואָס איך האָב באַגעגנט, זיך געווענדעט צו זיין פאָטער אויף יידיש. דאָס איז געווען דער איינציקער פאַל אין פוילן, ווען איך האָב געהערט אויף דער גאַס ווי אַ קינד רעדט יידיש.

איר זעט: אפילו איצט, ווען פון די זעכציק טויזנט ביאַליסטאָקער יידן געפינען זיך דאָ בלויז דריי הונדערט און פופציק נפשות, איז יידיש נאָך די שפּראַך פון אַ דריי־יעריק ייִנגעלע. דאָס איז די אַלטע ביאַליסטאָקער טראַדיציע פון פּאָלוּוערטיקע, שטאַמיקע יידן.

ביאַליסטאָק איז געווען אַ יידישע מלוכה. אויף יעדע הונדערט יידישע פאַבריקן און וואַרשטאַטן האָט זיך קוים געפונען איין פּוילישע. ניי־וועלט, די גומיענער, ביאַלאָסטאָטשאַנקע, דאָס יאַטקע־געסל און דאָס לינת־הצדק־געסל, די ליפּאָווע און די קופּיעצקע גאַסן — צווישן די צערוישטע וועבערייען און פאַבריקן האָט זיך געטראָגן אַזאַ געזונט יידיש לעבן! הונדערטער, ממש הונדערטער לאָקאַלן האָבן פאַרנומען יידישע קולטור־אינסטיטוציעס, פּאַראיינען, שולן, אַ ים פון בתי־מדרשים און קלויזן, געזעלשאַפטלעכע און הילף־אָרגאַניזאַציעס. ביאַליסטאָק איז געווען די איינציקע יידישע שטאָט אין פוילן, וואָס האָט פאַרמאָגט אַן אייגענע מעדיצינישע גיכע־הילף.

ווי אַ מצבה איבער די חורבות פון יידישן ביאַליסטאָק איז אויף דער וואַנט פון דער געוועזענער „פּאַיען־באַנק" געבליבן דער יידישער אויפשריפט. פיל סמנים פון דעם, וואָס דאָ איז געווען, וועט איר אין ביאַליסטאָק נישט געפינען. די דייטשע רויבער און קינדער־מערדער און זייערע אוקראַינישע, ווייסרוסישע, ליטווישע און פּוילישע צוהעלפער האָבן זיך באַמיט, אַז פונעם יידישן ביאַליסטאָק זאָל קיין צייכן נישט בלייבן.

באַלד דעם ערשטן טאָג, ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען ביאַליסטאָק, דעם 27־טן יוני 1941, דעם פינפטן טאָג נאָכן אויסברוך פון דער דייטש־רוסישער מלחמה איז אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער ערד די גרויסע שול צוזאַמען מיטן שול־הויף און די אַרומיקע געסלעך. צעווילדעטע גערמאַנישע מערדער האָבן אין דער שול אַריינגעטריבן טויזנט יידן און זיי פאַרברענט צוזאַמען מיט די הייזער. שפּעטער, בעת דער ליקווידאַציע פון געטאָ, בעתן אויפשטאַנד פון די יידישע גיבורים, איז אָפּגעמעקט געוואָרן דאָס גאַנצע יידישע ביאַליסטאָק.

איין איינציקע יידישע בית הכנסת איז געבליבן — דאָס בית מדרש פון שמואל מאָהיליווער — איז דאָרט איצט איינגעאָרדנט געוואָרן אַ פּאָליטישער קלוב. פון אונטערן דאַך ווייַנען־אַראָפּ די יידישע אותיות, וועלכע קוקן איצט אין אַ ווילד־פרעמדע וועלט, אין אַ פּוסטער וועלט, ווו אַ יידישער אות איז אַ כפל כפלימדיקער יתום.

איך האָב געקענט ביאַליסטאָק פון יענע ווונדערלעכע, היינט שוין היסטאָרי־שע צייטן, ווען מען איז געקומען אהער און אריינגעפאַלן אין א ים פון ייִדישקייט, ווו מען האָט געקערט דעם טריט, ווו מען האָט געוואונדערט די אויגן, אומעטום האָט מען זיך געטראָפן מיט ייִדן, מיט ייִדישע אינסטיטוציעס און ייִדישן שאַפן. אַך, וואָס פאַר אַ וואַרעמע גאַסטפריינטלעכע היימען עס זענען געווען די ייִדישע הייזער! וואָס פאַר אַ האַרציקייט עס האָט אַראָפּגעשיינט פון ייִדישע פּנימער. דער פּשוטער פאָלקס־מענטש איז שטאָלץ געווען, וואָס ביי אים אין ביאַליסטאָק איז געבוירן געוואָרן ד״ר זאַמענהאָף; וואָס דער אויספירער פונעם אטענטאט אויף דעם צורר־היהודים סטאָליפּינען—זאַקהיים, איז געווען אַ ביאַליסטאָקער. און ר׳ ליפּעלע, דער ביאַליסטאָקער רב, איז שטאָלץ געווען פון די ייִדן פון דער כאַזאַנאָוויטש־גאַס צי פון דער שול־גאַס, וואָס אין אַן עת־צרה ווייסן זיי, ווי צו פאַרטיידיקן דעם ייִדישן כבוד.

און איך האָב געקענט ביאַליסטאָק, ווען זי איז געוואָרן די שטאָט פון גרויסן ייִדישן האַרץ. דאָס איז געווען אין די צייטן, ווען פוילן איז צעטיילט געוואָרן צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד, אין יאָר 1939, ווען אהער האָבן הונדערטער טויזנטער ייִדן געשטראָמט פון די היטלערישע געביטן. במשך פון געציילטע וואָכן זענען קיין ביאַליסטאָק אָנגעקומען צוויי הונדערט און פופציק טויזנט ייִדן. די ביאַליסטאָקער האָבן געעפנט זייערע הייזער פאַר די פּליטים, זיי האָבן די פּליטים אַרומגערינגלט מיט אַזוי פיל וואַרעמקייט! אָבער זעכציק טויזנט ייִדן האָבן געהאַט צו ווייניק אָרט פאַר צוויי הונדערט און פופציק טויזנט פּליטים. זענען די איבעריקע געבליבן אויף די וואָקזאַלן און אויף דער גאַס, אָבער אין דעם זענען די ביאַליסטאָקער ייִדן נישט געווען שולדיק, זיי האָבן געטאָן מער וויפל עס איז אימשטאַנד צו טאָן אַ מענטש פאַר אַ מענטש. ווען די ביאַליסטאָקער מאַכט איז געווען טויב צו די ליידן פון די אַנטלאָפענע און גערודפטע, האָבן ביאַליסטאָקער ייִדן אוועקגעגעבן זייער גרויס מענטשלעך האַרץ פאַר די נע־ונד׳ע. עס וועט אויף אייביק בלייבן אין מיין זכרון דאָס אומפאַרגעסלעכע בילד, ווי צו אַ לאַנגער ריי, ווו טויזנטער ייִדן מיט ווייבער און קינדער זענען געשטאַנען, כדי צו באַקומען אַ ביסל זופּ — זענען צוגעקומען עטלעכע ווייבער פון דער ביאַלאָסטאָטשאַנער־גאַס און געזאָגט:

— ייִדן, וואָס דאַרפט איר דאָ אַזוי לאַנג וואַרטן אויף אַ ביסל זופּ? קומט, מיר האָבן אָפּגעקאָכט אַ סך טעפּ, קומט זיך דערוואַרעמען. אַ רחמנות צו שטיין מיט קליינע קינדער אויף אַזאַ קעלט.

אין דעם פיינלעכן, אין דעם גיהנומדיקן כאַאָס, וואָס האָט דעמאָלט געהערשט אין ביאַליסטאָק, זענען די באַד־אַנשטאַלטן געשלאָסן געוואָרן פאַר דער ציווילער באַפעלקערונג און מענטשן זענען אַרומגעגאַנגען וואָכן־לאַנג נישט געוואַשענע, פאַרשמוציקטע. בין איך איינמאָל צוגעגאַנגען צו אַ פּשוטן קרעמער און אים געפרעגט, ווו מען קאָן ערגעץ־ווו זיך אַרומוואַשן. האָט דער ייִד פאַרשלאָסן די קראָם,

אַרויפגעפירט מיך צו זיך אַהיים און געוואַרעמט פאַר מיר וואַסער, געגעבן מיר אַ פרישן, שמעקעדיקן האַנטוך און אַ ריין העמד אויפן לייב.

ווען איך בין איצט געקומען קיין ביאַליסטאָק האָב איך אַפילו נישט געהאַט וועמען צו דאַנקען, ווייל די דריי הונדערט און פופציק יידן, וואָס איך האָב געטראָפן דאָ זענען אַליין נע־ונד׳ע פּליטים, פּליטים ביי זיך אין שטאָט. זייערע היימען זענען צעשטערט, די גאַסן — צעריסן. די באַדינגונגען, אין וועלכע זיי וווינען זענען פיל ערגערע, ווי די, אין וועלכע עס איז אויסגעקומען צו לעבן די פּליטים אינעם יאָר 1939.

פון דער שטאָט איז קיין שריד ופליט נישט געבליבן. מען גייט מיט די אַמאָל רוישיקע גאַסן: ליפּאָווע, קופּיעצקע, מיט די האַנדלס־גאַסן און מען זעט נישט קיין איין גאַנץ הויז. פולשטענדיק זענען אָפּגעמעקט די גאַסן אין דעם שטאָט־פערטל פון דער גרויסער שול. און פוסט זענען די גאַסן. אויף שענקעוויטש־גאַס, אַמאָל אַ רוישיקע צענטראַלע גאַס, קאָן מען איצט נישט באַגעגענען קיין פינף מענטשן מיטאַמאָל. ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל דערזעען דאָס איצטיקע ביאַליסטאָק האָט זיך מיר געדאַכט, אַז מען האָט בכלל די גאַנצע באַפעלקערונג פאַריאָגט פון דאַנען. אָבער, ווען איך האָב דערזעען די נישט באַרירטע ריזיקע מאָדערנע קריס־טלעכע קירך אין מיטן פון דער חרובער שטאָט, האָב איך געוווסט, אַז די פוסטקייט מיינט בלויז יידן.

אין דעם הויז, וווּ עס געפינט זיך די קאָמיטעטישע קיך, דער מושב־זקנים און אַ קלויז, האָב איך אָנגעטראָפן אויף אַ צענדליק יידישע משפחות. דאָ געפינט זיך די יידישע „געדיכטקייט", די ביאַליסטאָקער „מאַסן"... אין איינצלנע הילצערנע הייזלעך אַרום דעם בנין פון קאָמיטעט, אַרויפצו פון קופּיעצקע — וווינט די גאַנצע ביאַליסטאָקער יידישע באַפעלקערונג. אויף קופּיעצקע, אַמאָל דאָס האַרץ פון ביאַליסטאָק, געפינט זיך די קאָאָפּעראַטיווע יידישע אייל־פאַבריק. די גאַס הייסט איצט אויפן נאָמען פון יצחק מלמד, וועלכער האָט בעת דער ערשטער „אַקציע" אָפּגעגאָסן אַ גרופּע דייטשע באַנדיטן מיט זאַלץ־זויער. אויף דער גאַס האָב איך באַגעגנט דריי יידן. דאָס איז די ביאַליסטאָקער יידישע גאַסן־באַוועגונג. אויף מיין פאַרלעזונג אין דעם זאַל פון קאָמיטעט איז געקומען דאָס גאַנצע ביאַליסטאָקער יידנטום. דאָס איז אַלץ, וואָס עס איז געבליבן פון די זעכציק טויזנט יידן.

אינעם חורבן פון פּוילישן יידנטום האָט ביאַליסטאָק אַ באַזונדער קאַפּיטל. נאָך וואַרשע איז ביאַליסטאָק די צווייטע שטאָט, וואָס איז אַרויס אין אָן אָפענעם קאַמף קעגן די דייטשע מערדער. איך זאָג אָפענעם קאַמף, ווייל געקעמפט האָבן אַלע יידישע ישובים אין פּוילן. אַפילו די יידישע קליינע קהילות האָבן יעדע אויף איר שטייגער געקעמפט קעגן די דייטשע רוצחים. וועגן די פאָרמען פון קאַמף וועלן נאָך אַמאָל יידישע היסטאָריקער אַ סך בענדער שרייבן. און זאָלן פאַרשטומט ווערן די, וועלכע חזרן איבער דעם שאַנד־בלבול, אַז יידן האָבן נישט געקעמפט קעגן די דייטשן. קיין שום אַנדער פאָלק אין די באַדינגונגען, אין וועלכע עס האָבן

זיך געפונען די יידן אין פוילן, וואָלט נישט פּעאיק געווען אויף דער גבורה פון די פוילישע יידן.

קעגן די יידן זענען געשטאַנען נישט נאָר די דייטשן. אויסער דער פּוילישער פּראָגרעסיווער אינטעליגענץ, וועלכע איז אליין געווען אויף גרויסע צרות, איז די מערהייט פון דער פוילישער באַפעלקערונג געווען פולשטענדיק פּאַר דער פאַרניכ־טונג פון די יידן. דער קאַמף פון די יידן וואָלט טויזנטפאַך געווען פאַרלייכטערט, ווען די פוילישע באַפעלקערונג זאָל האָבן געווען לכל הפּחות נייטראַל. אָבער ניין, אפילו די מינדסטע מאָס פון נייטראַליטעט איז נישט געווען פון זייער זייט. די פריערדיקע פּאָליטיק פון דער פוילישער רעגירונג און די אַרבעט פון די דייטשן האָבן פון די פּאָליאַקן געמאַכט מיטהעלפער אין דער פאַרניכטונג פון יידן. אויסער דעם ווייסן מיר, אַז גרויסע טיילן פון דריי פעלקער — אוקראַינער, ווייסרוסן, ליט־ווינער — האָבן אָפן צוגעהאָלפן פאַרניכטן די יידן.

דער חורבן ביאַליסטאָק איז דער שטאַרקסטער עדות דערפאַר. די ביאַליס־טאָקער יידישע יוגנט האָט באַלד אין די ערשטע טעג פון דער היטלערישער אָקופּאַ־ציע אָנגעהויבן זיך גרייטן צום שפּעטערדיקן קאַמף. טראַדיציע פון קאַמף האָבן די ביאַליסטאָקער יידן פאַרמאָגט, און א קאַמפּס־גרייטע יוגנט האָט ביאַליסטאָק פאַר־מאָגט. אָבער מיט ליידיקע הענט זענען זיי געשטאַנען. דאָס ביסל געווער, וואָס יידן האָבן פאַרמאָגט האָט געשטאַמט פון דייטשע מאַגאַזינען, ווו יידן האָבן געאַר־בעט און — געגנבעט דאָס געווער. אויסער דעם האָבן זיך יידן אין געטאָ פאַרנומען מיט אויסאַרבעטן אויפרייס־שטאָף. פון דער פוילישער גוט־באַוואָפנטער אונטער־ערדישער באַוועגונג האָבן יידן אפילו קיין איין קויל נישט באַקומען. דערפאַר, ווען די יידישע יוגנט פלעגט אַרויסשיקן פּאַרטיזאַנער־גרופּן אין די וועלדער, האָבן די גרופּן געהאַט אויסצושטיין נישט נאָר א קאַמף פון די דייטשן נאָר אויך פון די פוילישע פּאַרטיזאַנער און פּויערים.

דאָך האָט די יידישע יוגנט נישט נאָר געטראַכט וועגן זיך. ווען די דייטשן האָבן אין ביאַליסטאָק געשאַפן לאַגערן פאַר רוסישע געפאַנגענע, האָט די יידישע יוגנט פון געטאָ איינגעשטעלט איר לעבן און מיט מסירת נפש געטראָגן הילף די געפאַנגענע. כאָטש די יוגנט האָט געוווּסט, אַז פאַר אָט דער הילף קאָן טייער באַצאָלן די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג. די יידן אין געטאָ האָבן געזאַמלט וועש און קליידער, טאַבאַק און מעדיקאַמענטן, עסן און געלט און יידישע אַרבעטער האָבן אין געהיים דאָס איבערגעגעבן אין די געפאַנגענען־לאַגערן, ווייל זיי האָבן דאָס מיט רעכט באַטראַכט, ווי נאָך א פאָרם פון קאַמף קעגן היטלעריזם.

ווען ס'איז אָבער געקומען די צייט פון קאַמף — האָבן זיך די ביאַליסטאָקער יידן געפונען אליין, פּנים־אל־פּנים מיט א מעכטיקן שונא. סך הכל דריי הונדערט יידישע בחורים און מיידלעך זענען געווען באַוואָפנט און דאָס מיט פעלערהאַפטע ביקסן, פלעשער מיט אויפרייס־שטאָף און ווייניק אַמוניציע. דאָס איינציקע געווער

זייערס איז געווען אַ מעכטיקער באַגער, וואָס מער באַנדיטן אומצובערענגען, אָן אומבאַגרענעצטע שנאה און א דורשט נאָך נקמה.

בעת דער ערשטער „אקציע״ פון דעם 5־טן ביזן 12־טן פעברואר 1943, ווען עס זענען אומגעקומען פופצן טויזנט יידן, האָט די יידישע יוגנט געקעמפט קעגן דער דייטשער פאַנצער־מאַכט מיט העק און פלעשער זאַלץ־זויער. פיל פון די קעמפער זענען געפאַלן מיט א „העלדן־טויט. ווען מען האָט זיי ארויסגעפירט פון די פאַרשאַנצונגען האָבן זיי געשפּיגן אין פּנים־אריין די דייטשן און ביי די שרעקלעכסטע פּייניקונגען אפילו, נישט אויסגעגעבן די אָרגאַניזאַציע.

א טייל פון די אויפשטענדלער האָבן באַצאָלט מיטן לעבן אויפן אָרט. די איבעריקע האָט מען אוועקגעפירט קיין טרעבלינקע. אָבער אויף דער שוועל פון גיהנום האָבן זיי מיט לייזיקע הענט זיך געוואָרפן אויף די דייטשן און אוקראַינער און אומגעקומען ווי העלדן. מיט דעם בונט פון די פאַרמשפּטע האָט אָנגעפירט דער פירער פון ערשטן אויפשטאַנד — באָראַקס.

צום צווייטן, צום אייגנטלעכן אויפשטאַנד, האָבן זיך די ביאַליסטאָקער בחורים און מיידלעך געגרייט לאַנגע חדשים. פאַר אַלע איז געווען קלאָר, אַז פונקט ווי אַלע יידישע קהילות זענען אויך די לעצטע צוויי אינזלען — ביאַליסטאָק און לאָדזש, פאַרמשפּט געוואָרן דורך די דייטשן. זיי האָבן געמאַכט עטלעכע איבערפאַלן אויף דייטשע געווער־לאַגערן און זיך פאַרשאַפט א ביסל געווער. עס זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן סטראַטעגישע פּלענער. ווען פון 15־טן אויפן 16־טן אויגוסט 1943 זענען אויסגעקלעפּט געוואָרן מודעות, אַז דאָס געטאָ ווערט עוואַקואירט, האָט זיך אָנגעהויבן דער העלדישער אויפשטאַנד, וואָס האָט געדויערט א גאַנצן חודש! ביז ס׳האָט זיך אויסגעשעפּט די לעצטע קויל.

דאָס איז געווען מער ווי אַן אויפשטאַנד.

ווען די העלדישע יידישע טעכטער: מילקע דאַטנער, פאַניע, באַשע קאַטשעלסקאַ און אַנדערע האָבן אונטערגעצונדן הייזער, פאַבריקן און סטויגן היי, ווי א סיגנאַל צום אויפשטאַנד — איז דאָס געווען דאָס פייער פון באַשולדיקונג קעגן דער גאַנצער וועלט, וואָס האָט זיך דעמאָלט פאַרטעריש צוגעקוקט, ווי מען פאַרניכטעט א גאַנץ פאָלק.

קעגן א הייפל יידן האָט די דייטשע פאַנצער־מאַכט ארויסגעפירט טאַנקען, אַרטילעריע און שווער מאַשין־געווער. די מייסטער פון סטראַטעגיע און די באַצווינגער פון מלוכות, ציען זיך פיל מאָל צוריק, ווען זיי זעען אויף די גאַסן די נבלות פון זייערע סאָלדאַטן, וואָס פאַלן פון יידישע הענט. זיי אַנטלויפן פון די גראַנאַטן, וואָס ווערן מיט אַזאַ געניקייט און צילעוודיקייט געשליידערט — פון די מיידלשע הענט פון דער העלדישער לאָלאַ. זיי אַנטלויפן פון די פלעשער בענזין, וואָס ווערן געשליידערט פון היהקע גראָסמאַן. די אויפשטענדלער זענען באַהערשט פון אַזעלכע הויכע געפילן, אַז קיין שום געפאַר דראָט זיי נישט מער. ווען א פאַרוווּנדעטער רייסט זיך אדורך צום שפּיטאָל, דערציילט ער וועגן די גבורות פון די יונגע יידן,

וואָס כאָטש זיי פייערן־אויס די לעצטע קוילן, זענען זיי אָבער כסדר באהערשט פונעם גרויסן געפיל פון זיג, ווייל דער טויט אין קאַמף קעגן אזא ווילדן שונא איז אויך א זיג.

די דייטשן פירן אריין טאַנקען — איין טאַנק ווערט אויפגעריסן עק ציעפּלע און קופּיעצקע־גאַס. די דייטשן ציען זיך צוריק, כדי שפּעטער צו ווארפן פרישע כוחות. נייע אָפּטיילונגען פון דייטשן און אוקראַאינער גרייפן־אָן. דער קאַמף דערגרייכט זיין העכסטע מדרגה. פון די נעסטן פון די אויפשטענדלער שטראָמט א פאַרניכטנדיק פייער. אָבער דאָס איז זייער לעצטער שטורעם. קעגן די דריי הונדערט יידישע בחורים און מיידלעך האָבן געקעמפט דריי טויזנט דייטשן און אוקראַאינער מיט אומבאגרענעצט געוועהר און אמוניציע. די אויפשטענדלער האָבן נישט מער קיין גראַנאַטן און קוילן, עס האָבן זיך אויסגעלאָזט די פלעשער בענזין.

אן אָפּטיילונג פון צוויי און זיבעציק אויפשטענדלער שיסן־אויס די לעצטע קוילן. די זאלפן ווערן שוואַכער. אונטער דער דעקונג פון פאַראיינצלטע שאָסן ציט זיך די אָפּטיילונג צוריק. זי לאָזט זיך אראָפּ אין א בונקער, וואָס איז אויסגעבויט אין ברונעם אין הויף אויף כמיעלנא נומער 7. די צוויי און זיבעציק גיבורים גלויבן, אז ס׳וועט זיי געלונגען פון דעם בונקער זיך ארויסצובאקומען און זיך פאַראייניקן מיט די שכנותדיקע גרופּן.

אין קאַמף איז די אָפּטיילונג שוין מער נישט אריין, עק יוכאָוויעצקע און קופּיעצקע ווערן די צוויי און זיבעציק ארויסגעפירט און אין קעגנווארט פונעם „זיגערישן" דייטשן שטאַב ווערן זיי צעשאָסן פון מאַשין־געווער. זייערע גופים זענען אריינגעוואָרפן געוואָרן אין א מיסט־גרוב ביים ראַנד פונעם געטאָ־בית־עולם אויף זשאַביע־גאַס.

אנדערע טיילן פון די אויפשטענדלער געלונגט דאָך אין דער לעצטער מינוט זיך אדורכצורייסן דורך דעם דייטשן פייער־רינג און ציען זיך צוריק אין די וועלדער. דאָרט זעצן זיי ווייטער פאָר זייער קאַמף אין א סאָוויעטישער פאַרטיזאַנען־אָפּטיילונג און אלע כמעט פאַלן אין קאַמף.

דאָס ביאַליסטאָקער געטאָ ווערט אויסגעליידיקט ביז צום לעצטן ייד.

א חודש צייט האָבן די ביאַליסטאָקער געטאָ־העלדן געקעמפט. אינגאַנצן אליין האָבן זיי אויסגעהאלטן דאָס מערדערישע פייער פון די דייטשע און אוקראַאינישע ס.ס. אין קאַמף זענען זיי געוועזן אַזוי אייזאַם, ווי בלויז די מרדכי טענענבוימס די סאָניע שמידס, צי יהודית נאָוואָגראָדזקא און גיזי גאָטליב וואָלטן געפירט מלחמה מיט די דייטשן.

אין די שכנותדיקע וועלדער האָבן דעמאָלט געאַרבעט גוט־אָרגאַניזירטע און באוואָפנטע פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען פון פּאַליאַקן פון כלערליי פּאָליטישע ריכטונגען, פון עקסט־רעכטע ביז עקסט־לינקע. אין ביאַליסטאָק גופא איז טעטיק געווען א גוט־באוואָפנטע פּוילישע אונטערערדישע באוועגונג, וואָס האָט געהאַט די שטיצע פון די אליאירטע מלוכות. אָבער קיינער איז נישט געקומען צו הילף

די ביאַליסטאָקער יידישע אויפשטענדלער. קיינער האָט איצט נישט געדענקט, אַז די יידישע יוגנט איז געווען דער איינציקער כוח אין ביאַליסטאָק, וואָס האָט אָרגאַניזירט און דורכגעפירט דעם איבערפאַל אויפן סאָוויעטישן געפאַנגען־לאַגער אין זאַבלודאָווע. קיינער האָט נישט געוואָלט געדענקען, אַז די ביאַליסטאָקער יידישע יוגנט האָט אנטיילגענומען אין דער באַפרייאונג פון דער פוילישער ארעסטירטער אינטעליגענץ פונעם ארבעטער־לאַגער אין זיעלאָני. די יידן זענען געבליבן פאַרלאָזן אויף זייער אייגענעם גורל. ניין, פאַרקערט: קעגן די יידן האָבן די דייטשן געהאַט צו הילף אוקראַאינישע אָפּטיילונגען און אין די וועלדער האָבן די גראַטעוועטע געהאַט אויסצושטיין פאַרפאָלגונגען פון די פוילישע רעכטע פּאַרטיזאַנער.

און נישט נאָר קעגן די אויפשטענדלער.

אין דער „אויסזידלונג״ פון יידישן שפּיטאָל האָבן אוקראַאינער מערדער צוגעהאָלפן די דייטשן צערייסן יידישע ניי־געבוירענע שוואַלבן און די גופימלעך געוואָרפן אויף די צוגעגרייטע וועגענער. די גערמאַנישע און סלאַווישע מענער האָבן געוויזן אַ מוסטער פון באַציאונג צו מענטשלעכער מוטערשאַפט, ווען זיי האָבן קימפּעטאָרינס נאַקעטע אַרויסגעיאָגט פון די בעטן און צוזאַמען מיט אַלע קראַנקע געפירט צום געטאָ בית־עולם אויף זשאַביע, ווו דאָס גאַנצע שפּיטאָל איז אויסגעשאָכטן געוואָרן.

ווען מען קומט אין קאָנטאַקט מיט פּאָליאַקן אין ביאַליסטאָק, וועלן אייך די פּאָליאַקן נישט קוקן גלייך אין די אויגן. צווישן אייך און זיי שטייט אַ דיקע וואַנט נישט דורכצוברעכן, און איר האָט תמיד דאָס געפיל, אַז זיי זענען פיל שולדיק אין דעם חורבן. און זיי ווייסן דאָס. זיי האָבן דאָס באַוווסטזיין פון שולד, אויב זיי האָבן נאָך אַ ניצוץ פון געוויסן. אָבער נישט ביי אַלע זאָלט איר זוכן געוויסן. זיכער זענען געווען איינצלנע אויסנאַמען, ווען פּאָליאַקן האָבן געראַטעוועט יידן, אָבער דאָס זענען יחידי סגולה, וואָס מען וועט אין ביאַליסטאָק אָנציילן אויף די פינגער, הגם די ביאַליסטאָקער פּאָליאַקן זענען דאָס רוב אין ארבעטער־עלעמענט.

ביאַליסטאָק איז געווען די איינציקע שטאָט אין פוילן אונטער דער נאַצישער אָקופּאַציע, ווו אין געטאָ איז פאַרלייגט געוואָרן אַ נייער בית־עולם, אַ געטאָ־בית־עולם, ווו עס זענען געקומען צו קבורה די געשטאָרבענע אין געטאָ און די דערשאָסענע בעת די „אויסזידלונגען״. דער שטח פונעם גאַנצן בית־עולם פאַרנעמט עטלעכע הונדערט קוואַדראַט מעטער. דאָס פעלד איז אַ פּריוואַט־אייגנטום פון זיבעצן פּאָליאַקן און ארום אָט דעם בית־עולם שפּילט זיך אָפּ איינס פון די טראַגישסטע קאַפּיטלעך פונעם איצטיקן יידישן ישוב אין פוילן.

בכלל געהער די ביאַליסטאָקער שארית הפליטה צו די סאַמע זעלטענע אין פוילן, וואָס האָט אַלץ געטאָן, כדי צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פונעם ביאַליסטאָקער יידנטום. דער צענטראַל־נערוו פון דער ביאַליסטאָקער לאַנדסמאַנשאַפט איז דעמאָלט געווען פסחקע בורשטין. ער איז איינער פון די זעלטענע ביאַליסטאָקער יידן, וואָס איז אדורכגעגאַנגען אַלע מעגלעכע גיהנומס: אויסגעשטאַנען די

אוממענטשלעכע פּיין פון אַשוויענטשים און על־פּי־נס געראַטעוועט געוואָרן. ער איז דער ערשטער געקומען קיין ביאַליסטאָק און זיך ממש געוואָרפן ראַטעווען, וואָס עס לאָזט זיך פונעם לעבנגעבליבענעם און ניצול־געוואָרענעם, פונעם נפש און הייליקייט.

ווען איר וועט אויפן טויער נומער 29 פון קופּיעצקע־גאַס געפונען אַ טאָוול מיט אַן אויפשריפט וועגן העלדנטאַט פון יצחק מלמד — איז עס די אַרבעט פון פסחקע בורשטין. ווען איר וועט געפונען אַן אָנדענק־טאָוול אויף דעם אייזערנעם איבערבלייב פון דער גרויסער שול — איז עס זיין אַרבעט.

דאַנערשטיק, דעם 11־טן אַפּריל 1946 האָט די ביאַליסטאָקער לאַנדסמאַנשאַפט עקסהומירט פונעם מיסט־גרוב די גופים פון די צוויי און זיבעציק אויפשטענדלער און פינף און פופציק קדושים און זיי געבראַכט צו קבר ישראל אויפן געטאָ־בית־עולם.

דעם 12־טן נאָוועמבער דאָס זעלבע יאָר האָט די ביאַליסטאָקער שארית הפליטה עקסהומירט פון דער קאַשיניערסקע־גאַס די רעשטלעך פון צוויי הונדערט דערשאָסענע, אָדער לעבעדיק באַגראָבענע בעת דער צווייטער „אַקציע", צווישן 16־טן און 23־טן אויגוסט 1943.

פאַר דער צייט ווי איך בין געווען אין פּוילן האָבן זיי אויפגעשטעלט אַ דענקמאָל פאַר די געפאַלענע אויפשטענדלער. אָבער, ווען איך בין געקומען קיין ביאַליסטאָק האָב איך אויפן געטאָ־בית־עולם געטראָפן זיך פּאַשען ציגן און חזירים קריכן אַרום איבער די קברים פון אונזערע גיבורים און קדושים.

דאָ זענען די ביאַליסטאָקער יידן אוממעכטיק, ווייל דער פּלאַץ פון בית־עולם איז אַ פּריוואַט־אייגנטום און די פּויערים, די אייגנטימער פונעם פעלד, לאָזן נישט שטעלן קיין פּאַרקאַן. זיי ווילן די יידן זאָלן זיי רייך מאַכן פאַר דעם שטיקל פּלאַץ. און די ביאַליסטאָקער יידן, געראַטעוועטע פון די בונקערס און וועלדער, האָבן נישט קיין כוח רייך צו מאַכן זיבעצן פּויערים. קיין עצה אויף דעם איז נישטאָ. געזעץ איז געזעץ, אויב יידן ווילן נישט צאָלן וויפל מען פאָדערט פון זיי — טאָ זאָלן זיך פּאַשען ציגן און חזירים אויף דער ערד, וואָס דעקט צו טויזנטער יידישע גופים, ווו עס שטייט דער דענקמאָל איבער די העלדן פון געטאָ, ווו עס געפינט זיך דער מאַסן־קבר פון די יידישע קעמפער־אַרינס און עופעלעך און קראַנקע, וואָס מען האָט „אויסגעזידלט" פון יידישן שפּיטאָל אויף פאַבריטשנע.

דאָס, וואָס די דייטשן האָבן געמאַכט מיט די לעבעדיקע יידן, האָט די פּוילישע באַפעלקערונג געמאַכט מיט די יידישע הייליקטימער. זיי האָבן פולשטענדיק צעשטערט דעם אַלטן בית־עולם אויף דער סאָסנאָווע און מילע גאַס. זיי האָבן די מצבות צעגנבעט, דעם פּאַרקאַן צעריסן און די קברים צעטרעטן און צעהפקרט. דורכן בית־עולם האָבן זיי דורכגעשניטן וועגן צו פאַרקירצן די באַוועגונג צווישן די שכנותדיקע גאַסן. אויך דעם באַגינאָוועקער אַלטן בית־עולם האָבן זיי פּאַגראָמירט און צעגנבעט. די מצבות, וואָס האָבן פאַר זיי נישט געהאַט קיין געלט־ווערט, האָבן

זיי פּשוט צעהאַקט אויף ברעקלעך, צעשטויבט, קיין שריד ופליט זאָל נישט בלייבן. אויך דאָ האָבן זיי דורכגעשניטן שטעגלעך צו פאַרקירצן דעם וועג צווישן גאַסן.

בלויז דער גרויסער נייער בית־עולם האָט זיך ווי עס איז אויפגעהאַלטן און ווערט איצט געהיט דורך אַ געצאָלטן קריסטלעכן שומר. אַז די ביאַליסטאָקער לאַנדסמאַנשאַפט האָט זיך געווענדן צו אַ קריסטלעכן אונטערנעמער וועגן רעס־טאַווירן די בית־עולמ׳ס אויף דער סאָסנאָווע גאַס און דעם באַגינאָווקער, האָט דער אונטערנעמער געפאָדערט, מען זאָל אים פאַר דער אַרבעט צאָלן נישט מיט געלט, נאָר מיט טייערע מצבות פון דעם נייעם בית־עולם... דאָס זאָגט עפּעס וועגן דעם פּסיכאָז, אין וועלכן עס לעבן געוויסע טיילן פון פּוילישן פאָלק. די רויב־גלוסטן, וואָס זענען דערפּירט געוואָרן ביז שגעון, האָבן זיך נאָך נישט באַרויקט. זייערע מעכאַניזמען אַרבעטן נאָך מיט דער פולער קראַפט.

לעבן איצט אינעם חרובן און אויסזיכטלאָזן ביאַליסטאָק ביז עטלעכע הונדערט יידן — יתומים פון אַ יידישער וועלט. נישט אַלע שטאַמען פון ביאַליס־טאָק, אָבער אַלע געהערן צו דעם זעלבן געמאָרדעטן פאָלק און די פרעמדע פילן זיך דאָ אין שטאָט פונקט, ווי די ביאַליסטאָקער — פרעמדע אין דער אייגענער „היים״.

אַמאָל איז ביאַליסטאָק געווען אַ צענטער פאַר צענדליקער שטעטלעך אַרום. היינט איז ביאַליסטאָק אַ קליין אָרעם אינזעלע אין אַ ים פון אַנטיסעמיטיזם און שנאה, פּשוטע מענטשן־שנאה. די פּאָר הונדערט יידן פּרווון לעבן אַ קולטור־לעבן. ווען איך האָב זיך צוגעקוקט צו זייער לעבן האָב איך אָפטמאָל געהאַט דעם איינ־דרוק, אַז איך געפין זיך ערגעץ אין אַ ווייט אָפּגעלעגן צפון־לאַנד, וווּ ס׳איז אויף אייז־קריעס געבליבן ווינטערן אַ הייפל מענטשן, וואָס וואַרטן דער זומער זאָל זיי באַפרייען...

איז אַ ווייטע וועלט ביאַליסטאָק. דערקלייבן זיך צו דעם אינזל איז אַ לאַנגע נסיעה. אַז די באַיליסטאָקער האָבן אויפגעשטעלט דעם דענקמאָל פאַר די אויפ־שטענדלער האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון יידן אין וואַרשע אפילו נישט געשיקט אַהער זיין פאָרשטייער, וואָרום ווער וועט איינשטעלן דאָס לעבן און פאָרן צו אָט דעם „צפון־לאַנד״?

ווען די קאָמיטעט־מיטגלידער האָבן מיך אַרומגעפירט צווישן די מצבות פון נייעם בית־עולם, האָבן זיי מיר אָנגעוויזן אויפן מאָנומענט פון דער יידישער זעלבסטשוץ, און אויף די מצבות פון זעלטענע קברים.

— מיר לעבן אין שאָטן פון אָט די מצבות — זאָגן צו מיר די יידן — מיר לעבן אין שאָטן פון דער גרויסער ביאַליסטאָקער פאַרגאַנגענהייט, ווען שמואל מאָהילעווער איז געווען דער פירער פון חיבת ציון, ווען די יידישע זעלבסטשוץ האָט זיך פאַרפעסטיקט אין די געסלעך פונעם שול־הויף, ווען דאָ האָט געלעבט און געאַרבעט ד״ר פינעס, כאַזאַנאָוויטש — דער גרינדער פון דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק אין ירושלים, דער וויסנשאַפטלער ש. הערשבערג, זאַקהיים — דער



דאָס געבליבענע פון דער ביאַליסטאָקער שול.

די לעצטע יידישע אותיות אין ביאַליסטאָק אויף דער אויסגעברענטער מויער פון דער געוועזענער „פּאַיען־באַנק".



דער דענקמאָל לזכרון זעכציק טויזנט אומגעבראַכטע ביאַליסטאָקער־
יידן — אויפן שטח פון געטאָ־בית־עולם.
(אויפגענומען דורכן מחבר)

אַטענטאַטאָר אויף סטאַליפּינען. איצט איז דער פּאַנטעאָן רייכער געוואָרן מיט די געשטאַלטן פון אונזערע גיבורים: יצחק מעלאַמעד, די משפחה קוריאַנסקי, וואָס האָט אָפּגעגאָסן די דייטשע רוצחים מיט זידיק וואַסער, ווען זיי זענען געקומען זיי ארויספירן; פרידע פעלד און בלומע לאַקס, וואָס האָבן באַוואָרפן די דייטשן מיט גראַנאַטן. אַדעק באַראַקס פון „השומר הצעיר", חיה שטרויסבערג און פיל פיל אַנדערע, וואָס האָבן מיט זייער העלדישקייט געשאַפן אַ יידישע אָדיסייע, אַ לעגענדע פאַר דור־דורות.

אָבער איצט איז נישטאָ ווער עס זאָל אין ביאַליסטאָק אויפהאַלטן אָט די רומפולע לעגענדעס. עס פעלן די זעכציק טויזנט ביאַליסטאָקער שעפערישע יידן. איז אויף אונז, אויף דעם קליינעם הייפל לעבן־געבליבענע, געפאַלן די אויפגאַבע צו דערהאַלטן דעם ברענענדיקן פונק, דערהאַלטן אים און איבערגעבן אים אַ לויכ־טנדיקן פאַר די קומענדיקע דורות.

אָבער באַשיידן זענען די ביאַליסטאָקער יידן, וויפל זיי האָבן געשאַפן פון דעם טאָג פון דער באַפרייאונג ביז דעם טאָג, ווען איך האָב באַזוכט די שטאָט קען נאָר וויסן דער, וועלכער איז געווען אין ביאַליסטאָק. סיי די יידישע שול, סיי די קאָאָפּעראַטיוון, דאָס פאַראייביקן דעם אָנדענק פון די געפאַלענע, דאָס אויפהאַלטן דעם פּאַנטעאָן אויפן געטאָ־בית־עולם און דאָס אָפּהיטן די רעשטלעך פונעם בית־עולם, דער טאָג־טעגלעכער קאַמף פאַרן לעבן — דאָס איז אַ ריזיקע הייליקע אַרבעט.

וואָרום אין ביאַליסטאָק לעבט דאָך נישט מער ווי אַ קליין הייפעלע, אַ ברע־קעלע בלויז פון דעם, וואָס איז געווען.

און אָט האָט איר די רשימה פונעם ביאַליסטאָקער ישוב לויט דעם, מיט וואָס די אָרטיקע יידן באַשעפטיקן זיך: פון די קנאַפּע פיר הונדערט יידן אַרבעטן אין קאָמיטעט — 87; 62 זענען מלוכה־באַאַמטע; אין בעקער־קאָאָפּעראַטיוו אַרבעטן 11 יידן; אין שניידער־קאָאָפּעראַטיוו — 12; אויסערן קאָאָפּעראַטיוו — 10 שניידער; ביי מעטאַל — 15 יידן; אין שוסטער־קאָאָפּעראַטיוו — 6 יידן; אויסערן קאָאָפּעראַטיוו — 10 שוסטער; 24 זענען קצבים; 14 — אייזל־קוועטשער; 3 שטובמאַלער; 2 גלעזער; 2 בלעכער; 2 פריזירער; 3 דאָקטוירים; 1 צאָן־דאָקטאָר; די רעשט פאַרנעמט זיך מיט מסחר.

דאָס איז דער גאַנצער יידישער ישוב, וואָס האָט פאַר מיין זיין אין ביאַליסטאָק געהאַט אַריינפאַר־וויזעס קיין אויסטראַליע, אַ טייל איז שפּעטער געפאָרן קיין ישראל און די פאַרבליבענע האָבן געחלומט אַ חלום וועגן אַ יידישן ישוב אין ביאַליסטאָק, אַ ישוב, וואָס זאָל דערמאָנען אָן דער גרויסער וועלט וואָס איז אונטערגעגאַנגען.

שטעט און שטעטלעך

אין די אַרכיוון פון דער ביאַליסטאָקער יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע איז אַלץ פאַרשריבן געגנוי:

אין דער פראָווינץ אַרום ביאַליסטאָק האָבן אין יאָר 1939, פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, געלעבט הונדערט און פערציק טויזנט יידן. דעם צווייטן נאָוועמבער 1942 האָט זיך אָנגעהויבן די ליקווידאַציע פון די געטאָס פון דער ביאַליסטאָקער וואָיעוואָדשאַפט. מאָנטיק אינדערפרי האָט מען אומעטום פאַרזאַמלט די יידן אויף די מערק־פּלעצער און אויף פויערישע וועגענער אַוועקגעפירט קינד און קייט אין אַרבעט־לאַגערן. צו די אָרטיקע יידן האָבן שוין דעמאָלט געהאַט דערגאַנגען די פינצטערע ידיעות פון וואַרשע. זיי האָבן שוין געהאַט געהערט וועגן די טויט־בעדער אין טרעבלינקע, זיי האָבן אָבער נישט געגלויבט, אַז די ידיעות זענען פּינקטלעכע. איצט איז דער גזר־דין געפאַלן אויך אויף זיי.

הונדערט און פערציק טויזנט יידן ווערן געפירט אויף פויערישע וועגענער אין די לאַגערן קיין זאַמבראָוו, וואָלקאָוויסק, קיין באָגושאָוו און קעלבאַשין. טויזנטער יידן פאַלן אויף די וועגן צו די לאַגערן, אָדער בלייבן טויטע אויף די מערק־פּלעצער אין די שטעט און שטעטלעך.

אוקראַינישע באַנדעס אונטער דער אָנפירערשאַפט פון דייטשע ס.ס. באַגלייטן די וועגענער מיט אַן אומאיבעררייסלעך פייער. מענער, פרויען און קינדער פאַלן טויטע פון די וועגענער ווי צעשאָסענע פייגל. הפקר און ווערטלאָז ווערט דאָס יידישע לעבן יענעם פינצטערן מאימה׳דיקן מאָנטיק.

טויזנטער יידן שטעלן זיך נישט צו אויף די פּלעצער און אַנטלויפן אין די וועלדער.

אין דעם קליינעם שטעטעלע יאַשינאָווקע שטעלן די יידן אַ ווידערשטאַנד און באַצאָלן פאַר דעם בונט אַ טייערן פּרייז.

די יידן אין די וועלדער ווערן ווי חיות געטריבן דורך די דייטשע, זשאַנדאַרמען. די דייטשע זשאנדאַרמען זענען נישט אַליין. זיי צו הילף קומט די דאָרפישע קאָליגאַנעריע.

מחנות ווייסרוסן און פּאָליאַקן לאָזן זיך אין די וועלדער באַרויבן און מאָרדן יידן. אומבאַוואָפנטע, הילפלאָזע בע־ונדע, גייען זיי אויס פון הונגער און קעלט. געיאָגטע און געטריבענע פון אַלע זייטן, באַגייען פיל יידן זעלבסטמאָרד אין די וועלדער דורך אויפהענגען זיך אויף די נאַקעטע ביימער, דורך איבערשניידן זיך די אָדערן, דורך איינשלאָפן אויפן פראָסט אין וואַלד.

קיין הילף איז פון ערגעץ נישטאָ.

איבער די סלאָנימער יידן האָבן די דייטשן איינגעאָרדנט אַ מוראדיקע שחיטה ווי אַ שטראָף פאַר העלפן סאָוויעטישע פּאַרטיזאַנען־גרופּן. פאַר דער דאָזיקער הילף האָבן די דייטשן מיט איין מאָל ליקווידירט דאָס סלאָנימער געטאָ.

אין אויגוסט 1942 האָבן די דייטשן דערשאָסן אין וואָלקאָוויסק יידישע דאָק־טוירים און אַפּטייקער פאַר געבן סאָוויעטישע פּאַרטיזאַנער מעדיצינישע הילף.

אָבער ווען יידן פון ביאַליסטאָקער וואָיעוואָדעשאַפט זענען אַוועק אין די וועלדער — איז זיי קיינער צוהילף נישט געקומען. זיי זענען אַלע אומגעקומען אין די שרעקלעכסטע באַדינגונגען.

פאַר די יידן אין די לאַגערן האָבן די דייטשן איינגעאָרדנט אַ פאַר־גיהנום. אויף דריי מיתה־משונה׳ס זענען די יידן פאַרמשפּט געוואָרן: צו הונגער, קעלט און צעשיסונג. טויזנטער קינדער און פרויען זענען אויסגעגאַנגען שוין אין די ערשטע וואָכן. אַ ביטערע טיפוס־עפּידעמיע האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן איבער די לאַגערן און ארויסגעריסן הונדערטער יידן, זיי באַפרייט פון די גיהנום־ליידן. די לעבנגעבליבענע זענען אומגעקומען אין די גאַזקאַמערן פון טרעבלינקע אין די חדשים יאנואר—מערץ 1943.

פון יענער צייט געפינט זיך אַ דאָקומענט, אַ באַן־פּראָכט, לויט וועלכן די דייטשן האָבן איבערגעשיקט פינף טאָן מלבושים פון טרעבלינקע קיין ביאַליסטאָק איבערצואַרבעטן אויף טעקסטיל...

דער דאָקומענט לייענט זיך אַזוי:

„170805 פּ. צ. וואַגענס דעס בר. וו. ערב.
וואַגענלאַדונג
פאָן טרעבלינקאַ
נאַך ביאַליסטאָק
איב. מאַלקיניא
טעקסטילאינדוסטרי
טייכשטראַסע 2"

אזוי זענען צוריקגעקומען פון גיהנום די מלבושים פון די יידן איבערצו־אַרבעטן אויף טעקסטיל פאַרן הערנפאָלק פון קינדער און פרויען־מערדער.

עס זענען אָבער געווען פאַלן ווען די אָרטיקע באַפעלקערונג האָט פאַר־שפּאָרט די דייטשן זייער טרחה.

אין די קרייזן, וואָס זענען געווען געדיכט באַוווינט דורך יידן, ווי למשל שטשוטשין, גרייעווע, וואַסילקאָוו, טיקטין און אין די פּיצינקע שטעטלעך אַרום, האָט די אָרטיקע באַפעלקערונג פון אייגענער איניציאַטיוו אַדורכגעפירט מאַסן־שחיטות. און ווען די דייטשן זענען געקומען ליקווידירן די יידן האָבן די בירגער־מייסטערס און דאָרף־וואָיטן געמאָלדן, אַז זיי, די דייטשן, האָבן זיך אומזיסט מטריח געווען. זיי האָבן די „אַרבעט" אָפּגעטון אויף אייגענער האַנט.

סך־הכל אַ וואָך נאָך דעם ווי די דייטשן האָבן פאַרנומען די ערשטע שטחים

אין דער ביאַליסטאָקער וואָיעוואָדשאַפט, וואָס האָט ביז דעמאָלט געהערט צו רוסלאַנד, האָבן די אָרטיקע כוליגאַנעס אָנגעהויבן מאָרדן יידן און ליקווידירן גאַנצע שטעטלעך.

דעם 7־טן יולי 1941 ווערן טויזנט פינף הונדערט יידן פון ראַדזשילאָוו פאַרניכטעט דורך דער אָרטיקער באַפעלקערונג. נאָך דעם מאָרד האָבן די פויערים אויף אַ קאָלעקטיוון אופן צוזאַמענגענומען די יידישע זאַכן און זיך מיט זיי איינגעטיילט. ווי געוויינטלעך זענען אויפן מאַרק פאָרגעקומען ווילדע געשלעגן צווישן די ראַדזשילאָווער „יורשים", וואָס האָבן געפאָדערט „יושר" ביים פונאַנדערטיילן די יידישע זאַכן.

דעם 12־טן יולי 1941 האָבן פויערים אין יעדוואַבנע אריינגעטריבן אין אַ שייער צוויי טויזנט אַכט הונדערט יידן און זיי פאַרברענט. נאָך דעם ווי דער ברענענדיקער שייער איז איינגעפאַלן איבער די יידן, האָבן די פויערים מיט היי־גאָפּלען איבערגעוואָרפן די גופים פון די יידן, כדי זיי זאָלן זיך שנעלער ברענען.

אויף דעם זעלבן אופן זענען פון פוילישע הענט אומגעקומען די טשטשוטשינער יידן. די וועלכע האָבן זיך אין דער לעצטער מינוט געראַטעוועט פון שייער, האָבן זיי פויערים נאָכגעיאָגט מיט קאָסעס און זיי געשאָכטן. די גופים האָט מען ארייַנגעוואָרפן אין ברענענדיקן שייטערהויפן, כדי דער טויט פון דער טשטשוטשינער קהילה זאָל זיין אַ קאָלעקטיווער.

געננוי דאָס זעלבע איז פאָרגעקומען אין סטאַוויסקי און אין קאָלנע, ווו קיין איין ייד איז נישט אַרויס לעבעדיק פון פוילישע הענט.

אין אַ טייל פון די דאָזיקע שטעטלעך איז היינט אוממעגלעך צו קומען. זיי זענען געבליבן ווי געווען — נעסטן פאַרפעסטעטע מיט שנאה און דעגענערירטע פון מאָרד און רויב. נישט נאָר יידן האָבן מורא צו פאָרן אַהין, נאָר אַפילו מלוכה־באַאַמטע ווען זיך גוט פאַרטראַכטן און ווי געהעריק זיך „אונטערגאַרטלען" איידער זיי וועלן מאַכן אַ נסיעה אַהין. אויסער דעם איז די קאָמוניקאַציע צו די דאָזיקע שטעטלעך באַשווערט, ווייל די גרעסטע טייל בריקן איבערן טייך נאַרעוו זענען צעשטערט און קיין רעגולערע קאָמוניקאַציע איז נישט פאַראַן, אָבער עטלעכע פון אָט די שטעטלעך האָב איך פונדעסטוועגן באַזוכט.

טיקטין

צווישן ביאַליסטאָק און לאָמזשע ליגט אַ שטעטל טיקאָצין, וואָס אויף יידיש האָט עס געהייסן — טיקטין.

וועלכער פרומער ייד האָט נישט געקענט דאָס רבנישע פרומע שטעטל טיקטין? עס איז אַן אַלטע יידישע קהילה, וואָס איז געלעגן אין פייער־קרייז פון אָפטע פּאָגראָמען.

אין דער ערשטער העלפט פון 18־טן יאָרהונדערט איז טיקטין געווען א יחוס־שטאָט, דאָ איז געזעסן דער ועד פונעם פּאָדליאַשער גליל, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן לעבן פון צענדליקער קהילות.

שפּעטער איז אַראָפּגענומען געוואָרן די קרוין פון טיקטין. דאָך — אַוועקגערוקט פון די גרויסע שליאַכן פון דער וועלט, האָט טיקטין געפירט אַן אייגן לעבן און אַפילו אַרויסגעגעבן אייגענע רבנים. די באַרימטע ברעסלאָוער רבנים, משפחה פון אברהם בן גדליהו, דעם מחבר פון „פתח הבית", האָט געטראָגן דעם פאַמיליע־נאָמען טיקטין. אַ סברה, אַז פון אָט דעם שטעטל שטאַמען די זיידעס פון דער רבנים־משפחה. טיקטין האָט אַרויסגעגעבן דורות וויל־לערענער! און עלוים. אַפילו אייגענע דיכטער האָט טיקטין אַרויסגעגעבן, דיכטער וועלכע זענען שפּעטער געקומען קיין וואַרשע, אויף טלאָמאַצקע 13, כדי דאָ אויסצוזינגען די בענקשאַפטן, וואָס זיי האָבן איינגעזאַפּט אין זיך אין דער דאָרטיקער ישיבה. חיים סעמיאַטיצקי, דער רעליגיעזער ליריקער האָט פון טיקטין געבראַכט די צאַרטסטע בילדער און ניגונים וועגן רבונו־של־עולם, וואָס האָט שפּעטער אַזוי אימהדיק פאַרלאָזט זיין עדה אין טיקטין.

געלעבט האָבן דאָ ערלעכע בעלי־מלאכה׳ס, פרומע יידן, וואָס ביים נייען שטיוול און בעקעשעס פאַר די פויערים פלעגן זיי זינגען „אַדון עולם". קיין גבירים האָט טיקטין נישט פאַרמאָגט. ווען אַנדערע פלעגן זייערע פאַרדינטע גראָשנס אויסזויפן אין די שענקען, פלעגן די טיקטינער יידן זייערע גראָשנס באַהאַלטן און זאַמלען אויף נדבנים פאַר די טעכטער און אויף דרשה־געשאַנקען פאַר אייניקלעך.

הונדערטער יאָרן האָט טיקטין אַזוי געזאַמלט אַ גראָשן צו אַ גראָשן, אַ זעמדעלע צו אַ זעמדעלע און געוואָרן אַן איינגעפונדעוועטע יידישע קהילה.

במשך פון די לעצטע צוויי צענדליק יאָר ביז פאַר דער לעצטער מלחמה האָט דאָס שטעטעלע טיקטין דורכגעמאַכט דעם זעלבן וועג, וואָס אַלע יידישע שטעטלעך אין פוילן — דעם וועג צו דער וועלטלעכער קולטור.

די טיקטינער יידישע יוגנט האָט זיך אַ ריס געטאָן צו יידישער וועלטלעכקייט און צו וועלט־באַפרייאונג. אויסגעשאַרפטע תלמודישע קעפּ און דורשטיקע נאָך

וויסן, האָבן זיך די טיקטינער בחורים אַ לאָז געטון צו דער דאָרטיקער ביבליאָטעק נאָך ביכער, ווי דורשטיקע צו אַ קוואַל. וואָרום גרויסע בעלי חלומות זענען זיי געווען. זיי האָבן געגלויבט, אַז דורך דער וועלטלעכער קולטור וועלן זיי צוהעלפן ברענגען די וועלט־גאולה; עס וועט זיי געגעבן ווערן דאָס גליק מיט אַלע פעלקער צוזאַמען בויען אַ וועלט פון פרייהייט און גערעכטיקייט, און אַז דאָ, צווישן די טיקטינער וועלדער, וועט אויפשטיין דער „האַמאַ נאָוווס״ און דערלאַנגען די האַנט דעם יידישן פאָלק און זיי וועלן איבערשמידן זייערע שווערדן אויף אַקעראייזנס און זייערע שפּיזן אויף מעסערס צו שניידן צווייגן, אַ פאָלק קעגן אַ פאָלק וועט נישט אויפהייבן אַ שווערד און מען וועט מער נישט לערנען מלחמה־האַלטן.

אומפאַרבעסערלעכע בעלי חלומות געווען — די טיקטינער.

צוזאַמען מיט דעם נייען גלויבן אין מענטש און וועלט איז געגאַנגען דער אַלטער גלויבן אין רבונו־של־עולם. אין זיינע הענט האָבן זיך די טיקטינער יידן איבערגעגעבן און זיי זענען זיכער געווען, אַז בלויז זיינע וועגן זענען די וועגן פון גערעכטיקייט און זיכערקייט.

ביידע גלויבנס האָבן אומברחמנותדיק פאַרפירט די טיקטינער יידן.

אין אונזער תקופה פון פאַראַכטונג און האַס איז נישטאָ קיין אָרט פאַר וועלכן עס איז גלויבן. מיר זענען צוריקגעגאַנגען צו אַ ווילדער עפּאָכע, צו אַן עפּאָכע פון רויע אינסטינקטן, וואָס זענען געווענדעט געוואָרן אין איין ריכטונג: האַסן און פאַרניכטן, פאַראַכטן און צעשטערן.

ווען איר וואָלט געפאָרן מיט מיר אין אויטאָבוס קיין טיקטין, וואָלט איר געהערט מיט וואָס פאַר אַ שפּראַך פוילישע מענטשן רעדן נאָך היינט וועגן די יידן, וואָס זיי גופא, די טיקטינער פויערים, האָבן אומגעבראַכט אין די טויזנטער. רעליגיע, קריסטנטום, סאָציאַליזם — פון אַט די אַלע סעדער האָבן די טיקטינער פויערים געפרעסן. טויזנט יאָר זענען זיי קריסטן, אין זייערע הייזער וועט איר געפינען דאָס בילד פון קריסטוסן מיטן צעבלוטיקטן האַרץ פון די ליידן פאַר מענטשן — אָבער זיי זענען נאָך היינט ווילדער און ראַפּינירטער ווי־ זיי זענען עס געווען אין די צייטן פון געצנדינערײ. אַט די זעלבע פויערים האָט איר אַנומלט געזען אין לינקע דעמאָנסטראַציעס און היינט געהערן זיי צו קאָמוניסטישע פוילישע אָרגאַניזאַציעס, אָבער אַט איז דאָס בילד פון זייער געמיט, האַס און בלוט־ דורשטיקייט:

זיי, די פויערים, האָבן אומגעברענגט אַלע יידן פון טיקטינער קרייז, אויס־ געשאָכטן אין די דערפער און אויף די וועגן, און איצט, ווען אין די ראַיאָנען געפינט זיך שוין נישט מער קיין אייגאייינציקער לעבעדיקער ייד, מאַכן זיי נאָך חוזק און וויצלען זיך אין אויטאָבוס און שפּעטן נאָך ווי אַזוי יידן שרייען ווען מען שלאָגט זיי.

צוויי חדשים נאָך דעם ווי דייטשן האָבן פאַרנומען טיקטין, איז אָנגעקומען אַ גרופּע ס.ס. דייטשן און אוקראַינער. פיר קילאָמעטער הינטער דער שטאָט, ביים

ראַנד פון וואַלד האָבן זיי געהייסן די פויערים אויסגראָבן דריי גריבער צו צוועלף מעטער די לענג, זעקס מעטער די ברייט און פינף מעטער טיף. גלייכצייטיק האָבן די דייטשן פאַראָרדנט קיין איין ייד זאָל נישט אַרויסגעלאָזט ווערן פון שטאָט. נאָך דעם האָט מען די יידן אַרויסגעטריבן אויפן מאַרק. פון צווישן אַלע יידן האָבן די ס.ס.־מענער אויסגעקליבן אַכט בעל־מלאָכה׳ס פון פאַכן, וואָס זענען נויטיק דער פוילישער באַפעלקערונג, כדי טיקטינער פויערים זאָלן נישט בלייבן אָן אַ זייגער־מאַכער און אָן אַ שניידער. די מחנות יידן האָט מען אויסגעשטעלט צו פיר אין אַ ריי. די ערשטע פיר זענען געווען קלעזמאָרים. די דייטשן האָט זיך פאַרגלוסט אַ ספעקטאַקל, אַ פריילעכן ספעקטקל, און זיי האָבן די טיקטינער קלעזמאָרים געלאָזט גיין פאָראויס מיט האַרמאָניעס אין די הענט. די מחנות יידן האָבן געמוזט מאַרשירן צום טאַקט אונטער די קלאַנגען פון „התקוה״. אַזוי האָט מען די גאַנצע טיקטינער עדה אַוועקגעטריבן אינעם שטעטל זוואַדי, זיי אַריינגעטריבן אין אַ שול־בנין, פון וואַנען מ׳האָט זיי גרופּעסוויז אַרויסגעפירט אין וואַלד און דערשאָסן.

האָט מיך אַ פויער אין טיקטין געפירט אויף אַ וואָגן ווייזן די קברים אין וואַלד. אַ קנאַפּע שעה צייט האָט זיך דער וואָגן געשלעפּט און במשך פון דער שעה האָט דער פויער נישט אויפגעהערט דערציילן וועגן יענעם מאַרש קיין זוואַדי מיט די פיר קלעזמאָרים אין דער שפּיץ, מיט האַרמאָניעס און „התקוה״, „זייער הימן״ — זאָגט דער פויער — און זיי האָבן געמיינט מען פירט זיי „אויף זומער־וווינונג״. האָבן זיי איצט אָן אייביקע „זומער־וווינונג אין וואַלד״.

האָב איך געזען די דריי קברים ביים ראַנד פון אַ וואַלד: צוויי זענען פלאַכע בערגלעך מיט פעטע גראָזן און דער דריטער קבר איז אָפן און אין דעם גראָזיקן גרוב וואַלגערן זיך אַרום שאַרבנס און ביינער פון ענדגלידער. דער קבר איז הפקר פאַר רויב־פייגל און דאָרפישע הינט. פינף טויזנט יידן, מענער פרויען און קינדער, עופעלעך, וואָס ווען מ׳האָט זיי געטריבן צום טויט צוזאַמען מיט זייערע עלטערן זענען זיי געווען אַזוי יונג און פריש, ווי די וואַלד־בלימעלעך, וואָס וואַקסן איצט אויף זייער קבר. איצט וואַלגערן זיך אַרום די ביינדעלעך פון אונזערע שוואַלבן אינעם גרוב אין וואַלד. און דער בלויער הימל איבערן וואַלד איז אַזוי אומברחמנות־דיק רואיק און די פייגל אין וואַלד טשווישטשערן און טומלען ווי אויף אַ גרויסן יאַריד. אכזריותדיק גרין איז דער וואַלד. בלויז איבער די דריי קברים שוועבט אַזאַ גרענעצלאָזע אומעטיקע שטילקייט, די שטילקייט איבער אַ פאַרלאָשענעם ווולקאַן.

דער פויער זאָגט צו מיר:

— אַ מאָדנע פאָלק, די יידן. ווען מען האָט זיי געטריבן האָבן זיי נישט געוואָלט אַוועקוואַרפן זייער געלט און צירונג. ערשט ווען מען האָט זיי געשאָסן האָבן זיי דאָס געלט אַוועקגעגעבן. די דייטשן און די אוקראַינער האָבן אַלץ צוגע־נומען. אָך, ס׳אַרא באַנדיטן דאָס זענען געווען, אַלץ האָבן זיי צוגענומען.

אין דער צייט ווען מען האָט די יידן אַרויסגעפירט פון שטאָט, האָט זיך די באַפעלקערונג אַ לאָז געטון צו רויבן. די דייטשן האָבן געוואָלט דאָס גאַנצע רויב

פאַר זיך, זיי האָבן געשאָסן, געהאַקט מיט די ביקסן איבער די קעפּ, אָבער דער רויב־שגעון איז געווען פיל מאָל שטאַרקער. ווי אַ ווילדע סטיכיע האָבן זיך די פויערים אַ לאָז געטון און טייל הייזער זענען ממש אַראָפּגעטראָגן געוואָרן ביז צו די פונדאַמענטן.

אויך צו דער שול האָט מען זיך געלאָזט מיט העק, לאָפּאַטעס און האַמערס.

די טיקטינער אַלטע שול איז געווען די קרוין און דער שטאָלץ פון דער קהילה. זי איז געבויט ווי אַ פעסטונג, מיט דיקע שטיינערנע ווענט און אַ פעסטן פונדאַמענט, ווי זי וואָלט געדאַרפט אויסשטיין מלחמות. און באמת האָט די טיקטינער שול אויסגעהאַלטן אַ שווערע מלחמה: סיי פון די דייטשן און סיי פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג. דערווייל האָט די שול די מלחמה איבערגעהאַלטן, זי איז שטיין־געבליבן, אָבער איר גורל איז נישט קיין זיכערער, ווי ס'איז נישט זיכער דער גורל פון אַלע אונזערע הייליקייטן, וועלכע זענען נאָך וואו־נישט־ווו געבליבן אין די שטעטלעך פון פוילן.

בעתן אויסרויבן די שטאָט איז מען אויך צו דער שול געלאָפן מיט העק און לאָפּאַטעס. במשך פון געציילטע שעהן האָט מען אויסגעהאַקט דעם בעלעמער, דעם ארון־קודש, די פאָדלאָגעס צעריסן, די שטענדערס און בענק צעגנבעט און אויס־געהאַקט די טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צו דער ווייבער־שול און צום דאַך. און דאָ ליגט דער סוד הלמאַי די שול איז בכלל געבליבן שטיין.

ווען די רויבער האָבן צוגענומען די טרעפּ און דעם געלענדער פון די טרעפּ, האָבן זיי זיך אַרומגעזען, אַז ס'איז אַ גרויס אומגליק געשען — זיי האָבן פאַרגעסן דעם דאַך אַראָפּצורייסן. און צוקומען צום דאַך אָן טרעפּ איז אַ צו שווערע אַרבעט פאַר רויבער, וואָס האָבן זיך צוגעווינט צום לייכטן רויב.

שטייט די טיקטינער שול, ווי אַ ליידיקער לאַמטערן, אָן טירן, אָן פענצטער. נישטאָ היינט אין פוילן ווער עס זאָל זיך מיט אָט דער זקנה־שול פאַרנעמען.

אויך דאָ, אין טיקטין, איז דער בית־עולם צעשטערט און די מצבות זענען געוואָרן צו שטיינער אויף טרעפּ און פונדאַמענטן אונטער פּויערישע הייזער.

זאַבלודאָווע

סך הכל פופציק קילאָמעטער פון ביאַליסטאָק ליגט דאָס דורות־אַלטע שטעטעלע זאַבלודאָווע. זאַבלודאָווער יידן זענען געווען שטאָלץ, וואָס זייער קהילה איז שטאַרק מפורסם געוואָרן איבער דער וועלט. אַהער פלעגן אָפט קומען קינסטלער און אַרכיטעקטן זעען די ווונדערלעכע האָלץ־שול, וואָס איז אזוי אָפט באַשריבן געוואָרן אין קונסט־לעקסיקאָנען מיט אַ וועלט־נאָמען. זייער גאַנץ קיום־געפיל פלעגן די זאַבלודאָווער יידן אַריינלייגן אין זייער שול. יעדעס שטיקל האָלץ פון די טורעמדיקע דעכער און דאָס מינדסטע ברעטל פון די ווענט פלעגט דורך זיי געהיטן ווערן ווי אַ ירושה־צירונג.

די זאַבלודאָווער שול איז געווען אַרומגעוועבט מיט לעגענדעס און מעשהלעך. גאָט אַליין האָט די שול געהיטן. כאָטש אָפטע שריפות פלעגן פאָרקומען אין זאַבלודאָווע, דאָך פלעגט דער רבונו של עולם יעדעס מאָל אויסשפּרייטן זיינע הענט איבערן דאַך פון דער שול און זי פאַרהיטן פון שלעכטס. ווען גאָט ברוך־הוא האָט אָוועקגענומען זיין השגחה פון איבערן פאָלק ישראל האָט ער אויך געלאָזט אויף הפקר זיין הויז און די זאַבלודאָווער שול איז מער נישטאָ. אירע צאַרטע פאָרמען קאָן מען איצט געפינען בלויז אין די אָפּבילדונגען פון קונסט־ביכער.

זאַבלודאָווע איז געווען אַ לעבעדיקער נערוו פון ביאַליסטאָק. אַלדאָס שעפערישע און שיינע פונעם ביאַליסטאָקער יידישן רייכן לעבן האָט איר אין אַ מיניאַטור־פאָרם געפונען אין זאַבלודאָוו: ביבליאָטעקן, שולן, פּאַרטייען, פאַראיינען און אַ קעמפערישע יידישע יוגנט. פאַר די זאַבלודאָווער יונגעלייט איז דאָס שטעטל געווען צו קליין, צו ענג. זיי האָבן זיך געריסן צו די ברייטע וועלטן, צו אַ העכער לעבן, וואָס דאָס באַלמעלאַכישע און מסחר־שטעטל האָט זיי נישט געקענט געבן. אָבער ווי אָרעם דאָס שטעטל זאָל נישט האָבן געווען — איז עס געווען אַן אוניווער־סיטעט פאַר צענדליקער יוגנטלעכע, וואָס זענען פון דאַנען אַרויס באַפליגלטע און זייער תיקון האָבן זיי געפונען אויף דער ברייטער וועלט — אין ביאַליסטאָק, צי אין וואַרשע, אין ארץ־ישראל צי אין ניו־יאָרק.

ווען די רעוואָלוציע איז אין 1939 געקומען קיין זאַבלודאָווע האָט די יוגנט געגלויבט, אַז איצט וועט זי קענען אויסשפּרייטן אירע פליגל, פונאַנדעררוויקלען אירע טרוימען און געפינען אַן אָרט פאַר איר שעפעריש צעבענקטער אינטעליגענץ. און ווי פון אַלע יידישע חלומות אין די שטעטלעך פון פוילן האָט זיך אויך פון דעם חלום אויסגעלאָזט אַ טייך. ווען די דייטשן זענען אַריין אין קריג מיט רוסלאַנד האָט זיך זאַבלודאָוו געפונען אויף דער פייער־ליניע. דאָס אומגליק איז קודם כל געפאַלן אויף יידישע קעפּ. שוין אין די ערשטע טעג האָבן די דייטשן אָנגעהויבן

צאַפּן דאָס בלוט פון זאַבלודאָוווער יידן.

אַ קליין שטעטל געווען זאַבלודאָוו. מיטן אַריינקומען פון די דייטשן האָבן זיך די יידן דערפילט אין אַ דזשונגל. די ערשטע שחיטה, וואָס די דייטשן האָבן אַדורכגעפירט איבער די יידן, איז געווען אַ פּינצטערער פּאַראָויסזאָג פאַר זייער מאָרגן. אַ טייל פון דער יוגנט האָט געפּרווט אַוועק מיט דער רויטער אַרמיי און איז געבליבן אין די וועלדער אַן עלנטע און אויסזיכטלאָזע. זיי קומען צוריק אַהיים, אָבער די היים איז שוין קיים היים נישט, דאָס לעבן — קיין לעבן נישט. דאָך אין עצבות פאַלן זיי נישט אַרייַן.

אין זאַבלודאָוו ווערט געשאַפן א גרויסער לאגער פאר סאָוויעטישע געפאַנגענע. עס איז נישט קיין געפאַנגען־לאַגער; עס איז א גיהנום, וווּ אונטערן פרייען הימל ווערן געהאלטן טויזנטער רוסישע סאָלדאטן. די דייטשן האָבן אויסגעקליבן די יידן פון צווישן די סאָוויעטישע זעלנער און זיי געשיקט קיין מיידאַנעק אין די גאַז־קאַמערן. פאר די רוסן האָבן זיי צוגעגרייט אַן אנדער טויט. לויט די אינטערנאציאָנאלע געזעצן דאַרף מען האלטן געפאַנגענע אין א לאַגער. לגבי יידן עקזיסטירן נישט קיין געזעצן, זיי ווערן פאַרברענט, אָבער פאר די רוסן האָבן זיי א לאַגער — מיט הונגער, מיט שקלאַפן־אַרבעט און לייז. במשך פון געציילטע וואָכן שטאַרבן־אויס הונדערטער סאָלדאטן. זיי ווערן פשוט פאַרהונגערט צום טויט, ווערן דערשאָסן ביי אַרבעט. דער טיפוס, וואָס ברעכט־אויס אין לאַגער, שלעפּט אַרויס אומצייליקע קרבנות. הונגעריקע זעלנער עסן־אויף דאָס גראָז פון פעלד און פאלן פון דיזענטעריע. טאָג־טעגלעך קומען־אָן פרישע טראַנספּאָרטן געפאַנגענע און פאַרנעמען דאָס אָרט אין לאַגער, וואָס דער טויט האָט אויסגעליידיקט.

די יידן, וואָס זענען אליין אויף הפקר, ווערטלאָזע שקלאַפן, איבער וועלכע עס הענגט דאָס געפאַר פון אומקום — אָרגאַניזירן הילף פאר די געפאַנגענע. און נישט נאָר זיי זאַמלען וועש און ציגאַרעטן, נאָר זיי אָרגאַניזירן אויך אַן איבערפאַל אויפן לאַגער. פיל סאָוויעטישע געפאַנגענע אַנטלויפן אין די וועלדער און די יידן באַצאָלן א טייערן פּרייז פאר זייער מענטשלעכן, שטאָלצן טאַט.

צוזאַמען מיט די יידן פון דער ביאַליסטאָקער פּראָווינץ ווערן די זאַבלודאָוווער יידן פאַרטריבן אין א לאַגער. איצט לעבן זיי דאָס זעלבע לעבן, וואָס די, פאר וועלכע זיי האָבן נעכטן געקעמפט. אָנהייב 1943 ווערן אין טרעבלינקע פאַרברענט די רעשטלעך פון די זאַבלודאָוווער יידן, וועלכע זענען אין לאַגער נישט אויסגעשטאָרבן מיטן טויט פון שקלאַפן.

זאַבלודאָווע האָט איצט נישט מער דאָס אויסזעען פון א שטאָט. זאַבלודאָווע איז צוריק געגאַנגען צו דער טיפער פאַרגאַנגענהייט, ווען יידן האָבן אהערגעברענגט דעם ערשטן לעפל און געוויזן דעם פויער, ווי אזוי מען עסט נישט מיט די הענט...

זאַראַמב

אין געווען אין פוילן אַ שטעטעלע, אַ קליינס און אומבאַקאַנטס, פאַרוקט אין אַ ווינקל פון דער וועלט. דאָס גאַנצע שטעטל האָט פאַרמאָגט א דריי־פיר גאַסן און דער צענטער פון דער וועלט איז געווען דער מארק. דאָס שטעטל האָט אויסער דער קירך און דער יידישער מיל נישט פאַרמאָגט קיין געמויערטע הייזער. ווען י. ל. פרץ האָט געשילדערט דאָס קליינינקע שטעטעלע אין „מאָניש״ האָט ער זיכער נישט געוווסט, אַז דאָס מאָלט ער דאָס שטעטעלע זאַראַמב — „א שטעטעלע גרויס, ווי א געגעץ מיט הייזלעך ווי ניסלעך, פון שמות געצעלטן״. דאָ האָבן אפשר די ציגן נישט געביסן די דעכער פאַר הונגער, אָבער א טייל, א נישט־צעשיידבאַרע טייל פון שטעטל זענען די ציגן זיכער געווען.

אין זאַראַמב האָבן סך־הכל געלעבט עטלעכע הונדערט פאַמיליעס, וואָס די מערהייט זענען געווען צווישן זיך קרובים — די פרידמאַנס און די מיגדאַלס. דאָס גאַנצע שטעטל האָט געשטאַמט פון צוויי בשותפותדיקע זיידעס און באָבעס, און אפילו די מחלוקות אין שטעטל זענען געווען אויפן באָדן פון בשותפותדיקע ירושות. ווי קליין עס זאָל נישט האָבן געווען האָט זאַראַמב פאַרמאָגט אלע אַטריבוטן פון א גרויסער שטאָט: א שול, א ביבליאָטעק, אייגענע דיכטער און רעפערענטן; די קאַמפן צווישן „בונד״, „פועלי ציון״ און די קאָמוניסטן האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אמתע מלחמות, בעת וועלכע איין קוזין פלעגט פאַרוואַרפן דעם צווייטן „קליינבירגערלעכקייט פון אטא באוער׳ס חדר״ און דער צווייטער פלעגט ענטפערן, אַז די קאָמוניסטן פרעסן „גרינע עפל״, ווי אַן אַנדייט, אַז זיי פאַרסמען די מענטשהייט מיט אומצייטיקע רעוואָלוציעס.

קעגן דעם זאַראַמבער „ארבעטער־קלאַס״ זענען געשטאַנען די טאַטעס: גערער און אלעקסאנדער־חסידים. אין דעם היסטאָרישן וועלט־ספעקטאַקל האָבן די טאַטעס געשפילט די ראָל פון „רעאַקציע״ און „פאַרפוילטע קאַפּיטאַליסטן״, וואָס שטעלן זיך קעגן דעם פּראָגרעס פון די זאַראַמבער „רעוואָלוציאָנערע כוחות״. צום פּראָגרעס האָבן אין זאַראַמב געהערט אויך די דיסקוסיעס וועגן פרייע ליבע. און ווען א יונגערמאַן האָט אויס פרייע ליבע חתונה געהאַט כדת וכדין, האָט עס געהייסן, אַז ער איז אריבער צו דער רעאַקציע און געוואָרן א קליינבירגערלעך באַלעבעסל...

זאַראַמב האָט אויך פאַרמאָגט א קיסר. דער „קיסר״ איז נעבעך געווען א ייד, א מטופל מיט קינדער, א שוסטער, וואָס האָט אין 1905 „באַהערשט די רעוואָלוציאָנערע לאַגע״ אין שטעטל און מיט זיין פּראָקלאַמירן אַן אַלגעמיינעם שטרייק, אַנגעוואָרפן א שרעק אויף די שטעטלשע באַלעבאַטים. אפילו די צוויי צארישע

„סטראזשניקעס", וואָס האָבן דעמאָלט אין שטעטל פאַרטרעטן די צאַרישע מאַכט, האָבן זיך דערשראָקן פאַרן נייעם קיסר, און אים איינגעזעצט אין „קאָזע", דאָס הייסט: זיי האָבן אים פאַרשלאָסן ביי מיין פעטער אין קעמערל. אין אָוונט פלעגן די „סטראַזשניקעס" אויפשליסן דאָס קעמערל און אהיימשיקן דעם „קיסר" שלאָפן, וואָרום ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז א טאַטע פון קינדער זאָל נעבעך שלאָפן אליין אין א קעמערל און לאָזן דאָס ווייב א צעקלעמטע אין שטוב? די געשפּאַנטע רעוואָלוציאָנערע לאַגע אין זאראָמב האָט געדויערט ביז שבת, ווען מיין מומע באשע האָט אריינגערופן די „סטראזשניקעס" און זיי מכבד געווען מיט א פעטן טשאָלנט און א גלעזל אָקאָוויט. דער „קיסר" איז דעמאָלט אמנעסטירט געוואָרן, די רעוואָלוציע האָט זיך איינגעשטילט, אָבער דעם איינציקן שטרייקער אין זאַראָמב „איז פארבליבן דער נאָמען „קיסר", זיין ווייב — די „קיסרינע" און די קינדער — נאָסלעדניקעס"...

אפילו אין די לעצטע יאָרן פון פאָליטישער דיפערענציאציע, ווען די פּאַרטיי־קאַמפן האָבן אָנגענומען וועלט־צעשטערערישע פאָרמען, פלעגט זיך דער צעקריגטער „פראָלעטאַריאַט" אין זאראָמב פאראייניקן אין א בשותפותדיקן פראָנט נאָר דעמאָלט, ווען מען האָט געדאַרפט „אָפּטאָן א שפּיצל" א קלאַסן־שונא, דאָס הייסט א פעטער, א גערער חסיד. ווען דער שטאָט־גביר, לאַפּידוס, פלעגט פסח ביים אָנגיסן דעם כוס פאַר אליהו הנביא עפענען די טיר — פלעגט דער „פאַראייניקטער פּראָלעטאַריאַט" אריינשטופּן א ציג מיט א פּאַפּירענעם צילינדער צו לאַפּידוסן אין שטוב. די ציג האָט זיך דערשראָקן פאר דער ליכטיקער שטוב, פארן סדר־טיש און טוט א שפּרונג אהער און אהין, דרייט־איבער א שטול, כאַפּט דערווייל א שטיק כרפס פון טיש און מאַכט — א רעוואָלוציע. פאראייניקט פלעגט אויך זיין דער „פראָלעטארישער פראָנט" דעמאָלט, ווען א מיידל, וואָס האָט לאַנג דיסקוטירט וועגן פרייע ליבע, האָט פּלוצים געשריבן תנאים. ביים פרעגלען די לאַטקעס פלעגט דער „פאראייניקטער פּראָלעטאַריאַט" ארויפבאַקומען זיך אויפן דאַך און פארשטופּן דעם קוימען מיט א זאַק, כדי די כלה זאָל בלייבן מיט די געריבענע קאַרטאָפל און פארלירן דעם חן אין די אויגן פונעם חתן...

איינער פון די זאראָמבער פאַרביסנסטע רעוואָלוציאָנערן, א בחור, וואָס האָט נישט געהאַט קיין געדולד און אויפגעפאָדערט די רעוואָלוציע זאָל קומען תיכף ומיד, האָט אַמאָל איבערגעלאָזט ביי זיין רעאַקציאָנערן פעטער אַן אַקטן־טאַש. דער פעטער האָט געוואָלט זען, וואָס פאַרא ביכער זיין פּלעמעניק לייענט, פון וואָס פאַרא מאַטעריאַל ער ווערט אַזוי רעוואָלוציאָנער אָנגעגליט, האָט דער פעטער אַנטדעקט אינעם אַקטן־טאַש קיך־שטערצלעך איינגעוויקלט אין פּאַפּיר... דער רעוואָלוציאָנערער יונגערמאַן האָט דווקא געוואָלט גיין מיט אַן אַקטן־טאַש אין גאַס און דער פעטער האָט אים קאָמפּראָמיטירט. די „רעאַקציע" האָט אין זאראָמב אָפּגעהאַלטן א זיג.

טייל פון די עקסטרעמע רעוואָלוציאָנערן אין זאראָמב פלעגן עסן חזיר

נעבן קריסטלעכן בית־הקברות, כדי קיינער זאָל נישט זעען, אָבער שפּעטער פלעגן זיי אויסברעכן דער מאַמעס מילך...

איך בין אַמאָל געווען אַן עדות, ווי אַזוי די זאַראַמבער „אָפּאָזיציע" האָט „אַנגעלערנט" אַ היציקן קאָמוניסט, אַ באַלעגאָלעס אַ זון. ווען ער האָט פאַרטאָג איינגעשפּאַנט דעם וואָגן צו פאָרן קיין אָסטראָוו נאָך סחורה, האָט די „אָפּאָזיציע" אַזוי אים אויסגעשפּאַנט, אַז בעת ער האָט אַ שמיץ־געטאָן דאָס פערד, איז דאָס פערד אַליין אַוועק און ער איז געבליבן זיצן אויפן וואָגן... דאָס איז געווען אַ פּראַקטישער רמז, אַז מיט רעוואָלוציע דאַרף מען זיך נישט איילן. מען דאַרף זיך גוט אַרומקוקן צי אַלץ אַרום איז פאַרטיק צו דער רעוואָלוציע. און דער בעל דבר אַליין, דער באַלעגאָלע, האָט דערקלערט, אַז די „פּראָוואָקאַציע פון דער „אָפּאָזיציע" איז אַן איבעריקער באַווייז, מיט וואָס פאַר אַ געמיינע מיטלען עס גייט די קאָנטער־רעוואָלוציע און ווי וואַכזאַם עס דאַרף זיין דער פּראָלעטאַריאַט.

אָבער די פאַרמלחמהדיקע פּוילישע פּאָליציי האָט דעם זאַראַמבער „פּראָלעטאַריאַט" גאָרנישט גענומען אויף קאַטאָוועס. פון צייט צו צייט פלעגט אַראָפּקומען אין שטעטל אַן אָפּטיילונג פּאָליציי פון אָסטראָוו, כדי דורכפירן אַרעסטן. וואָרום אין די מערק־טעג אין שטעטל פלעגן אָפט פאַרשפּרייט ווערן אויפרופן קעגן דער רעגירונג און פאַר דער רעוואָלוציע. די פויערים האָבן געציטערט אימת מוות פאַר דעם וואָרט רעוואָלוציע און נאָך מער — די מאַכט.

אין די לעצטע יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט זאַראַמב אַרויסגעגעבן אַ שפּאָר ביסל ערנסטע בחורים און מיידלעך, וואָס אַ סך פון זיי האָבן אויסגעפילט די תפיסות, ווי פּאָליטישע אַרעסטאַנטן, אַנדערע האָבן עמיגרירט אין די אַמעריקאַנער לענדער, וווּ זיי פאַרנעמען בכבודיקע קולטור־פּאָזיציעס.

און באַשערט איז געווען דאָס קליינע שטעטעלע זאַראַמב זאָל פאָרן מבול ווערן פּאָפּולער, ווי זעלטן וועלכע שטאָט אין פּוילן. זאַרעמבי קאָשציעלנע, ווי דאָס הייסט אויף פּויליש, איז געוואָרן אַ שם־דבר.

בעת דער צעטיילונג פון פּוילן אין סעפּטעמבער 1939, איז זאַראַמב געוואָרן דער פאָרפּאָסטן פון דער סאָוויעטישער גרענעץ. זאַראַמב איז געוואָרן סאָוויעטיש, בעת דאָס שכנותדיקע מאַלקין איז געלעגן אין די הענט פון די דייטשן. דער פינף־קילאָמעטערדיקער שטח צווישן זאַראַמב און מאַלקין איז געווען „קיינעמסלאַנד" און איז געוואָרן אַ פינצטערער גיהנום פאַר די יידן, וואָס האָבן זיך געוואָלט ראַטעווען פון היטלעריזם.

אין שכנות פון מאַלקין געפינט זיך טרעבלינקע. פּאַלש וועט שרייבן געשיכטע דער, וואָס וועט דערציילן, אַז טרעבלינקע איז געשאַפן געוואָרן ערשט אין יאָר 1941. דאָס גיהנום אויף דער דאָזיקער ערד איז געשאַפן געוואָרן אין סעפּטעמבער 1939.

אָהער האָבן אָנגעהויבן שטראָמען יידן אַנטלאָפענע פון די דייטשע געביטן. אויפן וואָקזאַל אין מאַלקין זענען די יידן פאַרהאַלטן געוואָרן דורך די דייטשן. בעת

די רעוויזיעס, דער עיקר ביי פרויען, פלעגן זיך אויפן וואָקזאַל אָפּשפּילן די אימה־דיקסטע שאַנד־סצענעס. די מענער פלעגן גענומען ווערן צו באַליידיקנדיקע אָר־בעטן, ווי רוימען קלאָזעטן מיט די בלויזע הענט, שלעפּן שטיינער פון איין אָרט אויפן צווייטן, כדי די שפּעטערדיקע זאָלן די זעלבע שטיינער צוריקטראָגן אויפן זעלבן אָרט, ווו זיי זענען פריער געלעגן. אויפן וואָקזאַל זענען געווען פאַרזאַמלט מחנות פּוילישע כוליגאַנעס, וואָס האָבן געוואַרט אויף רויב. דער עיקר — פּוילישע פרויען, וועלכע האָבן דערלעבט די גליקלעכע צייט, „ווען היטלער וועט זיך נעמען צו די יידן".

די דייטשן פלעגן זיך דעמאָלט נוהג זיין, אַז די ווערטפולע זאַכן פלעגן זיי צוריבן פאַר זיך און דאָס איבעריקע אַוועקגעבן די פאַרזאַמלטע פּאַליאַקן. אָפּט פלעגט געשען, אַז קיין מאַלקין פלעגן יידן אָנקומען שוין באַרויבטע, וואָרום אויף די וועגן זענען געשטאַנען מחנות פּויערים — רויבער־באַנדעס, וועלכע פלעגן די יידן לאָזן אין איין העמד.

נאָכדעם, ווען די סאָוויעטן האָבן פאַרמאַכט די גרענעץ, פלעגן הונדערטער יידן געשלאָגענע און פאַרפּייניקטע דורך די דייטשן בלייבן אויף „קיינעמסלאַנד" אין די שוידערלעכסטע באַדינגונגען. צוריקגיין האָבן די יידן מורא געהאַט; פאַר־אויס — האָבן די סאָוויעטישע זעלנער נישט געלאָזט גיין. זענען די יידן געבליבן אין וואַלד אויסגעהונגערטע, צעבראָכענע, קיינעמסדיקע אויף קיינעמסלאַנד.

דעמאָלט האָבן די זאַרעמבער יידן אָרגאַניזירט רעטונגס־עקספּעדיציעס, כדי צו ברענגען די יידן קיין זאַרעמב. דאָס גאַנצע שטעטל ממש איז געוואָרן אַ רעטונגס־פּונקט. דורך היגטערוועגן זענען יידן געגאַנגען אין וואַלד אַריין ברענגען די פאַראומגליקלעכטע פּליטים, יידן מיט אָפּגעפרוירענע פיס, מיט אָפּגעפרוירענע נעז און אויערן און דער עיקר — יידן, וואָס זענען געווען פולשטענדיק פּסיכיש צעבראָכן פון דעם, וואָס אַלע כוחות פון דער וועלט האָבן זיך געווענדעט קעגן זיי און אונטערגעשניטן זייער קיום.

אין יענע טעג האָט זיך די זאַרעמבער יידן אויסגעדאַכט, אַז זיי האָבן אַ ספּעציעלן זכות ביים רבונו־של־עולם, וואָס דווקא ביי זייער טיר האָט זיין האַנט אָפּגעשטעלט דעם פאַראויסמאַרש פון די דייטשע חיילות און זיי אָפּגעראַטעוועט פון די אוממענטשלעכע נסיונות, וואָס עס שטייען־אויס די יידן אויף יענער־זייט גרענעץ.

יידן, וועלכע זענען אדורך דעם זאַרעמבער רעטונגס־פּונקט און שפּעטער געקומען קיין ביאַליסטאָק, האָבן דערציילט וואונדערלעכע העלדישקייטן פון די פּשוטע זאַראַמבער יידן. די וועלט האָט קיינמאָל נישט געהערט וועגן דעם פאַר־וואָרפענעם העק זאַראַמב און ערשט איצט אנטדעקט, אַז דאָ געפינט זיך עפּעס אַן אומבאַקאַנטער „שבט" פון יידן אין צייגענע, שטייפע קאַפּאָטעס, מיט פאַרסאַר־געטע שטיוול, מיט צעפלאָשעטע בערד און טיכענע היטלעך און אַז אונטער אָט דער אויסערלעכער אָפּגעלאָזנקייט קלאַפּן גרויסע מענטשלעכע הערצער, הערצער

פון מענטשלעכער ליבע, פון גוטסקייט, פון גרענעצלאָזע קרבנות־גרייטקייט.

אָבער אין דער תקופה פון שטאַלענע הערצער און נאַפט־בלוט, פאַרטראָגט נישט די וועלט קיין מענטשלעך האַרץ. עס איז נישטאָ קיין אָרט אויף דער וועלט פאַר אַזעלכע, וואָס חלשן, ווען זיי זעען מענטשלעך בלוט, וואָס ווערן צעקלעמט ווען זיי זעען מענטשלעכע עלנט.

דדם 21־טן יולי 1941, האָבן זיך די זאַראַמבער יידן געלייגט שלאָפן מיט רו און גלויבן, זיי האָבן נישט געאַנט, אז גאָט וועט זיי פאַרלאָזן. פאַרטאָג האָט זיי אויפגעוועקט אַ געריש פון טאַנקען און אַעראָפּלאַנען, שראַפּנעלן און באָמבעס האָבן צעריסן די ערד. דער תהום פון גיהנום האָט זיך געעפנט. ווען זיי האָבן מיט שרעק אַרויסגעקוקט דורך די לאָדנס — האָבן זיי דערזעען דעם האַנקנקרייץ אויפן מאַרק, וואָס איז שוין צעקוועטשט געווען פון שווערע דייטשע טאַנקען. צען מינוט נאָך דעם אויסברוך פון דער דייטש־רוסישער מלחמה איז זאַראַמב געווען אין קלעם פון דער עקלהאפטער שפין — דעם האַקנקרייץ.

דאָס איז געווען דער סוף פון זאַראַמב.

זיי האָבן אַ ביטערן טעות געהאַט די זאַראַמבער יידן. אויך זיי האָט גאָט פאַרלאָזט און זיי אויסגעליפערט צו די אָפּגרונטן פון האַס און וואַנזין. שוין דעם ערשטן טאָג פון דער דייטשער אָקופּאַציע האָבן די יידן באַקומען זייער שטראָף. זיי זענען געשטראָפט געוואָרן פאַר אַלץ: פאַר דעם, וואָס זיי האָבן געוווינט אויף דער גרענעץ, פאַר דעם, וואָס זיי האָבן געראַטעוועט יידן אויף קיינעמסלאנד, פאַר דעם, וואָס זיי זענען יידן און פאַר דעם, וואָס זיי האָבן געוואַגט צו לעבן. זיי האָבן געצאָלט אַזוי פיל, אַז זיי האָבן שוין קיין כוח נישט געהאַט צו הערן, פאַרוואָס אַלץ זיי ווערן באַשטראָפט.

די פּאָליאַקן אין שטעטל האָבן צוגעהאָלפן. זיי האָבן פאַרמסרט פאַר די דייטשן, אז די יידן האָבן אָנגעפירט מיט דער סאָוויעטישער מאַכט אין שטעטל, אז זיי, די יידן, זענען אלע געווען באָלשעוויקעס און אויפגעהאַנגען רויטע פענער אויף זייערע הייזער. דערפאַר האָבן די דייטשן דערלויבט די פּאָליאַקן צו רויבן ביי יידן.

וואָס איז געוואָרן מיט די זאַראַמבער יידן? צי זענען זיי אומגעקומען אין די גאַז־קאַמערן פון טרעבלינקע? צי זענען זיי אומגעקומען אין די ארבעטס־לאַגערן? ניין, זיי האָבן וועגן אָט די פאַרמען פון גיהנום נישט געוווסט. קומט מיט מיר, איך וועל אייך צופירן צום וועג, וואָס פירט פון זאַראַמב קיין אָסטראָוו. עטלעכע קילאָמעטער פון שטעטל, וועסטו האַרט ביים וועג זעען עטלעכע פאַרמלאָזע בערגלעך באַוואַקסן מיט פעטע גראָזן און ווילדע פעלד־בלימעלעך. טאָ זיי וויסן, ייד, אַז דאָ אונטער די בערגלעך ליגט אַ גאַנצע יידישע קהילה, די קהילה קדושה זאַראַמב.

און נאָך זאָלסטו וויסן, אַז אין די שווערסטע מינוטן פאַר די זאַראַמבער יידן זענען זייערע שכנים געווען צו זיי פונקט אַזוי אכזריות׳דיק ווי די דייטשן. זיי

האָבן געהאָלפן מאָרדן די יידן, געהאָלפן זיי אומברענגען. און אויב ס'האָט זיך צווישן די שכנים געפונען אַ צדיק, וואָס האָט במשך פון עטלעכע יאָר אויסבאַהאַלטן אַ יידישע טאָכטער — האָט מען זי געהרגעט אויפן מיטן מאַרק אַ טאָג נאָך דער באַפרייאונג פון זאַראָמב, ווען זי איז ארויס פון באַהעלטעניש.

און זאָלסט אין זאַראָמב נישט זוכן קיין יידיש הויז, און זאָלסט נישט זוכן קיין בית־עולם, קיין סימן פון דער שול — וועסט דאָס אַלץ נישט געפינען.

ווילד און פרעמד איז דער אַרום. דאָ וועט אַ יידישער פוס די ערד מער נישט באַטרעטן. דער פויער, וואָס פירט מיך אין שטעטל־אַריין דורכן שכנות'דיקן דאָרף האָט פאַר נייגעריקע פויערים אָנגעוויזן אויף מיר מיט דער בייטש: „איך פיר אַן ענגלענדער אין שטאָט־אַריין".

און דער „ענגלענדער", וואָס איז מיט אַלע זיינע רמ"ח אברים פאַרבונדן געווען מיט זאַראָמב, האָט געקוקט אויף דער חרובער שטאָט און אַפילו נישט געקאָנט אָפּגעפינען דאָס אָרט, וווּ עס זענען מיט יאָרן צוריק צו קבורה געקומען זיינע זיידעס.



די חרובע עלקישער שול.

(אויפגענומען דורכן מחבר)



יידן, וואָס זענען געהאָנגען געוואָרן פאַר אַריינשמוגלען אביסל קאַרטאָפל פאַר זייערע הונגעריקע קינדער.

אָסטראָוו

עס זענען פֿאַראַן שטעט אין פּוילן, וואָס זיי איז באַשערט געווען איבערצולעבן נישט נאָר זייער אייגענעם חורבן, נאָר אויך דעם חורבן פֿון גאַנצן פֿאָלק. איידער זיי אַליין זענען אומגעקומען האָבן זייערע אויגן צוגעזעען דעם אומגליק פֿון צענדליקער, פֿון הונדערטער טויזנטער ייִדן, צו אָט די שטעט געהער אָסטראָוו מאַזאָוויעצקי.

מיטן ערשטן ווילדן ווּוט זענען אַריין די דייטשן אַהער פֿון פּרייסן און רעפּעטירט אַ מוראדיקע שחיטה, ווי אַ פֿאָרשפּיל צו דעם, וואָס זיי האָבן געמאַכט מיט דער גאַנצער ייִדישער קהילה — שפּעטער־צו. נאָך אָט דער ערשטער שחיטה האָבן די דייטשן דערווייל געלאָזט די ייִדן לעבן אין שרעק. די יוגנט איז אַנטלאָפֿן. די יוגנט האט געפֿילט, אַז אין דער סביבה פֿון פֿאָליאַקן וועלן די ייִדן נישט אויסהאַלטן דעם פֿינצטערן טעראָר פֿון די דייטשן. און זי איז אַוועק איבער דער סאָוויעטישער גרענעץ זוכן אַ שוץ פֿאַר איר צעטרייסלט לעבן. אין אָסטראָוו זענען געבליבן כּמעט בלויז עלטערע ייִדן, און פֿרויען מיט קינדער. איז דאָס לעבן אָפּגעשטאָרבן. די שרעק האָט געשוועבט איבער די ייִדישע דעכער אָן איבעררייס. די ייִדן האָבן דאָ טייער באַצאָלט פֿאַר די עטלעכע טעג, וואָס די שטאָט האָט געהערט צו די רוסן. פֿאַר די עטלעכע טעג פֿון שמחה און מאַניפֿעסטאַציעס פֿאַר דער רויטער אַרמיי, פֿאַר דעם לויב, וואָס זיי זענען ניצול געוואָרן פֿון די דייטשע הינט, האָבן די אָסטראָווער ייִדן באַצאָלט אַ טייערן פּרייז.

אָסטראָוו איז געוואָרן דער קאָרידאָר, דורך וועלכן די דייטשן האָבן געטריבן מחנות פֿון הונדערטער טויזנטער ייִדן קיין מזרח־פּרייסן אויף אַרבעט. די אָסטראָווער ייִדן האָבן דורך די שפּאַרעס פֿון זייערע פֿאַרהאָנגענע פֿענצטער זיך צוגעקוקט ווי מען טרייבט דורך זייער שטעטל די ייִדן פֿון סאָקאָלאָוו און פֿון שעדלעץ, פֿון קאַלושין און פֿון מינסק. מחנות פֿאַרפּייניקטע, אויסגעהונגערטע און פֿאַרשטויבטע ייִדן אין די בלויזע קעפּ, מיט געשוואָלענע פּנימער און אונטערגעשלאָגענע אויגן פֿון די אומברחמנותדיקע קלעפּ, וואָס זיי האָבן באַקומען אויפֿן וועג. אויף די גאַסן פֿון אָסטראָוו, אויפֿן מאַרק, זענען פֿיל ייִדן געבליבן ליגן. זיי האָבן מער קיין כּוח נישט געהאַט ווייטער צו גיין און אויסגעהויכט די נשמה. די אָסטראָווער ייִדן האָבן געזעען דעם שקלאַפֿן־מאַרש פֿון אַ גאַנץ פֿאָלק, אַ מענער־פֿאָלק, וואָרום קיין פּרייסן האָבן די דייטשן געטריבן אַפֿילו פֿופֿציק־יעריקע און זעכציק־יעריקע ייִדן.

בין איך איצט געקומען אין דעם באַפֿרייטן אָסטראָוו. דער מאַרק מיט די ווייסע און גראָע מויערן איז געווען אויפֿגערוימט, ציכטיק און שטיל, ווי זונטיק אין אַ דאָרף, ווען דאָס פֿאָלק גייט אַוועק אין קירך אַריין. און געווען איז עס אין אַ

פּשוטן מיטוואָך, אַ וואָכעדיקער טאָג. אַמאָל האָט דאָ געהערשט אַן אייביקער יאַריד. אַפילו נישט אין אַ מאַרק־טאָג זענען זיך צוזאַמענגעפּאָרן פויערישע וועגענער. פויערים פלעגן קומען אין דער ביר־ברויעריי, צו דער מיל, צו אַ שוסטער נאָך אַ פּאָר שטיוול, צום שניידער נאָך אַ סערמינגע, נאָך אַ ראָד צום סטעלמאַך. אין די אָסטראָווער אייזנגעשעפטן האָבן געקלונגען די אייזערנע טעפּ, פויערים האָבן קאָסעס געפּרוווט אויף די שטיינער פאַר די קראָמען. עס איז געווען אַ שוישפּיל פון אַ צאַפּלדיק לעבן.

און זעט, וואָס ס'איז געוואָרן פון אַ שטאָט: פּוסט און אויסגעשטאָרבן. איר זעט די זעלבע קראָמען פון אַנומלט, די זעלבע אייזנקראָמען, די זעלבע נאַפט־קראָמען און בעקערייען, נאָר אַנשטאָט דעם שילד „פרידמאַן", זעט איר אַ טיפּיש פויערישן נאָמען; נעמען פון פויערים, וואָס אין קלאַנג פון זייערע נעמען זעט מען נאָך סימנים, אַז אַנומלט זענען זיי פּריציש שקלאַפן געווען. און היינט זענען זיי סוחרים. זייער חלום צו פאַרנעמען די יידישע פּאָזיציעס, דער אייביקער חלום פון די פּוילישע יידן־שונאים, איז היינט מקויים געוואָרן. איז — פאַרוואָס איז די שטאָט טויט? פאַרוואָס זעט מען איצט נישט די פויערישע וועגענער? פאַרוואָס זעט מען איצט נישט די פויערים זאָלן פּרוון די קאָסעס פאַר די קראָמען? פאַרוואָס קלינגען נישט די אייזערנע טעפּ?

איך בין צופעליק פאַרבייגעגאַנגען דעם בנין פון שטייער־אַמט. אויף דער גאַס איז געווען אויסגעשטעלט אַ לאַנגע ריי פון פויערישע וועגענער. די וועגענער אָנגעלאָדן מיט זעק תבואה. פרעג איך אַ פויער, צי היינט איז אַ מאַרק־טאָג. קוקט ער מיך אָן, ווי איך וואָלט אַראָפּגעפאַלן פון הימל. אַ מאַרק־טאָג? ניין, נישט קיין מאַרק־טאָג. דאָס ברענגען פויערים זעק מיט תבואה אינעם שטייער־אַמט. אַזוי צאָלט מען היינט שטייערן. בלויז אין תבואה. און די תבואה מוז מען ברענגען אַליין, גלייך אין שטייער־אַמט. דאָס איז ביטער. דאָס פאַרסמ'ט זיי דעם טעם פון גרויסן נצחון, וואָס זיי האָבן אָפּגעהאַלטן איבער די יידן. זיי האָבן צוגענומען די הייזער די קראָמען. אין זייערע שטיבער וועט איר געפונען יידישע מלבושים און יידישע מעבל. זיי, די פויערים האַנדלען היינט מיט וואַלוטע, מיט „האַרטע", וואָס מיינט גאָלד־שטיקלעך, און די פויערים אונטערשיידן צווישן די גאָלד־שטיקלעך: „חזרימלעך", „קעפּלעך", „פייגעלעך" און כל המינים אַנדערע פיגורן, וואָס געפינען זיך אויף די גאָלד־מטבעות און וואָס יעדע פון זיי פרייזט זיך לויט אַן אַנדער קורס. אָבער צו דער שטאָט קומט עס נישט. צוזאַמען מיט די יידן איז אָסטראָוו טויט, אַן אמתער ריין־געהאַלטענער בית־עולם, ווו די הייזער און די קראָמען זענען מצבות איבער די קברים פון אַ געוועזן לעבן. די פויערים־סוחרים שטייען אין די קראָמען ווי לעבעדיקע מתים.

זיי שטייען אין די קראָמען און וואַרטן ביז „פרילינג". זיי האָפן, אַז פרילינג וועט זיך דער איצטיקער סדר אין פּוילן ענדערן. און אַז דער סדר וועט זיך ענדערן,

האָפן זיי, וועט די שטאָט פון זיך אַליין א פלייץ־טאָן מיט לעבן, עס וועט זיין אזוי, ווי פריער מיט יידן, נאָר אָן יידן...

וואָרום ווען איר וועט זיך אינטים דורכשמועסן מיט אַן אָסטראָווער „סוחר" וועט ער אייך דערקלערן, אַז דאָס, וואָס אָסטראָוו איז טויט זענען אין דעם שולדיק די יידן, וואָס האָבן, לויט אים, איבערגענומען די מאַכט אין פוילן. זיי דערלאָזן נישט, הייסט עס, די שטאָט זאָל צוריקבאַקומען לעבן.

אויך דאָ, ווי אין אַנדערע שטעט, בין איך אַוועק צום פאָטאָגראַפיסט געוויר ווערן, צי ביי אים האָבן זיך נישט אויפגעהאַלטן יידישע בילדער פון דער אָקופּאַציע־צייט. אָבער איך טאָר נישט זאָגן, אַז איך זוך יידישע בילדער. פרעג איך אים אויף סתם בילדער פון דער אָקופּאַציע־צייט.

— פון וועלכער אָקופּאַציע מיינסטו? — פרעגט דער פאָטאָגראַפיסט און טוט א צווידייטיקן שמייכל.

— איך מיין פון דער דייטשער אָקופּאַציע — ענטפער איך אים ערנסט און מאַך זיך, אַז איך פאַרשטיי נישט זיין רמז.

און דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר גרויסע טיילן פּאָליאַקן, וועלכע באַטראַכטן אויך די איצטיקע מאַכט, ווי אַן אָקופּאַציע. זיי ציטערן אימת מוות, אַז ביי דער איצטיקער מאַכט קאָנען נאָך אַמאָל יידן צוריקקומען אין שטאָט אַריין און ווערן אַ כּוח. און אַז יידן וועלן צוריקקומען וועלן זיי זיכער פאָדערן זייערע הייזער, זייער מעבל, די געשעפטן — אַלץ.

זיי ציטערן, אַז פון זייערע אַנגערויבטע רייכטימער זאָל זיך אויסלאָזן אַ פינצטערער חלום.

פון די זיבן טויזנט אָסטראָווער יידן זענען בלויז צוליב דעם, וואָס די יוגנט איז אַנטלאָפן אין אַנהייב פון דער מלחמה, געבליבן זעקס הונדערט. די זעקס הונדערט יידן זענען אָרגאַניזירט אין אַ לאַנדסמאַנשאַפט. און דאָס זענען זעקס הונדערט יורשים, וואָס ביי געהעריקע באַדינגונגען וואָלטן זיי געקאָנט אָפּנעמען אַלץ, וואָס ס'איז צוגערויבט געוואָרן ביי זייערע אומגעקומענע קרובים. פאַר דעם כוח האָבן די פּאָליאַקן מורא. פון דאַנען נעמט זיך זייער ווילדע שנאה, וואָס בלויז ביים דערמאָנען דאָס וואָרט „ייד" קריגן זיי פיבער.

וועט היינט נישט וואָגן אַ ייד צו פאָרן אַהער, ער וועט אפשר קומען אַהער אַ לעבעדיקער, ס'איז אָבער אַ ספק, צי ער וועט א לעבעדיקער פונדאַנען אַרויספאָרן.

אַרום אָסטראָוו געפינען זיך צענדליקער מאַסן־קבֿרים פון יידן, וואָס קיינער פאַרנעמט זיך נישט מיט זיי. אויפן צעשטערטן בית־עולם געפינען זיך צעטרעטענע מאַסן־קבֿרים פון יידן, וועלכע זענען דערשאָסן געוואָרן בעת דער „אויסזידלונג". די איבעריקע יידן מיט זייערע ווייבער און קינדער און זקנים האָבן געפונען זייער טויט אין די גאַז־קאַמערן פון טרעבלינקע.

לאָמזשע

לאָמזשע האָט געהערט צו די חשובסטע יידישע שטעט אין פוילן. א גובער־ניאַלע שטאָט — איז לאָמזשע געווען דער מוסטער פון קולטור און פאָרגעשריטנ־קייט פאַר די צענדליקער אַרומיקע שטעטלעך פון ביידע זייטן נאַרעוו. דאָ האָט געלעבט אַן אַלטע יידישע אַריסטאָקראַטיע פון באַנקירן און גרויסע מיליטער־צושטעלער, פּאַדריאַטשיקעס בלע״ז. לאָמזשע איז אויפגעקומען אַ דאַנק די גרויסע אַרמייען, וואָס זענען תמיד געשטאַנען אין שכנותדיקן זאַמבראָוו, און די גרויסע מסחרים מיט מזרח־פּרייסן.

ס׳איז געווען א שטאָט פון לומדות און אָרנטלעכע יידן, און די לאָמזשער ישיבה האָט מיט איר שם דערגרייכט ווייט איבער די גרענעצן פון דער גובערניע. אין די לעצטע צוויי צענדליק יאָר איז די שטאָט צוריקגעשטאַנען צוליב דער אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק פון אַלע פּוילישע רעגירונגען און צוליב דעם, וואָס מ׳האָט ביי איר צוגענומען די גובערניאַלע גדולה און זי איז געוואָרן אַ פּשוטע פּראָווינץ־שטאָט.

דאָך קולטורעל איז קיינמאָל די שטאָט נישט געשטאַנען אזוי הויך, ווי דווקא אין די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר, ווען דאָס פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע יידישע לעבן אין פוילן איז אַרויף אויף בייע, וועלטלעכע דרכים.

זייט־ביי־זייט פון פרומקייט און לומדות איז אויסגעוואַקסן אַ גרויסע ערנסטע יידישע אינטעליגענץ, וואָס האָט אין די צייטן פון העפטיקער עמיגראַציע באַקרעפּ־טיקט פיל יידישע ישובים מיט שרייבער, דיכטער און לערער.

אַנטקעגן דעם יידישן קולטור־אויפשטייג איז די פוילישע קולטור דאָ געווען אָפּגעשטאַנען און פאַרעלטערט, וואָס האָט אַרויסגערופן קנאה און פאַרפאָלגונגען מצד דער פוילישער מאַכט, וואָס האָט אין יידישן שוווּנג געזעען פאַר זיך אַ גרויס געפאַר.

לאָמזשער יידן וועלן אייך דערציילן מיט וואָס פאַראַ פיין און מאַטערניש עס איז אויסגעקומען דאָ צו קעמפן פאַרן לעבן פון א יידישער שול, פאַר אַ יידישער ביבליאָטעק, ווו אומעטום האָט די מאַכט געזוכט מלוכה־צעשטערערישע אַספּיראַ־ציעס און אויסגעפילט די אַרטיקע תפיסה מיט יידישער יוגנט.

לאָמזשע איז פון תמיד־אָן געווען אַ באַסטיאָן פון לינקע ציוניסטישע פּאַר־טייען, וועלכע האָבן אין נאַציאָנאַלער גאולה און אין סאָציאַלער באַפרייאונג גע־זוכט דעם סינטעז פאַר זייער לעבן. צו ענג איז געווען די שטאָט פאַר דער גייסטיק רייכער יוגנט, צו אָרעם אין ביבליאָטעקן. פון די ישיבות־אַרויס האָבן זיי זיך גע־

ריסן צו די אוניווערזיטעטן, צו די אַקאַדעמיעס און צו דער גרויסער וועלט, וואָס אַלץ צוזאַמען איז געשטאַנען פאַר זיי פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער.

לאָמזשע איז געווען א יידישע דורות־אַלטע שטאָט, ווו יידן האָבן געהאַט דאָס פולע באַוווסטזיין, אַז זיי זענען געווען די בויער פון דער שטאָט און די שעפער פונעם לעבן אין דער שטאָט, אומעטום האָט מען זיך אָנגעשטויסן אויף יידישער אַרבעט, אויף יידישן שטייגער. שולן און בתי־מדרשים, קלויזן און שטיבלעך, ביבליאָטעקן און פאַראיינען, פאַרטיי־לאָקאַלן און צדקה־אינסטיטוציעס. לאָמזשע האָט געאָטעמט מיט אייביקייט און יידישער וויטאַליטעט. אין דעם מינדסטן געסל אַפילו האָט מען געזען די טיפע וואָרצלען פונעם יידישן לעבן. אינעם לאָמזשער יידישן לשון האָט מען געפילט די געזונטקייט פון די אָרטיקע יידן. ווען אַ ייד אין אַסטראָוו, אָדער אין אָסטראָלענקע האָט געזאָגט, אַז ער קלייבט זיך קיין לאָמזשע, איז עס געווען, ווי ער וואָלט זיך געקליבן ערגעץ אין א ריזיקן כרך, ווו מען טובל׳ט זיך אין סאַמע יידישקייט. ווען אַ פאָטער אין זאַראַמב, צי אין זאַמבראָוו, פלעגט שיקן זיין זון אין דער לאָמזשער ישיבה, האָט ער זיך געפילט, ווי ער וואָלט זיין קינד קיין ירושלים געשיקט.

איך בין איצט געקומען קיין לאָמזשע אַ וואָך צייט נאָך דעם, ווי אָרטיקע כוליגאַנעס האָבן געהרגעט צוויי פוילישע הויכע מלוכה־באַאַמטע, וואָס זענען געקומען פון וואַרשע אויף אינספעקציע. האָב איך נישט געוווסט, צי די שטאָט איז פוסט ווייל די כוליגאַנעס זענען זיך צעלאָפן פאַר שרעק, אָדער ווייל לאָמזשע איז אַ שוואַך־באַוווינטע שטאָט. גיכער איז עס געווען די צווייטע סיבה. לאָמזשע איז אַזוי פוסט, אַז ווען מען זאָל עמעצן הרגענען אויף איין גאַס איז מעגלעך, אַז אויף דער נאָענטסטער גאַס זאָל מען וועגן דעם נישט וויסן. די גאַסן זענען ציכטיק, די גראָז־בייטן — פריש, ווייל די באַוועגונג איז אַ נישטיקע. נישטאָ וועמען עס זאָל שמוצן. און נישטאָ וועמען עס זאָל די שטאָט אַ טראָג־טאָן מיט אימפעט און אָנפילן די גאַסן מיט לעבן. ס׳איז איצט אַ קליינע פּראָווינץ־שטאָט, וואָס האָט פאַרלוירן יעדן כאַראַקטער.

אויפן גרונד פון דעם, וואָס מען זעט איצט אין לאָמזשע וואָלט מען, למשל, נישט געקענט וויסן וואָס פאַר אַן אָרדענונג עס הערשט איצט אין פוילן. איך האָב אָפּגעשטאַט אַ וויזיט אין דעם אָרטיקן קאָשציאָל. צווישן די פיל מתפללים אין אַ פשוטן טאָג זענען געווען אַ סך יוגנטלעכע. כמעט די גאַנצע באַפעלקערונג איז דאָ אויסגעשפּראָכן רעאַקציאָנער. די געשעפטן, וואָס זיי האָבן געירשנט פון יידן, זענען זייער פּריוואַט אייגנטום. לויט די סימנים איז די אָרדענונג דאָ אַ בורזשואַזע. אָבער לויט די סימנים פון דער אימה׳דיקער שטילקייט אין שטאָט זעט אויס, ווי די איינוווינער וואָלטן געלעבט אויף אַ בית־עולם, ווו זיי האָבן באַגראָבן אַלע מתים און זיי האָבן נישט מער וואָס צו טאָן. דאָך מיט אַ וואָך פריער, ווען עס זענען געקומען אַהער צוויי הויכע מלוכה־באַאַמטע, האָט מען זיי אין גאַס דערשאָסן. איז וואָס פאַראַ אָרדענונג, וואָס פאַראַ סאָציאַלער סדר הערשט אין לאָמזשע?

אין שכנות פון לאָמזשע ליגן די ריזיקע וועלדער טשערוואָני בור. אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע האָבן זיך אין טשערוואָני בור אויפגעהאַלטן באַוואָפנטע פּוילישע פּאַרטיזאַנען־גרופּן, וואָס זייער אויפגאַבע איז געווען פּשוט מאָרדן יידן, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון די אַרומיקע שטעטלעך, בעת דאָרט האָבן די פּאָליאַקן אַדורכגעפירט פּאָגראָמען באַלד ווי די דייטשן זענען אַריין.

ווען די לאָמזשער יידן זענען פאַרטריבן געוואָרן אין געטאָ, האָבן זיי געהאַט דאָס פאַרגעפיל, אַז זיי זענען פאַרמשפּט צום אונטערגאַנג. זיי זענען געווען פאַרלאָזן פון מענטש און וועלט. אין געטאָ איז איבער זייערע קעפּ געהאַנגען די דייטשע שווערד, אויסערן געטאָ האָבן געלויערט אויף זיי די באַוואָפנטע פּוילישע באַנדעס. בעת די דייטשן זענען אַריין האָבן קליינע פּוילישע יינגלעך אַרומגעפירט זיי וויזן ווו עס באַהאַלטן זיך יידן און צענדליקער יידן זענען אויף אַזאַ אופן דערשאָסן געוואָרן.

איבער די יידן אין געטאָ האָט דירעקט געהערשט דער פּרעזעס פון יודנראַט, מושינסקי, אַ דייטשער ייד, וואָס האָט זיך איזדעקעוועט איבער זיינע שקלאַפן. עס איז אַפילו געשען, אַז די געסטאַפּאָ האָט אים אויפגעפאָדערט, אַז ער זאָל באַשטעלן ביי יידישע באַלמעלאָכעס נאַהייקעס פון געפלאָכטענע קאָבעלס און אין קעגנוואַרט פון פּאָליאַקן האָט מען עפנטלעך געשמיסן יידן.

הגם אַ גרויסער טייל פון דער יידישער יוגנט איז פון אָנהויב מלחמה אַנטלאָפן אויף דער סאָוויעטישער זייט, דאָך האָבן פאַרשידענע פּאַרטייאישע גרופּן אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אַ ווידערשטאַנדס־באַוועגונג. אָבער די יידן זענען געווען אַליין. אין געטאָ האָט אַפילו נישט געקענט זיין קיין רייד וועגן וועלכן עס איז קאָנטאַקט מיט דער פּוילישער אונטערערדישער מיליטערישער באַוועגונג פון די אַזוי־גערופענע אַ. ק.*) אויך צווישן יידן גופא האָבן זיך געפונען אויסוורפן, וואָס האָבן יעדן סימן פון ווידערשטאַנד צעבראָכן און געמסר׳ט.

דעם 12־טן נאָוועמבער 1942 האָט דער יודנראַט באַקומען אַ באַפעל אָפּצונעמען ביי די יידישע באַלמעלאָכעס אַלע באַשטעלונגען און זיי איבערגעבן דער געסטאַפּאָ. די יידן האָבן געוווסט וואָס דאָס מיינט. זיי האָבן שוין געהאַט געהערט וועגן יידן אין אַנדערע שטעט, וואָס מען שיקט „אויף מזרח־אויף אַרבעט" און אַז „מזרח" מיינט טרעבלינקע און מיידאַנעק. יידן האָבן זיך אָנגעהויבן ראַטעווען, אַנטלויפן, כאָטש זיי האָבן געוווסט, אַז אומעטום לויערט אויף זיי דער טויט. אָבער די שטאָט איז שוין דעמאָלט געווען אַרומגעשטעלט מיט אוקראַינער און פּוילישע פּאָליציי און די אַנטלאָפענע זענען געפאַלן אויף די וועגן. יענעם טאָג איז די גאַנצע לאָמזשער עדה אָוועקגעטריבן געוואָרן אין די קאַזאַרמעס קיין זאַמבראָווע, ווו ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דאָס קאַפּיטל פון זייער אומקום.

דריי חדשים זענען די לאָמזשער יידן פאַרשפּאַרט געווען אין זאַמבראָווער

---

*) „אַרמיאַ קראַיאָווע".

לאַגער, דריי חדשים פון מורא׳דיקן הונגער און שפלות. יעדע פאַרשטעלונג פון גיהנום איז אָרעם קעגן דעם, וואָס די לאָמזשער יידן זענען אויסגעשטאַנען אין דעם לאַגער. בעת ס׳איז אויסגעבראָכן אַ טיפוס־עפּידעמיע האָבן יידן אויסבאַהאַלטן זייערע קראַנקע און די עפּידעמיע האָט זיך צעפלאַקערט. הונדערטער זענען אויס־געשטאָרבן, געפאַלן ביי דער אַרבעט. בעת דער אַרבעט פלעגן טיפוס־קראַנקע באַקומען שגעון־אָנפאַלן צוליב הויכן פיבער און די אוקראַינער פלעגן די קראַנקע צעשיסן אין די אויגן פון זייערע באַענטסטע.

דעם 15־טן יאַנואַר 1943 האָט מען די רעשטלעך לעבנגעבליבענע געטריבן קיין טשיזשעוו און פונדאַנען זיי טראַנספּאָרטירט אין די גאַז־קאַמערן פון בירקענאַו (אָשוויענטשים).

איז איצט שטיל אין לאָמזשע, עס איז שטיל אין די געוועזענע יידישע געסלעך, ווי נישט אַ שטאָט, נאָר ווי אַ בית־עולם וואָלט געווען דער אַמאָליקער גרויסער יידישער צענטער.

מינסק, קאַלושין

נעבן דעם נאָמען פּשיטיק, איז מינסק, ביי וואַרשע, געוואָרן דער סינאָנים פון די פּוילישע פּאָגראָמען האַרט פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה. דאָ האָט אַ בלאָז־געטאָן דער היטלערישער ווינט נאָך איידער עס איז געקומען דער אייגנטלעכער שטורעם. די מינסקער פּאָליאַקן האָבן געמאַכט די רעפּעטיציע פון דעם בלוטיקן ספּעקטאַקל, וואָס האָט זיך שפּעטער דאָ אָפּגעשפּילט.

פינף טויזנט און פינף הונדערט יידן האָבן דאָ געלעבט און געאַרבעט. ס'איז געווען אַ קליינע שטאָט, אָבער אַן אַרבעטסזאַמע און באַוועגלעכע, ווי זי וואָלט געוואָלט אָניאָגן דעם טעמפּ פון וואַרשע, פון וועלכער זי איז געווען דערווייטערט בלויז אויף אַ דריי צענדליק קילאָמעטער.

די מינסקער יידן האָבן שוין געהאַט אַ חזקה אויף לויפן. און נישט נאָר צוליב דעם, ווייל די שטאָט האָט זיך געפונען נישט ווייט פון וואַרשע, נאָר דערפאַר, ווייל די יידן האָבן דאָ אָפט איבערגעלעבט פּאָגראָם־שטימונגען. אַפילו בעת דער אַנטשטייאונג פונעם נייעם פּוילן אין יאָר 1918, האָבן די אָרטיקע פּאָליאַקן געפּרווט מאַכן אַ פּאָגראָם און יידן האָבן געפּאַקט די פּעקלעך צו אַנטלויפן קיין וואַרשע. אין יאָר 1920, בעת דער פּויליש־סאָוויעטישער מלחמה, האָט דאָס פּוילישע מיליטער דאָ געמאַכט אַ פּאָגראָם און יידן זענען ווידער געלאָפן. איך געדענק נאָך ווי די מינסקער פּליטים זענען מיט זעקלעך אויף די פּלייצעס געלאָפן איבער די וועגן צום טייך בוג, וווּ פיל זענען שפּעטער אומגעקומען בעת פּאָליאַקן האָבן אויפגעריסן די בריק ביי סעמיאַטיטש, גראָד דעמאָלט ווען הונדערטער פּליטים האָבן זיך געפונען אויף דער בריק. צוריק האָט מען געפירט טויטע יידן, וואָס די וואַסערן פון דעם בוג האָבן אַרויסגעוואָרפן. אויך אין אָנהויב פון דער לעצטער מלחמה זענען מינסקער יידן געלאָפן בעת די דייטשן זענען אַריין אין שטעטל און אָנגעהויבן שעכטן יידן.

מער זענען די מינסקער יידן נישט געלאָפן. פאַרקערט, שפּעטער־צו, ווען איבער די שטעט און שטעטלעך פון פּוילן האָט זיך אָנגעהויבן טראָגן די היטלערישע שריפה, זענען פיל יידן פון אַנדערע שטעט געלאָפן אַהער, קיין מינסק. ווי פאַרפּאָלגטע חיות בעת דער וואַלד ווערט ארומגעשטעלט מיט יעגער, זענען יידן געלאָפן. זיי האָבן אַליין נישט געוווסט, ווו זיי וועלן אויסמיידן דעם טויט, ווו זיי וועלן זיין אויסערן געפאַר. אַהער זענען געקומען יידן, אחוץ פון די ארומיקע שטעטלעך, אויך פון גאַרוואָלין און פון שעדלעץ, פון פּאַביאַניץ און פון לאָדזש, פון קאַליש און פון סאָקאָלאָוו, פון ליפּנע און פון וואַרשע אַפילו, ווייל יידן האָבן געוואָלט גלויבן, אַז אין די קלענערע שטעטלעך וועט דאָס פייער זיין קלענער.

ווען די דייטשן האָבן אַריינגעטריבן די יידן אין געטאָ, האָבן זיך אין מינסק געפונען נישט ווייניקער ווי אַכט טויזנט יידן, כמעט נאָך אַמאָל אזויפיל וויפיל מינסקער יידן, ווייל אַ סך פון דער היגער יוגנט איז פריער אַנטלאָפן אויף דער סאָוויעטישער זייט.

אַ פינצטער און ביטער לעבן האָט זיך אָוועקגעשטעלט אין געטאָ. די ענגשאַפט אין די הייזער איז געווען אַזאַ גרויסע, אַז מענטשן האָבן ביינאַכט נישט געקענט שלאָפן אין די דירות. אין מינסקער געטאָ האָט געהערשט אַ שוידערלעכער הונגער. עס האָט מיר דערציילט אַ פּאָליאַק אין מינסק, אַז יידן, וועלכע מען פלעגט אַרויספירן צו דער אַרבעט פון געטאָ, פלעגן צאָלן מיט גאָלד־שטיקלעך פאַר אַ לעבל ברויט, און זיי, די פּאָליאַקן, זענען געווען אַזוי גרויסמוטיק, אַז זיי פלעגן ליפערן די יידן לעבנסמיטל נישט בלויז פאַר גאָלד, נאָר אַפילו פאַר מלבושים און וועש.

ווען אין מינסקער געטאָ איז אָנגעקומען די ידיעה וועגן דער „אויסזידלונג" פון די וואַרשעווער יידן, האָבן זיי דערפילט, אַז די סכנה דערנענטערט זיך אויך צו זיי. פיל יידן זענען דעמאָלט אַנטלאָפן פון געטאָ, זיי האָבן זיך אָבער שנעל צוריקגעקערט, ווייל זיי האָבן פשוט נישט געהאַט וווּ צו לויפן.

אויסער דער שרעקלעכער יידן־שנאה פון די פּאָליאַקן, האָט זיך נישט ווייט פון מינסק געפונען אַן אַלטע דייטשע קאָלאָניע. אין די אַרומיקע וועלדער האָבן זיך אויפגעהאַלטן גרויסע גרופּן פון דער יידן־מערדערישער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ", וואָס פלעגן יעדן געפאַנגענעם ייד דערשיסן אויפן אָרט. זענען יידן צוריקגעקומען אין געטאָ, כדי זיך צו פאַרלאָזן אויף גאָטס באַראָט. אָבער גאָט האָט די מינסקער יידן פולשטענדיק פאַרלאָזט. זיי האָבן פאַרלוירן יעדע האָפענונג. צופיל שונאים זענען געווען אַרום זיי און קיין שום הילף איז נישט געווען, פון ערגעץ נישט.

דעם 21־טן אויגוסט 1942 האָבן די מינסקער יידן געהאַט קעגן זיך אויסער דער אַרומיקער פאַרסמ'טער פוילישער באַפעלקערונג צוזאַמען מיט דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ", אויך דייטשן, לעטן, אוקראַינער און ליטווינער. אַט די אַלע באַוואָפנטע כוחות האָבן זיך אַ וואָרף־געטאָן אויף די אַכט טויזנט אויסגעמאַטערטע און אויסגעפייניקטע יידן.

אין דעם דערמאָנטן טאָג, באַגינען, האָט זיך אָנגעהויבן אַ שיסעריי אין געטאָ. דאָס איז געווען די „באַגלייט־מוזיק" פון דער פאַרניכטונג. איבער די יידישע הייזער זענען אַרומגעלאָפן די לעטן, ליטווינער און אוקראַינער און געטריבן קינד און קייט צום מאַרק. די, וועלכע זיי האָבן באַגעגנט אין די בעטן, אָדער געפונען אין באַהעלטענישן, זענען אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן. די קינדער אין די וויגעלעך האָבן זיי פשוט דערשלאָגן מיט די ביקסן־קאָלבעס. די מוטערס, וואָס האָבן מיט זייערע גופים פאַרשטעלט די וויגעלעך, זענען געטויט געוואָרן צוזאַמען מיט די קינדער. די געטאָ־גאַסן זענען רויט־געווען פון יידיש בלוט. יידן זענען

אַרומגעלאָפן ווי אין שגעון־אַנפאַל און זיי זענען געפאַלן אין גאַס אונטער די קלעפּ פון די ביקסן־קאָלבעס.

ניין אַזייגער אינדערפרי זענען שוין אַלע לעבנגעבליבענע געווען פאַרזאַמלט אויפן מאַרק. עס פאַלט אַ באַפעל: זיך זעצן אויף דער ערד! און טויזנטער יידן בלייבן זיצן אויף די שטיינער. דער וואָס ענדערט די פּאָזיציע, צי ווען ער לייגט זיך אָדער פּרוּווט זיך אויפשטעלן, ווערט דערשאָסן אויפן אָרט. אין דעם חמימה׳דיקן טאָג, אונטער אַ גליענדיקער זון האָבן קינדער און פרויען געוויינט נאָך אַ ביסל וואַסער. דעמאָלט פלעגן די אויסוואורפן ברענגען עמערס וואַסער און זיי וואַרפן איבער די קעפּ פון די זיצנדיקע יידן, וואָס האָבן נישט געטאָרט ענדערן די פּאָזיציע און די עמערס פלעגן אַראָפּפאַלן אויף די מענטשן לייזיקע...

אַזוי זענען די יידן געזעסן ביז פאַרנאַכט, ווען זיי זענען אין געלויף געטריבן געוואָרן צו דער באַן. דער וואָס האָט נישט געקענט לויפן — אַלטע, קראַנקע און פאַרחלש׳טע — איז דערשאָסן געוואָרן. פון די אַכט טויזנט יידן זענען יענעם טאָג געפאַלן טויזנט צוויי הונדערט. זעקס טויזנט דריי הונדערט האָט מען אַנגעלאָדן אין וואַגאָנעס אויסגעשיט מיט נישט־געלאָשענעם קאַלך און אָפּגעשיקט איבער וואַרשע קיין טרעבלינקע.

אין שטאָט זענען איבערגעבליבן, אויסער דעם יודנראַט, זעקס הונדערט און פופציק שקלאַפן. אויף זיי איז אויסגעפאַלן דער גורל מקבר צו זיין די געפאַלענע בעת דער „אַקציע״, מקבר צו זיין זייערע אַלטע טאַטעס און מאַמעס און אַפילו קינדערלעך, פיל אייגענע שוועסטער, וואָס זענען דערשאָסן געוואָרן אין די וויגלען. מיט דער הילף פון אָט די פאַרמשפּ׳טע שקלאַפן האָבן די דייטשן צונויפגעזאַמלט דעם רויב פון די פאַרלאָזענע יידישע היימען. די זעקס הונדערט און פופציק שקלאַפן זענען אַריינגעטריבן געוואָרן אין צוויי לאַגערס, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן איינער אין רודזקיס פאַבריק אויף דער פּילסודסקי־גאַס און דער צווייטער — אין פאָלקסשול אויף סיעניצקי־גאַס נומער 39.

סך־הכל אַ טאָג שפּעטער נאָך דער אויסזידלונג, האָט די געסטאַפּאָ גערופן דעם יודנראַט און אים אויפגעקלערט, אַז פון איצט־אָן איז די אינסטיטוציע שוין מער נישט נויטיק. די יודנראַטלער האָבן זייער אַרבעט אָפּגעטאָן און איצט קענען די יידן שוין גיין. ווען די יידן פון יודנראַט זענען אַרויס, זענען זיי אַרומגערינגלט געוואָרן דורך די „שוואַרצע העמדלעך״ פון דער „זאָנדערקאָמאַנדאָ״ און אויפן זעלבן הויף, אויף דער וואַרשעווער גאַס נומער 35, זענען זיי אַלע דערשאָסן געוואָרן. צווישן די דערשאָסענע, וועלכע האָבן געגלויבט, אַז מיט זייער דינען די דייטשן וועלן זיי אַליין געראַטעוועט ווערן, האָבן זיך געפונען דער פאַרזיצער פון יודנראַט משה קראַמאַזש, זיין פאַרטרעטער מאיר בריקס, און די מיטגלידער חיל מאָרגנשטערן, משה וויינבערג, יעקב פּאַפּאָווסקי, יוסף שטאָטמאַן און אַנדערע. אויך זיי זענען באַגראָבן געוואָרן אויפן דאָרטיקן יידישן בית־עולם דורך די פאַרבליבענע יידן אין די צוויי לאַגערן.

די לאַגער־יידן האָבן געוווּסט, אַז אויב מ׳האָט דערשאָסן דעם יודנראַט וועלן אויך זיי אומקומען. די דייטשן וועלן קיין שום ייד נישט שוינען. זיי ווילן בלויז ווי זויגוועדעם אַרויסציען די כוחות און שפּעטער וועלן זיי די „לעסטיקע יידן" דערשיסן, אָדער זיי שיקן אין טרעבלינקער גיהנום. די יידן האַלטן־אָפּ באַראַטונגען וועגן אַנטלויפן. טייל זענען קעגן דעם, ווייל אויב עמיצער וועט אַנטלויפן וועט עס קאָסטן דאָס לעבן פון אַלע. דאָך אַנטלויפן אייניקע, אָבער זייערע גופים געפינט מען שפּעטער אויף די וועגן, אין וואַלד.

דער באַאַמטער אין מינסקער מאַגיסטראַט, וואָס גיט מיר די פּרטים פון דער „אַקציע", דערציילט מיר בלויז וועגן דער אכזריות פון די לעטן און ליטווינער. לויט זיינע רייד, זענען זיי געווען פיל אכזריות׳דיקער פון די דייטשן. די דייטשן האָבן געמאָרדעט ווי טעמפּע ראָבאָטן, ווי אויסוווּרפן, וואָס מאָרדן געהער צו זייער פאַך; די לעטן און ליטווינער האָבן נישט בלויז געטויט, נישט שטענדיק זייער קרבן תיכף דערשאָסן, נאָר געקוויקט זיך מיטן פּיין פון די יידן. סאַדיסטיש איזדעקעוועט זיך איבער זייערע קרבנות און אָפטמאָל נישט דערשלאָגן ביז צום טויט. אָבער דער זעלבער באַאַמטער האָט מיט קיין איין וואָרט נישט דערמאָנט, וואָס פּאָליאַקן האָבן געטאָן מיט די יידן, וועלכע ס׳איז געלונגען צו אַנטלויפן פון דער שטאָט בעת דער „אַקציע" און שפּעטער — מיט די אַנטלאָפענע פון די לאַגערן. וועגן זייער ראָל שווייגט דער באַאַמטער פון מינסקער מאַגיסטראַט, ווי עס שווייגן אַלע פּאָליאַקן.

דעם 24־טן דעצעמבער 1942 האָבן די דייטשן אַרויסגעפירט אויפן דאָרטיקן בית־עולם 218 יידן פון לאַגער אויף דער סיענניצקי־גאַס און זיי דערשאָסן. די איבעריקע פון דעם לאַגער האָבן זיי אומגעבראַכט דעם 10־טן יאַנואַר 1943. די שקלאַפן פון רודזקעס פאַבריק האָבן נאָך געלעבט ביז אין דער העלפט פון יאָר 1943, ווען דער דירעקטאָר פון דער פאַבריק האָט דערקלערט, אַז די יידן זענען מער נישט אַרבעטספעאיק. דעם 5־טן יוני 1943 האָבן זיי די דייטשן אַרויסגעפירט און דערשאָסן.

איצט וועט איר אין גאַנץ פּוילן אַנציילן נישט מער ווי הונדערט מינסקער יידן. אָבער מיינט נישט, אַז אָט די הונדערט האָבן זיך געראַטעוועט פון געטאָ און פון די לאַגערן. פון די יידן האָבן זיך געראַטעוועט בלויז אייניצלנע. די איבעריקע זענען צוריקגעקומענע פון רוסלאַנד, וואָס זענען געהאַט אַנטלאָפן אויף דער סאָוויעטישער זייט אַנהייב מלחמה.

אַלץ, וואָס האָט אין מינסק געהאַט אַ צייכן פון יידישקייט און פון יידישער קולטור איז צעשטערט. און צעשטערט אַזוי, אַז ווען אַ מינסקער ייד זאָל אַמאָל וועלן קומען אַהער אויף קבר־אבות זאָל ער נישט האָבן צו וואָס צו קומען, ווייל ער וועט גאָרנישט געפינען.

געוויס דאָס זעלבע בילד זעט מען אין קאַלושין, אָבער דאָ איז נישט בלויז דער בית־עולם און די שול צעשטערט, נאָר דאָס גאַנצע שטעטל איז פּאַרטיליקט.

קאַלושין איז אַ שכנותדיק שטעטל פון מינסק. דער גורל פון די צוויי שטעט

איז אַן ענלעכער געווען. די קאַלושינער קהילה איז אומגעקומען אין די זעלבע טעג, ווי אַלע יידישע ישובים, וואָס אויף דער ליניע וואַרשע—שעדלעץ און די זייטיקע שטעטלעך. אויך די היגע יידן האָבן געהאַט אויסצושטיין א חיה'שן אנטיסעמיטיזם פאַר דער מלחמה און אַ ווילדע באַציאונג מצד די פּאָליאַקן בעת דער מלחמה.

די קאַלושינער יידן האָבן געגלויבט, אַז גאָט וועט זיי נישט פאַרלאָזן, ווייל ווי אַזוי קען דער רבונו של עולם פאַרלאָזן אַזאַ פרומע יידישע קהילה? פיל מאָל האָט ער אויסגעשפרייט זיין רחמנות איבער זיי. וועט ער מסתמא אויך דאָס מאָל זיין צאָרן נישט אויסגיסן ביז צום סאַמע סוף, ביז צום לעצטן יידן. וואָרום אדרבה, וואָס וועט גאָט טאָן אָן יידן? ווי אַזוי וועלן ווייטער קענען לייכטן די הימלען איבער דער ערד, ווען אַלע קאַלושינער יידן וועלן אומקומען? גאָט האָט געוואָגט. און די זון שיינט ווייטער. ווען איך בין געקומען קיין קאַלושין איז דער הימל געווען דאָרט פון אַזאַ ריינער בלויקייט, פון אזא אומשולדיקייט, ווי אונטער אים וואָלט קיין שום בייז נישט געקאָנט פאַרקומען. און דאָס וואָס איז פאַרגעקומען אין קאַלושין קען אַפילו נישט פאַרגליכן ווערן מיט וואָרט גיהנום, ווייל סוף־כל־סוף איז אונזער פאָרשטעלונג וועגן גיהנום אַ באַגרענעצטע, בעת דאָס, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין קאַלושין שטייגט־אריבער די סאַמע ראַפינירטסטע פאַנטאַזיע.

ווען איך בין געפאָרן צו די שטעטלעך פון פּאָדלאַסיע און אָפּגעטרעטן אין קאַלושין — האָב איך אַפילו נישט געהאַט ביי וועמען צו פרעגן, וווּ ס'האָט זיך וועלכע גאַס געפונען און וווּ עס איז דאָס בית־מדרש, אָדער די שול געשטאַנען. איין זאַך איז פולשטענדיק זיכער, אַז דאָס שטעטל איז צעשטערט געוואָרן פון די מלחמה־אָפּעראַציעס — זענען כמעט ווי בלויז צעשטערט די הייזער, וועלכע האָבן געהערט צו יידן. קיין יידן וווינען דאָ בכלל נישט. פון צייט־צו־צייט כאַפּט זיך אַריין אַהער אַ ייד פון וואַרשע, צי פון לאָדזש געוואָר צו ווערן, צי וועלכער עס איז פּאָליאַק האָט נישט בדעה צו קויפן די פּלעצער, וווּ עס זענען אַמאָל געשטאַנען יידישע הייזער.

פאַר אַ גרויסן פּלאַץ אין קאַלושין, אין סאַמע שטאָט־צענטער, קען מען באַקומען אזוי פיל וויפל עס קאָסטן צוויי פּאָר שיך. אָבער מען קויפט נישט. די פּויערים האָפן, אַז זיי וועלן די פּלעצער באַקומען אומזיסט, ווי אומזיסט זיי האָבן „באַקומען" יידישע מעבל און בעטגעוואַנד.

דער אויטאָבוס האָט מיך געפירט מיטן טראַקט, מיט וועלכן עס פלעגן אַמאָל פאָרן שפּיליטערן און סחורה־וועגענער פון וואַרשע צו די שטעטלעך פון פּאָדלאַסיע— ווענגראָוו, סאָקאָלאָוו, און ווייטער צום בוג. וועגן דעם דאָזיקן וועג מיט זיינע גרויסע וועלדער און געפערלעכע רויבער־באַנדעס פלעגן אַמאָל באַלעגאָלעס די אויסטערלישסטע מעשיות דערציילן. אינעם יידישן פּאָדלאַסיער פאָלקלאָר האָט אָט דער וועג פאַרנומען אַן אַנגעזעען אָרט און וועגן יעדן שטיין אויף דעם וועג, וועגן יעדן שטיקל וואַלד, וואָלט אַ פּאָדלאַסיער ייד גאַנצע ווינטער־נעכט געקענט זיצן און דערציילן, מער וויפל מען קען דערציילן פון די איצטיקע שטעטלעך גופא, דורך וועלכע דער אויטאָבוס לויפט פאַרביי.

מלאַווע

דאָס שטעטל מלאַווע אויף דער אַמאָליקער פּרייסישער גרענעץ. דורות דערציִען זיך אויף דער שוועל פון צוויי קולטורן. די באַוועגלעכע יידן, וואָס שפּאַרן אָן אַזש אין ווייטן קעניגסבערג, וואָס זייער לעבן און זיין איז ווי אַ שיף אויף די גרויסע וואַסערן פון דער וועלט — שאַפן ביי זיך אין דער היים יסודות פון תורה און פאַראַנקערן זיך אין די טיפעניש פון יידישער טראַדיציע, ווי זיי וואָלטן אין מלאַווע געבויט אַן אייביקייט.

מלאַווער פשוטע האַרטע יידן. ביי זייער אַריינגעטועקייט אין גרענעץ־מסחר און אין וואָכעדיקייט, קען קיינער נישט אַזוי ווי זיי דעם אוצר פון שבת און יידישלעכער אָפּגעהיטנקייט. נישט וועגן גרענעץ־מסחר איז דער פאַרמעסט צווישן די אַלטערס און קלעניעצס. מלאַווער יידן ווילן דערגרייכן אַנדערע עולמות. מלאַווער יידן רייסן זיך צו אַ העכער, צו אַ גייסטיק לעבן, און ווען די צוויי משפחות אַלטער און קלעניעץ קעמפן קעגן זיך, איז עס דער קאַמף פון גייסט.

ווען איך שרייב די שורות ליגט פאַר מיר אַ דייטשער בילדער־אַלבום: „רייכס־אויפבאַו אים אָסטען" — „דייטשלאַנדס אויפבוי אין מזרח", אַרויסגעגעבן אין מינכן אין יאָר 1941. אין דעם טייל, וו עס ווערט באַהאַנדלט די יידנפראַגע, געפינען זיך עטלעכע בילדער פון יידישע טיפּן אין פּוילן. צופעליק זענען די בילדער פון מלאַווער יידן — האַרציקע יידישע טאַטעס און זיידעס וואָס דורך זייערע אויגן לייכטן־אַרויס גרויסע הערצער. אין דעם טעקסט צו די בילדער זאָגן פאַראויס די דייטשן, אַז זיי וועלן „מאַכן אָרדנונג מיט די פּוילישע יידן". אָבער די מערדער דערציילן נישט, אַז אַט די יידן וואָס זייערע בילדער געפינען זיך אין אַלבום זענען שוין נאָך דער „אָרדנונג".

דאָ אין מלאַווע, האָבן די דייטשן דורכגעפירט אפשר די ערשטע „אויסזידלונג" פון פּוילישע יידן, נאָך איידער עס זענען געשאַפן געוואָרן טרעבלינקע און מיידאַנעק. פאַרוואָס און פאַר וועלכע זינד איז זיי געקומען אַזאַ סוף? צי פאַר דעם, וואָס ווו זיי זענען געקומען האָבן זיי געטראָגן מיט זיך ליכט און וויסן? צי פאַר דער גרויסער, יידישער עטיק פונעם מלאַווער ייד יוסף אָפּאַטאָשו? צי פאַר דעם, וואָס ווען דאָס מלאַווער קריסטלעכע פאָרשטאָט איז געווען אָפּגעשטאַנען און פּרימיטיוו, האָט די יידישע מלאַווער יוגנט דאָ אַנטוויקלט אַ ברייטע וועלטלעכע קולטור?

מלאַווע האָט געהערט צו די קולטורעלסטע יידישע שטעטלעך אין פּוילן. מלאַווע, אַ קליינע יידישע קהלה, האָט אַרויסגעגעבן עטלעכע דורות יידישע אינטעליגענץ. מלאַווע האָט פיל יידישע ישובים איבער דער וועלט באַקרעפטיקט מיט וווּנדערלעכע שעפערישע כוחות. דאָס שטעטל איז געווען ווי אַ לעבעדיקער

קוואַל, וואָס האָט געשפּרודלט מיט גייסט און וויסן. בלויז דאָס איינציקע שטעטל האָט אַרויסגעגעבן אַזעלכע צוויי יידישע עפּיקער, ווי יוסף אָפּאַטאָשו און עוזר וואַרשאַווסקי. איר וועט איצט איבער דער גאַנצער יידישער וועלט באַגעגענען אינזשעניערן און בויער, דאָקטוירים און פּעדאַגאָגן, וואָס זייערע וויגלען זענען געשטאַנען אונטער די מלאַווער יידישע דעכער.

און אַט דער קוואַל איז צעשטערט געוואָרן אין די ערשטע חדשים, ווי אַהער זענען אַריין די דייטשע באַרבאַרן.

דעם 5־טן דעצעמבער 1940 האָבן די גערמאַנער אַרויסגעטריבן פון די הייזער דריי טויזנט דריי הונדערט מלאַווער יידן און זיי געטריבן קיין דזיאַלדאָוואָ. אין דעם דזיאַלדאָווער לאַגער האָבן די מערדער אויסגעפּרווט די פּייניקונגס־ און דערנידער־ריקונגס־מעטאָדן, וואָס זענען שפּעטער אָנגעווענדעט געוואָרן כלפּי אַלע פּוילישע יידן. זיי האָבן אין לאַגער געלייגט שייטער־הויפנס און אויף זיי אויסגעפּרווט ווי לאַנג און מיט וואָס פאַראַ טעכניק עס וועלן צום זיכערסטן ברענען יידישע גופים. מיט נאַהייקעס און שטעקנס זענען יידן געטריבן געוואָרן אינעם לעבעדיקן פייער פון די שייטערהויפנס. איבער לעבעדיקע יידן זענען אַדורכגעפאָרן לאַסט־אויטאָס און דיישטע באַנדעס האָבן זיך צוגעקוקט ווי עס ווערן אונטער די שווערע רעדער צעמאַרשטשעט יידישע גלידער. מיט אַזאַ טויט איז אויך אומגעקומען דער מלאַווער רב, וועלכער האָט פאַר דעם משונ׳הדיקן טויט יעדע שעה געמוזט זיך אָנטאָן אין טלית־און־תפילין און אין דער אָנוועזנהייט פונעם לאַגער־שטאַב בעטן פאַרן געזונט פון היטלערן. צום סוף האָבן זיי אים מיט נאַהייקעס געצוווּנגען ער זאָל זיך אַוועק־לייגן אויף דער ערד און איבער אים איז אַדורכגעפאָרן אַ לאַסט־אויטאָ.

פון שטאָט זענען אין לאַגער אַריינגעקומען אָפיצירן פון דער „העכערער ראַסע", כדי דאָ אויסצושפּילן זייערע סאַדיסטישע אינסטינקטן. עס איז שווער איבערצוגעבן אין ווערטער וועגן די ראַפינירטע עינוים, וואָס די יידן זענען אין דעם לאַגער אויסגעשטאַנען. די איינצעלנע איבערגעבליבענע מלאַווער יידן שווייגן מער ווי זיי דערציילן. זיי האָבן נישט קיין ווערטער אין זייער שפּראַך איבערצוגעבן דעם פּיין, וואָס עס זענען אויסגעשטאַנען די מלאַווער יידישע פרויען, וואָס מען האָט געצוווּנגען, זיי זאָלן זיך אויסטון נאַקעט און מיט די ברוסטן זיך ראַיען אין מענטשלעכער צואה. דאָס איז נישט געווען די המצאה פון פּרימיטיווע ווילדע אַפריקאַנער, נאָר הויכע אָפיצירן־דעגענעראַטן, דייטשע יונקערס און אדעלייט פון גערמאַניש חזיריש בלוט, וועלכע האָבן זיכער זייערע „העכערקייטס־געפילן" גע־שליפן אויף די שטיינער פון דעם גייסטיק־קראַנקן פרידריך ניטשע.

די זעלבע אָפיצירן האָבן געצוווּנגען יידישע מיידלעך, זיי זאָלן עפנטלעך אויפן לאַגער־פּלאַץ אַדורכפירן לעסבישע אַקטן. זיי האָבן אויסגעוויילט פאַר־פעלקער און געצוווּנגען פרעמדע מענער זאָלן פאַרגוואַלטיקן די פרויען פון אַנדערע מענער. די דייטשן האָבן זיך געוויילט אין אַט דער וואַלפּורגאַ־נאַכט, וואָס האָט אָן איבעררייס געדויערט עלף מעת־לעת.

פון די עינויים און פון דעם, וואָס די מלאַווער יידן האָבן זיך צוגעזעען, זענען עלף פון זיי אַראָפּ פון זינען. די אומגליקלעכע זענען אַרומגעלאָפן איבערן לאַגער אין מוראדיקע שגעון־אַנפאַלן. און אויך די סצענעס האָבן געשטילט די סאַדיסטישע תאווה פון די דייטשע דעגענעראַטן. ביינאַכט האָבן יידן געבונדן די קראַנק־געוואָרענע און זיי אויסבאַהאַלטן פאַר די אויגן פון די דייטשן. איינער האָט זיך פון די שטריק באַפרייט און אַרויס אויפן לאַגער־פּלאַץ. די דייטשן האָבן געלאָזט אין גאַנג אַ לאַסט־אויטאָ און דעם קראַנקן איבערגעפאָרן צום טויט.

די פיינלעכסטע סצענעס האָבן זיך אָפּגעשפּילטביים פאַרטיילן עסן. קיינער האָט נישט געטאָרט צוקומען צום קעסל מיט אַ טעלער אָדער אַ קאָנסערוון־שעכטל. דאָס עסן איז אויסגעטיילט געוואָרן אין דער פּאָלע־אַריין, אין זאָקן, אין היטלען און אין שיך. און אַז מ׳האָט באַקומען די שיטערע זופּ אין אַ זאָק, אָדער אין דער פּאָלע, האָט מען געמוזט לויפן מיטן עסן, ווען נישט — האָט מען דאָס עסן געמוזט אויסגיסן.

דאָס דזיאַלדאָווער גהינום האָט געדויערט עלף טעג. במשך פון אָט דער אייביקייט זענען די יידן קראַנק געוואָרן און פולשטענדיק צעבראָכן. דעמאָלט האָט מען זיי אַנגעלאָדן אין לאַסט־וואַגאָנען און אַוועקגעשיקט קיין מעזריטש, וואָס האָט דעמאָלס געהייסן אַ „יידן־רעזערוואַט״.

דאָ האָט זיך אַ פרישער גיהנום געעפנט פאַר זיי.

ישראל גאָלדשטיין, אַ ריפּינער ייד, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַלע פּיינען, וואָס איז פאַרהאַרטעוועט געוואָרן אין פייער פון פילמאַליקע „אויסזידלונגען״, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון דער שוועל פון טרעבלינקער גאַז־קאַמער, וואָס זיינע אויגן האָבן זיך צוגעזעען די אוממעגלעכסטע און דאָךווירקלעכע גיהנום־סצענעס, האָט רואיק נישט געקאָנט דערציילן אין וואָס פאַר אַ מצב מען האָט די מלאַווער יידן „אויסגעגרוזעוועט״ פון די וואַגאָנען און מיט שטעקנס זיי געטריבן צו דער מעזריטשער שול.

במשך פון געציילטע טעג זענען מלאַווער יידן אונטערגעגאַנגען. אין שול איז אויסגעבראָכן אַ טיפוס־עפּידעמיע, וואָס האָט יעדן טאָג געגעבן פיל צענדליקער קרבונות. די טויטע פלעגט מען ביינאַכט אַרויסטראָגן אין זעק, כדי זייער שרעקלעכע פאַרלייזיקונג זאָל זיך נישט איבערטראָגן אין געטאָ. עסן פלעגט מען אין דער שול אַריינגעבן דורך די פענצטער, כדי נישט צו קומען אין באַרירונג מיט די פאַר־פעסטעטע. אַ שוואַרצער טויט האָט זיך געטראָגן פון דער אָפּגעשלאָסענער מעזריטשער שול. די קללות פון די קראַנקע און די יללות פון די פאַרמשפּ׳טע איז דערגאַנגען עד לב השמים.

אין דער מעזריטשער שול, צווישן טויט און האָפנונגסלאָזיקייט, האָט עמעצער פאַרפאַסט אַ פּרימיטיוו ליד וועגן די ליידן פון די מלאַווער יידן. פונוואַנען ס׳האָט זיך דעמאָלט גענומען צו אַ ייד כח צו פאַרפאַסן גראַמען און אַ ניגון צו דעם ליד, ווייסט אפילו גאָט נישט, ווייל אַפילו ער האָט פאַרלאָזן די מלאַווער יידן. דאָס ליד

— דערציילט מיר דער דערמאָנטער גאָלדשטיין — איז געוואָרן דער פינצטערער הימן פון די מלאַווער יידן. אַפילו די טיפוס־קראַנקע האָבן אין זייער האָפנונגס־לאָזיקייט געזונגען דעם „הימן”, דורך די פענצטער פון דער שול איז דאָס ליד אַרויס אין געטאָ און קינד און קייט האָט געזונגען:

ווען שניי פון הימל פאַלט און רעגן,
ווען פראָסט אויף פענצטער טוט זיך קלעבן,
אין אַ צייט פון עלנט און ליידן
טוט מען מענטשן פון שטאָט טרייבן.

מלאַווע טוט דאָס שטעטל קלינגען,
מען האָט דאָרט יידן געצוווּנגען
צו פאַרלאָזן זייערע היימען
נאַקעט, באָרוועס, אָן קליידונג.

טאַטעס, מאַמעס, קינדער שרייען,
וווהין זאָלן מיר גייען?
מיט נאַהייקעס טוט מען שלאָגן.
און אויף אויטאָס ארויפיאָגן.

נאָך דזיאַלדאָוו האָט מען אונז געפירט,
יידישע טעכטער אין אומריינס אויסגעשמירט.
יידיש בלוט איז דאָרט פאַרגאָסן
אויסגעמאַטערט, אויסגעשאָסן.

פון דזיאַלדאָוו טוט מען ווייטער טרייבן,
אזוי ציען זיך אונזערע ליידן,
נאָך מעזריטש אַריינגעטריבן
אין די „שיינע”, „בייע” שטיבן.

אין מעזריטשער שול, די שיינע,
טאַטעס, מאַמעס, קינדער קליינע,
ליגן אויף די פריטשעס האַרטע
און דער עיקר — אויסגעדאַרטע.

און די מעזריטשער שול, די גרויסע —
יעדן טאָג פרישע טויטע
יעדן טאָג פרישע טויטע,
אַזוי טוט מען פאַר אונז זאָרגן:

אויף מיטאָג אַ ביסל שוואַרצע גריצע,
דאָס איז אונזער איינע שטיצע.
אַביסל וואַסער שוואַרצע זופּע,
דאָס איז אונזער איינע צדקה.

מלאַווער יידן זייט געמוטיקט,
נישט שטענדיק וועט איר זיין געבלוטיקט,
קומען וועט אַ צייט אַ נייע
און ווידער וועלן מיר זיין פרייע...

אין זייערע פינצטערע טעג האָבן, ווי מיר זעען, די מלאַוואַער יידן נישט פאַרלוירן די האָפנונג, אַפילו די טיפוס־קראַנקע — נישט. ביי אַלע שווידערלעכסטע איבערלעבונגען, ביי אַלע דערנידעריקונגען האָבן זיי זיך אַליין געמוטיקט, אַז עס וועט קומען אַ וועלט אַ נייע און — „ווידער וועלן מיר זיין פרייע". דעם רעפריין האָבן די מלאַווער, און נאָך זיי די מעזריטשער געטאָ־יידן, איבערגעחזרט הונדערטער מאָל.

די האַרציקע מעלאָדיע פון דעם ליד האָט זיך אין דעם אָרט דערהויבן צו די טענער פון אַ רעוואָלוציאָנערן הימן. די נבואה איז אַפילו מקוים געוואָרן, אָבער נישט פאַר זיי.

די מלאַווער יידן, די וועלכע זענען נישט אויסגעשטאָרבן אין דער שול, זענען שפּעטער אומגעקומען צוזאַמען מיט די מעזריטשער יידן אין טרעבלינקע. דאָס ביסל יידן, וואָס זענען פאַרבליבן ווי אַרבעטס־שקלאַפן אין מלאַווע זענען אומגעקומען אָדער אויפן אָרט, אָדער אין די גאַז־קאַמערן פון כעלמנאָ און אָשוויענטשים.

האָב איך זיך פאָרגעשטעלט, אַז ווען איך וועל קומען קיין מלאַווע וועל איך זיכער ערגעץ־ווו געפינען אַן אָנדענק־טאָוול, אַ צייכן כאָטש, ווו די איצטיקע באַפעלקערונג דריקט־אויס איר צאָרן קעגן די דייטשע מערדער און איר מיטגעפיל פאַר די געפאַלענע יידן, וועלכע האָבן דאָ דורות־לאַנג געלעבט און געשאַפן און פון מלאַווע אַ שטאָט געמאַכט. האָבן דאָך איצט די מלאַוווער פּאָליאַקן דאָס, וואָס, וואָס די יידן האָבן אין זייער גסיסה־ליידן פאַרויסגעזעען; און נישט זיי, די יידן, האָבן דאָס דערלעבט, נאָר די פּאָליאַקן... אָבער נישט נאָר אַזאַ געדענק־טאָוול וועט איר אין מלאַווע נישט געפינען, איר וועט דאָ געפינען אַ פאַרטיפטע טראַגעדיע, אַ שאַנד־טאַט, וואָס שליסט־אָפּ די געשיכטע פון יידישע ליידן און אומקום.

די ווינציקע יידן, וואָס האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט פון דער מלאַווער קהילה זענען אַהערגעקומען און עקסהומירט די יידישע גופים, וואָס זענען געפאַלן בעת די „אויסזידלונגען". אויפן ברידער־קבר האָבן זי אַוועקגעשטעלט אַ מצבה צום אָנדענק פון דער אויסגעשאָכטענער קהילה. זיי האָבן געהאָפט, די איינצעלנע ניצול־געוואָרענע, אַז די מצבה וועט בלייבן פאַר די קומענדיקע דורות, אַז טאָמער וועט אַמאָל אַנטשטיין דאָ אַ יידישער ישוב, זאָל ער וויסן, אַז אויף דער דאָזיקער

ערד איז פאַרפלאַנצט געוואָרן אַ שלל פון יידישער ענערגיע און שאַפונג. אָבער די מצבה איז געשטאַנען בלויז געציילטע וואָכן. פוילישע כוליגאַנעס האָבן די מצבה צעשטויבט אויף פיצלעך. איך האָב געהאַלטן אין מיינע הענט די שטיקלעך פון אָט דער מצבה און ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך בין אויף די פעלדער פון טרעבלינקע און האַלט אין מיינע הענט די ביינער פון יידישע קדושים. ביין, נישט נאָר די דייטשע אויסוורפן האָבן פאַרניכטעט יידן, אויך די פוילישע כוליגאַנעס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער מערדער־באַנדע און איצט מיט זייער פאַרברעכערישן אַקט אָפּגעמעקט אַפילו דעם זכרון פון דער יידישער קהילה אין מלאַווע.

איין איינציקער מענטש אין מלאַווע האָט געשטעמפּלט די מצבה־שענדונג. דאָס איז געווען דער אַלטער גלח, וואָס האָט אין קאָשציאָל געשטראָפט זיינע „שעפעלעך" פאַר דעם גרויסן פאַרברעך. און דאָס באַשטעטיקט דעם אמת, אַז בלויז אַ קליינע מינדערהייט פונעם פוילישן פאָלק איז געווען און איז קעגן דעם, וואָס די דייטשן האָבן געמאַכט מיט אונזער פאָלק אין פוילן.

נאַשעלסק און פּולטוסק

די רעגיאָנען פון מלאַווע, ציעכאַנאָוו און פּולטוסק קען איך גוט פון יענע צייטן, ווען דאָ האָט זיך אין אָנהויב פון דער 2־ער וועלט־מלחמה, אין 1939, געפּרוּווט שטעלן דער פּוילישער פראָנט קעגן דער דייטשער אַרמיי. דעמאָלט, אין מיליטערישן מונדיר, האָב איך במשך פון געציילטע טעג דורכגעמאַכט צופוס הונדערטער קילאָמעטערס. איך האָב דורכמאַרשירט די שטעטלעך און צום לעצטן מאָל געזען די פאַרזאָרגטע יידישע פּנימער. איך געדענק, ווען מיר האָבן מידע און אויסגעמאַטערטע פאַרביימאַרשירט פּולטוסק, האָבן יידן אַרויסגעטראָגן פאַרן פּוילישן מיליטער קאַנען מיט מילך צו שטילן דעם פייַנלעכן דורשט פון די זעלנער. די שטאבס־אָפיצירן אויף די פערד האָבן דעמאָלט מיט נאַהייקעס געשלאָגן די יידן און אויסגעגאָסן די קאַנען מילך און דערציילט פאַרן פּוילישן זעלנער, אַז מיט דעם ווילן די יידן אָפּסמ׳ען די אַרמיי. די בהלה, וואָס איז דעמאָלט אַנטשטאַנען צווישן די יידן איז געווען ווי דער ציטער פון אַ באַראָמעטרישער נאָדל פאַר דעם שטורעם. אין פּולטוסק, אויפן מיטן מאַרק, זענען געשטאַנען רעדלעך יידן און מיט פאַראורמערטע פּנימער זיך צוגעקוקט ווי עס מאַרשירט פאַרביי דאָס מיליטער, וואָס איז שוין האַלב־טויט נאָך איידער עס איז דערגאַנגען צום פראָנט. פון די קראָמען האָבן אַרויסגעקוקט יידישע מאַמעס און אַ טויט־פּחד איז געלעגן אין זייערע בליקן. איך בין דעמאָלט אַרויס פון דער מאַרש־קאָלאָנע און געלאָפן צו אַ יידיש קרעמל קויפן אַ שעכטל שוועבעלעך. האָב איך געזאָגט צו דער פאַרזאָרגטער פרוי:

— זאָרגט נישט, מומע, עס וועט זיין גוט.

די אָרעמע יידישע מאַמע האָט אויף אַ רגע אויפגעפלאַמט און פאַר מיין פונק פון טרייסט נישט געוואָלט נעמען באַצאָלט פאַר די שוועבעלעך.

— עס וועט יאָ גוט זיין, זאָגט איר? זאָל דער רבונו־של־עולם העלפן.

האָב איך איצט, ווען איך בין געקומען קיין פּולטוסק אָפּגעפונען דאָס זעלבע קרעמל, א צעלניק־קרעמל, וואָס האָט זיך גאָרנישט געביטן, בלויז די פּוילישע פרוי, וואָס איז איצט די סוחר׳טע, איז א פרעמדע. בין איך אויך דאָס מאָל אריינגעגאנגען און געבעטן אַ שעכטל שוועבעלעך. אויך די שוועבעלעך זענען די זעלבע, דער זעלבער עטיקעט, ווי פאַר דער מלחמה, אפילו דער געדרוקטער פרייז אויפן עטיקעט איז דער פאַרמלחמה׳דיקער: „פּוילישער שוועבעלעך־מאָנאָפּאָל — דריי גראָשן״. נאָר די יידישע פרוי איז נישטאָ. און די יידן מיט די טוכענע היטלעך און צייגענע קאַפּאָטעס זענען נישטאָ. דער מאַרק איז טויט, ווי די מערק אין אַלע שטעטלעך אין פּוילן, און איך האָב אַפילו נישט וועמען צו זאָגן, אז יענע יידישע מאַמע פּונעם

קלייטל איז גערעכט געווען אין איר פאַרגעפּיל. די אינטואיציע פון א יידישער מאַמען פאַרפירט נישט.

נאָך שווערע אבידות קאָן מען לאַנגע יאָרן אַרומגיין מיט אַ געפיל פון זעלבסט־אָפּנאַרונג, אז די ווירקלעכקייט איז אַ פיקציע, אַז דאָס גרויסע, וואָס איז פאַרלוירן געגאַנגען — לעבט. און אָט דאָס זעלבע געפיל האָט מיך פאַרפאָלגט, ווען איך בין געפאָרן איבער די שטעטלעך: עס איז אוממעגלעך, אַז אַלע שטעטלעך זאָלן זיין אויסגעליידיקט פון יידן, אַז אומעטום זאָל די שחיטה האָבן געווען א פול־שטענדיקע. זיכער: אויב זיי זענען נישטאָ אין מלאַווע, איז נאָך קיין באַווייז, אַז איך וועל נישט טרעפן קיין יידן אין נאַשעלסק, אָדער אין פולטוסק.

און געוווסט האָב איך, אז אינעם קליינעם שטעטל נאַשעלסק געפינט זיך איינע פון די וואונדערלעכסטע יידישע האַלך־שולן אין פוילן. זי איז געווען דער שטאָלץ פון די נאַשעלסקער יידן און אַ וואונדער פון יידישער מייסטערשאַפט. לאַנגע דורות איז זי געשטאַנען און געווען אַן עדות פון אלע עליות און ירידות פון דער קהילה. דורות האָבן צווישן אירע ווענט מתפלל געווען צו גאָט און יעדער שינדל אויף די דעכלעך פון אירע טורעמס איז אַ הייליקייט געווען.

ווען איך בין איצט געפאָרן קיין פולטוסק און אָפּגעטרעטן אין נאַשעלסק, האָב איך דאָ אַן אומהיימלעכע פוסטקייט געפונען. די לאַנגע גאַס פאַזע דעם שאָסיי קיין פולטוסק האָב איך קוים דערקענט. כאָטש גאָרנישט האָט זיך אויסערלעך גע־ענדערט, איז דאָך שווער געווען צו דערקענען די גאַס. עס זענען נישטאָ די יידישע סוחרים און באַלעגאָלעס, וואָס האָבן געשאַפן דאָס בילד פון היימלעכקייט. דו הערסט נישט מער דאָס יידישע לשון, וואָס האָט פון נאַשעלסק אַ שטאָט געמאַכט. און שוין צום וויפלסטן מאָל האָב איך דערפילט ווי עס רייסט זיך מיר אָפּ דאָס האַרץ און שרייען וויל זיך, וויינען וויל זיך אויף דעם בילד פון בית־עולמ׳דיקער לערקייט:

וואָס האָט איר געמאַכט מיט אונז, פעלקער? פאַר וועלכע זינד האָט איר אונז מיט די וואָרצלען אויסגעריסן? צי האָבן מיר אייך נישט געגעבן אונזערע פעאיקייטן? צי האָבן מיר אייך קיין שטעט נישט געבויט? אייער ווירטשאַפט נישט אנטוויקלט?

די אַלע טענות איז נישטאָ אין נאַשעלסק פאַר וועמען אַרויסצושרייען. אָפילו גאָט אַליין איז, דאַכט זיך, אַוועק פון דאַנען.

ווי ביי קיין שום פאָלק זענען די בית־עולמס געווען אונזערע נאַציאָנאַלע פאַנטעאָנען. די מצבות — אונזערע קינסטלערישע דענקמעלער. די יידישע שטיינ־קריצער האָבן אין די קריגעלעך אויף די מצבות פון לוויים און אין די אויסגעשפריי־טע הענט אויף די מצבות פון כהנים אויסגעלעבט אלע זייערע קינסטלער־חושים. און דאָס זעלבע מיט די שולן. די שול אין נאַשעלסק האָט מיט אַן ערך צוויי הונ־דערט יאָר צוריק געבויט דער באַרימטער יידישער בוי־מייסטער פון לוצק — שמחה בן שלמה. איז דאָס געווען אַן ארכיטעקטור־פּערל, ווו עס זענען געלעגן באַהאַלטן אוצרות פון אַ צעבענקטער יידישער קינסטלער־נשמה. יעדער אות אויף די אויסגע־

קריצטע ווענט, יעדעס בלימעלע אַרום ארון־קודש און די פּאַרמענטשלעכטע לייבן פוןביידע זייטן פון די לוחות, זענען געווען ווי טיפע וואָרצלען, וואָס נאָר קונסט קאָן פּאַראייביקן.

אין נאַשעלסק זענען נישט געבליבן — נישט קיין יידן, נישט די שול, נישט דער בית־עולם. אַלץ, וואָס איז געווען יידיש איז פּאַרלענדט געוואָרן. פון דער שול איז אַ גאַראַזש פאַר אויטאָמאָבילן געוואָרן, ווו אַלדאָס קינסטלערישע איז פּאַרניכ־טעט. געבליבן זענען בלויז די סטיללאָזע הייזער, וואָס אָן יידן, זענען זיי פוסטע, ווילדע געפעסן, אומהיימלעכע נעסטן פון פרימיטיווע פויערים.

איז שווער געווען ווייטער צו פאָרן פון דאַנען קיין פולטוסק. אויב אין נאַשעלסק, אין דער דורות־אַלטער, יידישער קהילה, זענען קיין יידן נישט געבליבן, איז שוין נישטאָ וואָס צו זוכן אין דעם שונא־ישראלדיקן פולטוסק. דאָרט איז זיכער קיין ייד נישט געבליבן, ווארום די שטאָט איז פאַר דער מלחמה געווען דורכגעפרעסן פון אַנטיסעמיטיזם. אָבער איך האָב די שטאָט גוט געקענט. דאָ, ביי די ברעגעס פון נאַרעוו, האָב איך עטלעכע וואָכן פאַר דער מלחמה געאיבט זיך אַלס זעלנער און שפּעטער אין דער דאָזיקער שטאָט געגומען מיין געווער צו גיין אין מלחמה קעגן היטלעריזם. האַרציקע יידן געווען די פולטוסקער יידן. זיי האָבן געקאָנט מיט אַזאַ צאַרטער אַלט־יידישער גאַסטפריינטלעכקייט עפענען זייערע הייזער פאַרן יידישן זעלנער און געבן אים אַ היים, פונקט ווי זיי וואָלטן אין די הענט פונעם יידישן זעלנער אַריינגעלייגט זייער גורל.

און אַ סאָלידע יידישע שטאָט איז געווען פולטוסק. ווייט אָפּגערוקט פון דער באַן־ליניע וואַרשע—דאַנציק האָט די שטאָט געפירט אַ שטיל לעבן. צוליב דער ווייטקייט פון דער באַן זענען די וועלט־ידיעות דערגאַנגען אַהער מיט אַ פאַר־שפּעטיקונג און דעריבער איז זייער לעבן געפלאָסן רואיקער. די יידישע יוגנט איז דאָ געווען געלאַסענער. זי האָט געהאַט געדולד צו לייענען דיקע ראָמאַנען און שפּעטער, אין דעם שיינעם שפּאַציר־סאַד, איבער די ראָמאַנען צו פירן ערנסטע דיסקוסיעס און „פונאַנדערגלידערן" די פּסיכאָלאָגיע פון יעדן העלד באַזונדער. דאָ איז געווען דאָס לעבן אַזוי רואיק אַז ווען משה נאַדיר איז איינמאָל אַהערגע־קומען אויף אַ פאָרלעזונג איז ער פאַרבליבן אויף עטלעכע וואָכן, ווייל דער נאַרעוו האָט דאָ געפלאָסן פאַמעלעך, און געלאַסן זענען געגאַנגען די יידן איבער די ציכטיקע גאַסן, ווייל יידישע טעכטער זענען דאָ געווען ראָמאַנטישע און יידישע בחורים האָבן אפילו וועגן רעוואָלוציע דאָ דיסקוטירט ווי וועגן אַ צייט וואָס וועט אַריינ־פליסן קיין פולטוסק אַזוי סאָליד און שטורעמלאָז, ווי עס פליסט פאַרביי דער טייך.

איך בין אָנגעקומען קיין פולטוסק אין דער מיט פון אַ שפּעט־זומערדיקן טאָג. און באַלד אויף דער הויפּט־גאַס האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז די שטאָט איז ליידיק. בלויז געציילטע מענטשן זעט מען אויף די גאַסן. אַזוי שטיל פלעגט זיין אין פולטוסק בלויז אין די שבתים מיטאָגס־צייט, ווען יידן זענען פון די בתי־כנסת

אוועק אַהיים נאָכן דאַווענען. דעמאָלט פלעגט אַפילו די קריסטלעכע באַפעלקערונג ווינציק גיין אין גאַס, ווייל די קראָמען זענען געשלאָסן, ביי יידן איז שבת. און איצט בין איך געקומען אין אַ וואָכעדיקן טאָג. די געשעפטן זענען אָפן. פאַר וועמען זענען זיי אָפן? ווער זענען די קונים? עטלעכע מאָל שפּאַציר איך פאַרביי די הויפּט־גאַס און איך זע נישט עמעצער זאָל אַריינגיין אין אַ געשעפט. איך גיי אַוועק צו דער בריק, איבערן נאַרעוו. אפשר איז די שטאָט אַוועק זיך באָדן? אָבער אויך דער טייך־ברעג איז ליידיק. עטלעכע קריסטלעכע קינדער שפּילן זיך ביי אַ שיפל אויפן ברעג; עטלעכע ציגן צופּן דאָס גראָז ביי דעם ברעג און ווען איך דערנענטער זיך, הייבן זיי אויף די קעפּ און קוקן אויף מיר מעלה-גירה׳דיק, ווי זיי וואָלטן געפרעגט פון וואַנען עס נעמט זיך אַ הער אַ מענטש...

איך גיי אַוועק צו די הינטערגעסלעך, דאָרט ווו פאַר דער מלחמה האָט געוווינט די יידישע געדיכטקייט, די פּולטוסקער פשוטע יידן. תמיד ווען איך פלעג אַהערקומען האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ס׳איז ערב־שבת און יידישע מאַמעס גרייטן זיך צו ליכט־צינדן. אַן ערב־שבתדיקע פאַרהאָרעוועטקייט. איצט איז דאָ שטיל, כאָטש אַלע הייזער זענען באַוווינט.

פון קדמונים אָן איז דאָ געשטאַנען מיליטער. תמיד פלעגסטו זען אין די גאַסן אַרומדרייען זיך זעלנער. איצט זע איך נישט אפילו קיין זעלנער דאָ. פּולטוסק מאַכט דעם איינדרוק פון אַ טעאַטער-סצענע, ווו עס זענען אויסגעשטעלט די דעקאָראַציעס פון אַ שטאָט: הייזער, גאַסן, בוימער אויף די טראָטואַרן, טעלעגראַף־סלופּעס, נאָר די שוישפּילער זענען נישטאָ, זיי האָבן פאַרגעסן צו קומען. האָט זיך דעם עולם צוגעגעסן צו וואַרטן אויף די שוישפּילער און זענען אויך אַוועק... דרייען זיך אַרום איבער דער ליידיקער סצענע עטלעכע סטאַטיסטן — סטאַטיסטן־סוחרים, אַ סטאַטיסט — אַ גאַסן-קערער מיט אַ בעזעם, וואָס האָט נישט וואָס צו פאַרקערן. די שוישפּילער, וואָס האָבן פון פּולטוסק אַ שטאָט געמאַכט זענען נישטאָ, זיי האָט מען אַלע אומגעבראַכט, אויסגעוואָרצלט ביז איינעם.

דער וועג פון פּולטוסק קיין נאַשעלסק, ווו אַמאָל פלעגן פאָרן יידישע וועגנס מיט סחורה, יידישע שפּילעטערן און סוחרים, יידישע יוגנט צו די הויכשולן און אוניווערסיטעטן, ווו דאָס גאַנצע יידישע לעבן פלעגט אַדורכפליסן — דער דאָזיקער וועג איז דורכגעווייקט געוואָרן מיט יידיש בלוט. עס איז די גאָלגאָטע פונעם פּולטוסקער יידנטום. אויף דעם דאָזיקן וועג האָט זיך אַזוי אומגליקלעך פאַרענדיקט די געשיכטע פון אַ קהילה. ווען יידן וואָלטן איצט וועלן שטעלן מצבות אויף די קברים, וואָס געפינען זיךביים דאָזיקן וועג, וואָלטן זיי געדאַרפט אויפשטעלן אַ וואַנט אויף פיל קילאָמעטער און אויפשרייבן איין וואָרט: קברים. אַ גאַנצער וועג — איין קבר.

איך בין צוריקגעגאַנגען אין שטאָט־אַריין. איך האָב פּשוט געזוכט עמעצן, צו וועמען איך זאָל קענען אַ וואָרט אויסרעדן. אין שפּאַציר־גאָרטן האָב איך געטראָפן אַ יינג פּאָרל. צוויי שילער, מסתמא פון די העכערע קלאַסן גימנאַזיע.

כ׳האָב זיך צוגעזעצט נעבן זיי אויף דער באַנק און זיך איינגעהערט וועגן וואָס זיי שמועסן. אינעם יוגנטלעכן פלירט צווישן דעם שילער און דער שילערין האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אין פולטוסק איז דאָ אַ נאָרמאַל לעבן. די שילערין האָט דערציילט, אַז אין איר חבר׳טע האָט זיך פאַרליבט דער לערער און דערפאַר באַקומט זי פון אים גוטע אָפּצייכנונגען פאַר אירע אַלגעבראַישע אַרבעטן, כאָטש זי קען אפילו נישט קיין פּשוטע אַריטמעטיק... דאָס פאַרליבטע פּאָרל האָט גערעדט וועגן קעניג יאַגעלאָ און וועגן דער דרייסיקיעריקער מלחמה און וועגן די לידער פון די קלאַסישע פּוילישע פּאָעטן: אַסניק און קאָכאַנאָווסקי.

זעסט, אין דעם פּוסטן, אויסגעדייוועטן פולטוסק איז פונדעסטוועגן דאָ אַ נאָרמאַל לעבן, ווו צוויי שילער רעדן וועגן זאַכן, פּונקט אַזוי ווי זיי וואָלטן גערעדט אַנומלט, ווען פולטוסק איז אַ מילגרוים־פולע יידישע שטאָט געווען. איך שמועס זיך פונאַנדער מיטן שילער. ער מאַכט דורך די לעצטע קלאַס פון דער מיטלשול און גרייט זיך צו מאַטורע. ער איז אַלט אַכצן יאָר. איך פרעג אים, צי בעת דער דייטשער אָקופּאַציע האָט ער זיך געלערנט. קיין גימנאַזיעס האָבן אָפיציעל נישט געטאָרט עקזיסטירן, אָבער נישט אָפיציעל האָט מען געלערנט. במשך פון די מלחמה־יאָרן האָט ער בלויז איין שול־יאָר פאַרלוירן. איין שול־יאָר. נישט מער.

און איך דערמאָן זיך די פולטוסקער יידישע יוגנט, די אינטעליגענטע, פעאיקע יידישע קינדער. זיי זענען מער נישטאָ. זיי האָט מען פאַרברענט צוזאַמען מיט זייער וויסן, מיט זייערע חלומות — פאַרשניטן צוזאַמען מיט די עלטערע דורות. אויסגעהאַקט דעם ווונדערלעכן בוים ביז די וואָרצלען.

אויך אין פולטוסק איז גאָרנישט פאַרבליבן, וואָס זאָל דערמאָנען, אַז דאָ האָבן געלעבט יידן — יידן פרומע מיט בתי־כנסת און חסידים־שטיבלעך און יידן וועלטלעכע, מיט ביבליאָטעקן, פאַראיינען מיט פּאָליטישע פּאַרטייען און שולן. גאָרנישט איז געבליבן פון דעם אַלעמען. אפילו קיין זכר נישט.

איידער איך בין אַוועק געפאָרן פון פולטוסק בין איך אַוועק אויף דער דאָרטיקער פּאָסט באַלייגן אַ בריוו, וואָס כ׳האָב געהאַלטן אין טאַש עטלעכע טעג. אין פּוילן איז מען זיך איצט נוהג, אַז ווען מען באַלייגט אַ רעקאָמענדירטן בריוו קיין אויסלאַנד ווערט ער דורכן פּאָסט־באַאַמטן קאָנטראָלירט, צי אין בריוו געפינען זיך נישט דעוויזן. דער באַאַמטער ביים פענצטערל האָט אַרויסגענומען מיין בריוו פון קאָנווערט און באַמערקט, אַז ער איז נישט געשריבן מיט לאַטייניש׳ע אותיות. האָט ער אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט אַזאַ פאַרחידושטן בליק, ווי איך וואָלט וויזיקסטנס געווען אַ האָטענטאָט, וואָס האָט זיך פאַרוואָלגערט אין פולטוסק...

— איר זענט אַ היגער — פרעגט ער מיך.

— ניין, אַן אויסלענדער — ענטפער איך.

— מה... — טוט ער אַ מרוקע אונטער דער נאָז. ס׳איז פאַר אים אַלץ קלאָר וואָרום ווי קומט קיין פולטוסק אַ ייד ?...

קעלץ

קעלץ איז געווען אַ גרויסער יידישער צענטער, ווו פאַר דער מלחמה האָבן געלעבט צוויי־און־צוואַנציק טויזנט יידן. אָבער די עקאָנאָמישע און קולטור־פּאָזיציע, וואָס יידן האָבן דאָ פאַרנומען, האָבן ווייט אַריבערגעשטיגן זייער צאָל. דאָס בילד פון קעלץ איז געווען יידיש. די לאַנגע גאַס אָנהייבנדיק פון דער באַן־סטאַציע ביז ווייט איבערן שטאָט־צענטער און אַלע קווער־גאַסן זענען געווען געדיכט באַוווינט מיט יידן און באַזעצט מיט יידישע געשעפטן. די שילדן איבער די געשעפטן, די הייזער גופא, די מענטשן אויף די גאַסן — יידן און יידישקייט. כאָטש די פאַרמלחמה׳דיקע פּוילישע מאַכט האָט געגנוויט די יידישע פאַבריקאַנטן זאָלן באַזייטיקן יידישע אַרבעטער און אויף זייער אָרט צונעמען פּוילישע, איז דאָך די קעלצער אינדוסטריע געבליבן יידיש און איבער קעלץ האָט געקיניגט די יידישע משפחה זאַגאַיסקי — אייגנטימער פון גרויסע קאַלך־אויוונס, וואָס האָבן געליפערט קאַלך פאַר גאַנץ פּוילן.

קעלץ האָט נישט פאַרמאָגט יענע טיפע טראַדיציעס פון די אַלט־יידישע שטעט, ווי לובלין אָדער קראָקע. זי איז אפשר געווען די יינגסטע יידישע קהילה אין פּוילן. מיט הונדערט יאָר צוריק איז אין קעלץ נישט געווען קיין איין ייד. נאָכן אַראָפּנעמען דעם פאַרבאָט פאַר יידן דאָרט צו וווינען, האָט זיך במשך פון אַ קורצער צייט איינגעשטעלט אַ יידיש לעבן, וואָס איז פון דעמאָלט־אָן געגאַנגען באַרג־אַרויף ביז דער גרויסער קאַטאַסטראָפע 1939.

צוליב איר יונגקייט האָט קעלץ נישט פאַרמאָגט קיין גאונים און רבנים. קיין באַרימטע ישיבות און תלמוד־תורה׳ס. דאָס יידישע לעבן האָט זיך דאָ מער אַנטוויקלט אונטערן איינפלוס פון די פּאָלאָניזאַציע־שטרעמונגען. אויך שפּעטער האָט די יידיש־וועלטלעכע קולטור נישט אָפּגעהאַלטן דאָ אירע גרויסע נצחונות, אָבער קעלץ איז געווען אַ שטאָט פון יידישן האַרץ, די זעלבע יידן ווי אין וואַרשע און שעדלעץ, די זעלבע קרבנות־גרייטקייט, די זעלבע צוגעבונדנקייט צו די יידישע טוגנדן און יידישע דרכים. פאַרקערט, צוליב איר אויפגעקומענקייט איז די קעשענע פון די קעלצער יידן אָפּטמאָל געווען נאָך מער אָפן ווי אין אַנדערע שטעט, פּונקט ווי זי וואָלט מיט צדקה און ברייטקייט געוואָלט דאָקומענטירן איר מאַנגל אין תורה־טראַדיציעס.

צווישן דעם קעלצער בירגערטום האָט דעם גרעסטן איינפלוס געהאַט ציוניזם. אָבער אויך אַנדערע פּאָליטישע פּאַרטייען ביי יידן האָבן דאָ געהאַט זייער ערלעך אויסקומעניש. און פּונקט ווי אין די אַנדערע שטעט האָבן די קעלצער יידן געגלויבט, אַז זיי בויען אַן אייביקייט און אין אַט דער אייביקייט וועלן זיך אָפּשפּילן אַלע

יידישע גאולה׳ס... זיי װעלן, האָבן זיי געגלױבט, דורך זייער מיפּולער אַרבעט אױסבױען אַ יידישע מלוכה אין ארץ ישראל, זיי װעלן אױספורמען די סאָציאַלע רעװאָלוציע אין קעלץ, זיי װעלן באַפרייען זיך און אַנדערע, און אין קעלץ גופא װעלן זיי לאָזן נאָך טיפערע װאָרצלען װי ביז איצט...

בין איך איצט געקומען קיין קעלץ און געטראָפן אַלץ װאָס יידן האָבן געשאַפן, אָבער פון זיי גופא, פון די יידן, האָב איך געפונען בלויז איינצעלנע. בוכשטעבלעך איינצעלנע יידן. און נישט אין זייערע הייזער האָב איך זיי געטראָפן, נאָר צופעליק, װי מען טרעפט מענטשן אויף אַ װאָקזאַל.

דאָ איז פאַרקערט װי אין אַנדערע שטעט. די באַװעגונג איז אַ ריזיקע, די גאַסן זענען פול מיט מענטשן. פאַר דעם, װאָס האָט די שטאָט נישט געקענט פאַר דער מלחמה, װעט אַלץ דאָ אויסזעען נאָרמאַל. ער װעט נישט דערקענען, אַז פון דער שטאָט האָט מען צוגענומען די ריךעװודיקסטע און שעפערישסטע פון צװישן דער באַפעלקערונג.

עס איז געװען אַ צייט — אָנהייב 1940 — װען אין קעלץ האָבן זיך געפונען אַכט און צװאַנציק טויזנט יידן. װען נאָכן פאַרנעמען פּוילן דורך די דייטשן האָט זיך אָנגעהויבן די יידן־װאַנדערונג, בעסער געזאָגט: די יידן־לויפעניש, זענען פון קעלץ אַנטלאָפן עטלעכע טויזנט יידן. זיי זענען געלאָפן אויף דער סאָװיעטישער זייט, קיין לעמבערג. שפּעטער זענען פיל פון זיי געקומען צוריק, כדי „צו שטאַרבן אויפן אייגענעם בעט״. אויך פון די אַרומיקע שטעטלעך זענען געקומען יידן, און אַ 2 טויזנט יידן זענען געקומען פון לאָדזש און פון דער לאָדזשער פּראָװינץ. ערב פּסח 1941 זענען איינגעשלאָסן געװאָרן אין געטאָ אַכט־און־צװאַנציק טויזנט יידן. לויט אַנדערע שטעט איז דאָס קעלצער געטאָ געװען גענוג גרויס. די דאָרטיקע פּוילישע פירער האָבן געבעטן די דייטשן צו באַשטימען אַ גרויסן געטאָ, װייל אין ענגשאַפט ברעכן־אויס עפּידעמיעס, און פון יידישע עפּידעמיעס קען ליידן די גאַנצע באַ־פעלקערונג. די דייטשן זענען אַנטקעגנגעקומען דער אינטערװענץ פון די פּוילישע שטאָט־טאַטעס, אָבער שפּעטער האָבן זיי זיך געכאַפּט, אַז דװקא דאָס װאָס די פּוילישע פירער װילן איז קעגן דער פּאָליטיק פון די דייטשן. זיי, די דייטשן דאַרפן עפּידעמיעס, און װאָס גרעסערע עפּידעמיעס, אַ נאַטירלעכע פאַרניכטונג איידער זיי האָבן געלאָזט אין גאַנג די גאַז־קאַמערן. זיי שניידן אָפּ פון געטאָ די װאַרשעװער גאַס און די ענגשאַפט װערט אַ „פּראָדוקטיװע״: עס ברעכט אויס אַן עפּידעמיע פון טיפוס, װאָס נעמט צו פיר טויזנט קרבנות. אין געטאָ הייבט זיך אָן אַ פיל־ערגערע עפּידעמיע: דעגענעראַציע. אַ געװיסער הערמאַן לוי, אַן אַסימילירטער ייד, מסר׳ט דעם פּרעזעס פון יודנראַט ד״ר פּעלץ, אַז ער אַרבעט קעגן דער דייטשער מאַכט. ד״ר פּעלץ װערט אין מערץ 1941 פאַרשיקט קיין אָשװיענטשים און ער, הערמאַן לוי, נעמט־איבער די אָנפירערשאַפט פון יודנראַט װי אַ פּשוטער געסטאַפּאָ־אַגענט. אויך ער װעט שפּעטער, נאָך זיינע „לייסטונגען״, אומקומען אין נאָװעמבער 1942 אין די אָשװיענטשימער גאַז־קאַמערן.

די יוגנט אין געטאָ גרייט־צו אַן אונטערערדישע באַוועגונג. אָבער דאָ חזרט זיך איבער די זעלבע פּינצטערע דערשיינונג ווי אין אַלע פּוילישע שטעט: קעגן די יידן זענען נישט נאָר די דייטשן. די יידן זענען פולשטענדיק אײַנזאַם. די פּוילישע אָרגאַניזאַציעס האָבן הילף פון אויסלאַנד, זיי האָבן געווער, זיי ווילן אָבער נישט אָנקנופּן קיין שום קאָנטאַקט מיט די געטאָ־יידן. דאָס געטאָ בלייבט מיט ליידיקע הענט און אָן יעדער האָפענונג אויף וועמענס עס איז הילף פון דער אויסערלעכער וועלט. אויסער דעם לויערן אויף די יידישע בחורים די אינערלעכע שונאים — די יידישע פּאָליציי. דאָס געטאָ איז צו ענג, מען זאָל קענען עפּעס וואָס טון אין קאָנספּיראַציע.

דעם 20־טן אויגוסט 1942 הייבט זיך אָן דער סוף פון אַלע האָפענונגען. די דייטשע „זאָנדערקאָמאַנדאָ" מיט אירע אוקראַינישע, ליטווישע און פּוילישע צו־העלפער באַזעצן דאָס געטאָ און במשך פון עטלעכע טעג ליקווידירן זיי די קעלצער קהילה. די „נאָרמע" איז: זעקס טויזנט יידן אַ טאָג. די „נאָרמע" איז: אומברענגען וואָס מער יידן אויפן אָרט. בעת די „אויסזידלונגען" ווערן די גאַסן, די הייזער און די בונקערס פאַרפּלייצט פון יידיש בלוט. טויזנטער טויטע יידן וואַלגערן זיך אין די גאַסן. אַ ווילדע שחיטה גייט־אָן במשך פון אַ גאַנצע וואָך. יעדן צווייטן טאָג ווערן אַרויסגעפירט זעקס טויזנט יידן — אין די טעג פון 20־טן, 22־טן און 24־טן אויגוסט. צום סוף בלייבן אין געטאָ נישט מער ווי צוויי טויזנט און הונדערט לעבעדיקע יידן, צווישן זיי 45 קינדער פון דער פּאָליציי, דאָקטוירים און יידנ־ראַטלער.

ווען צום לעצטן טראַנספּאָרט פעלן־צו זעקס הונדערט לעבעדיקע יידן — ווערן זיי דערגענצט פון די פאַרבליבענע אַרבעטער. אין קעלצער אַרבעטסלאַגער ווערן פאַרשפּאַרט טויזנט פינף הונדערט יידן. מיט זייערע הענט זאַמלען־צונויף די דייטשע רוצחים דאָס רויב. אָט די יידן וועלן לעבן אַזוי לאַנג ווי זייער אַרבעט וועט אויסגענוצט ווערן. געבליבן זענען בלויז יונגע כוחות. הייבן זיי איצט אָן אינטענסיוו זיך גרייטן צו אַן אויפשטאַנד. די אָרגאַניזאַטאָרן זענען דוד באַכווינער פון „השומר הצעיר", גרשון לעווקאָוויטש — פון „איחוד" און דער יונגער כמיעלעווסקי. זיי פאַבריצירן אפילו אַליין געווער. דוד באַכווינער מאַכט אַליין גראַנאַטן. אָבער אָט כאַפּט זיך אַריין אין דער באַוועגונג אַ פּראָוואָ־קאַטאָר. דאָס איז יאָהאַן שפּיגעל, אַ ווינער ייד, דער שעף פון דער יידישער פּאָליציי אינעם לאַגער. ער קומט אין דער אָרגאַניזאַציע ווי אַן אייגענער. אויך ער וויל זיין צווישן די אויפשטענדלער, אויך ער וויל פאַבריצירן געווער, וויל מאַכן גראַנאַטן. ער געווינט דעם צוטרוי פון די אָרגאַניזאַטאָרן און זיי פאַרטרויען אים די פּלענער. יאָהאַן שפּיגעל גלויבט, אַז מיטן אויסגעבן די אָרגאַניזאַציע וועט ער געווינען דאָס לעבן פאַר זיך און פאַר זיין פאַמיליע. דער אויסוואורף וואָגט איבערצוגעבן די אָרגאַניזאַציע אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ און אַלע פאַלן מיטן טויט פון קדושים. שפּעטער, ווען די דייטשן ליקווידירן דעם אַרבעטסלאַגער און זיי

פֿאַרשיקן דעם פּראָוואָקאַטאָר קיין אָשוויענטשים, קומט ער דאָרט אום פֿון די הענט פֿון צוויי פֿרומע יידישע בחורים, די ברידער שלמה און יהודה פּערל פֿון קעלץ.

אין נישטאָ מער די יידישע קהילה קעלץ. זי האָט נאָך דער מלחמה געפּרווט זיך אויפֿלעבן. אַ ביסל האָבן זיך געראַטעוועט אין רוסלאַנד, רעשטלעך זענען אַרויס פֿון די לאַגערן, זענען פֿיר הונדערט קעלצער יידן אַהיימגעקומען און גע־וואָלט אָנהייבן פֿונדאַסניי, ווי מיט הונדערט יאָר צוריק, אָבער די פּוילישע באַפֿעל־קערונג האָט באַשלאָסן: נישט. זיי וועלן נישט דערלאָזן מער קיין יידן אין קעלץ. דער נצחון פֿון די דייטשע מערדער איבער די יידן, איז אויך זייער נצחון, און זיי וועלן נישט לאָזן אים אַרויסרייסן פֿון זייערע הענט. און בעתן פּאָגראָם אין 1946 האָבן זיי איינגעאָרדנט אַן „אויסזידלונג" אויפֿן מוסטער פֿון דער דייטש־אוקראַיני־שער „זאָנדערקאָמאַנדאָ". דער איצטיקער פֿאַרשטייער פֿון דער רעליגיעזער קאָנ־גרעגאַציע אין קעלץ, איזידאָר כהן, פֿירט מיך צו צום הויז, ווו עס זענען געפֿאַלן די מערהייט פֿון די קרבנות. ער דערציילט מיר, אַז די טאַקטיק פֿון די פּוילישע באַנדיטן איז געווען אַן אַדורכגעטראַכטע, פּונקט ווי דער גאַנצער פּאָגראָם איז פֿון פֿריער־אויס געווען געפּלאַנט, מיט געהעריקע פּראָפּאַגאַנדע־מיטלען אין די גאַסן. און דער פּאָגראָם איז אויסגעפֿירט געוואָרן דורך די פֿאַראייניקטע כוחות פֿון אַלע פּוילישע שיכטן. זיי האָבן געטויט די יידן געלאַסן, אויף קאַלט, ווייל זיי זענען זיכער געווען, אַז קיינער וועט זיי נישט שטערן אין דער אַרבעט. אַפֿילו אויסוווּר־פֿן פֿון דער זיכערהייטס־מאַכט האָבן זיך באַטייליקט אינעם פּאָגראָם.

די צענטראַלע מאַכט האָט דעם פּאָגראָם ליקווידירט. אַ צענדליק פּאָגראָמ־שטשיקעס זענען דערשאָסן געוואָרן. און אַפֿילו עטלעכע אָפֿיצירן פֿון דער זיכער־הייטס־מאַכט זענען אומגעבראַכט געוואָרן „פֿאַר זייער לאַנגזאַמער אינטערווענץ בעתן פּאָגראָם". אָבער דער פֿאָטער פֿון פּאָגראָם — דער קאַרדינאַל הלאָנד איז געבליבן אין קעלץ. און יידן זענען אַנטלאָפֿן איבער די גרענעצן. זיי האָבן, הייסט עס, געגנוג קעלץ און דאָס לאַנד, ווו אַלדאָס טייערסטע איז צעשטויבט און פֿאַר־ניכטעט געוואָרן.

אין קעלץ זענען פֿאַרבליבן סך־הכל אַ צוואַנציק יידן, יידישע בחורים און מיידלעך, וואָס אויף דער גאַס וועט איר נישט באַמערקן, אַז דאָס זענען יידן. ווו וווינען די דאָזיקע יידן? קיינער ווייסט נישט. ווען איך בין געקומען קיין קעלץ האָט מיר אַ מיליציאָנער אויף דער גאַס אינפֿאָרמירט, אַז אויב איך זוך יידן, מוזן זיי וווינען נעבן דער זיכערהייטס־מאַכט, ווייל סתם אין שטאָט האָבן יידן מורא צו וווינען. אוןווירקלעך האָב איך אין אַ הויז, נעבן דער פּאָליצײַ־סטאַציע געפֿונען דריי דירות, ווו עס „וווינען" יידן. אין די קליינע צימערלעך איז דאָס בעט, מיטן טיש און דער אויוון צוזאַמען. אויפֿן טיש, אויפֿן בעט און אויפֿן אייזערנעם אייוועלע האָב איך אין אָוונט געהאַט אַ באַגעגעניש מיט דער גאַנצער קעלצער יידישער

באַפעלקערונג. איך האָב בשום אופן נישט געקאָנט דערגיין, וואָס עס האַלט דאָ די צוויי צענדליק ייִנגע ייִדן. פון איין פרוי האָב איך געהערט, אַז זי איז דאָ צייטווייליק. זי פירט אַ מלחמה מיט אַ פּוילישע פרוי וועגן איר שוועסטערס קינד, וואָס די פּוילישע פרוי וויל נישט צוריקגעבן. אַ ייִנג מיידל, וואָס איז צוריקגעקומען, אַרבעט אַלס אַנגעשטעלטע אין אַ קריסטלעך געשעפט. עטלעכע בחורים פאַרנעמען זיך מיט פאַרקויפן הייזער און זיי פאַרשפּילן דאָס געלט אין קאָרטן און אין קעלצער נאַכט־קלוב. איין יונגערמאַן האָט מיר דערקלערט, אַז סיי־ווי האָבן ייִדן פאַרשפּילט די מלחמה — טאָ וואָס פאַר אַ נפקא מינה, ווו מען פאַרענדיקט די עטלעכע יאָר. און דער פּרעזעס, דער פאַרשטייער פון דער רעליגיעזער קאָנגרעגאַציע קאָן דאָך נישט איבערלאָזן די „ייִדישע באַפעלקערונג" און סתם אַוועקפאָרן. זיצן דאָ אַ צוויי צענדליק ייִדן, ווי אויף אַ וואָקזאַל. באַנען קומען און גייען אַוועק, אָבער די פּאַסאַזשירן זענען סיי־ווי נע ונד'ע, טאָ ווו זאָלן זיי פאָרן?

כאַראַקטעריסטיש פאַר די קעלצער פּאָליאַקן איז דאָס, וואָס בעת די דייטשן זענען פאַרטריבן געוואָרן, האָבן זיי זיך גענומען צו פאַרניכטן דאָס, וואָס די דייטשן האָבן נאָך נישט געהאַט פאַרניכטעט. די דייטשן האָבן דעם קעלצער בית עולם פאַרפּעסטיקט. זיי האָבן געמאַכט פון אים אַן עקזעקוציע־פּלאַץ. האָבן זיי דעם פאַרקאַן פאַרפּעסטיקט מיט ייִדישע מצבות. נאָכן פאַרטרייבן די דייטשן האָבן זיך כוליגאַנעס גענומען צום פאַרקאַן און במשך פון עטלעכע טעג אים פולשטענדיק צעשטערט. איצט האָבן ייִדן אויפגעבויט אַ נייעם פאַרקאַן און אויפן בית־עולם אויפגעשטעלט אַ דענקמאָל פאַר די אומגעקומענע ייִדן בעת דער אָקופּאַציע און בעתן קעלצער פּאָגראָם.

די גרויסע, שיינע שול האָבן די דייטשן פאַרוואַנדלט אין אַ מאַגאַזין, ווו עס האָט זיך געפונען דאָס בעטגעוואַנט נאָך דער „אויסזידלונג" פון די ייִדן. דער גאַנצער ריזיקער בנין איז געווען אויסגעפּולט מיט קישנס און פּערענעס. נאָך דער באַפרייאונג איז די שול פּשוט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קלאָזעט פאַר פּויערים, וואָס קומען אויפן גרויסן שול־פּלאַץ מיט זייערע וועגענער אין מאַרק־טעג. ווען איך בין צוזאַמען מיט דעם דערמאָנטן איזידאָר כהן געגאַנגען באַקוקן די שול האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף אַ גרופּע פּוילישע שול־יוגנט, וואָס האָט זיך געלערנט צילן מיט שטיינער אין די איבערגעבליבענע שויבן אין די פענצטער. דאָס איז דער נאָכקומענדיקער דור פון די פּוילישע אויסוואורפן, וואָס האָבן צענדליקער קברים אויפן בית־עולם צעגראָבן און באַרויבט די מתים פון די גאָלדענע ציין; דאָס איז דער נאָכוווקס פון די, וועלכע האָבן הונדערטער מצבות פון בית־עולם אַראָפּגעפירט און פאַרשלעפּט אין זייערע היימען אויף בוי־צוועקן.

די צווייטע שול אין קעלץ — זאַגאַיסקעס שול — איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אייזן־סקלאַד.

אַלץ, וואָס איז געשען אין קעלץ נאָך דער באַפרייאונג, איז געווען די ליקווידאַציע פון יעדן שפּור נאָך די ייִדן. און אַפילו דער פּאָגראָם אין קעלץ איז

געוועזן אַ פּשוטער המשך פון אַט דער ליקווידאַציע פון די רעשטלעך. פון דער גרויסער יידישער קהילה זענען סך־הכל פאַרבליבן פינף הונדערט קעלצער יידן. האָבן די רוצחים געוואָלט אויך די שארית־הפליטה פאַרניכטן און מיט דעם פאַר־ענדיקן די געשיכטע פון יידישן זיין אין דער דאָזיקער שטאָט.

אַזעלכע קעלצער ליקווידאַציע־פּאָגראָמען זענען פאָרגעקומען אין אַ סך שטעט אין פּוילן נאָך דער באַפרייאונג און עס איז כמעט זיכער, אַז ווען אין פּוילן זאָל זיין אַן אַנדער סדר, ווי ס׳איז איצט, וואָלטן אָט די ליקווידאַציע־פּאָגראָמען פאָרגעקומען ביז דער פולשטענדיקער פאַרניכטונג פון דער שארית־הפליטה.

פינטשעוו

אין מיטן וועג, אויפן שאָסיי צווישן קעלץ און ראַדאָם, ליגט אַ שטעטל, וואָס האָט אַמאָל געהייסן פינטשעוו. אויך הייַנט איז דאָס שטעטל אַ שטעטל, וואָרום ביים אַרייַנפאָר זעסטו באַשיימפּערלעך אַ גרויסן שילד מיט אַן אויפשריפט, וואָס פאַרזיכערט, אז דו ביסט אין פינטשעוו. אויך דער קאָנדוקטאָר פון אויטאָבוס מיט וועלכן איך פאָר, גיט מיר ארויס אַ בילעט קיין פינטשעוו. אָבער ווען דער אויטאָ־בוס קומט־אָן אויפן שטעטלשן מאַרק, ווייזט זיך אַרויס, אַז מען איז פאַרפאָרן אויף אַ שטילן יידישן בית־עולם. דאָס ערשטע, וואָס אַ יידיש אויג דערזעט, זענען די מצבות, מיט וועלכע מען האָט אויסגעפלאַסטערט די גאַסן.

אַמאַליקע יאָרן, פאַרן חורבן, איז פינטשעוו געווען אַ שם דבר. פינטשעוו איז ביי יידן געווען אַזוי באַרימט ווי כעלעם. אָבער איבער אָט דער שטאָט האָבן זיך יידן נישט געוויצלט, נישט דערציילט קיין הלצות און נישט געזעען דאָרט קיין שוואַכקייטן.

פאַרקערט, פינטשעוו איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַן ערנסטע, אַרבעטסזאַמע שטאָט מיט א ספּעציעלער פילאָזאָפישער ראָל, מיט אַ מוסר־השכל. די שטאָט האָט ביי יידן געגאָלטן ווי אַ מין וועלט־זייגער. אַז אַ ייד האָט געוואָלט זאָגן, אז ס׳איז שוין שפּעט, פלעגט ער זאָגן, אַז אין „פינטשעוו טאָגט שוין". פאַר אַלע יידישע שטעט און שטעטלעך אין פוילן פלעגט אין פינטשעוו אָנהייבן טאָגן צום סאַמע פריסטן...

די אַלעגאָריע, אַז „אין פינטשעוו טאָגט שוין" איז געווען אַזוי פּאָפּולער ביי יידן, אַז אין די אַרבעטער־פּאַרטייען איז פינטשעוו געוואָרן דער פאַראויסלויפער פון רעוואָלוציע. איך דערמאָן זיך, אַז אין וואַרשעווער נאָדל־פּאַראיין, אויף נאַלעווו־קעס 2אַ, האָט איינמאָל בעת אַ דיסקוסיע איינער פון עולם געמאַכט א רעדנער אַ בייזן צווישנרוף, אַז „אין פינטשעוו טאָגט שוין". דאָס איז געווען אַן אָנצוהערעניש, אַז דער פּרעלעגענט איז מיט זיינע מיינונגען פאַרעלטערט און אַז ער רעדט וועגן נאַכט, בעת „אין פינטשעוו טאָגט שוין", די רעוואָלוציע, הייסט עס, קלאַפּט אין דער טיר...

און ווי ס׳איז דער שטייגער פון פילאָזאָפן האָבן פינטשעווער יידן נישט געמאַכט זיך וויסן פון דעם, וואָס די וועלט רעדט וועגן זיי. זיי האָבן געהאָט זייער אייגן לעבן, זייער אייגענעם יידישן שטייגער פון אַרבעט און מסחר.

פינטשעוו האָט געבענקט נאָך גאולה. פונעם גאַנצן קרייז אַרום האָט די שטאָט אַרויסגעגעבן די גרעסטע צאָל חלוצים, וואָס זענען עולה געווען קיין ארץ־ישראל צו לעשן זייער בענקשאַפט אין עמק און אין שרון. די מער אומגעדולדיקע

זענען אַוועק צו די קאָמוניסטן, אויסגעפּילט די קעלצער טורמע, און געמיינט צו ברענגען די „ראַפּטאָוונע" רעוואָלוציע נישט נאָר פאַר זיך, נאָר פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. נאָר ווען אויף די פּינטשעווער יידן איז געקומען דער מבול האָט די „מענטשהייט" פאַרגעסן אָן יענע צעטרוימטע בחורים אין דער קעלצער טורמע און אין זייערע טאַטעס, די פּינטשעווער אָרעמע באַלעבאַטים.

ווען די „ראַפּטאָוונע" רעוואָלוציע איז געקומען, זענען די פּינטשעווער טרוימער שוין געווען פאַרוואַנדלט אין אַש, מיט וועלכן פיל פון די גענייסער פון דער רעוואָלוציע האָבן באַמיסטיקט זייערע פעלדער.

אַדרבה, מאַכט מיט מיר דעם אַבענטויערישן שפּאַציר איבער פּינטשעוו. לאָמיר צוזאַמען זען די הייזלעך, וווּ עס זענען געשטאַנען די וויגן פון די פּינטשעווער טרוימער. אויף איינעם אַ מויערל וועט איר געפינען אַ רויטן שילד מיט ווייסע גרויסע, קידוש־לבנהדיקע אותיות, וואָס דערציילן אייך, אַז דאָ אין דעם הויז געפינט זיך די פּאַרטיי פון דער רעוואָלוציע. דאָ זיצן היינט די גענייסער פון דער רעוואָלוציע. אַלע הייזער אַרום זענען געווען באַוווינט פון יידן. ווען איר עפנט אַ טיר פון וועלכער שטוב עס זאָל נישט זיין וועט איר אויף די טיר־רעמען נאָך זען די צוויי טשוועקלעך, וואָס האָבן אַמאָל צוגעהאַלטן אַ מזוזה. פון יעדעס שטיקל מעבל אין אַ שטוב טראָגט זיך נאָך דער ריח פון קידושים און הבדלות. דאָ האָט געטרוימט וועגן גאולה און רעוואָלוציע אַ גאַנצער דור. דער דור איז אַוועק מיטן רויך פון די קרעמאַטאָריעס. זייער אָרט האָבן פאַרנומען די, וואָס האָבן געירשנט דאָס יידישע האָב און גוטס און — די רעוואָלוציע...

קאָן מען היינט נישט זאָגן, אַז „אין פּינטשעוו טאָגט שוין". אין פּינטשעוו טאָגט נישט מער. די רוצחישע דייטשן האָבן געבערענגט מיט זיך אַ פינצטערע נאַכט פאַר אונז, און די אייביקע נאַכט איז אין פּינטשעוו געבליבן — פאַר אונז, פאַר יידן.

ווען איך בין געקומען אַהער איז געווען אַ האַרבסטיקער פרימאָרגן. די שטאָט איז נאָך געשלאָפן. עס איז געשלאָפן דער מאַרק. עס זענען געשלאָפן די געסלעך און — די מצבות אין די גאַסן. צווישן די הייזלעך איז געשלאָפן אַ יידיש שטעטל. איך וואַרט אַ ליאַדע מינוט צו דערזען די יידן, זיי וועלן אַרויס פון די הייזער, זיי וועלן זיך איילן אין בית מדרש אַריין אָפּצודאַווענען מיטן ערשטן מנין, זיי וועלן זיך איילן צו דער אַרבעט. די יידישע קראָמען וועלן זיך עפענען. איך וועל דערזען די יידישע קינדערלעך אויפן מאַרק, נאָך פאַרשלאָפענע עופעלעך וועלן זיי איילן אין די חדרים און אין שול. עס וועט אַ פלייץ־טאָן מיט יידיש לעבן.

אָבער ווידער איז דאָס נישט מער ווי אַ פינצטערער מיראַזש.

עס האָט זיך געעפנט אַ טיר פון אַ בעקערייי אויפן מאַרק און איך בין שנעל אַהינגעלאָפן, וואָרום אַ בעקערייי אין פּינטשעוו איז זיכער אַ יידישע. אין דער בעקערייי האָב איך געפונען אַ גוי, אַ פּויער, ער האָט די בעקערייי געירשנט נאָכן יידישן בעקער. דער פּויער פרעגט מיך, וואָס איך טו אַזוי פרי אין שטאָט. און איך זאָג אים — אַ שגעון — איך בין געקומען באַקוקן די שטאָט. קוקט מיך אָן דער

פויער, ווי איך וואָלט, חס וחלילה, געווען חסר דעה. ער פאַרשטייט גאָרנישט, וואָס אַזעלכעס עס איז דאָ צו באַקוקן אין פינטשעוו.

זאָג איך אים ווייטער, אַז איך בין געקומען אַהער זעען — יידן. און דעם „בעקערס" פּנים ווערט נאָך מער אויסגעקרומט.

איך פיל: ער איז שוין אינגאַנצן זיכער, אַז איך בין נישט ביי די קלאָרע געדאַנקען. יידן? אין פינטשעוו יידן? פונוואַנען קומען יידן קיין פינטשעוו? ווען האָט די וועלט געהערט אַזאַ זאַך, ווי יידן אין פינטשעוו? ער מאַכט אַ פּנים פון אַ „שאינו יודע לשאול". ער ווייסט פון גאָרנישט, פּונקט ווי די בעקעריי וואָלט אים אַראָפּגעפאַלן פון הימל, פּונקט ווי די הייזער אַרום מאַרק און די שמאָלע געסלעך אַרום וואָלטן פון זיך אַליין אַרויסגעשפּרונגען פון גאָרנישט...

אין פינטשעוו איז אויסער יידישע אומבאַקאַנטע און אָפּגעמעקטע קברים גאָרנישט געבליבן. אַפילו קיין איין איינציקער ייד איז נישטאָ, ווו נעכטן, אייער־נעכטן האָבן בלויז יידן געלעבט.

פינטשעוו איז יידנריין. פינטשעווער יידן האָבן מיט זייערע לייבער צעש־טויבטע אין אַש באַמיסטיקט די פעלדער פון סאָביבאָר און מיידאַנעק. די פעלדער אַרום פינטשעוו זענען פול מיט צעהפקרטע יידישע קברים.

בעת דער דייטשער אָקופּאַציע האָבן די פינטשעווער פּוילישע שטאָט־באַ־לעבאַטים געפירט אַ „פּלאַן־ווירטשאַפט", אַן עקאָנאָמישע ווירטשאַפט. זיי האָבן געגלויבט, אַז דער סדר פון די דייטשע „אויבערמענטשן" וועט דויערן אַן אייביקייט און כדי וויל צו געפעלן אין די אויגן פון זייערע באַצווינגער האָבן זיי די גאַסן אויסברוקירט מיט יידישע מצבות. ס'איז געווען אין דייטשן און אין זייער אייגענעם גייסט און עס איז עקאָנאָמיש.

שטיי איך איבער די מצבות אויף די פינטשעווער גאַסן און וויל לייענען אויפשריפטן, איך וויל אָפּגעפונען נעמען. אָבער אכזריותדיקע מענטשלעכע טריט האָבן שוין די אותיות אָפּגעריבן. מען קאָן שוין מער נישט לייענען. איך זע נאָך בלויז סימנים פון צוויי הענט מיט צעשפּרייטע פינגער ווי צום דוכענען — אַ מצבה פון איבער אַ כהנס קבר, ווייטער אַביסל דערקען איך אויף אַ שטיין די אותיות פון צוויי ווערטער: „האשה הצנועה".

און דאָס איז אַלץ, וואָס איז געבליבן פון אַ יידישער שטאָט.

פינטשעווער, אומבאַקאַנטער ייד, אויב דו ביסט ערגעץ דאָ אין וועלכן עס איז ווינקל אויף דער ערד און אין דיין ביטערער אבלות טראַכסטו אַמאָל צו קומען קיין פינטשעוו אויף קבר־אָבות, — צו דיר זענען געווענדעט מיינע ווערטער: דיין וואונדערלעך שטעטל, דאָס שטעטל פון דיינע יוגנטלעכע בענקשאַפטן מיט אַלע שיינקייטן, וואָס האָבן דיינע ערשטע בליקן אויף דער וועלט צעפלאַמט, ליגט אין וויסטע חורבות. דער וואַנדאַלישער שטורעם, וואָס איז פאַרביי די געסלעך, ווו דו האָסט דיינע ערשטע טריט געשטעלט, האָט אַפילו נישט איבערגעלאָזט קיין שטיין, ווו דו זאָלסט דיין אבל־בליק קאָנען ווענדן. נישט דיין חדר און נישט דיין שול,

דענקמאָל פאַר די אומגעקומענע יידן אין ביאַלע



דער דענקמאָל איז צעשטערט געוואָרן דורך פּוילישע כוליגאַנעס
אין ביאַלע



די אויסגערויבטע קעלצער שול

א פראגמענט פון פלאפאָן און אָרון־קודש פון דער קעלצער שול
(אויפגענומען דורכן מחבר)

אַפילו קיין גאַנצן קבר פון דיינע זיידעס וועסטו אין דער דאָזיקער פאַרווילדע־טער שטאָט נישט געפינען. די שיף פון אַלע דיינע קינדער־חלומות איז אונ־טערגעגאַנגען.

אין יענעם באַגינען, ווען איך בין געווען אין פינטשעוו, האָב איך געזען, ווי אויפן מאַרק און אין די געסלעך אַרום מאַרק האָבן זיך אויפגעעפנט עטלעכע קרעמלעך. איך האָב זיך בשום אופן נישט געקאָנט באַפרייען פון געפיל, אַז דאָס זענען יידישע קראָמען, וואָרום איך קען דאָך אַזוי גוט די קרעמעלעך פון זאַלץ און נאַפט און פון פאַרביקע סחורות. איך דערקען זייערע טירן, וואָס אין די חל־המועד׳ס פלעגן זיי זיין בלויז אין דער העלפט געעפנט, וואָס דורך זייערע קליינינקע שייבעלעך פלעגן ארויסקוקן יידישע טאַטעס מיט בערד און מילדע יידישע אויגן. זענען איצט די אַלע קרעמעלעך מער נישט יידישע. הינטער זייערע שמאָלע טאָמ־בענק שטייען היינט די, וועלכע זענען נעכטן די קונים געווען, די קונים פון נאַפט און זאַלץ און פאַרביקע געווענדער. זייער גרויסער חלום פון רויב אַנטקעגן דיינע גאולה־חלומות, איז מקוים געוואָרן, אַ פינצטערער חלום, וואָס איז וואָר געוואָרן.

דער גורל פון די פינטשעווער יידן איז געווען אַ ספעציעל ביטערער. דער גאַנצער קעלצער קרייז איז אַלע יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען אַ נעסט פון קעמפעריִשן אַנטיסעמיטיזם. ער איז געווען פיל געפערלעכער, ווי די יידן־שנאה פון דעם פאַרגרעבטן פאָדלאַסיע. דאָ, אין דער געגנט, האָט די פאַרמל־חמהדיקע פוילישע רעגירונג געשאַפן דעם צענטראַלן אינדוסטריי־צענטער, וואָס האָט געדאַרפט איבערבויען די פוילישע ווירטשאַפט פון אירע יסודות. איז די אַנ־טיסעמיטישע פייל פון דער רעגירונג געווען געווענדעט קודם־כל אַהער. דאָ פלעגן די פאַרמלחמהדיקע אַנטי־יידישע באָיקאָט־אַקציעס אָננעמען אַ פאָגראָם־כאַראַקטער. איז ווען עס איז געקומען די שרעקלעכע שעה פון פאַרניכטן די פינטשעווער יידן, האָבן מחנות פוילישע כוליגאַנעס מיטגעהאָלפן די דייטשע און אוקראַינישע באַנדעס אין אומברענגען די פינטשעווער קהילה.

הונדערטער יידן, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט פון דייטשע הענט, זענען שפּעטער אויסגעמאָרדעט געוואָרן דורך די פאַרטיזאַנער פון א.ק.*), וועלכע האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין די קעלצער וועלדער. אין דעם קרייז האָט זיך פשוט קיין איין ייד נישט געקאָנט ראַטעווען. איז כמעט נישט געבליבן קיין שארית הפליטה פון פינטשעווער יידן. ווען די וועלדער אין קעלצער קרייז וואָלטן געקאָנט רעדן, וואָלטן זיי דערציילט אַן אימהדיקע מגילה פון ראַנגלעניש און אומקום.

ווען אין פינטשעוו זענען שוין מער קיין יידן נישט געווען — האָבן די דייטשן פאַרקויפט די יידישע זאַכן צו דער פוילישער באַפעלקערונג, וואָס איז אַריין אין שטאָט און באַזעצט די יידישע הייזער.

דער פּאָליאַק, וואָס גייט מיר ווייזן דאָס חרובע פעלד, וואָס איז אַמאָל דאָס

*) „ארמיא קראיאָווא״ — לאַנדס־ארמיי.

יידישע בית־עולם געווען, דערציילט מיר, אַז אין פּינטשעוו זענען געווען אַזוי פיל יידישע פערענעס און קישנס, אַז ווען מען האָט זיי אויפגעטרענט, כדי אין די פּע־דערן צו זוכן גאָלד, איז גאַנץ פּינטשעוו געווען ווייס, ווי עס וואָלט געפאַלן שניי...

מיט אָט דעם „שניי" האָט זיך פאַרענדיקט די געשיכטע פון דער יידישער קהילה און איבער פּינטשעוו האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ שווערע נאַכט, נאָך וועלכער אויף דעם אָרט קאָן שוין קיינמאָל נישט טאָגן.

ראַדאָם

איז געווען אַמאָל אַ יידישע שטאָט ראַדאָם. געזאָגט האָט מען אַפילו בייסיק, אַז דער נאָמען פון דער שטאָט נעמט זיך פון רע־דם — שלעכט בלוט — אָבער נישט ריכטיק. ראַדאָם איז געווען אַ שטאָט פון לומדות און רבנים, פון יידישער חכמה און לעבנס־שטייגער. אינעם יידישן מלכות פוילן האָט ראַדאָם פאַרנומען אַ בכבודיק אָרט, וואָרום אויסער תורה און חכמה, האָט ראַדאָם פאַרמאָגט אַ גרויסע יידישע וועלטלעכע אינטעליגענץ. יידישע אינדוסטריעלער און פאַבריקאַנטן, גרויסע סוחרים און ערלעכע בעלי־מלאכות, האַרעפּאַשניקעס, פשוטע געזונטע פאָלקס־יידן — טרעגער און באַלעגאַלעס, מיט געזונטע ברייטע פּלייצעס און אָרעמס, וואָס זענען געווען אַזוי שטאַרק, ווי זייערע גרויסע יידישע הערצער.

דרייסיק טויזנט יידן האָבן דאָ געלעבט און געשאַפן. אַנטקעגן די פּוילישע גאָסן און זייער רואיק לעבן, האָט דאָס יידישע ראַדאָם אויסגעזען, ווי אַ בין־שטאָק, וווּ אומדערמידלעכע בינען רוישן־אַרום און האַרעווען פאַר עפּעס אַ גרויסן באַשאַף. דאָס באַשאַף האָט געהייסן: יידיש לעבן אין אַלע דערשיינונגען: פּאָלי־טיש, געזעלשאַפטלעך, קולטורעל, רעליגיעז, עקאָנאָמיש. אַלץ, וואָס יידן האָבן געשאַפן אין פוילן איז געווען דער סך־הכל פון שווערע ראַנגלענישן, אַלץ האָבן זיי געדאַרפט אויסקעמפן מיט שווייס און מיט בלוט און דאָס געשאַפענע באַשי־רעמען פון בייז און פון שלעכטס. זיי האָבן נישט געהאַט צו הילף דעם גרויסן מלוכה־אַפּאַראַט. פאַרקערט, די מלוכה האָט געשטערט און געצילט צו פאַרניכטן וואָס יידן האָבן געשאַפן. אָבער די יידישע וויטאַליטעט, דער גרויסער שאַפונגס־לוסט און די עקשנות האָט באַשאַפן דאָס וווּנדער פון יידישן לעבן.

ראַדאָם איז געווען א הערלעכע רינג אין דער וווּנדערלעכער קייט פון יידישן לעבן אין פוילן און די דאָזיקע רינג איז אָפּגעבראָכן געוואָרן אין טאָג, ווען די דייטשן זענען אַריין אין דער שטאָט.

אַ יאָר נאָכן פאַרנעמען די שטאָט האָבן זיי די דעמאָלט־שוין אויסגעמאַטערטע יידישע באַפעלקערונג אַריינגעטריבן אין צוויי געטאָס. אינעם גרויסן געטאָ האָבן זיי פאַרשלאָסן דריי און צוואַנציק טויזנט יידן און אין קליינעם — ניין טויזנט. כדי די יידן אויסצונוצן צו שקלאַפן־אַרבעט אין די געווער־פאַבריקן האָבן זיי אונטער טויט־שטראָף פאַרבאָטן יעדן מין מלאָכה. אַלע געשעפטן אין געטאָ האָבן זיך גע־מוזט שליסן. עס האָבן נישט געטאָרט אַרבעטן קיין שוסטער, קיין שניידער, קיין זייגערמאַכער. פאַר אלץ איז געקומען טויט־שטראָף. דאָס גאַנצע יידישע לעבן איז געוואָרן אַן אומלעגאַל לעבן. ווען יידישע קצבים האָבן איינמאָל אַריינגעשמוגלט בהמות, האָט די געסטאַפּאָ געמאַכט אַן אָבלאַווע, די קצבים אַרעסטירט און פאַר־

שיקט קיין אַשוויענטשים. דער אומלעגאַלער מסחר איז פאָרגעקומען אויף די גאַסן, וואָס האָט אָפט געקאָסט דאָס לעבן פון די הענדלער.

איין איינציקער צענטער איז געווען אין געטאָ, אַרום וועלכן עס פלעגט זיך אָפּשפּילן דאָס גאַנצע לעבן פון געטאָ. דאָס איז געווען „איטשעלעס קאַפיי" אויף דער עריוואַנסקע גאַס. דאָס איז געווען די איינציקע אָפענע קראָם, די בערזע פון נייעס און האָפענונג, דאָ פלעגט מען אויסטייטשן די פראָנט-נייעס פון די אריינגעשמוגלטע דייטשע צייטונגען, קאָמענטירט די דייטשע נצחונות און מפלות, געהאַנדלט מיט אַריינגעשמוגלטע סחורות. דאָ, אין דער דאָזיקער קאַפיי האָבן יידן געשאַפן טרוימען און האָפענונגען, אין וועלכע דאָס גאַנצע געטאָ האָט שפּעטער געגלויבט, ווי איןווירקלעכקייטן. און וואָס אַלץ האָבן זיי נישט געהערט אין „איטשעלעס קאַפיי"? זיי האָבן געהערט, אַז ענגלאַנד גרייט זיך באַמבאַרדירן די געווער־פאַבריקן, כדי צו באַפרייען די יידן. זיי האָבן געהערט, אַז רוסלאַנד האַנדלט־אונטער מיט די דייטשן וועגן אַרויספירן די יידן פון געטאָ. ביז — די איינציקע נעסט פון טרייסט איז דורך דער געסטאַפּאָ געשלאָסן געוואָרן.

אין דעם טאָג, ווען עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד, דעם 22־טן יוני 1941, האָט די געסטאַפּאָ אַרויסגענומען לויט אַ רשימה אַלע יידן, וואָס זענען געהאַט אַנטלאָפן אויף דער סאָוויעטישער זייט און שפּעטער צוריקגעקומען קיין ראַדאָם, און זיי אַלע דערשאָסן, ווי רוסישע שפּיאָנען.

פאַראַן אַ גאָרטן אין ראַדאָם, וואָס רופט זיך „פּענצ׳ס גאָרטן", דער באָדן פון דעם גאָרטן איז דאָס אייגנטום פונעם פאָלקס־דייטש פענץ. דאָס דאָזיקע שטיקל ערד איז דורכגעווייקט מיט יידיש בלוט. דאָס איז איין ריזיקער ברידער־קבר. אַהער פלעגן די דייטשן ברענגען גרופּעס יידן און זיי דערשיסן. אין דאָזיקן גאָרטן זענען אויך דערשאָסן געוואָרן אַלע צוריקגעקומענע פון דער סאָוויעטישער זייט. אַפילו די, וועלכע זענען דערשאָסן געוואָרן אויף די גאַסן פאַר האַנדלען, פון מסירות — אַלע קרבנות זענען געקומען צו קבורה אויף אָט דעם פּלאַץ. שפּעטער איז דער גאַנצער גאָרטן אויסגעפילט געוואָרן מיט קברים פון די קרבנות, וואָס זענען געפאַלן בעת די „אויסזידלונגען". דאָ האָט אויך געפונען זיין קבר דער ראַדאָמער רב קעסטענבערג, וועלכער איז בעת דער „אויסזידלונג" דערשאָסן געוואָרן אויפן וועג, ווען מען האָט די פאַרמשפּטע מחנות יידן געפירט צו דער באַן, צו די קאַלך־וואַגאָנען.

בהדרגה׳דיק און מיט ראַפינירטער אויסגערעכנטקייט האָבן די דייטשע רוצחים דערשטיקט דאָס יידישע לעבן אין געטאָ. דער כסדרדיקער טעראָר, דער וואַקסנדיקער הונגער און די אויסזיכטלאָזיקייט — האָט אַריינגעוואָרפן דאָס געטאָ אין פאַרצווייפלונג, שוואַכע יחידים האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין שיכרות און אין זנות. אין זייערע לעצטע טעג האָבן זיי זיך געוואָלט פאַרגעסן, געניסן און פאַר־געסן. אָבער דאָס אומעטיקע געטאָ־לעבן האָט אַרויסגעהויבן אַנדערע צו נישט געהערטע הויכקייטן. ווען פאַר לערנען קינדער איז געקומען טויט־שטראָף — האָבן

יידישע לערער אין געהיים געפירט שולן און די קינדער אַראָפּגענומען פון דער צעהפּקרטער גאַס.

אין דער צייט, ווען די עלטערן־שקלאַפן זענען אַוועק אין די פאַבריקן זענען די קינדער אָן השגחה געבליבן אויף דער גאַס, ווו זיי האָבן זיך אַריינגעזאַפּט אַלדאָס ביטערקייט פון דער געטאָ־ווירקלעכקייט. עס דערציילט מיר אַ ראַדאָמער פרוי, אַז קינדער אין געטאָ פלעגן זיך שפּילן אין געסטאַפּאָ, זיי האָבן געכאַפּט אַנדערע קינדער, ווי שמוגלער, ווי צוריקגעקומענע פון דער סאָוויעטישער זייט, אָוועקגעפירט זיי אויף אַ הויף, וואָס זיי האָבן אַ נאָמען געגעבן „פּענצ׳ס גאָרטן״ און דאָרט די „יידן־פאַרברעכער״ געשאָסן. זיי האָבן געשפּילט די טראַגישע ווירקלעכקייט. קינדער פלעגן זיך שפּילן אין שמוגלערס, אין פּאָליציי, אין מוסרים. זיי האָבן זיך געשפּילט אין „יודנראַט״. מיט אַט די דאָזיקע קינדער, וואָס האָבן שוין דעמאָלט אייגנטלעך אויפגעהערט צו זיין קינדער, האָבן זיך פאַרנומען די געהיימע לערער. אסתר פערל, אַ לערערין פון דער בית־יעקב־שול, האָט ביי זיך אין שטוב געשאַפן אַ געהיימע פרעבל־שול, וואָס איז אַפילו איין מאָל אַנטדעקט געוואָרן און בלויז אַ דאַנק פיל מי און געלט איז זי ניצול געוואָרן פון טויט. שפּעטער איז זי אומגעקומען, בעת דער ערשטער „אויסזידלונג״.

אין געטאָ האָבן אָנגעהויבן אָנקומען ידיעות וועגן „אויסזידלונגען״. דאָס נייע אומבאַקאַנטע וואָרט איז פון אָנפאַנג געווען אומפאַרשטענדלעך פאַר די געטאָ־יידן. אָבער, ווען איינמאָל האָט זיך אין געטאָ אַריינגעגנבעט אַ מיידל, וואָס איז אַנטלאָפן פון לובלין און איבערגעגעבן, אַז „אויסזידלונג״ מיינט פאַרניכטונג, אומקומען אין די גאַז־קאַמערן פון מיידאַנעק, איז אין געטאָ אויסגעבראָכן אַ בהלה. דאָך דער ווילן צו לעבן און איבערהאַלטן איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז נאָך דעם ערשטן שאָק, האָבן זיך יידן אָנגעהויבן טרייסטן, אַז די ידיעות זענען נישט ריכטיקע. עס איז אוממעגלעך אַזאַ אַכזריות, ווי צו פאַרסמ׳ען צענדליקער טויזנטער מענטשן, גאַנצע קהילות, מיט קינדער, פרויען און זקנים. ניין, די ראַדאָמער יידן האָבן נישט געגלויבט. זיי האָבן געגלויבט, אַז די „שוואַרצע דאַנערשטיקס״, די „שוואַרצע פרייטיקס״, בעת וועלכע די געסטאַפּאָ רייסט אַרויס צענדליקער קרבנות און פאַרפילט מיט קברים דעם שטח פון „פּענצ׳ס גאָרטן״ — דאָס איז דאָס העכסטע צו וואָס עס קאָן דערגרייכן דייטשע אַכזריות.

אָבער גאָר אין קורצן, דעם פינפטן יולי 1942, איז די דייטשע „זאָנדערקאָמאַנדאָ״ מיט אירע אוקראַינער געהילפן אַריין אין קליינעם געטאָ אויף גליניצאַ און אינדערמיט פון אַ פּאַניק־שיסעריי באַפוילן, אַז במשך פון צען מינוט זאָלן אַלע יידן, קינד און קייט אַרויס פון די הייזער. עס איז געווען אין אָוונט. די גאַסן זענען באַלויכטן געוואָרן מיט ספּעציעלע רעפלעקטאָרן, די אוקראַינער זענען געלאָפן איבער די הייזער און געטויט יעדן אַנגעטראָפענעם ייד. קראַנקע און זקנים זענען דערשאָסן געוואָרן אויף די ערטער. מוטערס, וואָס זענען אין דער בהלה געלאָפן וכן זייערע קינדער, זענען געפאַלן פון אוקראַינישע קוילן.

אַ גאַנצע נאַכט האָט געדויערט די „אַקציע". צווישן מאַסן טויטע אויף די גאַסן איז אַדורכגעפירט געוואָרן א „סעלעקציע" — אָפּטיילן די אַרבעטספּעציקע מיט אַרבעט־קאַרטן פון די, וועלכע זענען פאַרמשפּט אויף אומקום.

באַגינען האָט מען פון קליינעם געטאָ אַרויסגעפירט צו דער באַן ניין טויזנט יידן, ניין טויזנט פאַרמשפּטע שקלאַפן. און בעת מען האָט די אַרבעטספּעציקע געטריבן צום גרויסן געטאָ, זענען אנטקעגן זיי אָנגעפאָרן אויטאָס מיט יידן — אַרבעטער־בריגאַדעס, וואָס זענען געפאָרן אינעם געטאָ אויף גליניצאַ אַפּרוימען די טויטע און אויפזאַמלען דאָס פאַרמעגן, וואָס איז געבליבן נאָך די „אויסגעזידלטע" יידן.

בעת דאָס גרויסע געטאָ איז נאָך צו זיך נישט געקומען פון דערשיטערונג, איז אין געטאָ אַריין די „זאָנדערקאָמאַנדאָ" מיט אירע אוקראַאינער. פּונקט, ווי אויף דער גליניצאַ האָט זיך דאָ איבערגעחזרט דאָס ווילדע פייפעריי, די פּאַניקשיסעריי און די געשרייען צו עפענען טירן און פענצטער און במשך פון צען מינוט זאָלן זיך די יידן צונויפזאַמלען אויף דער גאַס סטאַראַ־קראַקאָווסקאַ. פּונקט ווי אויף גליניצאַ זענען ביי די הייזער, ביי די אַריינגענג און אויפן מיטן גאַס געפאַלן טויטע. די בהלה, וואָס אַנטשטייט איז אַ געלעגנהייט פאַר די אוקראַאינער דורכצופירן אַ שחיטה. פון די דריי און צוואַנציק טויזנט יידן, וואָס ווערן צונויפגעטריבן אויף דער סטאַראַ־קראַקאָווסקאַ ווערן אָפּגעטיילט צוויי טויזנט, וואָס האָבן צוגעפעלט, כדי אויסצופילן די צוגעגרייטע באַן־וואַגאַנען, אין וועלכע ס'איז נאָך געבליבן פּלאַץ צוליב דעם גרויסן פּראָצענט דערשאָסענע אויפן אָרט אינעם קליינעם געטאָ.

דער ראַדאָמער רב קעסטענבערג איז מודיע, אַז ער גייט־מיט צוזאַמען מיט די צוויי טויזנט; ער גייט מיט אַהין, וווּ עס גייט זיין קהילה. די דייטשן דערלויבן אים. ער גייט פאַראויס דער מחנה, ער גייט פאַראויס זיין קהילה. אָבער אויפן וועג צו דער באַן ווערט ער דערשאָסן.

דאָס גרויסע געטאָ האָט געוואָלט גלויבן, אַז דאָס שרעקלעכסטע איז פאַרביי, אַז פון ראַדאָם האָבן די דייטשע רוצחים גענומען זייער קרבן און מיט דעם וועט זיך ענדיקן דאָס אָפּצאַפּן בלוט פון דער קהילה.

אָבער דער זעלבער גורל, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר אַלע יידישע קהילות אין פּוילן, האָט אויך געטראָפן ראַדאָם. די דייטשן האָבן נאָך אפילו נישט באַוויזן אויסצורויבן דאָס קליינע געטאָ נאָך דער ערשטער „אויסזידלונג", ווי דעם 14־טן יולי האָט מען אויף די גאַסן פון גרויסן געטאָ אויפגעהאַנגען גרויסע רעפלעקטאָרן. דאָס איז געווען אַ וויסטע בשורה, אַז עס גרייט זיך דאָס ערגסטע, אָבער דעמאָלט איז שוין געווען צו שפּעט צו אַנטלויפן. דאָס געטאָ איז שוין געווען אַרומגערינגלט, די טויערן — באַוואַכט. אין פריען אָוונט האָבן די רעפלעקטאָרן באַלויכטן אַ גרויסן שטח אַרום דער שטאָט. דאָס געטאָ איז געווען פאַרמשפּט.

אין דער אכזריות'דיקער „אויסזידלונג" האָבן די אוקראַאינער געשפּילט זייער

באַזונדער ראָל. אין די פּנקסים פון אומקום ווערן די צוויי נעמען דייטש און אוקראַינער דאַרפן געשטעלט ווערן צוזאַמען ווי איין באַגריף פון אַלדאָס ווילדע און ראַפּינירטע. דאָס געטאָ, די הייזער, די גאַסן, די ווענט — אַלץ איז געווען פאַרגאָסן מיט יידיש בלוט.

אין יידישן שפּיטאָל האָבן די רוצחים באַפוילן אַלע קראַנקע זאָלן זיך לייגן אויף דער ערד און אַזוי האָט מען איבער זיי געשאָסן און געטויט ביזן לעצטן. דעם שפּיטאָל־פּערסאָנאַל האָט מען באַפוילן זיך אויסזעצן ווי צום פאָטאָגראַפירן און איבער די זיצנדיקע האָט אַדורכגעשטעפּט אַ מאַשין־געווער.

יענע נאַכט פון 14־טן אויפן 15־טן יולי 1942 האָט דאָס ראַדאָמער געטאָ געגעבן העכער אַכצן טויזנט קרבנות. אַלע האָפנונגען האָבן זיך געענדיקט. אין דער נאַכט האָט מען געטויט דעם גרעסטן טייל פון יידנראַט, וואָס האָט געמיינט, אַז אים וועט מען שוינען. מען האָט אַרויסגעפירט די פאַמיליעס פון דער יידישער פּאָליציי, וועלכע האָט געהאַט אַ צוזאָג, אַז זיי וועט מען שוינען. מען האָט קיינעם נישט געשוינט. דער דייטשער רוצח האָט אויסגעזויגן דאָס בלוט פון געטאָ און איצט זענען אים אפילו זיינע צוהעלפער געווען נישט נויטיק. יעדער פּאָליציאַנט האָט באַקומען אַ דערלויבעניש מיטצוגיין מיט זיין פאַמיליע...

פון דער גרויסער, אַמאָל באַרימטער יידישער קהילה ראַדאָם, איז דעם 15־טן יולי געבליבן ביז דריי טויזנט שקלאַפן־אַרבעטער, יידישע פּאָליציי און דאָקטוירים. די דאָזיקע דריי טויזנט יידן האָבן במשך פון אַ קורצער צייט ליקווידירט דאָס יידישע פאַרמעגן פון די „אויסגעזידלטע" און שפּעטער זענען זיי אַלע געגאַנגען מיטן וועג פון אַלע ראַדאָמער יידן.

דאָס לעבן פון די דריי טויזנט יידן האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גיהנום. ניין, אַ גיהנום איז נישט קיין באַצייכענונג פאַר דעם, וואָס אָט די רעשטלעך האָבן איבערגעלעבט: זיי זענען איינגעשפּאַרט געוואָרן אין אַ מין קאָנצענטראַציע־לאַגער אין צוויי קליינע געסלעך, אינעם פריערדיקן גרויסן געטאָ — שוואַליקאָווסקאַ און שפּיטאַלנע. זיי האָבן זיך נישט געטאָרט באַוועגן אָן דער דערלויבעניש פון דער געסטאַפּאָ. דער אויפזעער איבער דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער איז געווען דער דייטשער מערדער — שיפּערס. און אָט ער איז געווען דער, וואָס האָט געוויזן די פאַרבליבענע שקלאַפן, אַז זייער לעבן וועט זיין ערגער ווי דער טויט. אינעם לאַגער האָט מען אפילו שיך נישט געטאָרט פאַריכטן. קיין לאַטע נישט לייגן אויף די מלבושים. יעדע באַוועגונג איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דערנידעריקונג, אין פּיין. די אַרבעטער־גרופּן פלעגן אין די באַגינענס אַוועקגיין אונטער אַ שטרענגער וואַך און אונטער אַ נאָך־שטרענגערע האָט מען זיי געברענגט צוריק אין אָוונט — פאַרמאַטערטע, פאַרפּייניקטע, אויסגעהונגערטע און דורשטיקע.

איינמאָל איז געשען: מ'האָט אַ גרויסן טייל פון די יידן איבערגעלאָזט אין לאַגער. צו דער אַרבעט זיי נישט גענומען. אַרום פיר אַזייגער נאָכמיטאָג איז געקומען דער דייטשער אויפזעער און באַפוילן אַלע פאַרבליבענע אַרויספירן צום

טויער און דערשיסן פּאָר — נישט שטעלן זיך צו דער אַרבעט... עס איז אויס־געבראָכן אַ יללה צווישן די פאַרפייניקטע שקלאַפן. פיל זענען געפאַלן אויף די קני און געבעטן רחמים, אַז נישט זייער שולד איז דאָס, וואָס מ׳האָט זיי נישט גענומען צו דער אַרבעט. עס איז געפאַלן דער פּסק־דין: יעדער צענטער ווערט דערשאָסן. אויסגעשטעלט אין רייען איז שיפערס אַרומגעגאַנגען און יעדן צענטן פון דער ריי אַרויסגעשלעפּט צום טויט.

במשך פון עטלעכע וואָכן זענען די שקלאַפן ממש צעריבן געוואָרן. הונגער און טיפוס האָט צוגעהאָלפן דער געסטאַפּאָ אין דער פאַרניכטונג פון די רעשטלעך. פינצטערע שאָטנס האָבן שוין איצט געוואַרט אויף די לעצטע טעג, וועלכע זענען בליץ־שנעל געקומען. פון ראַדאָם האָט מען אַרויסגעפירט די לעצטע יידן. ראַדאָם איז פולשטענדיק יידנריין געוואָרן.

נאָכן ליקווידירן די געטאָס און אַרויספירן דאָס פאַרמעגן פון די יידן, זענען די ראַיאָנען פאַרבונדן געוואָרן מיט דער שטאָט און די הייזער זענען באַזעצט געוואָרן מיט פּאָליאַקן, וועלכע האָבן פריער געוווינט אין די גאַסן, וואָס זענען באַשטימט געוואָרן ווי דאָס וווינונגס־פערטל פאַר דער „העכערער ראַסע״ — פאַר די רוצחים.

אין ראַדאָם לעבן איצט עטלעכע צענדליק יידן. ווען דו זעסט איצט צופעליק אַ ייד אין גאַס, דאַכט זיך דיר, אַז ער איז אַ פרעמדער דאָ, אַלץ איז דאָ פרעמד: די הייזער, די גאַסן, אפילו די דירה, אין וועלכער ער וווינט איז אים פרעמד, פונקט ווי נישט זיינע זיידעס און טאַטעס וואָלטן די שטאָט געבויט און דאָ אַלע זייערע שעפערישע כוחות אַוועקגעגעבן.

די וואָרצלען פון דער ראַדאָמער קהילה זענען אויסגעהאַקט. די אָפּגע־בראָכענע צווייגן דאַרן אין אַ פרעמדן, שנאה׳דיקן באָדן.

סקאַרזשיסק

אין סקאַרזשיסק זענען פאַר דער מלחמה אויסגעבויט געוואָרן גרויסע מעטאַלורגישע פאַבריקן, געווער־פאַבריקן. דאָ איז געווען דער צענטער פון די פוילישע אינדוסטריעלע פּלענער אויף דער צוקונפט, דער אַמאָל באַרימטער צענטראַלער אינדוסטרי־קרייז.

נאָכן אָקופּירן פוילן האָט די דייטשע אַקציענגעזעלשאַפט „הוגאָ שניידער״ (פאַרקירצט „האַסאַג״) געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיטן דייטשן רייך פונאַנדערצובויען די אַמוניציע־פאַבריקן און זיי עקספּלאָאַטירן מיט יידישע שקלאַפן־אַרבעטער.

אָנהייבנדיק פון 1940 האָבן געשטראָמט אַהער מחנות יידישע שקלאַפן, געכאַפּטע אין אַבלאַוועס און אַזעלכע, וואָס זענען צוגעשטעלט געוואָרן דורך די יודנראַטן אין קעלצער ראַיאָן. שפּעטער, בעת די „אויסזידלונגען״, האָט מען גע־ברענגט אַהער יידן פון די געטאָס, קאָנצענטראַציע־ און פאַרניכטונגס־לאַגערן, יידן וועלכע זענען בעת די „סעלעקציעס״ באַשטימט געוואָרן פאַר אַרבעטספּעציקע.

די פאַבריקן האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן סוף 1939 און אויפגעהערט — אין דער צווייטער העלפט 1944.

במשך פון דער צייט האָבן זיך דורך דעם סקאַרזשיסקער לאַגער דורכ־געפּייניקט צענדליקער טויזנטער יידישע שקלאַפן, פון וועלכע בלויז איינצלנע זענען אַרויס פון דאַנען לעבעדיק. דעם טויט האָבן זיי געפונען ביי דער אַרבעט אָדער אין די עפּידעמיעס, וואָס האָבן קיינמאָל נישט אויפגעהערט הערשן אין לאַגער.

ביז 1942 האָט מען די פאַבריקן פונאַנדערגעבויט, געבויט נייע בנינים, וועגן, אויסגעקאָרטשעוועט וועלדער און געבויט דעם אייגנטלעכן שקלאַפן־לאַגער.

די פאַבריקן האָבן זיך געפונען אויף אַ שטח פון זעקס קוואַדראַט קילאָ־מעטער. דער שטח איז צעטיילט געווען אויף דריי ווערקן: A, B און C יעדער ווערק האָט געהאַט אַ באַזונדער שקלאַפן־לאַגער, וואָס איז אָפּגעטיילט געווען מיט שטעכיקע דראָטן און אין יעדן לאַגער באַזונדער, אויסער אין דעם אַדמיניסטראַטיוון ווערק , זענען די מענער־באַראַקן געווען אָפּגעטיילט פון די באַראַקן פאַר פרויען — מיט שטעכיקע דראָטן.

דער ערגסטער פון די דריי לאַגערן איז געווען אין באַרימטן ווערק C. דאָס איז געווען די פאַבריק פון אויפרייסשטאָפן. די פאַבריק האָט זיך געפונען אין וואַלד פאַרשטעלט פון מענטשלעכע אויגן. דער גאַנצער שטח פון די פאַבריקן איז געשיצט געוואָרן דורך דאָפּלטע דראָט־פאַרצוימונגען. צו יעדן לאַגער איז געווען צוגעטיילט צו איין דייטשן אויפזעער, וואָס האָט געהאַט צו זיין באַפעל גרויסע אָפּטיילונגען באַוואָפנטע אוקראַינער און דעמאָראַליזירטע פוילישע אויסוואָרפן

פון צווישן דער שטאָטישער באַפעלקערונג. אויך צווישן די יידישע שקלאַפן האָבן די דייטשן אויסגעזוכט דעגענעראַטן, וואָס פלעגן זיי צוטראָגן וועגן אינערלעכן לעבן פון די לאַגערן.

אָנהייבנדיק פון 1942 האָט מען יידן אַריינגענומען אין די פאַבריק־האַלעס. די מלחמה־פראָנטן האָבן געפאָדערט וואָס מער פאַרניכטונגס־שטאָף. האָט מען אָנגעהויבן באַשעפטיקן אויך יידן. אין די פאַבריקן האָבן געאַרבעט צוויי שיכטן אין מעסלעס — צו 12 שעה אַ שיכט. בעת פוילישע געצאָלטע אַרבעטער און מייסטער, וועלכע זענען גלייכצייטיק געווען סיי שפּיאָנען קעגן די יידן און סיי זייערע פּייניקער, פלעגן אַרבעטן בלויז אַכט שעה און נאָך יעדע צוויי שעה אַרבעט פלעגן זיי באַקומען צוויי שעה אָפּרו, פלעגן יידן אַרבעטן ביי די גיפט־שטאָפן אָן איבעררייס 12 שעה!

די היגיענע־באַדינגונגען און די דערנידערונג אין די לאַגערן איז געווען אַזאַ, אַז נאָך עטלעכע וואָכן אַרבעט פלעגן יידן אויסגיין פון הונגער און פאַר־גיפטונג. יעדע עטלעכע וואָכן פלעגן די דייטשן אַרויספירן אויפן שיס־פּלאַץ גרופּעס אויסגעפייניקטע יידן און זיי דערשאָסן. זייער אָרט האָבן פאַרנומען פרישע מחנות פון פאַרשיידענע עקן פון פוילן.

יידיש לעבן אין לאַגער האָט נישט געשפּילט די מינדסטע ראָל. אין די האַלעס נומער 6, 53 און 58 פלעגן יידן מאַסנווייז פאַרסמ׳ט ווערן ביי די קעסלען, ווו מען האָט געזידט טראָטיל און סאַלעטרע. יידישע פרויען, וועלכע האָבן געאַרבעט ביים אָנפילן די שראַפּנעלן מיט אויפרייס־שטאָף פלעגן פאַלן פון איבערמידונג און פאַרגיפטונג. בעת די פוילישע אַרבעטער און די מייסטערס פלעגן אַרבעטן אין ספּעציעלע מלבושים און אין מאַסקעס, האָבן יידן און יידישע פרויען געאַרבעט אָן וועלכער עס איז שוץ.

פון די גיפט־שטאָפן פלעגן די שקלאַפן ווערן געל, די האָר זענען פאַר־ברענט געוואָרן. נאָך צוויי וואָכן זענען אַלע שקלאַפן קראַנק געוואָרן אויף טובערקולאָז. געלע, דיכאָווע שאָטנס זענען אַרומגעגאַנגען אין לאַגער. אינעם ווערק C האָט זיך קיין שום לעבן נישט געקענט האַלטן. דיביימער אין וואַלד, ווו די פאַבריקן האָבן זיך געפונען, פלעגן פאַרסמ׳ט ווערן. איבערן לאַגער פלעגן זיך אַפילו קיין פייגל נישט באַווייזן. אין די פאַרפעסטעטע שמוציקע באַראַקן פלעגן אַפילו די איינציקע באַגלייטער פון פאַרשקלאַפונג — לייז — זיך נישט קענען דערהאַלטן ביים לעבן. בלויז די טיפוס־ און טובערקולאָז־באַקטעריעס האָבן גובר געווען דעם פּיקרין־סם און די אויסגעפייניקטע מענטשלעכע אָרגאַניזמען.

די אַרבעט־נאָרמעס אין די פאַבריקן זענען געשטיגן פון טאָג־צו־טאָג. די דערנערונגס־נאָרמעס — פאַרקערט, זענען מיט יעדן טאָג געוואָרן קלענער. די שקלאַפן פלעגן פּשוט אויסגעצאַפּט ווערן פון זייערע כּוחות ביז צום טויט. ווען עס פלעגן זיך אָנזאַמלען שוואַכע און קראַנקע, זענען די לאַגערן אַרומגעשטעלט געוואָרן מיט אוקראַינער און זיי זענען עס געווען די, וועלכע פלעגן אונטער

דער השגחה פון דער פאַבריקס־לייטונג און ס. ס. אַדורכפירן „סעלעקציעס״. און כאָטש די שקלאַפן זענען געווען טיפוס־קראַנקע און טובערקולאָזע — דאָך זענען די „סעלעקציעס״ שטענדיק אַדורכגעפירט געוואָרן מיט אַ נישט געהערטער פחדנות און פערפידיע מצד די רוצחים.

בעת איינע אַזאַ „סעלעקציע״ האָט די פאַבריקס־לייטונג געמאָלדן, אַז אַלע קראַנקע און שוואַכע וועלן באַקומען דאָפּלטע זופּן. ווען די קראַנקע און שוואַכע זענען אַרויס פון די באַראַקן נאָך זופּ — האָבן זיך אויף זיי געוואָרפן אוקראַאינער און זיי אַריינגעשלעפּט אין די צוגעגרייטע אויטאָס. עס איז אויסגעבראָכן אַ בונט, די פאַרמשפּטע זענען געשפּרונגען פון די אויטאָס און זיי זענען דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט.

אַ צווייט מאָל האָט מען די הונגעריקע צוגעזאָגט, אַז ווער עס וועט אַרויף אויפן אויטאָ — וועט באַקומען ברויט. און ווירקלעך האָבן די אוקראַאינער אַריינגעוואָרפן שטיקלעך ברויט אין אויטאָ. די אויסגעהונגערטע זענען אַריין אין די אויטאָס כאַפּן דאָס ברויט — דעמאָלט האָט מען זיי אַוועקגעפירט צום שיס־פּלאַץ...

איבער די שקלאַפן פלעגן זיך איזדעקעווען אלע: עס האָבן געשלאָגן די דייטשן, די אוקראַאינער און די פּוילישע מייסטערס. שלאָגן אַ ייד איז געווען אַ סימן פון גוטער לייסטונג. ביי יעדן טיש האָבן זיך געפונען עטלעכע פּוילישע אַרבעטער, וועלכע פלעגן מיט נאַהייקעס אָן איבעררייס שלאָגן די יידן פאַר דער מינדסטער קלייניקייט. אפילו פאַר וועלן בלויז אַוועקזעצן זיך ביי דער אַרבעט פלעגן זיי שלאָגן ביז בלוט. צוליבן פאַרבאָט צו זיצן ביי דער אַרבעט האָבן אַלע שקלאַפן געהאַט געשוואָלענע פיס.

ביי דעם מערדערישן טעמפּ פון אַרבעט איז איינמאָל פאָרגעקומען אַן אויפרייס. די דייטשע מאַכט האָט פאַראָרדנט, אַז בלויז פּוילישע פאַרוווּנדעטע זאָל מען אָפּפירן אין שפּיטאָל. די יידן האָט מען איבערגעלאָזט אין לאַגער, כדי זיי זאָלן אויסגיין פון בלוט־אָפּפלוס. די לייכט־פאַרווונדעטע האָט מען אַרויסגעפירט אויפן שיס־פּלאַץ און דערמאָרדעט. בעת דעם אויפרייס זענען געפאַלן ביי הונדערט יידן.

ביי דער אַרבעט אין די פּיקרין־און טראָטיל־האַלעס פלעגן אפילו די מלבושים צעפרעסן ווערן און די שקלאַפן זענען אַרומגעגאַנגען אַרומגעוויקלט מיט פּאַפּיר און אונטערגעבונדן מיט דראָט. די געלע פּנימער, די גרין־געלע האָר, די רויטע נעגל און די רויט־צעצונדענע אויגן האָבן געמאַכט פון די מענטשן מאָנסטער־שאָטנס, פון וועלכע די „נאָרמאַלע״ שקלאַפן פלעגן אַנטלויפן, ווייל די „געלע קאַנאַרקעס״, ווי מען האָט זיי גערופן, פלעגן טראָגן מיט זיך סם.

עס פלעגן געשען אָפטע פאַלן, ווען פיל פון די צוריקגעקומענע פון דער אַרבעט פלעגן זיך לייגן שלאָפן און איינשלאָפן אויף אייביק.

פונקט ווי מען פלעגט אַרויספירן דאָס מיסט פון דער לאַטרינע, אַזוי פלעגט מען אויך יעדן טאָג אויסליידיקן דעם מתים־קאַסטן, וואָס איז געשטאַנען ביי דער לאַטרינע.

די מענטשן־מאָנסטערס פלעגן נאָך אַ קורצער צייט פאַרלירן יעדן מוט און אויפגעבן יעדע האָפענונג. זיי זענען אַרומגעגאַנגען ווילנלאָז, אַפּאַטיש, זיי האָבן זיך קיינמאָל נישט אויסגעטאָן, קיינמאָל נישט געוואַשן, גאָרנישט מער פאַרלאַנגט אויסער דעם טויט. בלויז בעת די „סעלעקציעס" פלעגט זיך אויף אַ קורצער ווילע צעבונטעווען דער לעבנס־אינסטינקט פון די שאָטנס. אַפילו די יחידים, וועלכע האָבן געאַרבעט איבער זיך נישט אַריינצופאַלן אין אַפּאַטיע, נישט צו פאַרלירן די האָפענונג — אפילו זיי האָבן נישט געגלויבט, אַז פון דעם גיהנום וועלן זיי אַרויס לעבעדיקע.

מיין שוועסטער, אַ יונגע פרוי, האָט איבערגעלעבט צוויי גיהנומס, סיי מיידאַנעק און סיי סקאַרזשיסק. ווען איך האָב זי באַגעגנט אין פוילן און זי האָט מיר דערציילט וועגן „האַסאַג"־לאַגער, האָט זי פיל מאָל איבערגעחזרט: „אייגנטלעך פאַרשטיי איך נישט פאַרוואָס איך לעב". די אַרבעטס־באַדינגונגען זענען געווען אַזעלכע, אַז ביי הונגער־דערנערונג, ביי צוועלף־שעה׳דיקע שיכטן, אָן שוץ־מיטלען, אין די שווידערלעכסטע אַנטיהיגיענישע באַדינגונגען, האָבן די דייטשן פון די שקלאַפן אַרויסבאַקומען פירהונדערט־פּראָצענטיקע נאָרמעס לגבי די, וואָס עס פלעגן אַרויסבאַקומען הויך־קוואַליפיצירטע אַרבעטער, גוט דערנערטע, ביי ספּעציעלע אַרבעטס־באַדינגונגען, פאַר דער מלחמה. צו דער שקלאַפן־אַרבעט זענען נאָך צוגעקומען די שרעקלעכסטע, די סאַמע נידערטרעכטיקסטע דער־נידעריקונגען און באַליידיקונגען.

דער באַגריף „שקלאַף" איז צו שוואַך פאַר דערווירקלעכקייט אין אונזערע צייטן פון מענטשן־האָס. אין די אַלטע צייטן האָט דאָס וואָרט שקלאַף באַצייכנט דעם צושטאַנד פון אַ מענטש, וואָס איז געווען בבחינת אַ ווערטפולן קעגנשטאַנד, אַן אַרבעט־מכשיר, וואָס האָט זיך געפרייזט אויפן מאַרק און דער אייגנטימער האָט געוווסט, אַז אויב ער פאַרפייניקט אַ שקלאַף, האָט ער פאַרפייניקט אַ טייל פון זיין מאַטעריעלן פאַרמעגן. די מאָדערנע שקלאַפן־אייגנטימער פרייזן נישט דעם מענטש, ווייל אין דער תקופה פון האַס קאָסט דער מענטש גאָרנישט, זיין לעבן איז ווערטלאָז.

אָט דעם צוגאַנג האָבן געהאַט די דייטשן. פאַר זיי זענען געשטאַנען אָפּן די קהילות פון פוילן און נאָך דעם ווי זיי האָבן פאַרטיליקט די, וועלכע זיי האָבן נישט געקאָנט אויסנוצן צו שקלאַפן אַרבעט, האָבן זיי אויסגעזויגן די כוחות פון די אַרבעט־פעיקע און אין דער אַרבעט זיי פאַרניכטעט.

סקאַרזשיסק איז דאָס מאָנסטער־בילד, דער מוסטער פון דער אָרדנונג צו וועלכער עס פירט פאַשיזם, טאָטאַליטאַריזם בכלל. און זאָל עס פאַרשריבן ווערן ווי אַ היסטאָרישער אמת: סקאַרזשיסק האָט געמיינט בלויז יידן. בעת די יידן

אין דער שטאָט סקאַרזשיסק זענען פאַרניכטעט געוואָרן און עס האָט אָנגעהויבן זיין עקזיסטענץ דער „האַסאַג״־לאַגער, איז אין סקאַרזשיסק געווען אַ נאָרמאַל פויליש לעבן. די פוילישע ארבעטער אין די פאַבריקן האָבן באַקומען נאָרמאַל געצאָלט פאַר זייער אַרבעט, זייער דערנערונג איז געווען ווי פאַר דער מלחמה און אויך די באַדינגונגען פון זייער אַרבעט זענען געווען נאָרמאַלע. די פוילישע באַפעלקערונג אין שטאָט האָט געפירט אַ נאָרמאַל לעבן און אין די זונטיקס פלעגן מאַמעס מיט קינדער פאַרבייגיין די דראָטפאַרצוימונגען פון לאַגער און זיך צוקוקן ווי מען פייניקט „זיי״, די יידן. און די פאַליאַקן זענען דאָך סוף־כל־סוף דאָס פאָלק, וואָס האָט פאַרשפילט די מלחמה צו די דייטשן און געווען אונטער זייער אָקופּאַציע. די דייטשן האָבן פון די סקאַרזשיסקער פאַליאַקן געוואָלט בלויז זייער אַרבעט און זייער מיטהילף ביים פאַרניכטן די יידן. פיל פון די פאַליאַקן אין סקאַרזשיסק זענען דער עיקר נאָכגעקומען די צווייטע פאָדערונג פון די דייטשן. ווען יידן פלעגט זיך איינגעבן צו אַנטלויפן פון לאַגער, איז נישט באַקאַנט קיין איין פאַל, אַז פוילישע אויסוורפן זאָלן זיי נישט כאַפּן און צוריק־פירן אין לאַגער און דערפאַר זענען זיי ספּעציעל באַלוינט געוואָרן.

אָט די פאַקטן האָבן נאָך מער דערשלאָגן די יידן אין „האַסאַג״־גיהנום. זיי זענען אריינגעפאַלן אין אַפּאַטיע און רעזיגנירט פון יעדער האָפענונג, ווייל זיי האָבן געוווסט, אַז אין פוילן איז נישט פאַראַן קיין שום וועזנטלעכער כוח, וואָס זאָל זיי קומען צו הילף אין פאַל פון קאָלעקטיוון בונט, אָדער אינדיווידועלער רעטונג. די פולשטענדיק פאַרלאָזטע און פאַראייניזאַמטע אויפשטאַנדן אין די געטאָס פון וואַרשע און ביאַליסטאָק, די ווונדערלעכע אויפשטאַנדן, אָן וועלכע קיין איינציקער פוילישער אָרגאַניזירטער כוח האָט זיך נישט אָנגעשלאָסן וועלן אין דער געשיכטע אַריין ווי גרויסע עדות פון אונזער אומגליק.

איך בין געווען אין סקאַרזשיסק. אויפן שטח פון געוועזענעם לאַגער האָט מען מיר נישט דערלויבט אַריינצוקומען, ווייל די פאַבריקן אַרבעטן ווייטער. עס אַרבעטן אין זיי די זעלבע פוילישע אַרבעטער און מייסטערס, וואָס האָבן געאַרבעט דאָ אין די צייטן פון דער אָקופּאַציע. נישט איינער פון אָט די אַרבעטער האָט אויף זיין געוויסן יידישע לעבנס. און זיכער האָב איך נישט געקענט פאָדערן מען זאָל מיר דערלויבן אַריינצוקומען אין פאַבריקן, וואָס אויף זיי איז חל דער מיליטערישער סוד. אָבער איך האָב געזוכט אין סקאַרזשיסק, אויף די טויערן פון די פאַבריקן כאָטש אַ טאָוול, אַן אויפשריפט, וואָס זאָל דערציילן וועגן דעם גיהנום, וואָס האָט דאָ געברענט בלויז פאַר יידן — במשך פון פיר לאַנגע, אכזריותדיקע יאָרן. כ׳האָב קיין צייכן נישט געפונען פון עפּעס ענלעכס.

וועגן דעם, וואָס עס איז מיט יידן געשען אין די גרענעצן פון אָט די עטלעכע קוואַדראַט־קילאָמעטער, דערציילן בלויז די געציילטע יידן און יידישע פרויען, וואָס האָבן בלויז דורך נסים איבערגעלעבט דעם גיהנום פון פּיקרין.

מ י ע כ אָ ו ו

די יידישע שטאָט מאָכעוו — אויף פויליש מיעכאָוו — האָט פאַר דער מלחמה געציילט קאַרגע דריי טויזנט נפשות. ס׳איז געווען אַ פאַרמעגלעכע שטאָט פון סוחרים, בעלי־מלאָכות און אינטעליגענץ.

ס׳איז דאָ אַן אַלטער היסטאָרישער קלויסטער אין שטאָט. דאָ האָבן פון קדמונים־אָן געהערשט די קלויסטער־ברידערלעך — די מיעכאָוויטן. אויפן קלויסטער־טורעם ליגט אַ ריזיקער גרינער באַלם — דאָס געשטאַלט פון דער וועלט — און אויפן באַלם הענגט אַ גרויסער גאָלדענער צלם. לויט איר בילד איז מיעכאָוו אַ קאַטוי־לישע שטאָט, אָבער אין מהות איז זי געווען דורכאויס יידיש. די הייזער אַרום מאַרק, די זייטיקע געסלעך — אַלץ האָט געהערט צו יידן. און די יידישע יוגנט אין שטאָט איז געווען די פירנדיקע יוגנט. האַנדל און מלאכה זענען געווען יידיש. בלויז דאָס באַאַמטנטום איז באַשטאַנען פון פאַליאַקן, וואָס האָבן געלעבט אַ באַזונדער לעבן. זיי האָבן נישט געקאָנט אָנהאַלטן דעם יידישן אימפעט און זענען געווען אין שטאָט ווי אַ פינפטער ראָד צום וואָגן.

אַרום מיעכאָוו, אין די קליינינקע שטעטלעך, האָבן זיך יידן פאַרנומען מיט האַדעווען גענדז פאַר דער פעדערן־און פוך־אינדוסטריע. דער גאַנצער מיעכאָווער קרייז און דער צענטער איז געווען אַ יידישער ווולקאַן, אַ רוישיק לעבן, וואָס האָט צעזעצט די גרענעצן און זיך פונאַנדערגעגאָסן פון איין זייט ביז קעלץ און פון דער צווייטער — ביז קראָקע.

היינט איז מיעכאָוו די שטילסטע שטאָט אויף דער וועלט. אַן אויסגע־לאָשענער ווולקאַן, וואָס האָט ביי זיין לעצטן טרייסל צוגעדעקט דאָס גאַנצע לעבן. די צוויי ווייסע לאַמטערנס פון ביידע זייטן פונעם דענקמאָל אין צענטער פון מאַרק דערמאָנען די צוויי ליכט צוקאָפּנס פון אַ בר־מינן. דער בר־מינן איז דאָס יידישע לעבן. די שטאָט איז אַ שטילער בית־עולם.

דריי יידישע פאַמיליעס וווינען אין מיעכאָוו. צוזאַמען ציילן זיי קאַרגע צען נפשות. דאָס איז אַלץ וואָס איז געבליבן פון דער גרויסער און רייכער יידישער קהילה. דער מנין יידן דרייט זיך אַרום אין שטעטל ווי אבלים, וואָס קענען זיך נישט אָפּרייסן פון די קברים פון זייערע נאָענטסטע. וואָרום ווען נישט — טאָ וואָס טוען די עטלעכע יידן אין מיעכאָוו? וואָס זוכן זיי אין דער פרעמדער וועלט, אין דער וועלט פון שנאה?

דאָס זענען פסיכאָלאָגישע רעטענישן. מיט נאָרמאַלע קאַטעגאָריעס קען מען נישט צוגיין צו דער פסיכיק פון מענטשן, וואָס זענען דריי יאָר געלעגן באַגראָבן אונטער דער ערד. אין די טיפענישן פון די נשמות פון מענטשן, וועלכע האָבן במשך

פון דריי יאָר כמעט ווי נישט געזעען די שיין פון טאָג, קיין זון־שטראַל, קיין זון־פאַרגאַנג — אין אַזעלכע נשמות זענען זיכער פאַרגעקומען געוואַלטיקע איבערקערענישן. איך האָב, למשל, באַמערקט ביי עטלעכע פון זיי, אַז די געזעלשאַפט פון פרעמדע מענטשן מאַטערט זיי. זיי רעגן זיך שנעל אויף. און צום בעסטן פילן זיי זיך דעמאָלט ווען זיי זענען אַליין. דעמאָלט זענען זיי זיכער מיט זיך. פיל פרייער ווי מיט „פרעמדע״ פילן זיי זיך אין דער געזעלשאַפט פון אַזעלכע, וואָס האָבן איבערגעלעבט דעם זעלבן גורל וואָס זיי. זיי פאַרשטייען זיך. דאָס זענען מענטשן פון גאָר אַן אַנדער וועלט. ביינאַכט, ווען זיי פאַרמאַכן זייערע טירן אויף שטאַבעס און ריגלען, דערפילן זיי זיך זיכער און פריי. אַן אויסטערליש געפיל פון פרייִדיקער פרייהייט הינטער שלעסער און שטאַבעס...

דער זכרון פון די צען מיעכאָווער יידן איז פול מיט די גרויליקסטע איבערלעבונגען. פאַר זייערע אויגן זענען אומגעקומען עטלעכע טויזנט יידן, אַ גאַנצע קהילה.

דער גורל פון דער מיעכאָווער קהילה איז געחתמ׳עט געוואָרן דעם 28־טן אויגוסט 1942. אין דעם טאָג האָט די שטאָט געגעבן אַ בלוט־קרבן פון זעקס הונדערט יידישע נפשות. מיט אַ וואָך שפּעטער, דעם 4־טן סעפּטעמבער, האָט די מיעכאָווער קהילה אויפגעהערט עקזיסטירן.

יעקב באַכנער, איינער פון די לעבן־געבליבענע מיעכאָווער תושבים שילדערט פאַר מיר דעם צוג פון דער יידן־מחנה, וואָס גייט אין דעם קליינעם שכנתדיקן סלאָמניק, כדי דאָרט — „סעלעקטירט״ צו ווערן: ווער עס דאַרף באַלד אומקומען און ווער — אַ ביסל שפּעטער. דעם צוג האָט געפירט דער דאָרטיקער רב , ר׳ העניך שיינפּרוכט, דער מחותן פונעם וואַרשעווער רב פאָזנער. דער רב איז געגאַנגען ווי דער ערשטער קרבן פון דער קהילה, וואָס איז אומגעקומען אין די גאַז־קאַמערן פון בעלזשעץ. ווינציק יידן האָבן זיך דעמאָלט געקענט ראַטעווען, הגם הונדערטער זענען אַנטלאָפן איבער די פעלדער און וועלדער.

שוין מיט אַ טאָג פריער פאַר דער „אויסזידלונג״ האָבן די יידן געוווסט, אַז די „זאָנדערקאָמאַנדאָ״ קומט אַהער, כדי צו פאַרניכטן דאָס שטעטל, אָבער אַלע אַרויסגאַנג פון שטעטל זענען שוין געווען אָפּגעשלאָסן דורך מחנות פון פּוילישע סקויטן, וואָס האָבן געדאַרפט אָנטיילנעמען אין דעם „היסטאָרישן ספּעקטאַקל״.

די פּוילישע סקויטן, די אַזוי גערופענע „יונאַקעס״, זענען געווען אָרגאַניזירט דורך די דייטשן אין באַטאַליאָנען, וואָס האָבן זיך גערופן „באַודינסט״. אין דעם טאָג, וועגן וועלכן מיר רעדן, האָבן די פּוילישע סקויטן אַרומגערינגלט די שטאָט. די יידן, וועלכע האָבן זיך צופעליק דערוווסט וועגן דער קומענדיקער „אויסזידלונג״, זענען זיך צעלאָפן. אָבער די סקויטן האָבן זיי געכאַפּט אויף די פעלדער און צוריקגעטריבן אין שטאָט אַריין. די, וועלכע האָבן זיך קעגנגעשטעלט, זענען אויפן אָרט דערהרגעט געוואָרן מיט לאָפּאַטעס. פיל זענען דעמאָלט די אַרומיקע פעלדער געווען מיט יידישע הרוגים, די פּוילישע סקויטן האָבן פון טויט

געמאַכט אַ ספּאָרט־שפּיל —וועד עס וועט הרגענען מער יידן. די דאָזיקע פּאַר־שחיטה האָט געגעבן הונדערטער קרבנות. אָבער מיט דעם איז נישט געשטילט געוואָרן די בלוט־דורשטיקע פון די סקויטן. ניין, דאָס נישט.

בעת מ׳האָט די יידן געפירט קיין סלאָמניק, זענען צו דער מחנה צוגעלאָפן פּוילישע אויסוואורפן און מיט לאָפּאַטעס און ווידלעס „נקמה גענומען" אין די פאַרמשפּטע יידן.

דעם 28־טן נאָוועמבער 1942 האָט די מיעכאָווער געסטאַפּאָ געבערענגט אין שטאָט אַריין פיר הונדערט און צען יידן. דאָס זענען געווען פרויען, קינדער און מענער, וועלכע ס׳איז דאָך געלונגען אַנומלט צו אַנטלויפן פון שטאָט אינעם טאָג פון דער „אויסזידלונג". די פּוילישע פּאַרטיזאַנער אין די אָלקושער וועלדער האָבן די געפּלאָגטע יידן פאַרפאָלגט און אַרויסגעטריבן און זיי אַריינגעיאָגט אין די אָרעמס פון דער לויערנדיקער געסטאַפּאָ. די יידן האָט מען פון מיעכאָוו געטריבן צום נאָענטסטן וואַלד כאָדוווקאָ ווו ד׳י זעלבע פּוילישע סקויטן האָבן שוין געהאַט צו־געגרייט טיפע גריבער. אונטער אַ הורא־געשריי פון דער צעווילדעטער יוגנט זענען די יידן דערשאָסן געוואָרן. די פאַרוואונדעטע זענען מיט לאָפּאַטעס דערשלאָגן געוואָרן צום טויט.

אָבער אויך מיט אָט דער שחיטה איז דער מערדער־אינסטינקט פון די סקויטן נישט געשטילט געוואָרן. מיט קאַרגע דריי יאָר שפּעטער, ווען מיעכאָוו איז באַ־פרייט געוואָרן פון די דייטשע הענט, האָבן אָנגעהויבן אַהערקומען יידן פון די לאַגערן, פון די בונקערס, די רעשטלעך פון די וועלדער. עס האָבן זיך צוזאַמענ־געקליבן דרייהונדערט מיעכאָווער יידן. דעמאָלט זענען אַרויס די סקויטן פון געוועזענעם „באָודינסט" אין מיעכאָוו און געמאַכט אויף די אָפּגעראַטעוועטע רעשטלעך אַ פינצטערן פּאָגראָם. זיי האָבן געוואָלט אַליין פאַרענדיקן דאָס מאָרד־ווערק, וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן צוזאַמען מיט די דייטשן. בעת דעם פּאָגראָם זענען געפאַלן דרייסיק קדושים. די איבעריקע זענען קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן פון אָט דער „באַפרייטער" שלאַנגען־נעסט. אַנטלאָפן אויף אייביק. די פּוילישע סקויטן האָבן איבער די מיעכאָווער יידן אָפּגעהאַלטן אַ פולשטענדיקן נצחון.

און היינט ציילט מיעכאָוו צען יידישע נפשות.

דעם גורל פון די מיעכאָווער יידן האָבן אויך נישט אויסגעמיטן די יידישע היילקטימער. די זעלבע מערדערישע סקויטן האָבן צעריסן און געשענדעט דעם בית־עולם, די מצבות צעפּיצלט ביז די פונדאַמענטן, די קברים צעגראָבן און די שטיינער פון פאַרקאָן צעשלעפּט.

דאָס יידישע פאַרמעגן איז צערויבט געוואָרן טיילווייז דורך דער אָרטיקער באַפעלקערונג און דורך די פּויערים, וואָס האָבן זיך אַ לאָז־געטאָן אַהער פון די שכנות׳דיקע דערפער.

גראָד דעמאָלט, ווען איך בין געווען אין מיעכאָוו האָט דער דערמאָנטער יעקב באָכנער דערקענט זיין מעבל ביי אַ פּויער אין שטוב — זיינע אַלמערס, זיין



ווען מען פירט די יידן צום טויט פאָרט אין דער פארקערטער ריכטונג
א וואָגן מיט ביר צו פראווען די שמחה
(דייטשע אויפנאַמע)

אין מיעכאָוו איז שטיל, ווי אויף א בית־עולם



סלאוויקאָווער יידן אין טליתים ווערן געצווּנגען צו פּאָזירן פאר די דייטשן

גרייט אויף זייער לעצטן וועג

(דייטשע אויפנאַמע)

קרעדענס און זיין שפּיגל. דער פּויער האָט זיך געווערט מיט אַלע כוחות, ער האָט געשווירן, אַז די זאַכן זענען זיין אייגנטום, ער האָט זיי געקויפט ביי אַ מעבל־סוחר, אָבער באַכנער האָט צופעליק אַנטדעקט אין אַ שופלאָד פון קרעדענס אַן אָפּדרוק פון זיין פּאָטערס האַנדלס־חתימה און ערשט דעמאָלט האָט דער פּויער מורא באַקומען און אַ טייל פון דעם רויב צוריקגעגעבן...

און נישט בלויז דאָס מעבל האָבן די אָרטיקע אויסוואורפן „געירשנט״, נישט נאָר די שטיינער פון בית־עולם, נאָר אויך די שול, די מיעכאָווער יידישע שול מיט די פאַרביקע שייבעלעך האָבן זיי געירשנט. היינט געפינט זיך אין דער שול דער דערנערונגס־קאָאָפּעראַטיוו „ספּאָלעם״ — די געזעלשאַפט, וואָס פיטערט די פרומע קאַטאָליקן און גאָטספאַרכטיקע אַביוואַטעלעס אין דעם ווילדן מיעכאָוו.

היינט האָט שוין מיעכאָוו איר אייגנאַרטיקן טעמפּ. סיי די אַביוואַטעלעס, סיי דאָס באַאַמטנטום און סיי די פּאָליטישע פּאַרטייען, די רעוואָלוציאָנערע ווי די רעאַקציאָנערע, באַוועגן זיך פּאַמעלעך, געלאַסן, ווי זיי וואָלטן געגאַנגען נאָך אַ לוויה. דאָס איז די אומאיבערייסלעכע לוויה נאָכן יידישן לעבן, וואָס האָט דאָ געבליט במשך פון פיל דורות און אומגעקומען אויף אייביק.

פ י ל י ץ

און נישט נאָר די פוילישע „אומפּאַראַנטוואָרטלעכע" יוגנט האָט געהאָלפֿן מאָרדן יידן. דערצויגן אין די פֿאַשיזירטע, יידנפרעסערישע שולן, דורך יאָרן געהעצטע דורך די לערער און גלחים — האָבן די קינדער פֿון די איידעלע סלאַוון פֿאַרווירקלעכט זייער טרוים צו „לייזן די יידנפראַגע" אין פוילן.

אָט בין איך אָנגעקומען אין אַ שטעטעלע נישט ווייט פֿון מיעכאָוו. אַ קליין שטעטעלע, וואָס ליגט אָן אַ זייט פֿון די ברייטע שליאַכן פֿון דער וועלט. דאָס שטעטעלע פֿאַרמאָגט אַ מאַרק און אַ טייך, וואָס טראָגט דעם זעלבן נאָמען, וואָס די שטאָט — פּיליצאַ. געלעבט האָבן אין דעם שטעטל צוויי טויזנט זיבן הונדערט יידישע נפשות. אַרבעטזאַמע יידישע האַנטווערקער און קרעמער. כאָטש אַ קליין שטעטעלע, דאָך איז די פּיליצער קהילה אַן אַלטע און איינגעזעסענע. געלעבט האָבן דאָ יידן אָן גרויסע השגות. נישט קיין גרויסע גבירים און נישט קיין קליינע אביונים, איז פונדעסטוועגן פּיליץ נישט אָפּגעשטאַנען פֿון אַנדערע אַפילו גרעסערע שטעט אין קרייז. די שטאָט האָט פֿאַרמאָגט אַן אייגענע רייכע ביבליאָטעק, אייגענע פֿאַראיינען, חדרים און בתי מדרשים. די ראַמען פֿון פּיליץ זענען געווען צו ענג פֿאַר דער אינטעליגענטער יוגנט, וואָס האָט זיך געריסן צו דער וועלט, צו ברייטערן אָטעם און אַנטוויקלונג.

דאָס גאַנצע לעבן אין פּיליץ איז געווען יידיש. בלויז די אינסטיטוציע פֿון די פּייערלעשער איז געלעגן אין די הענט פֿון פּאָליאַקן. און אָט די פּייערלעשער האָבן שפּעטער געהאָלפֿן פֿאַרלעשן דאָס יידישע לעבן אין שטעטל.

ווען ס'איז אָנגעקומען די נאַכט פֿון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע האָבן זיך די פּיליצער יידן, הגם ווייניק אין דער צאָל, אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן. זיי האָבן געקויפֿט געווער, געמאַכט פּלענער פֿון עווענטועלער פֿאַרטיידיקונג, זיי האָבן זיך געגרייט צו עפּעס, וואָס זיי האָבן נישט געאַנט. זיי האָבן נאָך נישט געקענט די דייטשע פּערפֿידיע. ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן גזירות אויף די פּיליצער יידן, האָבן זיי נאָך נישט געוווּסט, אַז דאָס איז דער סיסטעם פֿון בהדרגה'דיקער צעברעכונג פֿון זייער יידישן שטאָלץ, פֿון זייער מאָראַלישע העמונגען, דער סיסטעם פֿון דערנידעריקונג ביז מען פֿאַרלירט אין די אייגענע אויגן די זעלבסט־ווירדע.

פֿון דער אימה'דיקער רשימה פֿון יודנראַטלער, וואָס האָבן זיך מיט אַזאַ שאַנד פֿאַרשריבן אין דער געשיכטע פֿון יידישן אומקום אין פּוילן, ברעכט זיך אַרויס דאָס געשטאַלט פֿונעם פּיליצער פּרעזעס פֿון יודנראַט — אַ קרימינאַלער ייד מיט דעם נאָמען פֿאַגעל. אָט דער ייד האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון צו וואָס די דייטשן צילן. מאיר פּעדער, אַ פּיליצער ייד, מיט וועלכן איך האָב זיך צופֿעליק איצט באַ־

געגנט אין שטעטל, דערציילט מיר, אַז פּאַגעל פלעגט כסדר וואָרענען די יידן, אַז דער ציל פון די דייטשן איז צו פאַרניכטן די יידן. ער האָט זיך פון אָנהייב באַמיט צו קאָרומפּירן די פיליצער געסטאַפּאָ מיט געלט און גאָלד. אָבער די דייטשע אויס־ווורפן זענען געווען נישט געזעטיקט. וואָס מער מ'האָט זיי געצאָלט, אַלץ מער האָבן זיי געפאָדערט.

דעם 5־טן אויגוסט 1942 האָט דער דערמאָנטער פּאַגעל מודיע געווען די פיליצער יידן, אַז אויף דער שטאָט רוקט זיך אָן אַ פינצטערער שטורעם און אַז וועלכער ייד עס פילט זיך בכוח, זאָל ער אַנטלויפן אין די וועלדער. אַנטלאָפן זענען בלויז עטלעכע הונדערט. בלויז די, וועלכע האָבן געהאַט אויסזיכטן אויף קאַמף.

דעם 6־טן אויגוסט אינדערפרי איז דאָס שטעטל אַרומגענומען געוואָרן מיט אַ דאָפּלטע רייף, פון די אוקראַינער און די פיליצער פייערלעשער אין זייערע בגדי־מלכות, מיט די מעשענע העלמען אויף די קעפּ. אין אַ בהלה צווישן שיסעריי און מאָרדן זענען די אוקראַינער און די פייערלעשער אַרומגעלאָפן איבער די יידישע הייזער און אַרויסגעיאָגט די יידן. אינמיטן מאַרק איז געשטאַנען די „זאָנ־דערקאָמאַנדאָ" פון די דייטשע ס. ס. און זיך צוגעקוקט מיט וואָס פאַראַ ווילדן אייפער זייערע געהילפן פאַרניכטן דאָס יידישע שטעטל.

נאָכן צונויפזאַמלען די לעבנגעבליבענע איז די מחנה פון צוויי טויזנט דריי הונדערט יידן געטריבן געוואָרן אינעם נאָענטסטן שטעטל וואָלבראָם. אין וואָלבראָם האָבן די דייטשן אַדורכגעפירט אַ „סעלעקציע". די אַרבעטספעאיקע האָט מען פאַרשיקט אין די לאַגערן פון פּלאַשעוו (ביי קראָקע), קיין סטרי, סאַמבאָר, גריצע און סטאַלאָוואָ וואָלאַ, וווּ זיי זענען במשך פון עטלעכע חדשים ליקווידירט געוואָרן און דאָס רוב פון די פיליצער יידן זענען צוזאַמען מיט די וואָלבראָמער יידן אומ־געקומען אין די גאַז־קאַמערן פון בעלזשעץ.

די יידן, וועלכע זענען אַנטלאָפן אין די וועלדער, האָבן זיך אָרגאַניזירט אין גרופּן. דאָס ביסל געווער, וואָס זיי האָבן געהאַט צוגעגרייט פון פריער, האָבן זיי מיטגענומען אין וואַלד אַריין. דער פּרעזעס פון יודנראַט, דער דערמאָנטער פּאַגעל איז צוזאַמען מיט דער יידישער פּאָליציי און אַ גרופּע אַרבעטער איבערגעלאָזט געוואָרן אין שטעטל, כדי צו ליקווידירן דאָס יידישע האָב און גוטס. אָט דער פּאַגעל פלעגט אָפט קומען אין וואַלד אַריין צו די אַנטלאָפענע און זיי צוגעשטעלט געווער.

איינער פון די גרופּן־אָנפירער איז געווען מאיר פּעדער. זיין גרופּע האָט געציילט הונדערט און פינף יידן, פון וועלכע בלויז פופצן האָבן געהאַט ביקסן. בראש פון אַ צווייטער גרופּע האָט זיך געשטעלט אַ קריסט. אַ פּאָליאַק מיטן נאָמען סאַנדראַ, אַ פויער פון דאָרף וויעבקאַ. דער פויער האָט אַפילו געבערענגט געווער פאַר די יידן פון זיין גרופּע, וועלכע זענען געווען אומבאַוואָפנט. דער דאָזיקער זעלטענער פאַל, ווען אַ פּאָליאַק זאָל העלפן יידן אין זייער קאַמף האָט ביי די יידן געהויבן די שטימונג צו אַזאַ מדרגה, אַז זיי פלעגן זיך אַריינלאָזן אין אָפענע קאַמפן מיט די דייטשע און אוקראַינישע חיילות, וועלכע האָבן אָפּערירט אין די וועלדער

פון שערבאָוויץ, סימאָוו און ביים דאָרף דאָבראַ. די קאַמפן האָבן אָנגעהאַלטן לאַנגע וואָכן. ביי איין צוזאַמענשטויס מיט די דייטשן איז אויך געפאַלן דער פויער סאַנדעראַ. פון די דאָקומענטן, וואָס די דייטשן האָבן געפונען ביים טויטן האָבן זיי זיך דערוווּסט זיין אָפּשטאַם און אַלס שטראָף פאַר העלפן די יידן האָבן זיי אויסגעמאָרדעט זיין פאַמיליע און פאַרברענט אירע הייזער.

צו די קעמפנדיקע גרופּן, וועלכע זענען שפּעטער צעקלאַפּט געוואָרן אין אַן אומגלייכן קאַמף, האָבן אויך געהערט דער פּיליצער רב — קלמן, הערשל באַזשיקאָווסקי און זיינע טעכטער, קלמן פּאַליוואָדאַ, יצחק בעקער, חיל דאַנציגער און אוריש בערלישקע.

איינמאָל איז אין וואַלד־אַריין געקומען דער פּרעזעס פון יודנראַט פּאַגעל און איבערגעגעבן, אַז די געסטאַפּאָ האָט אים פאַרגעלייגט אַ דערלויבעניש פאַר די „וואַלד־יידן" זיך צוריקצוקערן אין שטעטל מיט אַ פאַרזיכערונג, אַז אין פּיליץ ווערט געשאַפן א „יודנשטאַט" און דעריבער וועט מען מער נישט מאָרדן קיין יידן אין פּיליץ. אַהער האָבן אָנגעהויבן אָנקומען יידן פון צענדליקער שטעטלעך ארום. די ידיעה וועגן פּיליצער „יודנשטאַט" איז אַפילו דערגאַנגען ביז טשענסטאָכאָוו און אַהער האָבן געשטראָמט יידן פון ראַדאָמסק און פון זשאַרעק און טשענסטאָכאָוו. זענען אויך די פּיליצער תושבים ארויס פון וואלד און צוריקגעקערט אין שטעטל. אין דעם קליינעם שטעטל האָבן זיך במשך פון עטלעכע חדשים צונויפגעזאַמלט זעקס טויזנט יידן. די געסלעך ארום דער שול זענען ממש אָנגעפּראָפּט געוואָרן מיט מענטשן. דאָס שטעטל האָט קיינמאָל נישט געזעען מיט איין מאָל אַזוי פיל יידן. און דעמאָלט איז געשען דאָס ערגסטע.

פון וואָלבראָם זענען אויף לאַסט־אויטאָס אָנגעקומען ספּעציעלע גרופּן פון אוקראַינער, מחנות פּוילישע סקויטן און אָפּטיילונגען פון דער פּוילישער פאַרמל־חמה׳דיקער פּאָליציי. די אָנפירונג אין געלעגן אין די הענט פון עטלעכע דייטשע ס. ס.־באַנדיטן.

דאָס שטעטל איז אַרומגעשטעלט געוואָרן מיט דריי רינגען פון רייען, איידעלע סלאַוון און מיט זייער הילף האָבן די דייטשן אָנגעהויבן אַדורכפירן די „אויסזידלונג". אינמיטן דער אַנטשטאַנענער בהלה זענען אַרויס די פּיליצער פייערלעשער מיט די מעשענע העלמען אויף די קעפּ און מיט פייערלעשער־העק אין די הענט און אָנגעהויבן מאָרדן יידן אין די גאַסן. זיי האָבן פּשוט אַרויסגעריסן פון די אוקראַאינישע הענט יידן, כדי זיי אַליין צו טויטן. די דייטשע באַנדיטן האָבן דאָס מאָל „געשוינט זייער געוועד". זיי האָבן זיך רואיק צוגעקוקט, ווי די פעלקער אונטער זייער פאַרקנעכטונג פירן־אויס די באַפעלן נישט ערגער, ווי זיי אַליין. די פּיליצער געסלעך זענען רויט געוועזן פון יידישן בלוט. בעת יענעם פּאָגראָם איז מער ווי א העלפט יידן אומגעקומען פון די הענט פון די אוקראַינער און די פּוילישע פייערלעשער.

פיל הונדערטער יידן זענען בעת דער „אויסזידלונג" און פּאָגראָם אַנטלאָפן,

אָבער זיי זענען אומגעקומען פון די הענט פון די סלאַווישע רוצחים, פון די באַנ־נעטן פון דער פּוילישער פּאָליציי, פון די קוילן פון די אוקראַינישע אויסוואורפן און פון די לאָפּאַטעס פון די פּוילישע סקויטן.

זענען אין פּיליץ גופא געבליבן צוויי מאָנומענטן, צוויי עדות פון יענער שרעקלעכער שחיטה. נאָכן אַרויספירן די יידן, האָבן די פייערלעשער צעשטערטביידע בית־עלמינס, סיי דעם נייעם און סיי דעם אַלטן. די סקויטן האָבן אויסגע־גראָבן ריזיקע גריבער און אַלע געפאַלענע אין יענעם טאָג זענען דאָ באַגראָבן געוואָרן. אויף די צעהפקרטע צוויי בית־עלמינס הייבן זיך אויף צוויי בערג, וועלכע דעקן צו טויזנטער יידישע גופים. און פונקט ווי די פּיליצער פייערלעשער האָבן צעשטערט די בית־עלמינס, אַזוי האָבן זיי אויך צעשטערט אַלץ, וואָס איז הייליק און פאַרהייליקט געווען ביי יידן.

וואָלבראָם

מיט אַ וווּנדערלעכע שפּע האָבן געצייטיקט די קאַרשן דאָס יאָר, ווען איך בין געקומען קיין פּוילן אויף קבר־עם. דער צוג קיין וואַרשע לויפט פאַרביי צע־פלאַמטע סעדער. די צעבלינצלטע רויטע קאַרשן אויף די ביימער זעען אויס, ווי אַ ים פון מיניאַטור־לאַמפּיאָנען וואָלטן פאַר עמעצן אילומינירט דעם וועג — דעם וועג קיין וואַרשע. אויף די פעלדער וויגן זיך גאָלדענע תבואות. אין די אָפענע פענצטער פון וואַגאָן בלאָזן אַריין די זיסע ריחות פון פריש־געשניטענעם היי און סאָסנע־וועלדער...

צי איז עס אמת, אַז אין דעם לאַנד פרייען זיך נישט מער יידישע קינדער מיט די צייטיקע קאַרשן, מיט די גאָלדענע תבואות? צי איז אמת, אַז פנימלעך פון יידישע קינדער באָדן זיך נישט מער אין די ריחות פון געשניטענעם היי?

דער צוג לויפט מיט אַ פרידלעכן וועג, מיט אָפענע סעמאַפאָרן, לויפט־פאַרביי אויפגערוימטע וואָקזאַלן. דאָרט הינטער די וואָקזאַלן ליגן שטעטלעך מיט אָנגעוואָרפענע דעכער, יידישע שטעטלעך, וואָס איך קען אַזוי גוט, וואָס איך דערקען לויט די הייזער, וואָס ליגן אויף די בערגלעך און אין טאָלן, ווי טשערעדעס שאָף. ניין, ס'איז נישט מעגלעך, אַז יידן זאָלן מער דאָ נישט זיין! די דעכער — זענען יידישע היימען מיט פאַרהאָרעוועטע טאַטעס, און מאַמעס, וואָס זענען תמיד מיט זאָרג פאַר זייערע פּיצעלעך קינדער...

דער צוג בלייבט שטיין. דער קאָנדוקטאָר רופט אויס: „וואָלבראָם!" — און עס דאַכט זיך מיר, אַז דאָס אינפאָרמירט ער בלויז מיר, אַז דאָ דאַרף איך אויסשטייגן.

אויפן פּעראָן, פאַרן וואָקזאַל, זוך איך אַ יידיש פּנים, אַ יידישן באַלעגאָלע, וואָס זאָל מיר אַוועקפירן אין שטאָט אַריין און דערוויילע אויפן וועג דערציילן וועגן קהל, וועגן די יידישע וואָלבראָמער גבירים, וועגן די מחלוקתן אין שטעטל—און איך באַגעגן נישט קיין יידיש פּנים. אפשר איז היינט ערב שבת און יידישע באַלעגאָלעס האָבן פרי אויסגעשפּאַנט פערד־און־וואָגן? זעץ איך זיך אַריין אין אַ קריסטלעכן וואָגן און הייס זיך פירן אין שטאָט אַריין.

— צו וועמען? — פרעגט מיר דער גוי, און פון זיין אויסטערלישן בליק פאַרליר איך זיך.

— פאַר! — ענטפער איך אים אויסמיידנדיק — איך וועל דיר זאָגן, ווו דו זאָלסט שטיין בלייבן.

די רעדער קלאַפּן אין דער האַרטער ברוק און אין טומל פרעג איך מער זיך גופא, ווי דעם באַלעגאָלע:

— צי וווינען עפּעס יידן אין שטאָט?

דער גוי דרייט זיך אויס צו מיר מיט אַ זייט. ער קוקט אויף דער בייטש און ענטפערט קורץ:

— געווען אַמאָל! — און דרייט זיך אויס צוריק, טוט אַ שמייס דאָס פערד און דער געקלאַפּ פון די רעדער אָן די שאַרפע שטיינער ווערט שטאַרקער.

מער האָב איך נישט געפרעגט.

ווען איך בין אַראָפּ אויפן מאַרק האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דאָס שטעטל איז ליידיק, אַז דער גוי האָט מיך בכיוון פאַרפירט אין אַ טויטער שטאָט. אָבער דער מאַרק איז אַ יידישער מאַרק. די קראָמען זענען אָפן, אָבער עס דאַכט זיך, אַז קיינער איז אין זיי נישטאָ. ביים עק פון „ראַטהויז״, דאָרט ווו עס דאַרף זיך געפינען וואָלבראָמער יידישער יחוס און נגידות, שטייט אַ שיכורער פויער און פירט אַ וויכוח מיט זיך אַליין. אין מיטן מאַרק שטייט פאַריתומט דער ברונעם. אַ מעלה־גירה׳דיקע ציג קומט אַרויס פון אַ זייטיק געסל, קוקט זיך אַרום איבערן ליידיקן מאַרק און גייט אַוועק צוריק. נישט ווייט פונעם ברונעם אויפן מאַרק געפינען זיך עטלעכע קברים פון סאָוויעטישע זעלנער, אָבער עס זעט־אויס, אַז דאָ אויפן מאַרק איז באַגראָבן דאָס גאַנצע שטעטל, וואָרום ווען נישט, טאָ ווו זענען די וואָלבראָמער יידן?

די וואָלבראָמער יידן האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ לאַנג לעבן און מיט געזונטע אינסטינקטן — טאָ ווו זענען זיי איצט? פאַרוואָס זעט מען זיי נישט אויפן מאַרק, אין די געסלעך, אין די קראָמען? פאַרוואָס זעט מען זיי נישט ביים ברונעם די יידישע קינדער, וואָס פלעגן אָנפילן דעם יידישן מאַרק מיט פריילעכן טומל?

אין דעם נגידישן הויז אויף קראָקעווער גאַס, ווו ס׳האָבן געלעבט די מיוחסים פון שטעטל, די אַלטערס און די זאַלצמאַנס, געפינט זיך היינט די פּאָסט און איבער די רחבות׳דיקע צימערן דרייען זיך אַרום פרעמדע, גוים, און זיי דרייען זיך אַרום איבער די „סאַלעס״, ווי אויפגעקומענע גבירים מיט אומגעלומפּערטע פויערשע באַוועגונגען. האָ?.. די יידן?.. יאָ, געווען אַמאָל...

מען דאַרף זוכן די וואָלבראָמער יידן. ס׳איז פרייטיק פאַרנאַכט. אין די פענצטער זעט מען נישט קיין שבת־ליכט. אינעם גערער שטיבל הינטערן „ראַטהויז״ פון די ערליכס זענען זיי אויך נישטאָ. די ווענט זענען באַהאַנגען מיט הייליקע בילדער, מיט בילדער פון קריסטוסן און מאַריען. זעסט, דאָס זענען די איינציקע „יידן״, וואָס איך האָב געפונען אין גערער שטיבל. אויף אַ פינצטער בעט מיט צעוואָרפן בעטגעוואַנט זיצט אַן אַלטע פויערטע און זי פאַרשטייט נישט, וואָס איז זיך דאָ אַרומצוקוקן, וואָס איז דאָ צו זעען אין דעם חושכ׳דיקן צימער?

אַוודאי איז נישטאָ דאָ וואָס צו זעען, אָבער פון דער צווייטער זייט מאַרק, אין אַ זייטיק געסל איז יאָ דאָ וואָס צו זעען: די הויכע שול שטייט אַן אויסגערויבטע, אויף דער מזרח־וואַנט זעסטו די סימנים פון ארון־קודש, די פּאָדלאָגעס זענען צעריסן, אפילו פון הילצערנעם סופיט זענען די ברעטער אַראָפּגעריסן. אַ פינצטערער אומעט

הענגט אויף די ווענט, פויזעט אַרום אינעם חורבן פון דער יידישער שול. אַנטקעגן, אין בית מדרש איז דער חורבן נאָך גרעסער. הויפנס פערדיש מיסט זענען אָנגעלייגט אין די ווינקלען. פון צווישן מיסט שטעקן אַרויס פאַרגעלטע, טויטע שמות, און דער באַלקן איז צעריסן און פאַרשוואַרצט, ווי דער בנין וואָלט צענדליקער יאָרן געשטאַנען אַ פאַרלאָזענער. און סך הכל מיט פינף יאָר צוריק האָט דאָ געזידט אַ לעבן, מיט פריילעכע יום־טובים און פרומע שבתים — אַ יידיש לעבן.

נייגעריקע קריסטלעכע קינדער און דערוואַקסענע קוקן מיך אָן. וועמען זוכט ער דאָ, אָט דער פרעמדער? וואָס באַקוקט ער אזוי די אויסגעזעצטע פענצטער פון דער שול און בית־מדרש? הא?.. יידן?.. נישטאָ מער אין וואָלבראָם קיין יידן. אויף די „באַגנעס" זענען זיי אומגעקומען...

דעם זעקסטן סעפטעמבער 1942 פינף אַזייגער פאַרטאָג איז די שטאָט אַרומגערינגלט געוואָרן מיט דריי רינגען פון מאָרד־באַטאַליאָנען. קיין איין ייד פון וואָלבראָם האָט זיך נישט געטאָרט ראַטעווען. אַלץ האָט געדאַרפט אויסגעמאָרדעט און פאַרטיליקט ווערן. דעם ערשטן „זיכערהייטס"־רינג האָבן געשאַפן פוילישע סקויטן — די „יונאַקעס" פון „באַודינסט", דעם צווייטן רינג האָבן געשאַפן פוילישע „גראַנאַטענע" פאָליציי, דעם דריטן רינג האָבן פאַרשלאָסן אוקראַאינער און אין צענטער האָבן דייטשן געיאָגט די יידן פון די הייזער און געמאָרדעט. אין וואָלבראָם האָבן זיך דעמאָלט געפונען אויך די יידן פון וואָידזיסלאַוו און אָפּאָלע. אין דעם דאָזיקן פינצטערן באַגינען זענען פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט פיר טויזנט פינף הונדערט יידישע לעבנס. נישט אַלע האָבן געהאַט דאָס גליק דערשאָסן צו ווערן אויפן אָרט. די מערהייט האָט נאָך געמוזט צוויי לאַנגע, שוידערלעכע מעסלעסן ליגן אין די זומפּן צוויי קילאָמעטער הינטער דער שטאָט, כדי שפּעטער אומצוקומען אין די גאַז־קאַמערן פון בעלזשעץ. וועגן יענע גיהנומדיקע צוויי מעסלעסן אין די זומפּן רעדן די פוילישע שכנים ווי וועגן די גליקלעכסטע טעג אין זייער לעבן. אין יענע מעסלעסן זענען זיי רייך געוואָרן. פאַר אַ פלעשל וואַסער און אַ שטיקעלע ברויט האָבן יידן געצאָלט מיט אָפּגעשפּאָרטע נדנים פאַר זייערע טעכטער, מיט ירושה־צירונג און מיט די לעצטע גראָשנס.

יידן וואָס האָבן באַוויזן אַדורכצורייסן זיך דורך דער ערשטער אוקראַאינישער רינג און איבערגעקויפט די גראַנאַטענע פאָליציי מיט אַלץ, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט, זענען געפאַלן אונטער די העק און לאָפּאַטעס פון דעם דריטן רינג — די פוילישע סקויטן. פון די „רינגען" איז קיין איין ייד נישט אַרויס אַ לעבעדיקער.

פאַר די, וועלכע האָבן געוואָלט פאָרן צום „ציל" פון דער „איבערזידלונג", האָבן שוין די דייטשן געהאַט צוגעגרייט פויערישע וועגענער, און פוילישע סקויטן האָבן אויפן ראַנד פון הינטערשטאָטישן וואַלד צוגעגרייט טיפע גריבער. אין די דאָזיקע גריבער האָבן געפונען זייער אייביקע רו צוויי טויזנט יידן, עלטערע און קינדער. די מלבושים פון די אויסגעמאָרדעטע, וועלכע האָבן פאַרן טויט געמוזט זיך אויסטון באַקעט, זענען געוואָרן דער לוין פאַר די פוילישע סקויטן פאַר זייער גוטער דינסט...

מיט צוויי חדשים שפּעטער — אין נאָוועמבער 1942 האָט די יידישע קהילה אויפגעהערט עקזיסטירן. אין דעם טאָג איז פאָרגעקומען די צווייטע „אַקציע". די אַרבעטספּעיקע האָט מען אַוועקגעטריבן אין אַרבעטסלאַגער אין סטרי און די איבעריקע האָבן פאַרגרעסערט דעם קבר אויפן ראַנד פון הינטערשטאָטישן וואַלד.

איצט איז דער מאַרק ליידיק, די שול און דאָס בית מדרש זענען געשענדעט און באַרויבט, איצט איז נישטאָ ווער עס זאָל אין וואָלבראָם בענטשן ליכט ערב שבת...

גיי איך צום קבר פון דער וואָלבראָמער קהילה, וואָס ביים ראַנד פון וואַלד. איך גיי פאַרביי דעם חרוב'ן בית־עולם, ווו עס איז אַפילו קיין גאַנצער קבר נישט געבליבן, קיין סימן פון אַ מצבה, קיין צייכן פון אַ בית־עולם־פּאַרקאַן — הפקר און חורבן. ביים ראַנד פון וואַלד הייבט זיך אויף אַ פלאַך בערגל. עטלעכע בהמות הייבן זיך אויף אויף די פאַדערשטע פיס און צופּן דאָס זאַפטיקע גראָז, וואָס איז דאָ פעטער און גרינער ווי ערגעץ־אַנדערש־ווו. דאָס קליינע פּאַסטוך־מיידעלע, וואָס היט די בהמות, ווייזט מיר אָן אויפן בערגל און זאָגט: „דאָ ליגן זשידעס". —

דאָ ליגט אַ גרויסער טייל פון דער וואָלבראָמער קהילה. די איינציקע מצבה אויפן ריזיקן קבר זענען ווילדע נאַרציזן, וואָס דער ווינט האָט פון די פעלדער אהערגעיאָגט זייער זריעה. און דאָס איז אַלץ וואָס איז געבליבן פון אַ רייכע יידישע קהילה — חורבות און ווילדע נאַרציזן...

דאָס בילד פון די ווילדע נאַרציזן פאַרפאָלגט. ווען איך גיי צוריק צו דער באַן, דאַכט זיך מיר, אַז דער גאַנצער וועג, די גרינע פעלדער און די הייזער זענען באַשאָטן מיט ווילדע נאַרציזן, און איך הער דאָס קוויטשיקע קולעכל פון דעם פּאַסטוך־מיידעלע: „דאָ ליגן זשידעס". די דייטשן האָבן זיי געקוילעט, די דייטשן האָבן פאַרטיליקט די וואָלבראָמער יידן. איז וואָס האָבן דאָ געטון די פּוילישע סקויטן פון „באַודינסט"? וואָס האָבן געטון די „גראַנאַטענע" פּוילישע פּאָליציי און די אוקראַאינישע זעלנער?

עס איז שווער וועגן דעם צו טראַכטן, ווארום דאָ אויף דער סטאַציע וואַרטן אויפן צוג צענדליקער פּאָליאַקן, יונגטלעכע און עלטערע, און ווי קען מען טראַכטן, אַז צווישן זיי געפינען זיך אַזעלכע, וואָס זענען דעמאָלט, דעם 6־טן נאָוועמבער, געווען סקויטן און פּאָליציי?...

אין בופעט פון דער סטאַציע איז שטיל און עיפּושדיק ווי אין אַ שענק. איך באַשטעל עפּעס און פרעג דער באַלעבאָסטע:

— געווען אַ סך יידן אין וואָלבראָם?

— געווען.

— געקוילעט?

— אויף די „באַגנעס" און אין וועלדל. אזוי ווי די שעפּסן געקוילעט.

— נישט געראַטעוועט זיך קיינער, וואָס?

— אַנטלאָפן זענען אַ סך, נאָר דער „מאַטלאַך" — טוט זי בייז אַ בלאָז

דורך די ליפּן און קוקט אויף דער טיר — דער „מאַטלאָך" האָט די אַנטלאָפענע באַרויבט און איבערגעגעבן צו די זשאַנדאַרן. איינער, דער מילנער, האָט זיך ביי מיר אויסבאַהאַלטן צוויי יאָר. פאַר מיין אייגענער שוועסטער האָב איך זיך געמוזט היטן. גאַנצע צוויי יאָר געהאַלטן אים אין קעלער און געגעבן עסן בלויז ביינאַכט, ווען דאָס דאָרף איז געשלאָפן, ווען ס'איז געווען פינצטער. איצט האָט מיר דער ייד פאַר אויסבאַהאַלטן אים אויסגעבויט אַ הויז. אַנדערע פּויערים האָבן נאָר געקוקט דער ייד זאָל מיטברענגען זיין פאַרמעגן און נאָך דעם גערופן די דייטשע זשאַנדאַרן. ביי מיר אין דאָרף האָט אַ פּויערטע געפונען צוויי יידישע מיידלעך אין אַ סטויג היי. זי האָט די אָרעמע קינדער אַריבערגעצויגן די קליידלעך איבער די קעפּ, זיי געבונדן און אַוועקגעשלעפּט אין דער סטאַדאָלע און זיי דאָרט אַריינגעוואָרפן ווי זעק. נאָך דעם האָט זי גערופן די זשאַנדאַרן, וואָס האָבן די צוויי קינדער דערשאָסן און באַגראָבן נעבן שייער. די צוויי טויטע יידישע מיידלעך שרעקן זי, און שרעקן ביי טאָג און ביינאַכט, כאָטש נעם און טו זיך אָן אַ מעשה. איז די פּויערטע אַוועק צום גלח זיך מתוודה זיין, כדי ער זאָל איר שענקען דעם חטא. האָט דער גלח אויסגעהערט און געזאָגט: גוט, וואָס דו האָסט זיך מתוודה געווען, אָבער מכפּר זיין וועל איך דיר נישט. האָסט צוויי מענטשלעכע לעבנס אויפן געוויסן, מוזטו ליידן און שפּעטער, אויף יענער־וועלט, וועסטו געמשפּט ווערן... און די פּויערטע גייט אַראָפּ פון זינען, זי הערט די געשרייען פון די צוויי „זשידוווקעס" און פון שייער אַנטלויפט זי, ווי שדים וואָלטן זי געיאָגט...

דער צוג איז אָנגעלאָפן אַ באַהאַנגענער מיט מענטשן. מיט שוועריקייטן האָב איך זיך אַריינגעשטופּט אין דער האַרטער צווייטער קלאַס און ממש געהאָנגען אין דער לופטן. אין געדרענגעניש האָב איך אַפילו מיט די פיס דעם באָדן נישט געקענט באַרירן.

— צוויי יאָר נאָך דער מלחמה און מען קען נאָך אין קיין באַן נישט פאָרן! — שרייט אַ פרוי.

— וואַרט, מומע, פון איין אָקופּאַציע זענען מיר שוין פּטור געוואָרן. וואַרט נאָך אַביסל און עס וועט ווייטער זיין אַ וועלט — שרייט עמעצער אין דעם געדרענג־געניש און מען זעט נישט ווער עס רעדט.

— וואָס, ביי דער ערשטער אָקופּאַציע איז אייך שלעכט געווען? — קוויטשעט אַ פרוי — ס'האָט אייך געפעלט שיך? צי האָט איר מיט קיין באַן נישט געקענט פאָרן? די איצטיקע רעגירונג גיט אייך אזוי פיל וויפל יענע האָבן געגעבן?

דער עולם לאַכט, ער איז צופרידן, וואָס ס'האָט זיך געפונען אַ דרייסטע, וואָס זאָגט אויפן קול, וואָס מען דאַרף...

די באַן טרייסלט, ווי זי וואָלט געפאָרן אויף שפּיציקע שטיינער. דער צונויפגעדרענגטער עולם פאַלט אַמאָל אויף דער זייט און אַמאָל אויף דער צווייטער זייט און אין פריילעכקייט באַמערקט עמעצער:

— טרייסלט זיך ווי אַ יידישע באַן...

— ס'איז דאָך אַ מלוכה'שע באַן! — ענטפערט אַ צווייטער שלאָגפערטיק און דער עולם איז צופרידן, שטאַרק צופרידן.

איך דערפיל דעם ריח פון די וואָלבראָמער „סקויטן", פון דער „גראַנאַטענער" פּאָליציי און די טראַגעדיע פון דער וואָלבראָמער קהילה ווערט אַזוי שרעקלעך בולט. יעדעס וואָרט, וואָס פאַלט דאָ איין שיכורער פריילעכקייט, דערפיל איך ווי מען וואָלט מיך געהאַקט מיט אַ טעמפּן האַמער. אָבער איך מוז שווייגן, איך מוז אויפנעמען די קלעפּ און איך טאָר מיט קיין איין באַוועגונג נישט מגלה זיין, אַז איך בין אַ ייד און אַז אייגנטלעך איז דער גאַנצער פריילעכער שמועס געווענדט קעגן מיר, קעגן ייד.

ווען די באַן שטעלט זיך אָפּ אויף דער סטאַציע טונעל און איך רייס זיך אַרויס פון וואַגאָן — עטעם איך אָפּ מיט פולע לונגען, ווי איך וואָלט זיך אַ לעבעדי־קער אַדורכגעריסן דורך די דריי מערדער־רינגען אַרום דעם שטעטעלע וואָלבראָם...

טונעל איז אַ באַן־קנופּ, וואָס לאָזט אַדורך די צוגן פון וואַרשע, פון איין זייט צו אויבערשלעזיע און פון דער צווייטער — קיין קראָקע. אויסער דעם וואָקזאַל איז דאָ גאָרנישט פאַראַן. דער וואַרט־זאַל איז פול מיט פּאַסאַזשירן־פויערים און ביי אויפגעקומענע סוחרים. דאָ אַרום פאָרן „שאַבראַווניקעס" *) קיין נידערשלעזיע, באַך גזלה און דורך אָט דער סטאַציע קומען זיי מיט פולע זעק רויב. איז דער וואַרט־זאַל אַ יאַריד פון פאַרשידענע מינים סחורות און „סוחרים".

צווישן דעם „נאַבעלען" עולם איז נישט צו זעען קיין יידיש פּנים, אָבער פון די „סוחרים" און פויערים קאָן זיך דאַכטן, אַז די סטאַציע, דער הימל און דער וואַלד איז באַהערשט דורך יידן, וואָרום דאָס וואָרט „זשיד" גייט אַדורך דורך אַלע מיילער אין שפּאָט און אין רוגזה.

איך פאַרהאַלט זיך פריי און גאַוהדיק נישט אַרויסצווייזן קיין פאַרדאַכט, אַז איך בין איינער פון די, פון וועלכע דער עולם שפּאָט און חוזק'ט. און אויך די וואַרטנ־דיקע פּאַסאַזשירן פאַרהאַלטן זיך פריי: אויפן גראָז, הינטערן וואָקזאַל, טוען זיי זיך אויס און ציען־אַראָפּ די שטיוול, כדי צו כאַפּן אַ דרימל איידער די באַן קיין וואַרשע קומט־אָן. און אַזוי פאַרביישפּאַצירנדיק צווישן די ליגנדיקע דערזע איך אין אַ פּאָר שטיוול באַקאַנטע צייכנס פון יידישע אותיות. אין אַ פּאָר פּשוטע פויערשע שטיוול. איך שפּאַציר אַדורך עטלעכע מאָל און זע שוין קלאָר: אינעווייניק זענען די כאָלעוועס אויסגעשטייפט מיטן פּאַרמעט פון אַ ספר־תורה...

איך צי זיך אויס אויפן גראָז נעבן שלאָפנדיקן פויער און באַמי זיך צו זיין וואָס נענטער צו די שטיוול. דער גוי ליגט מיטן פּנים אַראָפּ און די שטיוול, אויפגע־שטעלטע מיט שטייפע אָפענע פּיסקעס צום בלויען זומערדיקן הימל, שרייען מיט שוואַרצע אותיות:

---

*) רויבער.

ויאמר ד׳ אל משה פסל לך שני לוחות אבנים כראשונים וכתבתי על הלוח את הדברים אשר היו על הלוחות הראשונים אשר שברת, והיה נכון לבקר — — —

מער האָב איך נישט געקאָנט ארויסלייענען פון די פויערשע שטיוול. עמעצער האָט מבשר געווען, אַז די באַן דערנענטערט זיך און די פּאַסאַזשירן האָבן זיך געאיילט צום צוג. דער פויער נעבן מיר האָט אַרויפגעצויגן די שטיוול, פאַרוואָרפן זיין זאַק אויף די פּלייצעס און אַוועק. אָט דער גוי האָט באַהאַלטן די לוחות אין די שטיוול און געלאָפן מיט אַ רויב־זאַק צו דער באַן.

דאָ אין טונעל האָב איך זיך דערוווּסט, אַז איך געפין זיך אין אַ לאַנד, ווו די פויערים באַהאַלטן אין זייערע שטיוול גאָטס געזעצן און זייערע כאַלעוועס זענען אויסגעשפּרייט מיט לא תרצח, לא תנאף, לא תגנב...

וואַידזשיסלאַוו און כענטשין

איר האָט זיכער געהערט וועגן דער טראַגעדיע אין דעם טשעכישן שטעטעלע לידיצע. עס איז געווען אַ צייט, ווען לידיצע האָט אָקופּירט די רעשטלעך פונעם וועלט־געוויסן. קיין לידיצע זענען געפאָרן וועלט־באַרימטע געוויסן־עקספערטן, יושר־מאָנער, וועלט־פלאַנירער און גייסטיקע פּאַטערס פון אונזער ערד־קוגל. די טראַגעדיע פון לידיצע האָט אָנגעשלאָגן אפילו אין די סאַמע פאַרהאַרטעוועטסטע הערצער פון מענטשן, וואָס האָבן קיינמאָל דעם נאָמען פון דעם טשעכישן שטעטעלע נישט געהערט. דאָס טשעכישע פאָלק האָט וועגן לידיצע געשאַפן אַ גאַנצע ליטעראַ־טור, מיט ראָמאַנען, פּאָעמען, פילמען, דראַמעס.

אויף מיין רייזע איבער די געוועזענע יידישע שטעטלעך אין פוילן האָב איך זיך אָנגעטראָפן אויף צענדליקער יידישע לידיצעס, וואָס קיינער רעדט נישט וועגן זיי, קיינער האָט וועגן זיי נישט געשריבן, קיין שום פּרעסע־אַגענטור האָט וועגן זיי נישט געשיקט קיין דעפּעשן און קיין שום דיכטער האָט וועגן זייער גרויסן חורבן קיין קינות נישט געשריבן, זייערע העלדן נישט באַזינגען, זייערע קדושים נישט באַוויינט.

אין דעם טומל פון דער ווירקלעכקייט ווערן פאַרגעסן אונזערע לידיצעס. מען האָט זיך צוגעוווינט צו אָפּערירן מיט אַן אַלגעמיינער ציפער: זעקס מיליאָן. און ס'איז גאָר נישטאָ אַזאַ פאָרשטעלונגס־קראַפט, וואָס זאָל ביים הערן די ציפער קענען באַגרייפן כאָטש אַ טייל פון דעם תהום פון בלוט און טרערן און איבערמענטשלעכע ליידן. די גלאָבאַלע ציפער פון „זעקס מיליאָן" איז די שפּרונג־ברעט, פון וועלכער מיר שפּרינגען־אַראָפּ אין די ספערן, וווּ עס הערשט נישט מער די מעגלעכקייט פון מענטשלעכער פאָרשטעלונג.

קומט מיט מיר איבער די יידישע לידיצעס, איבער דעם פאַרשוויגענעם חורבן פון די יידישע שטעטלעך און איר וועט קיינמאָל מער נישט דערמאָנען די ציפער „זעקס מיליאָן", ווייל די ווירקלעכע כוחות פון אַ מענטש סטאַיען אַפילו נישט צו פאַרנעמען דעם חורבן פון איין שטעטעלע, וווּ עס האָבן געלעבט הונדערט יידישע פאַמיליעס.

איך האָב זיך געטראָפן אין פוילן מיט גרזעלשאַפטלעכע טוער און היסטאָרי־קער, וואָס זענען געקומען זעען דעם חורבן. אין אויסלאַנד האָבן זיי כמעט אלע אָפּערירט מיט דער ציפער פון מיליאָנען. אָבער דאָ, אין פוילן, האָבן זיי אפילו קיין איין קליין שטעטעלע נישט באַזוכט. זיי האָבן נישט געוואַגט, ווייל זייער נערוון־סיסטעם וואָלט נישט אויסגעהאַלטן דעם שאָק. זיי האָבן זיך געלאָזט אַרומפירן איבער די גרויסע שטעט, וווּ דער חורבן זעט זיך ווינציק אָן אויף די באַוועגלעכע

גאַסן. פאַר דעם חרוב׳ן שטעטעלע האָבן זיי מורא געהאַט, זאָגן קינות און שרייבן וועגן זעקס מיליאָן איז פיל לייכטער ווי זעגן איין שטעטל כ ע ג ט ש י ן. ווייל אין די כענטשינס און אין די וואָידזשיסלאַווס עקט זיך די וועלט. יעדער ייד, וואָס קומט אין אַ יידישע לידיצע בלייבט שטיין אויפן טויטן מאַרק און מאַכט אַ חשבון־הנפש. נאָך דעם דאָזיקן חשבון־הנפש ווילט זיך בשום אויפן נישט טאַנצן אויף פרעמדע חתונות, עס וויל זיך נישט נאָכשרייען די זעלבע לאָזונגען, וואָס אַנדערע פעלקער, עס ווערן ווערטלאָז אַלע דיסקוסיעס וועגן וועלט־סדרים, עס וויל זיך בלויז אויס־שרייען איין געשריי:

— זעט, פעלקער, וואָס איר האָט געמאַכט מיט אונז! אין אייערע פאָליטישע קאַמפן האָט איר קודם־כל אויסגעשאָכטן די יידן.

און געשאָכטן האָבן אַלע: דייטשן, ליטווינער, אוקראַינער, לעטן און פאָליאַקן. אַלע האָבן זיי זייער חלק אין אונזערע לידיצעס. ווער עס האָט גענומען אַ גרעסערן און ווער אַ קלענערן אַנטייל, ווער עס האָט די פאַרניכטונג פלאַנירט, צוגעגרייט, און ווער עס האָט זיך אין איר באַטייליקט. דאָס זענען היסטאָרישע אמתן. און אָט די היסטאָרישע אמתן מוזן מיר איינפלייצן אין אונזערע פנקסים פאַר די קומענדיקע דורות, כדי קיינער פון די פעלקער זאָל נישט קענען האַנדלען מיט אונזער בלוט, קיינער זאָל ביי די שריפות פון אונזערע קהילות נישט קענען גליען זיינע שווערדן.

אָט בין איך אָנגעקומען אין אַ שטעטעלע נישט ווייט פון מיעכאָוו. עס הייסט וואָידזשיסלאַוו. דער שאָפער האָט פאַרהאַלטן דעם אויטאָ אויף אַ גרויסן חרובן פלאַץ צווישן רואינען און ער האָט מיר געזאָגט, אַז מיר געפינען זיך אויפן מאַרק אין וואָידזשיסלאַוו. אָבער אויסער חורבות זע איך גאָרנישט. נישט קיין מאַרק, נישט קיין הייזער, נישט קיין געוועלבער — אַ חורבן.

אַנומלט איז וואָידזשיסלאַוו אַ רירעוודיק יידיש שטעטעלע געווען, מיט אַ שול, מיט מסחר און יידישער אַרבעט. די וואָכעדיקע יארידים זענען דאָ געווען הייסע, רוישיקע, נישט ווי מען וואָלט דאָ געמסחר׳ט מיט פערד און בהמות, נאָר ווי מען וואָלט דאָ וועלטן איינגעהאַנדלט. און די וואָידזשיסלאַווער שבתים זענען געווען פרומע און שטילע — האַרציקע מתנות פאַרן רבונו־של־עולם פאַר זיין גרויסן באַשאַף. און די יידן דאָ זענען געווען אַזוי איינגעפונדעוועט און אַזוי טיף פאַרוואָרצלט אין זייער אייגענעם שטייגער, אַז זיי זענען זיכער געווען, אַז ווען משיח וועט קומען (און קומען וועט ער זיכער), וועט ער צום סאַמע ערשטן קומען קיין וואָידזשיסלאַוו, ווו ער וועט געפינען וואַרעמע יידישע הערצער און ליכטיקע שבתים. און אויך די וואָידזשיסלאַווער יידישע אוסגעוועלטיקטע יוגנט האָט געוואַרט אויף משיחן. פאַר איר, פאַר דער יוגנט, האָט בלויז משיח אַביסל אַנדערש אויסגעזעען, ער איז געווען מאָדערן און געטראָגן האָט ער מיט זיך רעוואָלוציאָנערע וויסנשאַפטלעך־דעפינירטע לאָזונגען — פאַר אַלע אונטערדריקטע פעלקער פון דער וועלט. די וואָידזשיסלאַווער יידישע יוגנט האָט געזוכט באַפרייאונג נישט נאָר פאַר

זיך, נאָר אויך פאַר די פעלקער פון אוקראַינע און פוילן, פון לעטלאַנד און ליטע — פאַר אַלע. נאָר ווען דאָס דייטשע מעסער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער וואָידזשיס־לאַוו האָבן סיי אוקראַינער און סיי ליטווינער און סיי פּאָליאַקן צוגעהאָלפן דאָס מעסער וואָס טיפער אַריינצושניידן אין האַלדז פון יידישן שטעטל, אַז נישט נאָר יידיש לעבן זאָל נישט בלייבן, נאָר אַז אַפילו די הייזער מיט אַלץ וואָס יידן האָבן געשאַפן זאָל פון דער דאָזיקער ערד אָפּגעמעקט ווערן אויף אייביק.

היינט איז דער וואָידזשיסלאַווער מאַרק באַוואַקסן מיט גראָז. פון די גאַנץ געבליבענע געסלעך ווו ס'האָבן אויך פריער געוווינט פּאָליאַקן קומען אַהער ציגן צו פּאַשען זיך מיטן גראָז פונעם מאַרק און צופּן די ווילד־געוויקסן, וואָס וואַקסן אויף די יידישע חורבות.

אין זעלבן מיעכאָווער קרייז געפינט זיך אַ צווייט שטעטעלע, וואָס זעט־אויס גענוי ווי וואָידזשיסלאַוו. דאָס שטעטל הייסט — כענטשין.

ווען איך בין איצט אָנגעקומען אַהער האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דאָס שטעטל איז ערגעץ־ווו אָוועקגערוקט געוואָרן ווייטער. מעגלעך, אַז ווען איך זאָל פאָרן ווייטער וועל איך געפינען די שטאָט מיט די יידן מיט זייערע בתי מדרשים און ביבליאָטעקן. איך וועל באַגעגענען די אופגעקלערטע כענטשינער יוגנט, אָבער דער שאָפער פאָרט נישט ווייטער. דאָ, זאָגט ער, איז כענטשין. און איך זע נישט קיין שטעטל, נאָר אַ וויסטע חורבה. אַ פוסטקייט, פון וועלכע עס בלאָזט מיט אימה, ווי דורך דער שטאָט וואָלט אַדורך די שוואַרצע פּעסט.

די כענטשינער פּאָליאַקן האָט זיך געדאַכט, אַז מיטן פּטרן די יידן, וועלן זיי גליקלעך ווערן, די שטאָט וועט זיך פריי פונאַנדערוואַקסן אָן קרעמער, אָן בעלי־מלאכות, אָן סטאָלאַרעס און זייגערמאַכערס, אָן די אַלע יידישע געשעפטן, וואָס — ווי זיי פלעגן זאָגן — פאַרמיאוסן דאָס בילד פון די פוילישע שטעט. אָבער די שוואַרצע פוילישע באַנדעס, וועלכע האָבן צוגעהאָלפן די דייטשן און אוקראַינער אָפּרוימען דאָס שטעטעלע פון יידן, האָבן דאָס געמאַכט אַזוי ראַדיקאַל, אַז ס'איז אַפילו קיין גאַנץ הויז נישט געבליבן. אין סאַמע שטאָט זעסטו קוים אַ מענטש, וואָס לויפט אַמאָל פאַרביי. ווען איך פאַרהאַלט אַ פויער און פרעג אים ווו ס'איז אַמאָל געווען די יידישע שול, דאָס הויז פון קהל, קוקט ער זיך אַרום, קראַצט זיך אין דער פּאַטילניצע און ענטפערט קורץ:

— די ערד האָט צוגענומען אַלץ.

— און ווו איז דער בית־עולם?

— אַלץ איז אַ בית־עולם — ענטפערט ער און אַנטלויפט.

און אויך איך אַנטלויף פון כענטשין, וואָס איז צו אַ חרובן בית־הקברות געוואָרן, ווו מען קען אַפילו אויף קבר אבות נישט קומען.

אַזוי זעען אויס אונזערע פאַרשוויגענע לידיצעס, וואָס זענען אַנומלט יידישע שעפערישע שטעטלעך געווען. זיי וואַרטן עמעצער זאָל זיך דערמאָנען אין זיי, זאָל אַנטדעקן זייער געשיכטע און באַווייגען זייער אומקום.

טשענסטאָכאָוו

ווער עס האָט נישט געקענט טשענסטאָכאָוו פון פאַר דער מלחמה, דער וועט אפילו נישט אנען, וואָס דאָ איז אנומלט געווען. די גאסן זענען פול מיט מענטשן, מיט שפאַצירנדיקע, מיט קינדער און קינדער־וועגעלעך, מיט א ריזיקער שול־יוגנט. צום הייליקן באַרג „יאסנא־גורא״ איילן אויספלוגן פון באַרוועסע פויערטעס און פויערים. עס קלינגען די גלאָקן פון קלויסטער און קירך. שווארצע סוטאנעס איילן אין די אלייען. ארבעטער גייען צוריק פון די פאבריקן, גוט־אָנגע־טוענע יונגע פרויען שפאַצירן צעשמייכלטע, פרייע. ס׳איז זומער אין א גרויסער שטאָט.

בעת די רוסן האָבן דורכגעפירט די עוואקואַציע פון די פאַליאַקן פון די מזרח־געביטן האָבן זיך פיל פאַליאַקן פון מזרח־גאַליציע באַזעצט אויך אין טשענ־סטאָכאָוו. וועט קיין פרעמד אויג נישט באַמערקן, אז אין דער דאָזיקער שטאָט זענען פאָרגעקומען תהום־טיפע ענדערונגען. בלויז ווען מען קומט צו דער יידי־שער געגנט און מען זעט די בערג פון חורבות — מוז מען זיך פאַרטראַכטן און מען מוז פרעגן: וואָס פאַר א פאָלק, וועלכער מין מענטשן האָט דאָ געוווינט, וואָס מען האָט זייערע הייזער אַזוי צעהאַקט און זייער שטאָם פאַרלענדט.

עס קלינגען די טשענסטאָכאָווער גלאָקן, זייער קלאַנג האָט זיך נישט אי־בערגעריסן און זייער פייערלעכע מאָנאָטאָניע האָט זיך נישט געביטן במשך פון דער גאַנצער צייט, ווען דאָ אין שטאָט האָט זיך אָפּגעשפּילט איינער פון די פינצ־טערסטע אקטן פון יידישן אומקום אין פוילן.

אזוי האָבן זיי געקלונגען, ווען דאָ האָבן געלעבט פערציק טויזנט יידישע נפשות און אזוי קלינגען זיי היינט, ווען איבער דער גרויסער שטאָט זענען צע־וואָרפן זעקס הונדערט פאַריתומטע, בע־ונד׳ע יידן.

וואָס פאַר א שורשדיק יידיש לעבן דאָ האָט געבליט קאָן נאָר וויסן דער, וואָס האָט טשענסטאָכאָוו געזעען פאַר דער מלחמה. און וואָס עס מיינט אַזעלכעס „ביאָלאָגישע פאַרניכטונג״ קען נאָר פאַרשטיין דער, וואָס איז געווען אין טשענ־סטאָכאָוו אין יאָר תש״ח.

טשענסטאָכאָוו איז פון תמיד אָן געווען א קלעריקאַלע קאַטויליש־פאַנאַטישע שטאָט. דער קלויסטער און דער באַרג — „יאַסנאַ גוראַ״ — אויף וועלכן דער קלויסטער שטייט, זענען געווען סימבאָלן פון דעם סאַמע פינצטערסטן פוילישן פאַנאַטיזם און אָפּגעשטאַנענקייט. אָבער, ווען מען פלעגט קומען קיין טשענסטאָ־כאָוו איז מען אַריינגעפאַלן אין אַ ים פון יידישקייט, וואָס האָט מיט זיין אימפּעט און פאַרביקייט געגעבן דאָס בילד פון דער שטאָט.

טשענסטאָכאָווער בתי־מדרשים, חסידים־שטיבלעך און תלמוד־תורות; אר־

בעטס־פאַראיינען און קלובן, ביבליאָטעקן, אַן אייגענע פּרעסע, פּאָליטישע פּאַר־טייען מיט וועלט־באַנייעריש און גאולה־אַמביציעס. דער קולטור־פּאַרמעסט פון די פערציק טויזנט טשענסטאָכאָווער יידן האָט אויסגעזען, ווי זיי, די יידן, וואָלטן דעראָבערט אַ וועלט . אַזוי האָט עס אויך געזען די שנאה'דיקע פּוילישע וועלט. עס האָט זיך זיי געדאַכט, אַז דאָס רוישיקע יידישע לעבן האָט בלויז איין ציל — דער־אָבערן טשענסטאָכאָוו. זיי האָבן נישט געוואָלט זעען דעם יידישן שעפערישן כוח, וואָס בויט פאַבריקן און ארבעטס־וואַרשטאַטן, וואָס שאַפט אייגענע קולטור־ווערטן. אין די הייסע פּאָליטישע דיסקוסיעס, וועלכע פלעגן זיך איבערטראָגן אין די גאַסן, אין די שפּאַציר־אַלייען, האָט די יידישע יוגנט געוואָלט אויסשמידן זייער גאולה, זייער באַפרייאונג.

דעמאָלט האָבן אויך די גלעקער פון די קירכעס געקלונגען, אָבער זייער געקלאַנג איז צעשטויבט געוואָרן אינעם רויש פון יידישן לעבן. היינט, ווען דו שטייסט אויף די חורבות פון די יידישע גאַסן הערט מען זייער געקלאַנג ווי אַ פינצטערן טריאומף־סיגנאַל איבערן פאַרפלאָסענעם יידישן לעבן.

א סך יאָרן פריער, נאָך איידער דער היטלערישער מטורף איז געקומען צו דער מאַכט, האָט דער טשענסטאָכאָווער קלער אויפגעהויבן זיין קאַמף קעגן די יידן, די טשענסטאָכאָווער אויסוורפן האָבן דאָך נישט געוואַגט צו שטעלן זיך אין אַן אָפענעם קאַמף קעגן די יידן.

זייער חלום איז מקויים געוואָרן ערשט דעמאָלט, ווען די היטלערישע חיילות האָבן אָקופּירט פּוילן. עס האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז אין יענער היסטאָרי־שער שעה, ווען פּוילן איז דערקלערט געוואָרן ווי אַ לאַנד אָן אַ שטאַט, וועט זיך דאָס פּוילישע פאָלק באַזינען, עס וועט דערזעען פאַר זיך זייןווירקלעכן שונא און עס וועט זאַמלען זיינע כוחות קעגן די, וואָס האָבן זיי צו שקלאַפן געמאַכט. ניין, דאָס האָבן זיי נישט געזעען. ווען די גלעקער האָבן געקלונגען צו ניי־יאָר 1940 זענען פּוילישע אויסוורפן אַרויס אין די יידישע גאַסן און אונטערגעצונדן די אַלטע, אַנטיקע שול און די סינאַגאָגע.

דאָס איז געווען אַ פּ ו י ל י ש ע ר סיגנאַל צו דער גערמאַנישער פאַרניכטונג פון יידן.

בעת מען שטייט אויף די חורבות פון יידישן טשענסטאָכאָוו זעט מען בעשיימפערלעך, אַז יענע שריפות דעם 31־טן דעצעמבער 1940, אָנגעצונדן דורך פּוילישע אויסוורפן, זענען געווען דאָס פאָרבילד פון פולשטענדיקן אומקום.

ביז יולי 1942 האָט זיך די טשענסטאָכאָווער יידן אויסגעדאַכט, אַז זיי וועלן איבערהאַלטן. שוין העכער אַ יאָר צייט זענען די יידן געווען איינגעשלאָסן, אין אַ געטאָ. אָפּטמאָל האָבן זיך איבערן געטאָ געקליבן שטורעם־וואָלקנס. די דייטשע מערדער האָבן סיסטעמאַטיש און מיט זייער אָרגאַניזירטן מעטאָד געהאַלטן די יידן אין כסדרדיקן פּחד, אָבער יידן האָבן געגלויבט, אַז זיי וועלן אָפּקומען מיט ווייניקע קרבנות. פינף הונדערט יידן פאַרכאַפּט קיין הרוביעשאָוו צו בויען שאָסייען; די

ליקווידאַציע פון פערציק סאָציאַליסטישע טוער און רעוואָלוציאָנערן פון 1905; דאָס כסדרדיקע כאַפּן יידן צו אַרבעט אין די לאַגערן פון די קליינע שטעטלעך — אָבער דער שטאָט וועט בלייבן, דעם שטאָט וועלן זיי נישט וואַגן רירן.
זיי האָבן געוואַגט, די רוצחים.

ווען קיין טשענסטאָכאָוו איז אָנגעקומען אַלס געסטאַפּאָ־פירער דער מערדער פון די טשעכישע יידן — דעגענהאַרדט — האָבן זיך אין געטאָ געפונען אַכט און פערציק טויזנט יידן. זיין אויפגאַבע איז געווען די דאָזיקע קאַרגע פופציק טויזנט יידן אומצוברענגען.

אייגנטלעך האָבן די טשענסטאָכאָווער יידן געפילט, אַז די קאַטאַסטראָפע דערנענטערט זיך. פון וואַרשע, פון קעלץ, פון לובלין, זענען שוין געהאַט אָנגעקומען די אימהדיקע ידיעות וועגן „אויסזידלונגען", „סעלעקציעס", „זאָנדערקאָמאַנדאָ" און „פאַרניכטונגס־בריגאַדע". אָבער דער מערדער דעגענהאַרדט האָט באַרויִקט דאָס געטאָ: עס אַרבעט „האסאג", עס טרייבן די מאַשינען אין „מעטאַלורגיאַ", עס אַרבעטן די פאַבריקן, און די יידישע שקלאַפן זענען נויטיק. די דייטשע מאָרד־מאַשין דאַרף האָבן לעבעדיקע שקלאַפן. דעגענהאַרדט האָט באַפוילן דעם פרעזעס פון יודנראַט — קאָפּינסקין, ער זאָל פונאַנדערשיקן די יידישע פּאָליציי איבער די גאַסן פון געטאָ, כדי זיי זאָלן באַרויִקן די צעשראָקענע יידן.

אָבער יום־כפור, דעם 21־טן אויגוסט 1942, באַגינען, איז אין געטאָ אַריין די ראַדאָמער זשאַנדאַרמעריע מיט אָפּטיילונגען פון אוקראַינער און לעטן פון דער „פאַרניכטונגס־בריגאַדע". צוזאַמען מיט זיי זענען אין געטאָ אַריין פוילישע אויסוורפן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן שלאָגן יידן אין די גאַסן.

אין געטאָ איז אַנטשטאַנען אַ בהלה. דעגענהאַרדט האָט באַרויִקט: „אויסזידלונג" מיינט נישט טויט, דאָס מיינט בלויז אַרבעט; אַרבעט אויף אַנדערע פלעצער. די „אויסזידלונג" וועט פאָרקומען לויט ראַיאָנען. און באַלד ווערן אָפּגעשלאָסן די גאַסן קרוטקאַ און גאַריבאַלדי. דעם ערשטן טאָג פון דער „אַקציע" ווערן אַרויסגעריסן פון געטאָ 8500 יידן צום טראַנספּאָרט קיין טרעבלינקע און הונדערטער יידן זענען געפאַלן טויט אין די הייזער און באַהעלטענישן.

די אַקציע האָט געדויערט צען טעג. אין די דאָזיקע טעג זענען אין די טרעבלינקער גאַז־קאַמערן אומגעקומען איין־און־פערציק טויזנט טשענסטאָכאָווער יידן און אויף די גאַסן זענען געפאַלן — צוויי טויזנט.

אויך דאָ, ווי אין פיל אַנדערע שטעט אין פוילן, האָט עקזיסטירט אַ יידישע אונטערערדישע באַוועגונג, אָבער ווי אומעטום איז זי אויך אין טשענסטאָכאָוו געווען געליימט צוליב דער מורא'דיקער שנאה פון דער סביבה. די יידן, וואָס זענען אַנטלאָפן פון געטאָ בעת די „אויסזידלונגען", זענען געפאַנגען געוואָרן דורך די פינצטערע, פאַנאַטישע פּאָליאַקן און איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון דער דייטשער זשאַנדאַרמעריע. כמעט אַלע יידן, וואָס זענען אַוועק אין די וועלדער, זענען אומגעקומען פון די הענט פון פוילישע רעאַקציאָנערע פּאַרטיזאַנער־גרופּן.

דער פירער פון דער אונטערערדישער באַוועגונג — זילבערבערג, איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד נאָך דעם ווי די באַוועגונג איז אַנטדעקט געוואָרן צוזאַמען מיטן מאַגאַזין פון געווער. בעת דער אַנטדעקונג זענען געפאַנגען געוואָרן לעבעדיקע אַכצן יידן פון דער באַוועגונג. זילבערבערג האָט נאָך באַוויזן פאַר זיין טויט צו דערשיסן איינעם פון דער געסטאַפּאָ און אַ צווייטן האָט ער שווער פאַרוווּנדעט.

יידן האָבן נישט ווו צו לויפן. יידן האָבן נישט קיין הילף. זיי זענען געבליבן אַליין אין אַ וועלט פו אַ נישט געהערטער שנאה.

פינף טויזנט פאַרמשפּטע שקלאַפן זענען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין אַן איינגעשרומפּענעם געטאָ, כדי ביסלעכווייז אומצוקומען אין די „האסאג״־פאַבריקן, אין טיפוס־פיבער, אָדער — אין טרעבלינקע.

די געסטאַפּאָ־באַנדיטן שפּילן־אויס זייערע מאָרד־אינסטינקטן מיט די דאָזיקע רעשטלעך פון אַ בליענדיקער שטאָט. כמעט אַ יאָר צייט ווערן נאָך עטלעכע טויזנט יידן געמאַטערט אין די „האסאג״־און „מעטראָס״־פאַבריקן. ווען מען רעדט מיט יידן פון דער טשענסטאָכאָווער שארית הפליטה איז פּשוט אוממעגלעך צו באַגרייפן פונוואַנען האָבן זיך צו די אויסגעפּייניקטע און דערנידעריקטע שקלאַפן גענומען פּשוט פיזישער כוח איבערצוהאַלטן אַזאַ גיהנום. און איך האָב גערעדט מיט יידן, וואָס האָבן איבערגעהאַלטן אָט דאָס גיהנום. זיי זענען געווען עדות ווי אוקראַינער און דייטשן און לעטן האָבן קינדער דערמאָרדעט דורך צעהאַקן זייערע קעפּלעך אין די שטיינערנע מויערן. פאַר זייערע אויגן האָבן די דייטשן אויפגעריסן דאָס געטאָ, הויז נאָך הויז צעזעצט מיט דינאַמיט. פון די ברענענדיקע בונקערס זענען פון לאַנגן זיצן אין דער פינצטער בלינד געוואָרענע מאַמעס, אַרויסגעלאָפן מיט זייערע עופעלעך, און מערדער־קוילן האָבן איבערגעריסן דעם צאַפּל פון זייערע הערצער.

דו קאָנסט איצט זעען אין טשענסטאָכאָוו דעם איבערבלייב פון אָט די בונקערס. אָט דאָ זענען יידן געלעגן באַהאַלטן חדשים לאַנג און אומזיסט געוואַרט אויף דערלייזונג. אָט דאָ אויפן מערקל איז פאַרגעקומען די גרויליקע „אויסזידלונג״. און אין די חורבות האָט מען אין אַ קעלער אַנטדעקט דעם מאַגאַזין פון דער אונטערערדישער באַוועגונג.

בעת איך דריי זיך אַרום איבער די חורבות קלינגען די טשענסטאָכאָווער גלאָקן. און עס דאַכט זיך מיר, אַז זיי קלינגען אַזוי אָן איבערייס זייער מאָנאָטאָנעם געקלאַנג איבער די אַלע יאָרן ווען מען האָט יידן דאָ געמאָרדעט און געפּייניקט אין עינויים־פּיין. זיי באַגלייטן דעם חורבן און דאָס האַרץ איז פול מיט שרעק.

נאָך דעם גרויסן אומגליק האָבן זיך קיין טשענסטאָכאָוו צוריקגעקערט טויזנט פינף הונדערט יידן. זיי זענען געקומען מיט פרישן גלויבן, זיי האָבן די לאַזונגען פון די באַפרייאונגס־אַרמייען צוריק איינגעקנעטן אין זייערע הערצער און אָנגעהויבן ווידער בויען: אַ פרישע ישיבה, אַ ניי קינדערהיים, אויפגעלעבט די נעכטיקע פאַרטייען, געשאַפן אַ קהילה. סטייטש, אין דער טיפער פאַרגאַנגענהייט

איז דאָך געווען אַ צייט, ווען אין טשענסטאָכאָוו זענען מער נישט געווען ווי דריי מנינים יידן. און פון אָט די דריי מנינים יידן איז אַרויסגעוואַקסן אַ יידישע שטאָט מיט פערציק טויזנט נפשות, מיט שולן און בתי מדרשים, מיט ישיבות און תלמוד־תורות, מיט פּאָליטישע פּאַרטייען און אַזאַ גרויסע יידישע שעפערישקייט.

קלינגען די גלאָקן פון טשענסטאָכאָוו און עס קלינגען די גלאָקן פון קעלץ. אין קעלץ ברעכט־אויס דער פּאָגראָם. די גרויסע האָפנונגספולע אילוזיע פון די טשענסטאָכאָווער יידן ברעכט זיך איין, ווי דער באַלקן פון אַ חרובן בונקער. די אמונה אַנטלויפט אין שרעק. יידן צעלויפן זיך. זיי לויפן ווו די פיס טראָגן, ווו עס דאַכט זיך זיי, אַז זיי וועלן אַ זיכערן דאַך איבער זייערע קעפּ געפינען.

זענען אין טשענסטאָכאָוו געבליבן זעקס הונדערט יידן. עקשנים? גלוביקע? וויזיאָנערן?

שווער צו דערגרונטעווען דאָס האַרץ פון יידן, וואָס איבער זייערע קעפּ איז אַדורך אַזאַ געוויטער.

פיל זענען מיד פון וואָגלעניש און דערשעפּט. זיי ווילן לאַנדן אויף די ברעגעס פון אַ נייעם גלויבן, אַז די איצטיקע מאַכט אין פּוילן וועט שיצן זייער לעבן און דאָס וואָס זיי וועלן שאַפן. אַ טייל טוט־אָן אויף זיך די מאַסקע פון פּאָליאַקן און הערט זיך איין אין גלין־גלאָן פון די קלויסטער־גלעקער און דענקען, אַז אויב נישט פאַר זיי, טאָ אפשר פאַר זייערע קינדער איז פאַראַן אַ טאָן פון האָפענונג אין דעם דאָזיקן קלאַנג... און די רעשט זעט פאַר זיך גרויסע, ווילדע אָקעאַנען. און אפשר וועט זיך אויף די דאָזיקע וואַסערן געפינען פאַר זיי אַ שיף, וואָס זאָל זיי אַוועקטראָגן צו זיכערע ברעגעס, ווו זיי זאָלן פאַרגעסן דאָס קלינגען פון די קירכן־גלאָקן אויף דעם באַרג פון שנאה, וואָס הייבט זיך אויף איבער דער געוועזענער קהילה קדושה טשענסטאָכאָוו.

אַלקוש

אַלקוש, אָדער ווי די דאָרטיקע יידן פלעגן עס רופן — עלקיש, איז געווען אַן אַלטע יידישע קהילה. אין דער סביבה פון דעם שטעטל זענען געווען די ערשטע זילבער־גרובנס אויף דער פוילישער ערד. דאָ האָט געשאַפן זיין רעזידענץ דער מלך קאַזימיעזש דער גרויסער און אין שטעטל האָבן געאַנקערט יידן. יידן זענען געווען אייגנטלעך די, וועלכע האָבן געבויט די שטאָט, געבויט דעם מאַרק און די גאַסן, די הייזער. זיי האָבן אַריינגעבלאָזן לעבן אין דער פוילישער סביבה.

מלך קאַזימיעזש איז געשטאָרבן. זיין רעזידענץ — ראַבשטין — צוויי קילאָ־מעטער הינטער אַלקוש, איז צעשטערט געוואָרן, די זילבער־גרובנס האָבן זיך אויסגעשעפּט, אָבער די יידישע קהילה איז געבליבן און זיך ווייטער פונאַנדער־געבויט, געבויט במשך פון הונדערטער יאָרן.

עלקיש איז אַן אָפּגעלעגן אָרט. אַרומגענומען מיט גרויסע און טיפע וועלדער, האָבן יידן דאָ געלעבט אַ רואיק אָרנטלעך לעבן. זיי האָבן פון קיינעם גאָרנישט געוואָלט: נישט קיינעמס קולטור און נישט קיינעמס מנהגים. זיי האָבן געהאַט זייער אייגן שורשדיק לעבן, זייערע אייגענע דרכים און הלבשה אַפילו. די אויפ־טרייסלונגען פון דער גרויסער וועלט זענען קיין אַלקוש תמיד דערגאַנגען אָפּגע־קילטע, שוין געזעצטע, אָהער זענען קיינמאָל קיין רעוואָלוציעס נישט דערגאַנגען. די מלחמות זענען פאַרביי ווי בייזע צוגווינטן — און יידן האָבן ווייטער געבויט, אויסגעברייטערט די שטאָט, נייע גאַסן געשניטן. אָרט געמאַכט פאַר נייע דורות.

דאָס לעבן איז דאָ געווען אַזאַ רואיקס, אַז ווען איך בין אַיצט געקומען קיין אַלקוש, האָב איך צווישן דעם ווינציקן איבערגעבלייב פון יידישע ספרים, וואָס מ'האָט זיי אויפגעקליבן ביי פּאָליאַקן, געפונען אַ זעלטענעם דאָקומענט — אַ באַווייז פון אַ וואונדערלעכער רואיקייט, פון אַזאַ זעלטענעם געלאַסענעם טעמפּ, וואָס קיין שום פילם־טעכניק איז נישט מסוגל אויסצופירן.

אין אַ פּרעכטיקן אויסגעפּרעגטן לעדערנעם באַנד — איינגעבונדן אַ כתב־יד פונעם שטעטלשן גביר, שוואַרצבוים. אויסערלעך דאַכט זיך, אַז ס'איז אַ שו"ת, אַ רבנישער חיבור, וואָס איז מחדש וועלטן. אָבער ניין. מיט אַן אָפּגעהיטענער קלאָר־קייט געשריבן אין אַ חסידישן לשון־קודש — חצי העברעיש חצי יידיש — גייט־אַוועק אויף עטלעכע הונדערט זייטן אַן אָפּהאַנדלונג, ווי אַזוי צו פירן בוכהאַלטעריע אין מסחר... ער לערנט ווי אַזוי צו פירן די ביכער מען זאָל נישט ווערן בדיל הדל, מען זאָל שטענדיק האָבן אויפן אויג דעם לעצטן סך הכל און מען זאָל זעען ווי מען האַלט אין דער וועלט. וואָרום, זאָגט ער, בין אנשי שלומינו מזיעים ר"ל, מען שוויצט הייסט עס, חושבים שסכנות נפשות, מען ווערט רייך, שהעסקים טובים הם, אַז

געלט שיט זיך פון אַלע זייטן, ובסוף של כל הסך הכל מגיעים חס ושלום לבאַנקראָט, מען ליגט טיף אין דער אדמה.

צווישן די דאָזיקע צוויי אויסגעפּרעגטע לעדערנע טאָוולען ליגט אייגנטלעך נישט קיין בטלנישע אָפּהאַנדלונג וועגן בוכהאַלטעריע, דאָ ליגט דאָס בילד פון אַ רואיק יידיש שטעטעלע, דאָס גליקלעכקייט פון זייער לעבן. ווען דער מחבר זאָגט, אַז בין אנשי שלומינו מזיעים ר״ל, לערנט ער די עלקישער יידן, אַז ס׳איז זיך נישטאָ וואָס צו איילן. צו דער גאולה איז נאָך ווייט און טאָמער וועט משיח קומען וועט ער אוודאי נישט פאַרגעסן אין עלקיש און בכבודו ובעצמו זיך מטריח זיין און פון טורעם אויפן עלקישער מאַרק וועלן אַראָפּשאַלן די שופרות פון גאולה.

בעת די היטלערישע חיילות האָבן באַזעצט פּוילן האָבן זיי געפונען אין עלקיש דריי טויזנט פינף הונדערט יידן. ניינציק פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג זענען געווען יידן. די צען פּראָצענט פּאָליאַקן זענען געווען באַאַמטע און די פּאָליציי. איז דאָס גאַנצע ווירטשאַפטלעכע לעבן, דער מסחר און מלאכה געלעגן אין די הענט פון די יידן. מיטן אַריינקומען פון די דייטשן איז דאָס גאַנצע יידישע לעבן הפקר געוואָרן, דאָס פאַרמעגן קאָנפיסקירט, די געשעפטן געשלאָסן.

שפּעטער איז אַראָפּגעקומען אַ קאָמיסאַר, וואָס האָט אַלע געשעפטן איבערגענומען. און מיט אָט דעם קאָמיסאַר איז פאַרבונדן אַן אויסערגעוויינטלעכע געשיכטע.

אין חודש סעפּטעמבער 1941 זענען די יידן פאַרטריבן געוואָרן פון דער שטאָט אינעם נעבנדיקן דאָרף שיקאָראָ, ווו ס׳איז געשאַפן געוואָרן אַ געטאָ. די פּויערים פון דאָרף האָט מען, פאַרקערט, איבערגעפירט אין שטאָט און באַזעצט אין די יידישע הייזער.

סיי דאָס לעבן פריער אין שטאָט און סיי שפּעטער אין געטאָ — האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ הונגער־גיהנום. די דייטשע מערדער האָבן באַשלאָסן צו לאָזן אויסגיין די יידן פון הונגער. איינמאָל זענען דריי יידן אַרויס פון געטאָ און זיך איינגעשאַפּט אַביסל קאַרטאָפל. האָבן די דייטשן די יידן געפאַנגען און ווי אַ שטראָף זיי אויפגעהאָנגען אויף דריי ליפּעס און זייערע גופים געלאָזט הענגען אַ מעסלעס צייט, אַז די איבעריקע יידן זאָלן אַראָפּנעמען אַ מוסר השכל.

אין יוני 1942 איז אַראָפּגעקומען קיין עלקיש די „זאָנדערקאָמאַנדאָ״ צוזאַמען מיט אוקראַינישע באַנדיטן און ביי דער באַטייליקונג פונעם פאַרזיצער פון סאָסנאָווצער יודנראַט — מאָנעק מעריו, איז אַדורכגעפירט געוואָרן אַ פולשטענדיקע ליקווידאַציע פון דער עלקישער קהילה. ווי אומעטום איז אויך דאָ די „אויסזידלונג״ פאַרגעקומען ביי אַ שווידערלעכער אכזריות. פּיצעלעך קינדער זענען „אויסגעזידלט״ געוואָרן קיין אָשוויענטשים צוזאַמען מיט זייערע וועגעלעך. ביים אָרטיקן פּוילישן פאָטאָגראַפיסט האָבן זיך אויפגעהאַלטן פאָטאָגראַפיעס פון דער „אויסזידלונג״, וואָס איך ברענג זיי אין דעם דאָזיקן בוך.

פון אַלע יידן האָט מען אין שטאָט איבערגעלאָזט זעכצן קוואַליפיצירטע

בעלי־מלאכות, וועלכע האָבן באַקומען די אויפגאַבע זייערע פאַכן אויסצולערנען פּאָליאַקן. אַ יאָר צייט זענען די יידן געזעסן אין ספּעציעלע וואַרשטאַטן, אַרום זיי זענען געזעסן גרופּן פון פּוילישע יוגנט, וואָס האָט זיך געדאַרפט אויסלערנען ביי די פאַרמשפּטע ווי מען פאַריכט א ראַדיאָ־אַפּאַראַט, ווי מען פאַרלייגט עלעקטרישע אינסטאַלאַציעס, ווי אַזוי מען מאַכט מעבל, ווי מען לייגט אַ בלעכענעם דאַך, אָדער ווי מען מאַכט עלעקטרישע באַטעריעס. פון אָט דער גרופּע קוואַליפיצירטע אַרבעטער, וועלכע זענען שפּעטער פאַרשיקט געוואָרן אין פאַרשידענע לאַגערן און זיך לסוף אָפּגעראַטעוועט, געפינען זיך איצט אין עלקיש — דריי: די ברידער יוסף און טוביה זילבערשאַץ און משה לייב גראָסמאַן.

נאָכן „אויסזידלען” די יידן האָבן די פּאָליאַקן פולשטענדיק צעשטערט דעם יידישן בית־עולם. מיט שטיקער פון די מצבות זענען אויסברוקירט די גאַסן, פאַרקאַנעס אַרום הייזער זענען אויפגעבויט געוואָרן פון מצבות. דער הויף פון דער מלוכה'שער גימנאַזיע און ליצײ איז אויסגעלייגט מיט גאַנצע מצבות און ווי אַ רעזערוו פאַרן קומענדיקן געברויך ליגט דאָרט אַ באַרג מיט מצבות. פריער, בעת דער אָקופּאַציע האָט זיך אין דעם הויז געפונען די היטלער־יוגנט. ווו מען גייט טרעפט מען זיך מיט יידישן איבערבלייב. שטיקער פונעם בית־עולם־פּאַרקאַן געפינט מען אין די הויפן פון פּאָליאַקן. אַלץ איז צערויבט געוואָרן דורך די פּוילישע יורשים.

יוסף זילבערשאַץ האָט מיר דערציילט: ווען ער איז נאָך דער באַפרייאונג געקומען אין שטאָט־אַריין זענען אַלע געוועזענע יידישע געשעפטן פול געווען מיט סחורה. די דייטשן האָבן נישט באַוויזן אַרויסצופירן אַפילו די פריערדיקע סחורה־זאַפּאַסן. אין אַלקוש איז אַנטשטאַנען אַ מלוכה'שער אַמט צו ליקווידירן די פאַרמעגנס נאָך די דייטשן. דער פירער פון אַלקושער ליקווידאַציע־אַמט, אַ באַקאַנטער פאַרמלחמה'דיקער אַנטיסעמיט, האָט באַמערקט, אַז יידן הייבן־אָן קומען אין שטאָט־אַריין, האָט ער שנעל פאַרקויפט די יידישע געשעפטן צו פּאָליאַקן. ווען יידן זענען געקומען מאָנען די געשעפטן פון זייערע פאָטערס איז שוין געווען צו שפּעט. אַלע אָפּמאַכן זענען געווען אונטערגעשריבן... די יידישע געשעפטן זענען פאַר גראָשנס פאַרקויפט געוואָרן ווי פאַרמעגנס, וועלכע זענען געבליבן נאָך די דייטשן...

אויב די צוריקגעקומענע יידן האָבן דערקענט זייער מעבל ביי פּאָליאַקן און דורכן געריכט געמאָנט זייער באַלעבאַטישקייט, האָט מען פון די יידן געפאָדערט אַזעלכע באַווייזן, ווי למשל, פון וואָס פאַר אַ פאַרב עס איז די דנא פון אַ קרעדענס, אָדער וויפל נעגל עס געפינען זיך אין דעם טיש, אָדער וויפל הענגערס האָבן זיך געפונען אין דער שאַפע. אַפילו אין נאָרמאַלע באַדינגונגען ווייסט קיינער נישט וועגן אַזעלכע פּרטים, בפרט נאָך מענטשן, וועלכע זענען במשך פון עטלעכע יאָר אַדורכגעגאַנגען גיהנומס. אַלע אַזעלכע פּראָצעסן האָבן די עלקישער יידן „פאַרשפּילט” און זייער גוטס געפינט זיך ביי זייערע שכנים.

אין פּוילן איז נאָך דער באַפרייאונג אַנטשטאַנען אַ פאַרבאַנד פון געוועזענע

געפאַנגענע אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. אַן אָפּטיילונג פון דעם פאַרבאַנד געפינט זיך אויך אין אַלקוש. ווען יידן, וועלכע זענען אַדורכגעגאַנגען צו עטלעכע לאַגערן, האָבן זיך געמאָלדן אין אַלקושער פאַרבאַנד, האָט מען זיי אָפּגעזאָגט אָנצונעמען ווי מיטגלידער. דער מאָטיוו איז, אַז יידן זענען אין די לאַגערן נישט געווען פּאָליטיש־אינטערנירט; יידן האָט מען אין די לאַגערן געהאַלטן ווי אַ בידע־ריקע ראַסע, וואָס איז געווען באַשטימט צו פאַרניכטן. דעריבער קענען יידן צו דעם פאַרבאַנד נישט געהערן. איין אַלקושער ייד איז געוואָרן אַ מיטגליד אינעם קראָקע־ווער פאַרבאַנד. ווען ער איז געקומען קיין אַלקוש און געטראָגן אין לאַץ דעם אָפּצייכן פון פאַרבאַנד, האָט אים דער היגער פאָרזיצער פון פאַרבאַנד געמאָלדן, אַז אויב ער, דער ייד, וועט דעם אָפּצייכן טראָגן אין דער קלאַפּע, וועט ער, דער פּרעזעס, זיין אָפּצייכן אַוועקוואַרפן, ווייל ער וועט נישט און וויל נישט טראָגן דעם זעלבן צייכן, וואָס אַ ייד...

איינמאָל האָבן די עטלעכע יידן, וועלכע געפינען זיך היינט אין אַלקוש, דערקענט אויף דער גאַס אַ געוועזענעם ס. ס.־מאַן, דעם דייטש פאָרסט. די יידן האָבן געפאָדערט ביי דער מיליץ זיי זאָלן דעם ס.ס.־מאַן אַרעסטירן. דער דייטש איז אַרעסטירט געוואָרן. דעמאָלט האָבן זיך אָרגאַניזירט עטלעכע און צוואַנציק פּאָ־ליאַקן, וועלכע האָבן מיט דעם ס.ס.־מאַן געפירט געשעפטן בעת דער אָקופּאַציע, און אונטערגענומען אַ געלט־זאַמלונג אויף צו ראַטעווען דעם „גוטן דייטש". זיי האָבן געדונגען אַ סאָסנאָווצער אַדוואָקאַט, דעם ייד אייבושיץ, וואָס באַהאַלט זיך היינט אין דער פעל פון אַ פּאָליאַק און הייסט מאַנדאָווסקי. אַלע פּאָליאַקן האָבן עדות געזאָגט, אַז דער ס.ס.־מאַן איז גאָט די נשמה שולדיק און נאָך אָט די יאָר־עדות איז דער דייטש פאַרמשפּט געוואָרן בלויז פאַר טראָגן דעם מונדיר פון א ס. ס. — אויף זעקס חדשים.

די פאַרפייניקטע עלקישער יידן האָבן נאָך איין פּראָצעס פאַרשפּילט.

אויפן אַלקושער בית־עולם געפינט זיך איין קבר, אַ פרישער קבר מיט אַ הויכן שטיין צווישן קברים־חורבות. דער דאָזיקער קבר האָט אָפּגעשלאָסן דאָס לעצטע קאַפּיטל פון אַ טראַגיש לעבן פון אַ יידישער פרוי.

נאָכן קאָנפיסקירן די יידישע געשעפטן אין עלקיש, איז אַהערגעקומען אַן אוקראַאינער דייטש מיט זיין פרוי און שוויגער. דער אוקראַאינער דייטש איז באַ־שטימט געוואָרן אַלס קאָמיסאַר איבער די יידישע געשעפטן. אַ דייטשע פאַמיליע, ווי אַלע דייטשע פאַמיליעס פון דער ציווילער אַדמיניסטראַציע. די קאָמיסאַרישע פאַמיליע האָט פאַרנומען איינע פון די שענסטע דירות אין שטעטל און זי האָט געפירט אַ לעבן אויפן שטייגער פון אַלע דייטשן אין פּוילן, אַ לעבן פון הערן אין אַ דעראָבערט לאַנד.

איין זאַך בלויז: די יידן אין אַלקוש האָבן נישט באַמערקט אין דעם קאָמיסאַר קיין שום באַזונדערע אייגנשאַפטן, מיט וועלכע עס האָבן זיך אויסגעצייכנט די דייטשן אין דער עלקישער אַדמיניסטראַציע. ער איז זיך נישט באַגאַנגען אכזריות־

דיק מיט די יידן, ער פלעגט זיך איבערהויפּט ווייניק באַגעגענען מיט יידן. און אויב ער האָט זיך באַגעגנט פלעגט ער זיין אָפיציעל, אַמטלעך־קאַלט, אָבער קיינמאָל נישט ברוטאַל.

ס'איז נאָך דער „אויסזידלונג" פון די יידן. אין שטאָט זענען געבליבן בלויז די זעכצן קוואַליפיצירטע אַרבעטער. איז איינמאָל קאַליע געוואָרן די עלעקטרי אין דער דירה פון קאָמיסאַר און מען האָט אַלס עלעקטראָטעכניקער גענומען דעם דער־מאָנטן יוסף זילבערשאַץ. דער יידן־שקלאַף קומט אין דער דירה פונעם דייטשן קאָמיסאַר. אַ נאָרמאַלע דירה, אַ נאָרמאַל לעבן. דער ראַדיאָ שפּילט, די טעפּיכער אויפן דיל שאַפן אַזאַ וואַרעמע היימישקייט. דער שקלאַף שטייט אויפן לייטער און טוט זיין אַרבעט. פּלוצים גייט צו צו אים דעם קאָמיסאַרס שוויגער און דערלאַנגט אים אויפן לייטער אַ בולקע מיט פּוטער. זיכער איז שווער זיך פאָרצושטעלן, וואָס עס באַדייט אַ בולקע מיט פּוטער פאַר אַ מענטש, וואָס האָט שוין וואָכן קיין שטיקל ברויט נישט געזען. אויסער דעם: אַ דייטשע פרוי דערלאַנגט אַ פאַרמשפּטן ייד אַ בולקע מיט פּוטער. יוסף זילבערשאַץ זאָגט מיר בלויז, אַז פון איבעראַשונג איז ער שיער פונעם לייטער נישט אַראָפּגעפאַלן און ער האָט געמאַכט אַ קורצשלוס אין דער גאַנצער דירה...

די פרוי באַרואיקט אים און טוט אַ זיפץ:

— יאָ, אַללעס דער האַמאַן.

דערהערט דאָס וואָרט „המן", דערפילט זילבערשאַץ: עס גייט אויף אים אַן עת־צרה. ס'איז זיכער אַ פּראָוואָקאַציע. ער דאַרף נאָר ענטפערן איין וואָרט און ער וועט טיילן דעם גורל פון אַלע עלקישער יידן, פון זיינע עלטערן, פון זיינע שוועס־טער — אָשוויענטשים. ער טוט־אָפּ זיין אַרבעט און גייט אַוועק.

מיט צוויי טעג שפּעטער ווערט ווידער קאַליע די עלעקטרי ביים קאָמיסאַר. ווידער גייט דער יידן־שקלאַף זילבערשאַץ. און עס חזרט זיך איבער די זעלבע סצענע, נאָר מיט מער איבעראַשונג: אַ בולקע מיט פּוטער, פלייש, טיי. און אפשר איז דער ייד נאָך הונגעריק? זילבערשאַץ שטייט אויפן לייטער און פאַרציקט אַלץ, וואָס די פרוי דערלאַנגט, נאָך און נאָך. דער ייד האָט אַ מאָגן אָן אַ דנאָ. אַלץ פאַר־שווינדט כהרף עין.

— אַך — טוט ווידער די פרוי אַ זיפץ — וואָס דער האַמאַן האָט פון א י י ך געמאַכט.

דער ביסן בלייבט אים שטעקן אין האַלדז. פאַרוואָס פּייניקט זי אים, די אַלטע? פאַרוואָס שטייט זי אָן אויף זיין לעבן?

די געשיכטע מיט דעם קאָמיסאַרס עלעקטרי האָט זיך אָפט איבערגעחזרט. און אָפט האָט זילבערשאַץ געגעסן בולקעס מיט פּוטער און ער האָט זיך אָנגעהויבן צוגעוווינען צו די פּראָוואָקאַציע־זיפצן פון דעם קאָמיסאַרס שוויגער. און אַזוי ביז מען האָט אים פאַרשיקט אין אַ נידערשלעזישן קאָנצענטראַציע־לאַגער, שפּעטער קיין גראָסראָזען און נאָך שפּעטער קיין בוכענוואַלד.

ווען ער איז אין 1945 באַפרייט געוואָרן און צוריקגעקומען קיין עלקיש האָט ער אויף דער גאַס באַגעגנט צוויי צעבראָכענע יידישע פרויען, פּאַראומגליקטע, פאַרזאָרגטע — די פרוי און די שוויגער פונעם דייטשן קאָמיסאַר איבער די יידישע געשעפטן אין עלקיש...

דעם קאָמיסאַרס פאַמיליע איז נישט אַנטלאָפן צוזאַמען מיט די דייטשן. דער קאָמיסאַר האָט געהאַפט, אַז אין זכות פון זיין יידישע פרוי און שוויגער וועט ער זיך אָפּראַטעווען פון געפאַנגענשאַפט. די רוסן האָבן אים דאָך געפאַנגען און אים פאַרשיקט אויף סיביר. די צוויי פרויען, מוטער און טאָכטער, זענען געבליבן אין אַלקוש.

עס האָט זיך נעמלעך אַרויסגעוויזן, אַז דעם קאָמיסאַרס שוויגער איז אַ פרומע יידישע פרוי. בעת דער „אויסזידלונג" פון די אַלקושער יידן איז זי אַריינגעפאַלן אין אַ צושטאַנד פון מרה־שחורה. זי פלעגט ספּעציעל קאַליע מאַכן די עלעקטרי, כדי דער יידישער יונגערמאַן זאָל קומען פאַריכטן און ביי דער געלעגנהייט זאָל זי קענען אויסגיסן איר ביטער האַרץ. אָבער זילבערשאַץ איז געוועזן אַזוי אָנגעשראָקן, אַז ער פלעגט אויפעסן די פּוטערשניטן און אַנטלויפן אויס מורא פאַר פּראָוואָקאַציעס.

איר טאָכטער, דעם קאָמיסאַרס פרוי, איז אין דייטשלאַנד געווען אַ באַקאַנטע יידישע פּיאַניסטין. מיט אַ סך יאָרן פריער האָט זי חתונה געהאַט פאַר אַ דייטש פון יידישער אָפּשטאַמונג. דערפאַר האָט ער געהייסן אַ דייטש פון אוקראַינע...

פון די אַלע שווערע איבערלעבונגען איז די עלטערע פרוי קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן אין אַלקוש. איר קבר איז עס דער פאַראייניזאַמטער קבר אויפן אַלקושער צעשטערטן בית־עולם.

די טאָכטער, די פּיאַניסטין, דרייט זיך איצט אַרום אין אַלקוש ווי אַן אויסגעלאָשענער שאָטן. זי קומט אַרויף צו די עטלעכע אַלקושער יידן, וואָס אַלע צוזאַמען וווינען זיי אין איין הויז. זי זיצט־אָפּ ביי די יידן לאַנגע שעה'ן אַ שווייגנדיקע, אַ פאַראומגליקטע. זי איז געפאַנגען אין אַלקוש, סיי דורכן קבר אויפן דאָרטיקן בית־עולם און סיי דורך דער האָפנונג, אַז איר מאַן וועט אַמאָל באַפרייט ווערן פון סיביר און קומען קיין אַלקוש זי זוכן...

צוויי מאָל האָב איך גערעדט מיט דער דאָזיקער פרוי און ביידע מאָל האָט זיך אונזער שמועס געענדיקט מיט דער בקשה איך זאָל איר נאָמען נישט פאַרעפנטלעכן, ווייל זי האָפט נאָך, אַז דאָס לעבן וועט איר שענקען כאָטש עטלעכע טעג פון פרייד און זי וועט ווידער קענען פון קלאַוויר אַרויסחלומען דאָס לעבן, צו וועלכן זי האָט פון קינדערוויַיז־אָן געשטרעבט און ביז איצט נישט דערלעבט.

סך הכל וווינען איצט אין אַלקוש צען יידן. זיי וווינען אַלע צוזאַמען אין איין הויז, אין צוויי דירות. אויף ביינאַכט פאַרשליסן זיי זיך אויף זיבן שלעסער. אין אָוונט, ווען זיי פאַרשליסן זיך און מען פאַרגעסט אויף אַ רגע, אַז אַרום זיי איז אַ ווילדער דזשונגל, געפינט מען זיך ווידער אין אַ היימישער יידישער אַטמאָספער. עס

דאַכט זיך, אַז מען איז אין אַ באַלעבאַטישער יידישער שטוב פון פאַר דער מלחמה. דאָס קינד אין וויגל, וואָס איז געבוירן געוואָרן ביי די זילבערשאַצס ערשט מיט אַ האַלב יאָר צוריק, הייסט מאַשע רבקה, נאָך ביידע פאַרברענטע מאַמעס פונעם פאַר־פאַלק. דאָס ערשטע יידישע קינד, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין אַלקוש נאָכן מבול, איז ווי עפּעס אַ ליכטיקער סימבאָל אין דער דאַזיקער יידישער היים. אפשר וועט אָט דער שטאַם ווידער לאָזן וואָרצלען? די יידן ווילן אַוועקפאָרן, אָבער די פּאַליאַקן אין שטאָט בעטן זיי זאָלן בלייבן. זיי ווילן נישט זייער שטאָט זאָל בלייבן אָן אַ ראַדיאָטעכניק, אָן אַן עלעקטריקער, אָן אַ בלעכער. וואָרום פון די אַלע שילער, וואָס די זעכצן יידן האָבן זיי נאָך דער „אויסזידלונג" געדאַרפט לערנען זייערע פאַכן האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם.

בלייבט מען דערווייל אין אַלקוש. און אַרום די צען יידן שפּילן זיך אָפּ אַלע גורל־מאָמענטן פונעם איצטיקן יידישן ישוב אין פוילן.

איז פאַראַן אַ געשמד'טע פרוי אין שטאָט. זי איז אַ קריסטין שוין לאַנגע יאָרן. גאָרנישט האָט איר פאַר דער מלחמה געבונדן מיט יידן. אַ טיפּישע משומדת. אָבער איצט קומט זי אַרויף צו די יידן און זוכט אין זייער היים וואַרעמקייט. זי דערמאָנט זיך איר מוטער און פאָטער, איר קינדהייט. שעלט די גויים, רעדט אויף זיי אויס, וואָס עס שטייט אין דער זיבעטער קאָרט און אַ באַרואיקטע גייט זי אַוועק לעבן אַ קריסטלעך לעבן...

און אין דער זעלבער צייט, וואָס די פּאַליאַקן בעטן די עטלעכע יידישע פאַכ־לייט זאָלן בלייבן אין שטאָט, וואַקסט קעגן זיי די שנאה. עס פאַרדריסט זיי הלמאי זיי זענען גוטע פאַכלייט, הלמאי מען קען זיך נישט באַגיין אָן זיי, הלמאי זיי זענען בכלל אין אַלקוש... שנאה קען נישט קיין לאָגיק.

ביינאַכט, אין אָרטיקן האָטעלכל, קומען אַרויף צו מיר צוויי מיליציאַנטן זעען מיינע דאָקומענטן. זיי ווילן וויסן, וואָס עס טוט אַ פרעמדער אין שטאָט, וואָס זוכט ער דאָ? אָך, אַ זשורנאַליסט? זעצן זיי זיך אַוועק כאַפּן אַ שמועס. זיי רעדן וועגן די צרות, וואָס די שטאָט איז אויסגעשטאַנען במשך פון דער אָקופּאַציע. זיי דערציילן מיר וועגן פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער און וועגן דיווילדע דייטשן. זיי ווילן איך זאָל וועגן די אַלע זאַכן שרייבן, אָבער דער עיקר ווילן זיי, איך זאָל באַשרייבן דעם שרעקלעכסטן טאָג, דעם „בלוטיקן מיטוואָך", ווען אין אַלקוש האָבן די דייטשן דערשאָסן צען פּאַליאַקן!

איך שווייג, איך וואַרט זיי זאָלן מיר דערציילן די גאַנצע טראַגעדיע פון אַלקוש. אָבער איך וואַרט אומזיסט. במשך פונעם גאַנצן שמועס דערמאָנען זיי נישט מיט קיין איין וואָרט, וואָס דאָ איז געשען מיט די דריי טויזנט פינף הונדערט יידן. אָט די טראַגעדיע געהער נישט צו דער געשיכטע פון דער שטאָט. דאָס זענען יידן. זיי רעכענען זיך נישט.

— און שרייבט גוט וועגן פוילן, ווייל די דייטשן האָבן אונז אויסגעבלו־טיקט — בעטן זיי.

און זיי דערציילן מיר נישט קיין איין וואָרט, אז צוויי חדשים נאָכן קעלצער פאָגראָם האָט א פוילישע פרוי אויסגעטראַכט אויף די צען יידן, אז זיי האָבן פאַר־כאַפּט איר קינד אויף בלוט צו זייערע מצות, אז בלויז די ענערגישע שטעלונג פון די יידן האָט פאַרמיטן זייער אומקום. דאָס קינד האָט זיך געשפּילט ביי דער קירך אין זאמד. די יידן האָבן די פרוי געהייסן אַרעסטירן און שפּעטער האָבן זיי זיך איינגעשטעלט מען זאָל די פרוי באַפרייען און איר מוחל זיין דעם חטא פונעם בלוט־בילבול. וועגן די אלע געשיכטן דערציילן מיר נישט די מיליציאַנטן, ווייל דאָס זענען יידן און וועגן יידן האָבן זיי זיך אויסגעלערנט צו טראַכטן, ווי וועגן ווערטלאָזע שקלאַפן. זיי רעכענען זיך נישט.

און אָט אין דער דאָזיקער אטמאָספער לעבט דער געבליבענער מנין פון דער רומפולער יידישער אלקושער קהילה.

קראָקע

קראָקע איז די איינציקע שטאָט אין פוילן, וואָס האָט אויסערלעך פון דער מלחמה נישט געליטן. דאָ איז געווען די רעזידענץ פונעם תלין פון די פוילישע יידן — פראַנק.

פון די הויכקייטן פון וואוועל־שלאָס זענען ארויס די באפעלן צו פארוויסטן די יידישע קהילות אין פוילן, צו מאָרדן קינדער און פרויען, צו פאַרפייניקן זקנים, אומצוברענגען דעם געזונטן שטאָם פונעם יידישן פאָלק. דאָ זענען געחתמ׳עט געוואָרן די פּלענער פון די שקלאַפן־לאַגערן און גאַז־קאַמערן אויף דער פוילישער ערד. „בעלזשעץ", „טרעבלינקע", „כעלמנאָ", „מיידאַנעק", „סאָביבאָר" — דאָ אין קראָקע זענען באַשאַפן געוואָרן די באַגריפן, וואָס ווען זיי זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ווירקלעכקייט האָבן זיי באַדייט יאָרן פון טויט, די אומגלויבלעכסטע ליידן, פייניקונג, גיהנום־פאַרניכטונג פון אַ פאָלק.

קראָקע, דער מוזיי פון פוילן, דער פּאַנטעאָן פון די פוילישע מלכים, די זאַמלונג פון וואונדערלעכע און זעלטזאַמע קונסט־ און קולטור־סטילן, די שטאָט פון וויסנשאַפט, פון שיינקייט און אויך פון יידישער לומדות און רבנישקייט, פון יידישן גייסט און יידישער קונסט. דאָס וויגעלע פון יידישן סאָציאַליזם און וועלטלעכקייט. אין דער דאָזיקער רייכער וועלט האָט זיך אריינגעריסן דאָס גערמאַנישע שאַנד־געשפּענסט און פון דאַנען־אויס איז געגאַנגען פאַרניכטונג איבער אונזערע שטעט, אונזערע היימען, אויסגעוואָרצלט אונזער שטאַם, פאַרוויסט אַלדאָס ליכטיקע און מיט ימים בלוט פאַרגאָסן די אימה׳דיקע בלעטער פון אונזער געשיכטע.

בין איך איצט געקומען קיין קראָקע און געזען: עס שטייען די סטילאַרטיקע הייזער, די קירכן, עס האָבן זיך נישט געענדערט די מיטלאַלטערלעכע געסלעך, אויפן שטאָלצן וואוועל־שלאָס שלאָפן זייער אייביקן ריטערלעכן שלאָף די מלכים. אונטער די זיילן פון די „סוקיענניצעס" ברענען אין די אָוונטן די שווערע שטימונגספולע לאַמטערן. יעדע שעה אין מעסלעס שאַלט־אַראָפּ פון דעם מאַריאַצקי־טורעם דער מיטלאַלטערלעכער הייגאַל. די גרינע פּלאַנטן נעמען אַרום די אַנטיקע הייזער, ווי מיט סאַמעטענע געווענדער. פּונקט ווי די פּלאַנטן וואָלטן אָפּגעהיט די מייסטערהאַפטע קאַרניזן און די געמעלן אויף די הייזער, אַז קיין שום בייז זאָל זיי נישט געשען.

דער רייכער מוזיי — די קעניגלעכע שטאָט קראָקע — שטייט אַ נישט גערירטע.

בלויז איין טייל פונעם מוזעאַלן פּראַכט איז פאַרלענדט — יודאַיקאַ איז פאַרלענדט און פאַרוויסט.

דאָס יידישע לעבן, די קולטור־ און קונסט־ווערק, די שולן, די ישיבות, די באָרד־און־פאות־געשטאַלטן, יידישע פּרעסע און טעאַטער — אַלדאָס יידישע און יידישקייט איז אַוועק אין פייער און אין פלאַמען.

— עס קען, חלילה, קומען דער מאָמענט:
אונזער שטאָט מיט אונז צוזאַמען
זאָל אויף אַש אַוועק אין פלאַמען.
בלייבן זאָל — ווי נאָך אַ שלאַכט,
נאָר פּוסטע, שוואַרצע ווענט!

אַט די איוב־נבואה פונעם טרובאַדור פון קראָקעווער געטאָ איז געוואָרן וואָר. מרדכי געבירטיג האָט אַרויסגעשריגן אונזער בראָך פון דערווירקלעכקייט, וואָס איז געקומען, אַ יאָר פאַר דעם אויסברוך פון דער מלחמה האָט ער געפּאַסט די ווערטער, וואָס זענען שפּעטער געוואָרן וואָר.

אין אַש און אין בלאָטע ליגט די עלטסטע יידישע קהילה אין פּוילן.

אַכט הונדערט יאָר האָבן יידן געלעבט און געשאַפן אין קראָקע. אַכט הונ־דערט יאָר האָבן זיי געשאַפן אין אַן אַטמאָספער פון שנאה, ווו יעדער ציגל, וואָס זיי האָבן געלייגט, איז געווען אויסגעקעמפט מיט שווייס און בלוט. אין די גרענעצן פון דעם איצטיקן קראָקע שטייען זיי אויס פּאַרפאָלגונגען און גירושים. אין פערצנטן יאָרהונדערט מוזן זיי אַנטלויפן פון דער יידנגאַס. אין פופצנטן יאָרהונדערט ווערן זיי ווייטער געפּלאָגט. זיי מוזן אַפילו די שולן אַוועקגעבן, די קהילה׳שע הייזער איבערלאָזן פאַר פרעמדע. פּאָגראָמען. יידן לויפן ווייטער. זיי באַזעצן זיך אויף קאַ־זימיעזש. שטייען־אויס אַ ביטערן קאַמף פונעם דייטשן און פּוילישן בירגערטום. שטופן זיך צונויף אין די מויערן פון אַן ענגן געטאָ. אָבער אין די באַדינגונגען, ביי וועלכע אַנדערע פעלקער וואָלטן אומגעקומען, בויען יידן זייערע שולן, זייערע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, זייער קולטור. אַז איך בין אַריינגעקומען אין די רוימען פון דער גרויסער יאַגעלאָנישער ביבליאָטעק — האָב איך געוווסט, אַז דאָס איז דער עלטסטער יידישער בנין אין קראָקע. אויף קאַזימיעזש טרעף איך אין חור־בות די עלטסטע יידישע שולן: די אַלטע שול פון 14־טן יאָרהונדערט, די רמ״א־שול פון 16־טן יאָרהונדערט, ר׳ יעקל׳ס שול פון 17־טן יאָרהונדערט, די „הויכע״ שול — סטילאַרטיקע בנינים, זעלטזאַמע אָביעקטן, וואָס האָבן באַרייכערט די שיינקייטן פון קראָקע.

במשך פון איר געשיכטע האָט די קראָקעווער קהילה פאַרמאָגט די שענסטע רבני־שע געשטאַלטן אין דער געשיכטע פון די פּוילישע יידן. אויף קראָקעווער כסא רבנות זענען געזעסן אַזעלכע גייסטיקע פירשטן, ווי יעקב פּאָלאַק, דער גאון און שעפער פון דער גרויסער קראָקעווער ישיבה; ר׳ משה איסערלעס — רמ״א, וועלכער האָט צווישן די ווענט פון קראָקעווער געטאָ דערגרייכט די העכסטע הויכקייטן פון גאונות; דער מהר״ם; ליפּמאַן העלער; יצחק חריף; רבי יהודה לייב און פיל אַנדערע, פון וועמענס גייסטיקע שאַפונגען עס שעפּן נאָך ביז היינט יידן איבער

דער גאַנצער וועלט. אין 19־טן יאָרהונדערט זענען די רעליגיעזע פירער פונעם קראָקעווער יידנטום געווען אַזעלכע געשטאַלטן, ווי בעריש מייזעלס, שמעון שרייבער (דער טעאָרעטיקער פון דער עסטרייכישער אָרטאָדאָקסיע) און חיים נחמן דעמביצער (דער באַדייטנדיקסטער יידישער היסטאָריקער אין קראָקע).

די יידישע וועלטלעכע אינטעליגענץ אין קראָקע האָט געהאַט פונקט אַזעלכע טיפע טראַדיציעס, ווי די רעליגיעזע. די טראַדיציעס האָבן אָנגעשפּאַרט אין הויף פון מלך קאַזימיעזש דעם גרויסן, ווו די יידישע באַנקירן און סוחרים האָבן געשפּילט אַן אָנפירנדיקע ראָל. במשך פון יאָרהונדערטער האָט זיך אַנטוויקלט די יידישע וועלטלעכע אינטעליגענץ — איז קראָקע געוואָרן אַ צענטער פון רבנות און לומדות פון יאַרמולקע־און־ווייסע־זאָקן־חסידים און גלייכצייטיק פון אַ ספּעציפיש קראָקעווער אַסימילאַציע, וואָס האָט געלאָזט טיפע וואָרצלען אין דער פּוילישער קונסט און ליטעראַטור, אין דער פּוילישער וויסנשאַפט.

בעת אין 19־טן יאָרהונדערט האָבן אָנגעהויבן אויפגיין די סאָציאַליסטישע אידייען — איז קראָקע געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנערער צענטער. סיי פון דער אסימילאַציע און סיי פון בית מדרש האָבן זיך אויסגעטיילט די יידן, וועלכע האָבן שפּעטער אויסגעפּילט די פּאַראייניגן, די יידישע פּאַרטייען, די ביבליאָטעקן. דער נייער טיפּ ייד, וואָס האָט אין לעצטן האַלבן יאָרהונדערט אַ שטויס־געטאָן די יידישע קולטור מיט אַזאַ קראַפט, וואָס איז נישט געהערט געוואָרן אין דער געשיכטע פון פעלקער.

וועלכער יידישער רעוואָלוציאָנערער טוער, וועלכער דיכטער און שריפטשטעלער ביי יידן איז עס נישט פאַרבייגעגאַנגען קראָקע — דעם וועג צו דער וועלט ?

צווישן אברהם רייזען׳ס „העי, וואָס קלינגט איר קירכנגלאָקן ?" און מרדכי געבירטיגס „גלאָקן־קלאַנג", ביידע געשריבן אין קראָקע, ליגט אַ וועלט פון זעלטזאַמער שאַפונג, פון קולטור־שפע און אויפשטייג פון די קראָקעווער יידן. דאָס ערשטע ליד איז געשטאַנען ביים וויגעלע פון דער מאָדערנער יידישער קולטור און דאָס צווייטע — אויפן ראַנד פון אומקום פונעם קראָקעווער יידנטום.

צווישן די דאָזיקע צוויי פּאָלוסן שטייען־אויף טויזנטער יידישע געזעלשאַפטלעכע טוער פון ציוניסטן און פון „בונד", פון „מזרחי" און אגודת ישראל, פון שומר הצעיר און פועלי ציון, פון חלוצישער באַוועגונג, פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג; אַרמייען פון יידישע לערער, פּראָפעסאָרן, מעדיציניער, מאָלער, דיכטער, שוישפּילער, היסטאָריקער, אינזשיניערן, פילאָזאָפן, זשורנאַליסטן. און די מאַסן אין קראָקע אויף קאַזימיעזש און פּאָדגוזשע — זעכציק טויזנט יידן פּילן־אויס די בתי מדרשים און די פּאַראייניגן, די גאַסן און די פּלאַנטן, די קאַפעען און טעאַטערס. שטריימלעך, ווייסע זאָקן און פּאות, צילינדערס און פראַקן; אייראָפּעישער שטייגער און די עלעגאַנץ פון דער קראָקעווער שיינער פרוי. דאָס אַלץ איז געווען יידיש לעבן, דאָס אַלץ איז געווען די פּראַכטפולע יודאַיקאַ אינעם מוזיי — קראָקע.

און דאָס אַלץ איז מער נישטאָ.

עס איז דאָ אין קראָקע אַ יידישע היסטאָרישע קאָמיסיע, וואָס קלייבט־אויף די שערבעלעך און ברעקעלעך פונעם יידישן לעבן און אומקום. עס איז אָבער נישט מעגלעך, אַזאַ אינסטיטוציע, וואָס זאָל אין ווערטער קאָנען איינפאַסן דאָס לעבן און דעם אומקום פונעם קראָקעווער יידנטום — אין אַלע שאַטירונגען.

און זיכער איז אוממעגלעך אין די ראַמען פון אונזער בוך איבערצוגעבן כאָטש אין אַלגעמיינע שטריכן דאָס, וואָס די קראָקעווער יידן זענען אַדורכגעגאַנגען במשך פון די מלחמה־יאָרן. וועל איך בלויז איבערגעבן כראָנאָלאָגיש די פאַראָרדענונגען פון די דייטשן בנוגע יידן לויט די מאַטעריאַלן פון דער קראָקעווער היסטאָרישער קאָמיסיע. אָט די טרוקענע ציפערן און פאַראָרדענונגען זענען איין לאַנגע קייט פון עינויים, וואָס ערשט איצט זעט מען צו וואָס פאַר אַ שווידערלעכן ציל זיי האָבן געפירט:

דעם 8־טן סעפטעמבער 1939 פאַראָרדנען די דייטשן, אַז אַלע יידישע אונ־טערנעמונגען, געוועלבער, רעסטאָראַנען, קאַפייען א.אַ.וו. זאָלן באַצייכנט ווערן מיט אַ „מגן דוד".

דעם 10־טן אָקטאָבער ווערט פאַראָרדנט פאַר יידן ספּעציעלע מעלדונגס־קאַרטן באַצייכנט מיט אַ געלן פּאַס.

דעם 26־טן אָקטאָבער צוויי פאַראָרדענונגען פון גענעראַל גובערנאַטאָר פראַנק: איינע פאַרווערט די כשר׳ע שחיטה און די צווייטע פירט־איין באַטאַליאָנען פאַר יידישער צוואַנגס־אַרבעט.

דעם זעלבן טאָג דערשיינט אַ פּראָקלאַמאַציע פון פראַנקן, אין וועלכער ער זאָגט־פאָרויס די יידן, אַז „אויף די געביטן פון דייטשער הערשאַפט וועט נישט זיין קיין אָרט פאַר די יידישע אויסנוצער".

דעם 8־טן נאָוועמבער ווערט פאַראָרדנט אַ רעגיסטראַציע פון אַלע יידן, וועלכע וווינען אין קראָקע און אין די פאַרשטעטישע קהילות. די רעגיסטראַציע דויערט ביז דעם 21־טן דעצעמבער און ווייזט, אַז אויפן געביט פון „גרויס קראָקע" וווינען 68.842 יידן.

דעם 20־טן נאָוועמבער ווערן אין די בענק און אין אַלע קרעדיט־אינסטי־טוציעס בלאָקירט די יידישע קאָנטעס, דעפּאָזיטן און סייפן, וואָס מיינט: די פול־שטענדיקע קאָנפיסקאַציע פון יידישע פאַרמעגנס.

דעם 23־טן נאָוועמבער פאַראָרדנט פראַנק צוריקצוציען אַלע פּריווילעגיעס וועגן באַפרייען פון שטייערן די יידישע אַנשטאַלטן, פונדאַציעס און געזעלשאַפטן. די צווייטע פאַראָרדענונג באַשטימט צו באַצייכענען די יידישע געשעפטן מיט „מגן דוד׳ס", וואָס זאָלן זיין אָנזעעוודיק פון דער גאַס.

דעם 27־טן נאָוועמבער מוזן אַלע יידן אָפּגעבן זייערע אויטאָס און מאָטאָ־ציקלען.

דעם 28־טן נאָוועמבער ווערט באַשטימט אַ יודנראַט, ווי די „פאָרשטייער־שאַפט פון יידן".



דער דענקמאָל לזכרון די אומגעקומענע יידן פון טורנע
(אויפגענומען דורכן מחבר)



די לעצטע דריי הונדערט יידן ווערן דערשאָסן אויפן טורנער צעשטערטן בית־עולם
(דייטשע אויפנאַמע)



די אייזיק־שול מיט א צלם אונטערן דאך פון גאניק
(אויפגענומען דורכן מחבר)

דער טויער פון רמ"א'ס שול

דעם 1־טן דעצעמבער ווערט פאַראָרדנט, אַז אויפן שטח פון גאַנצן גענעראַל־גאָווערנאַמענט מוזן אַלע יידן, אָנהייבנדיק פון צען יאָר, טראָגן אָרעם־בענדער מיטן „מגן־דוד".

דעם 5־טן און 6־טן דעצעמבער — קומט־פאָר אַ בלאָקאַדע פון דער יידישער געגנט און אַן אַלגעמיינע רעוויזיע איבער יידישע הייזער, כדי צוצונעמען די זאַפּאַסן פון גאָלד און זילבער. פּאַקטיש זענען עס געווען צווי רויב־טעג, וואָס האָבן רואינירט די יידישע באַפעלקערונג.

דעם 9־טן דעצעמבער ווערן ביי יידן צוגענומען אַלע עמעריטן־אונטער־שטיצונגען, סיי מיליטערישע און סיי אַמטלעכע, פון וועלכע יידן האָבן גענאָסן בעת דער פוילישער ממשלה.

דעם 11־טן דעצעמבער קומען צוויי גזירות: יידן מוזן תיכף מעלדן דער מאַכט ווען זיי קלייבן זיך איבער אין אַ צווייטער דירה און עס ווערט זיי פאַרבאָטן אַרויסצוגיין אין גאַס פון 7 אָוונט ביז פינף באַגינען. עס ווערן געשלאָסן אַלע יידישע שולן און פון די אַלגעמיינע פאָלקס־שולן ווערן באַזייטיקט די יידישע שילער און לערער.

דאָס יאָר 1939 שליסט זיך אָפּ מיט דער פאַראָרדנונג פון 12־טן דעצעמבער, אַז יידן פון 11 ביז 60 יאָר מוזן אָפּגעבן צוויי יאָר צוואַנגס־אַרבעט. די צייט פון אַרבעט וועט פאַרלענגערט ווערן „אויב במשך פון דער באַשטימטער צייט וועט נישט דערגרייכט ווערן דער דערציאונגס־ציל".

דעם 1־טן יאַנואַר 1940 קומט אַ פאַרבאָט פאַר יידן צו ענדערן זייערע וווינונגס־פלעצער אויסער די גרענעצן פון די ערטער, ווו זיי וווינען ביז איצט.

דעם 11־טן יאַנואַר מוזן יידן אָפּגעבן אַלע ראַדיאָ־און פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן.

דעם 24־טן יאַנואַר ווערט פאַראָרדנט, אַז ביז דעם 1־טן מערץ מוזן יידן אויפגעבן אַלע זייערע פאַרמעגנס סיי פּריוואַטע און סיי געזעלשאַפטלעכע.

דעם 26־טן יאַנואַר ווערט פאַרבאָטן יידן צו פאָרן מיט דער באַן.

דעם 1־טן מערץ ווערט פאַראָרדנט, אַז יידן מעגן פאָרן אין טראַמווייען בלויז אין די הינטערשטע וואַגאָנען.

דעם 6־טן מערץ — אַלע יידן, פון 12 יאָר ביז 60, מוזן זיך רעגיסטרירן צו צוואַנגס־אַרבעט.

דעם 7־טן מערץ ווערט פאַראָרדנט, אַז פון סאָציאַלע פאַרזיכערונג געניסן יידן בלויז פון מעדיצינישער הילף און רפואות. אין אויסנאַם־פאַלן קענען יידן אויך געניסן פון אַ שפּיטאָל.

דעם 1־טן מאַי ווערט יידן פאַרבאָטן צו גיין מיט די קראָקעווער פּלאַנטן־אַלייען, אויפן הויפּט־מאַרק און צו קומען אין די „סוקעניצעס".

דעם 18־טן מאַי קומט אַ פאַראָרדענונג צו „פאַרקלענערן די יידישע באַפעל־קערונג פון קראָקע. ביזן 15־טן אויגוסט 1940 קאָן יעדער אויסוויילן די שטאָט, אין

װעלכער ער װיל זיך איבערקלײַבן און מיטנעמען זײַנע שטוב־זאַכן.

דעם 24־טן יולי װערט דורך אַ פֿאַראָרדענונג איבערגעגעבן די דעפֿיניציע „ייד", װאָס גילט אין גענעראַל־גאָװערנאַמענט.

דעם 1־טן סעפּטעמבער פֿאַראָרדנט פֿראַנק, אַז דער יודנראַט „איז פֿאַר־פֿליכטעט צו זאָרגן פֿאַרן שולװעזן פֿון די יידן". דער יודנראַט דאַרף שאַפֿן און אויסהאַלטן פֿאָלקס־שולן, פֿאַך־און האַנטװערקער־שולן און צוקלײַבן לערער. די שולן װעלן שטיין אונטער דער אויפֿזיכט פֿון דער דײַטשער שול־מאַכט.

דעם 19־טן סעפּטעמבער מוזן אַלע יידישע דאָקטוירים אַרויסהענגען שילדלעך מיט אַ בלויען „מגן־דוד".

דעם 27־טן סעפּטעמבער. פֿון דעם טאָג אָן מעגן יידן האַלטן נישט־יידישע הויזדינערשאַפֿט אויסשליסלעך לויט אַ ספּעציעלער דערלויבעניש. אַלע אַרבעטס־אָפּמאַכן אויף דעם געביט װערן אומגילטיק.

דעם 25־טן דעצעמבער דערשײַנט אַ פֿאַראָרדנונג, אַז אין קראָקע „מעגן װוינען נאָר די יידן, װעלכע באַזיצן אַ ספּעציעלע דערלויבעניש צוליב דער װיכטי־קייט פֿון זייער אַרבעט. אַלע אַנדערע יידן מוזן פֿון דעם 2־טן דעצעמבער 1940 זיך מעלדן אין אויסזידלונגס־אַמט. יעדער האָט רעכט מיטצונעמען 25 קילאָגראַם באַגאַזש.

מיט אַט דעם מאַסן־גירוש ענדיקט זיך דאָס יאָר 1940.

דעם 7־טן יאַנואַר 1941 װערט פֿאַראָרדנט, אַז יידן װערן געצװוּנגען צו אַרבעטן ביים אָפּרײניקן דעם שניי פֿון די גאַסן. יעדער ייד איז מחויב צו אַרבעטן אין חודש יאַנואַר 12 טעג צו 8 שעה אַ טאָג. װער עס װעט נישט אויפֿװײַזן נאָך דעם 31־טן יאַנואַר, אַז ער האָט זײַן אַרבעטס־נאָרמע אויסגעפֿירט, װעט ביי אים צוגענומען װערן די דערלויבעניש צו װוינען אין קראָקע.

דעם 4־טן פֿעברואַר חזרט זיך איבער די זעלבע פֿאַראָרדנונג, װאָס איז חל פֿאַר די חדשים פֿעברואַר, מערץ, אַפּריל און מאַי.

דעם 25־טן פֿעברואַר װערן בטל אַלע דערלויבענישן צו װוינען אין קראָקע. אין שטאָט קענען בלײַבן װוינען נאָר די יידן, װעלכע װעלן באַזיצן קענקאַרטן.

דעם 3־טן מערץ װערט פֿאַראָרדנט, אַז ביז דעם 20־טן דעם זעלבן חודש מוזן אַלע יידן זיך איבערקלײַבן אין אַ געטאָ.

דעם 15־טן מערץ װערט פֿאַרבאָטן פֿאַר יידן צו באַנוצן קאָמוניקאַציע־מיטלען אָן אַ ספּעציעלער דערלויבעניש.

דעם 28־טן יוני מוזן די יידישע קענקאַרטן זײַן פֿון אַ געלער פֿאַרב, פֿאַרזען מיט דעם אות „י" אויף דער פֿאָדערשטער זייט.

דעם 30־טן אויגוסט װערט יידן פֿאַרבאָטן צו פֿאַרקויפֿן אויסאַרבעטונגען פֿון גאָלד און אַנדערע איידעלע מעטאַלן.

דעם 15־טן אָקטאָבער װערט באַשטימט טויט־שטראָף פֿאַר די יידן, װעלכע װעלן פֿאַרלאָזן דאָס געטאָ.

אין די חדשים נאָוועמבער און דעצעמבער ווערן געכאַפּט און אַרויסגעפירט צוויי טויזנט יידן.

דעם 1־טן דעצעמבער ווערט פאַר יידן פאַרבאָטן צו שיקן פּעקלעך מיט דער פּאָסט.

דעם 27־טן דעצעמבער מוזן אַלע יידן אָוועקגעבן זייערע פעלצן און אַלע פוטער־אויסאַרבעטונגען.

דעם 31־טן דעצעמבער מוז מען אָוועקגעבן סקי־שוך און די סקי (נאַרטן).

דעם 5־טן יאַנואַר 1942 ווערן פאַר יידן אָפּגעשאַפט אַלע הערשנדיקע פאַר־שריפטן, וועלכע נאָרמירן אַרבעט און שכירות.

דעם 1־טן פעברואַר טאָרן שוין יידן אַפילו מיט קיין דראָזשקעס און שליטנס נישט פאָרן.

דעם 30־טן און 31־טן מאַי פירט דורך די ס.ס. אַ קאָנטראָל איבער די אַרבעט־קאַרטן און קענקאַרטן.

דעם 1־טן, 4־טן און דעם 8־טן יוני גיט אַרויס אַ געסטאַפּאָ־קאָמיסיע „בלויע קאַרטן" אויף צו בלייבן אין געטאָ... גלייכצייטיק ווערט אין די דריי טעג אַדורכ־געפירט די יוני־„אַקציע". עטלעכע טויזנט יידן, מענער, פרויען און קינדער ווערן אין דריי טראַנספּאָרטן אַרויסגעשיקט אין פאַרניכטונגס־לאַגערן. בעת דער דאָזיקער אַקציע קומען פאַר גרויזאַמע מאָרדן אין געטאָ.

דעם 25־טן יוני ווערט דאָס געטאָ פאַרקלענערט.

פון חודש יוני ביז אָקטאָבער קומט־פאָר די צווייטע גרויסע „אַקציע", בעת וועלכע עטלעכע טויזנט יידן ווערן אַרויסגעשיקט אין פאַרניכטונגס־לאַגערן.

אָנהייב נאָוועמבער קומט פאָר אַ ווייטערדיקע פאַרקלענערונג פון געטאָ.

אין דער ערשטער העלפט דעצעמבער ווערט דאָס געטאָ צעטיילט אויף „א" — פאַר אַרבעטנדיקע, „ב" — פאַר נישט אַרבעטנדיקע.

דעם 31־טן מערץ 1942 קומט־פאָר די ליקווידאַציע פון געטאָ. די אַרבעטנ־דיקע ווערן פאַרשיקט אין פּלאַשאָווער לאַגער. פון געטאָ „ב" ווערן די פרויען און קינדער ביז 14 יאָר און די מוטערס, וועלכע ווילן מיטגיין מיט זייערע קינדער, פאַרשיקט אין די גאַז־קאַמערן פון בעלזשעץ. אין דעם טאָג ווערן אויך דערשאָסן די קראַנקע פון שפּיטאָל.

דעם 13־טן מערץ 1942 האָט אויפגעהערט עקזיסטירן דער יידישער ישוב אין קראָקע.

צווישן די אויסגערעכנטע 54 טערמינען, זענען ווי צווישן מיל־רעדער צעריבן געוואָרן זעכציק טויזנט יידן. אַלץ וואָס איז געשאַפן געוואָרן במשך פון אַכט הונדערט יאָר — איז אָוועק מיטן ווינט.

אין די צייטן, ווען מען האָט חרוב געמאַכט די קראָקעווער יידישע קהילה, און חרוב געמאַכט האָט מען זי אין די אויגן פון דער איבעריקער באַפעלקערונג — איז דאָס לעבן פון „אַנדערן", פון פּוילישן קראָקע, געווען פולשטענדיק נאָרמאַל,

גאַרנישט האָט זיך דאָ געענדערט. דער גאַנצער צאָרן האָט זיך אויסגעגאָסן בלויז אויף די יידן.

ווען מען האָט די יידן געטריבן אין געטאָ — זענען די פוילישע געשעפטן אין קראָקע געווען אָפן, ווי יעדן טאָג. מוטערס האָבן געפירט זייערע קינדער שפּאַצירן, די שול־יוגנט איז געגאַנגען אין שול, אין די קאַפייען האָט דאָס בירגער־טום פאַרבראַכט דעם פאַרמיטאָג.

ווען מען האָט די יידן געטריבן קיין פּלאַשאָוו — האָט זיך די באַפעלקערונג צוגעקוקט ווי מען טרייבט די פאַרמשפּטע. די דינסטן, וועלכע האָבן אויף די באַלקאָ־נען געשטויבט טעפּיכער, האָבן בלויז אויף אַ ווײַלע איבערגעריסן די אַרבעט, אויס נייגעריקייט. מען טרייבט יידן קיין פּלאַשאָוו. מוטערס זענען אין אַ פאַרקערטער ריכטונג געגאַנגען שפּאַצירן מיט זייערע קינדער. די שול־יוגנט האָט זיך געשפּילט אויף די שכנותדיקע גאַסן. און די יידישע קינדערלעך, די יידישע שול־יוגנט האָט מען אין וואַגאָנעס געפירט צו די גאַז־קאַמערן קיין בעלזשעץ.

אין פּאָדגורזשע, אין געטאָ, האָט דער בלוט־הונט געטה געמאָרדעט יידן, אוקראַינער האָבן געשאָכטן יידישע קינדער, בלוט האָט זיך געגאָסן אויף די גאַסן. און אין שטאָט, אויף די פּלאַנטן, אויפן רינעק, איז דאָס לעבן געפלאָסן נאָרמאַל, אַזוי בירגערלעך, אַזוי רואיק און שטיל.

ווען עס פאַלן פון דייטשע און אוקראַינישע קוילן די יידישע מאָלער אברהם נוימאַן, שינאַגעל, ווייַנטרויב — קומען־פאָר אין קראָקע נאָרמאַלע קונסט־אויס־שטעלונגען. ווען אויף די גאַסן פון קראָקע גייען די פוילישע טרובאַדורן און זינגען לידער — פאַלט פון אַ דייטשער קויל דער טרובאַדור פון געטאָ — מרדכי געבירטיג.

אָבער נישט געקוקט אויף דער גלייכגילטיקייט פון פוילישן אַרום און פון פּלאַנמעסיקע שחיטות פון די דייטשן, אַרבעט אין קראָקע די יידישע אונטערערדישע באַוועגונג. דער איבערפאַל אויף די מאַגאַזינען פון „אָפּטימאַ", דאָס אונטערצינדן די מיליטערישע מאַגאַזינען אויף די גזשעגושקעס, דאָס באַוואַרפן מיט האַנט־גראַנאַטן דאָס דייטשע קאַפע־הויז „ציגאַנעריאַ", דאָס אויסקלעפּן פּלאַקאַטן אין די גאַסן — זענען העלדן־טאַטן, וואָס קלינגען ווי לעגענדעס.

מען דאַרף זיך אַריינפילן אין דער אַטמאָספער פון קראָקע בעת דער דייטשער אָקופּאַציע, כדי צו באַגרייפן די גרויסקייט פון די גיבורים פון דער אונטערערדי־שער באַוועגונג.

גאָלאַ מירער, הערש בוימינגער, האַנקע באַלזאַם, ליבעסקינד, דרענגער, בנימין האַלברייך, שלמה שיין און פיל, פיל אַנדערע שטייען אין דער זעלבער ריי ווי זייערע קאַמפּס־חברים פון וואַרשעווער, ביאַליסטאָקער און אַנדערע געטאָס. אויך זיי האָבן געוויזן, אַז ווען די סביבה זאָל זיין אַן אַנדערע, אַז ווען מיט זיי זאָל זיין די פוילישע גאַס — וואָלטן די דייטשן נישט געוואָגט אַדורכצופירן די אויס־

מאָרדונג פון יידן מיט אַזאַ פּאַרנעם. און אויב זיי וואָלטן יאָ געוואָגט, וואָלטן זיי פאַר דעם פאַרברעך באַצאָלט אַ טייערן בלוט־פּרייז.

פּונקט ווי פון די זעכציק טויזנט יידן זענען געבליבן בלויז קליינע רעשט־לעך, אַזוי איז אויך געבליבן בלויז חרובע רעשטלעך פון דעם, וואָס יידן האָבן געשאַפן במשך פון אַכט הונדערט יאָר יידישן קיום אין קראָקע.

דעם 5־טן דעצעמבער 1940 פאַראָרדענען די דייטשן די קהילה זאָל צושטעלן אַלע חפצים פון זילבער און גאָלד פון די יידישע שולן, די ספר־תורות, די הענג־לייכטער, אַלץ, אַלץ. זיי פאַראָרדענען יידן זאָלן אונטערצינדן די שול. פאַר אָפּזאָגן אויסצופילן דעם באַפעל — באַצאָלן יידן מיט קרבנות אין געהרגעטע.

ווען די דייטשן פאָדערן־אויף די יידן זיי זאָלן דעם 21־טן מערץ 1941 איבער־געבן די שליסלען פון אַלע שולן און בתי־מדרשים — ווערט געחתמ׳עט דער גורל פון אַלע יידישע דענקמעלער אין קראָקע.

יידן פּרווון ראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך. אין דעם טאָג, ווען מען פירט אַרויס די יידן אין געטאָ — קיין פּאָדגוזשע, נעמען זיי מיט מיט זיך אָנגעלאָדענע וועגענער מיט ספר־תורות, פּרוכתן, זילבערוואַרג, ספרים און אַנטיקע דאָקומענטן פונעם אַרכיוו פון דער אַלטער שול. יעקב סטענדיק, אַ ייד, וואָס לעבט איצט אין קראָקע, האָט אַלע דאָקומענטן פון אַרכיוואַלן ווערט מיטגענומען אין געטאָ־אַריין און זיי דאָרט ווי עס איז פאַרזיכערט. אָבער זייער גורל איז שפּעטער געווען געבוי דער זעלבער ווי פון די לעבעדיקע יידן. 150 ספר־תורות, שול־טישטעכער, פּרוכת׳ן און אַלטע מנורות האָבן יידן איינגעמויערט אינעם קופּאָל פונעם טהרה־שטיבל אויפן פּלאַשאָווער בית־עולם. אויך דער איבערבלייב איז שפּעטער אַנטדעקט געוואָרן דורך די דייטשן ביים אויפרייסן דאָס טהרה־שטיבל.

אַלע שולן אין קראָקע זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מאַגאַזינען. די דייטשן מאַכן חרוב די אינערלעכע אייַנריכטונגען, זיי צערייסן די פּלאַפאָנען, צעשטערן די ארון־קודש׳ס, די טאָוולען אויף די ווענט. דער הויפּט־רויבער פראַנק נעמט־צו אַלע אַנטיקע הענג־לייכטער און זשיראַנדאָלן פון די שולן און באַצירט מיט זיי זיין רעזידענץ אויפן וואַוועל און זיין פּאַלאַץ אין קשעשאָוויץ.

איצט קומט די ריי אויף די קראָקאָווער בית־עולם׳ס. דער קראָקעווער מאַ־גיסטראַט פאַרניכטעט און גלייכט־אויס מיט דער ערד דעם קליינעם בית־עולם אויפן פּלאַץ, וואָס אַנטקעגן דער רמ״א־שול. דער דאָזיקער בית־עולם איז פאַרבונדן מיט דער לעגענדע וועגן חתן־כלה, וואָס זענען געשטאָרבן אונטער דער חופּה. אויף דעם פּלאַץ פון בית־עולם, האָב איך איצט געזען, האָבן פּוילישע קינדער געמאַכט זיך אַ שפּיל־אָרט.

דער בית־עולם הינטער דער רמ״א־שול, דאָרט ווו עס האָבן זיך געפונען די קברים פון די רומפולע קראָקעווער גאונים, פון דורות רבנים, לומדים און גייסטי־קע אַריסטאָקראַטיע, דאָרט ווו עס זענען צו קבורה־געקומען די זיידעס און עלטער־זיידעס פון דער קראָקעווער קהילה — איז געעפנט געוואָרן פאַרן פּוילישן המון, וואָס

האָט די מצבות צעהאַקט, די קברים צעריסן, געשענדעט אונזער נאַציאָנאַלן פּאַנטעאָן.

דעם בית־עולם אויף דער מעד־גאַס האָט דער זעלבער המון חרוב געמאַכט אויף אַן אכזריותדיקן אופן. זיי האָבן צעגראָבן די קברים און אַרויסגעריסן די גאָלדענע ציין פון די מיילער פון די מתים. זיי האָבן צוגערויבט כמעט אַלע טייערע און קינסטלערישע מצבות. אויסער דעם האָט די באַן־דירעקציע צוגערויבט אַ שטיק פעלד פון בית־עולם, די קברים צעשטערט און אויף דעם פעלד געשטעלט באַראַקן.

כמעט אַלע פּוילישע מצבה־קריצער אין קראָקע האָבן אַן אָנטייל אין דער שענדונג און אינעם רויב אויף די יידישע בית־עולם׳ס.

אויפן אָרט פון דעם טראַגיש־באַרימט געוואָרענעם פּלאַשאָווער לאַגער האָבן זיך אַמאָל געפונען צוויי יידישע בית־עולמ׳ס. היינט איז פון די בית־עולם׳ס קיין צייכן נישטאָ, פּונקט ווי מען דערקענט נישט, אַז דאָ איז ווען־עס־איז אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער געווען. בלויז דער וועג, וואָס פירט דורכן גרויסן פעלד איז אויסגעשיט מיט אויסגעשאָטענע קוילן און דאָס זאָגט עדות וועגן דער ריזיקער צאָל יידישע הרוגים, וואָס זענען געפאַלן פון דייטשע הענט. דער חרובער בנין, דאָס טהרה־שטיבל, פון וועלכן ס׳איז געבליבן איין פליגל מיט קופּאָל, שטייט ווי אַ מאָנומענט איבער דעם ריזיקן פעלד, וואָס איז אַנומלט צו אַ גיהנום געוואָרן. ווי ווייט דאָס אויג גרייכט צייכענען זיך אָן איבערן פעלד די פונדאַמענטן פון די לאַגער־באַראַקן. איצט זענען עס בלויז בערג און טאָלן, ציגל און ברוך פון מצבות.

אָבער די טראַגעדיע האָט זיך מיט דעם נישט פאַרענדיקט. די טראַגעדיע פאַרטיפט זיך איבער די חורבות, וואָס זענען געבליבן. ווען איך בין איצט געקומען קיין קראָקע און זיך אָנגעהויבן באַקענען מיט דעם איצטיקן יידישן לעבן, האָב איך אַנטדעקט אַזעלכע אומגליקן, וואָס צעשמעטערן אַ יידיש האַרץ, וואָס נעמען צו יעדע האָפענונג.

אויף דער שפּיטאַלנע גאַס האָט זיך פאַר דער מלחמה געפונען אַ יידישע שול. בעת דער אָקופּאַציע האָבן די דייטשן אַוועקגעגעבן אָט די שול פאַר די אוקראַינער באַנדיטן און דעגענעראַטן פון וולאַסאָוו׳ס באַנדעס, וועלכע האָבן פון שול געמאַכט אַ צערקווע. איצט, ווען איך בין געקומען קיין קראָקע, בין איך דאָרט געווען און געזעען, אַז די צערקווע עקזיסטירט נאָך ווייטער. איך בין געקומען אַהין גראָד דעמאָלט, ווען די זעלבע כומרים, וועלכע האָבן געהייליקט די פענער פון די פּראַוואָסלאַוונע באַנדעס, האָבן אָפּגעריכט זייערע תפילות. דאָ האָט זיך גאָרנישט געענדערט. די איינריכטונג די זעלבע, די זעלבע בילדער, די זעלבע גייסטלעכע, דער זעלבער כאָר, נאָר אינעם באַפרייטן פּוילן. ביים איינגאַנג הענגט אויף דער פאַסאַדע פון דער שול דער פּראַוואָסלאַוונער צלם, וואָס די באַנדיטן האָבן אויפגעהאָנגען.

די באַרימטע אייזיק־שול, געבויט אין זיבעצנטן יאָרהונדערט אין אַ וווּנדערבאַרן רענעסאַנס־סטיל, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאַטוילישע קירך. איבערן פרעכטיקן גאַנעק איז אויפגעהאָנגען געוואָרן אַ צלם. אַרום דער דאָזיקער שול

שפּילט זיך אָפּ אַ קאַמף צווישן צוויי קאַטוילישע שיטות, צווישן די רוימישע קאַטאָליקן און די נאַציאָנאַלע קאַטאָליקן. איין צד האָט שוין פאַרשפּילט: דאָס איז די שול, די שול פון אייזיק רב יעקל׳ס. אויפן רמ״א׳ס בית־עולם האָבן קאַטאָליקן צעשטערט דעם קבר פונעם גרויסן נדבן רב יעקל׳ס און זיין שול איז צו אַ קאַטוי־לישע קירך געוואָרן.

די אַלטע שול אויף קאַזשימיעזש, די עלטסטע שול אפשר אין פּוילן, איז געבויט געוואָרן אין ריין־ראָמאַנישן סטיל. לויט היסטאָרישע מקורות איז זי געבויט געוואָרן דורך טשעכישע יידן, וועלכע זענען נאָכן פּאָגראָם אין פּראַג, אין יאָר 1389, געקומען קיין קראָקע. נאָך דער גרויסער שריפה אין 1557 ווערט דער אויבערשטער טייל פון דער שול איבערבויט אין גאָטישן סטיל. די צוויי גאָטישע אַרקאַדן פון דער שול זענען געווען אַ מייסטער־ווערק פון אַרכיטעקטאָנישער קונסט. די דייטשן האָבן די צוויי אַרקאַדן אַראָפּגעריסן און די שול פאַרוואַנדלט אין אַ מאַגאַזין. אָבער ווען פּוילן איז באַפרייט געוואָרן האָט דער פּוילישער פּלעבס, וואָס האָט פאַרנומען די דירות אין דער יידן־שטאָט קאַזשומיעזש, די שול פאַרוואַנדלט אין אַ בורדעל און שפּעטער אין אַ קלאָזעט. היינט איז די שול אַ וויסטע חורבה. צופיסנס פון דער שול שטייט אַ גרויסער צלם. אויף דעם אָרט האָבן די דייטשן צעשאָסן עטלעכע צענדליק פּאָליאַקן. איז אין טאָג פון דער קריסטלעכער הזכרות־נשמות, ווערן אַרום דעם צלם אָנגעצונדן ליכט און די פאַרוויסטע שול שטייט אין שאָטן פון צלם.

אויף די בערגעל־שול, אין וועלכער ס׳האָט געשאַפן דער גרויסער דענקער נתן שפּיראָ איז דורכן ווילדן המון צעריסן געוואָרן אויף שטיקער.

יידן האָבן איבערגענומען צוריק בלויז צוויי שולן: די רמ״א־שול און די סינאַגאָגע אויף דער מעד־גאַס. די רעליגיעזע קאָנגרעגאַציע האָט די שולן רעמאָנ־טירט און דערפירט צו אַ דערטרעגלעכן צושטאַנד. אָבער בלויז אַרום דער שול אויף דער מעד־גאַס שפּילט זיך אָפּ דאָס יידישע לעבן. אין דער רמ״א־שול קומט כמעט קיינער נישט, ווייל —

זעקס טויזנט יידן וווינען איצט אין קראָקע. זעכציק פּראָצענט פון די איצ־טיקע יידן שטאַמען נישט פון קראָקע. אַלע צוזאַמען זענען זיי די שארית הפליטה פון די וועלדער און בונקערס און פון די צוריקגעקומענע פון רוסלאַנד. די פרומע יידן קאָנצענטרירן זיך אויף דער מעד־גאַס, אויף דיטעל־גאַס און סטראַדאָם. זיי זענען די דאַווענער, די שול־באַזוכער. די רמ״א־שול געפינט זיך איצט אין אַ פול־שטענדיק קריסטלעכער סביבה.

זעקס טויזנט יידן, סך הכל צען פּראָצענט פון דער צאָל, וואָס האָט זיך געפונען אין קראָקע פאַר דעם מבול. און בלויז צוויי טויזנט פון זיי זענען קראָקע־ווער. זאָלט איר דעריבער נישט זוכן גאָרנישט פון די אַלטע טראַדיציעס פונעם קראָקעווער יידנטום. גאָרנישט איז פון דעם געבליבן. דאָס וואָס איז יאָ געבליבן —

איז דער זכרון. קראָקע פון פאַר דער מלחמה לעבט בלויז אינעם זכרון פון די לעבנגעבליבענע.

ווען איך בין געזעסן אין שטוב פון דעם קראָקעווער קונסט־מאָלער רימפעל האָב איך געפילט די אַטמאָספער פון דעם קראָקעווער קינסטלער־לעבן פון פאַר דער מלחמה. ער איז פול מיט זכרונות. אָבער די אַטמאָספער ענדיקט זיך ביי זיין שוועל. אויף דער גאַס איז אַ גויישע וועלט. און אין ערגעץ אין קראָקע ווערסטו די יידישע אַטמאָספער מער נישט באַגעגענען.

בעת איך בין געווען אין בית־מדרש אויף דער מעד־גאַס צווישן די יידן מיט בערד און יאַרמולקעס און זיך איינגעהערט אינעם ניגון פון זייער לערנען, האָב איך געהאַט אַ שיין פון דער אַטמאָספער פון קראָקעווער ישיבות. אָבער ביי דער אַטמאָספער ענדיקט זיך עס. די גאַס איז גויש. קאַזשימיעזש, די יידישע שטאָט, די געסלעך פון קאַזשימיעזש, ווו אַמאָל האָט זיך אָפּגעשפּילט אַזאַ פאַרביק יידיש לעבן — איז היינט גוייש.

אין קאַפע, צווישן די יידישע אינטעליגענטן, צווישן די רעשטלעך פון די קראָקעווער דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן פילט מען אַן אָפּשיין פון דער היץ פון יענע רומפולע טראַדיציעס פון דער גרויסער קראָקעווער יידישער אינטעליגענץ. אָבער עד כאן, עס איז נישטאָ מער דאָס רייכע געזעלשאַפטלעכע לעבן פון דער יידישער אינטעליגענץ. עס איז נישטאָ די פרעסע, די געזעלשאַפטן, די קלובן, די סאַלאָנען. געבליבן זענען בלויז יחידים, וואָס האַלטן דעם מעמד בלויז מיטן כוח פון זכרון.

דאָס ציבורדיקע לעבן איז פאַרשוווּנדן.

אָבער עס איז ממש צו באַוווּנדערן די וויטאַליטעט פון אָט די זעקס טויזנט יידן, וואָס יעדער פון זיי גייט אַרום איבער דער וועלט, ווי אַ לעבעדיקער בית־עולם. יעדער אייינציקער ייד אין קראָקע קאָן אייך דערציילן וועגן צענדליקער, וועגן הונדערטער קברים, וואָס ער טראָגט אין זיין זכרון. אין דעם דאָזיקן זכרון איז באַגראָבן אַ גאַנצע וועלט.

אין אָנהויב שול־יאָר בין איך גראָד געווען אין קראָקע. עס איז געווען אַ וווּנדערלעכער שפּעט־זומערדיקער טאָג. פון מאַריאַצקי טורעם האָט געשאַלט דער היינאַל. אויף דער גאַס האָבן פיל טויזנטער קינדער מאַרשירט אין געשלאָסענע רייען צו די קירכעס מתפלל צו זיין אין דעם טאָג, ווען עס הייבן זיך אָן די שול־לימודים. שוואַרץ זענען געווען די גאַסן פון דער שול־יוגנט, לערער, פּראָפעסאָרן, גלחים און שול־נאָנעס. עס זענען געגאַנגען פאָלקס־שולן, גימנאַזיעס, ליצייען, פאַך־שולן, יתומים־אינטערנאַטן, קלויסטער־שולן. קינדער האָבן פריילעך געפּילדערט, פייערלעך געטראָגן זייערע פּנימער. און איך האָב געזוכט צווישן די מאַר־שירנדיקע קינדער די מחנות פון אונזערע איציקלעך און פעסעלעך, פון אונזערע שלמהלעך און חנהלעך, וואָס אַמאָל פלעגן זיי אויך אין דעם טאָג גיין צו די יידישע שולן. איצט זע איך זיי נישט, איצט איז גרויס מיין בראָך. אָט דאָ אויף דער

גאַס זע איך דעם פאַרנעם פון אונזער אומגליק. צווישן די פיל טויזנטער קינדער זע איך נישט קיין איין פאָר יידישע כשרע אויגעלעך.

דאָס ביסל יידישע קינדערלעך, די יתומימלעך און פריציייִטיק אַלט־געוואָ־רענע יידישע קינדערלעך וועלן זיך שפּעטער צונויפקומען אין זייערע שיטערע קלאַסן און נישט פייערן קיין יום־טוב. די אַרמייען פון די יידישע קינדער זענען פאַרשניטן, זייערע כשרע גופימלעך באַמיסטיקן די פעלדער אַרום בירקענאַו און בעלזשעץ. נישט פאַר זיי שיינט די זון, נישט פאַר זיי שאַלט־אויס דער הייגאַל פון טורעם און נישט פאַר זיי איז דער יום־טוב פונעם נייעם שול־יאָר.

איז פאַרוויסט און פאַרלענדט דאָס יידישע קראָקע. אויף דער פאָן פון דעם גוט־אויפגעהאַלטענעם פוילישן גלאַנץ צייכנט זיך אָן דער יידישער חורבן מיט אַזאַ אַכזריותדיקער שאַרפקייט, מיט אַזאַ אומברחמנותדיקן ווייטיק, אַז עס וויל זיך אַוועקגיין צום חרובֿן קבר פון רמ״א און אין אומענדלעכער האָפנונגסלאָזיקייט אויסוויינען די לעצטע טרערן.

טורנע

אויפן מיטן וועג צווישן דער אַלטער רבנישער שטאָט קראָקע און פשעמישל האָט זיך געפונען אַ גרויסע יידישע קהילה, וואָס האָט געהייסן טורנע. אויף די מאַפּעס פון דער וועלט וועט איר דעם נאָמען טורנע זיכער נישט געפינען, ווייל ביי די פעלקער האָט די שטאָט געהייסן — טאַרנאָוו. אָבער טאַרנאָוו איז געווען בלויז אַן אומוויכטיקער געאָגראַפישער באַגריף. דערפאַר איז טורנע געווען מפורסם: אַמאָל איבער דער גאַנצער קירה׳שער אימפּעריע און שפּעטער איבער דער גאַרער יידישער וועלט, אין פוילן און אין אַמעריקע, אין ארץ־ישראל און ארגענטינע און איבער אַלע צעוואָרפענע יידישע ישובים.

טורנע איז געווען אַ גרויסע און רייכע יידישע קהילה. אין 1939, ביים אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָבן דאָ געלעבט צוויי און צוואַנציק טויזנט יידישע נפשות, וואָס האָבן געאַרבעט און געבויט ווי מוראַזשקעס; נישט געוווסט קיין טעג און קיין נעכט, זיי האָבן געגלויבט, אַז זיי בויען אַן אייביקייט, אַז זיי בויען דעם קיום פון כנסת ישראל.

די געשיכטע פון טורנעווער יידישקייט הייבט זיך אָן מיט זעקס הונדערט יאָר צוריק. אין יענע צייטן איז די קהילה געווען אַזוי קליין, אַז זי האָט אַפילו קיין אייגענעם בית־עלמין נישט פאַרמאָגט און אירע נפטרים מקבר געווען אין דעם שכנותדיקן שטעטעלע זשאַבנע, וואָס איז צו יענער צייט אַן איינגעפונדעוועטע קהילה געווען. אָבער טורנעווער יידן פלעגן זאָגן, אַז נישט דערפאַר פלעגן זיי פירן זייערע נפטרים קיין זשאַבנע, נאָר פשוט דערפאַר, ווייל טורנעווער יידן זענען געווען אַזוי שטאַרק אַריינגעטאָן אין מסחר און אין בויען, אַז זיי האָבן פשוט נישט געהאַט קיין צייט צו שטאַרבן און במילא נישט געבויט קיין אייגענעם בית־עולם...

גרויסע אַמביציעס האָט געהאַט די טורנעווער קהילה. אין איר גאַנצער געשיכטע האָט זי געוואָלט קאָנקורירן מיט קראָקע: אין יידישקייט און אין לומדות. אין פראַנץ יאָזעפס צייטן איז טורנע געווען אַ באַסטיאָן פון יידישער פרומקייט. יידן האָבן זיך געקליידט אין שטריימלעך, אין ווייסע זאָקן מיט לאַפּטשעס. אַז עס איז אַהער אַריינגעפאַלן אַמאָל אַ פוילישער ייד האָט זיך אים געדאַכט: עס איז אַ קהילה פון גאַלע רבנים און וויל־לערענער. די טורנער יידן האָבן דערצויגן צניעות׳דיקע טעכטער, וואָס האָבן מיט זייער יידישן חן געשמ׳ט איבער דער עסטרייך־אונגארישער אימפּעריע...

פאַר די שכנות׳דיקע שטעטלעך, ווי בריגעל, טידעוו, באָבאָוו, אָדער זשאַבנע איז געווען נישט פון קליינעם יחוס צו טאָן אַ שידוך מיטן רייכן און חשובן טורנע. און טורנע האָט געהאַט מיט וואָס זיך צו גרויסן: זי איז געווען אַן אַרבעטזאַמע, שעפערישע יידישע קהילה.

אַן אינטעליגענץ האָט טורנע אַרויסגעגעבן, אַן אינטעליגענץ, וואָס האָט דער שטאָט כבוד פאַרשאַפט און דעם יידישן פאָלק גייסטיקע כוחות געגעבן. אין מיידאַנ־קער מאָרד־פאַבריק איז אומגעקומען איינער פון די בעסטע זין פון טורנעווער יידנ־טום — יצחק שיפּער. פון צווישן די טורנעווער יידן איז אויך אַרויס דער באַלשע־וויסטישער שרייבער און פּראָפּאַגאַנדיסט סאָבעלזאָן־ראַדעק.

טורנע האָט פאַרמאָגט אַ גרויסן יידישן פּראָלעטאַריאַט. כמעט די גאַנצע שטאָט איז באַשטאַנען פון עמך שער און אייזן. אַלנפאַלס זענען דאָ שניידער געווען דאָס אויבערשטע פון שטויסל.

אין די גאַסן און געסלעך האָבן גערוישט ניי־מאַשינען. פון די צעעפנטע פענצטער און טירן האָט אַרויסגעזונגען די אַרבעט פון העכער פינף טויזנט שניי־דער־אַרבעטער. בלויז איין נאָדל־פאַראיין האָט געציילט פיר טויזנט אָרגאַניזירטע מיטגלידער. אַרום די פאַבריקן און שניידער־וואַרשטאַטן האָבן געאַרבעט טרעגער און באַלעגאָלעס, אַנגעשטעלטע און לערן־ייִנגלעך, פאַבריקאַנטן און סוחרים. אַכ־ציק פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט געלעבט פון דער קליידער־אינדוסטריע. מיט איין וואָרט — אַ שניידער־שטאָט.

ביז אַן ערך דרייסיק בתי־מדרשים האָט טורנע פאַרמאָגט. און אַ שול, וואָס מען האָט לאַנגע יאָרן געבויט, אין איר אַריינגעלייגט אַלע חושים פאַר שיינקייט. טורנע האָט מיט אַלץ געוואָלט שטיין העכער פון די שכנותדיקע קהילות און אין דעם איידעלען פאַרמעסט — געזיגט.

און די טורנער שניידער און בעלי־מלאכות זענען נישט געווען קיין פּרימי־טיווע חיטים. זיי האָבן געשעפּט וויסן פון צענדליקער שולן, ביבליאָטעקן, אָוונט־קורסן, לייען־זאַלן, דראַמקרייזן, כאָרן, קלובן. די פּאָליטישע פּאַרטייען האָבן דאָ געהאַט זייערע באַסטיאָנען און פעסטע קאַמף־פּאָזיציעס. דאָ אין די וואַרשטאַטן ביי די שניידער־מאַשינען האָבן די טורנעווער יידישע אַרבעטער געפאָכטן זייער גרויסן קאַמף פון נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג. דאָ זענען אויסגע־זונגען געוואָרן די לידער פון פרייהייט און רעוואָלוציע.

ביז דעם יאָר 1935 איז טורנע געווען אַ פעסטונג פון ציוניזם. יידן האָבן נישט געקאַרגט קיין געלט פאַר דער אויסלייזונג פון ארץ־ישראל. אַליין האָבן זיי נישט געהאַט קיין צייט צו פאָרן בויען דאָס לאַנד, וואָרום זיי זענען געווען שטאַרק פאַרטאָן מיט מאַכן מלבושים פאַר מיליאָנען פּויערים — האָבן זיי געגעבן געלט ביד רחבה. אָבער ווען דער עקאָנאָמישער קריזיס און יידן־שנאה האָבן זיך אָנגע־הויבן אויסשפּרייטן איבער טורנע — געווען איז עס די לעצטע יאָרן פון פאַר דער מלחמה — האָט די פּאָליטישע אויבערהאַנט באַקומען דאָ דער „בונד".

די בונדישע אָרגאַניזאַציע האָט געפירט די אַרבעטער־פאַראיינען און די יוגנט, פונאַנדערגעבויט די שול, אויפגעשטעלט אַן אייגן הויז אויפן נאָמען פון בייניש מיכאַלעוויטש און די טורנעווער יידישע אַרבעטער האָבן געגלויבט, אַז

דאָ, אין דער שטאָט, וועט דורך זייער טריאומף־טויער אַריינמאַרשירן די סאָציאַלע דערלייזונג.

און הייַנט, ווען דו קומסט קיין טורנע און דו זוכסט דאָס קאָכעדיקע יידישע לעבן, געפינסטו אויפן דאָרטיקן בית־עולם אַן אָפּגעבראָכענעם זייל פון דער טור־נעווער שול און צופוסנס פון דענקמאָל לייענסטו די אימה'דיקע מגילה:

„דאָ רוען פינף־און־צוואַנציק טויזנט יידן, וועלכע זענען דערמאָרדעט געוואָרן אויף אַ שרעקלעכן אופן דורך די דייטשע רוצחים אָנהייבנדיק פון 11־טן יוני 1942 ביז דעם 5־טן סעפּטעמבער 1943".

אין די דאָזיקע צוויי שורות איז אויף אייביק אויסגעקריצט דער פולשטענ־דיקער חורבן פון זעקס הונדערט יאָר יידישן זיין אין טורנע.

ביים דאָזיקן אָפּגעבראָכענעם זייל האָבן זיך פאַרענדיקט אַלע יידישע חלומות. דאָ האָט זיך געענדיקט דער טרוים פון סאָציאַלער אויסלייזונג, פון אַלע גאולות בכלל.

אין וועלכער שטאָט אין פוילן מען קומט, און אויב דאָרט איז נאָר פאַראַן אַן איבערבלייב פון יידישן זכר, הערט איר, אַז דווקא איבער דער שטאָט איז פאַרביי דער גרעסטער שטורעם, דער שרעקלעכסטער שטורעם.

און עס איז ריכטיק: דער גרעסטער שטורעם איז אַריבער איבער אַלע יידישע קהילות אין פוילן. נאָר יעדן דאַכט זיך, אַז זיין שטאָט האָט געליטן צום ערגסטן.

אָבער איך, וואָס האָב געזען העכער הונדערט חרובע קהילות, ווייס איצט, אַז ס'זענען נישט געווען קיין מער אָדער ווייניקער געליטענע. אַלע זענען חרוב ונחרב געוואָרן. און פאַר יעדער קהילה איז צוגעגרייט געוואָרן די סאַמע אויסגע־טראַכטסטע מיתה משונה. דער אונטערשייד איז בלויז דער, וואָס אין איין שטאָט האָבן זיך די דאָרטיקע פּוילישע אויסוואורפן ווינציקער באַטייליקט און אין אַ צווייטער — מער. ווי איך האָב שוין דערמאָנט זענען פאַראַן שטעט אין פוילן, וווּהין די „זאָנ־דערקאָמאַנדאָ" מיט אירע אוקראַאינישע באַנדיטן זענען געקומען „צו שפּעט"...

קיין טורנע בין איך געקומען שוין נאָך דעם ווי איך האָב געהאַט געזען די שטעטלעך פון לאָמזשער און ביאַליסטאָקער געגנט. איך האָב שוין געהאַט געזען דעם סאַמע דנאָ פון גיהנום: די טרעבלינקער מענטשן־גרובנס. בין איך געשטאַנען ביים דענקמאָל נאָך די פינף־און־צוואַנציק טויזנט טורנעווער קדושים און נישט געפילט מער דאָס לעבן אין זיך.

בלייוויס, אַ טורנעווער געזעלשאַפטלעכער טוער, וואָס האָט איבערגעלעבט דעם חורבן פון זיין קהילה ביזן סאַמע סוף, איז געשטאַנען נעבן מיר און נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס איך ווער נישט צעשמעטערט פון דעם, וואָס ער דערציילט מיר. און גיי זאָג דעם ייד, אַז אין אַ בעכער קען נישט אַריין מער ווי ביזן ראַנד. ער איז נישט פעיק מער אויפצונעמען.

אָבער בלייוויס איז גערעכט: ער האָט איבערגעלעבט דעם חורבן טורנע און געבליבן איז ער לעבן, כדי פאַר דער יידישער געשיכטע צו זיין אַן עדות וואָס

מענטשן־חיות האָבן געמאַכט מיט אַ זעקס הונדערטיעריקער יידישער קהילה. און אויף טורנע איז, לויט אים, אויסגעפאַלן דער שוידערלעכסטער גורל:

דאָ איז פון אָנהויב קיין געטאָ נישט געשאַפן געוואָרן. יידן האָבן כסדר געהאַפט, אַז דער סוף פון שונא איז נאָענט. זיי פלעגן יעדן באַגינען דאַנקען דעם רבונו־של־עולם פאַר דער געשענקטער נאַכט. זיכער פלעגן די דייטשן צאַפּן יידיש בלוט. בלויז אינעם יאָר 1941 נאָכן אויסברוך פון דער דייטש־סאָוויעטישער מלחמה, האָבן זיי דערשאָסן אַכציק יידן, וועלכע זענען פון סאָוויעטישן לעמבערג געהאַט צוריקגעקומען צו זייערע פאַמיליעס. מען האָט זיי דערשאָסן כלומרשט ווי „סאָוויע־טישע שפּיאָנען". אַזעלכע „שפּיאָנען" האָבן די דייטשן דערשאָסן כמעט איבער אַלע שטעטלעך אין פוילן, ווו זיי האָבן נאָר געפונען יידן, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון די רוסישע אָקופּאַציע־געביטן, פון וועלכע מען האָט אָנגעהויבן פאַרשיקן אויף סיביר, ווייל די רוסן האָבן ווידער פון זייער זייט מורא געהאַט, אַז די יידן זענען „דייטשע שפּיאָנען"... אין דעם זעלבן יאָר האָבן די דייטשן פאַרשיקט קיין אַשוויענטשים צוויי הונדערט טורנעווער יידן פאַר סאַבאָטאַזש.

פונדעסטוועגן האָט נאָך טורנע נישט געהאַט פאַרלוירן די האָפענונג. די יידן האָבן געמיינט: די מערדער וועלן אָפּברעכן צווייגן פון שטאַם, אָבער דער שטאַם גופא וועט בלייבן.

פאַרפירט זענען געוואָרן די טורנער יידן אין זייער האָפענונג.

דעם 15־טן יוני 1942 האָבן די דייטשן מיט דער הילף פון מחנות באַוואָפנטע אוקראַינער אַדורכגעפירט אַן „אויסזידלונג" מיט אַ מאַסן־שחיטה. דעם טאָג זענען אומגעקומען צען טויזנט יידן.

מיט דריי חדשים שפּעטער האָבן די בעלזשעצער גיהנום־אויוונס פאַר־שלונגען אַכט טויזנט יידן.

דעם 15־טן נאָוועמבער 1942 האָט טורנע געגעבן די איבעריקע פינף טויזנט קרבנות.

די זעקס הונדערטיעריקע יידישע קהילה האָט אויפגעהערט עקזיסטירן.

געבליבן זענען אין שטאָט דריי הונדערט יידן „אויף צו ליקווידירן דאָס יידישע פאַרמעגן". שפּעטער זענען אויך די דריי הונדערט יידן דערשאָסן געוואָרן אויפן דאָרטיקן בית־עולם. די דייטשע אויפנאַמע פון אָט דער מאַסן־עקזעקוציע געפינט זיך איצט ביי מיר.

דער ערשטער ייד, וואָס איז אָנגעקומען קיין טורנע נאָך דער באַפרייאונג פון פוילן, איז געווען דער דערמאָנטער בלייוויס. ער האָט דאָ אָנגעטראָפן אויף אַזאַ שוידערלעכן חורבן, אַז בלויז דער, וואָס האָט איבערגעלעבט אַלע גיהנום־קאַשמאַרן, האָט געקענט פאַרבלייבן אין זיין היים־שטאָט. און נישט נאָר ער איז פאַרבליבן אין שטאָט, נאָר ער האָט זיך תיכף גענומען אָפּצוראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך פונעם זכר פון אָט דער גרויסער קהילה.

בלייוויס האָט דער ערשטער אין פוילן געוואָגט אויף אייגענער אחריות

אַראָפּצונעמען די מצבות פון די גאַסן און זיי צוריקגעפירט אויפן צעהפקר׳טן יידישן בית־עולם. דאָ אין טורנע איז געשטעלט געוואָרן דער ערשטער דענקמאָל אויף יידישע מאַסן־קברים.

אויפן אָפּגעהאַקטן זייל פון דענקמאָל געפינט זיך אַ קליינע אויפשריפט:

„השמש זרחה ולא בשה״ — די זון האָט געשיינט און זיך נישט געשעמט.

אָרעמע טורנעווער ראָמאַנטיקער. אין זייער הילפלאָזיקייט האָבן זיי געוועגדעט זייערע אויגן צו דער זון, כאָטש קיינער נישט אַזוי ווי בלייוויס האָט געוווסט, אַז נאָך עמעצער האָט זיך נישט געשעמט — די פּאָליאַקן.

בעת די רעשטלעך לעבנגעבליבענע האָבן אָנגעהויבן קומען פון די לאַגערן, האָבן זיך אין שטאָט אָרגאַניזירט פּוילישע מאָרד־באַנדעס. צווישן די ערשטע קרבנות, וועלכע זענען געפאַלן פון פּוילישע הענט, זענען געווען אַ ברודער און אַ שוועסטער מיטן נאָמען ר אָ ט. פון דער צייט פון דער ערשטער „אויסזידלונג״ ביזן אַריינמאַרש פון דער רויטער אַרמיי, האָבן זיי זיך אויסבאַהאַלטן אין די קרעסטינער וועלדער.

פּאָליאַקן האָבן אָנגעהויבן שיקן בריוו צו די צוריקגעקומענע יידן זיי זאָלן באַצאָלן גרויסע סומעס געלט פאַר דערלויבן זיי צו וווינען אין שטאָט. שפּעטער האָט דער געשאַפענער יידישער קאָמיטעט באַקומען אַ בריוו, אַז אויב די יידן וועלן נישט אַוועקלייגן הונדערט טויזנט זלאָטעס אונטער אַן אָנגעצייכנטן שטיין אין שטאָטישן וואַלד — וועט מען אַלע טורנעווער יידן אויסמאָרדן.

און געווען זענען שוין דעמאָלט אין טורנע דריי טויזנט יידן פון טורנע גופא און פון די אַרומיקע שטעטלעך.

דער יידישער קאָמיטעט האָט דעם דראָונגס־בריוו איבערגעגעבן דער אָרטיקער מיליץ. אין דער באַשטימטער צייט איז דער וואַלד באַוואַכט געוואָרן. יידן האָבן אונטער אַ שטיין אַרונטערגעלייגט אַ פּעקל פּאַפּיר. אין דער שעה, וואָס איז געווען אָנגעוויזן אין בריוו, איז געקומען אַ פּוילישע פרוי און אַפּגענומען פון אונטערן שטיין דאָס פּעקל, גלויבנדיק, אַז די יידן האָבן אַוועקגעלייגט די געפאָדערטע הונדערט טויזנט זלאָטעס. די פרוי איז אַרעסטירט געוואָרן, אָבער שפּעטער איז זי באַפרייט געוואָרן אפילו אָן אַ פּראָצעס.

דער פירער פון דער מיליץ איז אין יענער צייט געווען אַ באַקאַנטער אַנטיסעמיטישער אויסוואורף, וואָס די רעשטלעך יידן זענען אים איבעריק געווען אין די אויגן.

נאָך די סיים־וואַלן אין פּוילן האָבן פּאָליאַקן אָפּגעשטעלט יידן אין גאַס און געפרעגט, צי זיי האָבן געשטימט פאַר דער רעגירונג. וועלכער ייד עס האָט געענטפערט — יאָ, איז מערדערלעך צעשלאָגן געוואָרן.

יידן האָבן ווידער געלעבט אין שרעק און אין בהלה. איינציקווייז האָט מען אָנגעהויבן אַנטלויפן פון טורנע. אָבער ווען עס איז אויסגעבראָכן דער קעלצער פּאָגראָם, האָט דאָס אַנטלויפן אָנגענומען אַ פּאַניק־כאַראַקטער.

דאָך דער כוס פון די טורנעווער יידן איז נאָך נישט איבערפולט. צוויי חדשים נאָך דעם קעלצער פּאָגראָם האָבן פּאָליאַקן אויסגעקלעפּט אין שטאָט פּלאַ־קאַטן, מען זאָל נקמה נעמען אין די יידן, ווייל זיי האָבן דערמאָרדעט אַ קריסטלעך קינד. איבער די גאַסן איז אַרומגעלאָפן אַ מטורפע פּרוי און געשריגן, אַז יידן האָבן פאַרכאַפּט איר קינד און עס געשאָכטן אויף מצות. צווישן די יידן איז אויס־געבראָכן אַ בהלה. מען האָט זיך באַהאַלטן אויף בוידעמער און אין קעלערס. מען האָט אָנגעהויבן פּאַקן פּעקלעך אויף צו אַנטלויפן. אָבער דערווייל האָט די מיליץ געפונען דאָס פאַרפאַלן־געוואָרענע קינד. עס האָט זיך געשפּילט אין זאַמד ערגעץ־ווו אויף די חורבות פון געטאָ. די מיליץ האָט די מוטער פון דעם קינד אַרעסטירט. שפּעטער זענען פּאָליאַקן געקומען צו די יידן און געפּאָדערט זיי זאָלן פאַרגעבן די זינד פון דער „אומגליקלעכער מוטער". און די יידן זענען געלאָפן צו דער מיליץ און געפּועלט מען זאָל די פּרוי באַפרייען פון תפיסה...

נאָך די אַלע איבערלעבונגען אין דעם „באַפרייטן" טורנע איז פון די דריי טויזנט צוריקגעקומענע יידן געבליבן אין טורנע נישט מער ווי דריי הונדערט און פופציק „עקשנים". ווו זאָלן זיי גיין? וואָס זאָלן זיי טאָן?

בויען זיי אויפסניי. דריי הונדערט און פופציק יידן בויען אויפסניי א יידישע קהילה. זיי האָבן אַ רב און אַ שוחט. זיי האָבן, ווען דאָס איז נאָך געווען דערלויבט, געשאַפן צווישן זיך פּאַרטייען: אַלגעמיינע ציוניסטן, „בונדיסטן", „פּועלי ציון" רעכטע און לינקע און „שומר הצעיר" און פּ.פּ.ר. (קאָמוניסטן בלע"ז) און אַ פּאַרטיי פון רעליגיעזע יידן — צוזאַמען דריי הונדערט און פופציק נפשות מיט די קינדער און אומפּאַרטייאישע. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי (די יידישע סעקציע) באַשטייט דאָ פון צוויי מיטגלידער, וואָס איינער פון זיי איז אַרײַן אין דער פאַרוואַלטונג פון יידישן ציבור, ווי אַ געוויילטער פון די קאָמוניסטישע „מאַסן", ס'הייסט פון זיין איינציקן פּאַרטיי־חבר...

די יידישע ביבליאָטעק אין טורנע פאַרמאָגט שוין ווידער טויזנט יידישע ביכער און צוויי טויזנט פּוילישע, וואָס מאַכט אויס ניין ביכער אויף יעדן ייד. זיי האָבן אַ לייען־זאַל, אַ ספּאָרט־פאַרבאַנד. דער „בונד", ווען ער איז נאָך געווען, האָט געהאַט אַן אייגענעם כאָר; די „פּועלי־ציון" — אַן אייגענעם דראַמאַטישן קרייז. דער „בונד" האָט זיינער צייט צוריקבאַקומען דאָס „מיכאַלעוויטש־הויז" און איז גע־גאַנגען שאַפן אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַריין און אַן אַרבעטער־קלוב.

— פאַר וועמען? — פרעג איך.

— פאַר די מאַסן — באַקום איך אַן ענטפער.

די עטלעכע קינדערלעך אין דער שול זינגען לידער, אָרדענען־איין גאַסן־„צוגן", ווען זיי גייען לייגן קרענץ ביים דענקמאָל אויפן בית־עולם. דער דראַמאַ־טישער קרייז גרייט צו אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג פאַר די טורנעווער „מאַסן".

גאָט דער איינציקער ווייסט, וואָס פאַראַ עקשנים און ראָמאַנטיקער עס זענען יידן.

כשאַנאָוו, בריגל, אָשפּיצין

דאָס בליד פון קראָקע און טורנע אין דאָס בילד פון אַלע אַרומיקע שטעטלעך. כשאַנאָוו אויף מעריב פון קראָקע און בריגל — אויף מזרח, צווישן טורנע און קראָקע. ווען מען קומט אַריין אין די ביידע שטעט און מען באַקענט זיך מיט זייער געשיכטע, מיט זייער יידיש לעבן און מיט דער געשיכטע פון זייער אומקום איז כמעט ווי מען וואָלט געערדט ווען אַיין שטאָט. נישט מער, אין כשאַנאָוו זענען א סך יידיש געסלעך צעשטערט. דאָ ווי דאָרט האָבן די יידן בעת זייער גאַנצער געשיכטע זיך געראַנגלט פאַר אַ בעסער און שענער לעבן. און נישט נאָר די צוויי שטעט. אויך די שטאָט, וואָס איז טרויעריק מפורסם געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט — אָשוויענטשים, איז געווען אַ צענטער פון פרום יידיש לעבן. אויף יידיש האָט די שטאָט געהייסן אָשפּיצין. די שטאָט ליגט עטלעכע קילאָמעטער דערוויטערט פון פאַרניכטונגס־לאַגער, אַ פערציק קילאָמעטער מערב׳דיק פון קראָקע. בריגל הייסט אויף פויליש בזשעסקאָ און אָשוויענטשים אויף יידיש — אָשפּיצין. זענען זיי לאַנגדורות׳דיקע יידישע קהילות געווען. די יידישע קהילות זענען דאָ אַנטשטאַנען אַן ערך די זעלבע צייט ווי אין טורנע. דאָס וואָס זיי האָבן באַזונדערע יידישע נעמען איז אַן עדות, אַז די שטעט זענען אַלטע און זיי זענען דורך יידן געבויט, פונקט ווי צויזמיר (אויף פויליש סאַנדאָמיעזש) און פונקט ווי קוזמיר (אויף פויליש קאַזשימיעזש). אין בריגל האָבן פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געלעבט פופצן טויזנט יידן. פונקט אַזוי פיל יידן האָבן געלעבט אין אָשפּיצין און אַן ערך אַזוי פיל אין כשאַנאָוו.

און די שטעט האָבן נאָך איצט אַ געוואַלדיקע ענלעכקייט. מיטן פאַרניכטן די יידן זענען די שטעט געוואָרן פאַרלאָזטע וווּלקאַנען. זיי האָבן פאַרלוירן דעם אימפעט זייערן. די באָרד־און פאות־יידן מיט די ווייסע זאָקן און שטריימלעך זענען געווען דאָס בלוט, די גאַסן — די אָדערן און די שטאָט — דער גוף. אָפּגעצאַפּט דאָס בלוט — זענען די שטעט געגליכן צו מתים. דרייען זיך אַרום פאַליאַקן אין די שטעט, פאַרנעמען די געוועלבער, די יידישע מסחרים, זעען זיי אויס ווי שאָטנס, וואָס מען האָט אָפּגעריסן פון דיווירקלעכע געשטאַלטן און זיי, די שאָטנס, פירן אַן אייגענעם כמו מסחר, כמו לעבן.

אין בריגל באַגעגן איך אַ יידישן יונגנמאַן. ער דרייט זיך אַרום נעבן געריכט, ווו ער איז געקומען דערליידיקן ירושה־משפטים. ער איז שטאַרק אויפגערעגט. ער האָט אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ גערודפטן מענטש. איך האָב דערקענט, אַז ער איז אַ ייד. גיי איך צו צו אים און זאָג אים, אַז אויך איך בין אַ ייד. איך וויל ער זאָל מיר וויזן די שטאָט. ענטפערט ער מיר, אַז היינט איז נישטאָ

ערב דער שחיטה — פיין

די דייטשע מאָרד־מאַשין ביי דער ארבעט

(דייטשע אויפנאַמע)



די „אויסגעזידלטע" קינדער אין די וועגעלעך און זייערע עלטערן וואַרטן אויפן טראַנספּאָרט

די ארבעטס־פעאיקע בלייבן דערווייל מיט די פנימער צו דער ערד (דייטשע אויפנאַמע)

שטעטלעך גייען זייער לעצטן וועג.

(דייטשע אויפנאמע)

די „אקציע" מיט די קראנקע ווערט אויסגעזידלט אויך דער שפּיטאָל־פּערסאָנאַל

דער מארש פון די קרבנות נאָך דער „אקציע"
(דייטשע אויפנאמע)

וואָס צו זעען דאָ, אַלץ וואָס איז געווען יידיש און מערקווירדיק איז צעטראָגן געוואָרן אויף זיבן ווינטן. און ער האָסט דאָס געבליבענע צוזאַמען מיט די, וועלכע האָבן געירשנט די יידישע פּראַצע.

דער פֿאָטער זיינער איז געווען איינער פון די גרויסע בריגעלער תבואה־סוחרים. זיין זיידע און זיין עלטער־זיידע — פון דור־דורות תבואה־סוחרים. זיי האָבן געטרייסלט מיט די דערפער, געפירט וואַגאָנען קיין קראָקע, קיין טשענסטאָכאָוו, קיין דאַנציק.

— איר זעט די אַלע הייזער דאָ ארום? אַלץ יידישע הייזער. יידן זענען אויסגעריסן געוואָרן, געפאָרן איבער דערפער און וועלדער, געהאַרעוועט, געבויט, יאָרהונדערטער, האָבן זיי זיך נישט פאַרגונען צו פאַרלעבן דאָס, וואָס זיי האָבן פאַרדינט. אויסגעפּראַצעוועט אַ שטאָט און איצט זענען געקומען פרעמדע און דאָס אַלץ איבערגענומען אָן פּראַצע, אָן צו ווערן אויסגעריסן. מיין פאָטער האָט זיך נישט פאַרגונען מיך צו שיקן אין אַ גימנאַזיע. אַלץ, וואָס איך קען, האָב איך דערוואָרבן דורך לאַנגע יאָרן לייענען אין דער היגער ביבליאָטעק. און איצט האָבן די פּויערים איבערגענומען די יידישע הייזער, די יידישע געשעפטן און יעדער פּויער בילדעט זיינע קינדער. זיי אַלע דאָ אין שטאָט לעבן אויפן חשבון פון דעם, וואָס דורות יידן האָבן אָנגעזאַמלט. ווען איך קוק איצט אויף מיין היים־שטאָט זעט עס מיר אויס, ווי א חלום, אַז דאָ בין איך געבוירן, דאָ בין איך געגאַנגען אין חדר, אַלץ איז מיר איצט אַזוי פרעמד. יעדעס מאָל, ווען איך קום אַהער טרייבט עס מיך פון דאַנען. איך פאַרטראָג נישט די שטאָט, איך קאָן אויף די גאַסן נישט קוקן. ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל געקומען אַהער און געגאַנגען אויפן בית־עולם, האָב איך די קברים פון מיינע נאָענטע נישט געקענט אויסגעפונען. אַלץ איז צעשטערט, די מצבות צעריסן, צעהאַקט אויף שטיקלעך. פון דער שול, פון דער אַלטער בריגעלער שול האָבן זיי א תל געמאַכט. איצט, ווען איר וועט רעדן מיט די פּאָליאַקן וועלן זיי אייך ענטפערן, אַז דאָס האָבן די דייטשן געמאַכט. אָבער איך בין דאָ געווען ביז צום סאַמע סוף, איך בין געווען פון די לעצטע יידן דאָהי און איך ווייס ווער עס האָט דאָס בית־עולם פאַרניכטעט, ווער עס האָט פון דער שול אַ תל געמאַכט. איך קען זיי זייער גוט. די אַלע זענען איצט די באַלעבאַטים פון יידישע געשעפטן און זיי זענען עס די, וועלכע קויפן איצט אָפּ פאַר פּרוטות די יידישע הייזער, אויב נאָר ס'איז געבליבן אַ יורש. איר זעט — זאָגט מיר דער יונגערמאַן — ווען איך בין אַהערגעקומען דאָס ערשטע מאָל בין איך געגאַנגען זעען די דירה, אין וועלכע מיר האָבן געוווינט. האָב איך דאָרט געזען אַלע זאַכן פון מיינע עלטערן. אויף דער וואַנט אין דער קיך זענען געהאָנגען אַפילו די טעפּלעך און די פאַנען, אין וועלכע מיין מאַמע ע"ה פלעגט קאָכן. אויפן אַלמער, וואָס מיין פאָטער האָט אמאָל געקויפט אין קראָקע, זענען געשטאַנען די זעלבע פלאַשן און סלאָיען, אין וועלכע מיין מאַמע פלעגט זומער־צייט צוגרייטן אויפן ווינטער קאָנפיטורן און קאָרשן. מער בין איך שוין אין דער דירה נישט געווען. איך קען נישט מער.

— קענט איר די זאַכן נישט צוריקבאַקומען? — האָב איך געפרעגט.

— צוריקנעמען. ניין. קודם־כל איז עס אַ לאַנגער פּראָצעס, און ווערלכן מען דאַרף אַריינלייגן אַ סך געלט. ווען איך זאָל פאַרקויפן מיין פאָטערס הייזער וועט עס מיר סטאַיען אויף די פּראָצעס־קאָסטן אָפּצונעמען אַן אַלמער. און צווייטנס דער־מאָנען מיר די זאַכן צו פיל איך זאָל זיך פאַרנעמען מיט צוריקבאַקומען זיי.

דער יונגערמאַן איז געגאַנגען מיט מיר איבער דער שטאָט, געוויזן מיר, ווו ס'איז געווען אַ פּאַראיין, אַ ביבליאָטעק, בתי־מדרשים, ער האָט מיך געפירט זעען דעם צעשטערטן בית עולם. און עס חזרט זיך איבער דאָס זעלבע בילד, וואָס איך האָב שוין פריער געזען אין צענדליקער שטעטלעך. פונקט, ווי די פאַרניכטונג וואָלטן דורכגעפירט די זעלבע מענטשן, איין און דער זעלבער סיסטעם.

אין בריגל וווינען איצט צען יידן. צען יידן פון פופצן טויזנט. מען זעט זיי נישט, מען הערט זיי נישט דאָ. אין דער סביבה פון דער אַנומלדיקער גרויסער קהי־לה זענען זיי אויך געווען שטיקער וווּלקאַנען. איצט זענען זיי אַ נישטיקער טייל פון אַ רואיקער, פאַרשלאָפענער שטאָט.

אין כשאַנאָוו וווינען פופציק יידן און אין אָשפּיצין — פופציק. אין קיין איינע פון די דריי געוועזענע פרומע שטעט בויט זיך נישט צוריק קיין יידיש לעבן. פאַרקערט, די יידן ווילן מען זאָל זיי נישט צופיל זעען אין די שטעט, זיי זאָלן זיך נישט אויסטיילן, פאַרשווינדן אין דער סביבה, סיידן עס וועט זיך מאַכן אַ געלעגנ־הייט אַוועקצופאָרן. דעמאָלט וועלן זיי איבערלאָזן די צעשטערטע בית־עלמינס, די חרובע שולן, די טויטלעכע גאַסן און — אַוועק.

ווען כמיעלניצקעס קאָזאַקן האָבן חרוב געמאַכט יידישע קהילות זענען יידן נישט מיד געוואָרן צו בלייבן יידן. אַ מנין יידן האָבן צוריק אויפגעשטעלט אַ קהי־לה. נאָך דעם איצטיקן אומגליק זענען יידן מיד געוואָרן. די שנאה פון די דייטשן, אוקראַאינער און פּאָליאַקן האָט ביי די איצטיקע יידן געשאַפן אַ ביטערן קאָמפּלעקס. צופיל האָט זיך מיט איין מאָל אַרויפגעוואָרפן אויף זייערע אויסגעמאַטערטע פּליי־צעס, זיי זאָלן ווידער קאָנען אויפהייבן זייערע קעפּ מיט נאַציאָנאַלן שטאָלץ. עס קאָן נישט זיין נאַציאָנאַל־שטאָלץ אַ מענטש, וואָס פאַר מאָרדן אים איז מען באַ־לוינט געוואָרן, וואָס זיין פּראַצע האָט מען געקאָנט פריי אויסרויבן. שאַפן איצט נישט די יידן אין בריגל, אין אָשפּיצין און אין כשאַנאָוו קיין קהילות. זיי זענען מיד.

מיט וויפל יידן איך האָב גערעדט אין אָט די שטעטלעך אָריענטירן זיך אַלע אויף עמיגראַציע. וועט זיין אָפן די וועלט — וועלן זיי אַרויספאָרן און בלייבן יידן. וועלן די גרענעצן בלייבן געשלאָסן — דעמאָלט וועלן די יידן פון די קליינע שטעטלעך אַוועק אין גרעסערע צענטערן, ווו דאָס אויסמישן זיך מיט דער פּויליַ־שער סביבה איז פיל לייכטער.

עס איז נישטאָ איצט ביי יידן אין אָט די געוועזענע פרומע שטעט קיין כוח אויפצובלאָזן די פאַרבליבענע פונקן, עס זאָל פון זיי אויפגיין אַזאַ פלאַמיק לעבן, ווי עס איז דאָ געווען סך־הכל מיט געציילטע יאָרן צוריק.

סאָסנאָוויץ, בענדין, קאַטאָוויץ

צווישן די קוילן־שאַכטן, אייזן־גיסערייען און הויכע פאַבריק־קוימענס אין דאָמבראָווער באַסיין האָט זיך געפונען אַ צענדליק רייכע יידישע קהילות. סאָסנאָוויץ איז געווען די גרעסטע פון זיי. אין סאָסנאָוויץ האָבן געלעבט פאַר דער מלחמה אַכט־און־צוואַנציק טויזנט יידן. דאָ, ווי אין בענדין, אין כאַזשעוו, אין קאַטאָוויץ איז דאָס יידישע לעבן געוואַקסן צוזאַמען מיט דער אַנטוויקלונג פון דער שווערער אינדוסטריע אין די שטעט פון אויבערשלעזיען.

אין שכנות פון די גרויסע פאַבריקן איז אויסגעוואַקסן אַ יידישע לייכטע אינדוסטריע, וואָס האָט פּראָדוצירט מלבושים און וועש, זאָקן, שיך, פּאַראַסאָלן און טריקאָטאַזש. אין סאָסנאָוויץ, ווי אין בענדין זענען שטאַרק געווען די יידישע פּאָזיציעס אין דער ווירטשאַפט. יידישע אינדוסטריעלער און פאַבריקאַנטן. יידישע דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, לערער, גייסטיקע אַרבעטער. פּופּציק פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג זענען געווען אַרבעטער און האַנטווערקער.

אין די דאָזיקע שטעט, וואָס צוליב זייער נאָענטקייט צו אייניאַנדער מאַכן זיי אייגנטלעך דעם איינדרוק פון אַ ריזיקן צוואָרפענעם כרך, אין וועלכן עס האָבן געלעבט העכער זעכציק טויזנט יידן — איז דאָס יידישע לעבן געווען נאָך רעשיקער נאָך וווּלקאַנישער, ווי אין אַנדערע יידישע שטעט.

בענדין און סאָסנאָוויץ האָבן דער יידישער ליטעראַטור געגעבן עטלעכע טאַלאַנטפולע שריפטשטעלער און צווישן זיי מאַקס עריק, עסייאיסט און היסטאָריקער פון מערב־אייראָפּעאישן סטיל. עריק איז אומגעקומען אין ראַטן־רוסלאַנד.

ווען איך בין איצט געקומען קיין סאָסנאָוויץ, בענדין און קאַטאָוויץ און מען האָט מיר געוויזן אין וואָס פאַר אַ בנינים עס האָבן זיך געפונען די יידישע געזעלשאַפטלעכע און צדקה־אינסטיטוציעס — האָט זיך קוים געגלויבט, אַז דאָס איז ווען עס איז ווירקלעכקייט געווען. יידישע שולן, שפּיטעלער, קינדערהיימען, קלובן, מושב־זקנים און אַלץ מיט אַזאַ רחבות און פאַרנעם, ווי די יידן וואָלטן זיך דאָ געגרייט אויף אַן אייביקייט. אַפילו די יידישע פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען זענען דאָ געווען באַזאָרגט מיט גוטע לאָקאַלן, מיט ביבליאָטעקן און פאַראייבנען, נישט ערגער פון די פּוילישע. אויב קאַטאָוויץ האָט פאַרמאָגט כמעט בלויז אַ בירגערלעך־ציוניסטישע באַוועגונג, זענען סאָסנאָוויץ און בענדין געווען פעסטונגען פון פּראָלעטאַרישע סאָציאַליסטישע באַוועגונגען מיט אַ גרויסן חלוצישן עלעמענט, וואָס האָט אין די געטאָס געשאַפן און אָנגעפירט די אונטערערדישע באַוועגונג.

דער דאָזיקער יידישער רווישיקער באַסיין איז פּאַקטיש חרוב געוואָרן מיטן מאָמענט, ווען די דייטשע אַרמיי האָט פאַרנומען דאָס פּוילישע אויבערשלעזיע.

קיין סאָסנאָוויץ זענען די דייטשן אַריין דעם פערטן טאָג נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה, דעם 4־טן סעפּטעמבער 1939. אין דעם טאָג האָבן יידן געגעבן די ערשטע בלוט־קרבנות און זיי האָבן שוין מער נישט אויפגעהערט צו געבן קרבנות ביז דעם גאַרן אומקום פון דער סאָסנאָוויצער און בענדינער קהילה.

דעם צווייטן טאָג נאָך זייער אַריינקומען האָבן די דייטשן דורכגעפירט די ערשטע „אַקציע" פון אָפּגאָלן די יידן די קעפּ, כדי מען זאָל זיי דערקענען אין די גאַסן. מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָבן זיי אונטערגעצונדן די שולן אין סאָסנאָוויץ, בענדין און קאַטאָוויץ. די טעגלעכע צעשיסונגען און דאָס טרייבן די יידן איבער די גאַסן האָט באַלד אין די ערשטע טעג מאָראַליש דערשלאָגן די יידן. אין דער בהלה זענען פונדאַנען אַנטלאָפן די יידן, וועלכע זענען געקומען אַהער פון מיעכאָוו, פון וואָלבראָם און פון אָלקוש. אַ גרויסער טייל פון דער יוגנט איז אַנטלאָפן אויף מזרח, צו דעם סאָוויעטישן טייל פון פּוילן. די אויסרויבונג פונעם יידישן פאַרמעגן און דאָס אָנשליסן די געביטן אינעם דייטשן רייך האָבן גענצלעך צוגעצויגן דעם שטריק אויפן האַלז פון די יידישע קהילות.

דאָ האָבן די דייטשן פון אָנהייב קיין געטאָ נישט געשאַפן, אָבער דאָס נישט זיין אין אַ געטאָ האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פינצטערער קללה פון כסדר'דיקע נגישות און באַליידיקונגען. דאָס טרייבן מחנות יידן צו דער סאָוויעטישער גרענעץ, דאָס אַרויסוואַרפן יידישע קינדער פון שולן, די ספּעציעלע ערטער פאַר יידן אין די טראַמווייען, דער פאַרבאָט צו קומען אין עפנטלעכע ערטער, דער פאַרבאָט פאַר יידן צו גיין אין די אָוונטן אין גאַס, די ספּעציעלע שעה'ן, ווען יידן מעגן קומען אין די אַמטן — דאָס אַלץ איז געווען די פּסיכישע צוגרייטונג צום שפּעטערדיקן טאָטאַלן מאָרד פון די יידן אין סאָסנאָוויץ, בענדין, קאַטאָוויץ און אין די אַרומיקע שטעטלעך.

איבער די דערשלאָגענע יידן איז באַשטימט געוואָרן צו קיניגן דעם טרויעריק־באַרימטן מאָניעק מערין. מיט זיינע הענט האָבן די דייטשן אָנגעהויבן פאַרניכטן די יידן. ער איז געווען דער, וואָס האָט די דייטשן צוגעשטעלט „סעלעקטירטע טראַנספּאָרטן" פון יידן קיין אָשוויענטשים. צום ערשט די אַרעמסטע, די אַרבעטלאָזע, שפּעטער יתומים, אַלמנות, קראַנקע פון שפּיטאָל, יידן פון אַנדערע קהילות. דער גערמאַנישער מולך האָט געפאָדערט מער און מער קרבנות און מערין האָט געליפערט צו טויזנט, צו צוויי טויזנט, צען טויזנט פון סאָסנאָוויץ, פון בענדין, פון כאַזשווו און פון קאַטאָוויץ. די אויוונס אין אָשוויענטשים האָבן ברייט צעעפנט די טירן פאַר די יידן און מאָניעק מערין האָט געליפערט פולע צוגן.

ווען אויף דער פאַרשטאָט פון סאָסנאָוויץ, אין שראָדולאַ, זענען געשאַפן געוואָרן צוויי געטאָס פאַר די יידן פון סאָסנאָוויץ און בענדין האָבן שוין יידן געוווסט, אַז דאָס קלייבט מען זיי בלויז צונויף, כדי עס זאָל לייכטער זיין פון די דאָזיקע געטאָס צונויפצושטעלן טראַנספּאָרטן קיין אָשוויענטשים.

פון דער אונטערערדישער באַוועגונג פון די דריי ציוניסטישע גרופן: „השו־

מר־הצעיר", „הנוער הציוני" און „גורדוניה" איז מערין פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. די יידישע קויל האָט אים נישט דערגרייכט. שפּעטער, ווען ער האָט שוין געהאַט כמעט אויסגעליידיקט די געטאָס האָבן אים די דייטשן אָפּגעדאַנקט פאַר זיינע „לייסטונגען" מיט פאַרשיקן קיין אָשוויענטשים, אַהין, ווו ער האָט די גער־מאַנישע רוצחים מיטגעהאָלפן אויסליפערן די יידישע קהילות פון דאָמבראָווער באַסיין.

אכט „אויסזידלונגען" זענען די סאָסנאָוויצער געטאָס אויסגעשטאַנען. מאַנ־כע האָבן אַכט מאָל איבערגעלעבט דעם טויט ביז דער ווירקלעכער איז געקו־מען. די אַכט „אויסזידלונגען" האָבן געדויערט כמעט צוויי יאָר, פונעם 12־טן מאַי 1942 ביז דעם 13־טן יאַנואַר 1944.

אין דער ערשטער „אויסזידלונג" ווערן יידן אַריינגענאַרט דורך ספּעציעלע אויפפאָדערונגען, געשיקטע דורך דער יידישער קהילה. די אונטערערדישע באַוועג־גונג וואָרנט די גערופענע נישט צו שטעלן זיך אויף די באַשטימטע פונקטן. אַ טייל יידן שטעלט זיך נישט. דער טראַנספּאָרט ווערט קאָמפּלעטירט מיט אַנדערע יידן ביי דער הילף פון מאָניעק מערין.

די צווייטע „אויסזידלונג", אין יוני חודש 1942, איז שוין מער נישט קיין באַהאַלטענע. מען זאָגט שוין נישט, אַז די „אויסגעזידלטע" פאָרן אויף אַרבעט. די קרבנות זענען דאָס גאַנצע אָרעמקייט און די שפּיטאָל־קראַנקע. די קראַנקע ווערן אַרויסגענומען פון די בעטן און אויסגעלייגט אויף פּלאַטפאָרמעס. מיט דעם „טראַנ־ספּאָרט" ווערן אויך מיטגענומען אַכציק קינדערלעך פונעם יתומים־הויז — די יינגסטע עופעלעך ביז 5 יאָר. צוזאַמען 2000 נפשות.

איצט האָבן שוין יידן אָנגעהויבן גלויבן, אַז די קלאַנגען וועגן אָשוויענטשי־מער גאַז־קאַמערן זענען ריכטיקע. אָבער די דייטשע טעכניק פון איינשלעפערן די אויפמערקזאַמקייט פון אירע קרבנות האָט טויזנטער מיטל, און עס געלונגט די דייטשן צונויפצורופן דעם 12־טן אויגוסט 1942 — 26000 יידן, וואָס אַ דריטל פון זיי גייען אַוועק קיין אָשוויענטשים אין די שרעקלעכסטע מאָראַלישע און פיזישע ליידן. אויך דאָס מאָל האָט די אונטערערדישע באַוועגונג געוואָרנט די יידן נישט צו שטעלן זיך. אָבער די מאַסע האָט נישט געגלויבט.

די אונטערערדישע באַוועגונג איז באַשטאַנען פון יוגנט פון ציוניסטישע גרופּן, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז דער איינציקער וועג, וואָס פירט צו רעטונג, אויב עס איז איבערהויפּט פאַראַן אַ רעטונג, איז — קאַמף. נאָך דעם ווי מרדכי אַניעלעוויטש, דער קאָמענדאַנט פונעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד באַ־זוכט סאָסנאָוויץ — באַקומט די סאָסנאָוויצער אונטערערדישע באַוועגונג בייעם שווונג. זי שטעלט זיך אין קאָנטאַקט מיט די אונטערערדישע באַוועגונגען אין וואַרשע, בענדין און אַנדערע אַרומיקע שטעט. זי אַפּעלירט צו די יידן, זי אַפּעלירט צו די פּאָליאַקן. אָבער איר טעטיקייט איז באַשוועכט. זי האָט קעגן זיך דעם יידנ־ראַטלער מאָניעק מערין, וואָס זיין שטאַב פון פּראָוואָקאַטאָרן און אַגענטן פאַרפּאָלגן

די אונטערערדישע באַוועגונג. ווען אין 1942 יאָר ווערן די יידן איינגעקלעמט אין געטאָ — ווערט די טעטיקייט פון דער אונטערערדישער באַוועגונג נאָך שווערער. אָבער די יוגנט שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר קיין שום געפאַר. זי דרוקט אויפרופן נישט בלויז צו דער יידישער באַפעלקערונג, נאָר אַפילו צו די דייטשע פראָנט־זעלנער און די אויפרופן ווערן אַריינגעלייגט אין די שיך, וואָס זענען באַשטימט געשיקט צו ווערן פאַר די דייטשע אַרמייען אויפן פראָנט.

די בעסטע זין פון דער באַוועגונג פאַלן אַריין אין די הענט פון געסטאַפּאָ און קומען אום. דער העלדישער צבי דונסקי, וואָס האָט געזאָלט צוזאַמען מיט נאָך צוויי זיינע חברים אויספירן אַן אַטענטאַט אויף מאַניעק מערין, ווערט דערשאָסן נאָך שרעקלעכע פייניקונגען. ער קומט אום אין קאַטאָוויץ, ליפּאַ מינץ, ווערט גע־פאַנגען און אומגעבראַכט אין אָשוויענטשים. עס קומט אום די העלדישע העלאַ שאַנצער.

עס איז נישטאָ קיין רעטונג פאַר די יידן פון סאָסנאָוויץ און בענדין. שוואַך און מאַכטלאָז איז די אונטערערדישע באַוועגונג קעגן דער שרעקלעכער דייטשער מאָרד־מאַשין.

פון די געטאָס ווערן אַרויסגעריסן לעבעדיקע שטיקער און מיט זיי גייט־מיט אַ טייל פון דער אונטערערדישער באַוועגונג, בעת אנדערע ווערן פאַרפייניקט אין די אַרבעטס־לאַגערן און קאָנצענטראַציע־לאַגערן פון דייטשלאַנד.

די קרעמאַטאָריעס פון בירקענאַו האָבן פאַרשלונגען דריי־און־צוואַנציק טויזנט יידן פון די סאָסנאָוויצער און בענדינער געטאָס.

איז דער דאָמבראָווער באַסיין כמעט אויסגעליידיקט פון יידן. אין גאַנץ איבערשלעזיע לעבן איצט זיבן טויזנט יידן און פון די זיבן טויזנט איז בלויז אַ קליינער טייל פון די אָרטיקע געוועזענע קהילות. די ווייט־גרעסטע מערהייט זע־נען יידן פון גאַנץ פוילן, וועלכע האָבן זיך דאָ פאַרהאַלטן, ווען די רעפּאַטריאַציע־צוגן פון רוסלאַנד האָבן געפירט יידן צו באַזעצן נידערשלעזיע.

פון די אַכט־און־צוואַנציק טויזנט סאָסנאָווצער יידן זענען געבליבן בלויז דריי הונדערט און פופציק. בכלל לעבן איצט אין סאָסנאָוויץ אַכט הונדערט יידן.

פון דער גרויסער בענדינער יידישער קהילה זענען געבליבן בלויז הונדערט און פופציק.

אין קאַטאָוויץ האָבן פאַר דער מלחמה געלעבט צוועלף טויזנט יידן. פון זיי זענען בלויז איינצלנע געבליבן. די איצטיקע טויזנט פינף הונדערט „קאַטאָוויצער" יידן זענען כמעט אַלע צוגערייזטע, געקומענע פון רוסלאַנד. איר וועט דאָ געפינען רעשטלעך פון ווילנע און פון בריסק, פון לעמבערג און פינסק, פון אַלע עקן פון פאַר־מלחמה'דיקן פוילן.

פון דעם צענדליק טויזנט כאַזשאָווער יידן זענען געבליבן עפּעס מער פון צוויי הונדערט.

אָבער ווער עס האָט געקענט דאָס יידישע לעבן אין דעם ראַיאָן פאַר דער

מלחמה וועט נישט דערקענען אין די שטעט, אַז עס פעלן די זעכציק טויזנט יידן. ער וועט זיך אָנשטויסן אויף דעם גרויסן חורבן ערשט דעמאָלט, ווען ער וועט רעדן מיט אָרטיקע יידן און זעען דעם חורבן פון די יידישע הייליקטימער. אומעטום זענען די שולן פאַרברענט, די בית־עולמס — פאַרניכטעט. די געזעלשאַפטלעכע הייזער, די קינדער־הייזער, די קהילה׳שע הייזער, מושבי־זקנים — אַלץ איז באַזעצט דורך פרעמדע אינסטיטוציעס און די איצטיקע יידישע אינסטיטוציעס דרענגען זיך אויף בוידעם־שטיבלעך, אין אלקערלעך, אונטער דעכער. אין סאָסנאָוויץ געפינט זיך דער אָרטיקער יידישער קאָמיטעט צוזאַמען מיט אַלע אינסטיטוציעס אין אַ דירה, וואָס דערמאָנט אין א הקדש איידער אין א געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע. די ריזיקע פיר־שטאָקיקע געביידע פון דער יידישער קהילה אין קאַטאָוויץ איז באַזעצט דורך אַ פּוילישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי־צייטונג און די יידישע אינסטיטוציעס זענען צונויפגעקוועטשט אין שטיפמאַמישע צימערלעך.

ווען איר וועט רעדן מיט יידן אין די יידישע אינסטיטוציעס, וועלן זיי אייך אָנווייזן אויף איבערשלעזיען, ווי אויף א גרויסן יידישן צענטער, מיט שולן, מיט ביבליאָטעקן, קאָאָפּעראַטיוון, מיט פאַך־שולן און מיט גרויסע נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס. אָבער, ווען מען הייבט זיך אָן צוקוקן צו דער ווירקלעכקייט, זעט מען, אז די צאָלן זענען פּוסטע כלים. אין אַלע שטעט און שטעטלעך אין איבערשלעזיע זענען פאַראַן שולן און קינדערהיימען און אינטערנאַטן, אָבער קיין קינדער זענען נישטאָ. אין דער קאַטאָוויצער יידישער שול לערענען זיך ניין קינדער אין צוויי קלאַסן מיט דריי לערער. אין דער כאָזשאָווער יידישער שול לערענען זיך צוויי־און־פערציק קינדער מיט זעקס לערער.

פון די זיבן טויזנט יידן זענען בלויז דריי טויזנט אַריינגעצויגן אין דער אַזוי־גערופענער פּראָדוקטיוויזאַציע. אין זיבעצן קאָאָפּעראַטיוון אַרבעטן 254 יידן, אין מלוכה׳שע אַמטן זענען באַשעפטיקט — 212, פּריוואַטע אַרבעטער — 770, אין דער קוילן־אינדוסטרי — 92. דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער אַפּאַראַט ביי יידן אין ביי־דערשלעזיען איז פון אַזאַ מין, אַז ער האָט נישט וועמען צו באַדינען. עס איז פּונקט, ווי מען וואָלט צוגעגרייט אויף אַ גרויסע חתונה — רייכע טישן, קלעזמאָרים, א בדחן, נאָר קיין חתן־כלה איז נישטאָ און קיין מחותנים זענען נישטאָ און קיין געסט זענען נישטאָ.

די מערהייט פון די יידן, וואָס וווינען איצט אין איבערשלעזיען האָבן דאָ נישט קיין צוקונפט.

דער אימפּעט מיט וועלכע עס אנטוויקלט זיך דאָס פּוילישע לעבן אין איבערשלעזיען, דער פונאנדערוווקס פון דער גרויס־אינדוסטרי וועט פאַרגיסן די רעשט־לעך פון די מידע יידן, וואָס האָבן איצט נישט קיין גרויסע אמונה אינעם קיום פון אַ יידישן ישוב אין פּוילן.

איבער די פאַרניכטונגס־לאַגערן

אויף דער פוילישער ערד האָבן די דייטשן געשאַפן אַ נעץ פון פארשיידנערליי לאַגערן, וואָס זייער צאָל איז איבערגעשטיגן אַכט הונדערט. די לאַגערן טיילן זיך אויף דריי גרופן: פאַרניכטונגס־לאַגערן, קאָנצענטראַציע־לאַגערן און אַרבעטס־לאַגערן. די פוילישע קוועלן גיבן אָן די צאָל פון אַלע לאַגערן אין פוילן בלויז אויף פיר הונדערט און פינף־און־דרייסיק.

טראַווניק, איינער פון די שוידערלעכסטע לאַגערן, ווו עס זענען אומגעקומען פיל טויזנטער יידן, פון דאַנען האָט מען אויך אַרויסגעגנבעט ד״ר עמנואל רינגעל־בלום — דער לאַגער ווערט אין דער אָפיציעלער רשימה נישט דערמאָנט. עס ווערט אויך נישט דערמאָנט דער לאַגער אין מאָרדי נעבן שעדלעץ, ווו עס זענען אומגעקר־מען טויזנטער יידן. פון 435 לאַגערן, ווערט געזאָגט אינעם אָפיציעלן ביולעטין, זענען בלויז 129 געווען באַשטימט פאַר יידן און די רעשט ווערן אָנגערופן סתם־לאַגערן. אין דער דאָזיקער רשימה ווערט לגמרי פאַרשוויגן, אַז, למשל, פלאַשאָוו נעבן קראָקע, איז געווען אַ יידישער לאַגער און ער ווערט אָנגערופן „שטראָף־לאַגער", נישט אָנגעבנדיק בכלל פאַר וועמען ער איז געווען באַשטימט.

ביי אַזאַ צושטאַנד באַקומט זיך אַ פאַלש בילד פון דעם, וואָס איז געווען אין דער ווירקלעכקייט. די איבערלעבונגען פון יידן אין פוילן אין די יאָרן פון זייער פאַרניכטונג פאַרלירן אַ טייל פון זייער געאָגראַפישן יסוד.

ווי האָט אויסגעזען דער אמת?

פאַרניכטונגס־לאַגערן זענען אין פוילן געווען פיר און אַלע פיר זענען געווען באַשטימט אויסשליסלעך אויף צו פאַרניכטן יידן. אויסער פאַר יידן זענען אין פוילן נישט געווען קיין פאַרניכטונגס־לאַגערן פאַר אַנדערע פעלקער. די פיר פאַרניכ־טונגס־לאַגערן זענען: טרעבלינקע, כעלמנאָ, סאָביבאָר און בעלזשעץ.

אַשוויענטשים צוזאַמען מיט זיינע אַלע אָפטיילונגען און מיידאַנעק זענען געווען קאָנצענטראַציע־לאַגערן פאַר אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן און פאַרניכטונגס־לאַגערן — פאַר יידן. די איינציקע, וועלכע מ׳האָט געפירט פון די וואַגאָנעס דירעקט צו די גאַז־קאַמערן זענען אויסער יידן געווען — ציגיינער. דאָס הייסט אָבער נישט, אַז פאָליאַקן אָדער רוסן זענען נישט אומגעקומען. אָבער אַלע, אויסער יידן, זענען אומגעקומען ערשט נאָך דעם ווי זיי זענען אויסגעפייניקט געוואָרן דורך שווערער אַרבעט און שלעכטער דערנערונג. נישט־יידן האָבן געהאַט שאַנסן איבערצולעבן די לאַגערן. יידן זענען פון פאַראויס פאַרמשפט געוואָרן צום טויט.

אַ פוילישער פראָגרעסיווער אינטעליגענט, למשל, וואָס מ׳האָט פאַרשפאַרט אין אַשוויענטשים, האָט געקענט איבערלעבן די יאָרן פון קאָנצענטראַציע־לאַגער,

אויב למשל, עמעצער אויף דער פריי האָט אים צוגעשיקט שפייז־פעקלעך. ד״ר יצחק שיפער איז געווען פון פאַראויס פאַרמשפּט צום טויט אין מיידאַנעק. דאָס זעלבע אויך ד״ר רינגעלבלום, ווי נאָר ער האָט זיך אַריינבאַקומען אין די הענט פון די דייטשן.

אויך די פשוטע לאַגערן זענען פאַר יידן געווען פאַרניכטונגס־לאַגערן, בעת פאַר נישט־יידן זענען זיי געווען אַרבעטס־לאַגערן מיט גרויסע שאַנסן צו בלייבן לעבן.

דעריבער טאַקע האָט מען אין פוילן פולשטענדיק צעשטערט די פאַרניכטונגס־לאַגערן און איבערגעלאָזט לזכר בלויז די, וועלכע זענען פאַרבונדן מיט ליידן פון נישט־יידן...

טרעבלינקע

צווישן מאַלקין און קאָסאָוו אויף דער באַן־ליניע מאַלקין—שעדלעץ, ליגט אַ קליין דערפל מיטן נאָמען טרעבלינקע. די דאָזיקע קליינע באַן־סטאַציע איז דער אַדרעס צו אַ קברים־לאַגער פון אַ מיליאָן יידן.

אַהער בין איך אָנגעקומען צוויי אַזייגער ביינאַכט מיטן צוג, וואָס גייט קיין סאָקאָלאָוו. אין אַ קליינעם צימער, באַלויכטן מיט אַ נאַפט־לאָמפּ נעמט מיך אויף דער אָנפירער פון דער סטאַציע. איך שטעל זיך פאָר פאַר אים, אַז איך בין אַן ענגלישער זשורנאַליסט, וואָס איז געקומען זעען טרעבלינקע און בעט אים ער זאָל מיר דער־לויבן וואַרטן אין דעם צימער ביז עס וועט ווערן טאָג. ער שטעלט זיך פאָר מיר פאָר: פאָלטאַבאַקאָ פראַנציסעק.

במשך פון די עטלעכע שעה, וואָס איך בין געזעסן אויף דער סטאַציע, האָט מיר פאָלטאַבאַקאָ דערציילט די אויספירלעכע געשיכטע פון דעם לאַגער טרעבלינקע. ער קען אַלע פּרטים גענוי. אין די צייטן, ווען דער לאַגער האָט פונקציאָנירט, איז ער געווען באַן־וועקסלער צווישן דער סטאַציע און דעם לאַגער. די טראַנספּאָרטן פלעגן אָנקומען אין צוגן, וואָס זענען באַשטאַנען פון זעכציק וואַגאָנען. אינעם לאַגער גופא פלעגט מען אַריינפירן בלויז צו צוואַנציק וואַגאָנען און ער, דער איצטי־קער נאַטשעלניק פון דער סטאַציע, פלעגט די טראַנספּאָרטן טיילן אויף דריי און זיי באַגלייטן צום לאַגער. —

די מערהייט צוגן זענען באַשטאַנען פון געשלאָסענע לאַסט־וואַגאָנען. דאָס זענען געווען צוגן פון קרבנות פון פּוילישע יידן. זיי האָבן געוווסט וווהין מען פירט זיי. זיי האָבן געוווסט, אַז דאָס איז די לעצטע סטאַציע אין זייער לעבן.

איין איינציק געשריי האָט זיך געטראָגן פון אַט די וואַגאָנען: וואַסער, וואַסער. יעדער צוג איז אַרויפגעפאָרן אויף דער סטאַציע מיט דעם זעלבן רוף נאָך וואַסער. עס פלעגן אָבער אויך אָנקומען אינטערנאַציאָנאַלע עקספּרעסן מיט יידן פון פראַנקרייך, פון דייטשלאַנד אָדער גריכנלאַנד. זיי זענען געפאָרן ווי פאַרמעגלעכע טוריסטן, מיט לעדערנע רייזע־טאַשן, אין רייזע־מלבושים. ווען די באַן פלעגט זיך שטעלן אויף דער סטאַציע זענען די רייזנדע אַרויס פון די וואַגאָנען און זיך געקענט פריי באַוועגן אויפן באַן־פּעראָן. די ס.ס.־באַגלייטונג איז געווען העפלעך. די ס.ס.־לייט זענען נאָך געווען העפלעך און געעצה'ט די יידן נישט נאָכצופרעגן זיך אויף וואַסער, ווייל אויף דער סטאַציע איז דאָס וואַסער נישט צום טרינקען און אויסער דעם וועלן זיי באַלד אָנקומען אויף אַ צווייטער סטאַציע, וווּ זיי וועלן אַלץ באַקומען. דערווייל האָט פאָלטאַבאַקאָ, וואָס זיצט אַנטקעגן מיר און קוקט מיר גלייך אין די אויגן, אָפּגעטשעפּעט צוואַנציק וואַגאָנען און זיי באַגלייט

צום לאַגער. ווען פּאַלטאַבאַקאַ איז געקומען צוריק אויף דער סטאַציע האָבן די יידן פון די געבליבענע וואַגאָנען נאָך אַלץ געגלויבט, אַז זיי פאָרן אויף מזרח, בעת יענע, וועלכע ער האָט געהאַט באַגלייט צום לאַגער זענען שוין געטריבן געוואָרן אין די גאַז־קאַמערן.

אָפּטמאָל פלעגט געשען, אַז פויערים האָבן זיך צובאַקומען צום צוג מיט פלעשער וואַסער און פאַרגעלייגט די „רייזנדע" יידן זיי זאָלן זיי, די פויערים, אוועקגעבן דאָס געלט און ווערטזאַכן, ווייל סיי־ווי פירט מען זיי צום טויט. אָבער די יידן האָבן נישט געגלויבט. זיי האָבן געמיינט, אַז דאָס וויל מען זיי בלויז אָפּנאַרן. זיי האָבן אַ בפירושן צוזאָג פון הויכע דייטשע אַמטן, אַז זיי פאָרן אויף מזרח. זיי האָבן אפילו באַקומען אויף דעם אַמטלעכע בריוו.

מיט עטלעכע צוגן פון מערב־אייראָפּע זענען אפילו מיטגעגאַנגען וואַגאָנען מיט מעבל און שטוב־זאַכן. די פּאַסאַזשירן האָבן באַקומען אַ דערלויבעניש פון דער דייטשער מאַכט מיטצונעמען מיט זיך אויף די איבערזידלונג־ערטער זייער מעבל. אַזעלכע וואַגאָנען זענען צום לאַגער נישט דערגאַנגען. אויף דער סטאַציע טרעבלינקאַ האָט מען זיי אָפּגעטשעפּעט פון צוג און אַוועקגעפירט קיין מאַלקין.

פּאַלטאַבאַקאַ האָט מיר אַלץ דערציילט מיט פּרטים, געלאַסן, אָבער מיט אַן אינערלעכער אויפרעגונג, ווי ער וואָלט זיך מתוודה געווען פאַר מיר. עס איז, האָט ער געזאָגט, געווען אַן אימה׳דיק בילד, ווי טאָג־איין טאָג־אויס פלעגן אָנקומען צוגן מיט לעבעדיקע מענטשן, מיט קינדער און זקנים, מיט פרויען און מענער און די וואַגאָנען פלעגן צוריקגיין ליידיקע. מיט יעדן צוג פלעגט מען ברענגען ביז צוועלף טויזנט מענטשן און עס איז געווען אויסטערליש שרעקלעך ווען אָט די מענטשן פלעגן ערגעץ־ווו פאַרשלינגען ווערן, ווי אין אַן אונטערערדישן תהום. מען האָט פון אָנהויב נישט געוווסט, וואָס מען טוט מיט אָט די מענטשן, ווו ווערן זיי פאַרפאַלן. און אַזעלכע צוגן פלעגן אַמאָל אָנקומען דריי במשך פון איין טאָג. פיל הונדערטער טויזנטער יידן זענען אַזוי אַרום נעלם געוואָרן אין לאַגער. ביז מען האָט זיך דערוווסט, וואָס דאָרט געשעט מיט די יידן.

אין לאַגער זענען געווען הונדערט און פופציק אוקראַינער און פופציק דייטשן. די אוקראַינער פלעגן קומען אין דאָרף אַריין אויף שכורן און אויף אַוואַנטורעס. די אוקראַינער האָבן געהאַט פולע טאַשן מיט גאָלד און געלט. די אוקראַינער האָבן דעמאָראַליזירט די דאָרפישע מיידלעך מיט טייערע מתנות. איין מאָל האָט אַ שכורער אוקראַינער דערציילט וואָס מען טוט מיט די יידן אין לאַגער. דעמאָלט ערשט איז געוואָרן פאַרשטענדלעך ווו עס קומען אַהין די טויזנטער וואַגאָנען מיט יידן.

אינעם דאָרף האָט מען אָנגעהויבן דערציילן וועגן די גרויסע רייכטימער, וואָס געפינען זיך אין לאַגער. צענדליקער צוגן מיט מלבושים און שיך און מענטשלעכע האָר פלעגט מען אַרויספירן פון לאַגער און זיי לאָזן אין דער ריכטונג צו אָסטראָלענקאַ. געוויסע וואַגאָנען פון אָט די צוגן פלעגן זיין ספּעציעל באַוואַכט

מיט מאַשין־געווער. די אוקראַינער האָבן שפּעטער דערציילט, אז אין די באַוואַכטע וואַגאָנען פירט מען געלט און צירונג פון די יידן.

פון פרילינג ביז האַרבסט 1943, אַ האַלב יאָר, האָט זיך איבערן לאַגער טאָג און נאַכט אויסגעשפּרייט אַ שריפה. ביי טאָג איז דער הימל געווען פאַררויכערט, ביינאַכט האָט מען די פלאַמען געזעען אויף פיל מייל אַרום. דאָס האָט מען געברענט אַ מיליאָן מתים. דער ריח פון ברענענדיקע לייבער איז כסדר געהאַנגען אין דער לופט.

איינמאָל, דאָס איז געווען אין אָנהויב אויגוסט 1943, האָט זיך געדאַכט, אז ס'האָט זיך אָנגעצונדן דער וואַלד. דאָס האָבן די יידן געמאַכט אַן אויפשטאַנד, אונטערגעצונדן די באַראַקן, דערהרגעט די אוקראַינער מיט העק און לאָפּאַטעס און אַנטלאָפן. לאַנגע שעה'ן האָט געדויערט די שיסעריי. די דייטשן און אוקראַינער זענען אַרומגעלאָפן אין די שכנותדיקע דערפער זוכן אַנטלאָפענע יידן. פון דעמאָלט־אָן האָט דער לאַגער אויפגעהערט צו עקזיסטירן. ווינטערצייט 1943 האָבן די דייטשן דאָ געשאַפן אַן אוקראַאינישע קאָלאָניע, וואָס האָט עקזיסטירט ביז טרעבלינקע איז פאַרנומען געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי.

באַגינען האָט מיך דער סטאַציע־נאַטשעלניק אָוועקגעפירט צום דאָרף־סאָלטיס און מיך פאַרגעשטעלט אין מיין גאַנצער ענגלישער חשיבות. ביים סאָלטיס האָב איך געדונגען זיין פערד־און־וואָגן און מיר האָבן זיך געלאָזט צום לאַגער.

אויפן וועג זענען מיר פאַרבייגעפאָרן אַ דאָרף מיטן נאָמען פּאָניאַטאָוו. אַלע כאַטעס אינעם דאָרף זענען נייע. איך פרעג דעם פויער צי דאָס איז אַ ניי דאָרף. ענטפערט ער מיר, אַז בלויז די כאַטעס זענען ניי. בעת די קאַמפן צווישן די רוסן און די דייטשן זענען אַלע אַרומיקע דערפער אָפּגעברענט געוואָרן. זיי האָבן זיך אויפגעבויט אדאַנק דעם לאַגער אין טרעבלינקע. ווען די רוסן זענען אַריין און די אוקראַינער זענען אַנטלאָפן פון דער קאָלאָניע, האָבן זיך מחנות פויערים געלאָזט צו דעם געוועזענעם לאַגער און אָנגעהויבן צו גראָבן די ערד. אוצרות האָט מען געפונען אין די בערג מיט אַש. אין די טיפע גריבער צווישן די מתים, צווישן די זאַמדן אויפן פעלד און אין מענטשלעכער צואה האָט מען געפונען פאַר־ברענטע בריליאַנטן, גאָלד און פאַרשידענע גאָלדענע חפצים. אפילו פון גאַנץ ווייטע דערפער איז מען אַהערגעקומען זוכן און ס'האָט געסטאַיעט פאַר אַלע...

פונעם שאָסיי, וואָס גייט פאַראַלעל צו דער באַן־ליניע מאַלקין—שעדלעץ, אויפן פערטן קילאָמעטער פון דער באַן־סטאַציע טרעבלינקאַ, צווייגט זיך אָפּ אַ וועג אין אַ יינג סאָסנע־וועלדל. דער וועג פאַלט־אַריבער די באַן־ליניע און אויף עטלעכע צענדליק מעטער איז ער אָנגעשיט מיט קוילן־שטויב. ווייטער אין וואַלד אַריין, ביז צום נאַקעטן פעלד, איז דער וועג ברוקירט מיט פעלד־שטיינער. דאָס איז דער וועג צום לאַגער. דער אָפּצווייג פון דער באַן־ליניע קומט זיך צונויף מיטן וועג ביי דער סאָמע מזרח־מערב'דיקער גרענעץ פונעם לאַגער.

בעת מען קומט אויפן געביט פון לאַגער איז גאָרנישט צו באַמערקן וואָס דאָ

איז געווען. עס וואַלגערן זיך בלויז אַרום איבערבלייבעכצן פון בערשטלעך, טעפּ און מעטאַלענע טעלערס. פון דער ערד, פון צווישן גראָז, קוקן־אַרויס די רויטלעכע ציגל פון די פונדאַמענטן, וואָס זענען געבליבן פון די געוועזענע באַראַקן. פון צפון זייט טוט אַ בלאָז אַ ווינט און מען דערפילט דעם עיפּוש פון פוילנדיקע לייבער.

— פון דאָרט, פון אויבן קומט דער עיפּוש — זאָגט צו מיר דער סאָלטיס.

אויבן, העכער, אויף דעם זאַמד־פלאַך אַנטפּלעקט זיך פאַר אייך אַ בילד, וואָס איז שווער צו שילדערן מיט ווערטער. ס׳איז גאָר נישטאָ אין דער מענטשלעכער שפּראַך אַ מעגלעכקייט אויסצודריקן, וואָס די אויגן זעען: שטיקער ערד זענען באַוואַקסן מיט מענטשלעכע האָר, קעמפּעס שאַטינע, בלאָנדע, שוואַרצע און פאַרבלאָזע האָר שטעקן אַרויס פון דער ערד. רעכטס — איז דאָס פעלד גראָ פון אַש און פון ברעקלעך מענטשלעכע ביינער. פון אָט דער ערד שטעקן אַרויס באַן־שינעס — דאָס זענען געווען די רושטן, אויף וועלכע מ׳האָט געברענט די פאַרגאַזעוועטע מענטשן. נידעריקער אַביסל האָט זיך אין דער דורכגעפּעטסטער ערד פאַרהאַלטן אַביסל רעגן־וואַסער און אויף דער אויבערפלאַך פונעם וואַסער האַלטן זיך פעטע פלעקן פון מענטשלעכן פעטס. נעענטער צו דער מזרח־גרענעץ פון לאַגער — אַ ים פון מענטשלעכע ביינער און שאַרבנס, ענדגלידער און ריפּן, טויזנטער, צענדליקער טויזנטער, דו טרעטסט איבער מענטשלעכע ביינער. העכער, אויף צפון, דאָרט ווו עס זענען באַגראָבן געוואָרן די פאַרגאַזעוועטע גופים אַנטדעק איך אַ גרוב אויף אַ טיפקייט פון צוואַנציק מעטער. ס׳איז נישט קיין גרוב, ס׳איז אַ תהום, אַ תהום אויסגעפילט מיט קעפּ און שטיקער גופים. איך לאָז זיך אַראָפּ אין דעם תהום: טויזנטער אויגן־לעכער קוקן אויף מיר, הענט שטאַרצן־אַרויס פון דער ערד ווי זיי וואָלטן געבעטן רחמים, ווי זיי וואָלטן זיך געריסן צו די הימלען. די הענט־ביינער זענען נאָך באַדעקט מיט שטיקער פון פאַרגעלבטע לייב־געוועבן, די קעפּ זענען נאָך אויסגעפילט מיט דער מאַרך־מאַסע. אויף די גלידער זעסטו נאָך שטיקלעך פון וועש; שטיקלעך פון וועש נאָך מיט די פעדעמנע קנעפּלעך. קנוילן האָר וואַלגערן זיך צווישן די קעפּ. און קליינע קעפּ פון קינדער און גרויסע פון דערוואַקסענע. דו זעסט ווייסע, גלייכע, פולע מיילער מיט ציין — פון יונגע מענטשן און שאַרבנס מיט ציין פון זקנים. הונדערטער פון די שאַרבנס האָבן אָפּגעהאַקט די שלוס־ביינער — אַ סימן, אַז מ׳האָט די שאַרבנס באַרויבט פון די גאָלדענע ציין. און אָט דערזע איך: פון צווישן אַ ביינער־קנויל שטעקט אַרויס אַ קינדערש פּיסל נאָך אָנגעטאָן אין אַ שיכל, אַ שיכל פון אַ דריי־פיר־יעריק קינד. איך הייב־אויף דעם שאַרבן פון דעם קעפּל און איך דערזע נישט קיין שאַרבן נאָר אַ לעבעדיק יידיש קינד. עס קוקט אויף מיר מיט פאַרטרערטע אויגעלעך, מיט אַזאַ שטומען בליק ווי פון אַ שעפעלע און עס דאַכט זיך מיר איך הער דאָס געשריי פונעם קינד:

— כ׳האָב קיין לעבן נישט געהאַט, טאַ גיט מיר כאָטש אַ קבר, — און עס שרייען די צעקנוילטע ביינער, די שאַרבנס אינעם תהום, רופן רחמים:

— ברענגט אונז צו קבר ישראל! גיט אונז אַ קבר!

דער סאָלטיס, וואָס איז מיט מיר אַראָפּגעגאַנגען אין תהום, זעט ווי עס פֿאַלן מײַנע טרערן אויף דעם שאַרבן פֿון קינד, וואָס איך האַלט אין מײַנע הענט, און ער פֿרעגט מיר פֿאַרוואָס איך וויין. פֿאַרוואָס איך, אַ מאַן, קען נישט פֿאַרהאַלטן די טרערן. גיי און זאָג דעם פֿויער, אַז איך בין נישט קיין קריסט, אַז איך בין נישט קיין ענגלענדער; אַז אַ יידן בין איך, איינער פֿון דעם מיליאָן יידן, וואָס זייער אַש און ביינער וואַלגערן זיך הפקר אויף אָט דעם גיהנום־פֿעלד. גיי דערצייל אים, אַז דאָ אין טרעבלעניקע ליגט מײַן שטאַם.

— ווען נישט טרעבלינקע וואָלטן אַלע דערפֿער אַרום: וואָלקאָ, פּאָניאַטאָוו, פּראָסטין און טרעבלינקע און אַלע אַנדערע, וואָס זענען פֿאַרברענט געוואָרן פֿון די מלחמה־אָפּעראַציעס, זיך נישט אויפֿגעבויט — זאָגט צו מיר דער סאָלטיס; ווי דאָס וואָלט פֿאַר מיר אַ טרייסט געווען, ווי דאָס וואָלט געדאַרפֿט שטילן מײַנע טרערן.

די אַרומיקע מענטשן־היענעס האָבן צעגראָבן די ערד, זיך אָנגערויבט און איבערגעלאָזט אַ געשאָכטן פֿאָלק אויף דער אויבערפֿלאַך פֿון דער ערד, פֿאַרן רויב פֿון קראָען און הונגעריקע הינט.

פֿונעם קינדערשן פּיסל האָב איך אַראָפּגענומען דאָס שיכל און עס מיטגע־נומען מיט זיך ווי אַ הייליקן סימבאָל פֿון דעם, וואָס די דײַטשן האָבן געמאַכט מיט אונז און ווי אַן אַנדער פֿאָלק האָט געהאַנדלט מיטן אַש און געביין פֿון אַ מיליאָן יידן.

—

כ ע ל מ נ אָ

די פיר פאַרניכטונגס־לאַגערן, וואָס די דייטשן האָבן אויסגעבויט אין פוילן, האָבן געהאַט באַשטימטע געאָגראַפישע „אָפּעראַציע־געביטן״. אויסגערעכנט לויט דער געדיכטקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג.

טרעבלינקע איז געווען באַשטימט פאַר דער וואַרשעווער און ביאַליסטאָקער וואָיעוואָדעשאַפט. סאָביבאָר האָט איינגעשלונגען דאָס יידנטום פון דער לובלינער און טיילווייז פון דער קעלצער וואָיעוואָדעשאַפט. בעלזשעץ האָט פאַרניכטעט דאָס יידנטום פון גאַליציע, און כעלמנאָ האָט אומגעברענגט די יידן פונעם אַזוי גערר־פענעם וואַרטעגאַו, וואָס האָט אַרומגענומען פיר הונדערט און פופציק טויזנט יידן. אָשוויענטשים און מיידאַנעק זענען געקומען „צו הילף״ דעמאָלט, ווען די פיר אויוונס ספּעציעל צוגעגרייט פאַר יידן, האָבן נישט געקענט איינשלינגען אַלע קרבנות.

די דייטשן האָבן געוואָלט לייזן די יידן־פראַגע אין אַ באַשטימטן טערמין, האָבן זיי זיך געאיילט. די גאַז־קאַמערן האָבן געאַרבעט אָן איבערייס, אָבער די פאַר־חשבונות און די מאָרד־קאַלקולאַציע האָבן נישט געשטימט. פלעגט געשען, אַז יידן פון לובלין האָט מען געשיקט קיין טרעבלינקע און יידן פון דער וואַרשעווער וואָיעוואָדעשאַפט קיין כעלמנאָ. אַבי שנעלער, אַבי אויסמאָרדן די יידן. די אויוונס אין כעלמנאָ ברענען פונקט אַזוי גוט ווי אין טרעבלינקע און דער גאַז־קאַמער אין מיידאַנעק סמ׳ט פונקט אַזוי ווי אין בעלזשעץ.

איינע פון די סאַמע ראַפינירטע מאָרד־פאַבריקן איז געווען אין כעלמנאָ. דאָ איז דער טויט געגאַנגען דורך אַ פּאַלאַץ, דורך בלומען־בייטן און אַ ראָמאַנטיש דאָרפישע קירך.דאָ איז די לאַנדשאַפט אַזאַ פאַרפירערישע, אַזאַ שיינע, אַז קיינעם פון די קרבנות איז נישט איינגעפאַלן, אַז ער גייט צום טויט. דורך דעם פריצישן פּאַלאַץ האָבן פאַרבייגעמאַרשירט זייער לעצטן מאַרש די יידן פון לאָדזש און פון קוטנע, פון קאָלע, קלאָדאַווע, דאָמביע, סאָמפּאָלנע — צענדליקער יידישע קהילות, אַ האַלבער מיליאָן יידן איז אַריין אין די קאָרידאָרן פון פּאַלאַץ און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַש.

אין פוילן האָט מען שוין געוווסט וועגן טרעבלינקע און מיידאַנעק, אָבער וועגן כעלמנאָ האָט קיינער נישט געהערט. און אין יענע טעג, ווען מען האָט גאָר־נישט געהערט וועגן כעלמנאָ, האָט דער פּאַלאַץ געאַרבעט צום סאַמע אינטענ־סיווסטן. יעדן טאָג האָבן אויטאָמאָבילן אָדער צוגן געבראַכט טויזנט יידן און יעדן טאָג האָבן טויזנט יידן פאַרבייגעמאַרשירט די קאָרידאָרן פון פּאַלאַץ און פאַרשוווּנדן אינעם באַוועגלעכן גאַז־קאַמער.

אין יאָר 1942 האָט מען די טראַנספּאָרטן יידן געפירט קיין קאָלע, פּערצן קילאָמעטער פון כעלמנאָ. אין קאָלע האָבן זיי איבערגענעכטיקט אין דער שול און אויפצומאָרגנס זענען זיי געפירט געוואָרן קיין כעלמנאָ אין פּאַלאַץ־אַריין. אָבער טויזנט יידן מיטאַמאָל — דאָס האָט געקענט אַרויסרופן פאַרדאַכט. האָט מען די יידן מער נישט געלאָזט נעכטיקן אין קאָלע. באַלד ווי די באַן איז אָנגעקומען אויף דער סטאַציע אין קאָלע, איז שוין געשטאַנען גרייט אַ קליין־באַן, וואָס האָט די יידן איבערטראַנספּאָרטירט קיין פּאָוויערטשע און פונדאַנען זענען זיי צופוס געגאַנגען אין דעם שטילן, ראָמאַנטישן דאָרף זאַוואַדקי.

איך בין איצט געווען אין די דאָזיקע מקומות. דאָס דאָרף זאַוואַדקי איז אַ שטילער עק, אַרומגערינגלט מיט נאַטירלעכע שיינקייטן. פאַרביי דער מיל, ווו יידן האָבן גענעכטיקט זייער לעצטע נאַכט, פליסט דער טייך וואַרטאַ. דער טאָל איז צעגרינט, דער טייך איז פאַרשאָטנט און די יידן האָבן אפילו נישט געאַנט, אַז דאָס איז זייער לעצטע נאַכט. אויפצומאָרגנס אינדערפרי זענען פאַרפאָרן פרידלעכע לאַסט־אויטאָס, גענומען צו הונדערט און פופציק מענטשן און זיי געפירט צום פּאַלאַץ אינעם נישט־ווייטן כעלמנאָ. ווען פאַרן פּאַלאַץ זענען צוגעפאָרן די אויטאָס, האָבן די יידן אויסגעהערט אַ דרשה, אַז זיי פאָרן אויף מזרח און דעריבער דאַרפן זיי זיך אויסבאָדן און אַדורכגיין אַ דיזענפעקציע. נישט אַנענדיק זייער אומקום זענען די הונדערט און פופציק יידן אַרויף אויפן ערשטן שטאָק, איבערגעלאָזט די מלבושים און אין די וועש אראָפּ אין דעם אונטערשטן קאָרידאָר, ווו אַ שילדל אויף דער וואַנט האָט געוויזן אין דער ריכטונג צום הינטערשטן אַרויסגאַנג — „צו דער באָד”. ווען די יידן האָבן געעפנט די טיר, איז ביי דער עפנונג געשטאַנען אַ ריזיקער אויטאָ און עטלעכע דייטשן מיט נאַהייקעס האָבן די יידן אַריינגעטריבן אין אויטאָ, נאָכדעם פאַרהאַקט די הערמעטישע טירן און דער מאָטאָר פון אויטאָ איז געלאָזט געוואָרן אין גאַנג. בלויז פינף מינוט האָט זיך געהערט דאָס קלאַפּן אין די ווענט פון אויטאָ און שפּעטער איז שטיל געוואָרן. דער גיפט־גאַז פון מאָטאָר האָט די יידן פאַרסמ׳ט.

דורך אַ זייטיקן וועג איז דער באַוועגלעכער גאַז־קאַמער געפאָרן צום שכנותדיקן זשוכאָווער וואַלד, ווו פאַרמשפּט׳ע יידן האָבן באַגראָבן זייערע ברידער. ווען די לאַסט־אויטאָס האָבן געפירט די אַנדערע פּאַרטיעס יידן פון דאָרף זאַוואַדקי און זיי זענען פאַרבייגעפאָרן דעם וואַלד, האָבן זיי אפילו נישט געאַנט, אַז סך־הכל הונדערט מעטער פון וועג, טיפער אין וואַלד, ווערן באַגראָבן די, וועלכע זענען געפאָרן מיט דעם זעלבן וועג קוים אַ האַלבע שעה פריער...

טאָג־איין טאָג־אויס זענען געגאַנגען די טראַנספּאָרטן. דער פּאַלאַץ — אַ ריזיקער מולך — האָט איינגעשלונגען הונדערטער טויזנטער יידן, און קיינער האָט קיין אַנונג נישט געהאַט וואָס מיט די יידן געשעט.

שפּעטער, אין 1944, האָט מען די טראַנספּאָרטן געבראַכט דירעקט קיין כעלמנאָ און די יידן האָבן גענעכטיקט זייער לעצטע נאַכט אין דער דאָרפישער קירך.



דער זאמד־שטח אין טרעבלינקער וועלדל, וואָס האָט איינגעשלונגען
צענדליקער קהילות

(אויפגענומען דורכן מחבר)



אַן אויסגעזידלטע שטאָט וואַרט אויפן טראַנספּאָרט קיין בעלזשעץ
(דייטשע אויפנאמע)



די קרעמאַטאָריע אין מיידאַנעק.
(אויפגענומען דורכן מחבר)



די קירך אין כעלמנאָ, ווו יידן האָבן פאַרבראַכט זייער לעצטע נאַכט

דער איבערבלייב פון די „רושטן" אין כעלמנאָ

ראַפּינירט האָט געאַרבעט די טויט־פאַבריק כעלמנאָ. ווען עס זאָלן נישט בלייבן די איינציקע על־פּי־נס ביים לעבנגעבליבענע יידן: פּאָדכלעבניק, זשוראַוו־סקי און סרעברניק, וואָלט די וועלט ביז איצט נישט געוווּסט, ווו עס זענען אַהינגע־קומען די יידן פון קוטנע און פון לאַסק, פון קאָלע און זדונסקאַ וואָלאַ, פון לאָדזש און פון גאָסטינין — פונעם גאַנצן וואַרטעגאַו.

ווען דו קומסט איצט אין דעם זשוראַוווער וועלדל געפינסטו בלויז שוואַכע סימנים, אַז אויף דעם אָרט איז אומגעקומען און פאַרברענט געוואָרן אַ האַלבער מיליאָן יידן. די דייטשן האָבן פאַרניכטעט די קרעמאַטאָריע־אויוונס, דעם אַש צעשיט איבער די פעלדער, באַגראָבן אים אין דער ערד און אויף דעם באָדן פאַרזעצט אַ וואַלד, און שפּעטער אין הונדערטער זעק אים געפירט אינעם דאָרף זאַוואַדקי און אים ביינאַכט אַריינגעשיט אין טייך...

פאַרזיכטיק זענען די מערדער געווען ביים פאַרווישן די שפּורן פון זייער מאַסן־מאָרד. זיי האָבן אפילו די געבליבענע ביינער אין מילשטיינער צעריבן, זיי האָבן די אויוונס אויפגעריסן, די ערד פאַראַקערט און קיין צייכן איז נישט געבליבן. בין איך געשטאַנען איבער דעם ריזיקן פּוסטן מזבח און געפרעגט זיך אַליין: צי איז נישטאָ אין פּוילן קיינער, וואָס זאָל כאָטש אַ מצבה שטעלן אויף אָט דעם פּלאַץ, ווו עס איז אַ האַלבער מיליאָן יידן פאַרברענט געוואָרן? איך האָב געזען צלמים־מצבות און בלומען־קראַנצן אויף איינציקע קברים פון מאַרטירער. אין סאָסנאָוויץ נעבן פּאַרק האָב איך געזען אַן איינצעלנעם קבר פון אַ באַן־אַרבעטער, וואָס איז דערשאָסן געוואָרן דורך די דייטשן. אויפן קבר שטייט אַ צלם און עס ליגן קרענץ. אין מאַקאָוו, אין אַ דערפל נעבן מיעכאָוו, האָב איך געזען אַן איינצעלנעם קבר פון אַ רוסישן זעלנער. איז ער מיט בלומען פאַרפלאַנצט, אַ מצבה געשטעלט. און דאָ, אין זשוכאָווער וואַלד, האָב איך געפונען עטלעכע ציגל — אַן איבערבלייב פון די אויוונס און אַביסל אַש. אַ זכר פון אַ האַלבן מיליאָן יידן און מער גאָרנישט, גאָרנישט.

סאָביבאָר

סך־הכל אַ קאַרגער צענדליק קילאָמעטער פון װלאָדאַװע, אױף דער באַן־ליניע כעלם—װלאָדאַװע, געפינט זיך אַ קלײנע באַן־סטאַציע סאָביבאָר. אין דעם סאָביבאָרער װאַלד האָט זיך אָפּגעשפּילט די טראַגעדיע פון די ייִדן פון דער לובלינער װאָיעװאָדשאַפט און נישט נאָר פון אָט דער װאָיעװאָדשאַפט. אױף דער קלײנער סטאַציע איז איצט רואיק. עס רױשט דער װאַלד. אױף יענער זײט װאַלד פליסט־פאַרבײ דער בוג. ס׳איז די פּויליש־סאָװיעטישע גרענעץ, אָבער מען פילט לגמרי נישט, אַז מען געפינט זיך אין אַ גרענעץ־געביט. די װױניצקע פּויערים פאַרשװינדן אין די טיפעניש פון װאַלד. זײ גײען אַהײם צו זײער פרידלעך לעבן.

איך שטעל אָפּ אַ פּויער און לײג אים פאָר ער זאָל מיך פירן אינעם פאַרניכטונגס־לאַגער. דער פּויער קוקט מיך אָן װי ער װאָלט נישט פאַרשטאַנען װאָס איך װיל פון אים. זאָג איך אים, אַז איך װיל נישט אומזיסט, איך װעל אים גוט באַלױנען. קראַצט זיך דער פּויער אין קאָפּ און ענטפערט, אַז באַלױנען פאַרשטײט ער, אָבער ער װײסט נישט פאַרװאָס איך זאָל אים באַלױנען, װײל עס איז נישטאָ דאָ קײן פאַרניכטונגס־לאַגער. עס איז נישטאָ דאָ װאָס צו זען.

— יאָ, איך מײן דאָס אָרט, װוּ מען האָט אױסגעהרג׳עט ייִדן — זאָג איך אים.

— אַך „ייִדן״? יאָ, דאָ אין דער טיף פון װאַלד האָט מען פאַרברענט אַ סך ייִדן. צװײ יאָר האָט מען זײ געברענט, אָבער ס׳איז נישט געבליבן װאָס צו זען.

איך בין דורכגעקומען מיט אים, אַז איך װעל אים באַלױנען פאַר װײזן מיר דאָס אָרט, װוּ ס׳איז נישטאָ װאָס צו זען...

מיר גײען אַריבער די באַן־ליניע און לאָזן זיך מיט אַ זײטיקן װעג צו די טיפענישן פון װאַלד. דער פּויער דערצײלט מיר, אַז פון דער באַן־ליניע האָבן די דײטשן געמאַכט אַן אָפּצװײג, אױסגעהאַקט אַ װעג און די טראַנספּאָרטן מיט ייִדן געפירט דירעקט צו די גאַז־קאַמערן. סימנים פון אָט דער גאַלגאַטע זענען נאָך ביז איצט געבליבן. נאָך אַ צװאַנציק מינוט גאַנג קומען מיר אַרױף אױף אַ פּוסטן װאַלדיקן שטח, װאָס אױפן ערשטן אױגנבליק דאַכט זיך, אַז דאָ איז אַמאָל אַ דאָרף געװוען, נאָר דאָס דאָרף האָט אָפּגעברענט און די מענטשן זענען זיך צעלאָפן. אױפן גאַנצן שטח קוקן אַרױס פון צװישן װילדע גראָזן צעבראָכענע ציגל, שמאַטעס, שטיקלעך פּאַפּיר און גראָלעכע אַש־ערד. אונטער די גראָזן איז די ערד צעגראָבן און עס שאַפן זיך קלײנע אױפגעבלאָזענע בערגלעך און טאָלן. דער גאַנצער שטח פון אָט דעם הפקר־לאַנד זעט־אױס פיל קלענער װי דער שטח פון טרעבלינקע. אױף אָט דעם שטח האָבן זיך געפונען פינף באַראַקן פאַר די ס. ס. און אוקראַאינישע באַנדיטן, צװײ באַראַקן פאַר די ייִדן, װאָס מ׳האָט אַרױסגענומען פון די טראַנס־

פאָרטן אויף אַרבעט — איין באַראַק פאַר מענער און איינער פאַר פרויען. אויסער דער קרעמאַטאָריע און גאַז־קאַמערן פאַר פינף הונדערט מענטשן, און פיר באַראַקן, ווו די קרבנות האָבן זיך אויסגעטאָן — זענען נאָך געווען נײַן בנינים אין דעם אדמי־ניסטראַטיוון טייל פון גיהנום: פינף מאַגאַזינען פאַר דעם רויב און מלבושים פון די אומגעקומענע, אַ סטאָלאַר־וואַרשטאַט, אַ שניידערײַ, אַ בעקערײַ און אַ שוסטער־און שניידער־וואַרשטאַט — אַ מאָדערנער גיהנום אַוועקגעשטעלט אויף וויסנשאַפט־לעכע יסודות.

דער גאַנצער לאַגער, די בנינים, די אויוונס — אַלץ איז געווען אויפגעבויט פון ציגל פון יידישע הייזער אין וולאָדאַווע.

אינעם דאָזיקן לאַגער זענען אומגעקומען די יידן פון זאַמאָשטש, פון הרוביעש־אָוו, פון כעלם און וולאָדאַווע, פון לובלין און איזשביץ, פון קראַסנאָסטאַוו און לעוואַרטאָוו — צענדליקער יידישע קהילות. אַהער האָט מען אויך געבראַכט פון די געפאַנגען־לאַגערס יידן פון דער פוילישער אַרמיי און פון דער סאָוויעטישער אַרמיי, יידן פון פראַנקרייך און פון טשעכיען, פון כמעט אַלע אייראָפּעאישע לענדער. אַ פאָלק איז דאָ אַוועק מיטן רויך פון די אויוונס. ווי אומעטום, אין אַלע פאַרניכטונגס־לאַגערן, איז אויך איבער סאָביבאָר אַדורך אַ וויסטע כוואַליע פון גאָלדרויש. יעדער שפּאַן ערד אויפן גאַנצן ליידיקן שטח און דער וועג פון דער באַן־ליניע איז צעגראָבן פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג. דער פויער, וואָס דערציילט מיר וועגן דעם מיט די פשוטסטע ווערטער פון א פרימיטיוון מענטש, גלויבט נאָך, אַז ווען מען זאָל זיך „רעכט נעמען צו דער אַרבעט" וואָלט מען נאָך דאָ אוצרות געפונען. און אַרום די דאָזיקע מעגלעכע „אוצרות" דרייט זיך דער גאַנצער געדאַנקען־גאַנג פון דעם פויער. אַלע פראַגן, וואָס ער האָט מיר שפּעטער געפרעגט זענען געגאַנגען אין ד ע ר ריכטונג. אין איין מאָמענט האָב איך אפילו באַקומען דעם איינדרוק, אַז דער פויער פאַרדעכטיקט, אַז איך בין געקומען אַהער אונטערצונעמען אַן אויסגראָבונגס־אַרבעט אויף צו אַנטדעקן די „אוצרות"...

— ס'איז עמעצער דאָ געווען — פרעג איך אים — אויסצופאָרשן דעם באָדן? כ'מיין קאָמיסיעס זענען דאָ געווען?

— אויף וויפל איך ווייס איז קיינער דאָ נישט געווען — ענטפערט ער פאָרזיכטיק — אויסער סתם מענטשן האָט קיינער דאָ נישט געזוכט...

דאָס בילד פון סאָביבאָר איז דאָס אימה'דיקע בילד פון אַלע צעשטערטע בית־עלמינס אין פוילן. יעדער האָט גענומען וואָס ער האָט געדאַרפט, צעגראָבן, צעאַקערט און איבערגעלאָזט אַ הפקר. דאָס אַש פון אַכט הונדערט טויזנט יידן איז אַוועק מיט די וואַסערן פון טייך, די רעשט האָט באַמיסטיקט דעם וואַלד, זיין גרינ־קייט זאָל זיין זאַפטיקער, די קוסטן זאָלן זיין מילדער. ביז איצט איז קיינעם נישט איינגעפאַלן אויף דעם שטח אַוועקצושטעלן אַ מצבה, איבערלאָזן אַ זכר, ווייל — ס'איז סאָביבאָר, ווייל דאָ זענען אומגעקומען בלויז יידן — „בלויז" אַכט הונדערט טויזנט יידן. רואיק פליסט דער טייך, עס רוישן די וועלדער, די זעלטענע צוגן,

וואָס גייען דאָ פאַרביי, פאַרהאַלטן זיך כמעט נישט אין סאָביבאָר, ס'איז אַן אָפּגע־לעגן פאַרגעסן אָרט.

און אין סאָביבאָר איז פאָרגעקומען איינע פון די סאַמע דראַמאַטישסטע אויפ־שטאַנדן אין דער געשיכטע פון דער יידן־פאַרניכטונג אין פוילן. דער אויפשטאַנד אין טרעבלינקע דעם צווייטן אויגוסט 1943 האָט באַקומען זיין תּיקון אין דער מאָגע־רער ליטעראַטור, וואָס איז ביז איצט ד'ערשינען אויף דער טעמע. בעת דער ליקווי־דאַציע פון כעלמנער לאַגער דעם 17־טן יאַנואַר 1945 האָבן די קליינע רעשטלעך יידן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד און דערהרג'עט צוויי דייטשע זשאַנדאַרן, און צוויי יידן פון דער גאַנצער גרופּע האָבן זיך געראַטעוועט. דער אויפשטאַנד אין סאָביבאָר שיינט צו זיין דער סאַמע גרעסטער.

אין לובלין האָב איך אָפּגעזוכט אַן איזשביצער ייד מיטן נאָמען משה מערענ־שטיין. ער איז איינער פון די לעבנגעבליבענע פונעם אויפשטאַנד אין סאָביבאָר.

משה מערענשטיין ד'ערציילט:

די יידישע אַרבעטס־קאָמאַנדאָ איז אין סאָביבאָר באַשטאַנען פון 425 מענער און 175 פרויען — יידן פון פאַרשידענע לענדער. צווישן זיי זענען געווען פיל רוסישע יידן געפאַנגענע פון סאָוויעטישן מיליטער. אַ זשיטאָמירער ייד אין דער ראַנגע פון אַ סאָוויעטישן מאַיאָר צוזאַמען מיטן זון פון זשולקאָווער רב, לייבל פעלהענדלער, זענען געווען די איניציאַטאָרן פון אויפשטאַנד. זיי האָבן אָרגאַניזירט צוויי־און־ניינציק יידן: יעדער באַזונדער האָט באַקומען זיין אויפגאַבע. דער אויפשטאַנד האָט געדאַרפט אויסברעכן אין חודש יולי 1943, אָבער אַ בערלינער ייד האָט גע־מסר'ט פאַר דער לאַגער־מאַכט, אַז עס גרייט זיך אַ בונט און ער האָט אַרויסגעגעבן דריי יידן, וועלכע זענען תּיכף דערשאָסן געוואָרן. דאָס זענען געווען: משה פון טישעוויץ, זיידל קאָוואַלס פון קראַסנאָסטאַוו און א טאָרבינער ייד.

דאָך דעם פּלאַן פון אויפשטאַנד האָט מען נישט אויפגעגעבן. די דייטשן האָבן אין לאַגער איינגעשטעלט אַזאַ רעזשים, אַז פאַר די לעבעדיקע יידן זאָל נישט בלייבן קיין אָרט און קיין צייט ווען זיך צוזאַמענצורעדן.

דעם זעלבן יולי־טאָג האָט זיך די וואַלד־קאָמאַנדאָ, וואָס האָט געגראָבן „פיעניעס" אין וואַלד ווי הייץ־מאַטעריאַל פאַר דעם קרעמאַטאָריע, אָפּגעשמועסט צו הרג'ענען די אוקראַינישע וועכטער און אַנטלויפן. אָבער נאָך דער מסירה פונעם בערלינער ייד איז די וואַלד־קאָמאַנדאָ באַוואַכט געוואָרן מיט אַ דאָפּלטער שמירה: אויף איין ייד: 1 ס.ס.־מאַן און איין אוקראַינער, די פאַרמשפּט'ע האָבן דאָך באַ־שלאָסן זייער פּלאַן אויסצופירן. אין אַ געוויסן מאָמענט האָבן דריי יידן פאַרגע־לייגט, אַז זיי וועלן ברענגען וואַסער פאַר דער גאַנצער קאָמאַנדאָ. די דריי יידן זענען געווען: שלמה פּאָדכלעבניק, יאָסל קאָפּ פון טורבין און זונדל האָניגמאַן פון גאָזש־קאָוו. מיט זיי איז מיטגעגאַנגען בלויז איין באַוואָפנטער אוקראַינער. אין וואַלד האָבן זיי דעם אוקראַינער דערמאָרדעט. לויט דעם ווי ס'איז געווען אָפּגעשמועסט, האָבן די דריי געדאַרפט געבן אַ צייכן די גאַנצע קאָמאַנדאָ זאָל זיך וואַרפן מיט

די העק און לאָפּאַטעס אויף די ס.ס. און די אוקראַאינער און זיך צעלויפן איבערן וואַלד. קיין סיגנאַל איז נישט געקומען. דערפאַר איז אָנגעקומען אַ רייטער און איבערגעגעבן וועגן דערמאָרדעטן אוקראַאינער. אויפן אָרט זענען פון די פּערציק יידן — דרייצן דערשאָסן געוואָרן און די איבעריקע האָבן געמוזט קריכן אויף די בייכער ביזן לאַגער — אַ מרחק פון פיר קילאָמעטער. אין לאַגער איז די גאַנצע וואַלד־קאָמאַנדאָ אויסגעשאָסן געוואָרן אין די אויגן פון די איבעריקע אַרבעטער. געשאָסן האָט מען צו צוויי.

די אַטמאָספער אין לאַגער איז געוואָרן אומדערטרעגלעך. יעדן טאָג זענען אָנגעקומען פרישע טראַנספּאָרטן פון לאַנד און פון אויסלאַנד. אין די גרויסע זומערדיקע היצן זענען די טראַנספּאָרטן אָנגעקומען אין אַזאַ צושטאַנד, אַז ווען מען האָט געעפנט די וואַגאָנען, האָט מען צו די קרעמאַטאָריעס געפירט האַלב־טויטע מענטשן. „גיט אַ טרינק וואַסער און הרג'עט אונז" — האָבן די יידן זיך געבעטן, „דערשלאָגט אונז". כאָטש מיר, וואָס האָבן „אויסגעגרוזעוועט" די וואַגאָנען זענען שוין געווען צוגעוווינט צו די אימה'דיקסטע בילדער און דער טויט האָט שוין אויף קיינעם קיין איינדרוק נישט געמאַכט, דאָך דער פּיין פון די לעבע־דיקע יידן אין די וואַגאָנען האָט יעדעס מאָל אויפסניי צעבראָכן. די הערצער זענען שוין געווען איבערפולט.

די „אַרבעט" אין לאַגער פלעגט זיך אָנהייבן צען אַזייגער אין אָוונט. אין אַט דער צייט פלעגט מען ברענגען די צוגן אין לאַגער־אַריין. די „אַרבעט" האָט נישט געטאָרט דויערן לענגער ווי ביז צוויי אַזייגער ביינאַכט. צו דער צייט האָבן אַלע יידן פון טראַנספּאָרט געמוזט זיין פאַרגאַזט, דער באַגאַזש — אין די סקלאַדעס אַריינגעטראָגן און די וואַגאָנעס — אָפּגערייניקט. במשך פון טאָג האָבן געמוזט פאַרברענט ווערן אַלע פאַרגאַזטע גופים.

כדי נישט צו געבן קיין אָטעם־פּויזע, פלעגן די דייטשן יעדן זונטיק איינ־אָרדענען פאַר די יידן פון דער אַרבעט־קאָמאַנדאָ טענץ מיט מוזיק. צוליב דעם, וואָס אויף 475 מענער זענען געווען בלויז 175 פרויען, פלעגט די פרויען אויסקומען צו טאַנצן אַ גאַנצן טאָג. יעדער מאַן האָט געמוזט טאַנצן, אויב ער האָט געוואָלט בלייבן לעבן. צו די טענץ האָט מען געמוזט קומען אויסגעפּוצט. אין די סקלאַדעס האָבן זיך געפונען די טייערסטע טואַלעטן, ספּעציעל פון די טראַנספּאָרטן פון די אויס־לענדישע יידן. זענען פרויען געקומען אין באַל־קליידער און מענער אויסגעפּוצט אין זיידענע וועש, אין עלעגאַנטע מלבושים, מיט זיידענע קראַוואַטן. ווען פאַר די ס.ס. און די אוקראַאינער איז זונטיק געווען אַ טאָג פון רו, איז דער טאָג פאַר די יידן געווען דער פּיינלעכסטער, דער שוידערלעכסטער גיהנום. אַ טאַנץ צווישן טויט. אַ טאַנץ צווישן הונדערטער טויזנטער מתים. און מיר האָבן אויך געוווסט, אַז אונזער גורל וועט זיין דער זעלבער: גאַז־קאַמער און קרעמאַטאָריע.

דער פירער פון לאַגער, אויבערשטורמפירער נוימאַן, וואָס יידן האָבן אים שפּעטער געהרג'עט, איז אַלט געווען סך־הכל אַכצן יאָר. זיין אכזריות האָט נישט

געהאַט קיין גרענעץ. ער האָט תמיד צוגעטראַכט פאַר די יידן די סאַמע ראַפּי־נירטסטע פּייניקונגען. די ערגסטע פון די פּייניקונגען זענען געווען די זונטיקדיקע טענץ.

איינמאָל, דאָס איז געווען פון 15־טן אויפן 16־טן סעפּטעמבער 1943, האָט מען די יידן אויפגעוועקט אינמיטן דער נאַכט. ס׳איז אָנגעקומען אַ צוג מיט יידן. מען מוז אים שנעל אויסלאָדן און גאַזירן. ביז באַגינען מוז דער טראַנספּאָרט זיין אין די אויוונס. דאָס איז געווען דער גרויליקסטער צוג, וואָס די אויגן פון די יידן האָבן ווען עס איז געזעען. אַ צוג אַ קאָשמאַר, אַ גיהנום. סך־הכל איז דער טראַנס־פּאָרט באַשטאַנען פון 39 וואַגאָנען. ער איז געקומען פון דעמביצע נעבן קראָקע. פון קראָקע ביז סאָביבאָר איז ער געגאַנגען צוויי וואָכן. פון די פאַרקראַטעוועטע פענצטערלעך האָט זיך געטראָגן אַ געשטאַנק פון טויטע גופים. ווען מען האָט אויפגעעפנט די וואַגאָנען, האָט מען געפונען קנוילן פון נאַקעטע לייבער. אין יעדן וואַגאָן זענען געווען צו דריי הונדערט פרויען, מענער און קינדער, די ווייט־גרעסטע מערהייט טויטע. פון די וואַגאָנען האָט געזעצט אַ שרעקלעכער עיפּוש. די וועלכע האָבן נאָך געלעבט און נאָך געהאַט כוח צו האַלטן זיך אויף די פיס, האָבן זיך געפרעגט ווו ס׳איז דער גאַז־קאַמער און זיי זענען אהין אַליין געלאָפן מיט די לעצטע כּוחות. שנעלער, שנעלער, זיי ווילן וואָס שנעלער זיין טויט. פון זיי האָט שוין אפילו קיינער קיין וואַסער נישט געבעטן. זיי האָבן נאָר געבעטן דעם קורצסטן וועג צו דער גאַז־קאַמער. מען האָט „אויסגעגרוזעוועט צו פינף וואַגאָנען, ווייל צוליבן געשטאַנק האָט מען מורא געהאַט צו עפענען אַלע וואַגאָנען מיטאַמאָל.

פון די העכער צען טויזנט יידן, האָט מען בלויז עטלעכע פאַרטיעס געפירט צו די גאַז־קאַמערן: אַ פיר־פינף מאָל צו פינף הונדערט יידן. די איבעריקע האָט מען אַרויפגעוואָרפן אויף לאָרעס און אַוועקגעפירט צו די אויוונס.

דער דאָזיקער לעצטער, קאָשמאַרער צוג האָט צוגעאיילט דעם אויפשטאַנד. לענגער האָט די אָנפירונג פון אויפשטאַנד נישט געוואָלט וואַרטן. מען האָט בלויז געדאַרפט געפינען דעם פאַסיקסטן מאָמענט, אויסאַרבעטן דעם פלאַן מיט פרטים און וואַרטן אויפן סיגנאַל. צו דער אָרגאַניזיר־גרופּע האָבן אויסער די אָנפירער, דעם סאָוויעטישן מאַיאָר און לייבל פעלהענדלער, געהערט יאָסל דוניץ (אַ ראָוונער, וואָס מען האָט געהאַט געברענגט מיט אַ טראַנספּאָרט פון פראַנקרייך. ער איז געווען קאַפּאָ), מאָטל מאַנדלבוים פון זאַמאָשטש, יאָסל ליכט, מאַיאָרעק פון גראַבאָוויץ.

די ס.ס.־מענער האָבן זיך געפירט, אַז די בעסטע זאַכן פון די סקלאַדעס, די בעסטע ביזשוטעריע, קליידער, שיך און וועש, פלעגן זיי נעמען פאַר זיך. די יידן, וואָס האָבן געאַרבעט אין די סקלאַדעס האָבן יעדעס מאָל געדאַרפט מודיע זיין די ס.ס.־מענער, אַז עס זענען דאָ גוטע זאַכן. אָט דעם מאָמענט האָבן די אָרגאַניזאַ־טאָרן אויסגענוצט צום אויפשטאַנד.

דער פאַסיקסטער טאָג איז געקומען. ס׳איז געווען דעם 13־טן אָקטאָבער 1943. אינדערפרי איז אַ גרופּע ס.ס.־מענער אַוועק קיין וולאָדאַווע. ס׳איז געקומען

דער פּאַראָל אויף גרייטן זיך אויף פיר אַזייגער נאָך מיטאָג. דער יידישער אָנפירער פון גאָלד־סקלאַד האָט געזאָגט צו אַן ס.ס.־מאַן, אַז פון לעצטן טראַנספּאָרט האָט ער „אַריינבאַקומען״ אַ זעלטענעם בריליאַנט. ער זאָל דעריבער קומען אין סקלאַד־אַריין האַלב־פיר נאָך מיטאָג. דער יידישער פירער פון וועש־סקלאַד איז אַוועק צו אַ צווייטן ס.ס.־מאַן און אים געזאָגט, אַז ער זאָל זיכער קומען האַלב פיר אַזייגער, ווייל ער האָט צוגעגרייט פאַר אים די זעלטנסטע יידענע פרויען־וועש, וואָס איז ווען עס איז געווען אין לאַגער. דער ייד פון מלבושים־סקלאַד האָט מודיע געווען אַ דריטן ס.ס.־מאַן, אַז ער האָט פאַר אים די זעלטנסטע שטאָף אויף מלבושים. דער שניידער פון וואַרשטאַט האָט מודיע געווען איין ס.ס.־מאַן, אַז פּינקטלעך האַלב פיר ווערט פאַר אים פאַרטיק אַ מונדיר. אַזוי האָט יעדער „איינגעלאַדן״ אַן ס.ס.־מאַן צו זיך אין סקלאַד אויף דער זעלבער צייט און אין איין און דער זעלבער צייט איז יעדער געגאַנגען, ווו ער האָט געדאַרפט. אויף די ערטער האָבן שוין געוואַרט קליינע גרופּעס יידן מיט העק און ווי נאָר דער ס.ס.־מאַן איז איבערגעטראָטן די שוועל פון אַ סקלאַד האָט ער באַקומען מיט אַ האַק איבערן קאָפּ און דעם הורג האָט מען באַהאַלטן צווישן שמאַטעס. אויף דעם אופן האָט מען אויסגעהרג׳עט 33 ס.ס.־לייט. יעדע גרופּע האָט צוגענומען דאָס געווער ביים געהרג׳עטן און געוואַרט אויפן סיגנאַל צו לאָזן זיך צום טויער.

פּינקטלעך פיר אַזייגער האָט דער סאָוויעטישער מאַיאָר געגעבן דעם סיגנאַל: צום טויער.

אַ גרופּע, וואָס האָט אויסגעהרג׳עט די אוקראַינישע וואַך ביים געווער־סקלאַד, איז אַרויס מיט ביקסן. מיט געווער אין די הענט זענען אַרויס יידן פון די וואַרשטאַטן און סקלאַדעס. די אוקראַינישע לאַגער־וואַך האָט באַמערקט וואָס עס געשעט און געעפנט אַ פייער. די יידן האָבן געענטפערט מיט אַ שיסעריי און געלאָפן צום טויער. די ערשטע האָבן דערהרג׳עט דעם אוקראַינישן שומר ביים טויער, אָבער ביי אים האָבן זיי נישט געפונען דעם שליסל פון טויער. ס׳איז געווען אָפן בלויז דאָס קליינע טירל, דורך וועלכע בלויז איין מענטש האָט געקאָנט אַדורכגיין פריי. אַלץ האָט אַ שפּאַר־געטאָן צום קליינעם טירל. די אוקראַינער וואַך האָט געעפנט אַ קאָנצענטרירט פייער אויפן טירל. די ערשטע געפאַלענע יידן האָבן מיט זייערע גופים פאַרשטאָפּט דעם אַרויסגאַנג. אין דעם זעלבן מאָמענט זענען פון וואָלאָדאַווע אָנגעקומען צוריק די ס.ס.־לייט, וואָס זענען אַוועק אינדערפרי. אויך זיי האָבן געעפנט אַ פייער אויפן טירל. עס איז אויסגעבראָכן אַ פאַרביטערטער קאַמף. צווישן דער שיסעריי האָבן יידן אָנגעהויבן אַוועקשלעפּן די געפאַלענע, כדי צו באַפרייען דעם אַרויסגאַנג און זיי זענען אַליין אומגעקומען. די זעלבער, די סאָוויעטישע געפאַנגענע האָבן זיך געוואָרפן אויף די אוקראַינער מיט די ביקסן־קאָלבעס, ווען זיי האָבן זיך געפּרוווט דערנענטערן צו דער מאַסע. דאָס פייער פון די אוקראַינער פון אינעווייניק און פון די ס.ס.־לייט, וואָס האָבן געשאָסן פון דער צווייטער זייט טויער, האָט געזייעט טויט צווישן די יידן. די יידן, וועלכע האָבן זיך אַדורכ־

געריסן, האָבן געשטורעמט די ס.ס.־גרופּע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן דערוויטערן, כדי צו ראַטעווען זייער לעבן. אָבער עס איז שוין געווען שפּעט. ביים טויער זענען געלעגן מאַסן יידישע הרוגים. דאָס פייער פון די אוקראַינער איז שוואַכער געוואָרן, צענדליקער פון זיי זענען געפאַלן.

פון אַלע יידן האָבן זיך קוים אַרויסגעריסן אין די וועלדער־אַריין הונדערט און פופציק. די לעבנגעבליבענע ס.ס.־לייט און אוקראַינער זענען נאָכגעלאָפן אין די וועלדער. דער קאַמף איז דאָ פאַרגעזעצט געוואָרן. די הונדערט און פופציק האָבן נאָך געגעבן קרבנות. יאָסל קאָפּ איז געהרג׳עט געוואָרן שוין נאָך דער באַ־פרייאונג פון פוילן. דעם זעלבן גורל האָט געטיילט לייבל פעלהענדלער. ער איז געפאַלן אין לובלין.

אָט דאָס איז געשען אין סאָביבאָר.

דאָס אָרט, וווּ די אימה׳דיקע, די דאַנטעאישע עפּאָפּייע האָט זיך אָפּגעשפּילט איז ליידיק און ווילד. דער וואַלד אַרום האָט בלויז געזעען דעם אומקום פון הונ־דערטער טויזנטער יידן, דער וואַלד האָט געזעען די גבורה פון די לעצטע יידן און דער וואַלד איז געבליבן אַרום דעם ריזיקן, צעהפקר׳טן בית־עולם פון אַ פאָלק. אפשר וועט דער מענטש ווערן בעסער ווערן, ווען דער ווערט פונעם באַגריף ייד וועט אין די אויגן פון נישט־ייד באַקומען דעם פולווערט פון מענטש, אפשר וועט דעמאָלט עמעצער אויפשטעלן אַ מצבה אויף דעם ריזיקן סאָביבאָר־מזבח, אַוועק־לייגן דאָ אַביסל בלומען און אין די טעג פון „זאַדושקעס״ אָנצינדן אַ ליכט, אָט אַזוי ווי מען איז זיך נוהג אין פוילן מיט קברים פון מאַרטירער און העלדן — נישט־יידן...

אַשפּיצין — אָשוויענטשים — אוסשוויץ

צווישן צוויי טייכן — די ווייסל און סאָלאַ — אין אַ טאָל פון זומפּן און ווילד־ערד ליגט אַ שטאָט, וואָס האָט געהייסן אויף יידיש אַשפּיצין. אין אַ זייט פון די גרויסע וועלט־שליאַכן האָט זיך אין אַשפּיצין אַנטוויקלט אַ יידיש לעבן אין אַלט־גאַליציאַנער שטייגער. בערד און פּאות, ווייסע זאָקן און קאַפּעלושן, יידישע פרומקייט און יידישע בעלי־מלאכה׳ס. זיי האָבן אפילו נישט געאַנט, אַז אין די דאָזיקע אָפּגע־לעגענע מקומות, פאַרגעסן פון דער וועלט, וועט אַמאָל אַנטשטיין דער גרעסטער מאָרד־קאָמבינאַט אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

אָשוויענטשים הייסט דאָס מקום אויף פּויליש. דאָס דאָזיקע אָרט איז צוליב זיין אומגעזונטן באָדן פאַרגעסן געוואָרן אפילו בעת דער פּוילישער ממשלה. צופיל כוחות האָט מען געדאַרפט דאָ אַריינלייגן, כדי אויסצוטריקענען די זומפּן און געזונט מאַכן די סביבה פאַר גרויסע מענטשלעכע ישובים.

אויפן שטח פון די אָשוויענטשימער זומפּן איז געשאַפן געוואָרן דורך די דייטשן דער „קאָנצענטראַציאָנסלאַגער אוסשוויץ״.

אין יאָר 1940 האָבן זיך אויף דעם אָרט פון דער אַזוי־גערופענעם אָשוויענ־טשימער „שטאַמלאַגער״ געפונען איבערגעבליבענע פּוילישע מיליטער־קאַזאַרמעס און אַן אָפּטיילונג פון דעם פּוילישן טאַבאַק־מאָנאָפּאָל — סך־הכל זעכצן איינשטאָ־קיקע בנינים. אין 1943 איז דאָס דאָזיקע מקום פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסער צעוואָרפענער שטאָט, וואָס צוזאַמען מיטן שכנותדיקן בירקענאַו נעמט אַרום דער לאַגער אַ שטח פון פערציק קוואַדראַט־קילאָמעטער, מיט פאַבריקן פון סינטעטישן בענזין, וואַרשטאַטן, גאַז־קאַמערן און ריזיקע קרעמאַטאָריע־אויוונס אויסגערעכנט צו פאַרשלינגען מיליאָנען מענטשן.

ווי אַ שפּין, וואָס זויגט זיך אָן מיט בלוט און ציט אויס אירע זויג־גלידער נאָך פרישע קרבנות — איז זיך אָשוויענטשים צעוואַקסן, אַרומגענומען פרישע שטחים און זיך אויסגעשפּרייט ווייט איבער די מרחקים פון שלעזיען און אַפילו ביז ווייטן ברין דערגאַנגען. 39 פיליעס האָט דער טויט־קאָמבינאַט פאַרמאָגט — אַרבעטס־לאַגערן.

אויף אויפצושטעלן דעם לאַגער אין אָשוויענטשים גופא האָבן געאַרבעט עטלעכע הונדערט אינזשיניערן און בלויז אין איין יאָר — 1943 — אַכט טויזנט אַרבעטער: מויערער, מעכאַניקער, ספּעציאַליסטן.

אין 1941 האָבן זיך אין לאַגער געפונען 18.000 אַסירים, אין 1943 — 30.000, אין 1944 — שוין 40.000, און פיל הונדערטער טויזנטער יידן זענען אַוועק מיטן

רויך פון די קרעמאַטאָריעס. בלויז אין איין טאָג, דעם 16־טן יוני 1944 זענען פאַרברענט געוואָרן פופציק טויזנט יידן פון פראַנקרייך.

אַשוויענטשים איז געווען אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. אויב אַ נישט־ייד האָט געהאַט האָפענונג איבערצולעבן, באַפרייט צו ווערן, באַקומען לייכטערע אַרבעט, — האָבן זיך פאַר די יידן אין אַשוויענטשים געענדיקט אַלע האָפענונגען. דער איינציקער וועג פאַר אַ ייד איז געווען — דער גאַז־קאַמער. דער איינציקער און אומאָפּרופלעכער וועג.

נישט־יידן זענען אָנגעקומען קיין אַשוויענטשים ווי אסירים. יעדער באַמען איז געוואָרן אַ פּאָזיציע אין דער עווידענץ פון לאַגער. אויב ער איז נישט געפאַלן פון טיפוס, אָדער פון שווערער אַרבעט, אָדער פון פיזישע פּייניקונגען, האָט ער געקענט באַקומען גרוסן פון דער היים, שפּייז־פּעקלעך, געלט אפילו. ער האָט געהאַט אין וואָס צו קלאַמערן זיך. יידן — נישט. די צוגן מיט יידן־טראַנספּאָרטן האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי די ראַמפּעס פאַר די גאַז־קאַמערן און דער וועג זייערער איז געווען אַ קורצער, אָן יעדע האָפענונג. בלויז די ווינציקע יידן, וואָס זענען פון די טראַנספּאָרטן אַרויסגענומען געוואָרן צו אַרבעט — בלויז זיי האָבן נאָך באַקומען אַ נומער, אָבער נישט קיין האָפענונג. זיי האָבן נאָר צייטווייליק געלעבט, כדי איבערצולעבן די טויטן פון זייערע ברידער און שוועסטער. נישט מער.

דער איצטיקער אָרומפירער איבער אַשוויענטשימער מוזיי, אַ פּאָליאַק, איז אָנגעקומען קיין אַשוויענטשים מיטן ערשטן טראַנספּאָרט פון פּוילישע אסירים אין יוני 1940 און ער האָט איבערגעלעבט די גאַנצע גיהנום־געשיכטע פון קאָנצענטראַציע־לאַגער. ביז די דייטשן זענען אַנטלאָפן. ער איז דער בעסטער קענער פון אַשוויענטשים. און ער שטעלט פעסט, אַז העכער אַ מיליאָן יידן זענען אַריין דורך די טויערן פון אַשוויענטשים און עס האָט זיך נישט געראַטעוועט קיין ייד, וואָס זאָל האָבן געלעבט אין אַשוויענטשים אַ יאָר צייט.

צו די עקספּערימענטן אין דעם באַרימט־געוואָרענעם צענטן בלאָק האָט מען גענומען בלויז יידישע פרויען און מענער. דער דייטשער גינעקאָלאָג ד״ר קלאַובערג האָט ביי דער לאַגער־מאַכט אָפּגעקויפט הונדערט און פופציק יידישע פרויען און אויף זייערע גופים עקספּערימענטירט פאַר דער דייטשער מעדיצינישער אינדוסטרי. די פרויען זענען אומגעקומען ביסלעכוויז, זיי זענען געשטאָרבן במשך פון וואָכן אונטער כסדר׳דיקע כירורגישע אָפּעראַציעס. פּראָפעסאָר שומאַן פון בערלין האָט הונדערטער מענער־יידן דערהרג׳עט מיט איקס־שטראַלן ביים אַדורכפירן עקספּערימענטן.

אויף צענדליקער יידן האָט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע אויסגעפּרוווט דאָס באַרימטע געוווּער פון די טאָטאַליטאַרע מאַכטן — איינשפּריצונגען, וואָס נעמען צו ביים מענטשן זיין ווילן און מאָראַלישע ווידערשטאַנדס־פעיקייט בעת פּאָליציי־אישע אויספאָרשונגען, איינשפּריצונגען, וואָס מאַכן פון מענטשן אַ ווילנלאָז געצייג אין די הענט פון פּייניקער. נאָך די איינשפּריצונגען פלעגט מען די יידן אַרויספירן

אויפֿן הויף און מיט זיי מאַכן פֿייניקונגס־גימנאַסטיק און זיי האָבן געדאַרפֿט ענט־ פֿערן, ווער עס איז זייער שונא, צי זיי זענען באַהערשט פֿון פּחד, צי זיי ווילן לעבן און דער עיקר האָט מען די קרבנות געפּרוווט, צי זיי לאָזן זיך סוגערירן דעם ווילן פֿון די פּייניקער...

ווען איך האָב באַזוכט אָשוויענטשים, האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, ווי איך וואָלט געקומען אין אַ טויטער שטאָט, וואָס איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מוזיי. דאָס איז דער ערשטער, אויסערלעכער איינדרוק. אַ שטאָט — אַ מזבח פֿון מיליאָנען מענטשן: דריי רייען איינשטאָקיקע הייזער פֿון רויטע ציגל. דער גאַנצער שטח איז אַרומגענומען מיט שטעכיקע דראָטן אויף בעטאָנענע זיילן. דריי רייען דראָט־פֿאַרצוימונג אויף איזאָלאַטאָרן, ווייל דורך די דראָטן איז געפֿלאָסן עלעקטרי־ שער שטראָם פֿון הויכער שפּאַנונג. נישט ווייט פֿון טויער — דער קליינער גאַז־ קאַמער; הינטערן גאַז־קאַמער — די תּליה. און ווייטער, אין דער טיף, שטייט די ווילע אין וועלכער ס׳האָט געוווינט דער פֿירער פֿון לאַגער — העס. איבערן טויער — אַן אויפֿשריפֿט: ARBEIT MACHT FREI. אינעווייניק, אין אַ לאַנגן הויף, וווּ ס׳האָבן זיך געפֿונען די בנינים פֿון דער אַדמיניסטראַציע — דער זעלבער אויפֿ־ שריפֿט. אויף דער אויסערלעכער זייט פֿון די דראָט־פֿאַרצוימונגען שטייען נאָך די טורעמס פֿאַר די שומרים. אַז מען קלעטערט אַרויף אויף אַזאַ טורעם זעט מען דעם לאַגער פֿון איין עק ביז צום צווייטן. פֿאַרן אויג פֿונעם שומר האָט זיך גאָרנישט געקענט באַהאַלטן, ער האָט אַלץ געזען. אַנטקעגן איז דער פּלאַץ פֿאַר „אַפּעלן”. דאָ, אויף דעם פּלאַץ, זענען הונדערטער טויזנטער מענטשן געשטאַנען נאַקעטער־ הייט צו 24 שעה בעת גרויסע פֿרעסט, אונטער אַ ברענענדיקע זון, אין רעגנדיקע נעכט. דאָ, אין אָשוויענטשים, איז געוויזן געוואָרן דער וועלט אַ מוסטער, ווי אַזוי דער מענטש וועט אויסזען, ווען עס וועט זיגן דער טאָטאַליטאַרער שגעון.

פֿאַר יידן איז אָשוויענטשים געווען אַ פֿאַרניכטונגס־לאַגער און אַ לאַבאָראַ־ טאָריע פֿאַר מטורף׳ע עקספּערימענטן. פֿאַר אַנדערע איז אָשוויענטשים געווען אַ מאַרק פֿאַר שקלאַפֿן. דייטשע פֿירמעס פֿלעגן ביי דער לאַגער־מאַכט קויפֿן די כּוחות פֿון מענטשן. די קרופּ־פֿאַבריקן און די קאָמבינאַטן פֿון „י. ג. פֿאַרבענאינדוסטריי” פֿלעגן צאָלן פֿאַר אַ מענטש: 4 רייכסמאַרק און 6 מאַרק פֿאַר אַ קוואַליפֿיצירטן אַרבעטער... אין בירקענאַו, אויף דער מערב־זייט פֿון לאַגער "B II" האָב איך געזען דעם גאַנץ־געבליבענעם קאָמבינאַט פֿאַר סינטעטישן בענזין. דער גאַנצער קאָמבינאַט פֿון בעטאָנענע בלאָקן געפֿינט זיך אונטער דער ערד.

מאָרד און רויב איז געווען אָשוויענטשים. אָבער נישט נאָר דאָס מענטשלעכע לעבן און די מענטשלעכע כּוחות האָבן זיי גערויבט. נאָך ביז היינט איז אוממעגלעך אויסצורעכענען די אוצרות, וואָס די דייטשן האָבן צוגערויבט דער עיקר ביי יידן.

במשך פֿון איין וואָך, סוף 1944 און אָנהייב 1945, האָבן זיי אַרויסגעפֿירט קיין דייטשלאַנד הונדערט טויזנט קאָמפּלעטן פֿון קינדער מלבושים. דאָס זענען מלבושים פֿון יידישע קינדערלעך, ווייל קיין אַנדערע קינדער זענען אין אָשוויענ־

טשים נישט געווען. מיטן זעלבן טראַנספּאָרט זענען אַוועק צוויי הונדערט טויזנט קאָמפּלעטן מענער־מלבושים און וועש — יידישע קליידער, יידישע וועש פון די סקלאַדעס פון בירקענאַו.

אין אָשוויענטשים האָבן זיך געפונען 35 ספּעציעלע סקלאַדעס אויף סאָרטירן די זאַכן פון די קרבנות. בעת די דייטשן האָבן עוואַקואירט אָשוויענטשים האָבן זיי פאַרברענט צוזאַמען מיט די זאַכן 29 סקלאַדעס. אין די זעקס פאַרבליבענע מאַגאַזינען איז פאַרבליבן: 48.000 מענער־אַנציגער, 836.255 קאָמפּלעטן פון פרויען־קליידער, 38.000 פּאָר מענער־שיך, 5.525 פּאָר פרויען־שיך, 13.964 טעפּיכער, בערג מיט פּראָטעזן — קינסטלעכע פיס און הענט פון די אומגעקומענע, צענדליקער טויזנטער פּאָר ברילן, הונדערטער טויזנטער ציין־בערשטלעך, בערג מיט פּענדזלען צום ראַזירן, בערג מיט באַרשטן און קאַמען, אַ ים פון קינדער־מלבושים, קינדער־שיכעלעך, אַ באַרג מיט טליתים, קיך־כלים, וואַליזעס און קוישן.

אין אָשוויענטשים, אָדער בעסער געזאָגט אין בירקענאַו זענען הויפּטזעכלעך פאַרניכטעט געוואָרן יידן. אָבער אין אָשוויענטשימער מוזיי וועסטו זיך וועגן דעם נישט דערוויסן. דער יידישער פּאַוויליאָן איז צונויפגעשטעלט אויף יוצא צו זיין: אַביסל בילדער, עטלעכע טליתים, אַ מאַפּע — דאָס איז אַלץ. וועסט נישט געפינען דאָ גאָרנישט, וואָס זאָל אין דער מינדסטער מאָס אַנטשפּרעכן דעם פאַרנעם פון דעם אימה׳דיקן פּיין און גרויסן אומגליק, וואָס איז געשען מיט יידן. דאָס וואָס מען ווערט צעבראָכן ווען מען שטייט אין דעם פּאַוויליאָן געשעט צוליב דעם קלימאַט, וואָס הערשט אין גאַנץ אָשוויענטשים, וואָס דו באַגרייפסט פּלוצים, אַז דאָס אָרט, וואָס דו באַטרעטסט איז דורכגעזאַפּט מיט דעם בלוט און טרערן פון יידן און נישט־יידן, פון מיליאָנען אומשולדיקע מענטשן, וואָס זענען געפאַלן אַזוי הילפלאָז, נישט ווי מענטשלעכע מוחות וואָלטן דאָס צוגעטראַכט, נישט ווי מענטשלעכע הענט וואָלטן דאָס דורכגעפירט, נאָר ווי דאָס וואָלט געווען אַ קאָסמישער קאַטאַקליזם. און קיין קאָסמישער קאַטאַקליזם איז דאָס נישט געווען!

הונדערטער וויסנשאַפטלער, אינזשיניערן, ווירטשאַפטלער און טעכניקער האָבן דעם גיהנום אויסגעפּלאַנט, וויסנשאַפטלעך דורכגעטראַכט און פּלאַנמעסיק דורכגעפירט: פון דעם גאָלד און געלט וועט דייטשלאַנד רייך ווערן, מיט די מלבושים וועט מען אָנטאָן דאָס דייטשע פאָלק, פון פרויען־האָר וועט מען מאַכן מאַטראַצן, פון דעם פעטס פון יידישע לייבער וועט מען מאַכן זייף און פון די לעבעדיקע וועט מען אויסזויגן די כוחות.

און נאָך אַמאָל חזר איך איבער: אָשוויענטשים האָט געמיינט דער עיקר יידן, אַנדערע פעלקער האָט ער געמיינט גלייכצושאַלטן, אָפּשוועכן דורך טעראָר און קאָנצענטראַציע־לאַגער, זיי פאַרקנעכטן און אונטערטעניק מאַכן צום דייטשן פאָלק, אָבער נישט ביאָלאָגיש פאַרניכטן, נישט אָפּווישן פעלקער.

קעגן אַנדערע פעלקער האָט אָשוויענטשים געמיינט שווערע אַרבעט, פּייניקונג אין בלאָק נומער 11, דערנידעריקונגען און — אויך תליה. פאַר יידן איז

געווען די ראַמפּע אין בירקענאַו. פון דער ראַמפּע פירן בלויז וועגן צו די פיר ריזיקע גאַז־קאַמערן, וואָס פאַרניכטן אין איין „סעאַנס" במשך פון צען, פופצן מינוט 18 טויזנט מענטשלעכע לעבנס.

און דאָ אין אַשוויענטשים גילט דאָס זעלבע געזעץ, וואָס אין אַלע פאַרניכטונגס־לאַגערן אין פוילן: דער „שטאַמלאַגער" אַשוויענטשים, וואָס האָט געהאַט ווינציק שייכות צו יידן איז פולשטענדיק אויפגעהאַלטן. אפילו די תליה איז געבליבן, אפילו די קליינע קרעמאַטאָריע און די שמייס־שטול איז געבליבן. אָבער אין בירקענאַו, דאָרט ווו מען האָט פאַרניכטעט יידן זענען די קרעמאַטאָריעס און די גאַז־קאַמערן פאַרניכטעט. דאָ, ווו ס'איז געווען דאָס גרויסע גיהנום, זענען די סימנים פון דייטשן פאַרברעך אָפּגעווישט, ווייל דאָ איז נישט געווען קיין קאָנצענטראַציע־לאַגער, נאָר אַ פאַרניכטונגס־לאַגער פאַר יידן.

בלויז די גרויסע שטחים אַרום די אויפגעריסענע קרעמאַטאָריעס און דער באָדן פונעם שכנותדיקן קאַנאַל, וואָס פאַראייניקט די צוויי טייכן, די ווייסל און סאָלאַ, זענען באַדעקט מיט שיכטן צעשטויבטע מענטשלעכע ביינער און אַש, אַ גרויער באָדן פון אַש. אין אָט דעם קאַנאַל זענען אַריינגעשיט געוואָרן טויזנטער זעק מיט אַש, וואָס זענען אַוועקגעשווומען אין די וואַסערן פון דער ווייסל.

דער באָדן פון דעם קאַנאַל און די שטחים אַרום דעם קאַנאַל זענען געוואָרן אַ רויב־פונקט פאַר באַנדעס גאָלד־זוכער אין דעם שגעון פון גאָלד־רויש, וואָס האָט באַהערשט גרויסע מאַסן מענטשן.

מ י י ד אַ נ ע ק

האַרט נעבן לובלין, סך־הכל דריי קילאָמעטער פון דער שטאָט, אויפן שאָסיי קיין זאַמאָשטש געפינט זיך די פאַבריק פון טויט — מיידאַנעק. האַרט ביים שאָסיי שטייען די בנינים פון די אָנפירער פון גיהנום. דער אייגנטלעכער לאַגער געפינט זיך אין אַ ריזיקן טאָל. ווען דו שטייסט אויפן שאָסיי שפרייט זיך אויס פאַר דיר דער לאַגער, ווי אויף דער האַנטפלאַך. ס׳איז דער עמק הבכה פון אַ מיליאָן זעקס הונדערט טויזנט יידן.

אויך מיידאַנעק איז אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער פאַר נישט־יידן און אַ פאַר־ניכטונגס־לאַגער פאַר יידן, הגם דאָ זענען אומגעקומען אַ סך פאָליאַקן. אָבער דער עיקר קרבנות זענען געווען יידן. און דעריבער איז אויך דאָ דער גרעסטער טייל פון די בנינים אָפּגעווישט, אָפּגעמעקט פון דער ערד. געבליבן זענען בלויז די בנינים פון דער אַדמיניסטראַציע, איין גאַז־קאַמער און איין קרעמאַטאָריע מיט צען אויוונס.

דער פאַרנעם פון די דייטשע פאַרברעכנס איז דאָ געווען אַזאַ ריזיקער, אַז ס׳איז אוממעגלעך געווען צו פאַרווישן אַלע שפורן. דאָס וואָס איז געבליבן איז אַן אייביקער אורטייל קעגן דייטשן פאַרברעכער־פאָלק, אַן אורטייל, וואָס קיין שום מאַכט אויף דער וועלט וויל נישט און וועט נישט אויספירן.

דער מיידאַנעקער פאַרניכטונגס־לאַגער געפינט זיך אויף אַ שטח פון 270 העקטאַר. די 270 העקטאַר פעלד זענען דורכגעווייקט מיט מענטשלעך בלוט, מיט גיהנום־פיין און מענטשלעכע טרערן.

זע בלויז דעם אויוון: צען גרויסע מיילער פון איין אויוון. אין יעדער עפענונג האָט מען אויף אַ ספּעציעלן שיבער, וואָס דו זעסט אים נאָך איצט ביי די אויוונס, אַריינגעשיבן פיר גופים מיט אָפּגעהאַקטע הענטגלידער. פערציק גופים מיט איין מאָל. אין דעם קוימען, וואָס האָט די גרויס פון אַ פאַבריק־קוימען איז איינמאָנטירט אַ ספּעציעלער קאָמפּרעסאָר־קאָנסטרוקציע, וואָס האָט דאָס פייער אין אויוון דערפירט צו אַ הויכער טעמפּעראַטור. אין 1943 האָבן די אויוונס אויף קיין איין טאָג נישט אויפגעהערט ברענען. אין אַ זייטיקן האָל האָט מען מאַגאַזינירט די פאַרגאַזטע און אין אַ קלענערן האָל געפינט זיך נאָך איצט דער „אָפּעראַציע־טיש” פון שטיין, אויף וועלכן יעדער בר־מינן איז אַדורכגעגאַנגען אַ שטרענגע רעוויזיע אין די נאַטירלעכע עפענונגען, ווו מ׳האָט געזוכט גאָלד און בריליאַנטן. אָבער די קרעמאַטאָריע האָט נישט באַוויזן צו פאַרברענען אַלע פאַרגאַזטע און אַרום דעם בנין אויף דער פרייער לופט האָבן כסדר געברענט שייטער־הויפנס, ווו ס׳האָבן געברענט אויף איין מאָל ט ו י ז נ ט מענטשן. דאָ אין מיידאַנעק זענען

אומגעבראַכט געוואָרן פיל טויזנטער יידישע זעלנער, געפאַנגענע פון דער פוילישער און סאָוויעטישער אַרמיי, וועלכע זענען אָפּגעטיילט געוואָרן פון זייערע „אַרישע" חברים אין די געפאַנגען־לאַגערן.

מיידאַנעק איז צעטיילט געוואָרן אויף זעקס פעלדער, אויף וועלכע עס האָבן זיך געפונען 132 באַראַקן פאַר די קרבנות. נישט געקוקט אויף דער טאָג־טעגלעכער פאַרניכטונג האָבן זיך תמיד געפונען אינעם לאַגער ביז 45.000 נפשות, וואָס האָבן געוואַרט אין זייער טויטן־ריי.

אין מיידאַנעק איז געווען די לאַבאָראַטאָריע פון טויט. דאָ האָבן די דייטשן אויסגעפּרוווט אַלע אופנים פון פאַרניכטן מענטשן: דורך גאַז, דורך הענגען, דורך שיסן, דורך פאַרשמייסן, דורך איבערהאַקן מיט אַ שטעקן דאָס גניק, דורך איינ־שפּריצונגען, דורך דערטרינקען אין קאַלוזשעס. עס איז גאָר נישטאָ אַזאַ מיתה־משונה, מיט וועלכע מענטשן זאָלן דאָ נישט אומקומען. ביי מאַסן־דערשיסונגען פלעגט שפּילן מוזיק צו פאַרהילכן די געשרייען און דאָס ווילדע שיסעריי.

מיידאַנעק איז נישט געווען באַהאַלטן אין וועלדער. דאָ איז אַלץ פאָרגעקומען אָפן, אומפאַרשעמט אָפן. די לובלינער פוילישע באַפעלקערונג האָט וועגן אַלצדינג געוווּסט. די פּויערים אין די שכנותדיקע דערפער, האַרט ביים לאַגער, האָבן אַלצ־דינג געזען. אין זייערע כאַטעס פלעגן אַריינקומען די בלוטדורשטיקע אייביק־שיכּורע פון בלוט און בראָנפן אוקראַינער פון דער קאַמפּס־פּאָליציי, וואָס האָבן אין די פיל הונדערטער באַוואַכט דעם לאַגער. די אוקראַינער פלעגן זיך רימען וויפל יידן זיי האָבן יעדן טאָג צעשאָסן. די זאַכן, די מלבושים און דאָס צירינג פון די קרבנות פלעגט מען פראַנק און פריי פירן אויף אויטאָס אין דעם הויפּט־מאַגאַזין פון דער ס.ס. אין לובלין, אין דעם סאַמע שטאָט־צענטער.

פאַרוואָס האָבן זיך די דייטשן נישט געהיטן? פאַרוואָס זענען זיי באַגאַנגען אַזאַ שרעקלעך פאַרברעך אין די אויגן פון אַ גרויסער שטאָט מענטשן? אויך בעת דער ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ האָבן זיי זיך נישט געהיטן. זיי האָבן פון וואַרשעווער געטאָ אַרויסגעפירט זיבן הונדערט טויזנט יידן אין די אויגן פון דער גאַנצער שטאָט.

ווייל מצד דער סביבה האָט זיי נישט געדראָט קיין סכנה. די סביבה האָט זיך פּאַסיוו צוגעקוקט צו די אַלע מערדערייען. און הלוואי וואָלט זיך די סביבה בלויז צוגעקוקט פּאַסיוו, וואָלטן זיך פיל הונדערטער טויזנטער יידן געווען געראַ־טעוועט. דאָס איז אונזער דאָפּלטער בראָך. דערפאַר פּרוווט מען איצט פון פאַרשיי־דענע זייטן „אויספאָרשן" און „באַווייזן" מיט „עדות", אַז אין מיידאַנעק זענען אומגעקומען ווייניקער יידן ווי נישט־יידן, וואָס איז אַ פּשוטע פעלשונג פון דער געשיכטע. דערפאַר קאָן מען איצט אין אַן אָפיציעלן דאָקומענט „פעסטשטעלן", אַז אין מיידאַנעק זענען אומגעקומען הויפּטזעכלעך „פּאָליאַקן, פראַנצויזן, איטאַליע־נער, בעלגער, האָלענדער, טשעכן, סערבן, גריכן, כּאָרוואַטן און אַ גרויסע מאַסע יידן". דערביי נעמט מען אַרויס פון צווישן די יידן די געפאַנגענע זעלנער, וואָס

זענען געווען יידן, און דערביי גיט מען נישט צו, אַז די אַלע אויסגעראַטענע „פעלקער״ זענען געווען יידן, הויפּטזעכלעך יידן און ווינציקע קריסטן.

מען האַנדלט מיט אונזערע קרבנות, מיט אונזערע קדושים, ווייל די אַשן קענען מער נישט רעדן, די אַשן באַמיסטיקן בלויז די פעלדער אויף פיל קילאָמעטער אַרום מיידאַנעק און מאַכן טיפער די גרינקייט פון די פעלדער. די אַשן שווייגן.

לויט די פאַלשע חשבונות, וואָס ווערן איצט געמאַכט אין אָפיציעלע דאָקו־מענטן, וויל זיך אויסשרייען: אויב עס זענען אומגעקומען אַזוי ווינציק יידן, טאָ ווו זענען אַהינגעקומען די זעקס מיליאָן אייראָפּעישע יידן? אויב עס זענען אומגע־קומען אַזוי ווינציק יידן, טאָ פאַרוואָס זענען אַלע יידישע שטעטלעך באַזעצט מיט נישט־יידן?

אָבער פרעגט נישט קיין קשיות. רעדט מיט יידן געראַטעוועטע פון מיידאַ־נעק — זיי וועלן אייך אַלץ דערציילן. קוקט אַריין אין דאָקומענטן, וואָס געפינען זיך אין די טעקעס פון דער יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין וואַרשע און איר וועט דאָרט אין די טעקעס געפינען דעם ענטפער.

אין מיידאַנעקער מוזיי איז פאַראַן אַ יידישער פּאַווילאָן. שטייט דאָרט אַ מצבה. און אויף דער מצבה אַן עפּיגראַף:

„רחל בוכה על בניה״.

דער יידישער פּאַווילאָן אין מיידאַנעק איז אָרעמלעך. אפשר דערפאַר איז ער אָרעמלעך, ווייל פון טויט קען מען נישט מאַכן קיין מוזיי, אָבער אפילו אין דער אָרעמלעכקייט דערפילסטו, אַז מיידאַנעק האָט געמיינט דער עיקר יידן. דער אַלגע־מיינער מוזיי האָט נאָך ווייניקער עקספּאָנאַטן ווי דער יידישער פּאַווילאָן, דער אַלגעמיינער מוזיי איז דער גאַנצער לאַגער. אין איין באַראַק ליגן 820.000 צע־טרעטענע פּאָר שיך. מען האָט געזוכט אין די שיך גאָלד און ביזשוטעריע. אַזעלכע רעוויזיעס פלעגט מען מאַכן בלויז אין יידישע שיך. דו דערוויסט זיך דאָ, אַז במשך פון צוואַנציק חדשים האָט מען פון מיידאַנעק אַרויסגעשיקט צוואַנציק טאָן פרויען־האָר. דאָס זענען די האָר בלויז פון די קעפּ פון יידישע פרויען. צוואַנציק טאָן! אונטער אַ גלאָז־שענקל אינעם יידישן פּאַווילאָן ליגט אַן אויפגעטרעטענער שוך, וואָס זיינע טיילן זענען געמאַכט פון שטיקער ספר־תורה׳ס. דאָס געהער שוין צו אַן אַנדער מיידאַנעק, צו דעם מיידאַנעק, ווו מען האָט פאַרטיליקט יידישע הייליק־טימער. אָבער דווקא דער צוזאַמענשטעל דאָ אינעם יידישן פּאַווילאָן דערציילט מער ווי אַלע באַשרייבונגען און ביכער. עס איז די טאָטאַלע טראַגעדיע אונזערע.

איבער די מיידאַנעקער פעלדער איז מיט מיר אַרומגעגאַנגען אַ יונגערמאַן, וואָס פלעגט אָפט זיך טרעפן אינעם דאָזיקן לאַגער מיט ד״ר יצחק שיפּער. שיפּער האָט געאַרבעט אין דער לאַגער־קיך. ער האָט געשיילט קאַרטאָפל, געטראָגן דאָס מיסט פון קיך און ביסלעכווייז פיזיש אויסגעגאַנגען. ער איז אויסגעגאַנגען נישט דערפאַר, ווייל ס׳האָט אים געפעלט עסן. דער וואָס האָט געאַרבעט ביי דער קיך האָט נישט געקאָנט שטאַרבן פון הונגער. ער איז אויסגעגאַנגען, ווייל ער האָט

דער טויער צום גיהנום פון אָשוויענטשים



א גאס מיט באראקן אין בירקענאו



אַ פראַגמענט פון בירקענאַוער פאַרניכטונגס־לאַגער. לינקס —
די באַן־ליניעס, וואָס זענען דערגאַנגען ביז די ראַמפּעס פון די קרעמאַטאָריעס. די קרעמאַטאָריעס זענען צעשטערט געוואָרן.

געוווּסט, אַז אַלס ייִד האָט ער נישט קיין רעכט איבערצולעבן. פּלעגט יצחק שיפּער בלויז אַלעמען צוגעבן מוט, אונטערהאַלטן זייערע געמיטער. און יצחק שיפּער האָט זיך נישט טועה געווען: ער איז אַוועק אין גאַז־קאַמער אין אַזאַ פיזישן צושטאַנד, אין וועלכן אַנדערע, נישט־ייִדן, זענען געבליבן לעבן און איבערגעלעבט דעם לאַגער.

אַלע אונזערע היסטאָריקער, וואָס זענען געווען אין פּוילן בעת דער אָקור־פּאַציע, זענען אומגעקומען. עס זענען אומגעקומען ד״ר יצחק שיפּער, מאיר באלא־באן, עמנואל רינגעלבלום. וואָלט איינער פון זיי געבליבן ביים לעבן, וואָלט אפשר „די פאַבריק פון געשיכטע״ נישט געאַרבעט מיט אַזאַ דרייסטקייט. יעדער פון זיי וואָלט געווען אַן עדות פון דעם קאַטאַקליזם, וועלכע מען באַמיט זיך איצט מיט אַלע מיטלען צו פאַרווישן.

דער גאָלדרויש

ארום אלע באשריבענע לאגערן איז פאָרגעקומען די מאקאברישע שוישפיל, וואָס הייסט: „גאָלדרויש". בעת די דייטשן האָבן אַרויסגעפירט די יידן פון די שטעטלעך אין די פאַרניכטונגס־לאַגערן, האָט עס אָפיציעל געהייסן, אַז זיי פירן־איבער די יידן אויף מזרח, אָדער, אַז זיי שאַפן אין לובלינער קרייז אַ יידן־רעזער־וואַט און אַז דאָרט וועט מען אלע יידן באַזעצן. און אויף דער דאָזיקער רייזע האָבן זיי פאַראָרדנט מיטצונעמען בלויז דאָס ווערטפולסטע.

די יידן האָבן נישט געוווסט וווהין מען פירט זיי. איבערהויפּט אין דער ערשטער צייט האָבן זיי געגלויבט אין דער ווערסיע, אַז מען גייט זיי באַזעצן אין אַנדערע געביטן. אָבער די פוילישע באַפעלקערונג אין שכנות פון די לאַגערן האָט זיך שנעל דערוווסט וווהין מען פירט אָט די טראַנספּאָרטן יידן. די אוקראַינישע באַנדיטן פון דער קאַמפּס־פּאָליציי, וועלכע האָבן געהיטן די לאַגערן, זענען געקר־מען צו די אַרומיקע פּויערים און מיטגעבראַכט גאָלדענע רינגלעך, זייגערלעך, ברילאַנטן און אָפטמאָל אויך פרעמדע וואַלוטע פון די אויסלענדישע יידן־טראַנס־פּאָרטן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן קלאַנגען וועגן די אוצרות וואָס יידן נעמען מיט זיך אויף זייער רייזע צום טויט. און ווירקלעך האָבן יידן מיטגע־נומען מיט זיך אַלץ, וואָס זיי האָבן פאַראיבעריקט במשך פון פיל דורות, מיטגענומען זייער ירושה־צירונג, כלה־מתנות, דאָס מיט וואָס יידן פלעגן זיך אין אַן עת־צרה אויסקויפן פון אומגליק. דאָס מאָל האָט אויך די דערפאַרונג פאַרפירט.

האָבן די דייטשן צוגערויבט ביי די יידן די אוצרות און אין דער פאַנטאַזיע פון די פּויערים אַרום די פאַרניכטונגס־לאַגערן האָבן זיך די אוצרות פאַרפילפאַכט, זיי זענען אויסגעוואַקסן און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גאָלדענע לעגענדעס, וואָס האָבן נישט געלאָזט רוען נישט בייטאָג און נישט ביינאַכט. מען האָט אָנגעהויבן נאָכלויפן די צוגן, צומאָל האָט מען אָנגעהויבן ברענגען פלעשער מיט וואַסער צו די פאַרשלאָסענע וואַגאָנען, ווו מענטשן זענען אויסגעגאַנגען פון דורשט און פאַר דעם וואַסער האָבן די פּויערים געפּאָדערט אוצרות.

— גיט אַוועק אייערע דאָלאַרן, — האָבן זיי געבעטן — סיי־ווי פירט מען אייך צום טויט.

— וואַרפט אַרויס אייער גאָלד, איר גייט דאָך צום טויט.

דער אמת׳ער גאָלדרויש איז אויסגעבראָכן דעמאָלט ווען קיין פוילן איז אַריין די רויטע אַרמיי און פאַרטריבן די דייטשן. איצט, ווען פוילן איז באַפרייט געוואָרן האָט זיך די פּויערישע פאַנטאַזיע, וואָס איז געווען געשפּאַנט במשך די יאָרן ווען מען האָט אומגעבראַכט די יידן, — זיך אויפגעלייזט אין אַ שגעון. טויזנ־

טער פויערים האָבן זיך געלאָזט צו די פאַרניכטונגס־פעלדער זוכן די אוצרות. זיי האָבן צעקאָפּעט די פעלדער, געזוכט אין דעם אַש און — ווירקלעך געפונען. עס איז געווען אייגנער זאָל עפּעס וואָס געפינען, אַ רינגל, אַ ברילאַנט, אַז דער שגעון זאָל זיך צעפלאַקערן און ברענגען אַהער אַ בייעם שטראָם גאָלד־זוכער.

יידן האָבן ביז אין דער לעצטער מינוט פאַרן אומקום נישט געגלויבט אין זייער מוראדיקן גורל, פלעגן זיי ביים אויסטאָן זיך אין די כלומרשטע באָד־אָנ־שטאַלטן אַראָפּשלינגען ברילאַנטן אָדער קליינע שטיקלעך גאָלד. דאָס האָבן שפּע־טער פויערים געפונען אינעם אַש אויף די פעלדער. פויערים האָבן באַמערקט, אַז דער אַש, וואָס די דייטשן האָבן צעשיט איבער זייערע פעלדער, כדי צו פאַרווישן די שפּורן פון זייער פאַרברעך איז אַ וווּנדערלעך באַמיסטיקונג־מיטל; זיי האָבן באַמערקט, אַז די בהמות וואָס פּאַשען זיך אויף אָט די פעלדער ווערן פעט און גיבן מער מילך. איז דער אַש עפּעס אַ מתנה פון דער השגחה, וואָס גיט רייכטימער און קרעפטיקט די פויערשע ווירטשאַפט. האָבן פויערים אָנגעהויבן פירן זעק מיט אַש. די „סחורה” האָט באַקומען איר פּרייז, אַ בערזע־פּרייז, וואָס שטייגט פון טאָג־צו־טאָג. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ ווייסטער האַנדל מיט מענטשלעכן אַש. און צוגלייך מיטן אַש האָט מען אָנגעהויבן רויבן די קלאָזעטן פון די פאַרניכטונגס־לאַגערן, ווייל אויך אין אָפּפאַל פון מענטשן האָט מען געקענט געפינען ברילאַנטן און גאָלד. פאַר מיין זיין אין פוילן איז דער פּרייז פאַר אַ זאַק מיט מענטשלעכע אַש געווען פופציק טויזנט גילדן און פאַר אַ קאַסטן פון מענטשלעכן אָפּפאַל פון אַ פאַר־ניכטונגס־לאַגער — פיל מער.

דער האַנדל מיט יידישן אַש איז איינע פון די סאַמע פינצטערסטע באַגלייט־דערשיינונגען אין אונזער תקופה פון מענטשן־האַס. אויפן סמך פון דעם מאַטעריאַל, וואָס איך האָב צונויפגענומען ביי פויערים אַרום די פאַרניכטונגס־לאַגערן אין פוילן, וואָלט איך געקענט אויפשרייבן אַ בוך וועגן דעם קאָשמאַר וואָס הייסט „האַנדל מיטן אַש און צואה פון מענטשן”. אָבער עס איז נישט פאַר די כוחות פון אַ ייד וועגן אָט דעם צו שרייבן. ווייל איך בלויז דאָס פאַרצייכענען. אפשר, ווען דער קאָשמאַר וועט זיך דערווייטערן, וועט זיך אין די קומענדיקע דורות געפינען אַ שרייבער, אַ היסטאָריקער, וואָס וועט אָט דאָס קאַפּיטל קענען באַאַרבעטן און עס איבערגעבן, ווי אַ דאָקומענט פון דער אימה׳דיקער געפאַלנקייט אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען מענטשן אינעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

די ניי־מאַכט אין פוילן האָט אָנגענומען שטרענגע מיטלען קעגן די אַש־רויי־בער. אויף די פעלדער פון טרעבלינקע און אָשוויענטשים זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן שומרים, וואָס האָבן געדאַרפט נישט דערלאָזן צו רויבן דעם אַש און אָפּפאַל. אָבער די שומרים זענען אויך נישט מער ווי קינדער פון דעם קרעציקן דור. צו גרויס איז געווען דער שגעון, אַז ער זאָל נישט אַרומכאַפּן אויך די שומרים גופא. און דווקא די שומרים האָבן די עקספּלואַטאַציע פון אַש דערפירט ביז צו אַ בירזשע־האַנדל.

בעת מיין זיין אין פוילן איז אין דער שטאָט וואַדאָוויצע פאָרגעקומען אַ משפט קעגן אַכצן פאָליאַקן־שומרים פון אָשוויענטשימער און בירקענאַוער לאַגער. דאָס איז געווען דער ערשטער פראָצעס פון אַזאַ מין אין דער מענטשלעכער געשיכטע.

די, וועלכע זענען געזעסן אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק, זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן צו היטן דעם אָשוויענטשים־בירקענאַוער קאָנצענטראַציע־לאַגער. זייער אויפגאַבע איז געווען צו היטן, אַז קיין זייטיקער מענטש זאָל נישט אריינקומען אין די לאַגערן, כדי פון דאָרט צו נעמען אַש. אַלס קאָמענדאַנט פון אָט דער וואַך איז באַשטימט געוואָרן אַ געוויסער יאַן פיאָטראָווסקי. דער קאָמענדאַנט האָט טאַקע שטרענג געהאַלטן דעם צוטריט צו די מאַסן אַש. עס פלעגט אָפטמאָל אויסקומען די וועכטער מיט כוח צו פאַרטרייבן די אַרומיקע פויערים. אָבער דערווייל האָט זיך פיאָטראָווסקי מישב געווען, אַז אויב היטן דאָס אַש, דאַרף ער עס קודם־כל היטן פאַר זיך. ער האָט צונויפגערופן זיינע געהילפן און צוזאַמען האָבן זיי אויסגעאַרבעט אַ פלאַן צו עקספלואַטירן דעם אַש פון די לאַגערן.

נאָכן צונויפזאַמלען גרויסע מענגעס אַש פון די אַרומיקע פעלדער און דעם אָפפאַל פון די לאַטרינעס — האָט די באַנדע אויסגעבויט צווישן די באַראַקן פון בירקענאַו אַ גרויסן אויוון. דער אויוון איז באַשטאַנען פון צוויי איינגעמויערטע קעסלען פון אייזערנע וואַגאָנדלעך אין אַ ציגלנעם געשטעל. ווען דער אויוון איז פאַרטיק געוואָרן, איז מען צוגעטרעטן צו דער אייגנטלעכער עקספלואַטאַציע פון די איבערבלייבענישן פון מיליאָנען מענטשן. די פלענער צו עקספלואַטירן דעם „רוישטאָף" זענען געווען פאַרטראַכט פון געניטע פאַכלייט. ווייזט־אויס, אַז די דייטשע מאָרד־און רויב־שול האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף דער פלאַנמעסיקייט פון דער באַנדע, וואָרום דער אויוון — דאָס איז געווען אַ צווייטער מין קרעמאַטאָריע. דאָס מאָל — אַ נאַסע קרעמאַטאָריע. און געאַרבעט האָט די פאַבריק אויף אַזאַ אופן, אַז ווען דאָס וואַסער אין די קעסלעך האָט געזידט, האָט מען אין די וואַגאָנדלעך אַריינגעשיט שופלעס אַש. דאָס קאָכיקע וואַסער האָט פונעם אַש אָפגעטיילט די לייכטע טיילן, וועלכע זענען אויפגעשווומען אויף דער אויבערפלאַך, בעת די שווערע טיילן זענען געפאַלן צו דער דנאָ פון די קעסלען. דעמאָלט האָט מען אויסגעשעפט דאָס וואַסער און פון דעם איבערבלייב אויף דער דנאָ אַרויסגעקליבן שטיקלעך גאָלד, גאָלדענע מטבעות, ברילאַנטן און גאָלדענע ציין. די רעזולטאַטן פון שווענקען דאָס אַש און דעם אָפפאַל זענען געווען איבעראַשנדיקע. פיאָטראָווסקיס באַנדע האָט געזאַמלט אוצרות. אין די אַרומיקע שטעט און דערפער איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער פאַרקויף פון די אַרויסגעשווינקטע רייכטימער. עס איז אַנטשטאַנען אַ ספעציעלע בערזע פון פאַרברענטע ברילאַנטן אפילו אין קאַטאָוויץ.

די נייע „אינדוסטרי" האָט אויפגערודערט די פויערים פון דער סביבה. יעדער איז מקנא געווען דער באַנדע און זיך באַמיט אַריינצוקומען אין שותפות.

אָבער פּיאָטראָווסקי האָט אָפּגעהיט דאָס געשעפט און קיינעם מער נישט צוגעלאָזט. דאָס שווענקען די אַשן איז געגאַנגען מיט דער פולער פּאַרע. די נאַסע קרעמאַ־טאַריע האָט נישט באַוויזן אויסצושווענקען דעם גאַנצן מאַטעריאַל, הגם די באַנדע האָט גענומען צו הילף די דייטשע געפאַנגענע זעלנער, וועלכע האָבן געאַרבעט אין די לאַגערן. דעמאָלט האָט פּיאָטראָווסקי אָנגעהויבן אויספּאַרקויפן זעק מיט אַש אויף אויסן, צו אַזעלכע, וועלכע האָבן געדראָעט צו פאַרשיטן דאָס גאַנצע געשעפט, אויב זיי וועלן נישט „אָפּלעקן אַ ביין" פון דער גרויסער סעודה. און פונקט ווי אין דער בירקענאַוער נאַסער קרעמאַטאַריע אין אַ גרויסן פאַרנעם, אַזוי האָבן פיל פויערים ביי זיך אין דער היים איינגעאָרדנט קליינע נאַסע קרעמאַ־טאַריעלעך אין קעסלען אין זייערע היימען אויף זייערע אייגענע קיכן — געשווענקט דאָס אַש פון אונזערע נאָענטסטע, פון אונזערע לייבלעכסטע.

די מאַכט האָט אַנטדעקט די אונטערנעמונג. די שולדיקע האָבן באַקומען זייער שטראָף. אָבער מיט דעם פּראָצעס האָט זיך דער האַנדל מיט דעם אַש נישט אָפּגעשטעלט. אין אונזער תקופה האָט זיך דער מענטש פאַרלוירן. און עס איז לעכערלעך אַזאַ פאַראיינצלטער משפּט, ווען די פּסיכיק פון מענטש איז קראַנק, מסוכן קראַנק. ווען פּאָליציי געפינט אַ זאַק מיט מענטשן־אַש ביי אַ פויער, דער־קלערט דער פויער, אַז ער האָט נישט חלילה קיין שום פאַרברעכערישע כוונות. די פעלדער אַרום זענען פול געווען מיט מענטשן־אַש, און ער האָט נישט געוואָלט זיינע פעלדער זאָלן פאַרברענט ווערן פון צופיל איבערמיסטיקונג, האָט ער געמוזט כאָטש איין שיכט אַש אַראָפּנעמען. איבעריקנס, וואָס איז די נפקא־מינה, וואָס עס געשעט מיט דעם אַש, צי עס באַמיסטיקט די פעלדער, צי ער שיט אַריין אַביסל מענטשן־אַש אין דער פאַשע פון די בהמות, פון וואָס די קי גיבן פעטערע מילך און זיי באַקומען אַ גלאַנציקע פעל. סיי־ווי, דאָס לעבן וועט פון די אַשן נישט אויפשטיין. און קיינער איז נישטאָ, וואָס זאָל דעם אַש צונויפזאַמלען ווי אַן אייבי־קן באַשולדיקונגס־אַקט קעגן דייטשן פאַרברעכער־פאָלק לדורות. קיינער איז איצט נישט פאַראינטערעסירט אין אַזעלכע באַשולדיקונג־אַקטן. מלוכות און פעל־קער ווילן פאַרגעסן. עס ווערט אויסגעשפּילט די גרויסע היסטאָרישע שווישפּיל און מען דאַרף האָבן דעם געניטן דייטשן פּאַרטנער. איז בעסער לאָזן פאַרגעסן, אָפּמעקן אַלץ פון זכרון. וואָרום אייגנטלעך האַנדלט זיך דאָך בלויז וועגן יידישן אַש. און אויב דאָס יידישע לעבן איז געווען ווערטלאָז, פאַרוואָס זאָל דאָס אַש פון יידן האָבן אַ בעסערן גורל?

זייענדיק אין פּוילן האָב איך געפרעגט, פאַרוואָס די געראַטעוועטע יידן פון די בונקערס און וועלדער און די יידן, וואָס זענען צוריקגעקומען פון רוסלאַנד — פאַרוואָס האָט מען זיי געפירט קיין נידערשלעזיע, אין אַ סביבה, ווו יעדער שטיין דערמאָנט דאָס פאַרשאָלטענע דייטשע געביין און פאַרוואָס זענען זיי נישט צוריק־געפאָרן אין זייערע אַלטע היימען? נישט אומעטום זענען דאָך געבליבן בלויז שטיינער, עס זענען דאָך געבליבן אויך יידישע שטאָקן.

קיינער האָט מיר אויף דער פראַגע נישט געענטפערט. כ׳האָב דעם ענטפער באַקומען פון דעם, וואָס איך האָב געזען.

אין שטעטלעך, ווו עס האָבן פריער געלעבט יידן, און יידן זענען שפּעטער אַהין צוריקגעקומען, האָבן די יידן נישט געפונען קיין שפּראַך פון דער מינדסטער פאַרשטענדיקונג מיט זייערע אַמאָליקע פּוילישע שכנים. דורות־לאַנג האָבן זיי געלעבט צוזאַמען, געהאַנדלט מיט איינאַנדער, געעטעמט די זעלבע לופט, אויסגע־וואַקסן אין דער זעלבער וועלט. איצט שטייט צווישן די יידן און די פּאָליאַקן אַ דיקע וואַנט. ווען אַ פּאָליאַק אינעם שטעטל רעדט מיט אַ ייד — קוקט ער אים נישט אין די אויגן־אַריין און שווייגט. וואָרום ער קאָן אים נישט דערציילן, אַז ער האָט אויס־באַהאַלטן זיין פּאָטער, אָדער ברודער, אַז ער האָט געשווינט זיין הויז, אַז ער האָט געשווינט זיינע הייליקטימער, אַז ער האָט געהאָלפן אַ יידישן פּאַרטיזאַן מיט אַ שלונג וואַסער — גאָרנישט. שווייגט ער. און כדי צו רעדן פריי מיט אַ געראַטעוועטן יידן און אים גלייך קוקן אין די אויגן אַריין, וואָלטן הונדערטער טויזנטער פּאָליאַקן געדאַרפט אַרויסנעמען די יידישע זאַכן פון זייערע הייזער, די זאַכן צוזאַמענבערע־גען אויף איין אָרט און זאָגן:

— נאָט אייך, יידן, צוריק אייערע זאַכן, וואָס מיר האָבן אָפּגעראַטעוועט פון די הענט פון אונזער בשותפותדיקן שונא. די דייטשן האָבן אייך געמאָרדעט און אונז פאַרקנעכט, האָבן מיר געהאָלפן מיט וואָס מיר האָבן געקאָנט און אַלץ, וואָס איז געבליבן פון אייער פאַרמעגן נאָט אייך צוריק. קומט צוריק אין אייערע היי־זער, נעמט זיך צוריק צו אייער אַרבעט און לאָמיר ווייטער בויען דאָס לעבן צוזאַ־מען, ווי מיר האָבן עס געטאָן במשך פון לאַנגע דורות. מעגלעך, אַז מיר האָבן נישט געהאַנדלט, ווי געהעריק בעת מען האָט אייך געמאָרדעט, מעגלעך, אַז מיר האָבן נישט גוט געטאָן, וואָס מיר האָבן פאַרפאָלגט אייערע פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער. דער שונא איז געווען אַ ביטערער, אַ שרעקלעכער, ער האָט געזייט דע־מאָראַליזאַציע צווישן אונז. ער האָט אונז דערנידעריקט אין אונזערע אויגן און מיר זענען נישט מער, ווי מענטשן און זיך געלאָזט דעמאָראַליזירן...

ווען מען פאָרט איבער די שטעטלעך טרעפסטו נישט קיין יידן, קיין יידישע בית עלמינס, קיין יידישע שולן, אָבער מיט יידישע זאַכן, מיט יידישע מלבושים און צירונג טרעפסטו זיך יאָ. און דאָס בילד איז אומעטום דאָס זעלבע. אין אַלע שטעט און שטעטלעך באַגעגנסטו זיך מיט די זעלבע שנאה׳דיקע פּנימער איינגעהילט אין יידישע זאַכן. אַלץ איינס, צי דאָס איז אין סקיערניעוויץ, צי אין קאַלושין, אין פּלוינסק, צי אָסטראָוו, אין לאָמזשע צי אין זאַמבראָוו. אומעטום האָבן די לומפּן אָנגעפּאַקט זייערע הייזער מיט יידיש גוטס, מיט יידישע וועש און קליידער, מיט יידישע צירונג און זילבערוואַרג. זיי זענען געלאָפן איבער יידישע הייזער און צע־ריסן די אויוונס, כדי דאָרט צו געפינען יידיש גאָלד, זיי האָבן צעגראָבן יידישע קברים, כדי אַרויסצורייסן גאָלדענע ציין פון די מיילער פון מתים, זיי האָבן צעט־ראָגן די מצבות. פּונקט ווי נאָך אַ שלאַכט קומען בייבאַכט אויף די פעלדער שטשר־

רעס און וועלף — אַזוי זענען נאָך די דייטשע זאָנדערקאָמאַנדעס נאָכגעגאַנגען האָדרעס פון אויסוורפן און גערויבט, גערויבט.

אָט דער טיפּ רויבער הייסט אין פּוילן „שאַבראָווניק”. דאָס איז אַ גאַנצער קלאַס מאַראָדערן.

אין ועד הקהילות אין וואַרשע קומען אָפּט אַרויף פּאָליאַקן פאַרקויפן ספרי־תורות, שופרות און אַנדערע שימושי־קודש — געוויינטלעכע „שאַבראָווניקעס”, וואָס „ווען נישט זיי וואָלטן די זאַכן אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די אַנדערע”... זיי קומען, ווי „יידנפריינט”, ווי טובה־טוערס”, וואָרום, ווי פרומע קריסטן ברענגען זיי צו די לעבנגעבליבענע יידן זייערע הייליקע זאַכן. נישט מער, די יידן דאַרפן פאַר די זאַכן גוט באַצאָלן, וואָרום די „שאַבראָווניקעס” זענען נישט גאָטס סטראַפּטשעס, אָדער יידישע משרתים — זיי זאָלן סתם געבן זאַכן אומזיסט. זיי האָבן — טענהען זיי — איינגעשטעלט דאָס לעבן ביים „ראַטעווען” די זאַכן פון די דייטשע הענט.

אָט קומט אַרויף אַ פּאָליאַק מיט אַ ספר. ס'איז א „מורה נבוכים” פון רמ־ב"ם. נישט קיין אַלטער דרוק. ער פאָדערט פאַרן ספר א מטמון מיט געלט. זאָגט מען אים, אַז ער איז זיך טועה, דער געלט־ווערט פון ספר איז קליין שבקליין. פאַלט ער אַריין אין גרימצאָרן: יידישע שווינדלער. ווילן ביי אים, אַן אָרנטלעכן מענטש, אויסנאַרן אַ ווערטפולן ספר. נו, האָט עס געלוינט אַן אָרנטלעכן מענטש צו ראַטעווען יידישע ספרים, יידישע זאַכן, אויב זיי ווילן איצט נישט באַצאָלן דעם געפאָדערטן פרייז? און איצט נעמט אַרויס דער גוי אַ שופר פון אונטער דער פאָלע, אַ גרויסער שופר, אַן אַלטער און אויסגעדאַרטער, מיט פאַרשניצטע ציינדלעך אַרום דער ברייטער עפענונג. מיט אָט דעם שופר האָט אונזערס אַ זיידע אויפן בעלעמער ערגעץ אין אַ שולעכל אַרויסגעלאָזן זיינע אויסגעבענקטע תקי־עות. איצט ליגט ער, דער שופר, אין גוי'ס הענט, ווי אַ געבונדן שעפּסעלע. און דער גוי זאָגט: דריי הונדערט דאָלאַר וויל ער פאַרן שופר. אַ נישט נעמט ער אים צוריק אַהיים און — די יידן וועלן נישט האָבן מיט וואָס צו רופן זייער משיחן. ער איז זיכער, אַז די יידן וועלן אים שוין דאָס מאָל געבן דריי הונדערט דאָלאַר, ווייל זיי וועלן נישט וועלן צוליב אַזאַ קליינע סומע אָפּהאַלטן דאָס קומען פון זייער משיח'ן. אָבער ווייזט אויס, אַז נאָך טרעבלינקע און סאָביבאָר, נאָך אָשוויענטשים און ביר־קענאַו זענען יידן געוואָרן גרויסע סקעפּטיקער און האָבן נישט קיין גרויסע אמונה, אַז אָט־אָט און משיח איז גרייט צו קומען. טאָ זאָל ער אים אָפּהאַלטן, דער „שאַב־ראָווניק”. און דער גוי באַשליסט: ער וועט נקמה נעמען און אָפּהאַלטן משיח'ן. ער באַהאַלט דעם שופר אין בוזעם־קעשענע און גייט־אַוועק. ער שאַברעוועט צו משיחן. אָבער אויף די טרעפּ איז ער זיך מישב: מסתמא האָבן די כיטרע יידן אַ צווייטן שופר צו רופן זייער משיח'ן... און ער גייט צוריק און גיט אַוועק דעם שופר פאַר איין דאָלאַר.

אין אָלקוש האָב איך אין אַ פּוילישער אַכסניה געזעען שטיין אויף אַ קלאָ־

ווירֿ — אַ פּאָר אַלטע זילבערנע לײַכטער. בײַ אונדזערע באָבעס און מאַמעס פֿלעגן אַזעלכע לײַכטער באַצירן די שבת׳דיקע טישן. ווען איך האָב די לײַכטער דערזען, האָט מיר אַ פֿלאַם-געטאָן די נשמה, ווי איך וואָלט דערזען אַ באַקאַנטן מענטש, וואָס איך האָב זיך נישט געריכט, אַז ער איז לעבנגעבליבן. איבער אָט די לײַכטער פֿלעגן אונדזערע מאַמעס פֿאַרגיסן טרערן פֿאַרן געזונט פֿון זייערע קינדער. זיי פֿלעגן אויס־ווײַנען זייערע בענקשאַפֿטן און מאַמעשע צערטלעכקייטן. און איצט שטייען זיי פֿאַריתומט, די לײַכטער, פֿאַרשעמטע אין דער פּוילישער אַכסניה, ווו בײַ אַנטקעגנ־איבערדיקע טישלעך זיצן שיכורים. איך פֿיל די בענקשאַפֿט פֿון די לײַכטער צוריק צו באַצירן יידישע, שבת־יום־טובדיקע טישן. זאָג איך דער פֿויערטע, אַז פֿאַר איר זענען די לײַכטער איבעריק, ווײַל קיין ליכט בענטשט זי נישט, קיין שבת־קודש דערוואַרט זי נישט. ווערט זי אין כּעס: עס זענען נישט קיין יידישע לײַכטערס, עס זענען, זאָגט זי, דײַטשע לײַכטערס. זי האָט זיי „געשאַנקעט״ בײַ אַ דײַטש. אָבער אויב איך וויל, קאָן איך די לײַכטערס קויפֿן. זיי דאַרפֿן קאָסטן אַ האַלבן מיליאָן גילדן. און פֿאַר אַ האַלבן מיליאָן גילדן קויפֿט מען אין פּוילן צוויי יידישע הײַזער. איך האָב געהאַלטן די לײַכטערס אין מײַנע הענט. איך האָב געפֿילט זייער געוויין, איך האָב געפֿילט זייער צאַפּל צו ראַטעווען זיך פֿון גוישע הענט. זיי האָבן מיר דערציילט וועגן אַ ים פֿון יידישע טרערן, וועגן דעם לעצטן שבת אין דער קהילה קדושה עלקיש, ווען זיי האָבן אין זייערע העלדזלעך געהאַלטן געבענטשטע ליכט און באַלויכטן אַ שטיקל ברויט, איבער וועלכן אַ לעצטער פֿרומער ייד האָט קידוש געמאַכט. אָבער די גויע האָט זיך געהאַלטן בײַ איר האַלבן מיליאָן און די לײַכטערס זענען געבליבן אונטערן פֿויערשן דאַך נע־ונד, אומעטיקע, פֿאַריתומטע און עלנטע יידישע לײַכטערס...

איך האָב געזען, אין אַ באַן פֿאַרנדיק, פֿויערטעס, וואָס האָבן געטראָגן בלוזעס געמאַכטע פֿון יידישע טליתים. אויפֿן קראָקעווער מאַרק האָב איך געזען אויף אַ סטראַגאַן אויסגעלייגט עטרות פֿון טליתים צום פֿאַרקויפֿן, און בײַ סטראַ־גאַנעס פֿון אַלטוואַרג האָט מען פֿאַרקויפֿט שטריימלעך פֿון גאַליציש יידן.

אָפּטמאָל, פֿאַרבײַגייענדיק אין גאַס טוט דיר אַ בליץ פֿאַר די אויגן אַ יידישע בראָש אויפֿן מלבוש פֿון אַ פּרוי, אַ יידיש ברעלאָקן־זייגערל. פּוילישע יידן האָבן דאָך פֿאַרמאָגט אַן אייגענעם סטיל און דער סטיל האָט באַקומען זײַן אויסדרוק אין אַ מאַסע קלייניקייטן, וועגן וועלכע מיר האָבן זיך פֿריִער קיין חשבון נישט אָפּגעגעבן. איצט, ווען אַלדאָס יידישע איז אַוועק צוזאַמען מיט די לעבעדיקע, דווקא איצט דערזעט מען זיי אין פּוילן, ווײַל אָט די סטילאַרטיקע קלייניקייטן האָבן פֿאַרלוירן די ראַם, זייער סביבה, און דו דערזעסט זיי דעריבער אין זייער פֿרעמדקייט.

יידיש זילבער ווערט אין פּוילן צעשמאָלצן אין ריזיקע מאַסן. בײַ פֿיל פּאָליאַקן האָבן זיך אויפֿגעהאַלטן מנורות, בשמים־ביקסלעך, חנוכּה־לײַכטער און דאָס אַלץ גייט אַוועק אין שמעלץ. אין די אַנטיק־געשעפֿטן, אין די קראָקעווער

סוקעניצעס האָב איך געזעען צענדליקער מעשענע הענג־לייכטער פון יידישע שולן.

דערזעעסטו אָפט אין אַ שויפענצטער פון אַ געשעפט פון אַלטוואַרג אַ בשמים־ביקס, אַ יידיש קידוש־בעכער, אַ „יד״, אַ חנוכה־לאָמפּ — ווערט מען באַהערשט פון אַזאַ קלעמענדיקע בענקשאַפט, פון אַזאַ נאָמענלאָזן ווייטיק נאָך אַן אונטערגעגאַנגענער וועלט, נאָך אַ שטייגער, וואָס אָט דאָ, ערשט אַנומלט איז עס געווען ווירקלעכקייט און איצט איז עס מער נישטאָ. דאַכט זיך דיר ס'איז בכלל קיין ווירקלעכקייט נישט געווען, ס'איז נישט מער ווי אַן אַסאָציאַציע. דאָס זענען די אָפּהילכן פון אַ פאַרלאָפן לעבן ערגעץ־אַנדערש־ווו, פון אַ לעבן, וואָס וועט מער נישט קומען צוריק.

איז געווען אַמאָל אַ יידיש פוילן, אַ קרעטשמע אויפן וועג פון יידישן וואַגלעניש. האָט מען דאָ די פּעקלעך אויסגעפּאַקט, פון דער קרעטשמע אַ היים געמאַכט. אונטער די פוילישע הימלען האָט דור נאָך דור געפלאָכטן אַ קייט פון מנהגים און שטייגער, געשפּינט אַ מעשה'לע פון יום־טובים און שבתים, געהאָפטן דאָס לעבן מיט דער זעלבער צאַרטקייט ווי יידישע כלות פלעגן אויסהעפטן תפילין־זעקלעך און פרוכתן. און עס האָט זיך געדאַכט, אַז אויך די שיינע הימלען איבער פוילן זענען אויסגעהאָפטן מיט די בענקשאַפטן פון יידישע הערצער. יידישע הימ־לען, אויף וועלכע די זון־אויפגאַנג זענען געמישט געווען מיט דעם וויין פון שבתדיקן קידוש און די זון־פאַרגענג האָבן געברענט מיט הבדלות.

און כאָטש אַזוי פיל טרערן האָבן יידן פאַרגאָסן אויף דער פוילישער ערד, דאָך אַ ים פון שמחה איז געווען אין יידישן לעבן. אַ שמחה פון אַרבעט און שאַפן, אַ פרייד פון לעבן און קיום. האָט דער דייטשער עמלק געבראַכט אַ שטורעם פון פייער און טויט איבערן יידישן לעבן אין פוילן. און אַלץ איז פאַרוויסט און פאַר־לענדט געוואָרן.

גייט איצט אַ ייד איבער די חרובע שטעט און שטעטלעך, ער וואַנדערט איבער שטיינער און חרובע שטאָקן און געפינט נישט קיין גאַנצן קבר פון דעם פאַרלענדטן לעבן. בלויז ווען דו באַגעגנסט אַ פעלד, וואָס איז גראָ פון אַש, ווייס, ייד, אַז דער אַש איז פון דיין פאָלק. און בלויז איבער די אַשן קענסטו אויסוויינען דיין יתגדל ויתקדש.

אינהאַלט:

איבער שטיין און שטאָק — — — — — — זייט 5—6
וואַרשע — — — — — — — — — — — „ 7—12
די וועלט פון לעבן — — — — — — — — „ 13—18
כל נדרי אין וואַרשע — — — — — — — „ 19—24
גער — — — — — — — — — — — — „ 25—28
לובלין — — — — — — — — — — — „ 29—35
קוזמיר — — — — — — — — — — — „ 36—43
יונאָווצע — — — — — — — — — — — „ 44—48
פולאַוו — — — — — — — — — — — „ 49—52
זאַמאָשטש — — — — — — — — — — „ 53—58
כעלעם — — — — — — — — — — — „ 59—61
איזשביץ — — — — — — — — — — — „ 62—64
הרוביעשאָוו — — — — — — — — — — „ 65—68
לעוואַרטאָוו — — — — — — — — — — „ 69
טישעוויץ — — — — — — — — — — — „ 70
קראַסנאָסטאַוו — — — — — — — — — „ 71—72
לאָדזש — — — — — — — — — — — „ 73—80
קוטנע — — — — — — — — — — — „ 81—85
זגערזש, סטריקאָוו, אָזאָרקאָוו — — — — „ 86—88
קאָלומנע — — — — — — — — — — — „ 89—93
מעזריטש — — — — — — — — — — — „ 94—104
שעדלעץ — — — — — — — — — — — „ 105—111
ביאַלע — — — — — — — — — — — „ 112—118
לוקאָוו — — — — — — — — — — — „ 119—122
מאָרד — — — — — — — — — — — „ 123—126
סאָקאָלאָוו — — — — — — — — — — „ 127—131
וועגגראָוו — — — — — — — — — — „ 132—137
קאָסאָוו — — — — — — — — — — — „ 138—143
אויפן וועג קיין ביאַליסטאָק — — — — „ 144—150
ביאַליסטאָק — — — — — — — — — — „ 151—162

שטעט און שטעטלעך — — — — — — „ 165—163
טיקטין — — — — — — — — — — „ 169—166
זאבלודאווע — — — — — — — — — „ 171—170
זאראמב — — — — — — — — — — „ 177—172
אסטראוו — — — — — — — — — — „ 180—178
לאמזשע — — — — — — — — — — „ 184—181
מינסק, קאלושין — — — — — — — — „ 189—185
מלאווע — — — — — — — — — — „ 194—190
נאשעלסק, פולטוסק — — — — — — — „ 200—195
קעלץ — — — — — — — — — — „ 205—201
פינטשעוו — — — — — — — — — — „ 210—206
ראדאם — — — — — — — — — — „ 216—211
סקארזשיסק — — — — — — — — — „ 220—217
מיעכאוו — — — — — — — — — — „ 225—221
פיליץ — — — — — — — — — — „ 229—226
וואלבראם — — — — — — — — — „ 236—230
וואידזשיסלאוו—כענטשין — — — — — — „ 239—237
טשענסטאכאוו — — — — — — — — „ 244—240
אלקוש — — — — — — — — — — „ 252—245
קראקע — — — — — — — — — — „ 265—253
טורנע — — — — — — — — — — „ 271—266
כשאנאוו, בריגל, אשפיצין — — — — — „ 274—272
סאסנאוויץ, בענדין, קאטאוויץ — — — — „ 279—275
איבער די פארניכטונגס־לאגערן — — „ 281—280
טרעבלינקע — — — — — — — — — „ 286—282
כעלמנא — — — — — — — — — — „ 289—287
סאביבאר — — — — — — — — — — „ 296—290
אשפיצין—אשוויענטשים—אוסשוויץ — „ 301—297
מיידאנעק — — — — — — — — — „ 305—302
דער גאלדרויש — — — — — — — — „ 313—306

אינהאַלט פון די בילדער

צום קאַפּיטל וואַרשע:
די גענשע גאַס.
די געוועזענע מיליטערישע תפיסה אויף דזשיקע, ווו ס'האָט זיך געפונען די „מלוכה" פון יודנראַט.
דאָס הויז אויף דזשיקע גאַס, דורך וועלכן עס איז אדורך דאָס וואַרשעווער יידנטום אויף זיין לעצטן וועג קיין טרעבלינקע.
דער חורבן פון טלאָמאַצקע 13 — — — פאַרן שער־בלאַט.
דער איבערבלייב פון פּאַוויאַק.
די חרובע גאַס נאַוואַליפּקי — נאָך זייט 16.

צום קאַפּיטל די וועלט פון לעבן:
ביים „אהל פרץ".
דער קבר פון ה. ד. נאָמבערג.
דער קבר פון דער מאַמען פון יידישן טעאַטער — אסתר רחל קאַמינסקי.
די קברים פון יוסף כמורנער און ביניש מיכאַלע־וויטש — — — צווישן די זייטן 16—17.

צום קאַפּיטל גער:
דער גערער הויף — — — — — — — — — פאַר זייט 17.

צום קאַפּיטל לובלין:
דער בנין פון ישיבת חכמי־לובלין.
איינע פון די איינציקע מצבות, וואָס זענען פאַרבליבן אויפן לובלינער בית־עולם — — — — נאָך זייט 32.

צום קאַפּיטל קוטנע:
שיעלע קוטנערס בית־מדרש פאַרוואַנדלט אין אַ שאַפּע פאַר פייערלעשער.
דאָס איינציק פאַרבליבענע הייזל אין קוטנער יאַטקע־געסל — — — — — נאָך זייט 80.

צום קאַפּיטל מעזריטש:
דאָס בית־מדרש אין מעזריטש — — — פאַר זייט 81.

צום קאַפּיטל זאַמאָשטש:
די אויסגערויבטע שול אין זאַמאָשטש.
דער בנין פון דער געוועזענער יידישער גימנאַזיע אין זאַמאָשטש.
דער אויפשריפט, וואָס איז פאַרבליבן אויף דער וואַנט פון דער זאַמאָשטשער שול — צווישן די זייטן 96—97.

צום קאַפּיטל ביאַליסטאָק:

דאָס געבליבענע פון דער ביאַליסטאָקער שול.

די לעצטע יידישע אותיות אין ביאַליסטאָק אויף דער אויסגעברענטער מויער פון דער געוועזענער „פּאַיען־באַנק".

דער דענקמאָל לזכרון זעכציק טויזנט אומגעבראַכטע ביאַליסטאָקער יידן — — — — צווישן די זייטן 160—161

צום קאַפּיטל אָלקוש:

די חרובע עלקישער שול.

יידן, וואָס זענען געהאַנגען געוואָרן פאַר אַריינשמוגלען אביסל קאַרטאָפל פאַר זייערע קינדער — צווישן די זייטן 176—177.

צום קאַפּיטל ביאלע:

דענקמאָל פאר די אומגעקומענע יידן אין ביאַלע.

דער דענקמאָל איז צעשטערט געוואָרן דורך פּוילישע כוליגאַנעס אין ביאלע — — — נאָך זייט 208

צום קאַפּיטל קעלץ:

די אויסגערויבטע קעלצער שול.

פראַגמענט פון פּלאַפאָן און אָרון־קודש פון דער קעלצער שול — — — פאר זייט 209.

צום קאַפּיטל מיעכאָוו:

ווען מען פירט די יידן צום טויט פאַרט אין דער פאַר־קערטער ריכטונג א וואָגן מיט ביר צו פּראַוועון די שמחה אין מיעכאָוו איז שטיל ווי אויף א בית־עולם — — — נאָך זייט 224

צום קאַפּיטל וואָידזיסלאַוו און כענטשין:

סלאַוויקאָווער יידן אין טליתים ווערן געצוויט צו פּאַזירן פאר די דייטשן גרייט אויף זייער לעצטן וועג — — — — —פאר זייט 225

צום קאַפּיטל קראָקע:

די אייזיק־שול מיט א צלם אונטערן גאַניק.

דער טויער פון רמ"א'ס שול — — — — פאר זייט 257

צום קאַפּיטל טורנע:

דער דענקמאָל לזכרון די אומגעקומענע יידן אין טורנע די לעצטע דריי הונדערט יידן ווערן דערשאָסן אויפן טורנער צעשטערטן בית־עולם — — נאָך זייט 256

בילדער־דאָקומענטן פון דייטשן פאַרברעך:

ערב דער שחיטה — פיין.
די דייטשע מאָרד־מאַשין ביי דער אַרבעט.
די „אויסגעזידלטע" קינדער אין די וועגעלעך און זייערע עלטערן וואַרטן אויפן טראַנספּאָרט.
די אַרבעטס־פּעאַיקע בלייבן דערווייל מיט די פּנימער צו דער ערד.
שטעטלעך גייען זייער לעצטן וועג.
די „אַקציע". מיט די קראַנקע ווערט „אויסגעזידלט" אויך דער שפּיטאָל־פּערסאָנאַל.
דער מאַרש פון די קרבנות נאָך דער „אַקציע" — — — צווישן די זייטן 272—273
אַן „אויסגעזידלטע" שטאָט וואַרט אויפן טראַנספּאָרט קיין בעלזשעץ — — — נאָך זייט 288

צו די קאַפּיטלען איבער די פאַרניכטונגס־לאַגערן:

דער זאַמד־שטח אין טרעבלינקער וועלדל, וואָס האָט איינגעשלונגען צענדליקער קהילות.
די קרעמאַטאָריע אין מיידאַנעק.
די קירך אין כעלמנאָ, ווו יידן האָבן פאַרבראַכט זייער לעצטע נאַכט.
דער איבערבלייב פון די „רושטן" אין כעלמנאָ — — — צווישן די זייטן 288—289.
דער טויער צום גיהנום פון אָשוויענטשים.
א גאַס מיט באַראַקן אין בירקענאַו.
א פראַגמענט פון בירקענאַוער פאַרניכטונגס־לאַגער — — — צווישן די זייטן 304—305.

באמערקטע דרוקפעלערן:

זייט 47, 1־טע שורה פון אונטן, אנשטאט איך וועל דארף זיין איך וויל.

זייט 50, 19־טע שורה פון אויבן, אנשטאט זון דארף זיין זין.

זייט 67, 16־טע שורה פון אויבן, אנשטאט זופּ דארף זיין זיפּ.

זייט 72, 3־טע שורה פון אויבן, אנשטאט עטנפערט דארף זיין ענטפערט.

זייט 106, 4־טע שורה פון אויבן, אנשטאט זעקס דארף זיין פינף.

זייט 118, 17־טע שורה פון אויבן, אנשטאט ניין דארף זיין אכט.

זייט 134, 10־טע שורה פון אויבן, אנשטאט יערן דארף זיין יעדן.

זייט 141, 7־טע שורה פון אונטן, אנשטאט ביך דארף זיין בין.

זייט 157, 8־טע שורה פון אונטן, אנשטאט אייזאם דארף זיין איינזאם.

זייט 160, 13־טע שורה פון אונטן, אנשטאט באיליסטאָקער דארף זיין ביאַ־ליסטאָקער.

זייט 168, 1־טע שורה פון אויבן, אנשטאט פופציק דארף זיין פופצן.

זייט 168, 9־טע שורה פון אויבן, אנשטאט לעגעדעס דארף זיין לעגענדעס.

זייט 175, 6־טע שורה פון אויבן, אנשטאט דדם דארף זיין דעם.

זייט 175, 6־טע שורה פון אויבן, אנשטאט וועסטו דארף זיין וועט איר.

זייט 175, 4־טע שורה פון אונטן, אנשטאט ווייסן דארף זיין וויסן.

זייט 190, 16־טע שורה פון אויבן, אנשטאט דאטשע דארף זיין דייטשע.

זייט 224, 3־טע שורה פון אויבן, אנשטאט בלוט־דורשטיקע דארף זיין בלוט־דורשטיקייט.

זייט 243, 7־טע שורה פון אויבן, אנשטאט פן דארף זיין פון.

זייט 263, 14־טע שורה פון אויבן, אנשטאט קאזשומיעזש דארף זיין קאזשי־מיעזש.

זייט 272, 1־טע שורה פון אויבן, אנשטאט בליד דארף זיין בילד.

זייט 272, 2־טע שורה פון אויבן, אנשטאט מעריב דארף זיין מערב.

זייט 286, 5־טע שורה פון אויבן, אנשטאט יידן דארף זיין ייד.

זייט 302, 9־טע שורה פון אויבן אנשטאט קרבונות דארף זיין קרבנות.

זייט 304, 11־טע שורה פון אונטן, אנשטאט אויפגעטרעטענער דארף זיין אויפגעטרעטענער.